STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09911

MUT

V. Ketlinskaia

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווערא קעטלינסקאַיאַ

מוט

ראָמאַן

יידיש: פּיניע קאַץ

צווייטער בוך

דריטע און פערטע טייל

פֿאַרבאַנד פֿון גאַליציאַנער אידן
GALITZIA
Buenos Aires

פאַרלאַג „הײמלאַנד"
בוענאָס אײַרעס 1956

VERA KETLINSKAIA

VALOR

NOVELA

Traduc.: P. KATZ

TOMO II

TERCERA Y CUARTA PARTE

☆

EDITORIAL «HEIMLAND»
BUENOS AIRES
1 9 5 6

Queda hecho el depósito que previene la Ley
Copyright by Editorial Heimland
EDICION ARGENTINA

ד ר י ט ע ט ײ ל

I.

שוין אַ וואָך אַז סערגיי גאַליצין וווינט אין אַלעקסאַנדראָווסק אַפן סאַ־כאַלין־אינדזל. שוין דעם ערשטן טאָג אײַלט ער זיך פאַרלאָזן דעם אינדזל און גייט אַוועק צום האַפן. דער וועג פירט איבער זומפיקע פלעצער פאַרבײַ שפּײַכלער און וואַרשטאַטן. אַף די ליידיקע פלעצער שטייען צעוואָרפן גע־צעלטן. פאַר די געצעלטן שפּילן זיך קינדער, אַף שטריקלעך טריקנט זיך וועש, אין די קאַנאַוועס ראַיען זיך כאַזיירים.

—עי, יונגאַטש, — שרײַט סערגיי צו אַ יינגל, וואָס שפּאַנירט נאָך אַ פייגעלע מיט אַ שלײַדער־ביקסל — דו וווינסט דאָ ?

— ניין, מיר וואַרטן אַף דער שיף, — ענטפערט אים גלײַכגילטיק דאָס יינגל — אַף דער יאַבאַשע !

אינעם האַפן דערוויסט זיך סערגיי אַז די שיף פון דער יאַבאַשע דאַרף קומען אין אַ וואָך אַרום, נאָר אַנקומען אַף דער שיף וועט זײַן זייער שווער — אַ גרויסע ריי. „אַסו״ — וואַרטשעט סערגיי און שפּאַנט צוריק פאַרבײַ די געצעלטן, ווו עס וווינען זײַנע קאָנקורענטן — „אַסו — ווייס אים דער טײַוול !״

דאָס יינגל געפינט ער נאָך אַלץ אַפן זעלביקן אָרט, נאָר איצט פּאַכעט ער מיט דעם שלײַדער־ביקסל און שרײַט עפּעס צו סערגייען. פון זײַן גלײַכ־גילטיקער פּײַנטלעכקייט איז שוין קיין שפּור ניט געבליבן.

— מאַזורוק ! מאַזורוק ! — שרײַט דאָס יינגל צו סערגייען און ווײַזט אים אַפן הימל.

אַ זילבערדיקער עראָפּלאַן מיט צוויי גאָנדאָלעס מאַכט באַגריסונגס־קרײַזן איבער דער שטאָט פאַרן אַראָפּלאָזן זיך.

— וואָס פאַר אַ מאַזורוק ? ס'איז אַן עראָפּלאַן ! — זאָגט סערגיי.

דאָס יינגל קוקט מיט ביטל אַף דעם אומוויסנדיקן מענטשן :

— בײַ מאַזורוקן זײַנען בלויע פּאַסן אַף די פליגל, און בײַ איוואַנאָוון רויטע. פון וואַנען קומסטו ? אין דער טײַגע אַפילע ווייס מען.

סערגיי לאָזט זיך גיין צום לופט־פּאָרט. עפּשער וועט מען אים מיטנע־מען קיין כאַבאַראָווסק ? ער דערזעט דעם פּילאָט, און עס פאַרכאַפּט אים אַזש בײַם האַרצן — אַ שטײַפער, אַ בלוי־אויגיקער, אַ זיכערער אין זיך, שטייט דער פּילאָט אַף אַ פליגל פונעם עראָפּלאַן, און שאַפּט זיך מיט דער

אָפּלאָדונג פון דער פּאָסט, און זײַנע בלויע אויגן מיט דעם גוטן שמייכל קרימען זיך אַף דעם צוזאַמענגעלאָפענעם אוילעם באַם ברעג, וואָס יעדער איינער פון דעם אוילעם איז גרייט אים צו האָבן פאַר זײַן בעסטן פרײַנט. פונעם ליוק קוקט אַרויס דער באָרט־מעכאַניקער. וויפל מאָל זײַנען זיי שוין אָפּגעפּליגן אַף קאַמטשאַטקאַ, אַף סאַכאַלין, קיין כאַבאַראָווסק? וויפל לאַדונג און מענטשן — ווערטפולע לאַדונג און ווערטפולע מענטשן — האָבן זיי שוין אַריבערגעפירט אַף זייערע זילבערדיקע פליגל?

און סערגיי בלאָנקעט אַלץ אַרום.

אַלע וואָס גאַרן אָפּצופאָרן שטעלן זיך אַרום דעם פליִער.

— איליאַ פּאַוולאָוויטש, מיך... איליאַ פּאַוולאָוויטש, מיר איז זייער נייטיק... איליאַ פּאַוולאָוויטש, אַ דרינגלעכן אַרויסרוף...

סערגיי גייט צוריק צום גאַראַזש ער נעכטיקט מיט די שאָפערן. דער „געגאַנווועטער” וואַליאַ לייגט אים פאָר בלײַבן און זיך לערנען אַף שאָפער. סערגייען דערעסט דאָס אײַנריידן אים. ער ווערט פרײַנט מיט אַ צווייטן שאָפער, קאָסטיאַ, אַ צוויי און צוואַנציק יעריקער פריילעכער יונג, וואָס פאַרברענגט אין סאַכאַלין אָן אַ טאָלק זײַן לעבן און זײַן געלט.

קאָסטיאַ לייגט פאָר סערגייען פאָרן מיט אים טיף אַפן אינדזל, צום טאָל פונעם טײַך טים — ער פירט פאַרן גיליאַקישן קאָלכאָז לערן־ביכער, באַלעבאַטישקייט־מאַכשירים און פּאָסט. וואַליאַ ראָט אים:

— נאָר זע היט זיך — מ'עט דיך דאָרט אַרײַננאַרן ניט ערגער פון דאָראָנינען. אַ צווייטן מאָל וועל איך דיך ניט אַרויסשלעפן. זאָג — ביסט אַף אורלויב, מאַכסט אַן עקסקורסיע, ווען דו וועסט צוריקקומען וועסטו אַרײַנטרעטן צו אונדז. די בעסטע זאַך!

זיי פאָרן אַרויס גאַנץ פרי ווען עס איז קיל. צו זיי אין אויטאָמאָביל בעט זיך אַרײַן נאָך איין באָכער — אין אַ לעדערנער קורטקע, מיט אַ געשטרײַפטער קעפּקע, געלע פּאַצעטענע שיך און אַ רוק־זאַק אַף די פּלייצעס. דער באָכער האָט אַ ברייט־ביינערדיק פּאָנעם און שמאָלע, קרום אַוועקגעשטעלטע אויגן.

— ווער איז ער? — פרעגט סערגיי, ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיך גענומען טראָגן איבער דער שטאָט און האָט אויפגעהויבן אַ שטויב.

— נאָט. אַ גיליאַק. ער האָט זיך געלערנט אַף דער קולטור־באַזע. איצט איז ער פאַרזיצער פונעם דאָרפישן סאָוועט אַפן מײַרעוודיקן ברעג. ער וועט פאָרן מיט אונדז ביז טים, און פון דאָרט מיט אַ שיפל. קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. און אויך דאָס טײַכל איז פאַרדרעטעריש: איין שנעל־שטראָם נאָכן צווייטן. מיר וואָלטן דאָרט דעם געניק געבראָכן, נאָר זיי — גאָרניט, ספראַווען זיך.

די שטאָט איז שוין פון הינטן: הילצערנע הײַזער, שטויביקע ביימער, וואָליייבאָל־פּלעצער, אַ מאַרק, ווידער וואָליייבאָל־פּלעצער אַף יעדן פרײַען שטיקל ערד.

דער אויטאָמאָביל קריכט אַף דער סאָפּקע איבער אַ זיג־זאַגיקן וועג. דאָ גליטשט ער זיך לענגאויס אַן אָפּגעהאַקטן אַראָפּהאַנג, דאָ פאָרט ער אַרײַן אין וואַלד. די בלײַיקע מאַסע פאַרוואָלקנטער הימל הענגט איבערן קאָפּ ווי אַ סטעליע. יעדער קלאַנג הערט זיך אין דער פולער שטילקייט פונעם וואַלד.

— אַ גוטער וועג! — לויבט סערגיי.

נאָר דער וועג ווערט קאַליע. ניט לאַנג איז אַדורך אַ רעגן און די צוגע־

טריקנטע געדיכטע בלאָטע האָט געשאַפּן טיפע און שאַרפע אײַנשניטן. דער אויטאָמאָביל סאָפּעט ווען ער הייבט זיך אַף די בערגלעך און פאַלט אַרײַן אין די גריבער מיט אײַנגעשטאַנענער שוואַרצער וואַסער. אַרום איז וואַלד — צעדער, פּיכטע, סאָסנע, יאָדלע, בערעזע. אַ רינג סאָפּקעס פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט. טייל סאָפּקעס זײַנען נאַקעטע; אַף די שוואַרצע רוקנס סטאַרטשען אָפּגעבערענטע פּענקעס. דורכן אַש פון דער וואַלד־סרייפע שלאָגן זיך שוין דורך נײַע שפּראָצונגען.

סערגיי באַמערקט אַן אָפּהאַנג, מיט שוואַרצע שיכטן שטיין.

— קוילן, — רופט זיך זאַרגלאַז אָן קאָסטיאַ — ווי דו גיסט אַ גראָב, איז קוילן. נאָר די שמאָל־רעלסיקע באַן פאַטערט זיי. — וויפל קען מען אַף איר אַרויספירן?

פון צײַט צו צײַט לויפט זיי אַקעגן די שמאָל־רעלסיקע און פאַרשווינדט ווידער אין וואַלד. איין מאָל האָט זי איבערגעהאַקט דעם וועג. קאָסטיאַ האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל. און ערשט דעמאָלט האָט סערגיי זיך געכאַפּט אַז אויך ער האָט געהערט דעם היימישן וואָרענעדיקן פּײַף. ער איז שוין אַזוי אָפּגעוווינט פון דער מאַשין־שטימע! אַ קליינע פאַרמאַטערטע „קוקאַווקע" האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן און האָט הינטער זיך געשלעפּט וואַגאַנדלעך מיט קוילן. סערגיי האָט באַוויזן מיטן אויג צו דערכאַפּן דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ פונעם מאַשיניסט. איבער די שפּיצן ביימער הייבט זיך נאָך אַ רויכל.

— אַ „קוקאַווקע"! — זאָגט סערגיי מיט ביטל און קוקט אַוועק פון קאָסטיאַן קעדיי זיך ניט אויסצוגעבן. אין די אויגן שטייען אים טרערן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער זיך געשעמט צו פאָרן אַף אַזאַ מאַשין. נאָר איצט כאַפּט אים אַרום אַ קינע און אַ בענקשאַפט. וועלכן עס איז לאָקאָמאָטיוו — זאָל זײַן אַ „קוקאַווקע" — אַבי די האַנט זאָל אַ דריי טאָן דעם רעגולאַטאָר, אַבי ער זאָל פילן דעם ציטער פון דער מאַשין, וואָס נעמט זיך אָן מיט גאַנג, אַבי אונטערהייבן די בייגיקע געהאַרכיקע רעלסן... אַבי אַרבעטן, כאַפּט עס דער טײַוול, אַרבעטן און ניט אומבלאָנקען ווי אַ בלינדער פּאַסאַזשיר.

די בענקשאַפט איז אַ שאַרפע, נאָר ניט קיין דויערנדיקע. סערגיי האָט ניט ליב זיך צו פאַרטראַכטן איבער טרויעריקע זאַכן. ער האָט ביכלאַל ניט ליב, איז ניט געוווינט צו דענקען, צו אַנאַליזירן, צו באַשליסן. ביז דער לעצטער צײַט האָט זיך דאָס לעבן געקײַקלט אַליין, און ער האָט זיך גערן איבערגעגעבן דעם שטראָם. ער האָט אַליין ניט געמערקט ווי ער פאַלט אַרײַן פון אַ גוטן שטראָם אין אַ שלעכטן. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען צו שפּעט און קען פון אים צוריק ניט אַרויסשווימען. און איצט — וואָס זאָל ער איצט טאָן? ער לאָזט זיך טראָגן ווײַטער, ווי ניט איז.

דער וועג ווערט אַלץ קרומער און קרומער. אין די דורכגעהאַקטע פּלעצער, בײַ די ברעגעס פון די באַרג־ריטשקעס, לענגאויס דעם טײַך בליִען בלומען — גרויסע, ווי אַ מענטש די הייך. ווײַסע, לילאָווע, געלע. און זײַט בײַ זײַט מיט זיי, צעוואָרפן און אײַנגעפּלאָנטערט ליעפּעכעס — אויך אַזוינע גרויסע, אין איין ליעפּעכע קען מען אַ מענטשן אײַנוויקלען. דער אויטאָמאָביל הערט ניט אויף סאָפּען און דרינדזשען און קריכט אַריבער די גריבער ווי אַ טאַנק. פון אונטער די רעדער שפּריצט די בלאָטע און באַשפּריצט דעם

אויטאָמאָביל. קאָסטיאַ כמורעט זיך בייז און פירט זײַן געהאָרכיקן מאָטאָר פאָרויס און אַרויף, איבער אַן אומגלויבלעכן וועג, אַף דער הייך.

— דער קאַמישאָווער רוקן — זייט ער אַרויס דורך די ציין אַף סערגייס פראַגע און רײַסט ניט אָפּ דאָס אויג פונעם וועג — דער סאַמע געגנעם...

אַף איינעם פון די קרומע אַרויפגענג, האָט סערגיי דערזען אונטן, צו־פוסנס איינעם פון די רוקנס, צווישן גראָזן און בלומען, אַן איבערגעלאָזטן סקעלעט פון אַ צעבראָכענעם און אַרומגעריסענעם אויטאָמאָביל. קאָסטיאַ באַמערקט סערגייס בליק און דריקט נאָך שטאַרקער צונויף די ברעמען. ערשט שפּעטער, ווען דער אַריבערגאַנג איבערן קאַמישאָווער רוקן איז שוין געבליבן פון הינטן, אָטעמט ער אָפּ און רופט זיך פריילעך אָן, ווי ניט בע־קיוונדיק:

— געזען דעם ניפטער? אונדזער טשודאַק האָט זיך צעבראָכן. האָט ניט אַרויסגעשלעפּט.

נאָכן אַריבערגאַנג ווערט וואַרעמער. דער הימל ווערט העכער און גרינ־גער, די לויפנדיקע וואָלקנס לאָזן אַלץ אָפטער דורך אַף דער ערד הייסע זון־שטראַלן. עס נעמט באַקן און קאָסטיאַ פײַפט זיך צו און וואַרפט פון זיך אַראָפּ די וואַרעמע קורטקע.

דער וואַלד ווערט ליכטיקער, פריילעכער — בלעטער־ביימער פאַרנעמען דאָס אָרט פון די נאָדל־ביימער. דערנאָך בלײַבט אויך דער וואַלד פון הינטן, דער אויטאָמאָביל שנײַדט זיך איבער פעלדער, פריש צעאַקערטע אַף ווינטער־טווע. אַף איינעם פון די אָפּטיילן אַרבעטן נאָך די טראַקטאָרן. סערגיי נעמט דאָרשטיק אַרײַן אין זיקאָרן די פאַרבײַלויפנדיקע פאַררייכערטע און פריי־לעכע פּנעמער פון די טראַקטאָריסטן. ער וואָלט וועלן זײַן אַף זייער אָרט.

קאָסטיאַ נעמט פאָרן שנעלער, און דער האַלבטאָניקער אויטאָמאָביל שפּרינגט לעבעדיק אונטער אָפּן שאָרסטקע וועג. אַקעגן זיי קומט אָן אַ לאַסט־אויטאָ. קאָסטיאַ מאַכט מיט דער האַנט צום שאָפער און גיט צו וויסן מיט אַ געלעכטער:

— זײַן ווײַבל איז מײַן געליבטע. ער אַהין, איך אַהער. מיר בײַטן די וואָך.

סערגיי פאַראורטיילט קאָסטיאַס לײַכטזין און אין דער זעלביקער צײַט איז ער אים מעקאַנע. ער איז מעקאַנע אַלץ און אַלעמען — אַ ליאַדע אַרבעט, אַ ליאַדע לעבנס־אויסדרוק, וואָס איז ניט פאַרביטערט מיט אינערלעכע קאָנ־פליקטן. ער איז פאַרוווּנדערט געבליבן ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס איז מעקאַנע אים אַליין.

זיי קומען אַרײַן אין אַ גרויסן ראַיאָניקן דאָרף. קאָסטיאַ לאָזט איבער דעם אויטאָמאָביל מיט די באַגלייטער בײַ דער פּאָסט און לויפט אַוועק „צו־ליב געשעפט”, ווי ער זאָגט און גיט כיטרע אַ פינטל צו סערגייען מיטן אויג. סערגיי און נאָט בלײַבן אַליין בײַם אויטאָמאָביל. דער גיליאַק צעלייגט בײַ־לעבאַטיש אַף אַ באַנק וווּרשט, ברויט, געפּרעגלטע פיש און זאָגט פּאָשעט:

— לאָמיר עסן.

סערגיי זעצט זיך צו צו אים.

נאָט פרעגט אים:

— קאָמיוג?

— יאָ.

— מאָסקווע געזען?

— געזען.

נאָט זיפֿצט אָפּ. ער פֿאַרוויקלט טיכטיק דאָס פֿאַרבליבענע ברויט.

— דיר איז גוט, קאַמיוג, — זאָגט ער — איך אויך קאַמיוג, כ׳האָב געלערנט ווייניק... קיין צייט ניט געווען צו לערנען. די פֿיש גייט — דאַרף מען כאַפּן פֿיש. טיולען געקומען — דאַרף מען האַרגענען טיולען. ווינטער האָב איך געלערנט אין קולטבאַזע. געזעסן אינאיינעם מיט די קינדער. פֿאַר צוויי כאַדאַשים געלערנט דריי קלאַסן.

ער פֿאַרטראַכט זיך און קוקט מיט קינע אַף סערגייען:

— דו האָסט אַוואַדע אַ סאַך געלייענט? אַלע ביכער געלייענט? איך אויך געלייענט, נאָר ווייניק. אַלץ ניט געלייענט.

און ער טיילט זיך מיט די געדאַנקען:

— איך וויל אין לענינגראַד: צאָפֿן־אינסטיטוט. אַלע ביכער וועל איך לייענען.

סערגיי ווערט אַ קליין ביסל רויט. ער האָט ווייניק געלייענט און עס האָט אים ניט געצויגן צום לייענען. אין די פֿרייע שאָען האָט ער ליבערשט שפּאַצירט און זיך פֿאַרווײַלט. קעדיי צו בײַטן די טעמע, דערציילט ער אים וועגן זײַן פּראָפֿעסיע אַלט מאַשיניסט. נאָט באַצײַט זיך רויק — ער קען די שמאָל־רעלסיקע און די „קוקאַווקע״, נאָר ווען סערגיי זאָגט אים, אַז מען קען זיך אַרײַנזעצן אינעם צוג אין וולאַדיוואָסטאָק און מיט גלײַכער פֿאַר־בינדונג פֿאָרן ביז לענינגראַד, האָט נאָט פּאַשעט ניט געגלויבט.

קאַסטיאַ איז געקומען צולויפֿן מיט בלישטשענדיקע אויגן און מיט אַ שולדיקן פּאָנעם. זיי פֿאָרן ווײַטער. עס ווערט הייס. קאַסטיאַ זיצט אינעם הוילן העמדל, מיט אַ ביקס אַף די קני, עס שמעקט פֿון אים דער בראָנפֿן.

דער שמאָלער דאָרפֿישער וועג ציט זיך מיט דער טײַגע. אַלץ די זעל־ביקע טײַגע־לאַנדשאַפֿטן, ווילד־וואַלד, אויסגעריסענע ביימער, אײַנגעפֿאַלנ־טערטע צווײַגן, פֿאַרוואַקסענע קוסטעס. אָפֿן וועג לויפֿן אַרויס קליינע גע־שטרײַפֿטע כאַיעלעך. רויק צעזען זיי אויס זייערע נײַגעריקע שנוקלעך, פֿאַר־הייבן זייערע פּוכיקע עקן ווי באַ די וועווערקעס. די באַפֿאַרבונג מאַכט זיי ענלעך צו טיגערס, נאָר קלייניקע, גוטהאַרציקע און נײַגעריקע.

— בורונדיקעס! — קלערט אויף קאַסטיאַ און פֿאַרנעמט זיך אַן אַ זײַט קעדיי ניט אַרויפֿצופֿאָרן אַף דעם כאַיעלע, וואָס האָט זיך פֿאַרקוקט.

פֿון דער היץ און פֿון דער טרייסלעניש, האָט סערגיי אײַנגעדרעמלט. אַ שטאַרקער טרייסל. פּונעם אויטאָ גיט אים אַ וואָרף אונטער און ער קלאַפּט זיך אָן מיטן קאָפּ אָנעם דאַך פּונעם אויטאָמאָביל. קאַסטיאַ שטעלט אָפּ דעם אויטאָמאָביל און שיסט אויס. פֿון אַ פּלאָנטער מאַלינע־קוסטעס צעפֿליט זיך אַ נעסט ריאַבטשיקעס. קאַסטיאַ שפּרינגט אַרויס פּונעם אויטאָמאָביל, ער שיסט ווידער אויס און לויפֿט צו די קוסטעס אויפֿהייבן דאָס פֿייגעלע. ערגעץ הינטער די ביימער דערהערט זיך אַ דריטער שאָס.

— דרײַ פֿייגל געשאָסן — איז נאָט צופֿרידן.

סערגיי גלייבט ניט. נאָר דערנאָך ווײַזט זיך אַרויס, אַז קאַסטיאַ שיסט אויסגעצייכנט. ער וואַרפֿט אַרײַן אינעם אויטאָמאָביל דרײַ ריאַבטשיקעס און פֿאָרט ווײַטער. פֿון צײַט צו צײַט האַמעוועט ער דעם קאָטש און שפּרינגט אַראָפּ, נאָר סערגיי היט זיך שוין און מער קלאַפּט ער זיך ניט אָן מיטן קאָפּ אָנעם דאַך. אין דער צײַט וואָס קאַסטיאַ גייט אַף יאַגד, פֿאַרקלײַבן זיך סערגיי און נאָט אין די מאַלינע־קוסטעס און נאַשן יאַגעדעס.

— פאָר צו צו אונדז, — זאָגט נאָט — באַ אונדז איז גוט. פרילינג איז דאָ אַ סאַך, זייער אַ סאַך טיולען. אַלע יעגער שיסן טיולען. טיולען־פּעטס געגעסן? ווער עס איז קראַנק אַף שווינדזוכט — זייער גוט. פאָר. וועסט זײַן אַ לערער.

פאַרנאַכט זײַנען זיי צוגעקומען צום דאָרף אַדאַ־טימאַוואַ.

— דאָ נעכטיקן מיר, — גיט צו וויסן קאָסטיאַ, און גיט אַוועק דער באַלעבאָסטע די ריאַבטשיקעס און אַ טונקל־האָריקע וועווערקע. פאַר דער צײַט וואָס די באַלעבאָסטע גרייט נאַכטמאָל, גייען די דרײַ יונגעלײַט שפּאַצירן. ס'איז שטיל. אין דער קאַנאַווע וואַלגערן זיך פאַרשלאָפענע כאַזיירים. אַ סטאַדע קי גייט פאַרבײַ און קלינגט מיט די גלעקלעך.

— די פיש גייען? — פרעגט קאָסטיאַ אַן אָנבאַגעגנטן מענטשן.

— גייען — ענטפערט דער מענטש מיט אַ לאַנגווײַליקן קאָל און פרעגט:

— פון וואַנען זײַט איר?

— פון אַלעקסאַנדראָווסק.

— געבראַכט די פּאָסט? ! — שרײַט אויס דער מענטש און ווען ער כאַפּט אויף דעם באַשטעטיקנדיקן ענטפער, לויפט ער צו דער פּאָסט.

— אַ זאַאָטעכניקער, — זאָגט קאָסטיאַ — ער וואַרט אַפן ווײַב פון דער יאַבאָשע.

אַלץ און אַלעמען קען ער.

זיי גייען מיט דעם פעלד. אין דער שטילקייט הערט זיך אַלץ דײַטלעכער אַ טעמפער און בייזער געהילך, ווי עס וואַלטן זיך פון אַן אָפּהאַנג געשאָטן צעטרוקנטע שטיינדלעך.

נאָר קיין בערג איז אין דער נאָענט ניטאָ און דער גערויש איז אַן אומאויפהערלעכער, אַ פאַראַקשנטער. אַ וואַסערפאַל?

זיי גייען אַרויס צום טײַכל. דאָס ניט ברייטע טײַכל ליגט זיך רויק צווישן די ברעגעס, מיט גראָז פאַרוואַקסענע. דאָס טײַכל שנײַדט דורך אַ שטאַכעטן־צוים. אַף דער ברעט וואָס איז איבערגעלייגט איבער די שטאַכעטן זיצט אַ מענטש. אַ צווייטער שטייט, דאָ אַנגעבויגן, דאָ אויסגעגלײַכט און רופט אויס מיט אַ מעלאָדישער טענאָר־שטימעלע:

— אַן ער! אַ זי! אַן ער! אַן ער!

דער גערויש איז באַ דער זײַט. ער קומט פונעם טײַך. פון אָנהייב דוכט זיך סערגייען אַז דער גאַנצער טײַך איז פול מיט שוואַרצע בלישטשענדיקע שטיינער. נאָר די שטיינער רירן זיך און גייען קעגן דעם שטראָם מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט, שלאָגן זיך אָן און לויפן אַרויף איינער אַפן צווייטן.

— גאָרבושאַ — צעצינדן זיך באַ נאָטן זשעדנע די אויגן.

סערגיי גייט אַרויס אַף דעם מיטן פון דעם בריקל. ער קען די אויגן ניט אָפּרײַסן פון דעם אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל. הונדערטער פיש, מיט די הויקערדיקע רוקנס אַרויסגעהויבן איבערן וואַסער, טראָגן זיך אַקעגן דעם שטראָם, שלאָגן זיך אָן אָן דער צוים און רײַסן זיך, ווילן זיך אַדורכרײַסן. מיט דעם גאַנצן אימפּעט קלאַפּן זיי זיך אָן, שטויסן זיך, שפּרינגען אַריבער איינער איבערן צווייטן. אַזוי בייז און מעכטיק איז זייער געלאַף, אַז עס דוכט זיך דער טײַך האָט זיך פאַרנומען אַף צוריק.

— און מען זאָגט נאָך פיש־בלוט — אַ ליאַדע באַכער איז קעגן זיי אַ גאָרנישט.

דער טעכניק אַף דעם בריקל עפנט דאָס טירל און די פיש רײַסן זיך

אַרײַן אין דעם געוווּנטשענעם דורכגאַנג. הויפֿענען זיך אָן אין איין קופּע באַ דעם שמאָלן טויער און שטופּן דורך פֿאַר זיך די זיצן, שפּרינגען אונטער און צעשפּריצן דאָס וואַסער. זיי זײַנען שטום, נאָר מען האָט געקענט גלייבן אַז זיי שרײַען, אַז זיי זידלען זיך, אַז זיי בעטן זיך...

דאָס טירל פֿאַרמאַכט זיך, דער טעכניקער לאָזט אַראָפּ אַ גרויסן שעפּער, ציט אַרויף אַ צענדליק פֿיש און נעמט זיי איבערקלײַבן און פֿויל רופֿט ער אויס: אָן ער! אַ זי! אָן ער!

דער מענטש וואָס זיצט אַף דעם בריקל שטעלט אַוועק אַף אַ בויגן פּאַפּיר שטעקעלעך. די אָפּגעוואָרפֿענע פֿיש פֿליִען אין וואַסער אַרײַן, טרייסלען זיך אָפּ און לויפֿן ווײַטער. אייניקע פֿיש גליקט עס ניט אָפּ — דער טעכניקער גיט זיי איבער צו די פֿרויען אַפֿן ברעג און שוין דאָ ליידיקן די פֿרויען זיי אויס איבערן עמער און פֿאַרגיסן דעם רויג מיט דער מילך פֿון די ערן. די אויסגעליידיקטע פֿיש וואַרפֿט מען טייקעף צו צו די הינט — אַ גאַנצע מאַכנע הינט זיצט אַרום די פֿרויען און וואַרט אַף דער נעדאָווע.

— קינסטלעכע באַפֿרוכטונג, — קלערט אויף קאָסטיאַ — אַ פֿיש־ציִונג־זאַוואָד.

סערגיי פֿאַראינטערעסירט זיך. צו וואָס ציילט מען זיי און מען לאָזט זיי אָפּ און פֿאַרוואָס נעמט מען זיי אַלע פֿאַרן זאַוואָד?

— צו וואָס דאַרף מען זיי אַלעמען! — לאַכט דער טעכניקער — זיי זײַנען דאָך דאָ אין די טויזנטער. דער זאַוואָד איז ניט קיין גרויסער, אַף צוועלף מיליאָן רויג־אייעלעך. מיר ציילן זיי צוליב סטאַטיסטיק.

סערגיי פֿאַרשטייט ניט גרינטלעך, נאָר ער שעמט זיך איבערפֿרעגן.

ער בלײַבט זיצן מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבערן טײַך, איבערן גערויש און פּאַטשן פֿון דער פֿיש־באַלאַגערונג, לעבן די טעכניקער וואָס גלייבן אַזוי אין זייער פֿיש־סטאַטיסטיק, לעבן דעם גיליאַק דעם קאָמיוגיסט וואָס טרוימט פֿון איבערלייענען אַלע ביכער און צעעפֿנט די נאַזלעכער ווען ער דערזעט די לעבעדיקע געליבטע, ביז די קלענסטע פּראַטים פֿאַרשטאַנענער פֿיש־אינוואַזיע...

קאָסטיאַ רופֿט אים אַפֿן ברעג.

— גיי קוק אָן דעם זאַוואָד, — זאָגט ער אים — מיידלעך, נעמט מיט זיך דעם קאַוואַליר.

סערגיי האָט ניט דאַקעגן מיטצוגיין מיט די פֿרויען — איינע, נאָך גאָר אַ יונגע, שמייכלט צו אים. די פֿרויען טראָגן אַוועק אַפֿן זאַוואָד פֿולע עמערס, און טרעטן אַזוי פּאַמעלעך און גלאַט ווי זיי וואָלטן געטראָגן נײַ־געבוירענע קינדער. סערגיי נעמט באַ דער יונגער פֿרוי דעם עמער. די עלטערע קוקט קרום און זאָגט:

— גיב אַכטונג, נאַסטיאַ. סטיעפּאַן וועט דערזען, וועט עס אים שטאַרק פֿרייען...

די יונגע צעלאַכט זיך און פֿרעגט:

— זײַט איר טאַקע דאָ נאָר דורכפֿאָרנדיק?

און זי לייגט אים פֿאָר:

— בלײַבט דאָ. מירן דאָ פֿישלעך האָדעווען. מיר דאַרפֿן האָבן ליבלעכע קאַוואַלירן.

— מען זאָגט אַף סאַכאַלין זײַנען פֿאַראַן ווייניק פֿרויען, און באַ אײַך איז אַזוי ווייניק מענער?

— וואָס זאָגט איר ווייניק! — צעלאַכט זיך נאַסטיאַ — מענער זײַנען דאָ איבערגענוג, נאָר אָט קיין קאַוואַלירן זײַנען ניטאָ. מיט די הענט קריכן קען יעדער איינער, נאָר דעם עמער טראָגן פֿאַלט קיינעם ניט אײַן, אַ כוץ אײַך.

די שטיפֿערישע פֿרוי צערודערט סערגייען. פֿאַרוואָס טאַקע, מיט אַן עמעסן, ניט בלײַבן? אַלץ געפֿעלט אים דאָ: דער טײַך, אַ באַלאַגערטער מיט צעווילדעוועטע פֿיש, און די שטילע סטעזשקע מיט דער באַרג־ריטשקע, אינעם וואַלד, און נאַסטיאַס אַרויסרופֿנדיקע נאַיוו־כיטרע אויגן.

זיי אַנטקעגן טראָגט זיך איבער דער סטעזשקע אַ וועלאָסיפּעדיסט. סערגיי קוקט זיך אײַן אין דעם יונגן פּאַנעם אונטער דער גרויער קעפּקע מיט דעם בלאָנדן טשוב, וואָס קוקט פֿון הינטער איר אַרויס.

— איך קום שוין! — שרײַט דער וועלאָסיפּעדיסט צו סערגייען.

— דער דירעקטאָר — מורמלט נאַסטיאַ און נעמט צוריק דעם עמער.

אויף אַ קליינעם פּלאַץ, וואָס מען האָט אָוועקגענומען בײַ דער טײַגע, זעען זיך אָן צוויי וווּק־הײַזער מיט די דינסט־בנינים לעבן זיי. אַ פּלאַץ פֿאַר וואָלייבאָל, אַ הוידלקע, גיגאַנטישער שפּאַן.

— און דער זאַוואָד ווו איז? — פֿרעגט סערגיי און קוקט זיך אַרום.

— אָט שטייט ער דאָרט...

צופֿוסנס אַ בערגל, בײַם טײַך, דערזעט סערגיי אַ לאַנגן נידעריקן בנין מיט רערן, וואָס ליגן אויף הילצערנע געשטעלן.

— דאָס אינגאַנצן?

— דאָס אינגאַנצן — זאָגט נאַסטיאַ.

דער וועלאָסיפּעדיסט איז שוין דאָ. ער איז יונג, בלוי־אויגיק, פֿרײַנטלעך. סערגיי שטעלט זיך פֿאָר אומזיכער, און זאָגט אַז ער וואָלט וועלן זען דעם זאַוואָד.

— נו, פֿאַרשטייט זיך! פֿאַרשטייט זיך! — כאַפּט הייס אונטער דער דירעקטאָר און שפּאַרט אָן דעם וועלאָסיפּעד בײַ דער וואַנט — איך בין פֿעדאָטאָוו. און איר?

סערגיי זאָגט אים זײַן נאָמען.

זיי לאָזן זיך אַרונטער איבער אַ לייטערל צום סאַראַי, וואָס שטייט האַרט בײַם טײַך.

— די ריי־ניקונג־סטאַנציע, — זאָגט פֿעדאָטאָוו — וואַסער פֿונעם באַרג־קוואַל. וווּנדערלעכע וואַסער, קאַלטע, לויטערע. נאָר מיר פֿילטרירן זי נאָך. בײַם צוים זײַט איר געווען? געזען? פֿיש גייען צו ריינע קוואַלן. דער רויג האָט ליב ריינקייט און קעלט.

אינעם זייער ריי־נעם און ליכטיקן סאַראַי, לויפֿט דאָס וואַסער, אַן אויפֿגעכאַפּטע מיט דעם ר׳ער, דורך אַ גאַנצער סיסטעם פֿילטערס און, אַ שוין גענוג געלײַטערטע, גייט זי דורך די ר׳ערן צום רויג־צעך. אין דעם צעך, ווו עס איז שטענדיק טונקל, פֿליסט דאָס וואַסער איבער שוואַרצע קעסטלעך, אויף קליינע, דינע נעצן ליגן קערנער רויג. אין דער טונקלקייט, וואָס איז ענלעך צו דער טונקלקייט אויפֿן דעק פֿונעם טײַך, וואָס ווערט שטענדיק געוואַשן מיט ריינער קילער וואַסער, ווערן אָט די אומבאַהאָלפֿענע בלעזלעך פֿאַמעלעך און רעטעניש־פֿול פֿאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע ווערעמס. פֿון אָנהייב איז קוים צו מערקן די ענדערונג פֿון דער פֿאָרעם — דאָס בלעזל ציט זיך אויס אין דער לענג. דערנאָך מערקט זיך אַ פּיצינקע קעפּעלע און אַ שאַרף

עקעלע. דערנאך ווערט קענטיק דאס בײַכעלע. נאר צום בײַכעלע איז צוגעוואקסן דאס געלע רויג־בלעזל. טאג נאך טאג ווערט דאס בלעזל אַרײַנגעזויגן, דערמיט נערט זיך דער אָרגאַניזם וואס האלט זיך אין אויספורעמען.

און אט איז דאס פישעלע אויסגעצײַטיקט. עס וויל לעבן, עס וויל זיך באוועגן, פּאליושקען זיך אין וואסער, זיך שפּילן און זיך ווארפן איינאיינעם מיט נאך אזעלכע ווי ער, — איז דאך אויך אונטערן וואסער פאראן א קינדער־וועלט מיט אירע שפּילערײַען און שטיפערײַען! זארגעוודיקע הענט טראגן איבער די פישעלעך אין א דריטן צעך — ווו די פישעלעך האדעווען זיך. א לאנגער סאראַי. אהער קומט קיינמאל ניט צו די זון. דא פליסט זיך פּאמעלעך איבער א הילצערנעם געלעגער שטילע פרישע וואסער. לענגאויס די ווענט גרינט רײַך און צארט גראז.

פּעדאטאוו פירט סערגייען איבער די ברעטער. פארליבט בייגט ער זיך צו צום וואסער, ווו סערגיי קען גארניששט ניט זען, נאר פּעדאטאוו זעט אזוי פיל: טויזנטער פיצעלעך פישעלעך שווימען אום אין די זיכערע פרײַנטלעכע באסיינען, זיי וואקסן און קרעפּטיקן זיך, קעדיי אין איינעם א פרילינג־טאג ארויסצושווימען דורכן צעעפנטן טויער פון דער ליבער היים צו דער צוציִענדיקער, געפערלעכער און אָנרעגנדיקער וועלט פון די גרויסע טײַכן און יאמען.

— א סאך זייערע קומען אום אין זייער פריִער עלטער, — זאגט פּעדאטאוו מיט פאטערלעכער זארג און בייגט זיך איבער איבער דעם קילן באסיין — אט פירן מיר א כעשבן פון די אייער־לייגנדיקע פיש. זיי גייען דאך אוועק אין יאם, אין די טיפענישן. נאר אין פיר יאר ארום, צום אייער־לייגן, קומען זיי צוריק, אפלייגן דעם רויג בא די אייבערשטע טײַך־גענג, צו די ריינע קוואלן. און ווען מיר זאלן קענען דערקענען, געדענקען און פארצייכענען יעדער פישעלע — סארא שרעקלכן סאכאקל אונדז וואלט אויסגעקומען צו מאכן יעדן הארבסט! וויפל קארבאנעס, וויפל טויטע! עס קערן זיך אום פון איינס ביז צוויי פּראצענט...

ער שטייט א ווײַלע א פארזארגטער איבער זײַנע טויזנטער האדעוואניקעס, וואס זײַנען פארמישפּעט אין דער נאענטער צוקונפט אף א לעבן פול מיט סאקאנעס, מיט אוואנטורעס און קאמף.

— וואס־זשע פאר א זין האט עס זיי אויסצוהאדעווען אפּן זאוואד און זיי ארויסצולאזן? — פרעגט סערגיי אויך א פארזארגטער.

פּעדאטאוו הייבט אויף דעם קאפּ. די אויגן בא אים זײַנען איבערגעצײַגטע, באגײַסטערטע.

— עס איז דערוויזן, — זאגט ער מיט זאך־קענטעניש — אז מער ווי אלץ קומען אום די פישעלעך אין די ערשטע כאדאשים לעבן. פון אונדז גייען זיי אוועק אונטערגעוואקסענע קרעפּטיקע געווארענע... נאר דאס, נאטירלעך, איז נאך ווייניק. מיר האדעווען זיי א האלב יאר, מען וואלט זיי באדארפט האלטן נאך א יאר, אין גרויסע באסיינען, אף דער פרײַ. איך האב וועגן דעם געשריבן צו דער געגנט־מאכט, צו דער קאנט־מאכט, איך שרײַב וועגן דעם די גאנצע צײַט. מען וואלט אליין באדארפט צופארן — איז ניטא אף וועמען איבערצולאזן דעם זאוואד!...

די זארגן פארפלייצן אים. מיט א שווערן טראט לאזט ער זיך גיין צום ארויסגאנג. סערגיי קוקט אף אים זשעדנע: ווי שווער עס איז צו זײַן דער פאטער פון אזעלכע ניט זיכערע, אף אייביק אוועקגייענדיקע, פארמישפּעטע קינדער! נאר צו דעם ראכמאנעס קומט צו די קינע — פּעדאטאוו גלייבט,

ער שטייט באַ אַ זאַך, באַ אַ געליבטער זאַך, ער ווייס ניט פון קיין אַנדער אומרו אַ כוץ דעם וואָס זײַן אַרבעט פאַרשאַפט אים.

באַם אַרויפגאַנג בלײַבט פעדאָטאָוו שטיין.

— און איך וועל זיך דערשלאָגן דערצו! — זאָגט ער מיט דער פולער זיכערקייט — נאָך אַ יאָר, צוויי, זאָל זײַן דרײַ, וועל איך זיך דערשלאָגן. וועל איך ניט אַרײַנקריכן אינעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן, איז אינעם צווייטן...

אַ יאָר־צוויי־דרײַ... דער מענטש טראַכט אַפילע ניט פון אָוועקלאָזן דעם אינדזול. איז אים ניט לאַנגווײַליק אין דער וויסטעניש, אַף דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם זאַוואָד?

די זאַך האָט אַ געוואַלדיקע צוקונפט! — נעמט פעדאָטאָוו אָן סער־גייען באַ דער האַנט — אַ געוואַלדיקע! — כאַזערט ער איבער — ניט אַלע פאַרשטייען עס נאָך. אין דער זאַך מוז מען האָבן איבערגעגעבענע, פאַרליבטע טוער... ווו אַרבעט איר?

סערגיי שעמט זיך פאַר זיך אַליין און דערציילט די צוגעטראַכטע גע־שיכטע מיט דעם אורלויב און זײַן באַגער אָנצוקוקן סאַכאַלין.

— אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט! — רופט אויס פעדאָטאָוו — איר זײַט אַ געוואַגטער באָכער. אַף דער יאַבאָשע האָט מען דאָך נאָך ביז הײַנט מוירע פאַר סאַכאַלין. איר זײַט אַ בראַווער יאָט, ערן־וואָרט!

זיי גייען און שווײַגן איבער דער סטעזשקע באַם טײַכל, אין דער פאַר־נאַכטיקער דעמערונג.

— פיש האָבן ניט ליב די שײַן, — זאָגט פעדאָטאָוו אַ פאַרטראַכטער — מיר האָדעווען זיי אויס אין שאָטן און אין קילקייט. און אַ מענטש נייטיקט זיך צום וואַקסן אין ליכטיקייט, אין הייסן לעבן. און הייס לעבן גיט בלויז די אַרבעט, שעפערישע אַרבעט — אַן אַרבעט וואָס מען האָט ליב, אַזאַ, וואָס אַפילע אין כאָלעם זעסטו ניט. מיינט ניט, איך בין אַ ליריקער. כאָטש... איך שרײַב אַפילע לידער צומאָל.

שוין באַם דאָרף זאָגט אים פעדאָטאָוו:

— ווייסט איר וואָס? פאַרוואָס זאָלט איר ניט בלײַבן דאָ אַרבעטן? דאָס איז דאָך אַזוי אינטערעסאַנט. איר ווייסט נאָך ניט, נאָר איר וועט די זאַך ליב באַקומען, בין איך אײַך אָרעוו.

סערגיי טרעפט קאָסטיאַן און נאָטן באַם נאַכטמאָל. די פעטע גאָרבושאַ און די ריאַבטשיקעס אין סמעטענע זײַנען גרויסאַרטיק. קאָסטיאַ טרינקט בראָנפן און איז אַלעמען מעכאַבעד. סערגייען נעמט רוישן אין קאָפּ — פונעם בראָנפן, פונעם לאַנגן טרייסלען זיך אינעם אויטאָמאָביל, פון אומרו און בענקשאַפט...

אָנגעבויגן איבער דער גלאָז בראָנפן, טראַכט ער פון פעדאָטאָווס פאָר־שלאָג. פאַרוואָס טאַקע ניט בלײַבן? רו געפינען, נײַע אינטערעסן, אַ פרײַנט... מיט איין קלאַפּ אָפּהאַקן אַלץ דאָס פאַרגאַנגענע, אַרויסקומען פון דאַנען אַ נײַער מענטש — אַ שטאַרקער, אַ געקרעפטיקטער, אַ גרייטער צום קאַמף... אַ שיקער געוואָרענער און אַ צעווייקטער, מאָלט ער זיך אַ נײַ, טיכטיק אַר־בעטס־לעבן זײַט באַ זײַט מיט פעדאָטאָוון. דאָך, ווי אים זאָל עס ניט ליב זײַן, איז ער זיך מוידע, אַז ער וועט קיינמאָל ניט האָבן גענוג אַנטשלאָסנ־קייט צו בלײַבן.

אין גיליאַקישן קאָלכאָז זײַנען זיי אָנגעקומען מיטאָג־צײַט. סערגיי האָט גערעכנט צו טרעפן יורטעס, רויכלעך וואָס הייבן זיך דורך די אייבערשטע

לעכער, און שפּאַן־הינט. נאָר דערזעט האָט ער בלויז אַ פעלד מיט געדיכט באַוואַקסענעם זאַפטיקן גראָז, אַ מענטשן אַכט שניטער אין ברייט־ראַנדיקע קאַפּעליושן און אַ נידעריקן באַראַק אָן פענצטער אינעם עק פעלד, ווו עס דאַרף זיך געפינען, ווי ער שטעלט זיך פאָר, אַ טייך לעבן די צעוואַקסענע ווערבעס. איבערן פעלד לויפט צום אויטאָמאָביל אַ קוטשעראַווער מענטש און מאַכט מיט די הענט.

— אָנגעקומען — זאָגט קאָסטיאַ.

נאָט שפּרינגט אַראָפּ און נעמט שלעפּן זיינע זאַכן. דער קוטשעראַווער קומט צו צום אויטאָמאָביל, גריסט זיך צעטראָגן און נעמט זיך אַליין דורכ־קוקן וואָס קאָסטיאַ האָט געבראַכט. ער שענקט ניט די מינדסטע אַכטונג אַף דעם עקסקורסאַנט וואָס רייזט איבער סאַכאַלין.

— די צוועקעס! די צוועקעס! — שרייט ער און ווערט רויט — די צוועקעס ווו זיינען, טייוול געשטרייפּטער?!

קאָסטיאַ שלעפּט אַרויס פון הינטערן זיץ אַ קעסטל מיט צוועקעס. דער קוטשעראַווער שפּרינגט אַראָפּ, כאַפּט דאָס קעסטל, צעלאַכט זיך, און שטעלט פאַמעלעכן אַוועק דאָס קעסטל אַפן פליגל. ער האַלט עס צו מיט דער האַנט און ווענדט זיך צו סערגייען:

— זייט איר, הייסט עס, צו וואָס אַהער געקומען? צוליב נייגעריקייט?

— דער כאַוועך אינטערעסירט זיך מיט אייערע דערגרייכונגען — זאָגט סאָליד קאָסטיאַ.

— מעכעטייסע.

דער קוטשעראַווער לאָזט אַרויס מיט באַדויערן דאָס קעסטל פון די הענט.

— דו פאָר. קאָטיאַ וועט אייך אויפנעמען, און מיר וועלן אונטערקומען.

זיי קומען צו צו די שניטער. זיי זיינען יונגע גיליאַקעס, די קאַפּעליושן פאַרשטעלן פון דער זון זייערע ברוינע פּנעמער, בײַ דרײַ זייערע שטעקן פון אונטער זייערע קאַפּעליושן שטייף־פאַרפלאַכטענע צעפּלעך.

— כ׳האָב זיי איבערגערעדט, זיי שערן זיך שוין — זאָגט דער קוטשע־ראַווער — ווינטער האָבן זיי נאָך געטראָגן. געבליבן זיינען די דרײַ און נאָך פינף זייערע.

ער פּאַטשט איבערן אַקסל איינעם פון די שניטער.

— ווען הייצן מיר איין אין באָד, פּאַנקאָ?

דער באָכער שמייכלט ברייט צו די צוגעקומענע.

דער איז אונדזער הויפּט־קאָמיוגיסט, — שטעלט אים פאָר דער קוטשע־ראַווער — אַקטיוו. דער ערשטער אין באָד געגאַנגען. דאָס ווייב האָט די ערשטע אין שטוב דאָס קינד געהאַט.

ער דערציילט סערגייען, אַז די גיליאַקעס טרייבן אַרויס זייערע ווייבער אום זומער ווי אום ווינטער האָבן זייערע קינדער אין דרויסן, זיי שטעלן פאַ איר אויף אַ געצעלט, באַם אַריינגאַנג שטעקן זיי אַריין צוויי העק מיט די שאַרפן אַף פאַרויס, אָפּצושרעקן די בייזע גייסטער. דרײַ יאָר האָט מען דערמיט געפירט אַ קאַמף. פּאַנקאָ האָט דער ערשטער מאַסקים געווען איבער־צולאָזן דאָס ווייב אין שטוב, נאָר אַרומגעגאַנגען איז ער און האָט ניט גע־ווּסט אַף וואָסער וועלט ער איז, ביז דאָס ווייב איז מיט גליק איבערגעקומען.

— איצט איז שוין עפּעס אַנדער׳ש, — זאָגט דער קוטשעראַווער און ווינקט צו נאָטן — איצט זיינען אַכט געליגן אין קימפּעט און נאָר צוויי אין

געצעלטן. מען בויט איצט אַ שפּיטאָל און אינעם שפּיטאָל אַ זאַל פֿאַר געווינערנס, אַלץ ווי עס געהער צו זײַן.

זיי גייען אַרײַן אינעם אָפּ־פּענצטערדיקן באַראַק, וווּ עס שטייען צוויי דייזשקעס צום זאַלצן דעם רויג.

— אַליין, אַליין זאַלצן זיי, — זאָגט דער קוטשעראַווער און גלאַנצט פֿריילעך מיט די אויגן — פֿריִער פֿלעגן זיי פֿאַרקויפֿן דעם רויג אַף פּערציק קאָפּיקעס אַ פּוד די סאָכרים. מיר האָבן זיי אויסגעלערנט, געגעבן צו פֿאַרזוכן. איצט מאַכן זיי עס אַליין. ענטוזיאַסטן.

— און איר זײַט אַ היגער ?

— איך ? — דער קוטשעראַווער שמייכלט און טרייסלט מיטן קאָפּ — ניין, איך בין אַ מאָסקווער. אַמאָל געווען. איצט בין איך אַ היגער. שוין זעקס יאָר.

ער רעדט ניט קיין סאַך. וועגן זיך וויל ער ניט ריידן. ער האָט ליבערשט צו ריידן וועגן די וואָס אַרום אים.

אַף אַ ברייטער לאָנקע באַמערקט סערגיי עטלעכע מאָדנע ביניאָנים — מען קען ניט וויסן, שטיבלעך צי שפּײַכלערס, אָן פֿענצטער, אָן טירן, צונויפגעקלאַפּט פֿון ניט געטעסעטע קלעצער. סערגייען לויפֿט דורך אַ געדאַנק, אַז דאָס זײַנען גיליאַקישע הײַזער.

— ליידיקע ? — פֿרעגט נאָט און ווײַזט אָן אַף די שטיבלעך.

— ניין. דעם יאָר דרײַ. פֿאַראַיאָרן איז געווען אַכצן.

זיי קומען צו צום נאָענטסטן שטיבל. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס האָט איין שמאָל פֿענצטערל ווי אַ שפּאַלט. נאָט קוקט אַרײַן און באַלד נעמט עס רודערן, ריטשען, קלאַפּן אָן דעם ווענטל. אַ האָריקע לאַפּע מיט געלע נעגל רוקט זיך אַרויס דורכן פֿענצטער און גראַבלט דעם בוים.

סערגיי שפּרינגט אָפּ.

— האָב קיין מוירע ניט, — זאָגט דער קוטשעראַווער — ס'איז אַ בער.

נאָט קוקט אַף דער לאַפּע וואָס גראַבלט פֿאַראַקשנט דעם בוים, און דער שמייכל באַ אים אַפּן פּאָנעם מישט זיך מיט דערכערעץ און אומדרײַסטקייט.

— אונדזערע מעגטשן זאָגן : דער בער איז דער גרעסטער, דער קלוגסטער מענטש. אַ הייליקע כאַיע... — און גיט צו ניט זיכער : — אַזאַ גלויבן איז דאָ פֿריִער געווען, איצט איז ניטאָ.

דער קוטשעראַווער גיט קוים אַ שמייכל.

— ער לעבט אָפּ דער גלויבן, — זאָגט ער — פֿריִער פֿלעגט מען אָנהאָדעווען ביז דרײַ צענדליק בערן. דו ווייסט וויפֿל ער פֿרעסט אויף ? אַכצן־צוואַנציק פֿיש אַ טאָג. די גיליאַקעס אַליין האָט קיין פֿיש ניט געקלעקט. פֿון ברויט, פֿלייש, קאַרטאָפֿל, האָבן זיי ניט געוווּסט, פֿון פּוטער האָבן זיי ניט געוווּסט, אַ קו האָבן זיי אַפֿילע ניט געוווּסט ווי זי זעט אויס. בלויז פֿיש. זומער פֿרישע, ווינטער געווענדזלטע. ביזן מיטן ווינטער עסט מען און מען האָדעוועט אויך די הינט, דערנאָך הונגערט מען. די בערן, פֿונדעסטוועגן האָט מען געהאָדעוועט.

— צוליב וואָס ?

— אַ מינהג ! אינטערעסאַנט באַ זיי. ווינטער איז דער בערן־יאָנטעוו. מען האַרגעט בערן. אַ גרויסע פֿרייד. אַ קאָמפּליצירטע צערעמאָניע. צוערשט לאָזט מען אים אַרויס און מען יאָגט אים, דערנאָך דערשיסן אים די בעסטע יעגערס מיט אַ פֿײַל. דעם געהאַרגעטן בער טראָגט מען אונטער אַ מאַטאָנע

אַרבעטן! אַט האָב איך קיינמאָל ניט געאַרבעט, און האָב געלעבט, אין פו־טער געשווומען, און האָב קיינעם קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט. נאָר אַקעגן מײַן וואָרט האָט זיך קיינער ניט געשטעלט! איך האָב די שטוב אין די הענט געהאַלטן. אויך איצט שטעלט זיך קיינער ניט אַקעגן, ווי איך זאָג אַזוי בלײַבט עס. און לאַנגווײַליק איז אײַך ווײַל איר זײַט צעלאָזן געוואָרן, ניטאָ קיין שטרענגקייט. מײַן לידקאָ, ווען זי איז אין זאַוואָד אַרײַנגעטראָטן, האָט זיך אויך גענומען פאַרקוקן אַף זיי — קאָמיוג און אַסאַכים און דאַ־בראַכים, שיסן איז איר אײַנגעפאַלן. באַ מיר אָבער וועסטו זיך ניט דרייען. כ׳האָב אַ פאָר מאָל אַנגעשריגן און — אַ סאָף. דערפאַר טאַקע קוקט זיך צו, איז מײַן לידקאָ ווי אַ בלום צווישן זיי, צווישן די הײַנטיקע געשווירענע מיט די טיכעלעך... און טאַקע, וואָס איז עס אַזוינס? מען בייט זיך אַן טיכע־לעך, אַ פינגער די גרייס, גרינע און ראָזעווע, מען לאָזט אַרויס אַ שפּיץ פונעם קעשענקעלע און געגאַנגען. מען שמאַרעט מיט דער נאָז. אויך אַ מאָ־דע. זיך דערטראַכט. באַ מיר זײַנען אַפילע אַזוינע שנעקעס ניטאָ, כ׳זאָל זיי וויקלען אין זײַדענע טיכעלעך...

אין דער צעפּראַלטער טיר באַווײַזט זיך לידינקאַ אַליין מיט דעם צאָפּ אַף די פּלייצעס, מיט אַ בלייך געוואָרענעם צערודערטן פּאָנעם. זי האָט פון דער טיר דערזען די מוטער, אַלץ אַזאַ אויסגעמאַטערטע פון די קראַנקייטן, אַן אײַנגעשרומפּענע, אַ פלוידערנדיקע, אַ קאַפּריזנע און אַן אומבאַהאָלפענע, און דעם אויסדרוק פון אומרו האָט פאַרביטן אַ קאָמישע מינע. מוטער און טאָכטער זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן שטאַרק ענלעך איינע צו דער צווייטער.

— געקומען — גיט די מוטער אַ וואָרטשע און כאַפּט זיך צו די מאַטאַנעס.

— האָסט דיך אַוואַדע פאַרבענקט, ווילסט עפּעס געזאַלצנס — פרעגט לידינקאַ אַ צוגעלאָזענע און גיט דער מוטער אַ קוש אינעם געקנייטשטן געלן שטערן.

פון אַלע זײַטן שמייכלט מען צו לידינקאַן; זי איז שוין לאַנג אַ היימי־שער מענטש אין שפּיטאָל און אַלע קראַנקע האָבן ליב מיט איר אַ פלוידער צו טאָן. נאָר הײַנט איז לידינקאַ ניט אויפגעלייגט צו פלוידערן. זי איז רויט געוואָרן און האָט אַף קויעך אַרויסגעמורמלט:

— מאַמאַ... דאָ וואַרט קאַליאַ פלאַט... זאָל ער צו אײַך צוגיין?

דער אַלטער געפעלט עס וואָס די טאָכטער איז רויט געוואָרן, וואָס זי שרעקט זיך. איר געפעלט אויך וואָס דער כאָסן איז געקומען אין שפּיטאָל. אויך ער, קענטיק, שרעקט זיך.

— אויב ער וואַרט, בעט אים אַרײַן. נאָר מײַן קיבעד איז ניט ווי פאַר אַ כאָסן, זאָל ער עס ניט נעמען פאַר אומגוט.

לידינקאַ קען ניט אײַנהאַלטן די פרייד און גיט אַ שפּרונג.

— וואַרט אַ מינוט, שפּרינגערקע, לויפסט שוין, גיב מיר אַהער דאָס שפּיגעלע און קעם מיך צו. מיסטאַמע ניט וועגן וועטער קומט ער ריידן. מען דאַרף אַרויפציִען אַוואַנטאַזש.

לידינקאַן גלוסט זיך וויינען ווען זי צעקעמט דער מוטערס שיטערע הערעלעך אַפן קליינעם ציטערנדיקן קאָפּ. די אַלטע ראַמט זיך אויף מיט אירע ציטערדיקע הענט, אַ שטאַלצע און אַ נעבעכדיקע.

ווי נאָר אָבער לידינקאַ איז אַף יענער זײַט טיר, רעדט זיך די אַלטע פונאַנדער באַרימעריש אויפגעלעבט:

זאָג איך, האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און וויל זיך לערנען... יאָ, ווי דו זעסט, האָב איך מיר דאָ מײַנע פריידן.

סערגיי ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. ווי נעבעכדיק ער זעט זיך אַליין אויס!

— פאַרשטייט זיך, ניטאָ קיין געזעלשאַפט. ניטאָ קיין קאַדרן. איינער פאַר אַלע — איז ניט קיין איניען. איז אָט טראַכט איך טיילמאָל. עס קומען דאָך מענטשן אַהער — ס'איז זיי אינטערעסאַנט, אָט ווי דו. טראַכט איך — וועט אַמאָל קומען אַ גוטער מענטש, וועט אַ קוק טאָן און וועט זאָגן: לאָמיר זײַן פרײַנט, לאָמיר נעמען באַוועגן צוזאַמען...״

סערגיי ווערט רויט.

— עס מאַכט ניט, עס מאַכט ניט. שרעק דיך ניט. ביסט נאָך יונג. וועסט ניט בלײַבן. דו קענסט עס נאָך ניט פאַרשטיין. וועסט עלטער ווערן, וועסטו אַרבעטן — וועסטו זיך אַליין דערוויסן: פאַראַן אַמאָל אַ גײַסטיקער פאַרגעניגן, ווען דו דאַרפסט קיין שום הויפטשטאָט ניט האָבן. אָט האָסטו אויסגעהאָדעוועט, צוגעטוליעט, און עס באַקומען זיך פרוכט, וואָס נאָך אַזעלכע ניט געווען. איך רייד וועגן מענטשן. אַ גאַנץ פאָלק איז פונסנײַ געבוירן געוואָרן. גיליאַקן — ווי מען האָט זיי פריִער גערופן, און זיי אַליין רופן זיך — ניווכי. אַ מענטש, הייסט עס...

סערגיי איז אַוועקגעפאָרן, ביז די ברעגעס פול מיט אײַנדרוקן און מיט אַ האָפענונג, אַז אויך ער קען — קען און דאַרף — סאָפּקאָלסאָף אַרויסדראַפען זיך אַף אַ פעסטן באָדן פון עמעסער, שעפערישער טעטיקייט. בעיס ער זיצט אין דער קאַבינע, זײַט באַ זײַט מיט דעם זאַרגלאָז־פרײַפנדיקן קאָסטיאַ, טראַכט ער וועגן די ווערטער פון דעם קוטשעראַוון. דערנאָך דערמאָנט ער זיך נאָטן און זײַן נאַיִוון טרוים איבערצולייענען אַלע ביכער, דעם „געגאַנוועטן״ וואָליאַ, פעדאָטאָוון אַף דעם לייטערל, מיט די באַגײַסטערטע אויגן: „און איך וועל מיך דערשלאָגן!״ דעם טעכניקער, וואָס ציילט די פיש אין טײַך. דעם אומגעצוימטן דאַראַניבען און ניושקאַן, וואָס יענער האָט זי צוגענומען באַם מיליציאָנער און האָט זי אַוועקגעפירט צו קאָלקאָן: „אַ פאַמיליע־זאַך, און איך זאָל צוליב דעם פאַרלירן דעם בעסטן מאָטאָריסט...״ און ווײַטער, ווײַטער: מאַראָזאָוו, קוזגלאָוו, טאָניאַ, סיאָמאַ אַלטשולער, גרישאַ איסאַקאָווס פערזן, טאַראַס איליטשן באַם שטײַער...

ער איז איבערפול און אין דער זעלביקער צײַט פילט ער זיך אויסגעליידיקט. אין זײַן לעבן איז גאָרנישט ניט געווען. ניט די היים (אַהין האָט איצט קיין זין ניט זיך אומצוקערן), ניט קיין קאָמיוג (מען האָט אים שוין לאַנג אויסגעשלאָסן), ניט קיין אַרבעט, ניט קיין כאַווײרים, ניט קיין צוקונפט...

דער אויטאָמאָביל איז אַרײַן אין דער טײַגע, איבערן וועג הענגען פינצטערע צווײַגן. מיטאַמאָל לאָזט זיך אַרונטער די נאַכט. פאָרויס אַ נײַער נאַכטלעגער אונטער אַ פרעמדן דאַך, מיט פרעמדער גאַסטפרײַנטלעכקייט, וואָס ער באַקומט זי ווי אַן אַרײַנגעריסענער, וואָס האָט דערויף קיין רעכט ניט. וועט דאָס זײַן אין אַדאָ טימאָוואָ, אין דערבינסק, נאָך ערגעץ? אים איז אַלץ איינס. ער באַגריסט די נאַכט. זי פאַרשטעלט פאַר אים אַלץ, אַ כוץ די געדאַנקען וואָס ווערן אַלץ העלער און אַלץ שאַרפער. און ער גייט אַנטקעגן אָט דעם אומבאַקאַנטן געפיל פון אײַנטראַכטן זיך אין זיך. ער באַגרײַפט איצט צום ערשטן מאָל אַז ער מוז זיך אַרײַנטראַכטן.

II

קאָליאַ פּלאַט און יעפּיפּאַנאָוו ווײַנען צוזאַמען און האַלטן זיך פּרײַנט. און זיי זײַנען אויך פּרײַנט. נאָך אײן ווענ, ווען קאָליאַן איז באַפאַלן אַן אַנגסט, האָט ער דערציילט יעפּיפּאַנאָוו וועגן זײַנע אומגליקן און יעפּיפּאַנאָוו האָט זיך אָפּגערופן אַף זײַן פּרײַנטס אומגליקן מיט דעם גאַנצן ברען פון זײַן גרויס און איידל האַרץ. אין די ערשטע וואָכן לעבן אין די געצעלטן, ווען די קעלט האָט דורכגענומען די ביינער, האָט יעפּיפּאַנאָוו זײַן פּרײַנט צוגעדעקט מיט זײַן קאָלדרע, האָט אים אָפּגעטראָטן זײַן בעטל וואָס איז געשיצט געווען פונעם ווינט טיף אינעם געצעלט.

קאָליאַ איז אים געווען דאַנקבאַר און ער האָט געענטפערט, וויפל ער האָט געקענט, מיט פּרײַנטלעכער גרייטקייט. נאָר זײַנע מעגלעכקייטן זײַנען געווען נים קיין גרויסע. בעטעווע אַן עגאָיסט, האָט ער זיך נים געקענט אָפּגעבן מיט גאַנצן געפיל. געגאַנגען איז ער זיין לעבן ווי אַ קליינינקער באַלעבאָס איבער זײַנע פעיקייטן, סייכל און אַקשאָנעס, און האָט זיך געשטעלט באַשטימטע צילן — זיך דערשלאָגן צו אַ וואָס בעקאָוועדיקערן אָרט אין זײַן פּראָפעסיע, פירן אַ געזיכערט לעבן און כאַסענע האָבן מיט לידינקאַן. אַלץ דאָס איבעריקע וואָס די אומשטענדן און די סוויווע האָבן אַרײַנגעבראַכט אין זײַן באַוווסטזײַן האָט בלויז דערגאַנצט, נאָר נים געענדערט זײַנע גרונטצילן. ער איז אַרײַנגעטראָטן אינעם קאָמיוג דערפאַר וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר פּרינציפּיעל נייטיק אַ הײַנטצײַטיקן אַרבעטער צו זײַן באַטייליקט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און האָט אַלע פאַרגעבונגען פונעם קאָמיוג אויסגעפירט אַרנטלעך, ער האָט אָבער פּלײַסיק נאָכגעקוקט מען זאָל אים נים איבערלאָדן מיט אַרבעט, און ער האָט געקענט מיט אויטאָריטעט פאָדערן אַכטונג צו זײַן צײַט, אונטערן אויסרייד פון זײַן אַרבעט אַף דער העכערונג פון זײַן קוואַליפיקאַציע. ער האָט זיך געצויגן נאָך די אינזשעניערן און מײַסטערס פונעם אַלטן טיפּ און האָט אַרויסגערופן בײַ זיי האַסקאָמע מיט זײַן ערנסטקייט. ער איז אַליין געווען אַ זון פון אַ טעכניקער־פּראַקטיקער, וואָס האָט זיך זייער הויך געשאַצט, און דער בײַשפּיל פונעם פאָטער איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן.

— פאַרוואָס ביסטו נים געגאַנגען אין וווז (העכערער בילדונגס־אַנשטאַלט), דו אַזאַ פעיקער ? — ווונדערט זיך יעפּיפּאַנאָוו.

— לעבן אַף סטיפּענדיע — צו וואָס ? — ענטפערט קאָליאַ — איך וויים מער פון די יונגע אינזשעניערן. מען שעצט מיך אויך אָן אַ דיפּלאָם. און איך פאַרדין מער פון זיי.

ער האָט מיט אַן עמעס גוט געקענט זײַן אַרבעט, איז שנעל געשטיגן אין די קאַטעגאָריעס און האָט זײַן געלט אויסגעגעבן מיט סייכל, שטענדיק אַף די בעסטע און שטאַרקסטע זאַכן.

די באַגעגעניש מיט לידינקאַן איז פאָרגעקומען פונקט דעמאָלט ווען ער האָט גערעכנט, אַז ס'איז צײַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ ווײַב, און האָט זי שנעל אָפּגעשאַצט : זי איז אַ שיינינקע, אַ פריילעכע, אַ טיכטיקע, אַ קלוגע. נאָר ער האָט זיך פאַרליבט אין איר מער ווי אים האָט זיך געוואָלט און לידינקאַ האָט באַוויזן אים אַרויסצושטויסן פון דער קאָלייע רויק־געמאָסטענעם לעבן. קאָליאַ פּלאַטס קאָרטעזשירן זי, האָט געשמייכלט איר אייגנליבע, דערמיט וואָס קאָליאַ האָט זיך גערעכנט אָפּן זאָוואָד אַלס ערנסטער און וואַקסנ־

דיקער ספּעציאַליסט. קאַליאַ איז אַרײַנגעפאַלן אינעם רינג פון אירע אַנהענגער, אין דער אַטמאָספער פון לידלעך מיט גיטאַרע, טענץ, שפּאַסן און שטיפערײַען. צוערשט האָט לידינקאַ געפּרוּווט אים אַרײַנציִען אינעם אַלגעמיינעם קרײַז, דערנאָך האָט זי געלאַכט פון אים, דערנאָך האָט זי זיך פּאַראינטערעסירט מיט זײַן שווײַגעדיקייט, וואָס יונגע מיידלעך נעמען אָן פאַר אומגעווײַנלעכקייט, דערנאָך האָט זי זיך אײַנגעליבט. לידינקאַ האָט זיך געקווענקלט מיט איר פאַמיליע־לאַגע און אויך דערמיט וואָס זי האָט געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר איר מוטער איר אַרײַנטרעטן אין קאָמיוג. נאָר קאַליאַן איז לידינקאַס פאַמיליע־לאַגע געפעלן געוואָרן: אָנשטענדיקע אײַנגעאָרדנטקייט, גוט אײַנגעשטעלטע באַלעבאַטישקייט, דער מוטערס שטרענגקייט — דאָס איז פאַר אים געווען אַ גאַראַנטיע פונעם מיידלס גוטער אויפפירונג.

די מוטער האָט אַלץ אָפטער געקרענקט, דערנאָך האָט זי זיך אויף לאַנג אָוועקגעלייגט אין שפּיטאָל. לידינקאַ האָט אַפילו ניט געוואָלט הערן פון כאַסענע האָבן ביז די מוטער וועט געזונט ווערן. קאַליאַ איז געוואָרן נערוועיש און צודרינגלעך. לידינקאַ האָט זיך געפילט שולדיק. אין איינעם פון די טרויעריקסטע אָוונטן, ווען דער מוטערס לאַגע האָט אויסגעזען צו זײַן האָפענונגסלאָז, און קאַליאַ באַזונדער אַנטוישט און באַליידיקט, האָט קאַליאַ מיטגעריסן מיט זיך די צערודערטע לידינקאַ און זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן. ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט, נאָר זײַן אײַנגעבוירענע אײַנגעהאַלטנקייט האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט און אויב ער איז זיך באַגאַנגען מיט לידינקאַן, ווי ער אַליין האָט מוידע געווען, ניט גאָר אָרנטלעך, איז עס געווען אַרויסגערופן ניט מיט דעם אויסבראַך פון זײַן לײַדנשאַפט, נאָר מיט דעם באַוווּסטזיניקן שטרעבן זי צו פאַרפעסטיקן פאַר זיך פאַר יעדן פרײַז. ער האָט מוירע געהאַט אַז לידינקאַ וועט זיך פון אים אַרויסדרייען.

די מאָביליזאַציע אָפן ווײַטן מיזרח האָט צעקלאַפּט זײַנע פּלענער. אים איז אַפילו אָפן געדאַנק ניט געקומען זיך אָפּצוזאָגן פון דער רײַזע. ער איז געווען דיסציפּלינירט ניט מון זײַן באַוווּסטזײַן, נאָר פון זײַן כאַראַקטער, וואָס איז ניט גענייגט צו קאָמפּליקטן. ער האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז אָפן ווײַטן מיזרח וועט ער פאַרנעמען אַ נאָך מער בעקאָוועדיקן אָרט, אַז די אַלטע וועט סטאָפּקאָלסאָף שטאַרבן און לידינקאַ וועט קומען צופאָרן. לידינקאַס בריוו האָבן באַשטעטיקט, אַז זי האָט אים ליב און אַז זי רײַסט זיך פאָרן. נאָר אים האָבן געשראָקן די אָן צאָל אַנהענגער, וואָס דרייען זיך אַרום לידינקאַן. עס קען זיך דאָך געפינען אַן אויסוואָרף, וואָס זאָל באַוויזן אויסצוניצן דעם מיידלס איינזאַמקייט? וועט זי זיך ניט נאָכגעבן? די שטרענגע דערציִונג קען נאַטירלעך שפּילן דערבײַ אַ ראָל... נאָר דאָס האָט דאָך ניט געשטערט לידינקאַן זיך צוזאַמענקומען מיט אים, מיט קאַליאַן, פאַר דער כאַסענע?.. און מיט אַן עמעצן, ווי ער דערמאָנט זיך, האָט עס אים ניט געקאָסט קיין איבעריקן אָנשטרענג.

יעפּיפאַנאָוו ווײַזט ניט אַרויס קיין שום נײַגעריקייט צו זײַן כאַווערס אינערלעכער וועלט. נאָר אַליין האָט ער פאַרטרויט קאַליאַן זײַנע זאָרגן: קלאַוואַ מעלניקאָוואַ איז אַזאַ ווײלע, נאָר זי האָט ליב אַן אַנדערן! אויף יעפּיפאַנאָווס אָפּנהאַרציקייט, האָט קאַליאַ ניט ווילנדיק געענטפערט מיט אַן אָפּנהאַרציקייט — יעפּיפאַנאָווס מיטפילנדיקע אויפמערקזאַמקייט האָט אים גרינגער געמאַכט. נאָר קאַליאַס מאָטיווירונגען ווונדערן אים און ברענגען אים צום שטוינען.

— וואָס רעדסטו, ברודער, — זאָגט אים יעפּיפּאַנאָוו מיט אַ צאָרן, וואָס איז פֿאַרווייכט בלויז מיט זײַן אַנגעבוירענער גוטהאַרציקייט — זי האָט דאָך דיך ליב! און ווי איז עס מעגלעך, — זי האָט דאָך דיר געגלויבט און דערפֿאַר ביסטו זי כּוישעד?

קאָליאַ איז איבערראַשט, נאָר ער טרעט ניט אָפּ.

— אויב זי האָט געקענט איין מאָל נאָכגעבן, איז ווער קען אָרעוו זײַן?...

דער סאַך פֿון די שמועסן איז דאָס וואָס יעפּיפּאַנאָוו פֿאַרדריסט פֿאַר לידינקאָן (זי מאָלט זיך אים אַזאַ ווי קלאַווע, וואָס האָט ליב מיטן גאַנצן האַרצן), ער פֿאַראורטיילט קאָליאַן און קומט צום שלוס אַז קאָליאַ איז ניט ווערט זײַן גליק. יעפּיפּאַנאָוו ליגט באַהאַלטן אינעם געצעלט און קוקט דורך אַ שפּאַלט אויפֿן באַגאַנטיקן הימל. ער זעט פֿאַר זיך אין דער שײַן פֿון די שטערן און פֿון דער לעוואָנע ווונדערלעכע שטריכן פֿון מיידלשע פּענעמער, אין וועלכע קלאַווע מעלאַנכאָליש אַנבליק ווערט דערגאַנצט מיט דעם בלאָנדן צאָפּ פֿון דער אומבאַקאַנטער לידינקאַ, אָבער אומבאַדינגט לידינקאַס. און ער טראַכט דערפֿון אַז עס וועט זיך נאָך געפֿינען אַזאַ, דערווײַל נאָך אַן אומבאַקאַנטע, נאָר עפּעס ווי אומבאַדינגט עקזיסטירנדיקע מיידל, וואָס וועט אים ליב באַקומען.

— דו זײַ צוריינגלעבער, קרוגלאָוו האָט זי דאָך ניט ליב, — ראָט אים קאָליאַ און ער וווּנדערט זיך וואָס יעפּיפּאַנאָוו פּרוּווט זיך נאָך ניט אָפּצוגע־ווינען קלאַוועס האַרץ.

יעפּיפּאַנאָוו ווערט רויט ביז טרערן.

— ניין, ברודער, עס וועט גאָרניט אַרויסקומען... וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידן. דאָס וואָס איז ניט פֿאַר מיר, איז ניט פֿאַר מיר.

די צוויי גוטע ברידער פֿאַראַכטן זיך איינער דעם צווייטן וואָס שײַנער ליבע, נאָר זיי פֿאַרבלײַבן גוטע פֿרײַנט און קומען צווישן זיך אויס. יעפּי־פּאַנאָוו האָט געקענט באַרויקן קאָליאַן דעמאָלט ווען די אַרבעט באַם קאָר־טשעווען האָט אים פֿון געדולד אַרויסגעבראַכט. קאָליאַ איז ביצלעך געווען יעפּיפּאַנאָוון מיט זײַן טעכנישן וויסן, ווען יעפּיפּאַנאָוו איז אַריבער אויפֿן מאָנ־טאַזש פֿון דער עלעקטראָסטאַנציע און זײַן דאַרשטיקער מויעך האָט געזוכט צו פֿאַרטרעטן דאָס פֿעלן פֿון דער צוגרייטונג. צוזאַמען האָבן זיי — יעפּי־פּאַנאָוו מיט ברען און קאָליאַ מיט קאַלטער עקשאָנעס — זיך באַטייליקט אינעם אויפֿבוי, אויסער די אַרבעטשעען, פֿונעם ווינטער־באַראַק, האָבן זיך צוזאַמען אין אים באַזעצט און האָבן אויסגעפּוצט זייער צימערל מיט דעם גאַנצן מעגלעכן גלאַנץ.

נאָר ווען זיי זײַנען צוריק פֿונעם שאַלאַש, וואָס איז איבערפֿול געווען מיט טאָפּטשאַנעס, און האָבן זיך דערזען אַליין אין צווייען, האָט זיך טייקעף אַרויסגעוויזן אַז צווישן זיי איז ניטאָ קיין שום געמיינשאַפֿטלעכס, אַז צוזאַ־מען האָבן זיי ניט וואָס צו טאָן, אַז זיי שטערן זיך גאָר איינער דעם צווייטן. מיטן אָנקומען פֿונעם האַרבסט האָט זיך זייער איינציקע געמיינזאַמע פֿאַר־ווײַלונג — דאָס שווימען — פֿאַרענדיקט. אינעם איבעריקן האָבן זיי פֿאַר־שיידענע געשמאַקן און נייגונג. קאָליאַס פּעדאַנטישע פּינקטלעכקייט רעגט אויף יעפּיפּאַנאָוון: אים פֿאַרדריסט און ער לאַכט דערפֿון וואָס דעם פּאָל אָפּוואַשן אָדער די וועש אויסוואַשן איז בײַ קאָליאַן אַ גאַנצע געשעעניש, וואָס קאָליאַ קאַרטשעט זיך מאַרטירעריש איבער דער נאַסער שמאַטע און קען זיך ניט באַדינען אַזוי שנעל און פֿרײַלעך ווי יעפּיפּאַנאָוו איז געוווינט מיט זײַן רויט־

פּלאָטישער געניטקייט. נאָר מער ווי אַלץ האָבן אים דערעסן קאָליאַס שטענ־דיקע באַמערקונגען:

— פֿונדעסטוועגן איז עס צום שטוינען וואָס מען רופֿט אַרויס אַ ספּעציאַליסט איידער מען גרייט פֿאַר אים צו די עלעמענטאַרע באַדינגונגען. מען וועט באַלד מוזן רייניקן די מיסט־גריבער.

יעפּיפֿאַנאָוו האָט ניט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין קאָליאַס פּרעטענזיעס. אַ קאָמיוגיסט, אַן אַרבעטער — פֿון וואַנען נעמט זיך צו אים אָט דער עגאָיזם, אָט דער קאַלטער קאַריעריזם?

זיי קריגן זיך ניט, ווײַל יעפּיפֿאַנאָוו איז צו גוטהאַרציק און מעיושעוודיק, און קאָליאַ איז צו רויק. נאָר די געוועזענע פֿרײַנטשאַפֿט איז אַוועק. איצט, אַז קאָליאַ באַקומט אַ בריוו מיט אַ לעבינגראַדער שטעמפּל, לייענט ער אים איבער פֿאַר זיך און באַהאַלט אים, און דעם פֿרײַנט זײַנעם ווײַזט ער אים ניט. און ווען יעפּיפֿאַנאָוו קומט אַהיים נאָך אַ לענגערן שפּאַציר מיט קלאַוואַן, זיפֿצט קאָליאַ אָפּ אין דער שטיל און דרייט זיך אום צו דער וואַנט.

יעפּיפֿאַנאָוו דערוויסט זיך אינעם קאָמיטעט פֿונעם קאָמיוג, אַז קאָליאַ פּלאָט באַמיט זיך וועגן אַ צימער אינעם הויז פֿון די אינזשעניערן־טעכניקער. קאָליאַ האָט אים וועגן דעם גאָרנישט ניט געזאָגט. פֿון גוטסקייט דערשרעקט זיך יעפּיפֿאַנאָוו דערפֿון וואָס ער שטער׳ט זײַן פֿרײַנט אַרויסצורופֿן צו זיך זײַן קאַלע און אין אָוונט רופֿט ער זיך אָן אַ שולדיקער צו קאָליאַן:

— דו באַמיסט דיך אומזיסט, פֿרײַנט מײַנער. אין דעם טאָג ווען לי־דינקאַ וועט קומען, פּאַקעווע איך אײַן מײַנע זאַכן און איך בין שוין ניטאָ. באַ־טראַכט דאָס צימער פֿאַר דײַנס — און שטעל אַ פּינטעלע.

נאָר קאָליאַ ענטפֿערט מיט פֿאַראַכטונג:

— אַהער אַרײַנברענגען מײַן ווײַב? אין דעם שטאַל?

לידינקאַס געשטאַלט האָט גענומען טונקל ווערן. יעפּיפֿאַנאָוו זעט זי שוין אַן ענלעכע צו יענע אינזשעניערישע ווײַבער, וואָס האָבן געאַכקעט און געוויינט ווען זיי זײַנען געקומען אַף דער בויונג, און האָבן געערגערט די מענער מיט אוממעגלעכע פֿאָדערונגען. נאָך אַלעמען, אויב לידינקאַ קלײַבט זיך כאַסענע האָבן פֿאַר קאָליאַן, מוז זי זײַן אַזאַ ווי ער.

סערגיי גאַליצינס דעזערטירן האָט אויפֿגערודערט ביידע כאַווײרים. יע־פּיפֿאַנאָוו איז געוועזן אויסער זיך וואָס ער האָט זיך ניט צוגעקוקט צו סער־גייען, וואָס ער האָט ניט געווירקט אַף אים, וואָס ער האָט ניט באַוויזן אים אָפּצוהאַלטן פֿון דעם פֿאַרברעכערישן שריט. קאָליאַ פּלאָט האָט אויפֿגענומען סערגייס דעזערטירן גאָר אַנדערש. פֿאַר אים איז סערגיי פֿאַר אַלעמען אַ באַן־אַרבעטער, אַ ספּעציאַליסט, וואָס האָט זיך געפֿונען, ווי ער, אין ניט געהע־ריקע באַדינגונגען. גאַליצין האָט זיך ניט געוואָלט צופּאַסן צו די באַדינגונגען און איז אַוועקגעפֿאָרן. פֿאַרוואָס־זשע פֿאַרבלײַבט ער, ניקאָלײַ פּלאָט, אַ מע־כאַניקער פֿון דער אַכטער קאַטעגאָריע, וווינען אינעם פּרימיטיוון באַראַק, און טוט ניט אויס אַף באַנאַכט די פֿוישטן, ווײַל עס ציט אַ קעלט פֿונעם פּאָל? עמעס, ער אַרבעט שוין לאַנג אַף אַ ספּעציאַליטעט — „ביכלאַל אַף אַ ספּעציאַליטעט״, גיט ער צו. נאָר צי דען שאַצט מען אים אָפּ, איז ער דען פֿאַרזאָרגט מיט לעבנס־באַקוועמלעכקייטן?

— נאָר דו ביסט דאָך, ערשטנס, אַ קאָמיוגיסט! — זאָגט יעפּיפֿאַנאָוו.

— יאָ, — איז קלאָיאַ מאַסקים נאָכקלערעריש — אַנטלויפֿן איז ניט

קאָמיוגיסטיש. איך וואָלט עס ניט געטאָן. נאָר, פון דער אַנדער זײַט, — וואָס זאָל מען טאָן, ווען דער קאָמיוג זאָרגט ניט פאַר דיר?

ס'איז צום ערשטן מאָל ווי יעפּיפאַנאָוו צעהיצט זיך אַף אַן עמעסן:

— וואָס מער כ'קוק אַף דיר, אַלץ מער וווּנדער איך מיך — וואָס ביסטו, צום טײַוול, פאַר אַ קאָמיוגיסט! עס ווערט איבלדיק מיט דיר צו רײדן. די קלײנבירגערלעכקייט פּילט זיך פון דיר, אַזש עס נעמט דרייען באַם האַרצן.

— פונדעסטוועגן, — ענטפערט אים קאַליאַ קאַלטבלוטיק — האַלט מען מיך פאַר אַ לײַטישן מענטשן, און דו האָסט דיך אויפגעפירט אַזוי, אַז דו האָס פאַרדינט אַ שטרענגן אויסרייד מיט אַ וואָרענונג.

יעפּיפאַנאָוו האָט דער אָטעם געשטיקט. די ציגל־גבֿיווע איז די שאַנד פון זײַן לעבן. ער טראַכט באַ זיך אַז ער מוז אויפטאָן עפּעס אַ גרויסע העלדישקייט, וואָס זאָל אים פאַרשאַפן רום און ליב, און דעמאָלט וועט ער זאָגן: „מען דאַרף מיר קיין קאָוועד ניט אָנטאָן, ברידער, בעסער נעמט אַראָפּ פון מיר דעם אויסרייד, ערן־וואָרט, איך האָב פאַר אים אָפּגעאַרבעט!"

איין מאָל קומט אָן אַ טעלעגראַמע פון לידינקאַן. יעפּיפאַנאָוו געפינט זי אונטער דער טיר, ווען ער קומט פון דער אַרבעט. דאָס צונויפגעלייגטע און פאַרקלעפּטע בייגעלע פאַפּיר דערשרעקט אים. יעפּיפאַנאָוו צווינגט זיך אַוועקלייגן די טעלעגראַמע אַפן טיש און גייט אַרום און האָט קיין קויעך ניט פון עפּעס אַנדערש צו טראַכטן. עפּעס איז דעם אַרעמען מיידל געשען. איז די מוטער געשטאָרבן? איז זי אַליין קראַנק געוואָרן? נייטיקט זי זיך אין הילף? פאַרט זי אַרויס?

און קאַליאַ קומט אַלץ ניט.

יעפּיפאַנאָוו קען מער ניט אויסהאַלטן. ער דרייט די טעלעגראַמע אין די הענט, ער פאַרבייגט אַן עק און באַמיט זיך זי איבערצולייענען. עס וואַרפט זיך אים אין די אויגן די ווערטער: „גרייט מיך אָפּפאָרן". ער האָט זיך אַזוי דערפרייט און איז אַזוי צעררודערט געוואָרן, אַז ער האָט פאַרגעסן די פאַרזיכטיקייט און האָט איבגעריסן די באַנדעראָלקע. דערנאָך האָט ער דעמאָלט נאָך ווערטער: „מאַמאַ געשטאָרבן". ער בייגט דעם קאָפּ פאַר פרעמדן צאַר. אַרעם מיידל, זי וויינט אַוואַדע... לידינקאַ פרעגט נאָך וויאַזוי זאָל זי פאָרן צו קאַליאַן. אירע ווערטער זעען אים אויס הילפלאָז און טרויעריק, פול מיט באַדײַטונג: „טעלעגראַפיר וויאַזוי דערפאָרן צו דיר". ער שטעלט זיך פאַר איר איינזאַמקייט, איר אומזיכערקייט, איר לײַדנשאַפטלעכן בעטן הילף... וויאַזוי דערפאָרן צו דיר?... נאָר דערפאָרן!... נאָר ניט זײַן אַליין...

יעפּיפאַנאָוו פילט זיך אַזוי שטאַרק און אַזוי מעכטיק געזונט, אַז די מיידלעך שטעלן זיך אים פאַר שרעקלעך שוואַך זיי זײַנען אַזוי קליין, אַזוי ניט פעסט, זיי האָבן אַזוינע איידעלע ביינדעלעך, אַזוינע שוואַכע מוסקולן, אַזוינע קליינע פיסעלעך. זייער שוואַכקייט רירט אים אַזוי און ציט אים אַזוי. ער איז פעסט פאַרגלייבט, אַז דער כּיוון פון אַ מאַן איז צו וואַכן איבער זיי, נעמען אַף זיך אַלע זייערע זאָרגן, זײַן זייער פאַרטיידיקער און זייער העלפער. און אָט איז איצט לידינקאַ — דאָס אומבאַקאַנטע מיידל מיט דעם לאַנגן צאָפּ — איינע אַליין מיט דעם הויפּן זאָרגן וועגן דער קוורע, וועגן זאַכן, וועגן דער וווינונג, וועגן קלײַבן זיך אין וועג... ער זעט אַזוי קלאָר איר הילפלאָזיקייט אינמיטן דער פאַרפלייצונג פון די אַלע זאַכן איבערן טויטן גוף פון איר געליבטער מוטער... ווער וועט איר העלפן? ווער וועט איר אָפּטראָגן די זאַכן צום וואָקזאַל? ווער וועט וואַכן איבער איר אין צוג?

ער ליגט אָפן בעטל אַ דערשלאָגענער פון יענעמס אומגליק. ער זוכט אונטער די ווערטער, וואָס קאַליאַ דאַרף איר הײַנט אַוועקשיקן, זי צו טרייסטן: „האָב ניט קיין אַנגסט, טײַערע, קום גיכער צו מיר". „קום איך וועל דײַנע טרערן אָפּווישן, מײַן ווײַנענדע..." ניין, די ווערטער טויגן ניט, ס'פּאַסט ניט זיי שיקן צו אַ פרעמדן אין טעלעגראַף. נאָר יעפּיפּאַנאָוו טראַכט צו נײַע, נאָך מער צערטלעכע: ער האָט אַ פאַרגעניגן פון איבערכאַזערן זיי און מיט ווייטיק מודה זײַן, אַז קאַליאַ וועט עפּעס אַזוי גוט ניט צוטראַכטן.

קאַליאַ איז געקומען. נאָך פון דער טיר באַמערקט ער די טעלעגראַמע. דאַן נעמט ער צוערשט אַראָפּ בײַ דער שוועל די בלאָטיקע שטיוול און שטעקט אַרײַן די פיס אין די פּוישטן, און דאַן הענגט ער אויף אָפן געהעריקן צוואַק זײַן מאַנטל און ווי זײַן שטייגער איז, קעמט ער זיך צו די האָר מיטן קעמל ווען ער קומט צו צום טיש.

— אַזוי, — זאָגט קאַליאַ און וואַרפט אָפּ פון זיך די טעלעגראַמע — זיך אײַנגעמאַטערט הײַנט... — זאָגט ער מיט אַ געניץ און לייגט זיך אַוועק אָפן בעטל — דו שלאָפסט, אַלעקסיי?

יעפּיפּאַנאָוו פאַרמאַכט די אויגן און שווײַגט, כּדי פאַר זיך איבערצולעבן די פּײַנלעכע בושה פאַר דעם מענטשן, וואָס ליגט צוויי שפּאַן פון אים. און קלערט אויך אַזוי: אַ שאָ איז שוין ווי ער ווייטיקט פאַר אַן אומבאַקאַנטער, פאַר אַ ניט קיין געליבטער, און לעבט איבער איר צער... און דער טראַכט אַפילו ניט אַז זײַן געליבטע איז אין אַ צרה! ער פילט אַפילו ניט די אַנגסט און די הילפלאָזיקייט אין אירע ווערטער! און ניט שוין־זשע וועט ער הײַנט ניט צוגיין אין טעלעגראַף? אַ טעלעגראַמע גייט צוויי טעג... און לידינקאַ וועט, הייסט עס, נאָך דרײַ טעג בלײַבן אָן אַ טרייסט... יעפּיפּאַנאָוו שפּרינגט אויף.

— איך גיי איצט אויף דער פּאָסט, — זאָגט ער מיט אַ גלײַכגילטיקן טאָן — דו דאַרפסט גאָרניט?

קאַליאַ דערפרייט זיך, ער שרײַבט אָן אַ טעקסט, ציילט אויס די ווערטער און גיט יעפּיפּאַנאָוון ס'געלט.

יעפּיפּאַנאָוו קוקט אַפילו ניט אויף זײַן גוטן פרײַנט און גייט אַרויס אין דער נאַכט־פינצטערניש. עס שיט אַ נאַסער שניי, געמישט מיט רעגן. דער ווינט נעמט דורך מיט קאַלטער פײַכטקייט. יעפּיפּאַנאָוו שטעלט ברייטע שפּאַן, דער קאַלנער פונעם בושלאַט אויפגעשטעלט, און אין זײַן וואַרעמער דלאָניע פאַרקלעמט דער טעקסט מיט דעם געלט. ער וועט זיך באַלד דערוויסן וואָס קאַליאַ האָט אָנגעשריבן, באַלד וועט ער זיך דערוויסן סאַראַ ווערטער עס וועלן אַרויסרופן אַ פריידיקן שמייכל בײַ דעם מיידל.

אין פּאָסט שלאָגט ער זיך צו צו אַ ווינקל בײַם טיש. די פײַכטקייט וואָס ער האָט אויף דער גאַס ניט באַמערקט, נעמט אים איצט דורך.

„איצט פאָרן אוממעגלעך גיי מײַנע עלטערן וועלן העלפן זאַכן פאַרקויף ניט בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט וועל טעלעגראַפירן קושן קאַליאַ".

ניין, ס'איז עפּעס ניט דאָס... ס'קען ניט זײַן ער זאָל האָבן ריכטיק איבערגעלייענט... איז עס דאָס זעלביקע פּאַפּירל?... ער רײַבט זיך די שלייפן, הייבט פון קעלט מיט זײַנע מעכטיקע אַקסלען. ניין, אַזוי אַוועקשיקן איז אוממעגלעך. עפּשער זיצט זי איצט אין איר פּוסטער וווינונג און וויינט...

ער וויל לויפן צוריק — ער כאַפּט זיך פאַרשפּיליען זײַן בושלאַט און גייט צו דער טיר. נאָר דאָ שטעלט ער זיך פאַר קאַליאַ פלאַטס זויערן פּאָנעם

לופטן: וואָליאַ! איר ווייסט ווי זיי מאַכן... — זי גיט אַ קוק אַף טאָניאַס פּלייצע, גיט אַ ווונק אַף איר און רעדט ווײַטער:

— אָדער שטעלט אײַך פֿאַר טאָניאַן ווי אַ באַרימטע זינגערן. זי טראָגט אַ זײַדן קלייד מיט אַ שלעפּ, די הענט נאַקעט, אַף די אַקסלען אַ פוטערנער באָאַ, און שטעלט זיך אַוועק באַם ראָיאַל, גיט אַ ווונק צום פּיאַניסט ער זאָל אָנהייבן, און זי צעזינגט זיך איבערן גאַנצן זאַל: „ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ מיר, דאָס ניט רויקע, און פֿאַרנעפּלט איז דער בליק...״

לילקאַ און סאָניאַ לאַכן. טאָניאַן פֿאַרדריסט:

— נאַרישקייטן.

זי הייבט זיך אויף און גייט אַרויס.

— טרוקן ווי אַ סוכאַר! — וואַרפט איר נאָך סאָניאַ און זיפצט אָפּ. זי שרעקט זיך פֿאַר טאָניאַן.

טאָניאַ קומט צוריק מיט אַ קעסעלע קאַרטאָפל, שיט זיי אויס צו זיך אין פֿאַדאָלעק און נעמט זיי שיילן. לילקאַ נעמט אַ מעסער און גייט איר העלפֿן. קלאַוואַ און סאָניאַ שווײַגן. צוליב טאָניאַס בייזן פּאָנעם גלוסט זיך קיינעם ניט ריידן.

און מיטאַמאָל רופט זיך טאָניאַ אָן אַ ווייכע:

— מיידלעך, איך האָב אײַך נאָך וועגן מײַן מוטער ניט דערציילט?

און באַ איר איבערן פּאָנעם גייט אַריבער אַ מין פֿאַרצווייפלונג אָדער גלאַט אַ מוירע, אַז די מיידלעך וועלן איר ניט נאָכהאַלטן, ניט וועלן אויסהערן. קלאַוואַ האַלט איר נאָך:

— ניין, האָסט נאָך ניט דערציילט.

און לילקאַ בלײַבט שטיין אַ פֿאַרגליווערטע מיטן מעסער אין דער האַנט. איר וווּנדערט וואָס אָט דער סוכאַר טאָניאַ האָט אַ מוטער.

— זאָגסט דו ביסט אַליין אַ גליקלעכע, — נעמט טאָניאַ ריידן און פֿאַרמאַכט די אויגן — און איך בין פול מיט האָס, מיט קינע.

באַ לילקאַן פֿאַלט אַרויס דאָס מעסער פֿון דער האַנט.

טאָניאַ רעדט האַסטיק, מיט אַ הייזעריקלעכן קאָל, און די הענט שיילן די קאַרטאָפל, פינקטלעך און שנעל:

— יעדער איינער קען זיך האָבן זײַן אומגליק, נאָר ניט יעדערער האָט געזען אַזוינס וואָס איז אַפילע אַ ביזאָיען צו דערציילן... און איך, ווי איך געדענק מיך, האָב געלעבט אין אַן אָפּטריט. אין פּאַרק. אַ גרויסער פּאַרק געווען, אַ שטאָטישער. און דער אָפּטריט איז געווען — אַ גאַנץ הויז: איין העלפט אַ מענערישע, די צווייטע פֿאַר פֿרויען. מײַן מוטער איז דאָרט געווען אַן אויפֿראַמערן. פֿריער, עמעס, האָבן מיר געוווינט ערגעץ אַנדערש. דערנאָך איז דער פֿאָטער געשטאָרבן. געווען זײַנען מיר דרײַ קינדער, נאָך פּיצלעך: איך מיט מײַן שוועסטער און אַ ברידערל. מיר האָבן געלעבט אין דער פֿרויען־העלפט. באַ איין וואַנט די בענקלעך אין אַ ריי, מיט ווענטלעך צווישן, און באַ דער אַנדערער וואַנט אַ פענצטערל, מיט קאַלך פֿאַרשמירט. אונטערן פענצטערל האָבן מיר געוווינט. געשטאַנען איז אַ בעט און אַ שאַפקעלע. אַפן בעט האָבן אַלע פיר געגעסן און געשלאָפן. דערנאָך איז דאָס שוועסטערל געשטאָרבן, זײַנען מיר געבליבן דרײַען. דעם געשטאַנק האָט מען ניט געמערקט. צוגעוווינט געווען...

אַ רעגע שווײַגט זי, קוקט ניט אַף קיינעם און רעדט ווײַטער:

אַנדראָניקאָוון רופֿט מען צו צו דער דירעקטער קאָמוניקאַציע. יעפּיפּאַנאָוו שרײַבט איבער די טעלעגראַמע צום פֿערטן מאָל. ער וואַרט אָפּ אַנדראָניקאָוון און ווײַזט אים די טעלעגראַמע ווי אַ באַטייליקטן אין איר.

— גיט אַ קוק, כאַווער אַנדראָניקאָוו, צי אַלץ איז אין אָרדענונג.

אַנדראָניקאָוו גיט אַ קוק און איז מסכּים.

— ווי מיינט איר, עס וועט ניט אַרויסקומען קיין סקאַנדאַל?

— עס וועט ניט אַרויסקומען. זי וועט קומען — וועלן זיי זיך פֿונאַנדערקלײַבן. טאָמער ניט, זײַנען דען דאָ ווייניק כאַסאַנים פֿאַראַן!

אַזוי טאַקע איז אַוועק די טעלעגראַמע מיט קאָליאַס אונטערשריפֿט, מיט יעפּיפּאַנאָווס און אַנדראָניקאָווס טעקסט צו דער בלאָנדער לידינקאַ, וואָס וואַרט באַ זיך אין דער ליידיקער וווינונג און וויינט.

קאָליאַ פֿלאַט בעט די קוויטונג און וווּנדערט זיך:

— דאָרט זײַנען געווען ניט מער ווי צוואַנציק ווערטער, פֿון וואַנען־זשע האָט זיך גענומען פֿינף און פֿערציק?

— דאָס פֿרײַלן האָט מיר געהייסן צושרײַבן דעם אַדרעס אַף צוריק — ליגנערט אים גאַנץ רויִק יעפּיפּאַנאָוו.

— וואָס זײַנען דאָס נאָך פֿאַר אַן אויסטראַכטענישן! — איז קאָליאַ אויפֿגעבראַכט — גיב זיי וואָס מער געלט!

— דאָס איז שוין ניט מײַן זאַך. מען האָט מיר געהייסן צושרײַבן, האָב איך צוגעשריבן.

— איך אַליין וואָלט באַדאַרפֿט...

קאָליאַ רעכנט אונטער דעם כילעק אינעם באַטרעף און גיט אָפּ יעפּיפּאַנאָוון וואָס ער איז אים שולדיק. יעפּיפּאַנאָוו טראַכט זיך בייז: „נו, יאָ, אַליין!... דו וואָלסט אַזאַ שיינע טעלעגראַמע אַף דײַן גאַנצן לעבן ניט אָנגעשריבן!"

— טאָמער עפּעס, וועל איך צופֿאָרן, — כאַזערט ער איבער זײַן פֿריִערדיקן אָנבאָט — זאָל זי קומען.

קאָליאַ גיט אַ זיפֿץ, נעמט אומגיין איבערן צימער, און רופֿט זיך טרויעריק אָן:

— דו פֿאַרשטייסט ניט, אַלעקסיי. לידינקאַ איז צו אַזאַ לעבן ניט געוווינט. און ווי קען זי פֿאָרן, ווינטער, אין די פֿרעסט, אַף אַ מאַסע־צוג? דערצו, די זאַכן דאָרט, די וווינונג, דאָס מעבל... איך וועל דאָך ניט אייביק דאָ סטאַרטשען! אין לעצטן פֿאַל, וועל איך פֿרילינג־צײַט אַליין פֿאָרן זי ברענגען. נאָר דאָ איז פֿאַר איר ניט קיין אָרט.

— וויאַזוי־זשע לעבן דאָ אונדזערע מיידלעך?

— איך וואָלט מײַן פֿרוי ניט געוואָלט זען אַף זייער אָרט, — זאָגט קאָליאַ — אַן אָנשטענדיקער מענטש דערוועגט זיך ניט אונטערוואַרפֿן...

— וואָס זײַנען עס באַ דיר פֿאַר אַ ווערטער: אַן אָנשטענדיקער מענטש, אַן אָנשטענדיקער מענטש. אַ סוכאַר ביסטו... — איז יעפּיפּאַנאָוו אין קאַס.

— וואָלסט בעסער אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס מיידל איז דאָרט איינע אַליין, מיט דער פֿאַרשטאָרבענער. זי דאַרף אַ טרייסט...

יעפּיפּאַנאָווס ווערטער האָבן, קענטיק, געווירקט. קאָליאַ זעצט זיך אַוועק אַ בריוו אָנשרײַבן.

יעפּיפּאַנאָוו ליגט און הערט ווי דער בלײַער סקריפּעט, ער קוקט אַף קאָליאַס האַלדז און נאַקן און טראַכט וועגן דעם בריוו, — עפּשער איז דער

בריוו צערטלעכער, האַרציקער פֿון דער טעלעגראַמע? אינעם בריוו מעגלעך געפֿינט ער די ריכטיקע טרייסט־ווערטער? נו יאָ, אָט וועט ער געפֿינען!... אָט ווען איך מיט אַנדראָניקאָוון!...

יעפּיפֿאַנאָוו שלאָפֿט אײַן מיט דעם געדאַנק וואָס מען דאַרף שרײַבן און וואָס קאָליאַ וועט אָנשרײַבן דעם קליינעם בלאָנדן מיידל, וואָס בענקט דאָרט אין איינזאַמקייט, טויזנטער קילאָמעטער ווײַט פֿון זיי.

III

אַפֿן געהילץ־זאַוואָד איז פֿאַראַן אַ טורעמל — דער העכסטער פּונקט צווישן די ערשטע נאָך נידעריק געוואַקסענע ביניאַנים פֿון דער אויפֿקומענדיקער שטאָט. פֿון דעם טורעמל, אַן אָפֿענעם פֿאַר ווינטן און פֿאַר דער זון, זעט מען דעם גאַנצן בויונגס־פּלאַץ.

קלאַראַ קאַפּלאַן האָט ליב אַהערצו קומען קוקן און טרוימען. דאָ איז עפּעס באַזונדערס גרינג זיך פֿאָרצושטעלן דאָס אַלץ, וואָס הײַנט איז עס נאָך ניטאָ, נאָר מאָרגן וועט עס שוין זײַן. שלאַנקע קאָנטורן פֿונעם זאַוואָד וואַקסן אויס אַפֿן אָרט פֿון די פֿאַרמיסטיקטע בוי־באַציִרקן, אַפֿן אָרט פֿון די שאַלאַשן און באַראַקן. קלאַראַ זעט שוין ברייטע פּראָספּעקטן און שטרענגע געזעמלען פֿון הײַזער און שטאָט־פּלעצער.

הײַנט איז זי אַהער געקומען גאַנץ פֿרי. אין דער קילער האַרבסטיקער לופֿט איז באַזונדער דײַטלעך און העל די לאַנדשאַפֿט. די אַנלענס פֿונעם טורעמל זילבערן זיך פֿון פֿראָסט — דער ערשטער אָנזאָג פֿון ווינטער. „ווי וועט ער אויסזען, דער ווינטער?...” קלאַראַ פֿאַרגעסט די טרוימען און קוקט זיך אײַן אין די נעבעכדיקע רייען שאַלאַשן, אין די פֿאַמעלעך וואַקסנדיקע רישטאָוואַניעס פֿון די ביניאַנים.

דאָס לייטערל האָט זיך צעסקריפּעט אונטער שווערע טריט. קלאַראַ קוקט זיך ניט ווילנדיק אום און רופֿט אויס אַ פֿריידיקע:

— דו?!

מאַראָזאָוו הייבט זיך אַרויף אַפֿן טורעמל און דריקט איר די קאַלטע האַנט.

— ווי קומסטו אַהער, קלאַראַ?

קלאַראַ שעמט זיך, וועך ווייס פֿאַרוואָס, מיט אירע טרוימען, — עפּשער דערפֿאַר וואָס די הײַנטיקע לאַגע איז זייער אַן אָנגעצויגענע.

— איך בין געקומען דורכשטופּן די זעג־מאַטעריאַלן אַף הײַזער־בויונג. און דו?

מאַראָזאָוו שמייכלט פֿאַרשטאַנדיק.

— איך בין אויך געקומען דורכשטופּן די זעג־מאַטעריאַלן אַף הײַזער־בויונג... ווי־זשע קומסטו צוליב דאָך?

קלאַראַ שמייכלט, גיט אַ פֿיר מיט דער האַנט אַרום און פֿרעגט:

— און דיך?

אויך מאַראָזאָוו גיט אַ פֿיר מיט דער האַנט. זיי שטייען זײַט בײַ זײַט און קוקן אַף דער שטאָט, און זאָל זײַן יעדערער אַף זײַן באַזונדערן אויפֿן, יעדער אין העסקעם מיט זײַן געדאַנק, נאָר ביידע זעען זיי זי אַ שיינע, אַ מעכטיקע, אַ גליקלעכע.

— ווען עס קומען נײַע בויער — זאָגט מאַראַזאָוו — דאַרף מען זיי פֿירן גלײַך אַהערצו...

— איך האָב געפֿירט. דאָ איז פֿאַראַן אַ באָכערל — פּעדיאַ טשומאַקאָוו, אַ געהילף־טרײַבער. סיאָמאַ אַלטשולער האָט געבעטן אַכטונג געבן אויף אים, ער האָט געהאַט שטימונגען... ער איז ניט לאַנג פֿונעם שפּיטאָל. האָב איך אים אַהער געבראַכט און געוויזן: „קוק, און שטעל דיר פֿאָר וואָס דו וועסט זען אין פֿינף יאָר אַרום".

— איצט איז ער אַ שלאָגלער?

— נײַ יאָ.

קיין אויפֿקלערונגען זײַנען ניט נייטיק, זיי פֿאַרשטייען איינער דעם צווייטן. זיי קענען גוט די מענטשן און די פֿאַרשיידענערליי קאַנאַלן איבער וועלכע עס דערגייט צום באַוווסטזײַן און צו די געפֿילן פֿון מענטשן די גרויסקייט פֿון באָלשעוויסטישן וואָגן, פֿון באָלשעוויסטישע מיטיס.

מאַראַזאָוו פֿירט איבער מיט דער האַנט איבער די פֿאַרפּראַסטיקטע אָבלענס, ער גריבלט מיט דעם נאָגל אין דעם פֿראָסט. און פֿאַר קלאַראַן איז נאַטירלעך דאָס וואָס ער טראַכט און זאָגט:

— זאָל מען נאָר איבערשפּרינגען דעם ווינטער און דערנאָך... זיי שווײַגן.

— איך האָב גערעדט מיטן דאָקטער, — זאָגט קלאַראַ — מיט אונדזערע וויטאַמינען און דערנערונג, וועט דער ווינטער אונדז ברענגען אַ ביסל קראַנקייטס־פֿאַלן.

— גרינסן! גרינסן דאַרף מען! קלוקווע! ציבעלעס!

— כאַ גראַנאַטאַוון זײַנען זיי „אויף די רעדער", — וואַרפֿט אומפּרינצעפּלעך אַרײַן קלאַראַ — דאָס מיינט, אַז ביז פֿרילינג דאַרף מען זיך ניט ריכטן...

מאַראַזאָוו כמורעט זיך. ער קוקט ביז פֿאַר זיך. איבער די שאָרסטקע וועגן שלעפּן זיך לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט ברעטער פֿונעם געהילף־זאַוואָד און אַנטקעגן זיי ליידיקע צום זאַוואָד. באַם טויער שאַפֿט זיך אַ פֿאַרשטעקל. קלאַווע מעלניקאָווע לויפֿט אום איבער דעם געהילף־לאַגער און רעגיסטרירט די אַרויסגעגעבענע מאַטעריאַלן.

— שוין אָוועק באַ איר דער פּלעווויט? — פֿרעגט מאַראַזאָוו.

— שוין אַריבער. נאָר דאָס הערצל...

— יאָ — דאָס הערצל... — באַשטעטיקט מיט אַ זיפֿץ מאַראַזאָוו — דער שעד האָט אַ צי געטאָן קרוגלאָוון...

— וואָס קען מען מאַכן? עס טרעפֿט...

— עס טרעפֿט...

איבער די שמאָלע רעלסן האָט זיך מיט אַ שנײַדיקן פֿײַף דורכגעטראָגן אַ קליינער לאָקאָמאָטיוו מיט ליידיקע וואַגאָנדלעך. זיי גייען אין דער טײַגע, צו דער שטיינהאַקערײַ. די שטיינהאַקערײַ גופֿא זעט מען ניט, נאָר איבער די ביימער הייבן זיך די רויכלעך פֿון דעם דערפֿל אַרום איר.

— מירן עס איבעראַרדענען — זאָגט מאַראַזאָוו.

קלאַראַ פֿאַרשטייט אַז ער רעדט וועגן דער שטיינהאַקערײַ. דאָס אויסגעפֿינען די שטיינהאַקערײַ און אָרגאַניזירן די אַרבעט האָט מאַראַזאָוון געקאָסט אַ סאַך מי און קאַמף. קלאַראַ איז דאָרט די טעג געווען. ס'איז שווער געווען צו אָטעמען אין די זײַלן טרוקענעם שטיין־שטויב, דאָס גרילצן פֿון די שטיינברעכער קלעמט די באַקנביינער, נאָר קלאַראַן געפֿעלט די פּינקט־

לעכקייט און די שנעלקייט פון דער אַרבעט, די הויפּנס שטיינער און שטייב־ בראָך. דאָס קנאַלן פון די אויפרייסן. געגאַדי קאַליוושני, דער בריגאַדיר פונעם קאָמיוגישן שלאָגלער־אַפּטייל האָט זי צוגעפירט ביז דעם שיכט ווו עס האָט זיך געגרייט אַן אויפרייס. אַ געדרודער, אַ טומל. און ביז דער לעצטער מינוט אַרבעטן אַלע. געגאַדי הייבט אויף אַ רויט פענדל: געפאַר! די קאָמיוגיסטן לויפן אָפּ אַן אַ זייט. אַלע קוקן אָפּן שנור. איבערן שנור דוכט זיך ליגט אַ געל שלענגל. און מיטאַמאָל — אַ דונער, אַ קראַך, אַ זייל געדיכטער שטויב און רויך. צווישן דעם שטויב און רויך — אַרויספליענדיקע שטיינער. און נאָך איז דער שטויב ניט איינגעלייגט ווי דאָס פענדל איז שוין אַראָפּגעלאָזט און די קאָמיוגיסטן וואַרפן זיך אַף די ערטער, שלעפן צו די וואַגאָנדלעך און נעמען אַרבעטן שנעל און געמאָסטן מיט די לאָפּעטעס.

„יעדן טאָג צוויי הונדערט פּראָצענט פונעם פּלאַן", — זאָגט איר רויק געגאַדי — וואָלטן אַלע אַזוי געאַרבעט!

— וואָלטן אַלע אַזוי געאַרבעט! — כאַזערט קלאַראַ איבער אָפּן קאָל — נאָר אָט מיט ציגל...

אַ צווייטער צוג לויפט אַרויס פון דער טונעל — אָנגעלאָדענע וואַגאָנד־ לעך מיט שטיין טראָגן זיך צום בעטאָן־זאַוואָד. אין דער לויטערער לופט הערט זיך דער הילכער געדריש פון די בעטאָן־מישער. מאַראַזאָוו הערט זיך אָבן מיט פאַרגעניגן: דער אַרבעטס־טעמפּ פון די בעטאָן־מישערײַען איז אַן אויסגעצייכנטער.

— קאָמיוגיסטקעס! — זאָגט ער.

די מיידלעך פילן אין דעם בעטאָן־זאַוואָד, מיט יעדן טאָג גיבן זיי אַרויס אַלץ מער בעטאָן־פאַרמישונגען. באַ זיי איז ניטאָ קיין שלעכטע קוואַליטעט. אָפּן זאַוואָד אַרבעטן ניט מער ווי פינף מענער. און ווען מאַראָזאָוו איז געקומען אַריינגעגאַנגען אָפּן זאַוואָד, האָבן די מיידלעך ערנסט געגומען ריידן וועגן דעם, אַז דער גרונט־פעלער איז דאָס אָפּשטיין פון די מענער, מען דאַרף פירן צווישן זיי די אַרבעט. „איז וואָס־זשע מיידלעך, איר האָט אַראָפּגעזעצט אַלעמען באַטערים?" — האָט זיי מאַראָזאָוו געפרעגט מיט אַ געלעכטער. „מיר האָבן זיי גאָרניט אַראָפּגעזעצט, — זאָגן די מיידלעך — זיי האָבן זיך אַליין פאַרלוירן". מען קען זיך פאַרלירן צווישן אַזעלכע שאַרף־אויגיקע און שפּאַרנדיקע; שווער זיי נאָכצולויפן...

— דער היקער איז מענטשן, — זאָגט מאַראָזאָוו — אָט זע. די באַדינ־ גונגען זײַנען גלייכע. נאָר אין איין אָרט פאַרקלײַבט זיך אַ וואָרעם, און אַלץ גייט שלעכט. ברענגסטו צו עמעסע מענטשן, איז אַ פרייד צו קוקן.

— ווייניק מענטשן... — זיפצט קלאַראַ.

— מענטשן? מענטשן זײַנען פאַראַן — אַ גאַנץ פאָלק. און אַלע זײַנען מענטשן. די דעקן זיי נאָר אויף, ווייז זיי אַן, עפן זיי די אויגן, וועלן זיי דיר באַווײַזן.

— שוין איצט פעלן זיי...

— עס וואָלט איצט אויך געווען, נאָר פאַרקליבן האָבן זיך ווערעם, זיי טאָטשען. די פילסט ווי זיי טאָטשען?

ביידע, יעדער פאַר זיך דערמאָנט זיך אָן צענדליקער קליינע און גרויסע סקאַנדאַלן, ריסערײַען, נאַרישקייטן, וואָס האָבן געשטערט, געהאַמעוועט, גע־ שעדיקט, היגטן אַרום אַראָפּגעריסן די שלאָגלערישע אַרבעט. עפּעס איז ניט פאַרשטענדלעך, נאָר פאַראַקשנט רירט זיך דער אויפבוי פונעם האָפּמאַן־

אויוון אַפן ציגל־זאַוואָד. צוליב עפּעס דערגייען ניט, בלײַבן שטעקן אין וועג די סכוירעס. אויספּעלנדיקע מאַטעריאַלן קומען אָן אַף גיט וויכטיקע אָפּטיילן.

— מען וואָלט זיי באַדאַרפט אָט די ווערעם...

קלאַראַן רופט מען פון אונטן: קלאַוואַ מעלניקאָוואַ פּאָכעט מיט דער הענטשקע און שרײַט עפּעס.

— איך גיי! — רופט זיך אָפּ קלאַראַ אַ פריידיקע און פאַרן אַראָפּגיין זאָגט זי: — און דאָך, ווי גוט!

מאַראָזאָוו בלײַבט איינער אַליין אַפן טורעמל; אַ ווינטל באַוועגט זײַנע גרוי ווערנדיקע האָר. מיט אַ שאַרפן יונגן בליק קוקט ער נאָך ווי קלאַראַ מיט קלאַוואַן גייען אַרומגענומען איבערן הויף. קלאַוואַ רײַסט זיך פּלוצעם אָפּ און לויפט צו צום צוגעפאָרענעם לאַסט־אויטאָמאָביל. זי שרײַט אַפן שאָפער און ווײַזט דעם אָרדער, און מאַראָזאָוו שטויסט זיך אָן, אַז דער שאָפער וויל פאַרנעמען די ערשטקלאַסיקע זעג־מאַטעריאַלן אָנשטאָט די צווייטקלאַסיקע. מיט אַ צעטומלטן שמייכל פירט אַוועק דער שאָפער זײַן אויטאָ וווהין עס געהער.

קלאַוואַ דראָט אים מיטן פינגער און לאַכט. יוגנט!...

אַף דער אָזערע שרײַען די קאָמיוגיסטן, וואָס האָבן צוגעטריבן קלעצער צום געהילף־הייבער. זיי שפּרינגען איבער די קוילערדיקע קלעצער און ריזי־קירן אַרײַנצופאַלן, נאָר קיינער פאַלט ניט! זיי זײַנען פלינק און פריילעך. זיי אַליין, קענטיק, געפעלט זייער געפערלעכע שיינע אַרבעט.

מאַראָזאָוו קוקט זיי ליב נאָך, זיי און די רעזולטאַטן פון זייער מי. דער געהילף־הייבער נעמט אויף אַף זײַנע ציינער, אָן איבערשלאָג, איין קלאָץ נאָכן צווייטן. יאָ, אַזוי לאַנג עס איז אָפּהענגיק פון אָט די באָכערים, פון קלאַוואַן, פון די מיידלעך בעטאָן־מישערנס, פון געגאַדי קאַליוזשני — וועט די זאַך גיין שנעל. און וואָס בעסער עס גייט די אַרבעט, אַלץ שנעלער וואַקסן די מענטשן.

צוויי אויפגאַבעס — אויפבויען די מעכטיקע שטאָט פאַרן לאַנד־שוץ, דערציִען אַ פּרעכטיקן דאָר נײַע מענטשן. צוויי אויפגאַבעס, וואָס יעדע פאַר זיך איז ריזיק. — אַרבעט וועט קלעקן אַפן גאַנצן לעבן. און די צוויי אויפ־גאַבעס מוז מען לייזן צוזאַמען, לייזן זיי שנעל, אין וועג דערציִען און שוין אין גאַנג לאָזן די וואַקסנדיקע באַוווסטזיניקייט און פעיִקייט. יאָ, קלאַראַ איז גערעכט — ס'איז גוט! ס'איז גוט צו לעבן און צו קעמפן, טראַכטן, די קויכעס אָנשטרענגען, מיד ווערן ביז דערשעפּונג, און דאָך ווידער אויפשטעלן די קויכעס אין באַרירונג מיט דעם לעבן, מיט מענטשן, מיט כאַווײרים, — וואָס מיר צום טײַוול, מיד, ווען די לופט גופע פונעם לאַנד, די לופט פון גע־אייניקטן קאָלעקטיוו, איז ווי זויערשטאָף פאַר די לונגען! לעב, אָטעם, צעפיר דײַנע קויכעס ווי ווײַט דו קענסט, און אַלץ וועט זײַן ווייניק!

— גוט! — כאַזערט ער זיך און לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגיין די טרעפּלעך.

איינער פון די באָכערים איז דאָך אַרײַנגעפאַלן און איצט טרייסלט ער זיך אָפּ די קלעצער ווי אַ נאַסע הון.

— אָט אַ שפּרינגער! — שרײַט צו אים מאַראָזאָוו — זע פאַרקיל דיך ניט.

— קיין צײַט ניטאָ אַף פאַרקילן זיך, — רופט זיך פריילעך אָן דער באָכער — איך האָב גענומען אַ באָד אויסער דער ריי — און גאָר.

מאַראַזאָוו באַוועגט מיטן קאָפּ און לאַכט פאַר זיך ניט הויך. אַ באַלעבאַ־דיקע מונטערקייט גיסט זיך איבער אין אים — פון דער פראַסטיקער לופט, פונעם גלאַטן לויף פון די קלעצער, פון די באַכערישע געשרייען אַף דער אָזערע, פון דעם שיפעכן פונעם האַלץ אונטער די זעגן, פונעם באַכערס לעבע־דיקן ענטפער.

נאָר פאַרן אַוועקגיין כאַפּט ער זיך פונדעסטוועגן אַריין צום שעף פון דער טורנירונג:

— אַ באַכערל האָט זיך דאָרט אויסגעבאָדן — נעמט אים אַריין אין דער מאַשין־אָפּטיילונג, געצוווּנגענערהייט, זאָל ער זיך אָפּטריקענען.

IV

טאַניאַ ווערט אַזוי פאַרמאַטערט אַף דער אַרבעט, אַז זי קומט אַהיים און שלאָפט באַלד איין.

היינט איז זי איינגעשלאָפן ווי שטענדיק און כאַפּט זיך אויף ווען עס איז שוין פינצטער. זי האָט מוירע אָנצוקוקן דאָס פליסיק־אויסגעשטעלטע צימער, ווו געגאַדי האָט זי באַזעצט. זי האָט ניט געקענט זיך אָפּזאָגן פונעם צימער. דאָס וואָס איז פאָרגעקומען צווישן איר מיט סיאָמאַן, קער זיך אָן בלויז צו זיי. זי האָט קיין רעכט ניט צו זאָגן עפּעס געגאַדין, ביז סיאָמאַ וועט ניט זאָגן, ביז סיאָמאַ וועט ניט באַשליסן, און שרייבן סיאָמאַן איז אויך ניט מעגלעך. זי באַגרענעצט זיך אַף בלויז פריינטלעכע פריילעכע טעלעגראַ־מעס. און ער שרייבט איר, פריידיקע, זאָרגעוודיקע און צערטלעכע בריוו. זי האָט גאָרניט געוווּסט, אַז מענטשלעכע ליבע קען זיין אַזוי צאַרט און זאָר־געוודיק. ער געפינט אויס צענדליקער קלייניקייטן, אין וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס די ליבע. ער וואָרנט איר וועגן די סאַקאָנעס וואָס דראָען איר געזונט, געפאַרן, וואָס זי אַליין וואָלט קיינמאָל ניט געטראַכט פון זיי; דאָרט אין אָדעס האָט ער איר געקויפט אַזעלכע שטיוועלעך, און וואַרעמע רייט־הויזן, און טאָפּלטע הענטשקעס. און ער טראַכט איבער וויאַזוי וועט זי זיך אָן זיי באַגיין ביז ער וועט קומען, און בעט זי זי זאָל זיך אָפּהיטן. ער גיט איר ריינ־דיקע אָנווייזונגען, ער שטרייכט זיי אונטער מיט אַ פעטן שטריך און באַגלייט זיי מיט אַ סאַך אויסרוף־צייכנס. אין יעדן בריוו שרייבט ער איר וועגן זיין ליבע מיט איינגעהאַלטענע ניט דרייסטע ווערטער. אין אָט די ווערטער לייענט טאַניאַ אַ הייס פריידיק געפיל. ער קעמפט פאַר איר האַרץ, אַ ניט זיכערער אין איר ליבע, וואָס גאַרט נאָך גליק.

טאַניאַ פילט זיך דערשראָקן און דערדריקט. זי האָט מוירע אויפצושטיין אינדערפרי ווייל אויפשטיין מיינט דער אָנקום פון אַ נייעם טאָג, וואָס ברענגט זי נענטער צום אומגליק. זי האָט מוירע פאַר מענטשן, ווייל זיי דאַרפן זי פאַראַכטן. זי האָט מוירע פאַר זיך אַליין, ווייל זי געפינט ניט פאַר זיך קיין באַרעכטיקונג און קיין רעטונג. צוערשט דוכט זיך איר, אַז זי וועט פיינט באַקומען דאָס לעבן און די מענטשן, נאָר די פריערדיקע פאַרביסנקייט קערט זיך מער ניט אום צו איר — זי האָט זיך צו שטאַרק געענדערט, זי קוקט איצט אָפן לעבן מיט די אויגן פון אַ קלוגער פיל איבערגעלעבטער פרוי, וואָס איז גרייט צו ליידן, נאָר קען שוין ניט מער ניט ליבן. און אַלץ באַשולדיקט זי זיך, נאָר זיך! פאַרוואָס לעבט נאָר זי אַזוי אומפּראַקטיש, אַזוי אומגעלונגען, אַזוי אומגליקלעך?

ווען זי כאַפּט זיך אויף, ליגט זי אין דער פינצטער, מיט די הענט פאַרוואָרפן הינטערן קאָפּ, און רויִק אויסגעצויגן. „איך האָב ליב סיאָמאַן" — טראַכט זי זיך און וווּנדערט זיך: איז עס טאַקע עמעס? ווען־זשע איז דאָס געשען? אין שפּיטאָל האָט זי אים נאָך ניט ליב געהאַט, דאָס הייסט, ניט ליב געהאַט מיט ריכטיקער פרויען־ליבע, אין וועלכער עס גיסט זיך צונויף אין איינס די פיזישע און די גײַסטיקע צוציִונג. ווען ער איז אָפּגעפאָרן, האָט זי אים נאָך אויך ניט ליב געהאַט... ניין, דוכט זיך, געווען איז אַ מינוט... זי איז אַרויף אַף די ברעטער און האָט אים אַ קוש געטאָן און מיט אַ געלעכטער צוריק אַראָפּגעשפּרונגען. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס... דערנאָך האָט זיך אַלץ פאַרדרייט און טונקל געוואָרן... צי דען האָט די שרעק פאַר דער ווײַטערדיקער איינזאַמקייט פּלאַץ געמאַכט פאַר דעם אויפקום פון ליבע?

זי שטייט אויף און מאַכט ליכטיק, קעדיי צו פאַרטרײַבן פון זיך די שרעק פאַר דער צוקונפט. עס נעמט איר דורך די קילקייט פון דער לופט, נאָר דאָס איז איר אָנגענעם. זי גלעט זיך די לענדן, דעם בויך, זי קוקט מיט סינע אַף איר קרעפטיק לײַב. איר האַרץ איז פרייליך און ריין, ס'האָט פאַרגעסן טערגייען, ס'קלאַפּט מיט נײַער ליבע. נאָר ס'לײַב האָט ניט פאַרגעסן, ס'פילט אין זיך די פרוכט, און די פרוכט וועט וואַקסן און פאַרלענגערן די ניט־צעשטערלעכע פאַרבינדונג מיט דעם מענטשן, וועלכן זי וויל אַף שטענדיק פאַרגעסן.

זי זעצט זיך אַפן בעטל מיט טרוקענע אויגן, צו אומגליקלעך צו קענען וויינען. קיין אויסגאַנג איז ניטאָ. איר לעבן קראַכט. זי וועט ניט זײַן גליקלעך. סיאָמאַ... ווי ער וועט זיך עס אָפּקערן פון איר, ווי ביטער באַליידיקט ער וועט זיך פילן!... און געגאַדי? ער וועט זאָגן: „איך האָב דאָך געזאָגט!" ער וועט איר נאָכווינקען ווען זי וועט די גאַס דורכגיין מיט איר צעוואַקסענעם בויך.

— איך וויל ניט! — זאָגט זי אַפן קאָל — איך וויל ניט!

זי האָט זיך שוין געבעטן זי אָפּצולאָזן אַף עטלעכע טעג קיין כאַבאַראָווסק. נאָר קרוגלאָוו האָט איר אָפּגעזאָגט. „אַף וואָס דאַרפסטו? אַף דער כאַסענע אײַנקויפן? דאַרפסט אַליין פאַרשטיין, אַז אויב מיר וועלן דיך לאָזן פאָרן, דאַרף מען לאָזן אויך אַנדערע". זי האָט מאַסקים געווען מיט אים. זי האָט קיין דרײַסטקייט ניט צו ריידן מיטן דאָקטער. זי מײַדט אויס סאָניאַן, קאַטיאַן, קלאַוואַן, לילקאַן. זי איז אַליין, איינע אַליין! און נאָר אין איינזאַמקייט קען זי נאָך געפינען רו. מיט מענטשן, כאַפּט זי אַרום אַ שרעק. עס מערקט זיך שוין... וויאַזוי זאָל זי זיי דערקלערן, אַז זי האָט גאָרניט געוווּסט, אַז זי האָט ליב באַקומען סיאָמאַן, אַז זי האָט ניט געכאַפּט קיין מאַן, זי האָט אים ניט אָפּגענאַרט, ניט אויסבאַהאַלטן?

זי דערהערט טריט אינעם קאָרידאָר. עפּשער צו איר! זי לעשט שנעל אויס די עלעקטריע, קעדיי מען זאָל צו איר ניט אָנקלאַפּן, און מיט דער קאָלדרע אַף זיך, גייט זי צו צום פענצטער: „וואָס איז עס אַזוינס?" זי קוקט אַף דעם באַקאַנטן פוסטן פּלאַץ פאַרן באַראַק און דערקענט אים ניט. אַלץ איז ווײַס, פאַרפּוצט, ווי אין אַ מײַסעלע. די קויטיקע קאַלוזשעס, סטרוזשקעס, בראַכוואַרג, ליידיקע פלעשער און פושקעס, וואָס וואַלגערן זיך אַפן פוסטן פּלאַץ, זײַנען ווײַס און גלאַט פאַרדעקט. דער ביניען פון דער עלעקטראָסטאַנציע, אינגאַנצן אַ ווײַסער מיט אַ מיסטעריעזן, פון איין זײַט אָפּגע־

ווײַסטן קוימען, איז דוכט זיך אַ נײַער, וואָס זי האָט אים פריִער ניט געזען, און איז אין איין שאָ אויסגעוואַקסן ווי אין אַ קישעף־מײַסעלע. און דער קײַלעכדיקער לאַמטערן זאָגט איידעס וועגן אַן אומבאַקאַנטער שטאָט, וועגן נײַע ערטער, וואָס עפשער עקזיסטירן זיי, און עפשער זעט זי זיי אין כאָלעם.

דער גלײַכער ניט געאײַלטער שנײַי דרייט זיך ווייך און זעצט זיך אָפּ אַף דער ערד, ער רעדט וועגן רו, וועגן רו און פרידן, וועגן דעם אַז אַלץ אַף דער וועלט גייט פאַריבער. דער קלאָרער גלעטנדיקער שנײַי פלייצט פאַר טאָניאַס צעווייקטע אויגן, און דער אומגליק, וואָס זי האָט זיך אויסגעטראַכט, ווערט אַלץ קלענער, פאַרשווינדט אונטער אָט דער פלייצנדיקער רו, און אין האַרצן, וואָס איז דערווײַטערט פון דער נאַטור, וואָס איז פאַרמיסטיקט מיט אָנגעטראָגענע געוווינהייטן, דערציִונג, פאָראורטיילן, האָט גענומען ריידן די נאַטור. עס האָט גענומען ריידן די פרוי, וואָס איז שטאָלץ מיט איר מוטערשאַפט. „איך וואַרט אַף אַ קינד. ס'איז מײַן קינד. מײַן באַשאַף. די אַרבעט פון מײַן לײַב, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך ווי די גאַנצע נאַטור. וואָס קען זײַן שלעכטס, ניט ריכטיקס דערין, וואָס מײַן לײַב באַגייט?"

מען קען זיך אויסטראַכטן אומגליק, בושע, כאַראָטע, מען קען זיך פײַנט האָבן, נאָר דאָס יונגע שטאַרקע לײַב טוט זײַן אַרבעט, שאַפט נײַ לעבן, און די זאַך פון אַלע מענטשן און פון דעם לעבן גופע, אין דער ערשטער ריי, איז שיצן דאָס נײַע לעבן פון כאַראָטע, פון פאַרדראָסן, פון אומגליקן, וואָס קומען פון דרויסן, פון ניט קענען לעבן און פילן.

אַלץ זעט איר אויס אַזוי פּאָשעט, אַזוי גרינג, אַזוי לעבנסוויכטיק.

זי האָט מוירע דאָס געפיל אָנצוווערן איידער דאָס באַקרעפטיקט זיך אין איר און ווילט זיך גיין אַף דער לופט, אונטערן שנײַי, אין אוממיטלבאַרער באַרירונג מיט דער נאַטור, מיט דעם הימל, מיט דער גלעטנדיקער פרישקייט פון די שנײַיעלעך. זי טוט זיך שנעל אָן, און שוין אין דרויסן, טראַכט זי זיך, אַז גוט וואָלט געווען זיך דורכריידן מיט עמעצן אַ קלוגן און דרײַסטן, וואָס זאָל זי פאַרשטיין און זאָל איר זאָגן: „יאָ! דו ביסט גערעכט! לעב".

זי גייט איבער די פוסטע ברעטער, איבער דעם ווײַסן וועג, ווו אירע טריט דריקן זיך אָפּ מיט טונקעלע געביסן. זי גייט צום הויז פון דער דירעקציע און, פאַרבײַ דעם הויז, צום ברעג. באַ די ראַנדן פון טײַך האָבן זיך שוין געשאַפן אײַז־הײַטלעך און ווײַטער עטוואָס צוגעדריקט מיט דעם אײַז טונקלט זיך דאָס שנעלע פאַראַקשנטע וואַסער, וואָס שטראָמט צום אָקעאַן.

טאָניאַ קוקט אַ גיריקע, אַ מוטיקע, מיט אַן אַלץ פאַרשטייענדיקן בליק. זי זעט און פילט דאָס לעבן — דאָס גיגאַנטישע לעבן פון דער וועלט, וואָס איז אַ סאַך מאָל מעכטיקער און וויכטיקער ווי איר פּיצימאָנישקע לעבן. דאָס לעבן איז אַרום איר: אינעם פאַלן פונעם שנײַי, אין די קאָרפּוסן וואַקסנדיקע ביניאָנים, אינעם אומאויפהערלעכן שטראָמען פונעם וואַסער, אינעם מיסטעריעזן פראָצעס פון מענטשלעכער אויסצײַטיקונג, וואָס קומט פאַר אין איר קײַלעכדיקן עלאַסטישן בויך.

טאָניאַ פרייט זיך צום ערשטן מאָל מיט דעם קליינינקן לעבן וואָס צײַטיקט זיך אין איר לײַב. ער וועט אַרויס פון איר, וועט באַפעסטיקן זײַן דאָזײַן, וועט קוקן מיט ריינע מאָנענדיקע אויגן. און וואָס קען מען אים באַשולדיקן? וואָס איז ער שולדיק וואָס זײַן קומען ברענגט מיט זיך טרערן,

כויזעק, בושע. זײַן לעבן וועט אָפּוואַרפֿן דאָס אָנגעטראָגענע פֿון דער פֿאַר־גאַנגענהייט, ווי אַ שאָלעכץ. זײַן לעבן וועט זײַן אַ שיינס און אַ ריינס.

טאָניאַ וועט לײַדן, ווען זי וועט געבן לעבן דעם נײַעם מענטשן. דאָס וועט זײַן שטאַרקער און דויערנדיקער ווי דער פֿיזישער ווייטיק, קרומע בליקן, שמייכלען, איינזאַמקייט, דער פֿאַרלוסט פֿון דער ערשט אויפֿגעקומענער ליי־בע... נאָר אַלץ גייט דאָך איבער, ווי אַ ווייטיק, ווי דער ווינטער, ווי דאָס אײַז. און דער קליינער זון וועט זאָגן „מאַמאַ" מיט דער זעלביקער צערט־לעכקייט און באַדערפֿעניש אין אַ לאַסקע ווי אַלע קליינע זין.

טאָניאַ שמייכלט. זי שטייט באַם שאַרפֿן אַראָפּגאַנג צום ברעג, איינע אַליין צווישן די פֿאַלנדיקע שנייעלעך און דער שטילקייט. זי זעט אים קימאַט לעבן זיך, אַ פּיצל, אַ קליין בערעלע, אינעם ווײַסן קאַפּאָר, וואָס דעקט אָפּ רויטע בעקעלעך און אַ נעזל ווי אַ קנעפּל די גרייס, מיט אַ שפּילצײַג־אויטאָ־מאָביל צוגעדריקט צו דער ברוסט... וואָס גייט איר אָן גאַליצין, קאַליוזשניס פֿאַראַכטונג, רעכילעסן און קרומע בליקן! דער פּיצל מענטש וועט צו איר די הענט אויסשטרעקן און וועט זאָגן: „מאַמאַ!" און זי וועט אים קענען אויסהאָדעווען אַזוי אַז ער זאָל זי אַכטן און ליב האָבן.

דאָס גיט איר פֿרייד. נאָר דער ווייטיק בלײַבט. ווען דאָס צעעפֿנט זיך פֿאַר איר פֿריִער... איצט האָט זי פֿאַרבונדן אירע האָפֿענונגען אָף גליק מיט אַ מענטשן וואָס האָט זי ליב וואָס אַ טאָג אַלץ מער. ער פֿאָרט שוין צו איר, און איר צייט צו זײַן לײַדנשאַפֿטלעכער צאַרטקייט. ווי קען זי זיך אָפּזאָגן? און זי וועט זיך ניט דאַרפֿן אָפּזאָגן!... ער וועט זיך אַליין אָפּ־טרייסלען, ער וועט זײַן באַליידיקט, דערדריקט. ער וועט אַנטלויפֿן אין שרעק און פֿאַרצווייפֿלונג. כאָטש — אין וואָס גייט עס? פֿאַרוואָס?

אין איר פֿלאַמט אויף דאָס געפֿיל פֿון פּראָטעסט. האָט זי דען געטאָן עפּעס שלעכטס? זי האָט ליב געהאָט און איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן מיט אַ קינד. דער געליבטער מענטש האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ניט ווערט איר ליבע און איר קינד. זי האָט אים פֿאַרגעסן און האָט באַוויזן ליב צו באַקומען אַ צווייטן. קיינער האָט קיין רעכט ניט זי צו פֿאַראַכטן, זי אויסצולאַכן. זי איז אַ פֿרוי, אַ מוטער. זי האָט קיינעם קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט.

זי דערמאָנט זיך סיאָמאַן אַזאַ ווי זי האָט אים געזען דאָס לעצטע מאָל. אַ ווײַס העמד, אַ געלער קראַוואַט, די אָפּגעפּוצטע צעריסענע שיך, אויסגע־ראַזירטע באַקן און פֿלאַמיקע אויגן... זיי שטייען אַליין צווישן פֿריש אָפּ־געשניטענע פּעניקעס מיט געלע סטאַרצן... ער פֿרעגט: „און ווען גאַליצין זאָל צוריקקומען?" — און דערנאָך האָט ער זי בײַ דער האַנט צוגעפֿירט און האָט געזאָגט זײַנע כאַווייִרים: „דאָס איז מײַן קאַלע!"

און גאַליצין קומט צוריק. ער קומט צוריק אין דעם צײַטיק ווערנדיקן הויפּגדל לעבן, קעדיי צו צעברעכן, צו צעברעקלען, צו פֿאַרניכטן איר נײַ גליק.

נאָר זי וויל ניט. זי זאָגט זיך אָפּ פֿון גאַליצינען. דער זון געהער ניט צו אים, ער געהער נאָר צו איר. צו איר און צו סיאָמאַן, אויב ער וועט וועלן. פֿון ווייטיק, פֿון ניט־אײַנגעאָרדנטקייט, פֿון צווייפֿל און קויט ווערט ער געבוירן אַ ריינער, אַ קלאָרער — דער ערשטער בירגער פֿון אונדזער שטאָט. ער וועט אַרײַנטרעטן מיט זײַנע ענערגישע פֿיסעלעך אין דער צוקונפֿט, וואָס מיר בויען, אַלע, איר און איך. נעמט־זשע אים אָן — דאָס איז אײַער ערש־טער בירגער!

פול מיט אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן פאַר איר גליק און גיין צו דעם גליק, אָן מוירע פאַר גאָרניט, האָט זי אויפגעהויבן איר צעהיצטן פּאָנעם צום הימל און מיט אַלע פאָרן פון איר הויט האָט זי אויפגענומען די מונטערנדיקע קילקייט פון די שנייעלעך.

זי גייט צוריק. אין די פענצטער בײַ גראַנאַטאָוון און בײַ קלאַראַ קאַפּלאַן איז ליכטיק. זי דערמאָנט זיך וועגן גראַנאַטאָוון, נעמט איר דאָס האַרץ קלאַפּן. עס ווילט זיך איר ווידער ריידן מיט אַ קלוגן און שטאַרקן מענטשן, ער זאָל זי פאַרשטיין און זאָל איר זאָגן: „יאָ, דו ביסט גערעכט! לעב. דו דענקסט אַזוי ווי עס דאַרפן דענקען נײַע מענטשן — די מענטשן פון סאָציאַליזם”.

טאָניאַ גייט אַנטשלאָסן אַרויף אָפן גאַניק און גיט אַ צי די טיר. די טיר איז ניט צוגעשלאָסן. טאָניאַ געפינט זיך אין פינצטערן קאָרידאָר. גראַנאַטאָוווס טיר איז האַלב אָפן, קלאַראַ קאַפּלאַנס טיר — אויך. און איידער נאָך טאָניאַ באַוויזט אָנצוקלאַפּן אָדער אַ רוף צו טאָן, הערט זי אַ בעטנדיק, זיך שטיקנדיק קאָל, אין וועלכן זי דערקענט, מיט שרעק און פאַרוווּנדערונג, גראַנאַטאָוווס קאָל:

— קלאַראַ... איך בעט אײַך... זײַט ניט אַזוי גרויזאַם...

טאָניאַ איז פאַרגליווערט. דאָס דוכט זיך איר אַזוי מאָדנע. און אויך יענער פרוי דוכט זיך עס מאָדנע.

— פאַרגעסט זיך ניט, גראַנאַטאָוו! — שרײַט זי אויס — גייט אַוועק!

טאָניאַ זעט ניט וואָס עס קומט פאָר בײַ קלאַראַ קאַפּלאַן אין צימער, נאָר צוזאַמען מיט יענער פרוי פילט זי אַ בושע פאַר דעם מענטשן, וואָס זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שטאַרקן.

— איך קען ניט אַוועקגיין... — זאָגט גראַנאַטאָוו, און טאָניאַ, דוכט זיך, זעט זײַנע ציטערנדיקע ליפּן — איך קען אָן אײַך ניט לעבן... האָט איר קיין טראָפּן ראַכמאָנעס ניט?... איז עס אײַך אַזוי שווער?

— גראַנאַטאָוו! — גיט קלאַראַ אַ געשריי מיט אַ קלינגענדיקער שטימע — איר שענדעט אײַך! גייט אַוועק, וואָרעם איך וועל אײַך אָנהייבן פאַראַכטן...

טאָניאַ לויפט אַרויס אָף דער גאַס, רויט פאַר בושע. איז עס טאַקע געווען ער? איז עס מעגלעך, אַז אָט די טרוקענע הענט, וואָס זײַנען אָפּגעצייכנט מיט די שפּורן פון שטאָלצן לײַדן, זאָלן זיך שטרעקן און בעטן ראַכמאָנעס?

— ראַכמאָנעס?

— אָ, ניין!

זי גייט שנעל אַהיים, אַ זיכערע, אַ ניט נאָכגיביקע. זי וויל ניט קיין ראַכמאָנעס, קיין גענאַד, קיין נאָכלאָזונגען. ווי אַ גלײַכע מיט אַ גלײַכן וועט זי גיין אַקעגן סיאָמאַן און וועט אים זאָגן: „אָט בין איך! איך און מײַן צוקונפטיקער זון! באַשליס, טראַכט איבער, קענסטו מיך ליב האָבן? איך בעט גאָרניט. איך וועל קעמפן פאַר דײַן ליבע און פאַר מײַן זון, נאָר איך בעט גאָרניט...”

V

ווינטער איז געקומען. פון פראָסט קען מען דעם אָטעם ניט כאַפּן. אַפּן אַמור ווערן די ברעגעס אַלץ מער פאַרפרוירן, דער שטראָם טראָגט געפרוירענעם „כאַזער־פעטס״, און עס דוכט זיך, אַז אָט וועט פאַר אַלעמען אין די אויגן דער טײַך זיך שטעלן. נאָר געשטעלט האָט ער זיך אומבאַמערקט פאַר אַלעמען, באַנאַכט — מען גייט אַ קוט אינדערפרי, פאַר די אויגן שטייט אַ שאַרסטקע אײַז־פעלד, און אַ פרישער שניי באַשיט אים און גלײַכט אויס זײַן אייבערפלאַך.

אין די שאַלאַשן איז קאַלט און רויכיק. די גאַנצע נאַכט הייצט מען די רובקעלעך, אַז ניט איז אינדעפרי דאָס וואַסער פאַרפרוירן און עס איז שרעקלעך פון אונטער די קאָלדרעס אַפּירצוקריכן. אין די באַראַקן איז אַ ביסל בעסער. עס קלעקט ניט קיין האָלץ. די קאָמיוגיסטן גייען אַרויס מיט די העק און מען האַקט דיביימער באַלד טאַקע בײַ די שטיבער. געוועזן זײַנען ווערנערס באַפּעלן ניט צו האַקן קיין ביימער אינעם שטאָטישן טכום, נאָר די ביימער פאַרשווינדן איינער נאָכן צווייטן. אין די רעסטאָראַנען שפּאָרט מען פּראָדוקטן. מען וואַרט עס זאָל זיך אײַנשטעלן דער שליטוועג, קעדיי צוצוברענגען מיט דעם אַמור נײַע רעזערוון.

פון כאַבאַראָווסק פירט מען שוין צו דער בויונג רעלסן פאַר דער צוקונפטיקער אײַזנבאַן.

דערווײַל איז נאָך קיין אײַזנבאַן ניטאָ. פאַראַן זײַנען גלידלעך, אַרבעטס־אָפּטיילן, שײַטערס פאַרשנייטע. פון איין אָפּטייל צום צווייטן ציִען זיך אַף שנעל אָפּגערייניקטע וועגן. איבער אָט די וועגן קורסירן און בלײַבן פאַרשטעקט אין די אָנגעווייעטע קופּעס שניי, איבערגעלאָדענע לאַסט־אויטאָמאָבילן. זיי קומען צו צום סאַף פונאַנדערגערייניקטן וועג און וואַרטן. דאָ דאַרף מען פאַרקירעווען אַפּן אַמור, אַפּן אײַז און נאָך אַ סאַך צענדליקער קילאָמעטער פאָרן מיט דעם אײַז. און דאָס אײַז איז נאָך ניט פעסט געוואָרן. מענטשן, אויטאָמאָבילן און סבוירעס וואַרטן אַפּן אײַז.

עס הייבן זיך אָן קראַנקייטן. מען האָט מוירע פאַר צינגע.

קאַסימאָוו קעמפט מיט דער צינגע אַף זײַן אויפן — מיט באַוועגונג, בעדער, דיסציפּלין. אַף זײַן פיש־באַזע, ווו די קאָמיוגיסטן האָבן זיך צוגעאייגנט אַ נײַע וויסנשאַפט — פישפאַנג אונטערן אײַז, איז קיין איין פאַל פון צינגע ניטאָ. קאַסימאָוו ווײַזט ניט אַרויס קיין ראַכמאָנעס צו זײַנע אַרבעטער: ער לאָזט זיי ניט לאַנג שלאָפן, ער טרײַבט זיי יעדן טאָג אין באָד אַרײַן, ער צווינגט זיי פאַרנעמען זיך אַ סאַך מיט פיזקולטור און אַ סאַך אַרבעטן.

ער גייט אַרום איבער די זעמליאַנקעס, וואָס שפּרייטן זיך איצט איבער דער גאַנצער לענג פון דער פיש־באַזע און גיט אַכטונג אַף דער ריינקייט, ער הייבט אויף פון די בעטלעך די יאַטן וואָס האָבן ליב ליגן. „די פאַרטיזאַנער האָבן פון צינגע ניט געליטן, — זאָגט ער — און האָבן זיך דערנערט ערגער פון אונדז״.

אַנדריי קרוגלאָוו רופט צונויף באַראַטונגען צום קעמפן קעגן צינגע. עס פעלן אויס בעדער. מען נעמט אַף שנעל אויפשטעלן דאָרפישע בעדער. קאַטיאַ סטאַוראָוואַ און וואַלקאַ בעססאָנאָוו ווערן די פאָרויסגייער פון ווינטער־ספּאָרט. שלעכט איז מיט שליט־שיך און סקי, נאָר די סטאָלערס מאַכן

אַליין סקי, און אין די וואַרשטאַטן נעמט מען גרייטן שליט־שיך. געננאַדי קאַליוזשני מיט זײַנע פֿרײַנט האָבן אָפּגערייניקט אַ פּלאַץ צום גליטשן זיך און זיי האַלטן אים אויף אין אַ גוטן צושטאַנד. געננאַדי האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע האָקעי־שפּילער און לערנט זיי פּראַקטישנט און מיט ברען די טעכניק פֿון לויפֿן מיט די גליטשערס אַפֿן אײַז. די קאָמיוגישע רינג־אָרגאַניזאַטאָרס און בריגאַדירן שלעפּן אַרויס יעדן אָוונט זייערע יאַטן אַף לופֿט, אַפֿן אײַז, אַף די סקי. מען אָרדנט אײַן פֿאַרוועטן. נאָר אַלעמען פֿאַרנעמען קען מען ניט. מען רעדט וועגן וויטאַמינען, ווי וועגן לעבעדיקע מענטשן, מיט ליבשאַפֿט און טיפֿער זאָרג. די אָרטיקע ציבעלעס — טשערעמשאַ — ווערן שטאַרק געפֿאָדערט. די טשערעמשאַ קײַט מען, מיט טשערעמשאַ רײַבט מען אײַן דאָס לײַב. אין די באַראַקן שטייט אַ שאַרפֿער רייעך פֿון טשערעמשאַ, וואָס ווערט גאָר קיינמאָל ניט אויסגעלופֿטערט.

די וויטאַמינען זײַנען אין וועג — ע'רגעץ אַף די פֿאַרשטעקט געבליבענע לאַסט־אויטאָמאָבילן ליגן קלוקווע, עפּל, ציבעלעס, קאַרטאָפֿל. די קאָמיוגיסטן לאַכן און זײַנען בייז: „ווידער איז אַלץ אַף די רעדער, און דאָ גאָרניט".

יעפּיפֿאַנאָוו נעמט זיך לערנען אַף די שאָפֿער־קורסן, מיט אים לערנט זיך אויך קילטו. יעפּיפֿאַנאָוון דוכט זיך, אַז די שאָפֿערן פֿון די פֿאַרסטראַנעטע לאַסט־אויטאָמאָבילן פֿעלט אויס געוואַגטקייט, אַקשאָנעס, אַז מען קען זיך אויך איצט דערקלײַבן צו דער ביוונג. קאָליאַ פּלאָט לאַכט זיי אויס, איז בייז אַף זיי און זײַן גאַנצע פֿרײַע צײַט גליטשט ער זיך.

איין מאָל קומט יעפּיפֿאַנאָוו אַהיים און טרעפֿט אַן אומגעוויינלעכע אומאָרדענונג. קאָליאַס פּוישטן וואַלגערן זיך אינמיטן צימער, דער מאַנטל אַפֿן שטול אַוועקגעוואָרפֿן און קאָליאַ אַליין ליגט אַפֿן בעטל מיטן פּנים אינעם קישן אײַנגעגראָבן.

— קאָלקאַ, וואָס איז דיר? — רופֿט אים יעפּיפֿאַנאָוו.

קאָליאַ דרייט זיך אום און זעצט זיך אויף אַפֿן בעטל. ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר די ליפּן ציטערן אים און ברענגען אַרויס אומפֿאַרשטענדלעכע קלאַנגען. יעפּיפֿאַנאָוו טראַכט זיך — ס'איז פֿיבער! — און ער וויל צולייגן די האַנט צו קאָליאַס שטערן, זען צי האָט ער היץ, נאָר קאָליאַ שטויסט גראָב אָפּ זײַן האַנט און מיט אַ כּעס, וואָס איז גרייט אויסצופּלאַצן מיט טרערן, פֿאַרקאַשערט ער אַ הויז און ווײַזט אים אַ פֿוס מיט ניט גרויסע ברוינע פּלעקן.

— גיי צו צום דאָקטער...

— געוועזן!

— נו, וואָס?

— אַן אויסוואָרף איז ער, ניט קיין דאָקטער!

יעפּיפֿאַנאָוו האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קאָליאַן אַזאַ אויפֿגערעגטן, אַזאַ ניט אײַנגעהאַלטענעם. ער קוקט אַף אים מיט נײַגיר און הערט זײַנע בייזע אימפּעטיקע רייד.

— איך האָב געבעטן אורלויב. כ'קען דאָך ניט בלײַבן אין דעם גרוב! און ער זאָגט: „וואָס רעדט איר, וואָס, ס'איז באַ אײַך אין אַ לײַכטער פֿאַרעם..." דאַרף איך וואַרטן ביז די פֿאָרעם וועט ווערן אַ שווערע?! איך שפּײַ אַף אַלעמען!...

קאָליאַ בושעוועט דעם גאַנצן אָוונט. ער שילט זיך, ער וויינט, טאַפּט מיט ציטערנדיקע פֿינגער די פֿיס, באַקוקט אין שפּיגל זײַנע געזונטע ראָזעווע יאָסלעס און זוכט אַף זיי די שפּורן פֿון דער קראַנקייט.

יעפּיפאַנאָוון איז ער דערווידער און אַ ביסל איז אים אַ ראַכמאָנעס אַף אים. ער באַרויִקט קאַליאַן ווי עס איז. נאָר ווען קאַליאַ איז שוין באַרויִקט, רופט זיך קאַליאַ אָן שטיל און פאַראַקשנט:

— זיי קענען טאָן מיט מיר וואָס זיי ווילן, נאָר איך וועל דאָ ניט בלײַבן. און אַ נאַר בין איך וואָס איך בין נאָך אין האַרבסט ניט אַוועקגעפאָרן!

אינדערפרי וואָרנט יעפּיפאַנאָוו קרוגלאָוון וועגן קאַליאַ פלאַטס שטימונגען. נאָר קאַליאַ וואַרט ניט ביז מען וועט אים רופן, ער גיט אָן אַ מעלדונג וועגן דעם אַז ער פאָדערט מען זאָל אים טייקעף אָפּלאָזן אַף היילונג און מען זאָל אים העלפן אָפּשיקן קיין כאַבאַראָווסק.

דער קאָמיוגישער קאָמיטעט האָט באַטראַכט די מעלדונג פון קאַליאַ פלאַט העכער אַ שאָ צײַט. קאַליאַ פלאַט האָט אויסגעזען אַזוי ווי קיינער האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען: ער האָט זיך געזידלט, האָט געמאָנט, אין די אויגן זײַנען אים געשטאַנען טרערן. ער האָט ניט געוואָלט אויסהערן קיינע אַרגומענטן.

דעמאָלט האָט קרוגלאָוו, בלייך פאַר קאַס, אַראָפּגעצויגן זײַנע פּוישטן און האָט געוויזן קאַליאַן זײַן פוס מיט ברוין־רויטע צינגע־פלעקן.

— איז וואָס־זשע? דאַרף איך אויך לויפן? קאָמיוגיסט!

קאַליאַ איז אויך בלייך געוואָרן. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף די פלעקן און איז שווײַגנדיק אַרויסגעגאַנגען.

מען האָט איבערגעגעבן יעפּיפאַנאָוון ווירקן אַף קאַליאַן.

— ער איז פּאָשעט אַ פּאַכדן, — זאָגט יעפּיפאַנאָוו — איך ווייס אַפילע ניט ווי צו ריידן מיט פּאַכדאָנים.

און ער טראַכט פאַרדראָסיק וועגן דעם בלאָנדן מיידל, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין קאַליאַן. ווייס זי סאַראַ מענטש ער איז?

אין די ווײַטערדיקע טעג זײַנען פאָרגעקומען געשעענישן וואָס האָבן אָפּגעשטופּט דעם איניען קאַליאַ.

פון דער טײַגע איז אַף סקי אָנגעקומען דער נאַנײַער קאָמיוגיסט כאָדזשעראָ. ער האָט אויסגעזוכט קילטו און מאָאָמי און איז אײַנאייִנעם מיט זיי אַוועק צו קרוגלאָוון. כאָדזשעראָ האָט לאַנג און אָן אַ סיידער דערציילט. ער האָט גערעדט וועגן די מענטשן, וואָס „ווילן ניט די שטאָט“, וועגן נאָפט, וואָס פאַרסאַמט קלוימערשט די פיש, וועגן סטיעפּאַן פאַראַמאָנאָוון, וואָס זאָגט: „מען דאַרף ניט גאָרנישט געבן, מיר דאַרפן ניט די שטאָט, ווען זי איז נייטיק, דער זאָל געבן“, און איז דער איינציקער וואָס האָט געקענט שיסן אַף קרוגלאָוון („נאַנײַער ווען ניט שיסן, נאַנײַער ניט שיס מענטש“).

— פאַראַמאָנאָוו סטיעפּאַן איוואַנאָוויטש? — פרעגט אַנדראָניקאָוו.

— יאָ, יאָ, סטיעפּאַן איוואַנאָוויטש! — דערפרייט זיך כאָדזשעראָ.

— אַיַער טאַראַס איליטשעס באַלעבאָס, — קלערט אויף אַנדראָניקאָוו

— מיר זיצן דאָ איצט אין זײַן געוועזענעם הויז. יאָ, ער דאַרף די שטאָט ניט האָבן. און ווו איז זײַן ברודער?

כאָדזשעראָ קען ניט קיין ברודער.

— פאַראַן, פאַראַן אַ ברודער. אַן אָפיציר געווען, — זאָגט אַנדראָניקאָוו — נאָך דער אָפּשאַפונג פון די באַלעגופים, האָבן זיך ביידע פאַררוקט אין דער טײַגע.

ער רופֿט אַרויס טאַראַס איליטש. טאַראַס איליטש גיט איבער ניט געאײַלט און בײַז די סימאָנים פֿון זײַן געוועזענעם באַלעבאָס.

— יאָ, יאָ — באַשטעטיקט כאַדזשעראַ.

— זי לעבט די שלאַנג! — פֿאַרקלעמט טאַראַס איליטש די באַקנביינער און זײַט דורך די ווערטער דורך די ציין. דאָס פּנים ווערט אים מיט בלוט אָנגעגאָסן — זי פֿויזעט נאָך...

כאַדזשעראַ באַזעצט זיך אינאיינעם מיט קילטו און מאַמי און שטעלט זיך אַרבעטן בײַ קאָסימאָוו אויף דער פֿישפֿאַנג־באַזע. די ערשטע טעג גייט אַלץ ווי געהעריק, נאָר ווען מען וואַרפֿט אים אַריבער אַרבעטן, נאָך אַ גרויסן פֿאַנג, בײַ דער זאַלצונג, זאָגט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּ פֿון אונטערוואַרפֿן זיך מאַמין.

מען רופֿט אַרויס קרוגלאָוון אויסגלײַכן דעם קאָנפֿליקט.

— פֿאַרוואָס ניט? — פֿרעגט אַנדריי — האָסט ניט ליב מאַמי?

— מאַמי איז אַ פֿרוי, — טײַנעט פּעסט כאַדזשעראַ — מײַנע ניט קען געהאָרכן אַ פֿרוי. ס׳איז קאָמיש געהאָרכן אַ פֿרוי.

מאַמי וויינט און בייזערט זיך: „דו ביסט ניט קאָמיוג! — שרײַט זי און די טרערן שטייען איר — רוסישע קאָמיוג געהאָרכט, און דו אַ שלעכטער, אַ נאַר! איך נעם דיך ניט אַרבעטן, איך דאַרף ניט אַ נאַר!“

זי רעדט צו קרוגלאָוון: „מען דאַרף ניט כאַדזשעראַ, כ׳וועל ניט נעמען, איך בין שעף פֿונעם צעך, כ׳וועל ניט נעמען!“ זי לויפֿט אַוועק צו קאָסימאָוון: „נעם זיך כאַדזשעראַ, קיין נאַר דאַרף איך ניט, כ׳וועל ניט נעמען!“

מען האָט געמוזט אַריבערפֿירן כאַדזשעראַן אויף דעם פֿישפֿאַנג אונטערן אײַז, אונטער קאָסימאָווס אָנפֿירונג. די קאָמיוגיסטן האָט מען איבערגעגעבן פֿירן מיט כאַדזשעראַן אַ דערציִונגס־אַרבעט, ביפֿראַט איבער דער פֿרויען־פֿראַגע. מאַראַזאָוו האָט פֿאַרבעטן כאַדזשעראַן צו זיך אַלס גאַסט, געקומען זײַנען אויך קילטו און מאַמי, און מאַראַזאָוו האָט זיי דערציילט וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן און האָט קונציק אויסגעפֿויעלט אַ שאָלעם צווישן מאַמי מיט דעם אײַנגעשפּאַרטן באָכער. געקומען איז אַ טאָג ווען כאַדזשעראַ האָט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די קאָמיוגיסטן פֿישער זיך מודיע געווען אַז ער איז געווען אומגערעכט.

אין אָוונט טרעפֿט אים קילטו אַ פֿאַרווייטן. ער וויינט און זינגט און וויגט זיך פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער, און שעמט זיך גאָרניט מיט די טרערן.

„רײַכע מענטשן האָבן דיך געקויפֿט, אוריגטע. דײַנע זײַדענע כאַלאַטן האָבן דיך געטויגט גאָר אין קייוועד אַרײַן, אוריגטע. און דו וואָלסט געקענט מיט מיר אָוועקפֿאָרן אין שטאָט און וואָלסט געווען אַ גרויסער נאַטשאַלניק, און רוסישע מענטשן וואָלטן דיך געהאָרכיק געווען, אוריגטע...“

קילטו שטערט אים ניט באַווייגען זײַן פֿרײַנדן און ער ווערט איבערפֿולט מיט שטאָלץ — ער פֿאַרשטייט ערשט איצט, אַז מאַמי איז געוואָרן „אַ גרויסער נאַטשאַלניק“.

אינעם זעלביקן אָוונט, מיט אַ שאָ שפּעטער, גייען זיי אין דרײַען צו מאַראַזאָוון: מאַראַזאָוו לערנט זיי לייענען און שרײַבן רוסיש. דער ניט פֿאַרמאַטערלעכער מענטש דערציט, מיט פֿאַרליבטער אַקשאָנעס, די דרײַ יונגע נאַנײַער. ער לייגט אויף זיי גרויסע האָפֿענונגען, אין פֿאַרבינדונג מיט די פּלע־

נער פון ערנסטער דערציִונגס־אַרבעט אין די אַרומיקע דערפער און יישוווים, וואָס ער רעכנט אָנהייבן פון פרילינג.

זיי זײַנען זיך פּאַרזעסן ביז האַלבער נאַכט. אַרויסקומענדיק פונעם די־רעקציע־הויז באַמערקן זיי אַ מענטשן זיך שאַרן אין דער פינצטער פונעם גאַניק. די באָכערים שענקען אים ניט קיין באַזונדערן אַכט, נאָר מאַאַמי לאָזט זיך לויפן אומבאַטראַכט נאָכן מענטשן.

— וואַרט! — שרײַט זי — איין מיגוט! וואַרט!

אומקלאָר זעען זיי שנעל אַוועקגיין אַ הויכן עטוואָס אַנגעבויגענעם רוקן, און זיך טונקעלן אינעם פּאַלנדיקן שניי. דער מענטש גייט שנעל, מיט אַ פּאַרזיכטיקן און ווייכן יעגערישן טראָט.

— וואַרט! זאָג איך דיר! וואַרט! — שרײַט בייז מאַאַמי און לאָזט זיך לויפן נאָך אים. דער מענטש נעמט אויך לויפן. קילטו און כאַדזשערא פאַרשטייען ניט וואָס מאַאַמי וויל פון יענעם האָבן, און לויפן נאָך איר.

דער מענטש לויפט צו די סאַראַיעס. מאַאַמי האָט אים שוין אָנגעיאָגט, ווען ער פאַרשווינדט אין אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן צוויי סאַראַיעס. זי האָט זיך שוין אַ וואָרף געטאָן צו אים, נאָר אַ שטאַרקער זעץ מיט דער פויסט איר אין פּאָנעם, לאָזט זי געפּלעפּט.

קילטו און כאַדזשערא טרעפן זי ליגן אינעם שניי מיט אַ צעשלאָגענער ליפּ. זי כליפּעט און זידלט זיך. זי לאָזט זיך ניט פירן צו איר אַהיים, נאָר זי לויפט צו מאַראַזאָוון.

— פּאַראַמאָנאָוו! — זאָגט זי נאָך באַ דער טיר און דריקט צו דעם פינגער צו דער צעבלוטיקטער ליפּ — פּאַראַמאָנאָוו דאָ גיי. ניט גוטער מענטש. פּרײַנט מיט פּאַק. פּרײַנט מיט סאַמאַר. פון מיר אַנטלאָפן. פּאַרוואָס אַנטלאָפן? מיך אין פּאָנעם געשלאָגן. פּאַרוואָס געשלאָגן? ניט גוטער מענטש, ערגער פון פּאַקן!

איצט כאַפּן זיך שוין קילטו און כאַדזשערא, אַז דער הויכער מענטש מיט דעם עטוואָס געבויגענעם רוקן און ווייכן טראָט, איז זיי באַקאַנט.

מאַראַזאָוו קלינגט אָן צו אַנדראָניקאָוון.

מען זוכט אין אַלע סאַראַיען, פּאַראַמאָנאָוו איז ניטאָ דאָרטן.

זיי פּאַלן אָף אַ שפּור פון סקי, דער שפּור גייט איבערן אײַז און פאַר־לירט זיך אין אַ פּאַלאָנקע. דער פּאַלנדיקער שניי האָט די שפּורן פאַרשאָטן...

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער הויכער מענטש איז געקומען אָף דער בויונג נאָך פּאַרנאַכט. ער האָט זיך אָנגערופן מיכײַלאָוו און האָט צוגעשטעלט אַ צײַגעניש פונעם באַפולמעכטיקטן פון דעם אינטעגראַלסאָיוז. ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אויפּנאָם באַ גראַנאַטאָוון און האָט מיט אים געפירט שמועסן וועגן צושטעלן גרויסע פּאַרטיעס קליינעם יאַגד און לאָסן־פלייש. באַ גראַ־נאַטאָוון אָפן טיש איז נאָך געליגן אַן אָפּמאַך וואָס ער האָט אונטערגעשריבן. גראַנאַטאָוו האָט אויסגעמאָלט די אויסערלעכקייט פון דעם מענטשן. קילטו און כאַדזשערא האָבן באַשטעטיקט אַז דאָס איז אייגנטלעך פּאַראַמאָנאָוו, סטיעפּאַנס ברודער.

טאַראַס איליטש האָט אים ניט געזען זײַט פינף יאָר, נאָר ער פּאַרזי־כערט, אַז ער געדענקט די שלאַנג ביז דעם מינדסטן שטריכעלע און איז מאָס־קים, אַז לויט גראַנאַטאָווס באַשרײַבונג, איז מיכײַלאָוו ניט קיין אַנדערער ווי דער יונגערער פּאַראַמאָנאָוו.

ווי דאָס איז, איז דער מענטש ניט גלאַט אַזוי זיך געקומען. אויב ער

איז דער באַפּולמעכטיקטער פונעם אינטעגראַלסאָיוז, פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך באַנאַכט געדרייט אַרום דעם הויז פון דער דירעקציע, פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן פון מאַמי, פאַרוואָס האָט ער זי אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט?

מאַמי פילט זיך ווי אַ העלד. זי באַטייליקט זיך אין אַלע אַרומזוכעניש פון דעם פאַרשווונדענעם מענטשן, און ווען זי קומט אַהיים שלאָפן, האָט זי פאַר אירע כאַווערים נאָר איין וואָרט:

— נאַראָנים! — זאָגט זי — נאַראָנים!

און די באָכערים האָבן ניט וואָס צו ענטפערן.

און אַפן צווייטן טאָג פליט אַרום איבער דער בויונג נאָר איין נײַעס: קאַליאַ פלאָט איז פאַרשווונדן ער האָט מיט זיך פאַרנומען יעפּיפאַנאָווס בעסערע פּוישטן, און האָט אים איבערגעלאָזט די אַלטע און די שטיוועלעך מיט די גליטשערס.

יעפּיפאַנאָוו האָט אין אַ שטיוועלע געפונען אַ קוויטעלע: „צום זעען זיך איינגיכן, פרײַנט מײַנער. זוכן מיך איז אומזיסט. איך וויל ניט אומקומען. ווער עס וויל זאָל פייגערן. זײַ מיר מוחל וואָס איך האָב גענומען די פּוישטן. איך לאָז איבער די שטיוועלעך מיט די גליטשערס, זיי קאָסטן טײַערער. גיב איבער מײַן גרוס קרוגלאָוון. קאַליאַ".

יעפּיפאַנאָוו האָט אַ רײַטשע געטאָן פון כּאַס און שטוינען. ער לויפט אַרײַן צו קרוגלאָוון מיט די פּוישטן, מיט די גליטשערס און מיט דעם קוויטעלע.

— נאַ דיר אַלץ! — וואַרפט ער אַוועק אַפן פּאָל קאַליאַס ירושה — איך דאַרף פון אָט דעם פּיפּערנאָטער קיין צוועקל ניט האָבן. און נאָך „צום זען זיך!", „צום זען זיך!" באַם זעען זיך וועל איך אים די ציין אויסזעצן! די פּיס אַרויסרײַסן! גרינער מענוול!...

וויאַזוי קאַליאַ האָט געקענט אַוועקפאָרן איז געבליבן אַ סאָד פאַר יעדן איינעם. עמעס, אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיט אַ נאַכט פריער האָט קאַליאַ גענומען באַ געגנאַדי קאַליוזשני די סקי, נאָר עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז איין מענטש, נאָך מיט אַ שווערער וואַליזע, זאָל באַ זיך פּועלן אַוועקצולאָזן זיך אַף סקי אין אַזאַ ווײַטן וועג.

VI

דער ווײַט־מיזרעכדיקער עקספּרעס־צוג איז אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע.

לידינקאַ קוקט מיט אַ פאַרלוירענעם בליק אין די פענצטער, ווו עס לויפן פאַרבײַ די הינטער־מאָסקווער דאַטשעס, באַשנייטע גערטנער און ווײַסע פעלדער.

זי פילט זיך נאָך אַלץ אַ ביסל אומגליקלעך און עפּעס ווי פאַרלוירן. און דערפון וואָס דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך געענדערט אין עטלעכע טעג, איז דאָס פאַרלוירנקייט־געפיל נאָך שטאַרקער.

די מוטער איז געשטאָרבן, שווער, לאַנג, האָט זיך אָקעגנגעשטעלט דעם טויט ביזן לעצטן אָטעם־צוג, און האָט פון די קויכעס אַרויסגעשלאָגן די אַרומיקע און זיך אַליין. דרײַ טעג פאַרן טויט האָט מען איר דעם קאָפּ אָפּגעראַזירט. און ווען לידינקאַ טראַכט וועגן דער מוטער, זעט זי זי אָט אַזאַ, מיט אַ נעבעכדיקן אײַנגעשרומפּענעם נאַקעטן שאַרבן, אַ צערייצט־שלוכצנדיקע, מיט קינדערישע טײַנעס און פאַרשאַרפטער פאַרדאַכטיקייט.

לידינקאַ איז געבליבן איינע אַליין. איר מומע איז צעטומלט און וויינט. מען קען איר גאָרניט אָנטרויען עפּעס צו טאָן. קאָליאַ פּלאַטס עלטערן זײַנען געקומען אויסדריקן מיטגעפיל, נאָר אַנבאָטן הילף איז זיי ניט אײַנגעפאַלן.

צו הילף זײַנען געקומען אינגאַנצן פרעמדע מענטשן. די געוועזענע קראַנקע פונעם שכייניש זאַל, די דאַרינקע און פריילעכע טאַניושאַ — סיורקוף דער שרעק פון די יאַמען האָט זיך פון ערגעץ דערוווּסט, אַז די אַלטע איז געשטאָרבן און איז געקומען צו לויפן צו לידינקאַן. זי האָט מיט זיך געבראַכט איר מאַן — איוואַן גאַוורילאָוויטש, דעם מײַסטער פונעם שיפבוי־זאַוואָד, דעם געזעצטן, האַרציקן און צוגעלאָזענעם מענטשן. זיי האָבן אַף זיך גענומען אַלע זאָרגן וועגן דער קווורע און האָבן אַוועקגעפירט לידינקאַן צו זיך.

נאָך דער קווורע האָט לידינקאַ אין קיין פאַל ניט געקענט באַשליסן וואָס זי זאָל טאָן. איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט פאָרן אַפן ווײַטן מיזרעך: איבערבײַטן דעם אַרום, אָנקומען צווישן דער צאָל העלדישע בויער פון דער נײַער שטאָט. איר האָט זיך געוואָלט צו קאָליאַן... נאָר גראָד קאָליאַ האָט זי צעטומלט מער פון אַלעמען. זײַנע בריוו זײַנען אומבאַשטימטע. שוין לאַנג אַז ער בעט זי ניט קומען צו אים. אונטער די צאַרטע אויסמײַדנדיקע ווערטער פילט זיך שטענדיק אַ שלעכטע שטימונג. עפּשער האָט ער זי מער ניט ליב? עפּשער האָט ער זיך פאַרדרייט מיט אַ צווייטער?

לידינקאַ האָט זיך אַ ביסל אָפּגעוווינט פון אים, נאָר די צעשיידקייט און דער געפיל פון שולדיקייט פאַר אים, האַלטן אויף איר ליבע. און דאָך געפינט זי אין אים אויס סטירעס, וואָס וווּנדערן זי און ערגערן זי. זײַן דערעכערעץ צו די עלטערן ערגערט זי. ער האָט דאָך פײַנט געהאַט איר מוטער, אירע קליינבירגערלעכע אָנשויונגען, אויך לידינקאַן האָט ער אָנגערופן קליינבירגערטע און דער מאַמעס טעכטערל. מיט וואָס אָבער זײַנען זײַנע עלטערן בעסער? אַזעלכע טרוקענע, פּעדאַנטישע, אייגנליבנדיקע מענטשן, וואָס לעבן מיט די אינטערעסן פון זייער וויל־אײַנגעאָרדנטן הויז, מיט זייער קיך און זייער שפּאָר־ביכל. לידינקאַ האָט גוט געקענט איר מוטערס פעלערן, נאָר געצויגן האָט איר דער מוטערס ברייטע נאַטור, איר ליבע צו לעבן און פרייד; עמעס, די מוטער זיצט אַף אירע זאַכן, נאָר זי קאַרגט קיינמאָל ניט קיין געלט אַף באַשערײַען און פאַרגעניגנס. זי האָט געקענט מיטאַמאָל אַנגעשטעקט ווערן מיט דער פרייד פון דער יוגנט און זיך צעטאַנצן און אויסזינגען אַן אַלטן שפּילעוודיקן ראָמאַנס. און וואָס קענען קאָליאַס עלטערן? זיי האָבן ליב לידינקאַן, נאָר ווי באַליידיקן זיי זי מיט די שטענדיקע פראַגן וואָס זי האָט געטאָן, ווו זי איז געווען, מיט וועמען זי איז געווען, ווי דערעסן זיי האָבן איר מיט זייער שטענדיקן מוסער. „געדענק דו ביסט אַ קאַלע" האָט אין זייער מויל געקלונגען: „געדענק דו ביסט פאַרבונדן!". לידינקאַ האָט זיי אויסגעמיטן ווי ווײַט זי האָט געקענט, אַף וויפל ס'איז נייטיק ניט איבערצוטרעטן די אָנשטענדיקייט.

נאָך דער מוטערס טויט האָבן זיי גענומען אײַנריידן, מיט ניט אָנגענעמער צודרינגלעכקייט, זי זאָל אַריבער צו זיי, און דער איקער — גאָרניט פאַרקויפן אָן זייער וויסן. זיי האָבן זיך פאַררופן אַף קאָליאַס ווונטש. לידינקאַ האָט צוגעזאָגט איבערטראַכטן, זי איז אַנטלאָפן און האָט איר גאַנצע פרײַע צײַט פאַרבראַכט באַ טאַניושאַן — דער שרעק פון די יאַמען.

„פאָרן צו קאָליאַן אָדער ניט פאָרן?"

זי וואָלט זיך ניט שנעל באַשלאָסן, ווען ניט איוואַן גאַוורילאָוויטש און

טאַניושאַ. איוואַן גאַוורילאָוויטש איז איינמאָל געקומען מיט אַ נײַס, אַז מען באַט אים אָן אַ שליכעס אָף צוויי יאָר אָפן ווײַטן מיזרעך, אָף דעם זעלביקן זאַוואָד וואָס קאָליאַ פלאָט בויט. דער שרעק פון די יאָמען האָט זיך פריידיק צעפלאָמט און האָט צו וויסן געגעבן: „באַטירלעך, נעם אָן, מיר פאָרן!" איוואַן גאַוורילאָוויטש צענעמט די הענט: „אָף דאַטשע פאָרן איז דיר אַזוי שווער, און דאָ, אין אַזאַ עק, מיט די קינדער?" — מיט די קינדער און מיט די רינדער, מיטן גאַנצן סקאַרב! — ענטפערט טאַניושאַ און בליצט ביטרע מיט די אויגן. — מיר דאַרפן אַפילע ניט עמעצער זאָל אונדז העלפן. איך מיט לידינקאַן מאַכן מיר עס איינס און צוויי".

און אָט פאָרן זיי — מיט די קינדער און מיט די רינדער, מיטן גאַנצן סקאַרב. לידינקאַ האָט אַוועקגעשיקט קאָליאַן אַ קורצע טעלעגראַמע. „אַליין פאַר זיך, מיט טאַניושאַן, וואָס ס'זאָל זײַן, וועל איך געפינען ווו איבערנעכטיקן ביזן אײַנאָרדענען זיך, — טראַכט זי זיך. — אַפילע ער זאָל האָבן כאַסענע געהאַט. איך בין אַ קאָמיוגיסטקע, איך פאָר בויען די שטאָט". זי האָט אויספאַרקויפט אַלע זאַכן, אַ כוצן וועש און די קליידער.

איצט, אַ באַפרײַטע פון איר פאַרגאַנגענהייט, אינעם צוג, וואָס טראָגט זי צום אומבאַקאַנטן קאַנט, אָן דער מינדסטער פאָרשטעלונג וועגן דעם וואָס מיט איר וועט זײַן אין צען טעג אַרום, טראַכט זי וועגן זיך, וועגן איר ליבע, וועגן קאָליאַן... זי האָט שוין פאַרגעסן זײַנע אומפאַרשטענדלעכע בריוו, זײַנע לאַנגווײַליקע עלטערן. זי געדענקט בלויז דאָס גוטע: די שאָען פון ליבע, די צאַרטע פאַרזיכערונגען, די קושן, די לעצטע טעלעגראַמע... איצט וועט זי אים דערווײַזן, אַז זי איז ניט קיין קליינבירגערלעכע און ניט קיין פאַכדנטע! זי וועט בויען גלײַך מיט אַלעמען (איר האָט זיך, ווער ווייס פאַרוואָס, פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט דאַרפן טראָגן ציגל). ער וועט מוזן מודע זײַן, אַז ער האָט זי אומזיסט באַשולדיקט, ער וועט זי נאָך שטאַרקער ליב באַקומען.

— לידינקאַ! טרעף וועמען איך האָב געפונען? — פליט אַרײַן דער שרעק פון די יאָמען אינעם קופע — קום גיכער אַהער!

פון הינטער אירע אַקסלען קוקט אַרויס אַ נײַגעריק און פרײַנטלעך פאַנעם מיט אַ שאַרפער נאָז און גרויסע אויגן. לידינקאַ האָט שוין דעם באַכער געזען — אַ דאַרינקן, אַ קאָמישן, אַ טומלדיקן, מיט גרויסע צעפלאָמטע אויגן אונטער צעבאָרשטענע ברעמען. אָפן וואָקזאַל אין מאָסקווע האָט ער זיך געטומלט, געשריגן, גערופן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אָפגעגעבן אין באַגאַזש עפעס קאַסטנס און קלומקעס, דערנאָך זײַנען דרײַ טרעגער צוגעקומען מיט אים צום וואַגאָן. דער באַגלייטער האָט ניט דערלויבט דורכטראָגן אַזויפיל זאַכן אָף איין בילעט. דער באַכער האָט געמאַכט מיט די הענט, געהייסן רופן דעם שעף פונעם צוג און געשריגן: „איר ווייסט דאָך ניט טאַרע זאַכן דאָס זײַנען?!" לידינקאַ האָט ניט געזען מיט וואָס די זאַך האָט זיך געענדיקט — זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע דײַגעס.

— אַלטשולער סיאָמאַ פון דער נײַער שטאָט אָפן אַמור, — שטעלט זיך פאָר דער באַכער. נאָר די וויכטיקייט פליט טייקעף אַראָפ פון אים, ער טרייסלט לידינקאַן ביידע הענט, דערנאָך טרייסלט ער אויך די הענט איוואַן גאַוורילאָוויטשן און אַפילע די קינדער, ער זעצט זיך אַוועק אָף אַן עק בענקל און צערעדט זיך אָן אָפשטעל:

— איר פאָרט צו אונדז? אָ, איר האָט געטאָן די קליגסטע זאַך אין

אײַער לעבן! אין דרײַ יאָר אַרום וועלן אײַך מעקאַנע זײַן אַלע קלוגע מענטשן! איר ווייסט סאַראַ שטאָט דאָס איז? איר ווייסט ניט! איר שטעלט אײַך פֿאָר סאַראַ פּערספּעקטיוון די שטאָט האָט? דאָס וועט זײַן אַזאַ שטאָט, אַז פֿאָטאָגראַפֿן וועלן ניט מיד ווערן זי צו פֿאָטאָגראַפֿירן און אין קינאָ ווײַזן ווי אַ וווּנדער! איר זײַט פֿון לענינגראַד, יאָ? איז אײַער נעוואַ אַ קינד אַנטקעגן דעם אַמור! ... און אײַערע שטראַנד־גאַסן! ... און אײַערע בריקן! ... וואָס זײַנען אײַערע בריקן! איר האָט אַמאָל געזען טײַכן דרײַ קילאָמעטער די ברייט? אַ שוואַרצער יאַם, ניט קיין טײַך! איר וועט אַרויף אַף דער בריק, וועט איר גיין און גיין און איר וועט נאָך אַלץ דעם סאָף ניט זען!

— אַזאַ גרויסע בריק איז דאָרט? — באַווײַזט לידינקאַ אַרײַנצושטעלן אַ פֿראַגע.

— איר וועט עס ניט פֿאַרשטיין, איך האָב געוווּסט, — באַליידיקט זיך סיאָמאַ — איר וועט קומען, וועט איר זאָגן: בלאָטע, שאַלאַשן, קעלט, וואַנצן, ניטאָ קיין בריק. און מיר זעען שטראַנדן, און דאָקן, און אַ בריק, און אַ לופֿט־פּאָרט, און בולוואַרן...

— איך פֿאַרשטיי זייער גוט, — באַליידיקט זיך אויך לידינקאַ — איך בין אַ קאָמיוגיסטקע און פֿאָר בויען גלײַך ווי אַלע.

— און וואָס זײַנען אײַערע פֿאַרקן! — רעדט סיאָמאַ נאָך אַלץ אינעם זעלביקן טאָן — בײַ אונדז איז די טײַגע. איר ווייסט וואָס אַזוינס איז טײַגע? דרײַ מענטשן קענען ניט אַרומנעמען איין בוים, אָט סאַראַ ביימער!

דרײַ טורנעס האָבן שוין אָפּגעמיטאָגט אינעם רעסטאָראַן־וואַגאָן, און סיאָמאַ אַלטשולער דערציילט נאָך אַלץ — ווי אים געדענקט זיך, ווי אים שטעלט זיך פֿאָר, ווי אים דוכט זיך איז נייטיק אַז זײַנע צוהערער זאָלן זיך דורכדרינגען מיט דעם געהעריקן רעספּעקט צו דער נײַער שטאָט.

שוין דעם ערשטן טאָג דערוויסן זיך די צוקונפֿטיקע נײַע בויער צענד־ליקער פֿאַמיליע־נעמען, צענדליקער העלדישע מײַסעס און קאָמישע געשיכ־טעס. זיי ווייסן שוין ווי מען דאַרף קאָרטשעווען פּעניקעס און זיי שטעלן זיך קלאָר פֿאָר דעם געהילף־הייבער, און זיי פֿאַרשטייען וועלכער שטיינבראָך טויג אַף בעטאָן, און וועלכער עס טויג ניט. לידינקאַ שטעלט זיך אַרבעטן, אין געדאַנק, דאָ באַם קאָרטשעווען, דאָ אַפֿן געהילף־זאַוואָד, דאָ אַף דער שטיינ־האַקערײַ.

— און איר ווו האָט איר געאַרבעט? — פֿרעגט סיאָמאַ.

— אין שפּײַכלער באַם אויפֿנעמען די געצײַגן — ענטפֿערט ניט גערן לידינקאַ און דערקלערט באַלד: — נאָר איך וועל בעשום אויפֿן ניט גיין אַרבעטן אינעם שפּײַכלער, איך וועל בויען!

זיי האָבן דורכגעלאָזט דעם מיטאָג און זײַנען אַלע אינאיינעם געגאַנגען עסן נאַכטמאָל. און סיאָמאַ דערציילט ווײַטער, ער פֿאַרגעסט זיך עסן, און מאַכט מיטן גאָפּל.

— אויב איר מיינט, אַז עס וועט אײַך זײַן גרינג, טאָ קריכט בעסער אַראָפּ אַף דער ערשטער סטאַנציע און פֿאָרט גלײַך אַהיים, — זאָגט ער — פֿאַכדאָנים האָבן ניט וואָס צו טאָן בײַ אונדז. בײַ אונדז איז נאָך גאָרנישט ניטאָ, שלעכט איז בײַ אונדז מיט דערנערונג און שלעכט מיט וווינונגען. נאָר אויב איר פֿאַרשטייט, צוליב וואָס מען דאַרף איבערלעבן די שוועריקייטן, וועלן אײַך דען די שוועריקייטן אָפּשרעקן?!

— יאָ, יאָ! — איז מאַסקים דער שרעק פון די יאַמען און די באַקן פלאַמען איר.

איוואַן גאַווריליאָוויטש קוקט אַף איר און דרייט מיטן קאָפּ — איז עס די זעלביקע וואָרטשליווע ווײַבעלע, וואָס שטענדיק פעלט איר עפּעס?

— און אײַך, — זאָגט סיאָמאַ און האַלט טאַניושאַן פאַר דער האַנט — שטייט פאַר אַזאַ אויפגאַבע, וואָס איר שטעלט אײַך גאָרניט פאָר! וואָס זײַט איר דען? אַ ווײַב, אַ באַלעבאָסטע, אַ מאַמע — און גאָר? אין לעני־נגראַד איז עס ניט קיין סאַך, נאָר בײַ אונדז — אָ! בײַ אונדז אַ באַלעבאָסטע איז די באַלעבאָסטע פון דער גאַנצער שטאָט! — די אײַנאָרדענונג פון דער שטאָט — איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט? און איר מוזט די גאַז שטעקן אין קראָם, אין די מיסטקאַסטנס, אין קלאָזעט, און אין באָד, און אומעטום, און אין גאַנג לאָזן אײַער גאַנצע פרויען־לאָגיק אַף צו באַקומע אַלץ וואָס נייטיק און בלימעלעך פאַרפלאַנצן, און די מיסטקאַסטנס זאָלן האָבן דעקלעך, און די קלאָזעטן זאָל מען רייניקן צו דער צײַט, און אין די קראָמען זאָלן זײַן וואָגן, און אָרדענונג, און היגיענע אַלערליי... נאָך זאַכן, איר וועט שוין אַליין זען, — פרויען זײַנען בײַ אונדז אַזאַ רעספּעקט, אַזאַ אַרבעט!...

— און איר! — כאַפּט ער אָן לידינקאַן מיט דער צווייטער האַנט — אָ, איר וועט גאַטירלעך כאַסענע האָבן און איר וועט אַרבעטן און איר וועט באַשײַנען מיט זיך די גאַנצע שטאָט!

לידינקאַ איז רויט געוואָרן.

— ניין, איר דאַרפט ניט רויט ווערן. די פאַמיליע־פראַגע איז בײַ אונדז אַ פראַגע פון לעבן און טויט. פאַמיליע בײַ אונדז איז אַ געזעלשאַפטלעכע זאַך. מיר דאַרפן האָבן פאַמיליעס, מיר דאַרפן האָבן קינדער — קען דען זײַן אַ שטאָט אָן אַ צוּוווקס פון דער באַפעלקערונג?

לידינקאַ ווערט נאָך רויטער.

— די זאַך איז, — זאָגט סיאָמאַ און ווערט אַליין רויט — וואָס איך וועל כאַסענע האָבן! איך אַליין פאַר כאַסענע האָבן!

— אָט דאָס דאַרף מען באַגריסן! — זאָגט איוואַן גאַווריליאָוויטש און באַשטעלט אַ פלאַש ווײַן — ווער־זשע איז אײַער קאַלע?

— מײַן קאַלע! — שרײַט אויס סיאָמאַ אין עקסטאַז — מײַן קאַלע!...

קעגן אַלע דערוואַרטונגען, געפינט ער קיין ווערטער ניט.

— וועלן מיר, הייסט עס, הוליען אַף צוויי... — הייבט אָן איוואַן גאַווריליאָוויטש, נאָר לידינקאַ גיט אים אַ שטויס מיטן פוס אונטערן טיש און שטעלט אָן אַזעלכע שרעקלעכע אויגן, אַז ער בלײַבט אַנטשוויגן.

סיאָמאַ דערמאָנט זיך אַף די זאַכן און גייט אַ קוק טאָן צי מען האָט זיי ניט צוגעגאַנווּעט, לידינקאַ שפּאַסט:

— איר האָט אַ סאַך אָנגעקויפט פאַר אײַער פאַמיליע־אײַנאָרדענונג!

— איך? — שרײַט אויס סיאָמאַ — מיר וואָלט קיין געלט ניט געקלעקט אַפילע אַף אַן אַכטל דערפון וואָס איך פיר. און צי דען האָב איך געקענט טראַכטן נאָר וועגן זיך? צי איר מיינט, אַז אויב מען האָט מיך געשיקט אַף היילונג, בין איך געליגן אַפּן פליאַזש און האָב געקאָלופּעט די נאָז? לויט מײַנע באַריכטן, האָבן דרײַ קאָמיוג־אָרגאַניזאַציעס גענומען שעפּטום איבער אונדז און שיקן מאַטאָנעס. באָד־הייזלעך און זומער־העמדלעך איז איינס, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן איז צוויי, ספּאָרט־מאַכשירים איז דרײַ. דערנאָך בין איך אַוועק אין „קינדער־פרײַנט” און האָב זיי געזאָגט: „וואָס־זשע, איר

וועט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט און אײַך גייען גאָרניט אָן די צוקונפֿטיקע יונגע בירגער? !" איך פֿאַרזיכער אײַך, איך האָב זיי באַוויזן צו איבערצײַגן און זיי שיקן מיט מיר טויזנט מעטער לײַוונט, פֿינף קינדערשע וואַנעלעך און נאָך קלייניקייטן.

לידינקאַ לאַכט. דער שרעק פֿון די יאַמען כאַפּט אַרום סיאָמאַן און זיי זיצן שוין דעם גאַנצן אָוונט אַרומגענומען.

— וועסט נאָך אַנטלויפֿן פֿון מיר מיט אַ פֿרעמדן כאָסן, מיידעלע — זאָגט גוטמוטיק איוואַן גאַווריליאָוויטש.

— וואָס־זשע, איך מוז דעם גאַנצן לעבן זיצן מיט דיר, מיט דעם אַלטן רועך? — רופֿט זיך אָפּ די שרעק פֿון די יאַמען — אין אַ קאָמיוגישער שטאָט און ניט פֿאַרפֿירן אַ קאָמיוגיסט.

— פֿאַר כאָטש צו ביז אָפּן אָרט...

— טאָמער מאַכט זיך אַפּן אָרט זאָל קיין צײַט ניט זײַן?

לידינקאַ באַמערקט צופֿרידן אַז דעם גאַנצן וועג איז נאָך טאַניושאַ קיין איין מאָל ניט ברויגעז געוואָרן אַפּן מאַן.

— יאָ, אַפּן אָרט וועט קיין צײַט ניט זײַן! — האַלט איר ערנסט אונטער סיאָמאַ.

דעם צווייטן טאָג טראָגן שוין די שמועסן אַ מער קאָנקרעטן כאַראַקטער. מען באַשליסט שוין ווי דער שרעק פֿון די יאַמען זאָל אַף זיך נעמען די אײַנאָרדענונג אין די באַראַקן, שאַלאַשן און קראָמען, ווו לידינקאַ זאָל אַרבעטן, ווי צו אָרגאַניזירן דעם שיסער־לאָקאַל, ווו לידינקאַ דאַרף ווערן אינסטרוקטאָרן. סיאָמאַ זאָרגט זיך שוין ווו צו באַקומען ביקסן און ער באַדויערט וואָס ער האָט דערפֿון ניט אַ טראַכט געטאָן אין אַדעס און אין מאָסקווע, און ער באַשליסט, אַז באַלד ווי ער וועט קומען קיין כאַבאַראָווסק, וועט ער גיין מיט לידינקאַן קריגן ביקסן.

דעם דריטן טאָג הייבט זיך אָן דאָס דערציילן וועגן דער ביוונג, וועגן די העלדן, וועגן קאָמישע פּאַסירונגען... וויפֿל קאָמיוגיסטן זיי קענען שוין אַזוי גוט גלײַך זיי וואָלטן אינאיינעם מיט זיי געאַרבעט אין דער טײַגע און זיך געוואַרעמט בײַ די שײַטערס!

און קאָליאַ פּלאָטס נאָמען האָבן זיי טאַקע ניט געהערט. לידינקאַ האָט מוירע אַליין צו פֿרעגן און פֿאַרבאָט אויך די אַנדערע צו פֿרעגן. איר פֿײַניקט אַ פֿאַרגעפֿיל. ניין, ניין. זי וויל גאָרנישט ניט וויסן. זי פֿאָרט בויען, זי וויל בויען, זי וויל ניט קיין זאָרגן... זי וועט קומען, וועט זי אַלץ אַליין זען.

זי לאָזט פֿון זיך ניט אָפּ סיאָמאַן. לויט איר געוווינהייט לאַכט זי פֿון אים קאָקעטיש — אַזאַ ברעמיקער, אַזאַ אויגיקער, אַזאַ באַרימער! אַלנפֿאַלס ווייס זי גאַנץ גוט, אַז אויב סיאָמאַ ליגנערט אַ ביסעלע, ליגנערט ער פֿון ריינעם האַרצן, פֿון וועלכן פֿאַרכאַפּן און צעטרייסלען די צוהערער.

לידינקאַ באַקענט זיך אין צוג מיט אַ סאַך ווײַט־מיזרעכניקעס: קאָמאַנדירן, אַרבעטער, ווירטשאַפֿטלער, אינזשעניערן, מאַטראָסן, פֿליִער. אַלע דערציילן זיי גערן וועגן ווײַטן מיזרעך און אויך, קענטיק, ליגנערן אַ ביסל. נאָר כאָטש זיי האָבן עפּעס אויסצוזעצן קעגן דעם קאַנט — וועגן די דערוויטערטקייט פֿון די קולטור־צענטערס, וועגן די וווינונגס־שוועריקייטן אָדער אַנדערע אָרטיקע פּעלערן, איז לידינקאַן קלאָר, אַז אַלע האָבן זיי אים ליב. ס'איז אַ באַזונדערע ליבע, וואָס ווערט געשאַפֿן אינעם זיג איבער די שוועריקייטן, אַ באַפֿעסטיקטע מיט דעם אייגענעם אַנטייל אינעם שאַפֿן דעם קאַנט — און דער־

פאר א זייער שטארקע און אייפערדיקע. — ווי דער מענטש זאל קיין טײַנעס ניט האבן (ער האט דערויף א רעכט, ווײַל ער טײַנעט קעגן זיך אליין), דערלאזט ער ניט דעם סאפעק אפילע, אז דער קאנט איז אן אויסגעצייכנטער, אן אויסנאמלעכער, אז ער איז מער ווי יעדער אנדערער ווערט ליבע און אכטונג. אייניע פון די הויפט־לײַדנשאפטן בא די ווײַט־מיזרעכניקעס איז דער פאטעפאן. איך יעדן וואגאן, ווײַזט זיך ארויס, זײַנען פאראן עטלעכע פאטעפאנען. פון פרי ביז נאכט הערט מען דא און דארט מוזיק. סיאמא פירט אויך א פאטעפאן און א פול קעסטל דיסקן, וואס ער איז זיך מוידע, „באקומען, צוגענומען און אזוי זיך געגומען". אין די אוונטן טאנצט מען אינעם רעסטאראן־וואגאן און מען קוקט ניט וואס ער שפרינגט אונטער.

דא אויך קומט פאר די באקאנטשאפט מיט דינא יארצעווא.

לידינקא באמערקט די ערשטע די שיינהייט און ווײַזט אף איר אן אנדערע. די שיינהייט איז פרײַלעך און קאקעטיש; זי טאנצט אן אפשטעל. איר באגלייטער זעט אויס פארליבט אין איר ביז מעשוגאס.

סיאמא, וואס האט אלץ ליב צו וויסן, דערוויסט זיך באלד, אז זי פארט אינעם אינטערנאציאנאלן וואגאן און אז די גאנצע באפעלקערונג פון דעם וואגאן איז אין איר פארליבט. סיאמא זעצט זיך אוועק לעבן איר באגלייטער — א יונגער שעמעוודיקער אינזשעניער — און קומט צוריק פון אים אויסערגעוויינלעך צערודערט און בלייך.

— ס'איז קרוגלאוס קאלע — זאגט ער מיט אזא טאן, ווי עס וואלט א גרויס אומגליק געשען.

דינא פארענדיקט טאנצן און זעצט זיך אוועק בא איר טישל. דער אינזשעניער זאגט איר עפעס; זי שרײַט אויס, שפרינגט אויף און גייט צו גלײַך צו סיאמאן און דערלאנגט אים די האנט:

— איר זײַט קרוגלאוס א פרײַנט? ווי ס'פרייט מיך! גאט מײַנער, ווי מיך פרייט עס! — זי זעצט זיך צו צו זייער טישל — דערציילט־זשע, דערציילט מיר וועגן אים, וועגן אײַך אלעמען! — קאסטקא! — שרײַט זי — קומט אהער!

זי איז צארט און מאנענדיק. זי פאנגט אלעמען זייער שנעל. סיאמא פארגעסט זײַן פארדראס און נעמט דערציילן. ער קארגט ניט קיין פארבן קרוגלאוון אויסצוליבן.

— איך וויים, איך וויים! — זאגט דינא — איך וויים ער איז גאר א באזונדערער מענטש! — און זי ווארפט א ניצאכנדיקן בליק איבערן אנגעבויגענעם קאסטקא — דערפאר האב איך אים ליב, וואס ער איז דער בעסטער אף דער וועלט.

זי רעדט ווי א קעניגן, וואס איר ליבע ווערט געשענקט פאר העלדישקייטן, און קענטיק איז, אז זי וועט ניט פארשטיין אויב עמעצער וועט צווייפלען דערין.

— יא, — זאגט לידינקא, ווען זיי קומען צוריק צו זיך אין וואגאן — זי איז זייער א שיינע, נאר גארניט דאס...

אין די נײַן טעג רײַזע איז לידינקא דורכגעגאנגען א גאנצע שול, וואס אן אנדערש מאל, בא אנדערע באדינגונגען, וואלט זי באדארפט דערצו כאדאשים. זי איז צוגעגרייט אויפצונעמען אלדאס נײַע. פאראן איז אין איר א שטרעבונג צו העראיזם, צו ראמאנטיק, צו פרישע אײַנדרוקן און פאסירונגען — צי ניט דערמיט זײַנען פאר איר אף דעם וועג געפארן הונדערטער

יונגעלײַט און מיידלעך ? נאָר סיאָמאַ האָט זי אונטערגעוואָרפן זײַן ווירקונג און האָט זי געצווונגען טאָג נאָך טאָג איבערצולעבן אַ האַלבן יאָר דערפאַרונג פון איר פאָרגייער, מיט אַלע זײַנע טאָעסן און לערעס. אַפן אַכטן טאָג האָט לידינקאַ געהערט וועגן ראָמאַנטיק מיט אַ גנעדיקן שמייכל, לאַנגווײַל איז פאַר איר אַן ערנסטע פלאָג, דעזערטירערײַ רופט באַ איר אַרויס ווידערווילן און מיִעסקייט, זעלבסטזיכעקייט — אַ שעדלעכע יִנגלשקייט, און דער באַגריף „ענטוזיאַזם”, אַן אויפגעלייזטער אין איר גאַנצער באַציִונג צו דער צוקונפט, קומט אויף פון אינעווייניק, דורך טאַט, קאָנקרעט, ווי אַן אייגענע פערזענלעכע נויטווענדיקייט פולער זיך אַרויסצוווײַזן אין דער בויִונג פון דער נײַער שטאָט. מער ווי אַלץ אַף דער וועלט, וויל זי ענלעך זײַן צו די זעלטענע מיידלעך וועגן וועלכע סיאָמאַ האָט איר דערציילט. ער רעדט מיט אַזאַ ליִבשאַפט וועגן יעדער איינער, אַז לידינקאַ קען זיך ניט אָנשטויסן וועלכע פון זיי איז זײַן קאַלע, און נאָר מיטן כוש האָט זי אויסגעקליבן טאָניאַן, ווײַל וועגן איר האָט ער דערציילט ווייניקער ווי פון די אַנדערע.

אין כאַבאַראָווסק שטייט אַ פערציקגראַדיקער פראָסט. סיאָמאַ לויפט אַוועק ריידן אין טעלעפאָן און זידלט זיך לאַנג, ער מאָנט און דראָט מיט געריכט, אין דער צײַט וואָס זײַנע באַגלייטער זיצן אַף די וואַליזעס. דער לאַסט־אויטאָ איז געקומען אין אַ שאָ אַרום. זיי פאָרן דורך אַפן לאַסט־אויטאָ איבער דער גאַנצער שטאָט, דאָ אַרויף באַרג, דאָ אַראָפ, קעדיי ווידער זיך אַרויפצוהייבן.

אינעם בויונגס־ביוראָ דערוויסן זיי זיך, אַז מען וועט זיי אָפּשיקן אין צוויי טעג אַרום, קאַיאָר, מיט אַ גאַנצער קאָלאָנע לאַסט־אויטאָס, וואָס פירן ציבעלעס, פלייש, גרויפּן און מאַשין־טיילן.

איוואַן גאַווריליאָוויטש ערגערט זיך: ווי קען מען פאָרן מיט קינדער אַף אַ לאַסט־אויטאָ איבערן אײַז, עטלעכע הונדערט קילאָמעטער ?

— דער לאַסט־אויטאָ איז אַ צוגעדעקטער, ווי אַ ציגײַנערישע בויד, — זאָגט מען אים — מירן אײַך געבן פעלצן. נעמט מיט בראָנפן. געכטיקן וועט איר אַף די „גלידלעך”. וואָס נאָך ווילט איר ?

— זייער וויל ! — זאָגט דער שרעק פון די יאַמען — אָט דאָס ווילן מיר. נאָר וואָס אַזוינס זײַנען די „גלידלעך” ?

דינאַ מיט קאָסטקאָן גייען אַפן גליטש. לידינקאַ איז איין מאָל געגאַנגען מיט זיי, נאָר זי איז שטאַרק פאַרנומען. סיאָמאַ האָט זי צונויפגעפירט מיט דעם קאַנט־קאָמיטעט פונעם קאָמיוג. מען האָט איר אַרויסגעגעבן אַ צײַגעניש, אַז זי איז אינסטרוקטאָר פון שיס־ספאָרט, און אין אַ שאָ אַרום לויפט זי שוין איבער דער שטאָט, קריגן ביקסן, ציל־קאַרטלעך, קוילן, מאַשין־אייל. זי האָט זיך אויסגעלערנט ריידן און מאָנען אינעם נאָמען פון די קאָמיוגיסטן פון דער נײַער שטאָט, האָט זיך אויסגעלערנט צושטיין, זידלען זיך און דראָען מיט געריכט.

ערעוו דעם אָפּפאָרן, האָט זיך אין דער צוזאַמענוווינונג, ווו זיי האָבן זיך געוואַלגערט אַף די ברעטער צום שלאָפן, באַוויזן אַנדראָניקאָוו. אַפילע זײַן טשעקיסטישער אוניפאָרם און די פאַרשוויצטע ברילן האָבן ניט געקענט אויסבאַהאַלטן זײַן אויפרעגונג. ער ווישט פלײַסיק אויס זײַנע ברילן און קוקט אַף אַלעמען מיט זײַנע קורצזיכטיקע, צוגעשפיצטע אויגן. ער רעדט מיט איוואַן גאַווריליאָוויטשן מיקויעך די איניאָנים פונעם זאַוואָד וואָס בויט

זיך, דערציילט סיאָמאַן די לעצטע נײַסן און ערשט גאָר שפּעטער גיט ער קרום אַ קוק צו לידינקאַן און פֿרעגט אים אין דער שטיל:

— דו קענסט דאָס מיידל?

סיאָמאַ ווערט אָנגעשפּיצט. דאָס האַרץ גיט אים אַ ציטער. זאָל ער געווען אַ טאָעס האָבן? איז עס מעגלעך, אַז דאָס מיידל רופֿט אַרויס אַ כשאַד? ער איז שוין אָרעוו געווען פֿאַר איר אינעם קאַנט־קאָמיטעט. נאָר זי איז דאָך אַ קאָמיוגיסטקע, און איוואַן גאַוורילאָוויטש איז אַן ערנסטער פּאַרטיי־מענטש...

— צו וועמען פּאַרט זי?

— צו קיינעם ניט, לויט מײַן אײַנדרוק... — גיט אַ מורמל סיאָמאַ — איך ווייס ניט... זי פּאָרט מיט זיי... בויען... זי האָט אַ קאָמיוגישע ריכטונג... מען האָט זי שוין באַשטימט פֿאַר שיסער־אינסטרוקטאָר... — און ווען ער איז שוין גוווער זײַן צעטומלטקייט, זאָגט ער: — וואָס־זשע? פֿאַראַן ספּייקעס?

אַנדראָניקאָוו צעלאַכט זיך פּלוצעם און כאַפּט אַרום סיאָמאַן מיט אַ נער־וועזשער פֿרייד:

— דו זאָגסט, מען האָט זי שוין באַשטימט? איז זי הייסט עס שוין שיסער־אינסטרוקטאָר? אַזוי, אַזוי! איך האָב ניט קיין שום ספּייקעס. זייער גוט! בעסער אַזוי! זייער גוט!

נאָר באַ סיאָמאַן קומען אויף ספּייקעס און זיי ווערן וואָס אַ שאָ גרעסער. אַנדראָניקאָוו ווײַזט אַרויס צו לידינקאַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס, זײַן באַציִונג צו איר איז זייער אַ מאָדנע און די פֿראַגן אומפֿאַרשטענדלעכע:

— און פֿאַרן פֿאַרן האָט איר די זאַכן אויספֿאַרקויפֿט? און מיט וואָ־רעמע זאַכן האָט איר אײַך פֿאַרגרייט? האָט אײַך עמעצער געהאָלפֿן זיך קלײַבן אַהער?

לידינקאָ ענטפֿערט גערן און אָרנטלעך. נאָר סיאָמאַ זיצט ווי אַף שפּיל־קעס. וואָסערע זאַכן? צי איז ניט אַלץ איינס ווער עס האָט איר געהאָלפֿן? גיין, אויב די ענ־קאָ־ווע־דע אינטערעסירט זיך, איז עפּעס דאָ! ער איז גרייט מיט אַלע קויכעס העלפֿן אַנדראָניקאָוון, און אַנדראָניקאָוו, ווי ער וואָלט ווען עפּעס זאָגן אָדער פֿרעגן און אַנטשליסט זיך ניט.

— איך גיי צום טעלעגראַף — זאָגט פּלוצעם אַנדראָניקאָוו — ווער דאַרף אַ טעלעגראַמע שיקן, גיט אַהער מיר.

לידינקאָ לאָזט גלײַכגילטיק אַראָפּ די אויגן.

— לאָמיר טעלעגראַפֿירן קאַליאַן! — רופֿט זיך אָפּ דער שרעק פֿון די יאַמען — לידינקאָ שרײַבט אַן אַ טעלעגראַמע.

— וועלכער קאַליאַ? — פֿרעגט אַנדראָניקאָוו מיט אַן אָנגעשטרענגטן טאָן.

— אונדזערער אַ באַקאַנטער, — זאָגט לעבהאַפּטיק דער שרעק פֿון די יאַמען — קאַליאַ פֿלאָט, אַ מעכאַניקער. אים וועלן מיר שיקן. פֿון באַקאַנט־שאַפֿט וועט ער אונדז אויפֿנעמען.

אַנדראָניקאָוו קײַט מיט די ליפּן.

— קאַליאַ פֿלאָט? איך קען ניט אַזעלכן — מרוקעט ער — ניטאָ באַ אונדז אַזעלכער.

— ווי הייסט! אַ מעכאַניקער? — שרײַט אויס סיאָמאַ — ווייסט איר, דער וואָס פֿלעגט אַלץ זאָגן: „איך בין פֿון אַכטער קאַטעגאָריע".

— אַ, יאָ! ווי דען... — האַלט אים פויל אונטער אַנדראָניקאָוו — אַוואַדע, אַ מעכאַניקער... — און מיטאַמאָל זאָגט ער מיט בייזער אָנטשלאָסנקייט און אַף אַ הויכן קאָל: — אַזאַ טרוקענער, אומאָנגענעמער באָכער. איך געדענק. נאָר איצט איז ער ניטאָ. אַוועקגעפאָרן.

לידינקאַ הייבט די אויגן ניט אויף.

— וווהין־זשע איז ער אַוועקגעפאָרן? — פרעגט דער שרעק פון די יאַמען און קוקט אַ דערשראָקענע אַף לידינקאַן.

אַנדראָניקאָוו ווערט אין קאַס.

— איך ווייס ניט. ערגעץ מיט אַ שליכעס אַוואַדע. איך ווייס ניט. איך בין ניט זיכער, איך וועל אַוועקשיקן. עפשער האָב איך אַ טאָעס.

לאַנגט זיצט ער איבעם טעלעגראַף און מאַטערט זיך איבער אַ טעקסט פון עטלעכע ווערטער. די טעלעגראַמע שיקט ער צו יעפּיפאַנאָוון אין קאָמיר־גישן באַראַק נומער 1:

„זי פאָרט אַרויס מיט מיר מאָרגן אַלס שיסער־אינסטרוקטאָר. עפן רעגיסטראַציע אין שיסער־קרייז גרייט אַ צימער באַגעגן לאַסט־אויטאָמאָבילן מען דאַרף זיך אַרויספלאָנטערן מיליטעריש”.

— קיין אונטערשריפט דאַרף מען ניט? — פרעגט די טעלעגראַפיסטקע.

— מען דאַרף ניט, ער וועט אַזוי אויך פאַרשטיין.

די לאַסט־אויטאָמאָבילן זיינען געגאַנגען פינף מעסלעס. די ערשטע צוויי מעסלעס איז דאָס וועטער גינסטיק געווען. ס'איז געווען לויטער און פראָסטיק. די אויטאָס זיינען לייכט געגאַנגען איבער דעם אָפּגערייניקטן וועג. בעיס די אָפּשטעלן האָבן די מיידלעך און דער שרעק פון די יאַמען זיך געוואָרפן מיט שניי־קוילן. די שאָפערס זיינען קימאַט ניט געשלאָפן און האָבן די פּאַסאַזשירן קיין צייט ניט געגעבן אַף אָפּרוען. דעם דריטן פרימאָרגן, נאָך אַ קורצן איבערנעכטיקן אינעם באַראַק פונעם „גלידל”, האָבן די רייזנדער אַ קוק געטאָן אין פענצטער און האָבן דערזען ווייסע וויכערס, וואָס האָבן צונויפגעגאָסן דעם הימל מיט דער ערד. פונעם אָפּגערייניקטן וועג איז קיין שפור ניט געבליבן, די לאַסט־אויטאָמאָבילן זיינען פאַרשאָטן געווען ביז דער העלפט. פון פאָרן קען מען אַפילע ניט טראַכטן. אַלע נעמען זיך פאַרווילן ווי ווער עס קען. סיאָמאַ אַלטשולער ברענגט פון אומגעדולד — איצט וועט עס טיילט אים אָפּ פון דער געליבטער ניט מער ווי אַ הונדערט קילאָמעטער, פאַרשטייט ער אַז לענגער וואַרטן קען ער ניט, ער מוז זי זען, ער מוז איר קוקן אין די אויגן און זיך איבערצייגן, אַז ער איז געליבט. ער באַמיט זיך איינשטילן זיין אומגעדולד און פרווט פאַרשטיין אַנדראָניקאָווס אומרו. לידינקאַ שפּילט עפּעס אַ ראָל אין דעם אומרו — דאָס איז קלאָר.

סיאָמאַ סימפּאַטיזירט מיט לידינקאַן. ער ווענדט אָן אַלע קויכעס זי צוצוגרייטן צום גרויסן קאָוועד פון בויען די נייע שטאָט. נאָר טאָמער איז זי ניט דאָס פאָר וואָס זי גיט זיך אָן? טאָמער איז אַנדראָניקאָוו ניט צופעליק אין דער שליכעס, נאָר ספּעציעל צוליב איר געקומען? פאַרוואָס־זשע האָט ער זי אין אַזאַ פאַל, אָפן אָרט ניט אַרעסטירט? און עפשער איז זי ניט מער ווי איין פאָדעם פון אַ קנייל וואָס ווערט איצט אויפגעוויקלט? ער רייסט זיך צו הילף אַנדראָניקאָוון, נאָר ער דערוועגט זיך ניט אָנצובאָטן זיין הילף און דרייט זיך אַרום אים. אַנדראָניקאָוו גייט אַרויס אינאיינעם מיט סיאָמאַן אַ קוק טאָן צי האָט זיך ניט איינגעשטילט די זאַווערוכע און אומגעריכט זיפצט ער אָפּ:

— גוט איז אײַך ניט כאַסענע געהאַטע!

סיאַמאַ כאַפּט זיך:

— גוט? איך ווייס ניט מיט וואָס דאָס איז גוט, כאַווער אַנדראָניקאָוו, נאָר איך... זעט איר, פֿאַר כאַסענע האָבן. איך וועל כאַסענע האָבן ווי נאָר איך וועל קומען.

— אָ! — שרײַט אויס אַנדראָניקאָוו — האָסטו אויך, הייסט עס, כאַסענע?

— אויך?... וואָס מיינט ער מיט דעם „אויך"? צי דענקט ער ניט אַליין כאַסענע צו האָבן? נאָר ער איז דאָך, דוכט זיך אַ כאַסענע געהאַטער...

— פֿאַראַן סיטואַציעס, ווען דער פּאַשעטעסטער אויסגאַנג פֿון אַ געשאַפּענער לאַגע, איז אַליין כאַסענע צו האָבן, — זאָגט אַנדראָניקאָוו — אַ צווייטן כאַסענע מאַכן איז אַ סאַך שווערער.

סיאַמאַ איז אינגאַנצן צעטומלט.

באַם לאַנגן טיי טרינקען, פֿון ניט האָבן וואָס צו טאָן, דערציילט סיאַמאַ די קאָמישע מײַסע וועגן דעם וויאַזוי די קאָמיוגיסטן האָבן געגאַנוועט די ציגל. אַנדראָניקאָוו כאַפּט אומגעריכט אויף די מײַסע, כאָטש ער איז דעמאָלט אַף דער בויונג נאָך ניט געווען, און נעמט אויסלויבן יעפּיפאַנאָוון. סיאַמאַ פּרוווט אָפּענטפֿערן — ער האָט ניט לאַנג ערשט געוואָרנט לידינקאַן פֿון קאָמיוגישער העפקיירעס, ווי פֿון אַ גרויסן איבל. נאָר אַנדראָניקאָוו שלאָגט אים איבער:

— וואָס געווען, איז ניטאָ מער. נאַרישקייטן. דער יונג האָט אַ טײַער האַרץ, אַ זעלטן האַרץ. אַזעלכע מענטשן דאַרף מען שאַצן און היטן!

סיאַמאַ אײַניקט זיך גערן מיט דעם לויב און גיט נאָך צו פֿון זיך, אַז יעפּיפאַנאָוו איז אַן אומדערשראָקענער באָכער און איז נאָך פֿריִער געווען אַ העלד אַלס טויכער.

לידינקאַ הערט אויס מיט אינטערעס — די פֿאַמיליע יעפּיפאַנאָוו איז איר באַקאַנט פֿון קאַליאַס בריוו. קאָליאַ... איז עס מעגלעך ער זאָל האָבן אַוועקגעפֿאָרן?... וווּהין?... און אַף לאַנג?...

דעם צווייטן טאָג צו מיטאָג, האָט זיך דער שניי־שטורעם אײַנגעשטילט, די אַרבעטער זײַנען אַרויס אָפּרייניקן דעם וועג. די שאָפֿערן און די פּאַסאַזשירן האָבן זיי געהאָלפֿן און האָבן אָפּגעגראָבן די פֿאַרשאָטענע לאַסט־אויטאָמאָבילן. דינאַ האָט זיך שטאַרק געפֿרייט ווען זי האָט געשאַרט דעם שניי, נאָר זי האָט זיך טייקעף אײַנגעמידט און איז אַרײַן צוריק אין באַראַק. דערפֿאַר האָט דער שרעק פֿון די יאַמען ניט געפֿילט קיין פֿאַרמאַטערונג: אַזוי האָט זי זיך דערפֿרייט מיט דער רײַזע, מיט דער זאַוועדוכע, און איר גאַנצער צוקונפֿט, וואָס קען זיך זײַן זייער שטרענג און שווער, נאָר בעשום אויפֿן ניט מאַנאָטאָן. זי פֿלוידערט אַ סאַך און מען רופֿט זי שוין טאַטיאַנאַ פּעטראָוונאַ און מען זאָגט איר צו קומען צו גאַסט, ווען מ'וועט פֿאַרענדיקן בויען דעם וועג און ווי בויער קומען מיט דעם ערשטן צוג אין שטאָט אַרײַן. אויך אַנדראָניקאָוו שמועסט מיט זיי.

אַף דעם אָפּטייל אַרבעט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן. אײנער פֿון זיי, אַ שייגער און אָפּן אויסזען אַן אינטעליגענטער מענטש, האַלט זיך דעמאָנסטראַטיוו אָן אַ זײַט. אַנדראָניקאָוו פֿרעגט אַף אים; מען ענטפֿערט אים: „קאַ־ער" (קאָנטררעוואָלוציאָנער).

ווען די אויטאָמאָבילן קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן, קומט צו דער קאַ־ער צו אַנדראָניקאָוון און פרעגט אים:

— זאָגט מיר, בירגער נאַטשאַלניק, איז עס עמעס וואָס מען זאָגט, אַז אַף דער בויונג אַרבעט אַרכיטעקטאָר קאַפּלאַן?

— איך געדענק ניט ריכטיק. איר קענט זי?

— ס'איז אונדז אויסגעקומען זיך צו טרעפן, — ער פאַרקרימט זײַנע דינע שיינע ליפּן — בעיס מײַן פריערדיקן שטאַנד.

— אײַער פאַמיליע?

— אַנטשולדיקט, איך פרעג פאַר פּאַשעטן נײַגיר, אַזוי זיך פון טײַגע־לאַנגווײַל. מײַן פאַמיליע וועט אײַך און אויך איר גאָרניט זאָגן.

און ער נעמט זיך שאַרן דעם שניי. זײַן דינער פּאָנעם ווערט נאָך קעלטער און שטרענגער.

אַנדראָניקאָוו דערוויסט זיך נאָך ביז צום אָפּפאָרן, אַז די פאַמיליע פון דעם אַרעסטירטן איז לעוויצקי. פאַרמישפּעט לויטן 58טן פּאַראַגראַף... לעוויצקי? אַנדראָניקאָוו ווייס עפּעס פון דער געשיכטע. זאָגן קלאָראַן אַז ער איז דאָ? ניין, ניטאָ צו וואָס.

די לאַסט־אויטאָמאָבילן רירן זיך אין וועג אַרײַן. דער פּאַניר־באַשלאָג, וואָס מאַכט פונעם לאַסט־אויטאָ אַ מאַרק־פור, שיצט קימאַט ניט פון ווינט און פראָסט. דער שאַרפער ווינט פאַרקלײַבט זיך אונטער די שאַלן און טולופּעס. אַף די אָפּענע ערטער קלאַפּט ער אינעם באַשלאָג, ווי ער וואָלט אים וועלן אַראָפּרײַסן; ער הייבט און דרייט דעם שניי און וואַלגערט אים אָן אַף דעם ערשט אָפּגערייניקטן וועג. די אויטאָמאָבילן שטעלן זיך אָפּ יעדע פערטל שעה. בלײַבן שטעקן אינעם שניי און אַלע קריכן אַראָפּ אָפּשאַרן דעם שניי.

צו נאַכט צו האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט. זיי פאָרן גלײַך איבערן אײַז, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלוירן דעם וועג און אַרומגעפאָרן די אָנגעשאָטענע הויפנס. טיילמאָל מערקן די שאָפערן שפּורן, וואָס זאָגן איידעס דערויף, אַז דאָ אייגנטלעך איז דער וועג. טיילמאָל איז לאַנג קיין שפּורן ניטאָ. ווען עס ווערט פינצטער, פאַרלירן זיי אינגאַנצן דעם וועג, און עפּשער זײַנען זיי אַוועק ווײַטער ווי זיי האָבן גערעכנט? — דאָס דערפּל, ווו זיי רעכענען איבערצונעכטיקן, זעט מען נאָך ניט. מען קריכט ווײַטער אַף טראַף. אַרום האַלבער נאַכט נעמט ווידער שיטן אַ שניי, דער ווינט דרייט אים, פאַרקלעפּט די פענצטער, די שויב, פאַרווישט דעם וועג, בלענדט די שאָפערן די אויגן. דער פאָדערשטער אויטאָמאָביל גליטשט זיך. דער צווייטער פּרוווט אים אַרומפאָרן און בלײַבט אויך שטעקן. ווו געפינען זיי זיך? ווו איז דער ברעג? איז ערגעץ נאָענט פאַראַן אַ ווינטער? אָריענטירן זיך אין דעם שנייִיקן נעפּל איז אוממעגלעך.

מען טוליעט זיך אייגער צום צווייטן און מען וואַרט אַף דעם פרימאָרגן. פון צײַט צו צײַט לאָזן די שאָפערן לאַנג הערן זייערע פײַפערס. נאָר די פײַפן פאַרלירן זיך אינעם ספּיוטש פונעם ווינט. אַנדראָניקאָוו מיט דעם שאָפער גייען אַרויס אַף אויסשפּירונג. נאָר זיי געפינען גאָרניט און דערשלאָגן זיך קוים צוריק. די קינדער וויינען. דער שרעק פון די יאַמען וואַכט איבער זיי, וואַרעמט זייערע הענט אין אירע. סיאָמאַ הערט ניט אויף פּלוידערן קעדיי אַליין ניט אײַנצושלאָפן און קעדיי די אַנדערע זאָלן ניט אײַנשלאָפן — אין אַזאַ פראָסט איז אַ סאַקאָנע צו שלאָפן.

אינדערפרי ווײַזט זיך אַרויס, אַז זיי זײַנען געבליבן שטעקן צוויי קילאָ־מעטער פֿונעם דאָרף. זיי דערשלעפּן זיך ביז צום דאָרף און פֿאַלן אַרײַן אין שטוב זיך אָנוואַרעמען. אַנדראָניקאָוו צווינגט אַלעמען אויסצוטרינקען אַ ביסל בראָנפֿן און זיך אײַנרײַבן מיט אים. ער העלפֿט דעם שרעק פֿון די יאָמען דערדרײַבן די פֿאַרגליווערטע קינדער. דער בראָנפֿן מיט דער הייסער טיי האָבן אַלעמען אויפֿגעלעבט. סיאָמאַ האָט אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפֿאָן. לידינקאַ האָט אַרויסבאַקומען די גיטאַרע און זינגט פֿריילעכע לידלעך מיט גיטאַרע באַגלייט. טאַניושאַ זינגט איר אונטער, אַ ביסל אונטערן גלעזל, און עפּשער דערפֿאַר וואָס איצט איז איר פֿריילעכער ווי ווען עס איז.

סיאָמאַ דרייט זיך איבער דער שטוב, שטייט צו צו די שאָפֿערן מיט אומזיניקע פֿראַגן, ער טראַכט אַרום ווי אַזוי צוצופֿראָווען צום לאָסט־אויטאָ באַרשטן וואָס זאָלן אַליין אָפּקערן דעם שניי.

— אונדזער כוואַסן פֿיבערט מאַמעש! — לאַכט לידינקאַ און וויל דער־מיט אויסבאַהאַלטן איר אייגענעם אומרו און איר מוידע. איר ווילט זיך שטאַרק, אַז די זאַווערוכע זאָל זיי פֿאַרהאַלטן וואָס לענגער. איר ווילט זיך, ווי אַ קינד, פֿאַרמאַכן די אויגן פֿאַרן אומגליק. איצט איז איר גוט, פֿריילעך. און וואָס דערוואַרט איר צום סאָף פֿון דער רײַזע? עס פֿײַניקט איר אַ פּאָר־געפֿיל. זי האָט מוידע.

אין דער צײַט טראָגט זיך יעפּיפֿאַנאָוו איבער דער שטאָט און וואַרט אויף די לאָסט־אויטאָס. ער איז ניט אַליין. קרוגלאָוו ענטפֿערט קוים דערויף וואָס מען פֿרעגט אים און טרעט ניט אָפּ טעג לאַנג פֿונעם ברעג. מיט שטרענגן גאַנג, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, קומט צו גיין טאַניאַ. זי פֿרעגט ניט גאָרניט, זי קוקט נאָר אויפֿן וועג, זיפֿצט אָפּ און גייט אַוועק, קעדיי זיין אַ האַלבער שאָ אַרום ווידער צוקומען. יעפּיפֿאַנאָוו באַקוקט צום צענטן מאָל דאָס צוגעגרייטע צימער, פֿון וועלכן ער האָט נאָך מיט פֿיר טעג צוריק אַרויסגעטראָגן זײַנע זאַכן. ער האָט זיך שוין דרײַ מאָל געראַזירט, דרײַ מאָל האָט ער זיך די שיך אָפּגעפּוצט, און די לאָסט־אויטאָס זײַנען נאָך אַלץ ניטאָ.

באַוויזן האָבן זיי זיך פֿאַרנאַכט. יעפּיפֿאַנאָוו איז ערשט געהאַט געקו־מען פֿון דער אַרבעט און אָפּגעראַזירט זיך צום פֿערטן מאָל, האָט ער געפּוצט די שיך, ווען פּעטיאַ גאָלובענקאָ, וואָס מען האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך, האָט אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער:

— זיי פֿאָרן!

יעפּיפֿאַנאָוו לאָזט זיך לויפֿן צום ברעג, ווו עס שטייט שוין אַן אוילעם נײַגעריקע. ער פֿילט זיך גרינג, פֿריילעך און אַ ביסל מעשוגע. ער דערזעט קרוגלאָוון מיט דעם קינדיש פֿאַרלוירענעם און גליקלעכן פּאָנעם. קרוגלאָוו טרעט אויף איין אָרט, צום סאָף האַלט ער ניט אויס און לויפֿט אַקעגן די לאָסט־אויטאָס איבער דעם ניט באַרירטן שניי. וווּנדערלעך פֿלינק שפּרינגט ער איבער די קופּעס שניי.

יעפּיפֿאַנאָוו דערזעט אים ווידער אויף דעם טרעפּל פֿונעם צוגעפֿאָרענעם אויטאָ. נאָר ער זעט ניט דינאַן, כאָטש אַלע אַרום אים זאָגן, אַז זי איז זייער אַ שיינע. ער וואַרט אָפּ אַ צווייטע, אויך אַן אומבאַקאַנטע, — נאָר צי קען ער זי דערקענען? און ער דערקענט זי. פֿון אונטער שאַלן און קאָלדרעס מערקט זיך אַ בלאָנדע פּאַסמע האָר און עס קוקט אַרויס אַ ליכטיק נײַגעריק אויג. ער איז גרייט זיך שטעלן אין פֿראָנט פֿאַר איר. נאָר אַנדראָניקאָוו שרײַבט

אויס: „נעם אויף!“ און אים קומט אויס פּאַשעט זי נעמען אַף די הענט און זי האַלטן ביז עס וועלן איר אָפּגיין די פּאַרטערפּניעטע פּיס.

— יעפּיפּאַנאָוו, — שטעלט ער זיך פּאַר און רויטלט זיך — איך האָב דעם קאָוועד צו מעלדן: מיר וואַרטן אַף אײַך. מאָרגן זעקס אַזייגער וועט אײַך אויסקומען דורכפירן די ערשטע פּאַרנעמעכץ מיט דעם שיסער־קרײַז.

— יעפּיפּאַנאָוו? — שרײַט לידינקאַ אויס אַ דערפרייטע. זיי קוקן זיך אויפמערקזאַם אָן. זיי ווייסן... וואָס ווייסן זיי? ווייס יעפּיפּאַנאָוו אַז זי איז אַ בירגערלעכע און דער מאַמעס טעכטערל? ווייס לידינקאַ אַז ער איז אַ שלומפּער און האָט באַקומען אַן אויסרייד פּאַר העפּקיירעס?

— פּאַר אײַך איז גרייט אַ צימער, — זאָגט יעפּיפּאַנאָוו — דערלויבט מיר נעמען אײַערע זאַכן און אײַך צופירן.

אירע אויגן פרעגן. ער קערט זיך אַוועק.

— נאָר איך בין ניט אַליין, — זאָגט לידינקאַ — ווי איר זעט, איז דאָ אַ גאַנצע פּאַמיליע... וועט זײַן פּאַר אונדז גענוג פּלאַץ?...

— אין ענגשאַפט, נאָר ניט אין קריוודע. מיר האָבן פּלאַץ! — שרײַט יעפּיפּאַנאָוו און שטעלט זיך אַראָפּנעמען פונעם לאַסט־אויטאָ די קינדער מיט די וואַליזעס. ער איז ביז גאָר צופרידן וואָס ער וועט ניט בלײַבן מיט איר באַלד פון אָנהייב אַליין.

— אָפּעריר, פרײַנטעלע, — זאָגט אַנדראָניקאָוו און לייגט אים אַרויף אַ שווערן פּאַמיליע־קויש אַף די פּלייצעס — אָפּעריר. און מאַך זיך גלײַך דו ווייסט פון גאָרניט. זאָל איר כאָטש ניט פּאַרדריסן.

— כאַווער יעפּיפּאַנאָוו! — שרײַט לידינקאַ — פּאַרוואָס־זשע גייט איר ניט? קומט!

און יעפּיפּאַנאָוו לויפט. ער הייבט אונטער דעם קויש אַפן רוקן און סקריפּעט מיט די יאָנטעוודיקע שיך אַפן שניי. ווען מען זאָגט אים דעמאָלט אַז דער קויש וועגט ניט ווייניקער ווי פיר פּוד, וואָלט ער ניט געגלויבט. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי גרינג ניט געשפּאַנט ווי איצט.

VII

די לעצטע טעג פּאַר סיאַמאַס קומען האָט טאָניאַ שוין ניט געקענט שלאָפן, ניט אַרבעטן, ניט אַפילע טראַכטן. אַלץ איז שוין געווען באַשלאָסן. אַלץ באַצײַטנס איבערגעלעבט. געבליבן איז בלויז וואַרטן.

און אָט איז ער געקומען.

זי שטייט צווישן אוילעם באַגעגענער און טראַכט, אַז ער וועט זי ניט באַלד באַמערקן. נאָר ער האָט זי דערזען פריִער פּאַר אַלע, זי איינע, און איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם לאַסט־אויטאָ, און אין וועג פון זיך דעם טולופּ אַראָפּגעוואָרפן. ער באַשליסט זיך ניט אַף אַלעמענס אויגן זי קושן, ער נעמט זי נאָר אַרום און שטעקט אַרײַן דאָס פּאָנעם אינעם באַשנייטן נאַסן פוטערנעם קאָלנער. זיי זאָגן זיך גאָרניט.

טאָניאַ קריכט אַרויף מיט אים אַפן לאַסט־אויטאָ און העלפט אים אָפּלאָדן די זאַכן. פּאַראַן דאָרט צענדליקער קלומקעס, פּעק, קאַסטנס, קוישן. טייל גיט ער איבער טאָניאַן און געגאַדין:

— דאָס איז פּאַר אונדז.

די איבעריקע האָט ער איבערגעגעבן די פֿרײַוויליקע טרעגער פֿון די קאָמיוגיסטן.

— אין קאָמיוגישן קאָמיטעט. באַלאַלײַקעס, גליטשערס, פּופּעקעס, דאָמינאָ און שאָך. ביכער, נאָך ביכער. אַ גאַרמאָשקע. פּאַרזיכטיק! אַ קעסטל פּיש שמאַלץ. צעברעכט ניט. אַ טויזנט באָד־הייזלעך און העמדלעך. אַ זאַק מיט לימענעס — זאָלן זיי זײַן פֿאַרפֿרוירן? און די גיטאַרעס? לידינקאַ, ווו זײַנען די גיטאַרעס? אָט זײַנען זיי, פּאַרזיכטיקער. נאָך ביכער. סטרונעס, נאָך גליטשערס...

זיי קומען אַהיים שוין אין בייך־האַשמאַשעס. זי'האָט באַצײַטנס שטילערהייט אַוועקגעטראָגן אירע זאַכן. זי האָט גערעכנט, ניט האָבנדיק באַליידיקט סיאָמאַן, אים צופֿירן ביז דער טיר און אַוועקגיין. זאָל זײַן כאָטש נאָך איין טאָג.

נאָר מיט זיי איז דאָ גענאַדי. אין דער צײַט וואָס סיאָמאַ וואַשט זיך אָפּ און טוט זיך איבער, לייגט ער אַרויס מיט טאַניאַן סיאָמאַס זאַכן. זי קען ניט אַוועקגיין ווען גענאַדי איז דאָ.

סיאָמאַ פֿרייט זיך מיט דעם צימער, ער פֿרייט זיך דערמיט וואָס ער איז דאָ, און קוקט אויף טאַניאַן מיט שיקערע אויגן פֿון גליק.

די טיר פֿאַרמאַכט זיך הינטער גענאַדין, זיי בלײַבן אַליין.

— דו רו דיך אָפּ, סיאָמאַ, — הייבט אָן טאַניאַ — מאָרגן...

— וואָס? — שרײַט אויס סיאָמאַ און כאַפּט אָן טאַניאַן פֿאַר די הענט — מאָרגן? איך האָב אויף דעם טאָג געוואַרט מער ווי צוויי כאָדאָשים. איך האָב דעם צוג אונטערגעטריבן, דעם לאַסט־אויטאָ אונטערגעטריבן, די צײַט אונטערגעטריבן... איך האָב געוואָלט פֿליען מיט אַן עראָפּלאַן, איך בין גרייט געווען צו פֿוס לויפֿן! ווען מיר זײַנען שטעקן געבליבן, האָב איך געטרוימט אַ פֿויגל צו ווערן, אַ ווינט האָב איך געוואָלט זײַן און מיט איין אָטעם דערפֿליען צו דיר, איך ברען, איך בין דאָ, איך בין מיט דיר און דו זאָגסט — מאָרגן! מאָרגן! איך וועל שטאַרבן ביז מאָרגן. איך וועל אויסברענען ווי אַ ליכט, וועסט טרעפֿן מײַן גוף אַ פֿאַרקוילטן!

ער נעמט זי אַרום, באַהאַלט זײַן פּנים, אָטעמט שנעל און הילכיק. טאַניאַ פֿאַרשטייט ניט צי לאַכט ער אָדער וויינט. זי האָט געוואָלט — זי וואָלט אים באַדאַרפֿט אָפּשטופּן פֿון זיך, נאָר אַ טיפֿער ראַכמאָנעס האָט זי אַרומגענומען און האָט איר געצוווּנגען אים אַרומנעמען, צודריקן צו זיך און קושן זײַן אָנגעבויגענעם קאָפּ.

— און דו, טאַניאַ? — פֿרעגט ער און קושט דורכן קלייד איר אַקסל — האָסטו געוואַרט אויף מיר אַזוי ווי איך? האָסטו געציילט די טעג? האָסטו געטראַכט אַזויפֿיל וויפֿל איך וועגן דיר?

מיט מי רעדט זי אַרויס:

— איך האָב דיר אַ סך וואָס צו זאָגן...

— אַ סך?! — שרײַט אויס סיאָמאַ — אַ סך? זאָג מיר איין וואָרט. זאָג, אַז דו האָסט מיך ליב. מער ווי דאָס איז גאָרנישט ניטאָ. דאָס אינגאַנצן. האָסט מיך ליב, טאַניאַ?

— איך האָב דיך ליב — זאָגט זי מעסט און פֿאַרמאַכט די אויגן.

— יאָ, טאַניאַ?! יאָ? האָסט מיך ליב. דאָס איז מער ווי אַ סך. מער און בעסער קען מען שוין ניט זאָגן... האָסט מיך ליב? ביסטו זיכער, ווייסטו דאָס, האָסט עס איבערגערעכנט, — האָסט ליב?

— יאָ.

זי קען גאָרניט טאָן ניט מיט זיך און ניט מיט אים. ווי קען זי אים דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ איצט, אין אַ מינוט פון אומאָפּגעהאַלטענער פאַרשיקערטקייט? ווי קען זי אים אָפּשטויסן? ווי קען זי זיך אָפּזאָגן פון דער שאָ וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן? צוליב וועלכער גערעכטיקייט קען מען עס מאַכן פאַר אַ געזעץ האַרצלאָזיקייט און גרויזאַמקייט? און זי האָט דאָך אים ליב, זי וויל דאָך אויך ליבע, זי האָט אַזוי ווייניק גליק געזען אין לעבן... און סיאָמאַ, סיאָמאַ וואָס וועט אַזויפיל ליידן צוליב איר, — ווי זאָל זי אים ניט געבן כאָטש איין שאָ ליבע, ער זאָל וויסן אַז זי האָט אים ליב, ער זאָל באַגרייפן איר ווייטאָג, אַז זיין ערשטער ליכטיקער דראַנג זאָל ניט אָפּגעטויט ווערן...

ער האָט זיך געריסן צו איר דורך צוועלף טויזנט קילאָמעטער. ער וויל זי האָבן. און זי וויל אויך. און וויאַזוי נאָך קען זי אים איבערצייגן אין איר ליבע פאַר דעם ווי זי זאָגט אים, אַז זייער ליבע דאַרף דורכגיין אַ פּיינלעכן פּרווו?

זי האָט זיך פון אַלץ מיט איין מאָל אָפּגעטרייסלט און האָט זיך אים אָפּגעגעבן אַ ריינע, מיט קיין זאַך ניט באַטריבטע. דאָס איז געווען גליק. אַף אַ רגע קומט איר אַפן געדאַנק גאַליצין, קעדיי אים אַף שטענדיק אָפּצוּוואַרפן, — ווי פּרימיטיוו און גראָב ער איז געווען! זאָל זיין זי האָט אים מויכל געווען, נאָר וויאַזוי האָט איר קיינמאָל ניט געקלעקט קיין עמעסע צערטלעכקייט, קיין עכטער געפיל פאַר אָט די באַזונדערע, קען זיין זינלאָזע ווערטער... טרערן זיינען איר אין די אויגן געקומען.

ער גלעט פאַרזיכטיק מיט די ליפּן אירע אַקסלען און אירע בריסטן, אירע בריסטן וואָס קוועלן אָן מיט מוטערלעכער זאַפט... אַ שאַרפער ווייטיק נעמט זי דורך. זי שטויסט אים ווייך אָפּ און טוט זיך שנעל אָן. זי צינדט אָן די עלעקטריע. און ער, אַ גליקלעכער, אַ ריירנדיקער, אַ פאַרליבטער, קריגט פון ערגעץ אַרויס באַשערייען, געבעקס, פאַרבייסנס, אַ פלעשל וויין.

— אָ, טאַניאַ! וווּנדערלעכער דאַרעמדיקער ווין! פון די דאַרעמדיקע גילדענע וויינגערטנער!

און ער העלפט איר דעקן דעם טיש, קושט איר, פאַרביינגייענדיק, די הענט, די אַקסלען באַצויגענע מיט דעם קלייד, די צוגעפּלעטשטע האָר אַפן נאַקן.

זי איז שוואַך אַקעגן זיין ליבע, זי טרייסט זיך פאַר דעם שרעקלעכן שריט. צום סאָף באַשליסט זי זיך. זי באַשליסט זיך, ווען ער גלעט זי מיט זיינע פלאַמיקע פילזאָגנדיקע אויגן און זאָגט איר:

— און אַזוי וועט שטענדיק זיין, יאָ, טאַניאַ, שטענדיק?

— ניין, — ענטפערט טאַניאַ און פאַרקלעמט אירע בלייכע ליפּן — איך האָב דיך ליב, סיאָמאַ, מער ווי זיך אַליין, מער ווי דאָס לעבן... נאָר ניין...

און ווידער האַלט זי אָפּ די מוירע. זי קען ניט אַרויסריידן די צוגעגרייטע ווערטער. ער פרעגט זי אויס, אַ דערשראָקענער, אַ געערגערטער.

— ניין, ניין, פרעג ניט, ניט היינט... מורמלט זי און באַהאַלט איר פּנים אין זיינע הענט.

דערנאָך זאָגט זי פונדעסטוועגן. פאַראַקשנט, שאַרף, קיין זאַך ניט אויס־באַהאַלטנדיק, מיט קיין זאַך ניט פאַרענטפערנדיק זיך. זי קען זיך ניט צווינ־

גען אַ קוק טאָן אַף אים. און ער שווײַגט. וויפל שאַ צייט זיך דאָס שווײַגן? אומענדלעך לאַנג, ניט צום אויסמעסטן די צײַט, זי מעסט זיך נאָר מיט דער טיפקייט פון זייערע צעבראָכענע הערצער — ער רופט זיך שטיל אָן:

— דו ביסט ניט שולדיק. איך פאַרשטײ. און דו האָסט עס מיר דאָך טייקעף געוואָלט זאָגן, יאָ?

זי באַשליסט זיך אַ קוק טאָן. איז עס ער? איז עס זײַן פּנים — אָט די גרויע לעבנסלאָזע מאַסקע? זי וויל ענטפערן, נאָר זי האָט שוין איר קאָל אָנגעווירן. דער האַלדז גיט קיין קלאַנג ניט אַרויס.

— מירן פּרוּוון לעבן ווי געהעריק, — זאָגט סיאָמאַ — איך אַכט דיך ווי פריער, טאַניאַ.

ער זאָגט ניט — כ'האָב דיך ליב. זי דריקט זיך צונויף ווי פון אַ קלאַפּ און שווײַגט. און ער נעמט אומגיין איבערן צימער. ער נעמט אַראָפּ פונעם טיש, צעוואַשט דאָס געשיר, בעט אויס די בעטן.

ער זאָגט איר:

— לייג זיך שלאָפן, טאַניעטשקאַ. לייג זיך. איכל אַ ביסל אַרויסגיין.

ער גייט אַרויס קעדיי זי זאָל זיך אויסטאָן. אַ דערשראָקענע, אַ דערנידעריקטע, פאַרשווינדט זי שנעל אין בעט און באַהאַלט דאָס פּנים.

לאַנג קומט ער ניט. ווען ער קומט צוריק, גייט ער צו און לייגט איר צו די האַנט צום שטערן און זאָגט:

— דאָס איז שווער, טאַניאַ. דאָס דאַרף מען איבערלעבן. נאָר דו ביסט דאָך ניט שולדיק. אַלץ וועט זיך אײַנאָרדענען... עס מאַכט ניט..

ער צווינגט זיך זי אַ קוש צו טאָן און איר זאָגן אַ גוטע נאַכט. ער לעשט אויס די עלעקטריע און לייגט זיך שלאָפן. טאַניאַ איז נאָענט — ער דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט זי אָנצורירן. זײַן בעט היט נאָך אין זיך די וואַרעמקייט פון איר לײַב. ער גיט אַ שוידער פון ווידערגעפיל צו דעם געליבטן לײַב, וואָס ער האָט ערשט געגלעט.

זיי בלײַבן ווינען צוזאַמען אין איין צימער. טאַניאַ רײַסט זיך אַוועקגיין, נאָר ער לאָזט זי ניט. ער זאָגט איר, אַז זיי האָבן זיך ליב און קיינער איז ניט שולדיק. ער ברענגט איר סייכלדיקע אַרגומענטן — פונעם סייכל נאָר ניט פונעם האַרצן.

זיי ווינען באַנאַנד ווי פרעמדע, האָבן מוירע איינער צום צווייטן זיך צורירן. זייערע שטימען ציטערן, ווען זיי מוזן ריידן צווישן זיך. ביגנייווע באַטאַפּט ער מיט דעם בליק איר פול געוואָרענע טאַליע און טאַניאַ פילט אַף זיך, ניט קוקנדיק, דעם באַקוקנדיקן פײַנטלעכן בליק. זי פּרוּווט זיך ריידן, אָפן אים זאָגן — לאָמיר זיך ניט פּײַניקן איינער דעם צווייטן, לאָמיר זיך פונאַנדערגיין. נאָר ער דערלאָזט ניט קיין איין פּרוּוו, ער זאָגט איר: „מען דאַרף ניט, טאַניאַ, וואַרט צו...״ ביידע ווערן זיי אַלץ מאָגערער, אַלץ גרויער. די כאַווײרים לאַכן: האָניק־כוידעש!

אַזוי גייט אַוועק אַ וואָך.

טאַניאַ וואַרט, זי באַמיט זיך אויסבאַהאַלטן די פאַרצווייפלונג אונטער דער מאַסקע פון רויִקייט. זי אַרבעט אַ סך און גייט ניט אַוועק פונעם שפּיטאָל ביז דער דאָקטער טרײַבט זי אַרויס. זי קומט אַהיים און לייגט זיך טייקעף אין בעט אַרײַן, זי פּרוּווט אײַנשלאָפן איידער סיאָמאַ וועט קומען. נאָר דער שלאָף קומט ניט. זי באַזוערט זיך: „מאָרגן וועל איך אַוועקגיין״.

נאָר סיאָמאַ קומט צו גיין, אַ פֿאַרדײַגעטער, אַ צעשרויפּטער. זי זעט ווי ער לײַדט, און זי בלײַבט.

אַ וואָך איז שוין פֿאַרבײַ. וואָס סיאָמאַ האָט ניט איבערגעטראַכט אין די זיבן טעג מיט זיבן נעכט?

אַפֿן אַכטן טאָג, שפּעט בײַנאַכט, קומט ער צו מאַראָזאָוון. מאַראָזאָוו, ווי געוויינלעך, הייבט זיך אויף: ער איז געוווינט דערצו, אַז ער איז אַלעמען נייטיק, אַז אַלע קענען זיך שאַפֿן מיט זײַן צײַט. און סיאָמאַ אַלטשולער וועט אומזיסט ניט קומען. ער ווייס.

סיאָמאַ שטייט אַ ווײַלע און מיטאַמאָל, לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ צו אים אַף די קני און צעוויינט זיך. לאַנג און טרייסטלאָז קלאָגט ער... אַזוי קענען וויינען נאָר פֿרויען, — אַזוי וויינען מענער, ווען דער אומגליק און די פֿאַרצווייפֿלונג ווערן שטאַרקער פֿון זייער מוט.

— גענוג, גענוג, — זאָגט מאַראָזאָוו מיט לײַכטן שפּאָט און טרייסלט סיאָמאַן פֿאַר זײַנע קוטשעראַווע האָר — ווייין ניט און זאָג וואָס האָט פּאַסירט.

מיט מי דערציילט אים סיאָמאַ. די ברעמען נעמען זיך וויגן בײַ מאַראָזאָוון. ער פֿרעגט אים:

— זי האָט דיך אָפּגענאַרט? האָט אויסבאַהאַלטן?

— ניין! זי האָט אַליין געזאָגט.

— האָסט זי מער ניט ליב?

— וואָלט איך זי ניט ליב געהאַט! — שרײַט אויס סיאָמאַ און ווידער פֿלייצן אים די טרערן איבער די באַקן.

— גענוג, צעווייק זיך נאָר ניט, באָכער, — מאַראָזאָוו שויבערט אַלץ סיאָמאַס קאָפּ, און זײַנע ברעמען הייבן זיך, דער שטערן קנייטשט זיך — דאָ קענסטו שוין גאָרניט מאַכן. אויב די פֿרוי האָט ניט ליב, וועסטו זי ניט צווינגען ליב האָבן. איך ווייס עס. איך אַליין, זעסטו, האָב ליב געהאַט אַ פֿרוי. און זי מיך האָט ניט ליב געהאַט. און גאָרניט, כ'לעב. כ'לעב אַפֿילע ניט שלעכט. די ערשטע צײַט איז שווער, דערנאָך וועסטו זיך צוגעווינען...

— זי האָט דאָך מיך ליב!

מאַראָזאָוו פֿאַרשטייט ניט אָדער ער וויל ניט פֿאַרשטיין. ער צענעמט די הענט און פֿרעגט גראָבלעך:

— אויב אַזוי איז וואָס־זשע רעוועסטו?

סיאָמאַ האָט זיך ניט גערייכט אַף אַזאַ פֿראַגע. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז אַזוי קלאָר, אַז מאַראָזאָוו וועט באַלד פֿאַרשטיין און וועט אים אַן אייצע געבן. ער ווייס ניט וויאַזוי דאָס אויפֿצוקלערן. פֿאַר אַזוינע געפֿילן זײַנען קיין ווערטער ניטאָ.

— האָסטו גאָרניט ליב קיין קינדער, וואָס? — פֿרעגט אים ווײַטער אויס מאַראָזאָוו.

— קינדער?

— דו ווייסט, באָכער, אָט בין איך אַ קינדערלאָזער שעד. נאָר אַז איך זע זייערע קײַלעכדיקע בעקעלעך, בין איך גרייט צו נעמען אַף די הענט יעדן קאַראַפּוז און אים אין די הענט צעקנייטשן. ווי קען מען זיי ניט ליב האָבן, פֿאַרשטיי איך ניט!

— דאָ אָבער איז אינגאַנצן אַנדערש... איך פֿאַרשטייט ניט...

— טע־טע־טע! איך פֿאַרשטיי ניט! — גיט מאַראָזאָוו אַ מרוקע — דו אַליין פֿאַרשטייסט דיך ניט. ביסט דאָך אַ קלוגער באָכער, אַ קאָמיוגיסט. און

דו באַטראַכסט דיך מיסטאָמע אויך פֿאַר אַ באָלשעוויק. באַטראַכסט זיך ?

— איך בין דען ניט קיין באָלשעוויק ? — היצט זיך סיאָמאַ.

מאָראָזאָוו גייט זיך דורך איבערן צימער, שטעלט זיך אָפּ לעבן סיאָמאַן און לייגט אים אַרויף די הענט אַף די אַקסלען.

— לאָמיר אָפּלאָזן דעם געשפּרעך, — זאָגט ער אים — ווייסט אַליין ליידן די זאַך ריכטיק... נאָר הער מיך אויס, וואָס איך דענק. איך וויל דיך ניט לערנען, נאָר איך האָב דאָך אויך עפּעס געזען אַף מײַן לעבן... האָסטו ליב אַ פֿרוי, האָב זי ליב אינגאַנצן, זי מיט איר קינד. אַנדערש איז עס קיין ליבע ניט... אויב דו האָסט ניט ליב טאַניאַן אַזוי, אַז דו זאָלסט אַננעמען איר קינד, איז דיר ניט שווער פֿון איר אָוועקצוגיין און זיך פֿאַרליבן אין אַ צווייטן מיידל, דערנאָך אין אַ דריטן... און אויב דו ביסט ניט פֿעיִק ליב צו האָבן אַ קינד, ביסטו, באָכער, אַ דעגענעראַט, און מער האָבן מיר ניט וואָס צו ריידן. און וואָס איז דאָ אַזוי זיך צו דענערווירן ? ווו איז ערגעץ דײַן גאַליצין ? און וואָס פֿאַר אַ פֿאָטער איז ער פֿאַר אונדזער בכאָר ? דאָס איז דאָך אונדזער ערשט קינד ! אָט האָט מען אַף איסאַקאָווא ניט אַכטונג געגעבן, ניט אײַנגעהיט. איז וואָס־זשע ווילסטו, אַז טאַניאַ זאָל פֿאַר ווייטיק זיך גיין טרינקען אָדער קראַנק ווערן ? אַ פֿאַרברעך באַגייסטו, טײַערער ! זי וועט האָבן דעם, דערנאָך וועט זי דיר האָבן נאָך דרײַ, דער וועט זײַן דײַנער און יענע אויך. ווועמען וועט ער רופֿן פּאַפּאַ ? ניט וועמען עס איז, נאָר דיך ! און יעדער קינד איז ווערט ליבע. דאָס איז זייער פּאַשעט, באַציִען זיך דאַרף מען פּאַשעטער. וואָלט זי דיך אָפּגענאַרט אָדער ניט ליב געהאַט, דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. וואָס־זשע ווילסטו ? עגאָיִסטן זײַט איר, יונגט ! איר האָט ניט אין זיך קיין באָלשעוויסטישע האַרציקייט ! אויך מיר באָלשעוויקעס ! דאַרפֿסט נאָך זיבן ווערסט שפּאַנען ביז אַ באָלשעוויק.

מאָראָזאָוו בייזערט זיך, דרייט זיך אַוועק. סיאָמאַ רײַסט זיך עפּעס זאָגן, נאָר ער בלײַבט שטיל. ער האָט עס אַליין געוווּסט, מיטן מויעך. מאָראָזאָוו צווינגט אים דאָס צו פֿילן.

— ווען האָסטו זיך דערוווּסט ? — פֿרעגט אים שאַרף מאָראָזאָוו.

— ווען איך בין געקומען... דעם זעלביקן אָוונט.

— איך ווייִנט צוזאַמען ?

— צוזאַמען.

— האָסט פֿאַר די עטלעכע טעג דאָס מיידל פֿון די קויכעס אַרויסגעבראַכט ? אַ ? זאָג גלײַך, אַרויסגעבראַכט פֿון די קויכעס ? גייט אום ווי אַ טויטע און וויינט ?

— זי וויינט ניט, — זאָגט סיאָמאַ — זי איז אַ שטאַרקע.

— דאָך, פֿון די קויכעס אַרויסגעשלאָגן ? זאָג דעם עמעס.

— יאָ.

— און זיך אַליין אויך ?...

מאָראָזאָוו נעמט פּלוצעם אַרום סיאָמאַן, ציט צו צו זיך זײַן קאָפּ און שטויסט אים טייקעף אָפּ.

— גיי צו איר, — זאָגט ער — גיי בעט זי זאָל דיר מוחל זײַן. טרייסט זי. דו האָסט זי פֿון די קויכעס אַרויסגעבראַכט און ביז דיר וויפֿל געזונט האָט איר געקאָסט ! וואָלסט באַדאַרפֿט אַ טראַכט טאָן דערפֿון ! ניין ? גיי. און מאָרגן קום איך צו אײַך צו גאַסט. און זע אַז אַלץ זאָל זײַן אין אָרדענונג.

אַרויסבאַגלייט סיאָמאַן, זעצט ער זיך אַוועק אָפּן בעטל און שאָקלט

מיטן קאָפּ: „נ־יאָ...” לאַנג זיצט ער אַ פאַרטראַכטער און הייבט די ברעמען. דערנאָך דערמאָנט ער זיך, אַז ס'איז שוין שפּעט, אַז מען דאַרף שלאָפן, און פרעגט זיך אַליין: „וועט עס אַרויסקומען אָדער ניט אַרויסקומען?” און ווען ער ליגט שוין אין בעט, אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע, ענטפערט ער: „באַ אַזעלכן קען עס אַרויסקומען”.

און סיאָמאַ לויפט אַהיים און טויזנט צאַרטע ווערטער פליִען אינאיינעם מיט אים צו טאָניאַן. טאָניאַ ליגט. זי שלאָפט דוכט זיך. ער בלײַבט שטיין לעבן איר, נאָר ער אַנטשליסט זיך ניט זי אויפצוּוועקן און האָט קיין קויעך ניט צו וואַרטן.

מיטאָמאָל עפנט זי די אויגן און ער לייענט אין זיי איר פּײַן, וואָס איז באַ איר געוואָרן אַ קעסיידערדיקע, אַן אומדערטרעגלעכע. ער פאַלט אַוועק אַף די קני, כאַפּט אַרום אירע אַקסלען איבער דער קאָלדרע, ער פאַלט צו מיט זײַן באַק צו אירער, און קען גאָרניט זאָגן. ביידע צעוויינען זיך.

דערנאָך זאָגט ער:

— איך האָב ליב אַלץ וואָס איז דײַנס. ער איז דײַנער, הייסט עס, אויך מײַנער. יאָ, טאָניאַ?

סיאָמאַ דערמאָנט זיך וועגן מאַראָזאָוון. נאָר ווען מאַראָזאָוו לויפט אַרײַן צו זיי אַפן אַנדערן טאָג, „פון קעלט אַ גלאָז טיי אויסטרינקען”, נעמט ער זיי ביידן אַרום און קלאַפּט אַן זייערע קעפּ איינעם אָנעם צווייטן, און טאָניאַ וואַרפט זיך אים אַפן האַלדז און קושט אים אין דער שטעכיקער באַק.

— אָט האָסטו דיר, איך בין דאָך נאָך ניט קיין זיידע, — זאָגט ער ווען ער באַפרײַט זיך פון איר — זע, פאַר אײַפערזוכט, וועט מיר דײַן באַ־כער קיין גלאָז טיי ניט געבן. און וואָס זײַנען עס פאַראַ צערטלעכקייטן? איך בין דאָך דער סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן קאָמיטעט. נאַטשאַלסטווע. דערעכערעך דאַרף מען האָבן. און דו קושט זיך גאָר!

זיי טרינקען טיי אין דרײַען, און מאַראָזאָוו איז דער זיידע — ניטאָ שוין וואָס צו מאַכן.

VIII

פונקט דעמאָלט ווען סערגײַ גאַליצינען ווילט זיך מער ווי אַלץ אַ סאָף מאַכן צו זײַנע וואַנדערונגען, וואַרפט אים דאָס לעבן אַף אַלץ נײַע ערטער. אין אַלעקסאַנדראָווסק גיט זיך אים בעשום אופן ניט אײַן אַרויפצוגיין אַף דער שיף — ווי אַ סך אַנדערע טוען, אַף אַוועקצופאָרן. ער איז פאַרמאַטערט. די שאָפערן ערגערן אים מיט זייערע אײַנריידענישן ער זאָל אַרײַנטרעטן אין גאַראַזש. איינעם האָפן דערקענט מען אים און מען לייגט אים אויף פאַר אַרבעט, געלט, אַפילע אַ וווינונג. אים דערעסן די מענטשן וואָס זעען אין זייער אַרבעט די בעסטע פּראָפעסיע און זייער סאַכאַלין ווי דאָס בעסטע אָרט אין דער וועלט.

ער אַנטלויפט פון זיי און לאָזט זיך אַוועק צו פוס דורך די סאָפּקעס צו דער קוילן־מינע. דעם וועג האָט מען אים אויפגעקלערט. נאָר אין אַ האַלבער שאָ אַרום זעט ער זיך אַרום, אַז די אויפקלערונגען האָבן קיין ווערט ניט און ער וואָלט זיכער פאַרבלאָנדזשעט. ס'איז אים שרעקלעך אַליין צו גיין איבער דער טײַגע, קלעטערן פון סאָפּקע צו סאָפּקע. ער דערשרעקט זיך

און באַשליסט אַרויסגיין צום יאַם און מיט דעם ברעג צוקומען צו דער מינע — זאָל זײַן ס׳איז ווײַטער, נאָר דערפֿאַר וועט ער ניט בלאָנדזשען.

באַם יאַם שמײַסט אים אין פּאָנעם אַ פֿרישער ווינט. סערגיי דערפֿרייט זיך מיט אים, ער פֿרישט אים אָנגענעם אָפּ זײַן צעהיצט לײַב. נאָר נאָך עטלעכע מינוט גיין מידט זיך סערגיי אײַן: דער ווינט בלאָזט אים ווילד פּונקט אַנטקעגן, ער מוז זיך שטאַרק אָנשטרענגען אָף צו גיין ווײַטער. די פֿיס קריכן אײַנעם דריבנעם זשוויר. פֿונעם ווינט קלינגט אים אין די אויערן.

— אָסו! — זידלט ער זיך — אַזוי וועסטו אין אַ מעסלעס ניט אָנקומען!

מיט אָנגעשוואָלענע פֿיס און אַ נאַסן רוקן איז ער צו מיטאָג צוגעקומען צו אַ דערפֿל. ער דערזעט די דאָקן, אַ קוילן־באַרזשע, אַ שוואַרצן אַראָפּהאַנג איבער וועלכן מען לאָזט אַרונטער די קוילן צו די דאָקן. אַ מינע!

סערגיי שטעלט מיט מי די לעצטע טריט. דער ערשטער מענטש, וועמען ער דערזעט, איז אַ מאָדנער דאַרער פּאַרשוין אין אַ בלווילעכן כאַלאַט מיט הילצערנע סאַנדאַלן אָף די באָרוועסע פֿיס. דער פּאַרשוין גיט אַ קוק מיט פֿאַרדאַכט אָף סערגייען, קערט זיך אָפּ און גייט אַוועק. סערגיי באַמערקט — די סאַנדאַלן האַלטן זיך אָף די פֿיס מיט אַ רימענדל, וואָס איז דורכגענומען צווישן דעם גראָבן און דעם צווייטן פֿינגער. דער גראָבער פֿינגער איז קאָמיש אָפּגעשפּאַרט. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טשודאָק?

ניט ווײַט פֿון סערגייען, אָפֿן גראָז, ליגט אַ באָכער און רייכערט. סערגייען פֿאַרווילט זיך שטאַרק רייכערן. און נאָך מער וויל ער וויסן וווהין ער איז אַרײַנגעפֿאַלן. עפּעס מעשונעדיקס דוכט זיך אים אין דעם מאָדנע פֿיגורל מיט די נאַרישע סאַנדאַלן.

סערגיי זעצט זיך צו צום באָכער און בעט אַ פּאַפּיראָס. דער באָכער גיט אים שווײַגנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— וואָס איז דאָ? — פֿרעגט סערגיי.

דער באָכער קוקט אָף סערגייען און ענטפֿערט אים פֿויל:

— קיטאָ קאַראַפּוטאָ...

— וואָס?

— קיטאָ קאַראַפּוטאָ קאָסיאָ קאָבוסיקי קאַיסיאָ.

— וואָס? איך פֿאַרשטיי ניט.

— יאַפּאָנער, — זאָגט דער באָכער — איצט פֿאַרשטייסטו שוין? אַ קאָנצעסיע.

און ער פֿרעגט:

— און פֿון וואַנען האָסטו זיך גענומען?

— צו דער אַקטיאָבערשער מינע גיי איך.

— אָף אַרבעטן?

— קען זײַן איך זאָל זיך שטעלן אַרבעטן.

דער באָכער זעצט זיך שנעל אויף און כאַפּט אָן סערגייען פֿאַר אַ האַנט.

— שטעל זיך אַרבעטן דאָ! ערד־וואָרט, שטעל זיך! איך וועל דיר געבן אַ רעקאָמענדאַציע און וועל דיך אויסלערנען אַרבעטן. ערד־וואָרט, שטעל זיך דאָ. וואָס ווילסטו גיין? וועסט דיך שטעלן אָף מײַן אָרט.

סערגיי איז געווינט מען זאָל אים אײַנרײדן און ער האָט זיך אויסגעלערנט זיך אָפּצוזאָגן. נאָר דאָ וווּנדערט אים פּאַשעט.

— אָף דײַן אָרט? און דו?

דער באָכער קוקט זיך אויפמערקזאַם צו צו סערגייען, קענטיק, ער לייזט די פראַגע, צי וועט זיך אים איַינגעבן איַינצורייידן. דערנאָך, ווען ער לייזט זי אָף נייִן, צעלאַכט ער זיך:

— און איך וועל גיין אַהין... אַפן סאָציאַליסטישן...

— באַקלער דו אַליין. איך בין אַ מינען־אַרבעטער, ווערבירט אַף אַהער, געמיינט: אַ קאָנצעסיע, אויסלענדישע סבוירעס, פאַרדינסט? קוים דריַי הונדערט רובל צי איך אָן, און אַפן סאָציאַליסטישן ציט אָן אַ גוטער אַרבעטער טויזנט. איך כאַפּ מיך צו זייערע סבוירעס, כ׳טראַכט מיר — אָן אָנצוג זיך מאַכן! אימפּאָרט! איך כאַפּ די דריַי מעטער, ברענג זיי אַהיים, כ׳טו אַ קוק אָף דער שיַין — בראַק, דער טיַיוול ווייס זיי! פלעקן, וויַיסע פעדעם. דאָס ערגסטע ברענגט מען... און דערנאָך — נו... פאַרשטיי אַליין! נו, אַרבעט איך. איך זע, מען וואָלט באַדאַרפט אַנדערש צעשטעלן די מענטשן — וואָלסט צוויי מאָל אַזויפיל אויסגעאַרבעט. איך האָב אַמאָל עפּעס אַ זאָג געטאָן — און ס׳האָט מיך אַליין אין פיבער געוואָרפן. צו וואָס? פאַר וועמען? פאַרן יאַפּאַנער? פאַרן קאַפּיטאַליסט? לייענסט אונדזערע צייַטונגען — נעמען דיך טרערן זידן. און דו פאַרשטייסט, — צעוואָרעמט זיך דער באָכער — סאָראַ כוצפּע! זיי האָבן זיך געווענדט צו אונדזער קאָמיטעט: דערלויבט איַינפירן אין דער מינע סאָציאַליסטישן געוועט". נייִן, דו פאַרשטייסט, וואָס זיי ווילט זיך?

עס ווערט נאַכט. ביז דער סאָציאַליסטישער מינע איז צוועלף קילאָמעטער.

— וואָלסט עפּשער געבליבן דאָ נעכטיקן, — זאָגט דער באָכער.

— נייִן, איכל גיין — איז סערגיי פאַראַקשנט.

ער האָט דאָס געפיל, אַז ער איז ניט אין דער היים, אַז ער דאַרף וואָס גיכער אַהיימגיין.

— נו, גיי, — זאָגט דער באָכער — איך ענדיק דעם קאָנטראַקט, וועל איך אויך אַוועק אָף דער סאָציאַליסטישער.

ער שריַיט אים נאָך:

— גיי געזונט, פריַינטעלע! גריס דאָרטן.

סערגיי שפּאַנט איבערן נאַסן זשוויר, אַקעגן דעם ווינט, אינעם פאַרנאַכט. „סאָציאַליסטישע" — אָט ווי זיי זאָגן, — טראַכט ער זיך — אָט מיר שאַצן עס ניט. איך האָב ניט געשאַצט. בין געוווינט. און דאָ איז ניט קיין שלאָגלעריַי, ניט קיין אינטערעס צו דעם וואָס דו טוסט... און קיינער רעדט ניט איַין צו בליַיבן. זיי אַליין זוכן אַוועקצוגיין אָף דער סאָציאַליסטישער. „גריס דאָרטן". ווען ער ווייס אַז סערגיי איז אַן אַנטלאָפענער, אַ דעזערטיר פון סאָציאַליסטישער בויונג!..."

עס ווערט שוין פינצטער. ער גייט פאַראַקשנט און שטעלט זיך ניט אָפּ, קליַיבט ניט איבער דעם וועג, צעקלאַפּט די פיס אָן די שטיינער. דאָס פּאַסעקל ברעג ווערט אַלץ שמעלער. די כוואַליעס, וואָס לויפן אָן אַפן ברעג, גרייכן טיילמאָל האַרט צו די פעלדזן. און מיטאַמאָל כאַפּט זיך סערגיי אַז דער צופלוס גייט, אַז דאָס פּאַסיקל ברעג וועט באַלד איינגאַנצן פאַרשווינדן. אַ שרעק כאַפּט אים אַרום. ער לאָזט זיך לויפן. זיַינע מידע פיס בייגן זיך, גליטשען זיך, נאָר ער לויפט, געטריבן פון שרעק. עס ווערט פינצטער. אין דער וויַיט טיילט זיך אויס אַ שאַרפער שטאַרץ. סערגיי ווייס, אַז דאָרט נאָכן שטאַרץ געפינט זיך די סאָציאַליסטישע. ער זאָל נאָר דערלויפן!

ער שלאָגט זיך אָן און פאַלט אַוועק. עטלעכע רעגעס ליגט ער אומבאַוועגט, באַזיגט פון דער מידקייט. קאַלטע שפּריצן וואַשן אים אָפּ. ער שפּרינגט אויף און לויפט ווײַטער. דער שטאַרץ איז שוין נאָענט. אין דער טונקלקייט זעט מען ווי די כוואַליעס קלאַפּן זיך אָן און צעשפּריצן זיך מיט מעכטיקע פאָנטאַנען. שוין שפּעט. מען קען זיך אַרויפכאַפּן אַף עפּעס אַ פעלדז און אויסוואַרטן ביזן אָפּפלוס. נאָר זיצן די גאַנצע נאַכט אַפן פעלדז, אָפן ווינט? סערגייען ווילט זיך אומפאַלן און שטאַרבן. זאָלן אים די כוואַליעס שלאָגן! אַלצאיינס, צו וואָס טויג אים דאָס לעבן! נאָר ער לויפט ווײַטער. גײן, ער וויל לעבן. אַלץ קען מען פאַרריכטן. זאָל ער נאָר דערלויפן, זאָל ער זיך נאָר ראַטעווען, דערנאָך וועט ער זיך אויסשלאָפן, אָפּרוען, באַטראַכטן און אַלץ באַשליסן.

ער איז צוגעלאָפן ביזן שטאַרץ. די פעלדזן־אָנהויפּעונג ווערט געוואַשן פון די כוואַליעס. די כוואַליעס זײַנען ווילדע. עס הערט זיך דאָס קראַכן און קנאַלן פון די שטיינער וואָס זיי וואַרפן. נאָר נאָך די פעלדזן איז פאַראַן אַ ציל: די סאָציאַליסטישע מינע. כאַווײַרים, רו, מיטגעפיל...

סערגיי קריכט אַרויף אַף די פעלדזן. ער האַלט זיך פעסט אָן בײַ יעדן שפּיץ און קוקט זיך צו צום אָנשלאָג פון די כוואַליעס. אַ צוגעטוליעטער צום פעלדז, וואַרט ער איבער דעם קלאַפּ פון דער כוואַליע און אין דער צײַט וואָס דער יאַם נעמט זיך אָן מיט נײַע קויכעס צום נײַעם צושפּאַר, לויפט ער אַוועק ווײַטער. עטלעכע שפּאַן — און ווידער אַ קלאַפּ. די כוואַליעס שלאָגן זיך ווילד־משוגע. סערגיי איז צעקלאַפּט און נאַס פונעם קאָפּ ביז די פיס. עס פינקלט שוין פאַרויס אַ פײַערל. דער ווינט טראָגט אים צו אַן אָפּגעריסן שטיקל פּרויעקן־קאָל. סערגיי רײַסט זיך פאָרויס און אַ כוואַליע יאָגט אים אָן, רײַסט אים פונעם פעלדז און וואַרפט אים אַרויף אַף אַ שטיין. אַ געפּלעפּטער, גיט ער זיך דערנאָך אַ הייב אויף פון טויט־שרעק און אַנטלויפט.

פאַר זײַנע אויגן שטייען די פײַערלעך פונעם דערפל. אַ קייטל לאָמטערנס ציט זיך איבער דער סאָפּקע און באַלײַכט אַ שמאָל־רעלסיקע באַןליניע. סערגיי שיצט זיך הינטערן פעלדז, וואָס איז שוין ניט דערגרייכלעך פאַר די כוואַליעס, און קוקט אַף די פײַערן פון דער סאָציאַליסטישער מינע. פונעם פעלדז מוז ער קלעטערן אַף אַראָפּ און ווידער מיט די לעצטע קויכעס דורכשפּרינגען אַ שמאָלן דורכגאַנג וואָס ווערט באַוואַשן פון די כוואַליעס. נאָך דעם לעצטן אָנשטרענג קען ער ניט מאַכן. ער האָט אויסגעבראַכט אַלע זײַנע קויכעס.

ערגעץ ניט ווײַט הערט זיך די פּרויעקן־שטימע. סערגיי נעמט שרײַען. ער שרײַט: „ראַטעוועט!" עמעצער לויפט מיטן ברעג. „ראַטעוועט!" — שרײַט ווידער סערגיי. ער זעט אַ קליינעם סילועט שפּרינגען איבערן שמאָלן דורכגאַנג. פּרויעקן־הענט באַרירן אים. דאָס מיידל פרעגט אים:

— ווער ביסטו?

דאָס קאָל איז אַ ווייכס, אַ קלינגענדיקס. סערגיי נעמט צונויף אַלע זײַנע קויכעס און גייט נאָך דעם קאָל, נאָך דער פעסטער און זאָרגעוודיקער האַנט. די האַנט פירט אים, דאָס קאָל שרײַט אויס: „היט דיך!" זיי פאַלן צו צום פעלדז, וואַרטן איבער די כוואַליע, דערנאָך גיט אים דאָס מיידל אַ שטויס און זיי לויפן.

ער פאַלט אַף דער ערד. בײַ דער שײַן פון אַ שוועבעלע דערזעט ער צוויי יאַטן און אַ שוואַרצבריעמיק מיידל. דער ווינט פאַרלעשט דאָס שוועבעלע.

— ער איז דאָך נאָך גאָר אַ יונג יינגל! — זאָגט דאָס מיידל.

זיין באַוווסטזיין נעפּלט זיך. ער לאָזט זיך אויפהייבן און טראָגן. די פיס פאָלגן אים ניט. די יאַטן טראָגן אים אַף אַרויף. דערנאָך דערזעט ער זיך אין אַ צימער. מען גיט אים וויין, עמעצער רייבט אים איין מיט ברענענדיקס און אָנגענעמס, עמעצער ציט אַף אים אָן אַ ריין העמד. „פּעטרושקאַ, ברענג אַהער אַ קאָלדרע. האַלטשאַנאַק, נעם טריקן דאָס אויס...״ דאָס מיידל בייגט זיך ווידער אָן איבער אים און זאָגט: „ער איז אַ רייזנדער! מען קען דען?!״

ער איז איינגעשלאָפן.

ווען ער כאַפּט זיך אויף, איז העלער טאָג. אַפן טיש געפינט ער ברויט, אַ שטיק געבראָטן פלייש, אַ פּרימוס מיט אַ נאָך וואַרעמען טשייניק, אַ גלאָז מיט צוויי שטיקלעך צוקער. בײַ דער זייט ליגט אַ קוויטעלע: „כ׳בין אַוועק אַף דער אַרבעט. עס, רו אָפּ. פיר אַזייגער קום אין עס־שטוב״.

ער האָט אָפּגעגעסן, זיך איינגעוואַשן, אַרויס אַף דער גאַס. דאָס קוילנ־גרעבערישע דערפל ליגט איינגעקלעמט צווישן סאָפּקעס. אַף די גאַסן איז פּוסט. פון דער קראָם גייען אַרויס צוויי פרויען מיט קוישלעך. סערגיי דער־וויסט זיך בײַ זיי אַז איצט איז צוועלף אַזייגער. דערנאָך דערזעט ער אַ מענטשן אין אַ שוואַרצן קאַווקאַזער העמדל, מיט קאַרעישע שמאָלע אויגן און שאַרפן פּראָפיל פון אַ שיינעם פּאָנעם. דער מענטש גייט אים אַקעגן.

— דאָס האָט מען אײַך נעכטן געראַטעוועט? — פרעגט ער.

זיי באַקענען זיך. דער כאַווער צאַי, סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קאָמי־טעט, צעפרעגט זיך אַלץ בײַ סערגייען. סערגיי געוויינלעך כאַזערט איבער די געשיכטע מיט דער עקסקורסיע איבערן אינדזל. דערנאָך גייט דער כאַווער צאַי אַוועק. סערגייען ווילט זיך בלייבן איינער אַליין. אַפן האַרצן איז קאַלע־מוטנע. אַף צו פאַרטרייבן די אַנגסט צווינגט ער זיך אַרויפגיין אַפן שפּיץ סאָפּקע. פון אונטער די פיס שיטן זיך שטיינער. ערטערוויז קומט אויס קריכן אַף אַלע פיר, זיך אָנכאַפּן אָן שטיינער און אָן קוסטעס, קעדיי ניט אַראָפּצו־קייקלען זיך. „איך וועל מיך דערקלייבן ביז צום שפּיץ און וועל אַלץ באַ־טראַכטן און באַשליסן...״ ער קלייבט אויס אַ גלייך גרין פלאַץ און צע־לייגט זיך אַפן ווינט, אַף דער זון, מיט דעם פּאָנעם צום יאָם, איינס אַף איינס מיט דער גאַנצער וועלט.

די וועלט איז פון דאַנען זייער אַ ברייטע. גלייך פאַר סערגייען, ליגט דער גרויסער אומרויִקער יאַם, וואָס צעגייט זיך אַף אַלע זייטן און גיסט זיך אין דער ווייט צונויף מיט די לילאָווע האַלב־קײַלכן פון די ברעגעס. פונדאַנען, פון דער הייך, זעט ער אויס בלוי און גלאַט. נאָר פון די ווייסע באַוועגלעכע פינטלען, וואָס זײַנען צעשאָטן איבער דער גלאַטער בלויקייט, שטויסט מען זיך אָן, אַז דאָס זײַנען שטורעם־כוואַליעס, און אונטן באַם פעלדזיקן שטאַרץ, וואָס זעט אויס פון ווייטן אַזוי אומשולדיק, זעען זיך אָן די ווייסע פאָנטאַנען און דער זודיקער געווירבל פון די ניט געשטילטע כוואַליעס. און אָט דאָרט, ווייט־ווייט, קימאַט באַם האָריזאָנט, וויגט זיך אַ נעבעכדיק שוואַרץ שפּענדל — אַפילע פון דאַנען זעט מען די איינזאַמע שיף אַרויפפליען און די נאָז איינגראָבן אין דער כוואַליע...

סערגיי שטעלט זיך פאָר ווי שטאַרק און ווי ברייט־פאַרנעמיק עס זײַנען איצט די כוואַליעס. געשמיסענע פונעם ווינט, קייקלען זיי זיך איבער דער גוואַלדאָוונער ראַכוועס, און מיט דעם בייזן אימפּעט וואָס זיי באַקומען, פאַלן

זיי אַרויף אָפֿן ברעג מיט זייער גאַנצער טויזנטפֿודיקער מאַסע. ווי שרעקלעך מוז דאָרטן זײַן אַף דער איינזאַמער שיף אין די ראַכוועסן פֿון דער צערודערטע סטיכיע!

און ס׳איז ניט דער יאַם, ס׳איז ניט מער ווי אַ דורכגוס. נאָר סערגייען שטעלט זיך פֿאָר דער ברעגלאָזער אָקעאַן און עס דערדריקט אים דער געפֿיל פֿון אייגענער נישטיקייט פֿאַר דער מעכטיקער גרייס פֿון דער נאַטור.

סאַכאַלין. „אַרום איז יאַם און אינמיטן סאַם". ניין, אים שטעלט זיך פֿאָר סאַכאַלין גאָר אַנדערש. דאָראָגין, דער מאָטאָריסט קאָליאַ און זײַן ווילדע פֿרוי ניושקאַ, דער „געגאַנוועטער" שאָפֿער וואַליאַ און דער פֿריילעכער שאָפֿער קאָסטיאַ, דער בלוי־אויגיקער דירעקטאָר פֿעדאָטאָוו און די טעכניקער באַם פֿיש־פֿאַרטרײַב, וואָס זײַנען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דער פֿיש־סטאַטיסטיק, די כיטרע נאַסטיאַ, דער גיליאַק נאָט, וואָס טרוימט פֿון קענען אַלע ביכער, און דער רוסישער קוטשעראַווער אינסטרוקטאָר, וואָס קען זיך דורכשמועסן מיט סטאַלינען וועגן די איניאַנים פֿון זײַן קאָלכאָז, דער בלוי־אויגיקער פֿליִער מאַזורוק (האָט ער טאַקע בלויע אויגן, אָדער דאָס דוכט זיך נאָר אַזוי פֿון דער שײַן, פֿון דער הימל־בלויקייט און וואַסער־בלויקייט?), דאָס שוואַרצברעמיקע מיידל פֿון דער קוילן־מינע, מיט דעם גרויסן צאַרטן מויל און מיט דעם קאָמישן נאָמען — האַלטשאַנאַק... אָט דאָס איז סאַכאַלין. דאָס איז דער סאָציאַליסטישער סאַכאַלין; דעם סאַכאַלין קען ניט טאַראַס איליטש, נאָר פֿאַר אים האָט זיך געשלאָגן קאָסימאָוו. די אַלע מענטשן זײַנען געקומען נאָך קאָסימאָוון, נאָך די פּאַרטיזאַנער און זיי אַוואַדע האָבן דערזען, אַז סאַכאַלין איז שיין און רײַך. און דערנאָך, ווען זיי האָבן אין דעם שיינעם אינדזל אַרײַנגעלייגט אַלע זייערע אַרבעטס־קוויכעס, זײַנען זיי געקומען צום שלוס, אַז דער אינדזל איז דער בעסטער אין דער וועלט, און אַז דאָס וואָס זיי טוען איז די אינטערעסאַנטסטע פֿון אַלע פֿאַראַנענע טוּונגען.

אָף אָט דעם סאַכאַלין, וואָס סערגיי פֿאַרשטייט אים און איז אַפֿילו אַנטציקט פֿון אים, פֿילט ער זיך אַ פֿאַרשטויסענער, אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער, אַ קיינעם ניט נייטיקער. ווי אַן אַנטלאָפֿענער קאַטאָרזשניק, וואָס באַהאַלט אויס זײַן שאַנד־צייכן, בלאָנקעט ער אום איבערן אינדזל און דערוועגט זיך ניט אין ערגעץ אָפּצושטעלן. אומעטום בעט מען אים פֿאַרבלײַבן — נאָר ניט אים בעט מען, ניט דעם דעזערטיר גאַליצין, נאָר דעם וויסנגיריקן קאָמיוגיסט פֿאַר וועלכן ער שטעלט זיך פֿאָר. פֿאַר דעם געוואָגטן יאָט איז אומעטום פֿאַראַן אַן אָרט, געפֿינט זיך אומעטום אַ היים, מישפּאָכע, פֿרײַנטשאַפֿט... נאָר ווען מען זאָל אונטער זײַן מאַסקע דערקענען דעם דעזערטיר?

ער באַהאַלט דאָס פּנים אין די דלאָניעס. די דלאָניעס זײַנען אויסגעשמירט, עס שמעקט פֿון זיי מיט ערד און מיט האָלץ. אַ פֿרישער אָנגענעמער רייעך, ער פֿאַרלײַכטערט אים זײַן איינזאַמקייט. דערפֿאַר לאָזט דער ווינט זיך פֿילן אַלץ שטאַרקער, אַלץ קלינגענדיקער — דער איינציקער קלאַנג אין דער פֿרעמדער ברייטער וועלט. ווען אַ פֿויגל פֿליט פֿאַרבײַ און צעשרײַט זיך, דערפֿרייט זיך איבער אים סערגיי ווי איבער אַ פֿרײַנט.

ער צווינגט זיך טראַכטן וועגן אַלץ ביזן סאָף. אַ קאָמיוג? יאָ, קאָמיוג. געוועזן איז אַ הויז, אַ לאָקאָמאָטיוו, כאַוויירים, קאָמיוג. דער אָפּגעריבענער קאָמיוג־בילעט ליגט נאָך אין קעשענע. צי האָט ער אָבער אַ רעכט אָף דעם בילעט? צי האָט ער ניט איבערגעלאָזט דאָס דאָזיקע רעכט אָפֿן ברעג, וואָס ער האָט פֿאַרלאָזט באַנאַכט אין אַ פֿרעמדן שיפֿל? דעמאָלט פֿלעגט ער זיך

באַרויִקן דערמיט וואָס ער וועט אַרײַנגיין אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם קאָמיוג און וועט אַלץ אויפקלערן. סאַראַ אומזין! סאַראַ ליגן!... ער ווייס אַליין אַלץ וואָס מען קען אים דאָרט ענטפערן. מען וועט אים פרעגן: „וואָס־זשע, ביסט ניט געגוג שטאַרק און אויסהאַלטעוודיק?“ מען וועט אַ קוק טאָן אינעם קאָמיוגישן בילעט און מען וועט זאָגן: „וואָס־זשע פאַר אַ קאָמיוגיסט ביסטו? אין פינף יאָר צײַט האָסטו ניט באַגריפן וואָס אַזוינס איז דער גרויסער קאָוועד צו זײַן אַ מיטגליד פונעם לעניִנשן קאָמיוג?“ מען וועט פרעגן, ווו ביסטו געבוירן, ווער איז דײַן פאָטער, און מען וועט זאָגן: „וואָס ביסטו, אַ באַרישניע? ביסט דאָך אַן אַרבעטער, אַ זון פון אַן אַרבעטער! באַן־אַרבעטערישער ערך־שטאַם!... שעם זיך!“

סערגיי וויינט. פון ערגערניש און ביזאָיען קומען אים טרערן אין די אויגן, הילפלאָזע און בייזע טרערן... פאַשקאַ מאַטווייעוו איז געווען שטאַרק קראַנק, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָוועקפאָרן. און פאַשקאַ איז אומגעקומען. נאָר ווען מען האָט אים געבראַכט צו קווורע, האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו דער אַרבעט און האָבן געאַרבעט ווי קיינמאָל. און ווען מען פרעגט זיי אין יענער מינוט: „קענט איר אויסגלײַכן די סאָפּקעס מיט דער ערד?“ — וואָלטן אַלע געזאָגט: „מיר קענען“. און סערגיי איז אַ געזונטער, אַ קרעפּטיקער, אַן אויסהאַלטעוודיקער... וואָס־זשע האָט אים געפעלט?... אויסדויער? אַקשאָנעס? מוט? באַוווסטזײַן?

און אָט איז ער אַ דעזערטיר...

געדאַנקען קומען אָן און מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע, נאָר יעדער נײַער געדאַנק איז אַנראַכמאָנעסדיקער און ביטערער פון דעם פריִערדיקן. די טרערן קײַקלען זיך און טריקענען אויס אויפן ווינט.

ניין, קיין אויסוועג איז ניטאָ. איין אויסוועג נאָר קען זײַן — צוריקפאָרן. צוריקקומען, בעטן די שווערסטע, די געפערלעכסטע אַרבעט, איבערטראָגן טאָביאָס פאַראַכטונג, דעם כויזעק פון די כאַווײרים, די פאָרוואָרפן פון קרוגלאָוון... נאָר אויף דעם אײנציקן אויסגאַנג וועט אים קיינמאָל ניט קלעקן קיין אַנטשלאָסנקייט. בעסער שטאַרבן.

סערגיי שפּרינגט אויף און לאָזט זיך קריכן אַף אַראָפּ. די אַנגסט איז אומדערטרעגלעך. בעסער ניט טראַכטן. מען דאַרף גיין צווישן מענטשן, הערן וואָס מען רעדט, אַליין ריידן, מיט וועמען עס איז, אַבי ניט בלײַבן אַליין. ער לאָזט זיך נאָך ניט דערמאָנען דאָס שרעקלעכסטע. ער טרײַבט פון זיך דעם געדאַנק, נאָר ערגעץ אינעם אונטערבאַוווסטזײַן קלינגט דעם אַלטנס באַמבאַסטישע בראָכע אין וועג אַרײַן: „קער דיך אום אַ העלד און אַ קאָמוניסט“, און ערגעץ אינעם אונטערבאַוווסטזײַן לעבט דער עמעס: ער איז היימלאָז... ער האָט ניט מער קיין פאָטער. ער קען זיך ניט אומקערן... ניין, ניין, נאָר ניט וועגן דעם! פון אַזעלכע געדאַנקען קען מען זיך וואַרפן מיטן קאָפּ אַראָפּ!...

און פאַרוואָס ניט? צו וואָס לעבן? עפּשער איז בעסער פאַרענדיקן אַלץ מיטאַמאָל?

ער ווייס ניט צוליב וואָס, פונדעסטוועגן קריכט ער, קלאַמערט זיך; זאַמד און שטיינער שיטן זיך פון אונטער די פיס. איין מאָל האָט ער זיך אָפּגעריסן איבער אַן אָפּהאַנג, און איז הענגען געבליבן אַף די הענט, אײַנגעקלאַמערט אין אַן איבערגעפוילטן וואָרצל. געהאַנגען איז ער עטלעכע מינוט

און האָט איבערגעלעבט שרעק און אַ שאַרפֿן לעבנס־דאָרשט. ניין, שטאַרבן קען ער אויך ניט.

און דעמאָלט האָט ער זיך באַהערשט, האָט זיך אַרויפֿגעצויגן און האָט מיטאַמאָל באַשלאָסן וואָס צו טאָן.

ער וועט גיין צו די מינען־אַרבעטער, צו צאָיען, צום מיידל מיט דעם גרויסן לאַכנדיקן מויל, ער וועט פֿאַרבלײַבן מיט זיי, ער וועט פֿאַרגלעטן זײַן שולד מיט שלאָגלערישער אַרבעט, ער וועט אויסקעמפֿן זײַן רעכט אויף קאָמיוג, אויף דער אַכטונג פֿון די כאַווײַרים, פֿונעם פֿאָטער. דער אַמורער ברעג אָדער סאַכאַלין — צי דען איז ניט אַלצאיינס ווו צו בויען סאָציאַליזם? און דאָס עקזאַמען־קאַרטל וועט ער בעטן אַרויסשיקן. ער וועט אָנשרײַבן קרוגלאָוון (אָנשרײַבן איז גרינגער ווי אומקערן זיך) — זײַ מויכל, איך בין שולדיק, איך האָב באַשלאָסן פֿאַרגלעטן מײַן שולד, כהאָב אויסגעקליבן די שווערסטע באַדינגונגען, גיב מיך ניט אויס... ניט שוין־זשע וועט קרוגלאָוו ניט נאָכגעבן?

ער איז געגאַנגען אין דערפֿל אַרײַן פֿאַרנאַכט. אויבן שײַנט נאָך די זון און אינעם שמאָלן טאָל, ווו עס זײַנען צוזאַמענגעדרענגט די הײַזער און די שפּײַכלערס, ווערט שוין טונקל. ער גייט דורך אַ גאָרטן, אַ צעלייגטן אַראָפּ דער סאָפּקע, — יעדער שטעגל איז אָפּגעווונען בײַ דעם אָפּהאַנג. די פּלעצער פֿאַר וואָליי־באָל און פֿוטבאָל זײַנען אײַנגעשניטן אינעם באַרג. — וויפֿל קויכעס און ווילן מען האָט באַדאַרפֿט פֿאַטערן אויף צו מאַכן זיי!

אַ געזונטער הונגער טרײַבט סערגייען. דער מאָגן וויל ניט וויסן פֿון קיין אַנגסטן. בײַם רעסטאָראַן, בײַ אַן אויוון אַרויסגעטראָגן אונטערן פּאַדאַשעק, אייסעקן זיך צוויי מיידלעך. איינע פֿון זיי איז די נעכטיקע האַלטשאַנאַק, דאָס מיידל מיט די שוואַרצע ברעמען, מיט דעם גרויסן צאַרטן מויל און מיט דער קלינגענדיקער ווייכער שטימע. ער שטייט אַ געפּײַניקטער פֿון הונגער און פֿון אַ נאָך ניט קלאָרער סימפּאַטיע צו דעם מיידל. נאָך דער שווערער איינזאַמקייט דאָרט, אויף די סאָפּקעס, ווילט זיך אים הערן אַ וואַרעם וואָרט, אויף וועלכן ער האָט אַ רעכט. נאָר ווער ווייס אַז ער האָט ניט דאָס רעכט?

האַלטשאָנאָק דערזעט אים, שרײַט זי:

— אַהאַ, דער רײַזנדער האָט זיך געיאַוועט! — און זי גייט צו צו אים מיט צוטרוילעכער גרייטקייט — נו, וואָס, זיך אָנגעגאַנגען? הונגעריק?

סערגיי גיט זיך קיין רעכענונג ניט אָפּ און נעמט איר האַנט. די האַנט איז שאַרסטקע און וואַרעם. ווי צאַרט און פֿעסט זי האָט אים נעכטן באַנאַכט געפֿירט! האַלטשאָנאָק רײַסט אַרויס די האַנט, זי גיט קורץ און שטײַף אַ קוק אויף סערגייען און זאָגט צאַרט ווי פֿריער, נאָר קוים פֿאַרשלאָסן:

— קום, זאָל זײַן, כ׳וועל אָנהאָדעווען.

זי אייסעקט זיך בײַם קעסל, דערנאָך קומט זי צו און באַהאַלט עפּעס הינטערן רוקן. „פֿאַרמאַך די אויגן!“ — באַפֿעלט זי אים און שטעלט אַוועק אויפֿן טיש אַ שיסל, פֿול מיט וואַרעניקעס פֿון טשערניצעס. די וואַרעניקעס שווימען אין טשערניצע־סאָק און עס גייט פֿון זיי אַ פּאַרע.

— אָט סאַכאַלין! — שרײַט אויס סערגיי און וואַרפֿט זיך אַרויף אויף דער שיסל וואַרעניקעס.

האַלטשאָנאָק שטעלט זיך אַוועק פֿידבאָקאָם און וואַרפֿט צו כיטרע מיט אַן אונטערגעשטראָכן ווייכער אויסשפּראַך:

— טאַ מי זש אוקראַיִנקי! (מיר זײַנען דאָך אוקראַיִנישע!)

און גייט אַ צופרידענע אַוועק צום אויוון. סערגייען ווילט זיך שרעקלעך זי זאָל פּלוידערן מיט אים, זיך אַוועקזעצן לעבן אים. ניט שוין־זשע אינטערעסירט איר צו וויסן ווער ער איז, פון וואַנען, ווי קומט ער בײַנאַכט אַפן שטאָרץ? נאָר האַלטשאַנאָק איז באַשעפטיקט און שטרענג, כאָטש זי קוקט קענטיק נאָך איר גאַסט: ווי נאָר ער רוקט אַרײַן אין מויל דעם לעצטן וואַרעניק, דערלאַנגט זי אים ווידער אַ פולע שיסל. און אָף סערגייס פאַרווונדערונג, ענטפערט זי צאַרט:

— עס, שעם זיך ניט, אונדזערע ייִנגלעך עסן אַלע אַזוי.

— זעץ דיך אַוועק לעבן מיר, וועל איך אויפעסן.

זי צעלאַכט זיך, נאָר זי זעצט זיך אַוועק. און שוין פון די ערשטע ווערטער ווײַזט זיך אַרויס, אַז זי ווייס אויסגעצייכנט וועגן אים, — זי האָט קענטיק אויסגעפרעגט צאַיען. סערגיי וווּנדערט זיך ווי גוט זיי לעבן דאָ: אים געפעלן די וואַרעניקעס, דער רעסטאָראַן, די פלעצער פאַר פיזקולטור, וואָס זײַנען אײַנגעגעביסן אין די רוקנס פון די סאָפּקעס.

— מיר ווױנען דאָך שוין דאָ צוויי יאָר! — זאָגט האַלטשאַנאָק — טויזנט צוויי הונדערט, אַ קאָמיוגישע מאָביליזאַציע. געהערט? איצט לעבן מיר זייער וווּל, נאָר דעם ערשטן יאָר... אוי־אוי־אוי! וואָס מיר האָבן זיך ניט אָנגעליטן! אַ שרעק זיך צו דערמאָנען. מיר, מיידלעך, זײַנען אין שיכלעך געקומען, און דאָ איז פרעסט, שניי, קיין וואַלינקעס זײַנען ניטאָ! מיט די הינער האָבן מיר געגעכטיקט.

סערגיי קוקט אַרײַן אין טעלער. צוויי יאָר! אין צוויי יאָר אַרום וואָלט ער אויך אַזוי געקענט ריידן, מיט אַזאַ פריילעכן שטאָלץ! אַ מיידל אין שיכלעך, אַ געוויינטע צו אוקראַיִנישע ווײַנשל און זון, האָט זיך אַרויסגעזעצט אָף אַ פרעמדן ברעג... און איז מיט די שיכלעך געגאַנגען אינעם שניי... און האָט געשאַפן אַ קאָמיוגישע שלאָגלערישע קוילן־מינע און אַ קאָמיוגישן מוסטער־דערפל... און האָט פאַרביטן די ווײַנשל אָף טשערניצעס און האָט אָפּגעשניטן די רוקנס באַ די סאָפּקעס, אָף צו שפּילן וואָלייבאָל...

האַלטשאַנאָק גייט צוריק צום קעסל. עפּשער פאַרדריסט עס איר וואָס סערגיי האַלט ניט אונטער דעם געשפּרעך? ווי דאָס איז, איז עס אָנגענעם זיך צו באַרימען פאַר אַ שײנעם באָכער מיט די גוט און שיין דורכגעלעבטע יאָרן. מיט אַ האַלבער שאָ שפּעטער, ווען דאָס צווייטע מיידל איז אַוועק, רופט זיך פלוצעם אָן האַלטשאַנאָק צו סערגייען און קוקט אים ניט אין די אויגן:

— ס׳וואָלט גוט געווען איצט צום יאַם צוגיין. כוואַליעס הײַנט — או אוך!

סערגיי ענטפערט מיט אַ פאַרשטיקטן קאָל:

— איז וואָס־זשע, לאָמיר צוגיין.

— איכל אָנהאָדעווען די ייִנגלעך, וועלן מיר באַלד צוגיין — רופט זי זיך פּאָשעט אָן.

ווען זיי זײַנען געגאַנגען צום יאַם איז שוין די נאַכט צוגעטראָטן.

אים איז דאָס האַרץ אײַנגעגאַנגען פון איר ווייכער אוקראַיִנישער אויסשפּראַך, פון דעם קישעף פון דעם גרויסן לאַכנדיקן מויל און פליִענדיקע שוואַרצע ברעמען.

האַלטשאַנאָק שווײַגט איצט. זיי גייען פאַרזיכטיק און טאַפּן אין דער פינצטער דעם וועג. אַפן אַראָפּגאַנג פירט זי סערגייען, ווי נעכטן, נאָר אויך

ער באַמיט זיך זי צוצוהאַלטן, און ווען דער אַראָפּגאַנג איז פאַרענדיקט, גייען זיי שוין געאָרעמט, און זי טוליעט זיך צו אים אַ צוטרוילעכע, און שיצט זיך פון די פאַראַקשנטע ווינט־שטראָמען.

איבערן הימל טראָגן זיך שנעלע שוואַרצע וואָלקנס.

אינעם שיטערן כוישעך זעט מען זייער נאָענט דעם צעשויבערטן יאַם.

— ווי לאַנג וועסטו דאָ זײַן? — פרעגט האַלטשאַנאָק.

סערגיי פאַרשטייט זי. זי וויל זיך אויך ניט שיידן — די אוקראַיִניטשקע, דאָס ליבע שוואַרץ־ברעמיקע מיידל! ער איז איבערגעפולט מיט פאַרליבט־קייט... און עס ווילט זיך אַזוי גליקלעך זײַן! עס ווילט זיך גליק און פרייד, נאָר באַלד, שוין, אומפאַרזאַמט.

— דאָס באַלאַנגט ניט אָן מיר, — זאָגט ער, און פילט אַ טרוקנקייט אין מויל — קען זײַן איך זאָל אינגאַנצן ניט אַוועקפאָרן, און קען זײַן איך זאָל נאָך הײַנט אַוועק, וווהין די אויגן וועלן מיך טראָגן.

זי פאַרשטייט אויך און זי פרוווט זיך ניט מאַכן. ניטאָ באַ איר קיין צוויִעס. עס ציט זי צו דעם אומגעריכטן, אומבאַקאַנטן שיינעם באָכער, אַזוי שטאַרק ווי אים צו זיר.

זי ענטפערט אָפנהאַרציק:

— דו גיי ניט אַוועק. לעב דאָ.

זיי גייען נאָך אַ ביסל. דער יאַם איז שוין לעבן זיי, ער רײַסט זיך און ריטשעט. דער ווינט בלאָזט אַף זיי מיט צעשטויבטער פליסיקייט.

— ווי גוט וואָס איך האָב דיך אָנגעטראָפן! — בלײַבט סערגיי שטיין.

זי לאָזט נידעריק אַראָפּ דעם קאָפּ. זי וואַרט. קיין זאַך האַלט זי ניט אָפּ. דאָ, אָפן ווײַטן אינדזל, אינעם געשלאָסענעם קרײַז כאַווייִרים, פון וועלכע דאָס האַרץ האָט קיין איינעם ניט אויסגעקליבן, — ווי קען מען זיך אָפּהאַלטן פאַר דעם מעגלעכן גליק?

— דו מיין ניט, אַז איך זאָג עס אַזוי זיך... — פאַרזיכערט איר שנעל סערגיי — איך רייד ערנסט... זייער ערנסט...

אין דער מינוט האָט ער זי ליב פון גאַנצן האַרצן. זי איז אים נייטיק ווי לופט.

זי הייבט אויף דאָס פּאָנעם — אָן אָנגעשטרענגט אָפן פּאָנעם, מיט אונטערגעהויבענע ברעמען. זי שטרעקט אויס די הענט, אַליין גיט זי זיך אַ צי צו אים אַנטקעגן.

אירע ליפּן און באַקן זײַנען געזאַלצן פון יאַם־פײַכטקייט.

— איכל בלײַבן, — זאָגט סערגיי מיט אַ ווייך געוואָרענעם קאָל. ער איז זייער צעררודערט, דאָך גיט ער אַ טראַכט, אַז אַלץ איז אַרויסגעקומען גוט און אַז דער הײַנטיקער שווייִרער באַשלוס וועט זײַן גרינג און גליקלעך.

— דו ביסט מײַן געפינסעלע! — זאָגט האַלטשאַנאָק און קושט אים — איך האָב דיך געפונען, איך האָב דיך געבראַכט, איך האָב דיך צוגעקישעפט, איך וועל דיך ניט אָפּגעבן. הערצעלע מײַנס, הייס הערצעלע מײַנס...

און זי מערקט אָן:

— ווי מאָדנע! נעכטן אין דער שאָ האָסטו דאָך אַפילע ניט געוווסט ווי מען רופט מיך...

— איך האָב געהערט — האַלטשאַנאָק, האַלטשאַנאָק, געמיינט ס'איז אַ באָכער...

ביידע לאַכן זיי.

דער אַרומיקער שטורעם האָט פאַר זיי קיין באַדײַטונג ניט. זיי באַמערקן אים פּאָשעט ניט. זיי זעען בלויז איינער דעם צווייטן. און דאָ טאַקע, ניט אָפּגעלייגט, באַשליסן זיי, אַז זיי וועלן כאַסענע האָבן, וועלן אַרבעטן אינאיינעם, אינאיינעם לייענען און זיך פאַרנעמען. האַלטשאַנאָק שטרײַכט אונטער דאָס לעצטע.

— דו ווייסט ניט ווי דאָס איז וויכטיק. דאָ זײַנען די ייִנגלעך טאַקע אַזוי אײַנגעטיילט: די וואָס לערנען, זײַנען ערנסטע ייִנגלעך, ריכטיקע קאָמיוגיסטן, אין פולן זינען. און די וואָס לערנען זיך ניט, זײַנען אויך ניט קיין קאָמיוגיסטן, נאָר שטילער לאַנגווײַל! קאָכן בראָנפן, שלאָג זיך, שטאַרצען די אויגן צו דער יאַבאָשע...

סערגיי טראַכט זיך: „אָט וואָס מען וואָלט באַדאַרפט טאָן! וואָלט איך זיך ניט אײַנגעזײַערט, וואָלט מיך אַף אַן אָרט געהאַלטן". און באַלד טאַקע טראַכט ער זיך: „ווי גוט וואָס איך בין ניט געבליבן אַף אַן אָרט! אַוועקגעפאָרן, זיך אומגעבלאָנקעט, זיך געפײַניקט און אָט אַפן סאַכאַלין, אַפן עק וועלט, האָב איך געפונען דאָס איינציקע מיידל אין דער וועלט..."

זיי קומען צוריק אין דערפל שוין שפּעט. זי האָט אים אויסדערציילט איר גאַנצן צוואַנציקיעריקן לעבן, און ער האָט איר דערציילט וועגן דעם פאָטער, וועגן דעם לאָקאָמאָטיוו, וועגן אַמור, וועגן דער נײַער שטאָט וואָס בויט זיך.

— וויאַזוי־זשע ביסטו אַוועקגעפאָרן? — פרעגט זי אים פאַרטרווילעך.

סערגיי שווײַגט. ער וויל זאָגן דעם עמעס. מען האָט געדאַרפט זאָגן דעם עמעס. נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער קורץ און קאַרג איבערגעכאַזערט זײַן אויסטראַכטעניש וועגן דעם אורלויב און זײַן באַגער צו זען די נײַע קאַנטן. און ער גיט צו:

— און איצט וועל איך אָנשרײַבן: אַזוי און אַזוי, דאָס ווײַב האָט מיך צום פּאָדאָלעק צוגעניית.

זי טוליעט זיך צו אים, נאָר סערגיי בלײַבט קאַלט. אָט דער ליגן — דאָ, שוין, פאַר איר אין די אויגן, איז מאָנסטעריעז. ער האָט זיך פײַנט: זאָג, זײַ דיך מוידע, זײַ ערלעך, דו האָסט דאָך זי ליב, און זי האָט דיך אויך ליב, זי וועט דיר מויכל זײַן...

נאָר ער אַנטשליסט זיך ניט.

דורכגענומענע מיט ווינט און קעלט, קומען זיי אינעם אַלגעמיינעם באַראַק, ווו עס קומען זיך צונויף אין די אָוונטן די קאָמיוגיסטן. אינעם באַראַק איז ענג — אַלע קלײַבן זיך צונויף אין אַ קרײַז אַרום דעם לאָמפּ, ווער עס זיצט, ווער עס ליגט אַף די שלאָף־ברעטער. אויך פון די אייבערשטע ברעטער הענגען אַראָפּ פּענעמער. באַם לאָמפּ זיצט מיט אַ צעעפנטן בוך דער כאַוווער צאָי.

זייער אַרײַנקום רײַסט איבער דאָס לייענען. האַלטשאַנאָק האָט אַזאַ פריידיקן ניצאָכנדיקן פּאָנעם, אַז אַ סאַך יאַטן קוקן קרום און בייז אַף סערגייען. האַלטשאַנאָק זעצט זיך צו צום כאַווער צאָי און שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער אַרײַן. טרויעריק און איבערראַשט גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ און לייגט אַוועק דעם בוך. סערגיי לייענט איבער אַפן רוקן — „פּושקין".

אַלע שווײַגן אָנגעשפּיצט און אומפרײַנטלעך. מען מאַכט אַ פּלאַץ סערגייען אַף די ברעטער, נאָר קיינער רעדט ניט צו אים.

כאַווער צאָי גיט אַ זיפץ, דערנאָך צעשמייכלט ער זיך מונטער און

זאָגט, מיט דער באַמיִונג וואָס ריכטיקער אַרויסצורײדן די רוסישע ווערטער:

— צווישן אונדז איז דאָ אַ נײַער כאַווער. מירן בעטן דעם כאַווער ער זאָל אונדז דערציילן וואָס איז פאַראַן גוטס אַף דער יאַבאָשע, ווי לעבן מענטשן, וואָסערע נײַע בויונגען זײַנען פאַראַן...

האַלטשאָנאָק כאַפּט אונטער:

— יאָ, יאָ, וועגן דער קאָמיוגישער שטאָט. ער האָט זייער גוט דער־ציילט!

און זי שמייכלט צו אַלעמען מיט געבעט: האָט אים ליב, זעט סאַראַ ווילער באָכער, הערט ווי וווּנדערלעך ער רעדט!

סערגיי נעמט דערציילן און ער וווּנדערט זיך אַליין וואָס דערין וואָס ער דערציילט איז פאַראַן אַזויפיל העלדישעס און גרויסעס... וויאַזוי האָט ער דאָס פריִער ניט געזען, ניט געפילט? ער דערציילט וועגן דעם לעבן אין די געצעלטן, וועגן דעם שטורעם און דער רעטונג פון די טײַערע לאַדונגען, וועגן דעם געוועט צווישן די בריגאַדעס, וואָס אַרבעטן פון באַגינען ביז פינצ־טער, ביז די קנעכלען אין בלאָטע. און די צוהערער זײַנען מאַסקים מיט די קעפּ: זיי פילן אַ טאַם אין העלדישקייט און אין שווערקייטן, יעדערער האָט וואָס צו דערמאָנען זיך פאַר די צוויי יאָר.

סערגיי נעמט דערציילן וועגן דעם טויט פון פּאַשקאַ מאַטווייעוו, דעם מאַשין־שמירער פון זײַן היימישן דעפּאָ, זײַן שול־כאַווער, זײַן איינציקער פרײַנט!

כאַווער צאַי רײַסט אים איבער און הייבט אויף די האַנט:

— יאַטן! קאָמיוגיסטן! דאָ האָט מען אונדז דערציילט וועגן אַ יונגן קאָמיוגישן העלד, וועגן אַן עמעסן קאָמיוג. ער איז אומגעקומען אַפן פּאָסטן, זײַן נאָמען איז — פּאַשאַ מאַטווייעוו, לאָמיר געדענקען דעם נאָמען. בא אונדז אַפן סאַכאַלין זײַנען אויך אומגעקומען כאַווירים: איר קענט זייערע נעמען — פּעטיאַ פּיאַדאָראָוו, ניוראַ אַסאַפּיעוואַ, פּעטערס קאָליאַ... די מענטשן זײַנען געווען עמעסער קאָמיוג, זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם סאָציאַליזם יונגע לעבנס. לאָמיר זיי דערמאָנען, כאַווירים, און לאָמיר באַערן זייער אָנ־דענק און דעם אָנדענק פון פּאַשאַ מאַטווייעוו מיט אויפשטיין.

אַלע הייבן זיך אויף. די וואָס ליגן אַף די אייבערשטע שלאָף־ברעטער זעצן זיך אויף, זייערע קעפּ שפּאַרן זיך אָן אָן דער סטעליע. די אינטימקייט פון דעם שמועס האָט זיך פאַרלוירן. געווען איז עס אַ שטרענגע און פײַער־לעכע מינוט.

מען שווײַגט.

צאַי לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ אַף דער טאַבורעטקע. די קאָמיוגיסטן רוישן, מאַכן זיך באַקוועם. ווידער ווערט היימיש, אינטים. די שײַן פונעם לאָמפּ גליטשט זיך איבער די ווייך געוואָרענע פּענעמער.

— מיר הערן, כאַווער, דערצייל ווײַטער — שלאָגט פאָר צאַי.

נאָר סערגיי קען שוין ניט דערציילן. ער איז דערשיטערט, ער פילט ווי־דער אַף זיך די לאַסט פון פאַרשאָלטנקייט און אָפּגעשטויסנקייט. און ער האָט געהאַט דעם מוט אויפצושטעלן זיך באַגלײַך מיט די קאָמיוגיסטן, ווען זיי זײַנען, מיט שטרענגז בליק פאַר זיך אויפגעשטאַנען, קעדיי צו באַערן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע העלדן!

— דערצייל נאָך, — זאָגט נאָכאַמאָל צאַי — דײַן דערציילונג איז פאַר אונדז זייער וויכטיק. מיר לעבן יעדן טאָג. אונדזערע יאַטן אַרבעטן ווי

העלדן, נאָר ווען אַלע זײַנען העלדן, איז ניטאָ קיין העלד. און מיר האָבן שוין פאַרגעסן די ערשטע שווועריקייטן. דײַן דערציילונג גייט צו יעדנס האַרצן. און ווען נעכטן האָט נאָך װער געטראַכט: „גוט איז אַוועקצולויפן אַף דער יאַבאָשע, אין די גרויסע שטעט, אין דער גרויסער קולטור" — וועט הײַנט זאָגן: „ניין! מײַ כוויו איז בויען קולטור דאָ". ער וועט ווידער דער־פילן אין זיך דעם העלד.

סערגיי באַקוקט די יאַטן. — יאָ, אַזוי טראַכטן זיי, זיי טראַכטן ווי צאַי, זיי קוקן אַף צאַיען מיט איבערגעגעבנקייט און גרייטקייט, ער האַלט זייערע הערצער אין אַ קלוגער זאָרגעוודיקער האַנט.

— דו דאַרפסט עס וויסן, — זאָגט צאַי צו סערגייען — באַ אונדז זײַ־נען ניט אַלע געווען אַזעלכע. כאָטש דו ווייסט, אויך באַ אײַך זײַנען ניט אַלע געווען העלדן, אויך באַ אײַך האָבן זיך געפונען נעבעכדיקע פּאַכדאַנים, דעזערטירן, זיי האָבן ניט געוואָלט קיין שוועריקייטן און קאַמף, זיי זײַנען אַנטלאָפן און געקרעכצט, און אַוועקגעוואָרפן זייער קאָמיוגישן קאָוועד, קעדיי צו זוכן אַ גרינג לעבן. ריכטיק זאָג איך?

צאַי רעדט פּאַשעט, אָן שום כשאָדים, ער וויל פאַרשטאַרקן דעם אײַנדרוק פון דעם דערציילטן אַף די קאָמיוגיסטן, און ניט מער. נאָר סערגיי וואַרפט זיך אָפּ אַף צוריק, קוקט זיך אַרום מיט דעם בליק פון אַ געיאָגטער כאַיע און גיט פון זיך הייזעריק אַרויס:

— פּאַרוואָס עפּעס דענקט איר?!

אַלע דערפילן די פאַלשקייט פון די ווערטער.

אַלע קוקן אַף סערגייען און זײַן אַנבליק פון אַ געיאָגטן זעט זיי אויס נאָך מאָדנער.

האַלטשאַנאַק גיט אַ שטילן אַכקע און כאַפּט אָן צאַיען פאַר דער האַנט.

און סערגיי קוקט קוים אַף איר און פאַרשטעלט דאָס פּאַנעם מיט די הענט. ער גיט זיך קיין ריר ניט ווען צאַי רופט זיך אָן מיט אַ שטרענגן קאָל:

— דער כאַוועד איז גערירט, ער האָט זיך דערמאָנט זײַן אומגעקומע־נעם פרײַנט.

האַלטשאַנאַק באַגעגנט זיך מיט צאַיס אויגן און דערזעט — ער האָט פאַרשטאַנען דעם עמעס פונקט ווי זי. נאָר ער וויל ניט קאַליע מאַכן דעם אײַנדרוק פונעם דערציילטן. ער נעמט אַליין ריידן און צום סאָף ווענדט ער זיך ווידער צו סערגייען:

— ניט געזאָרגט, כאַווער, שטאַרבן אַזוי ווי דײַן פרײַנט, איז אַ גליק. דאָס איז בעסער ווי לעבן מיט שאַנד אָפּן קאָפּ.

אין זײַן ווייכער ווענדונג ליגט אָן אינערלעכע גרויזאַמקייט, וואָס סערגיי פילט זי. צאַי ווייס אַלץ.

צאַי שפּרינגט אויף און גייט אַרויס פונעם באַראַק. די ווינטיקע נאַכט כאַפּט אים אַרום. די שוואַרצע טײַגע טרעט צו צום דערפל. איבערן הימל טראָגן זיך צעריסענע וואָלקנס, צווישן דער כמאַרע פינקלען גרויסע שטערן. דעם יאַם הערט מען פון דאַנען.

— דאָס ביסטו, סערגיי?

האַלטשאַנאַק געפינט אים ניט טייקעף אין דער פינצטער. ער שטייט און האָט מוירע זיך צו איר צוצורירן, אין שרעקלעכן אָנשטרענג. זי צווייפלט נאָך, נאָר סערגיי גופע מאַכט צו נישט אירע לעצטע ספּייקעס מיט זײַן שווײַגן.

— איז עס, הייסט עס, עמעס? — פרעגט זי און די טרוקנקייט פון

איר קאָל נעמט אַוועק יעדע מעגלעכקייט פון מעכילע. ער פּרוווט ניט אָפּ־ענטפערן און ניט פאַרטיידיקן זיך.

— איך האָב געדענקט דיר זאָגן — ענטפערט ער.

— אַז מען דענקט, הייבט מען דערפון אָן! — שניידט אָפּ האַלטשאַנאַק.

זיי שטייען און שווייגן, איינער דעם צווייטן נאָך פרעמדער ווי נעכטן. דערנאָך נעמט האַלטשאַנאַק ריידן און אין איר שאַרפן טאָן, ווערט פאַרווישט דער ווייכער אוקראַאינישער אַקצענט.

— הער, דו! — זאָגט זי — איך וויל ניט דו זאָלסט דאָ בלייבן. דו דאַרפסט אַוועקגיין. ס׳איז גאָרנישט ניט געווען און עס וועט ניט זיין. ניט דו ביסט עס געווען. און ניט איך. ס׳איז אַ קישעף, אַ געגאַרעריי, אַ ליגן! פאַרשטייסטען? אַוועק פון דאַנען, פאַרשווינד, איך זאָל דיך וואָס גיכער פאַרגעסן, איך זאָל דיך ניט דערקענען ווען איך וועל דיך ערגעץ טרעפן! און ענטפער ניט! — שרייט זי אויס ווען זי מערקט זיינעם אַ באַוועג — איך האָס דיך! און האָס מיך אַליין. ווי זיינען געווען מיינע אויגן, מיין קאָמיוגישער געוויסן? גיי, און זאָל איך פון דיר מער ניט הערן און זאָלן דיך מער מיינע אויגן ניט זען! אַדיע!

און זי לויפט צוריק אַריין אין באַראַק.

סערגיי בלייבט שטיין אויפן אָרט. ער האָט ניט וווהין צו גיין. דער יאַמגעוויש שלאָגט אָפּ מיט אַ דראָונג אין די אויערן. פונעם באַראַק דערטראָגן זיך קוילעס; דערנאָך שטילן זיי זיך איין. די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן.

צוויי שוואַרצע שאָטנס גייען אים פאַרביי. סערגיי פילט, מער ווי ער זעט, אַז דאָס זיינען האַלטשאַנאַק און צאַי.

— ס׳איז גאָרניט, — באַרויקט זי צאַי — ס׳איז גאָרניט...

האַלטשאַנאַק ענטפערט עפּעס, „און איך האָב גערעכנט" אָדער „ווער האָט זיך געקענט ריכטן"...

זיי גייען אַוועק; דער ווינט פאַרטראָגט זייערע שטימען.

אַ קישעף? יאָ, זי איז גרייט געווען אים ליב צו האָבן, נאָר אין אַ וואָך אַרום וועט זי זיין פּאָנעם פאַרגעסן און וועט דאָס געשעענע עפּשער געדענקען בלויז ווי אַ בייזן כאָלעם. אַז זי וועט ליב באַקומען אַ גוטן מענטשן, וועט זי אים דערציילן וועגן דער פאַרכאַפּעניש פון דעם אָוונט.

דער באַגינען טרעפט אים באַם יאַם, אין אַ שפּאַלט צווישן די פעלדזן. די גרויע כוואַליעס וואַרפן זיך נאָך אַלץ אויפן ברעג, נאָר ניטאָ שוין אין זיי די ווילדקייט. דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט. די סאָפּקעס זיינען ביז צופוסנס איינגעהילט אין ווייסן נעפּל; פון הינטערן טומאַן לאָזט זיך דאַכטן די זון.

וווהין זאָל ער גיין?

כאַדאָשים זיינען אַוועק. סאַכאַלין איז שוין ווייט. אַ לאָקאָמאָטיוו טראָגט סערגייען דורך דער טייגע, אַ באַזילבערטע מיט פראָסט, אין איינגעהילטע אין קופּעס שניי. די וואַנדערונגען הערן ניט אויף. צענדליקער נייע ערטער, הונדערטער נייע מענטשן גייען פאַרביי סערגייס מידע אויגן...

נאָר עס גייט ניט אַוועק אַ טאָג ער זאָל זיך ניט דערמאָנען, מיט אַ קעלט איבערן לייב, אירע אָפּגעהאַקטע רייד, איר ווייכן קלינגענדיקן קאָל, איר שלאַנקן שאָטן, וואָס איז אויף אייביק פאַרשוונדן אין דער פינצטערניש פון דער הייניקער נאַכט, און זיין אַנגסטיק־אומאויסגעגלעכן אויפשטיין אין יענעם בלייכן פרימאָרגן.

IX

מאַראָזאָוו גייט אין גאַס און שמייכלט. אַף זײַן פּאַרזאָרגטן, מיט קנייטשן דורכגעשניטענעם פּאָנעם איז דער שמייכל אומדערוואַרט אַ ליכטיקער.

ער ווייס וואָס מען דאַרף טאָן. די פֿאַרגאַנגענע כאַדאָשים, ווען ער האָט געשטרויכלט, זיך געבייזערט, געזוכט די סיבעס פֿון די דורכפֿאַלן, אויסגעפּאָרשט, דורכגעטאַפּט די מענטשן, זיך טויִע געוועזן אין זיי, ווידער דורכגעטאַפּט און אויסגעפֿונען אין זיי נײַע זײַטן — די כאַדאָשים זײַנען פֿאַרבײַ ניט אומזיסט. ער האָט גוט געאַרבעט. ער איז געוועזן אָביעקטיוו צו זיך, ער ווייס, אַז ער האָט אַ סאַך געטאָן, אַז ער האָט געטאָן דאָס הויפּט־וויכטיקע: דער בויער־קאָלעקטיוו איז שטאַרק, צוזאַמענגעשמידט, גרייט אַף אַלץ. מאַראָזאָוו זעט אַף די מענטשן די שפּורן פֿון זײַנע קנייטנדיקע הענט. פֿון זײַן פֿאָרזיכטיקער פֿרײַנטלעכער ווירקונג. דער אומרו, וואָס טרעט ניט אָפּ פֿון אים אין די לעצטע וואָכן, קומט פֿון אַן אַנדער זײַט. אים באַאומרויִקט דער פֿאַמעלעכדיקער, זיך איבעררײַסנדיקער גאַנג פֿון דער געוואַלדיקער פֿאַרוואַלטונגס־מאַשין. אים איז שווער זיך פֿונאַנדערצוקלײַבן אין וואָס עס גייט. קיין דערפֿאַרונג איז נאָך ניטאָ. דער ערשטער פֿינפֿיאָר־פּלאַן האָט ערשט געהאַט געשאַפֿן די פּראַקטיק פֿון אָנגעשטרענגטער לויט אירע טעמפּן און נאָך ניט געוועזענער לויט איר פֿאַרמעסט, בויונג. אים העלפֿט אַרויס דער באָלשעוויסטישער כוש: ער לייגט אַוועק אָן אַ זײַט די מאַסע סיבעס און פֿאַקטן און זוכט דאָס גרינטלעכע, דאָס באַשליסנדיקע, קעדיי דערנאָך, נאָכן אַרומטראַכטן דאָס גאַנצע, צוריקגיין צו די קליינע סיבעס און פֿאַקטן.

ער באַפֿרײַט זיך פֿון אונטער ער קופּע טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן, וואָס פֿאָדערן אויפֿמערקזאַמקייט און רעאַגירונג און ער באַגרײַפֿט אַז די הויפּט־צאָרע אַף דער בויונג באַשטייט אין דער אָנפֿירונג. די אָנפֿירער אַרבעטן אַ סאַך און ווי מיט מעסירעס־נעפֿעש, נאָר ניט אַזוי ווי מען דאַרף.

זיי זײַנען פֿאַרפּלייצט מיט פּלענער, באַפֿעלן, ביודזשעטן, אָנפֿירונגס־וויקוכים, באַלאַנסן, און קענען ניט (אָדער זיי ווילן ניט) ברעכן די רוטין פֿונעם אַפּאַראַט, אַריבערטרעטן איבער דעם שטראָם פּאַפּיר, צו דער בויונג גופֿע און דאָרט אָפּן אָרט, געמיינזאַם מיט דעם אויסגעצייכנטן בויער־קאָלעקטיוו, אַרויסטרעטן אַלס ריכטיקע אָרגאַניזאַטאָרס פֿון ריכטיקע מײַסים. זיי שלעפּן זיך נאָך דעם אָנגעהויפֿנטן און אומבאַוועגלעכן אַפּאַראַט און שטעלן זיך פֿאָר אַז זיי פֿירן אים מיט אַ מעכטיקער האַנט, בעיס זיי אַליין פֿאָרן אָפּט אַף זײַן פֿור.

מאַראָזאָוו האָט דאָס ניט טייקעף באַגריפֿן. די ערשטע אומרויִקע סימפּטאָמען האָבן זיך אַנטפּלעקט אין האַרבסט, ווען עס האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז די שייבע פּלענער פֿון באַזאָרגן די בויונג אַף ווינטער צעטרענען זיך אַף אַלע נאָטן אונטערן דרוק פֿון דער נעבעכדיקער ווירקלעכקייט. דער ערשטער רינג פֿונעם אַפּאַראַט, וואָס איז באַזונדער וויכטיק באַ די באַדינגונגען פֿון דערווײַטערטקייט פֿון דער אײַזנבאַן — די פֿאַרגרייטער — האָט ניט באַרעכטיקט דעם צוטרוי און די האָפֿענונגען. גראַנאַטאָוו האָט זיי צעטריבן, ער האָט זיי אָנגעקלאָגט אין געריכט, נאָר די צײַט האָט מען אויסנגעלאָזט, און די העלדישע אָנשטרענגונגען פֿון די רייען אויטאָמאָבילן מוזן אַרויסהעלפֿן, אַוואַריעמעסיק, דער בויונג ביז פֿרילינג.

דער צווייטער רינג — וווינונג. די פֿירער האָבן זיך אויסגענוצט מיט
דעם ענטוזיאַזם פֿון דער יוגנט און האָבן באַשלאָסן, אַז מיט דער באַשאַפֿונג
פֿון וווינונגען קען מען צווואַרטן צוליב פֿאַרענדיקן פֿאַרן טערמין די זאַוואָד־
בויונג. וואָס באַוועגט ווערגנערן? ער זאָגט: „אויפֿבויען דעם זאַוואָד פֿאַרן
טערמין, איז פֿאַר מיר אַן ערן־זאַך". ער זאָגט: „די טעג וועלן אַרײַנגיין אין
דער געשיכטע". ער איז ערגײַציק און זעלבסטזיכער. צי דען האָבן אים ניט
ערגײַציקע פּלענער געצוווּנגען פֿאַרגעסן די מענטשן, וואָס דאַרפֿן די פּלענער
דורכפֿירן? צי האָט ער ניט בײַ זיך געפֿיעלט, עפּשער אָן דעם באַוווסטזײַן
פֿון דער אַכראַיעס וואָס ער נעמט אַף זיך, אַז ס'איז בעסער מאַקריוו צו זײַן
עטלעכע הונדערט מענטשן צוליב דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון זײַנע פּלענער?
בײַ גראַנאַטאָוון ווײַזט זיך דאָס אַרויס נאָך קלאָרער: „אויפֿבויען, אַפֿילע אַף
די ביינער". נאָר דאָס איז דאָך ניט קיין באַלשעוויסטישער באַשלוס! די
געניאַליטעט פֿון די באַלשעוויסטישע מעטאָדן באַשטייט דאָך דערין וואָס די
אַרבעט מיט די מענטשן, די זאָרג פֿאַר די מענטשן, הייבט זיי אויף צו נאָך
ניט געוועזענע העלדישקייטן. אין די שווערסטע יאָרן פֿון אינטערווענץ און
הונגער האָט די פּאַרטיי מיט זאָרג געהיט די מענטשן־קאַדרען. גריגגשעצן
זיי, זייערע באַדערפֿענישן, זייער לעבן איז קעגן דעם עצעם באַלשעוויזם.
דאָס איז אויך קעגן די ריין געשעפֿטלעכע אויסרעכענונגען. פֿאַרפֿעסטיקן די
קאַדרן איז דער גרונט פֿון פֿאַרויסגיין, פֿאַטערן די קאַדרן איז דער אומפֿאַר־
מײַדלעכער דורכפֿאַל פֿונעם פּלאַן. צי קען מען אָבער אָפּרײַסן די געשעפֿט־
לעכע אויסרעכענונגען פֿון די פּאָליטישע? צי קען מען לייזן פֿראַגן: ווי צו טאָן,
ווען מען ווייס ניט וואָס צו טאָן? ווערגנער און גראַנאַטאָוו רײַסן זיך פֿאָרויס,
ווען זיי ווייסן ניט ריכטיק וואָס, ווען זיי באַשליסן ניט ביז צום סאָף ווי צו
טאָן. זיי טרײַבן די בויונג אין פֿולן גאַנג, זיי לייגן פֿיבערדיק די פֿונדאַמענטן
און צענישטיקן דעם גאַנצן בויונגס־באַדן, איגנאָרירן דעם סיידער פֿון די
אָביעקטן, ווילן טאָן אַלץ מיטאַמאָל. עס בלײַבט זיי ניט קיין צײַט און ניט
קיין קויכעס אַף צו פֿאַרזיכערן דעם אַריעגאַרד, צו שאַפֿן רעזערוון, צוגרייטן
דעם באָדן פֿאַר ווײַטערדיקן פֿאַרגרעסערן די בויונג. זאָרגן וועגן די מענטשן,
וועגן די בויער. גיכער, גיכער, גיכער! אין דער שטרעבונג האָבן זיי אָנגע־
טראָפֿן דעם יונגן היציקן אַרבעטער־קאָלעקטיוו. עס איז עפּשער נאָך קיינמאָל
אַזוי קלאָר ניט געקומען צום אויסדרוק, ווי שטאַרק עס איז דער קאָלעקטיווער
טרוים צו זען פֿאַרענדיקט די גיגאַנטישע בויונג וואָס האָט זיך ערשט אָנגע־
הויבן. מאַראָזאָוו קען אָט די יוגנט — זיי וואַרטן אַף דעם אויפֿבוי פֿון דער
ערשטער שיקווי אַף זייערן אַ פּערזענלעכן גליק. זיי קענען ניט אויסרעכענען
די קויכעס און זיי שוינען זיך ניט. נאָר טאַקע דערפֿאַר דאַרף מען זיי באַזונ־
דער שוינען, דערפֿאַר טאַקע איז אַזוי גרויס די אַכראַיעס פֿון די אָנפֿירער מיט
דער בויונג.
ווערגנער און גראַנאַטאָוו האָבן זיך צו שטאַרק צעיאָגט. מאַראָזאָוו פֿאַר־
גלײַכט דעם צעיאָג מיט דער ניט אויסגערעכנטקייט פֿון אַ לויפֿער, וואָס פֿאַ־
טערט דעם מאַקסימום קויכעס אַף די ערשטע קילאָמעטערס און קען זיך ניט
אײַנהיטן אַפֿן פֿיניש. ער האָט געפּרוווט קעגנווירקן דער ליניע פֿון די צוויי
ווירטשאַפֿטלער. ער האָט אָנגעוויזן אַז בויען ווינטער אַלע צעכן וועט זיך ניט
אײַנגעבן, אַז מען וועט מוזן פֿאַרקאָנסערווירן אַ ריי אָביעקטן ביז פֿרילינג.
אַף ווינטערדיקן בויען וואָלטן ניט געקלעקט קיין קויכעס און ניט קיין מאַכ־
שירים. מעלוכישע אויפֿגאָבן שטעלן אײַן אַ סיידערדיקייט אינעם בויען, בײַ

וועלכער מען מוז טייל שוין פאַרלייגטע אָביעקטן אַף לאַנג פאַרקאָנסערווירן. ווערנער האָט זיך פאַראַקשנט. ער טרוימט און גלייבט, אַז ער וועט קענען אַף אַ סאַך פאַרקירצן די מעלוכישע טערמינען. דער ווינטער, וואָס מען האָט וועגן אים אַזויפיל גערעדט, האָט אים דאָך געטראָפן אומגעריכט. צו דער צאָרעדיקער לאַגע מיט ווּיבונג און דערנערונג, איז צוגעקומען דער מאַנגל אין קאַדרן, און די ווערבירונג פון נייע קאַדרן האָט נאָך מער קאָמפּליצירט די לאַגע מיט ווּיבונג און דערנערונג. דעמאָלט האָט ווערנער פאַרשטאַנען, אַז דעם זומער האָט מען דורכגעלאָזט. מאָראָזאָוו איז גערעכט, קאַפּלאַן איז גערעכט... נאָר ער האָט פון זיך געטריבן דעם ניט אָנגענעמען עמעס. און ווערנער און גראַנאַטאָוו האָבן זיך ווייטער געאַקשנט. זיי האָבן געשיקט ראַפּאָרטן וועגן די פּראָצענטער פאַרטיקייט פון די צעכן, וואָס זיינען שוין פאַרמישפּעט געווען אַף אָפּשטעלן זיך. זיי זיינען פאַרכאַפּט געווען פון די סאַכאַקלען: פאַר פינף כאַדאָשים האָט מען אויפגעטאָן אַזויפיל און אַזויפיל, פאַר זעקס כאַדאָשים — אַזויפיל... ווערנער האָט שוין געזען די אומפאַרמיידלעכקייט פונעם ווינטערדיקן אָפּשטעל, נאָר ער האָט זיך געשראָקן און האָט ניט אָנגענומען קיין באַשלוסן ווען מאָראָזאָוו האָט אַף אים געדריקט. גראַנאַטאָוו האָט ניט געזען און האָט ניט געוואָלט זען. „נאָך אַן אָנשטרענג, נאָך אַ צוגאָב פון קאָרבאָנעס, נאָר מירן ווייטער גיין!" דאָס וואָס איז קלאָר געווען פאַר מאָראָזאָוון, דאָס וואָס קלאָרע קאַפּלאַן האָט מיט אַ שאַרף אויג טייקעף דערזען, אַ דאַנק איר באַרירונג מיט דער מאַסע, האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין די ווירטשאַפטלער. פאַרוואָס? עפשער דערפאַר וואָס רירן זיך ווייטער פאָרויס איז גרינגע איידער מאַנעווּרירן לויט אַ קאָמפּליצירטן פּלאַן? אָדער דערפאַר וואָס צוליב דעם מוז מען זיך אָפּזאָגן פון די ראַפּאָרטן, פון די וואַקסנדיקע פּראָצענטער, פון דעם הײַנטצוטאָגיקן גלאָר? אָדער איז פאַראַן נאָך אַ סיבע — אַ מער אויסבאַהאַלטענע און דערפאַר מער שרעקלעכע?

מאָראָזאָוו גיט אַ שמייכל. אייגנטלעך איז ניטאָ זיך וואָס צו פרייען. מאָראָזאָוון איז זייער שווער צו אַרבעטן. נאָר, ווי דאָס איז אייגן שטאַרקע מענטשן, פרייט ער זיך מיט זיינע קויכעס. הײַנט, נאָך אַ שאַרפן וויקועך מיט די אָנפירער פון דער בויונג, האָט ער באַשלאָסן וואָס מען דאַרף טאָן, און אינעם קאַמף, וואָס אים שטייט פאָר, איז אים אַלץ קלאָר.

זיי האָבן זיך הײַנט היפּש געקריגט, ווערנער, גראַנאַטאָוו און ער. ווערנער האָט געבראָכן זיין געוויינלעכע רויִקייט און מיט אַ פאַרשטיקט קאָל פון ווידקייט, האָט ער געזאָגט:

— מאָדנע, וואָס דו, אַ סעקרעטאַר פון אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, פאַרשטייסט ניט, אַז מיר אַרבעטן אָפּן לאַנד־שוץ און יעדער טאָג איז אונדז טייער.

— יאָ, — האָט אים מאָראָזאָוו געזאָגט — נאָר איך פאַרשטיי דאָס טיפער פון דיר. איך וויל געבן די פּראָדוקציע גיכער און בעסער. צוליב דעם טאַקע מוז מען אינעם וואָרצל ענדערן די מעטאָדן. מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פונעם ברייטן פראָנט, פאַרזיכערן די בויער, זיך באַזאָרגן מיט בוי־מאַטעריאַלן, פאָרסירן די צוגרייטונגס־צעכן, און דערנאָך, אַף דער באַזע, וועלן זיי זיך אויסוויקלען טאָפּלט שנעלער. מיר גייען זיך פונאַנדער ניט אין די טערמינען, נאָר אין די מעטאָדן.

— דו גלייבסט ניט אין אונדזערע קויכעס, — זאָגט גראַנאַטאָוו — דו גלייבסט ניט אין די קויכעס פון די אַרבעטער, פון די קאָמיוגיסטן!

ווער פון זיי שטעלט זיך פאַראַקשנטער אַקעגן ? און פאַרוואָס אַקשענען זיי זיך אַזוי ? ווו ענדיקט זיך די אויפריכטיקייט פון דער איבערצײַגונג ? זײַנען זיי טאַקע אַזוי פאַרבלענדט ? איז ניטאָ דערין קיין ערגערע פּלאָג ? געוועזן איז אַ מינוט ווען מאַראָזאָוו האָט פאַרלוירן די געדולד און האָט אַ געשריי געטאָן :

— איך הייב אָן טראַכטן אַז דאָ איז ניט בלויז אַ טאָעס, נאָר אויך אַ בייזע קאַוואָנע.

ער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט. ווערנער איז שטאַרק בלייך געוואָרן. גראַנאַטאָוו האָט זיך אָנגעצונדן, די באַקן האָבן אים גענומען צוקן.

— ווער־זשע האָט די בייזע קאַוואָנע ? — פרעגט ווערנער נאָכדעם ווי ער איז צו זיך געקומען — איך ? גראַנאַטאָוו ? מיר ביידע ?

מאַראָזאָוו האָט שוין כאַראָטע אָף זײַן פריצײַטיקן אויסרוף. אויב עס איז פאַראַן אַפילע איין שאַנץ קעגן נײַן און נײַנציק, אַז דאָ איז פאַראַן אַ בייזע קאַוואָנע, אין צו וואָס באַצײַטנס עפענען די קאָרטן ? צי איז אָבער פאַראַן און צי איז מעגלעך אַזאַ שאַנץ ? אָדער זיי זײַנען צען קעגן נײַנציק אָדער פופציק קעגן פופציק ?

— וואָס קען זײַן, — רופט זיך אָן גראַנאַטאָוו מיט אומגעריכטער קאַלטבלוטיקייט — לאָמיר זען, עפשער איז טאַקע פאַראַן אַזאַ בייזע קאַוואָנע. לאָמיר זאָגן אָפן — שעדיקערײַ. דאָס מיינסטו דאָך ? אינעם פאַרגרייט־אָפּאַראַט איז אַזוינס געווען. איך בין זיכער, אַז די אויספאָרשונג וועט באַשטעטיקן מײַנע האַשאָרעס. עפשער איז זי פאַראַן אויך העכער ? צוקוקן זיך שאַדט ניט.

מאַראָזאָוו האָט זיך אינגאַנצן באַרויקט. אויסדויער, קאַלטבלוטיקייט, שאַרפע אָבסערווירונג — אָט וואָס מען דאַרף איצט האָבן. זיך דורכריידן מיט אַנדראָניקאָוון . . . דורכטראַכטן, זיך דערמאָנען, אָפּשאַצן דעם גאַנצן דורכגעגאַנגענעם וועג . . . אַנאַליזירן יעדן כעסאָרן, יעדן טאָעס . . . און דערווײַל — אויסדויער.

דער געשפּרעך איז געוואָרן אַ קאָנקרעטער. מען האָט באַשלאָסן איבערקוקן די אַרבעט אין אַלע ריגנען, איבערקוקן אָן ראַכמאָנעס, ביזן סאָף, אַנטפּלעקן די כעסרוינעס פון דער אייגענער פירונג. אָנהייבן פון די געהילף־אונטערנעמונגען : פונעם געהילך־זאַוואָד, שטיינהאַקערײַ, ציגל־זאַוואָד. ניט אָפּלייגן, נאָר שוין הײַנט אין אָוונט, האָבן זיי באַשלאָסן גיין איבער די אונטערנעמונגען, צונויפנעמען די אַרבעטער און די אינזשעניערן, זיך דורכריידן פון האַרצן, קלאָר ווערן מיט זייערע פאָדערונגען, אויפהייבן זייער שטימונג. מען האָט זיך פונאַנדערגעטיילט : ווערנער אָפן געהילך־זאַוואָד, מאַראָזאָוו אָפן ציגל־זאַוואָד, גראַנאַטאָוו אָף דער שטיינהאַקערײַ.

— ווילסט זיך בײַטן ? — האָט מאַראָזאָוו פאַרגעלייגט גראַנאַטאָוון. ער האָט געוואָלט אונטערשטרײַכן זײַן צוטרוי — גראַנאַטאָוו האָט זיך אַ סאַך פאַרנומען מיט דעם ציגל־זאַוואָד.

— ניין, ניין, — ענטפערט גראַנאַטאָוו — איך קען נאָך זײַן אייגנזיניק. דו וועסט בעסער אויפכאַפּן דאָס שוואַכע און וועסט מיך דורכקאָנטראָלירן.

און אָט גייט מאַראָזאָוו צום ציגל־זאַוואָד.. דער וועג ליגט איבער דער טײַגע. אין דער האַלבער שאָ גאַנג קען מען גוט און פרײַ באַטראַכטן. טאָעסן — אָדער בייזע קאַוואָנע ? ניין, דאָס זײַנען ניט בלויז טאָעסן ! הייסט עס ?. . . ווי דאָס איז, וועט ער זיך דערגראָבן צו אַלץ וואָס האַמעוועט די בויונג. ער

ווייס וואָס מען דאַרף טאָן. ער וועט איבערקערן די גאַנצע פאַרוואַלטונג, ער וועט זי מאַכן בייגיק, געוואַגט, קאָנקרעט־אָנפירנדיק. ער וועט אָנשרײַבן אַ בריוו צום קאָנט־קאָמיטעט, צום צענטראַלן קאָמיטעט. די אַלגעמיינע ליניע מוז מען דורכקאָנטראָלירן און אויספּאַריכטן, ער וועט זיך דערשלאָגן דערצו. און אויב עס זײַנען פאַראַן סאָנים, וועלן מיר אויסגעפינען אויך די סאָנים. צי האָט מען ווייניק סאָנים אײַנגעבראָכן אַף דעם ניט לאַנגן לעבן! ניט אומ־זיסט דוכט זיך אים דאָך, אַז ער האָט אָנגעכאַפּט עפּעס אַ פאָדעם... יאָ, יאָ. און ניט איין שאַנץ קעגן בײַן און בײַנציק, נאָר פופציק קעגן פופציק... ווי־אַזוי האָט ער געכאַפּט דעם פאָדעם?... אַ לײַכטער כשאַד. אַ באַוועג. אַ בליק... מען דאַרף קאָנטראָלירן. קאָנטראָלירן!

ער גייט אַרויס אַף דער סטעזשקע אין דער טײַגע. זײַנע געדאַנקען זײַנען אָנגעצילט אַף פאָרויס, צו דער פאָרשטייענדיקער אַרבעט. ער טראַכט וואָס ער וועט זאָגן די קאָמיוגיסטן, די מײַסטערס, די אינזשעניערן. ווי שנעל עס וועלן אַף דעם שטיקל טײַגע, וואָס טיילט אָפּ דעם פּראָדוקציע־פּלאַץ פונעם ציגל־זאַוואָד, אויסוואַקסן די גרויסע צאָל הײַזער פון דער נײַער שטאָט, — הענגט אָפּ דער קויעך פונעם לאַנד, פונעם קאַנט, זײַן שוץ־פעיִקייט, זײַן אומגעבראָכנקייט.

די סאָנים אַרבעטן. קוקט אײַך צו, קאָנטראָלירט יעדן פעלער, ענטפערט אַף יעדן קליינעם כעסאָרן, — ווער ווייס צו וועלכע גרויסע אויפדעקונגען עס קען פירן יעדער קליינער פּראַט!

די טײַגע האָט געשוויגן. אָפּן בלויען הימל ציטערן העלע גרויסע שטערן. אונטער די פוישטן סקריפּעט דער שניי.

פון ערגעץ ווײַט טראָגן זיך פריילעכע קוילעס. אין דער שטילקייט קען מען אויפכאַפּן אַפילע דעם סקריפּ פון די סקי. די סקי לויפן צו די סאָפּקעס צו.

דערנאָך דערהערט ער אַ צוווייטן קלאַנג — אין דער נאָענט. אַ קנאַק? אַ טרעשטש פון אַ צווײַגל. מאַראַזאָוו קוקט זיך אום, נאָר ער זעט בלויז אומבאַוועגטע ביימער, באַשאָטן מיט שניי. קיין שפּור, קיין שאָרך, קיין צע־הוידעט צווײַגל. און דאָך האָט ער דעם אײַנדרוק אַז ער איז ניט אַליין אין דעם פוסטן וואַלד.

די ריינע לופט דרינגט אַרײַן מיט יעדן שלונג אין די לונגען. די קויכעס ווערן צענפאָך שטאַרקער אין דער קורצער באַרירונג מיט דער נאַטור. ניין, קיינער איז דאָ ניטאָ. אַף דעם קליינעם אָפּשניט טײַגע, וואָס איז פאַרבליבן צווישן די אָפּטיילן פון דער בויונג, איז ער איינער אַליין מיט דער נאַטור, מיט דעם הימל, מיט די שטערן. אַלץ איז ווײַס, אַלץ איז צאַרט באַלויכטן מיט דער צוואָרפענער שײַן פון די שטערן. אין וועג איז ניטאָ קיין איין שפּור, אַ כוץ דעם שווערן אָפּדרוק פון זײַנע פוישטן.

ער פלײַסט זיך זען די יונגע פּענעמער וואָס וועלן אים אַרומרינגלען אין אַ האַלבער שאָ אַרום. צי האָט ער ליב דעם קאַנט? ער וועט צו זיי ריידן וועגן די נײַע באַדינגונגען, וועגן דעם אַז מען דאַרף אַרבעטן אָן אָפּרו צוליב דער רײַכקייט און מאַכט פון דעם קאַנט. זיי זײַנען גרייט אַף יעדן אָנשטרענג. נאָר אים ווילט זיך זיי זאָלן ריכטיק אָפּשאַצן און ליב באַקומען דעם קאַנט, וואָס זיי קומט אויס אַזויפיל איבערצוטראָגן קעדיי אים צו פאַראייגענען און שיצן. ער וועט מיט זיי ריידן ניט נאָר וועגן ציגל — ניין, ער וועט זיי אויך זאָגן: גייט אַרויס אַוונט־צײַט אין דער טײַגע, גיט אַ קוק אַף דער ווינטער־דיקער טײַגע, אַ באַלויכטענע מיט שטערן. וואָס מער ליבע צום לאַנד, צום

קאַנט, אַלץ מער ציגל װעלן זײַן... גיט אַ קוק, יאַטן, גיט אַ קוק אַף דער טײַגע, װאָס איז באַלױכטן מיט שטערן...

אַ שאַרפער װײטיק גיט אים אַ קלאַפּ אין פּלײצע און הײבט אים אונ־טער. אַ בליק־באַװוּסטזײַן צײכנט אָפּ אַ שאַרפן טרוקענעם קנאַק, מאַכט שאַרפער דעם אײַנדרוק — כ׳בין ניט אַלײן, ברענגט ער צוריק די דערמאָנונג — קנאַק!... דער קנאַק, ניט פון אַ צװײַגל, נאָר פון אַ שאָס... שלאָגט אַלאַרעם: „איך האָב קײנעם ניט באַװיזן צו זאָגן...״

די ברײט צעעפנטע אױגן דערזעען שטערן — שױן ניט אױבן, נאָר פאַר זיך. ער צענעמט די הענט, און פאַלט אום אַפן אַרט מיט אַ זײַט אַף דעם אומבאַרירטן װײכן שנײ.

X

קאַטיאַ און װאַלקאַ גײען בײדע אַף סקי איבער דער שטילער, מיט שטערן באַלױכטענער טײַגע.

— װעסט דיך שױן באַזינען! — זאָגט װאַלקאַ.

— כ׳װעל מיך ניט באַזינען! — ענטפערט קאַטיאַ און גיט זיך אַ שטופּ אָפּ מיט די שטעקנס און אַ גליטש אַרױס אַפריִער.

— װעסט דיך יאָ באַזינען — דעריאָגט זי װאַלקאַ.

— און איך זאָג דיר אַז נײן!

— און איך זאָג, אַז יאָ, — שטײט צו װאַלקאַ — מירן זיך אַ זון אײַנ־שאַפן. װעסט דיך באַזינען.

קאַטיאַ דערהיצט זיך און לאָזט זיך לױפן. װאַלקאַ יאָגט זי אָן און זי שרײַט:

— װאָס נאָך! אַ װײַב איז דיר װײניק, אַ זון װילט זיך דיר! — און זי באַקלעפּט אים מיט אַ שטיק שנײ דאָס פּאָנעם. זי איז אָבער אײדל און אַנטלױפט ניט ביז ער פאַרשקעט ניט אָפּ און טרײסלט זיך ניט אַרום.

— אַװאַדע װילט זיך — איז װאַלקאַ פאַראַקשנט און טרײסלט פון זיך אָפּ דעם שנײ.

— װער־זשע לאָזט דיר ניט װעלן?!

— און דו װילסט ניט?

קאַטיאַ אַנטלױפט װײַטער און שױן פון דאָרטן שרײַט זי:

— ס׳איז קײן צײַט ניטאָ!

— אַף לױפן האָסטו צײַט?

— לױפן איז דער אָרגאַניזירטער קאַמף מיט ציגנגע.

װידער גײען זײ באַנאַנד.

— איך אַ געזונטן גוף אַ געזונטער גײַסט, — זאָגט װאַגיק קאַטיאַ — און דו קומסט מיט נאַרישקײטן. פריִער פאַרדין דיר אַ זון, דערנאָך בעט בײַ מיר.

— האָב איך דען ניט פאַרדינט?

— װאָס האָסטו געטאָן אַזױנס?

— און דו?

— איך פרעג דיך. צוריקװעגס פאַרט מען ניט.

— װאַלקאַ ביטערװעט:

— אױב איך האָב דיך פאַרדינט, האָב איך מיסטאָמע געטאָן.

קאַטיאַ פֿאַרהאַקט זיך, נאָר דערנאָך געפֿינט זי זיך.

— איך האָב דיר אַף אַן אַוואַנס געטרויט, — זאָגט זי — דאַרפֿסט נאָך באַרעכטיקן דעם צוטרוי.

— איך האָב דיר אויך געטרויט אַף אַן אַוואַנס, — מורמלט וואַלקאַ — דאַרפֿסט ניט פֿאַררײַסן אַזוי די נאָז, איך בין ניט ערגער פֿון דיר.

— ביסט אַ באַרימער! — שרײַט קאַטיאַ — פֿון אַזאַ באַרימער, וועט דער זון זײַן אַ באַרימערל!

ער בייגט זיך אָן נאָך אַ הויפֿן שניי, נאָר קאַטיאַ איז שוין ווײַט אַנט־לאָפֿן. לאַנג יאָגן זיי זיך איבער דער טײַגע, שרײַען און לאַכן. ווען וואַלקאַ יאָגט זי אָן און וויל איר אַנרײַבן דאָס פּאָנעם מיט שניי, גיט זי זיך אַ וואָרף אים אַפֿן האַלדז; באַ אים פֿאַלט אַרויס דער שניי פֿון דער האַנט, לעפּאָנעם גיט ער אַ וואָרטשע און כאַפּט זי קושן. נאָך אַלץ פֿאַרסאָפּעטע פֿונעם לויפֿן, שטייען זיי אַף די שטעקנס אָנגעשפּאַרט, זייער גליקלעכע.

אין דער פּראַסטיקער שטילקייט האָט דײַטלעך אָפּגעקלונגען אַ שאָס.

זיי שטייען און הערן זיך אײַן.

— עמעצער גייט אַף יאַגד? — איז וואַלקאַ ניט זיכער.

נאָר קאַטיאַ דערפֿילט פּלוצעם אַ שרעק. צו פֿינצטער איז די טײַגע און צו שפּעט.

— קום, — שעפּטשעט זי און לאָזט זיך אַף די סקי אין דער זײַט פֿון וואַנען דער שאָס האָט זיך דערהערט.

זיי גייען צום ציגל־זאַוואָד, יאָגן אים אַריבער און לאָזן זיך אַפֿן וועג צו דער שטאָט. און ביידע שטעלן זיי זיך מיטאַמאָל אָפּ.

אַפֿן שניי צעוואָרפֿן די הענט מיט פֿאַרפֿראָסטיקטע הענטשקעס, ליגט אַן אומבאַוועגלעכער קערפּער.

זיי בייגן זיך איבער איבער אים און דערקענען אים. מאַראַזאָווס ברייט צעעפֿנטע אויגן זײַנען פֿאַרגלאָזט, אין זיי שפּיגלען זיך די שטערן. קאַטיאַ און וואַלקאַ שווידערן אויף, קוקן אַף אים און אייגער אַפֿן צווייטן.

דערנאָך זאָגט קאַטיאַ:

— לויף שנעלער!

שווײַגנדיק טוט ער אָן די סקי און לויפֿט אַוועק.

קאַטיאַ זיצט אַליין, אינעם שניי, לעבן דעם טויטן, צופֿיל דערדריקט, אַף מוירע צו האָבן.

איבערן וועג יאָגט אַ שליטן, שיט הינטער זיך דעם שניי־שטויב און שפּרינגט אונטער. הינטערן שליטן, אַף די סקי, לויפֿט וואַלקאַ. אַנדראַניקאָוו שפּרינגט אַראָפּ ווען דער שליטן לויפֿט נאָך, נאָך אים שפּרינגט אַראָפּ דער דאָקטער, פֿון דער קעלניע שפּרינגט אַראָפּ טאַראַס איליטש מיט דעם דאָק־טערשן רענצל אין די הענט.

— ניט נייטיק — זאָגט אַנדראַניקאָוו, און שטעלט אָפּ דעם דאָקטער — שוין שפּעט.

קאַטיאַ דערציילט שנעל:

— מיר גייען אַזוי און שטעלן זיך אָפּ. פּלוצעם אַ שאָס. וואַלקאַ זאָגט — מען גייט אַף יאַגד. און איך טראַכט מיר — ניין. קום, זאָג איך, און ס'איז מיר אַזוי שרעקלעך. מיר לויפֿן און לויפֿן... און דאָ ליגט ער...

זי צעוויינט זיך און זעצט זיך ווידער אַוועק אַפֿן שניי לעבן מאַראַזאָוון.
אַנדראַניקאָוו קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן: „מאַראַזאָוו איז געגאַנגען

פון דער שטאָט. געשאָסן האָט מען פון הינטן. פון רעכטס צי פון לינקס? ווערליק דער קערפּער איז געפאַלן, איז גיכער פון רעכטס". ער טוט אָן די סקי און לאָזט זיך אַרײַן אין דער טײַגע. וואַלקאַ און טאַראַס איליטש גייען פון ביידע זײַטן און קוקן זיך אָנגעשפּיצט אײַן אין יעדן שאָטן. טאַראַס איליטש גיט דער ערשטער אַ געשריי:

— דאָ!

זיי דערזעען אָן אײַנגעפּלעטשט גריבל אינעם שניי, צערירטע, אָפּגעטרייסלטע צווײַגן פון אַ קוסט און אַ שפּור פון סקי אין דער טײַגע אַרײַן.

— יאָ! — זאָגט אַנדראָניקאָוו און באַפעלט טאַראַס איליטשן נעמען בײַ סטאַוראָוואַן די סקי.

אין דרײַען גייען זיי נאָכן שפּור. נאָר דער אַנטלויפער איז כיטרע געווען. ער איז צוגעלאָפן ביז אַ פרעמדן שפּור און איז מיט אים געלאָפן. וואַלקאַ דערקענט זײַנע און קאַטיאַס שפּורן. אָט דאָ האָבן זיי זיך געשפּאַרט, אָט דאָ ווו דער שניי איז צעגראָבן, האָט קאַטיאַ געמאַכט אַ שניי־קויל אים צו וואַרפן. דאָ האָט ער זי אָנגעיאָגט, און דאָ האָבן זיי זיך געקושט.

ווײַטער אַ ביסל האָט דער אַנטלאָפענער זיך פאַרנומען אָן אַ זײַט. זיי לויפן אַף זײַן שפּור. נאָר ער האָט זיך פאַרנומען אַף אַ פרעמדן שפּור. ער איז געלאָפן ביז דער סאָפּקע, ווו קאַטיאַ און וואַלקאַ האָבן זיך געגליטשט איבערן רוקן אַראָפּ. דאָ ווערן די שפּורן פאַרפּלאָנטערט.

דרײַ מענטשן באַטראַכטן אויפן קוים דעם באַרג־רוקן.

— אָט! — שרײַט אויס וואַלקאַ אַף דעם מיטן רוקן — זעט, דאָ איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין די קוסטעס.

דער אַנטלויפער האָט געמאַכט אַ קונציקן שפּרונג אַף אַ זײַט, אין די קוסטעס, ער האָט זיך דורך זיי דורכגעריסן און איז געלאָפן ווײַטער, און מיט אַ צווײַגל האָט ער פאַרווישט דעם שפּור פון די סקי. אָט איז דער אָפּגעבראָכענער סענק, און אָט איז דאָס אַוועקגעוואָרפענע צווײַגל. פון די שיטערע און שטאַרקע אָפּדרוקן פון די שטעקנס קען מען פאַרשטיין ווי שנעל ער איז געלאָפן.

אויך זיי לויפן. דער שפּור פירט צו דער שמאָל־רעלסיקער באַן־ליניע. דאָ איז ער אַרײַן אין דער קאַנאַווע בײַם אָנשיט, אָט זײַנען שפּורן פון מענטשלעכע פיס, פון איינעם וואָס האָט אַרויפגעקלעטערט אַפן אָנשיט. טאַראַס איליטש לייגט זיך אַוועק און באַקוקט דעם שפּור.

— אונטעס האָט ער געטראָגן, — שפּרינגט אויף טאַראַס און כאַפּט אָן אַנדראָניקאָוון פאַרן עלנבויגן — הערסט? אין אונטעס... ביט אַנדערש אַז ער... די שלאַנג!... אָט ווען ער האָט נאָכגעשפּירט לעבן דעם הויז פון דער דירעקציע...

אַפן אָנשיט פון דער שמאָל־רעלסיקער האָבן די שפּורן זיך פאַרלוירן אינעם דורכגעפרוירענעם אויסגעטראָטענעם שניי, ווו עס גייען שטענדיק אַ סאַך מענטשן — צו דער שטיינהאַקערײַ און צוריק. די דרײַ מענטשן שאַרן זיך לאַנג אַרום בײַ דער קנאַפּער שײַן פון די שטערן און זוכן דעם פאַרלוירענעם שפּור.

און אינעם קלוב פון דער בויונג לייגן אַוועק קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן אַף זײַן לעצטן געלעגער זייער אָנפירער... אין קלוב איז שטיל און זייער ענג. מען הערט נאָר די קורצע פאַראָרדענונגען פון קרוגלאָוון:

— אין קאָמיטעט איז דאָ קומאַש. פּאָנעץ ברענגט. וואָס מער יאָדלע. מיידלעך, קראַנצן מאַכט !

אָפּן פּאָל, מיט די הענט אַרומגעכאַפּט אַ פּיסל פּונעם טיש וויינט מאַאָמי. זי וויל וויינען אָפּן הויכן קאָל, וויינען און קלאָגן, ווי עס פּירט זיך, לעבן דעם טויטן. קרוגלאָוו זאָגט איר: „מען דאַרף ניט, שטילער". זי פֿאַרשטייט, אַז באַ די רוסן איז אַן אַנדער מינעג, און זי גיט זיך אונטער. נאָר די טרערן גיסן זיך ניט ווילנדיק, פֿון ווייטיק און פּײַן.

ווערנער קומט צו לויפֿן. ער וואַרפֿט אַראָפּ דאָס היטל באַ דער טיר און קומט אײַליק צו. די ליפּן זײַנען אים שטײַף פֿאַרקלעמט, די באַקנביינער אָנגעשטרענגט. ער האָט זיך שטאַרק געאײַלט אַהער און איצט שטייט ער אַ פֿאַרגליווערטער, אָן איין וואָרט, אָן איין זשעסט. הונדערטער אויגן קוקן אָף אים — ער מערקט זיי ניט. מינוטן גייען פֿאַרבײַ. זײַן האַנט הייבט זיך פּלוצעם אויף און מיט אַזאַ וואַרעמען כאַווערישן באַוועג רירט זי זיך צו צום טויטנס קאַלטער האַנט. ער נעמט אַוועק די האַנט, דרייט זיך האַסטיק אום און קימאַט לויפֿנדיק, גייט ער אַרויס פֿונעם קלוב.

גראַנאַטאָוו איז אַרײַנגעקומען, געקומען איז ער אינאיינעם מיט אַנדראָ־ניקאָוון, גלײַך פֿון דער דרעזינע, וואָס האָט זיי געבראַכט פֿון דער שטייב־האַקערײַ. אַנדראָניקאָוו זוכט אויס צווישן אוילעם קאַסימאָוון און יעפּיפאַ־נאָוון און גייט מיט זיי אַוועק. און גראַנאַטאָוו שטעלט זיך אָפּ פֿאַרן טויטן, בידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זײַנע צעוווּנדיקטע הענט אַוועקגעלייגט אָפּן עק טיש. די קאָמיוגיסטן קוקן אָף זײַנע הענט, אָף זײַן אָנגעבויגענעם פּראָפֿיל. זיי זעען ווי קרעמפּיק עס צוקט גראַנאַטאָווס באַק, ווי עס קײַקלט זיך איבער איר אַראָפּ אַן איינאיינציקע טרער.

טאָניאַ קומט צו, זי רירט זיך צו מיט אירע פֿינגער צו זײַן אַקסל, און זאָגט :

— מען דאַרף ניט.

ער גיט אַ הייב אויף דעם קאָפּ. ער דערקענט זי. ער גיט פֿאַרוווּנדערט אַ קוק אָף איר און לאָזט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ. ווען ער גייט אַרויס פֿונעם קלוב, יאָגט אים אָן טאָניאַ. זי איז אינגאַנצן צעציטערט.

— גייט ניט אַליין ! — שרײַט זי — גייט ניט !

ווידער קוקט ער אָף איר פֿאַרוווּנדערט און מיט אַ לײַכטן שמייכל נעמט ער זי געאָרעמט.

— נו, קומט צוזאַמען. פֿאַרוואָס־זשע טאָר איך ניט גיין אַליין ?

— געננג איז איין קאָרבן — זאָגט זי און ציטערט נאָך אַלץ.

— אָט גייט איר דאָך און איר האָט ניט מוירע ?

— איך ? — רופֿט טאָניאַ אויס גרינגשעציק — ווער דאַרף דען האָבן מײַן לעבן ?... איך אָבער... איר...

— מיידל, איך באַצייט זיך צו מיר צו הייס. הייס... און עפּשער אויך צאַרט, אַ ?

און ער דריקט צו איר האַנט. טאָניאַ גיט אַ ריס די האַנט, אַ באַליי־דיקטע און אַ פֿאַרכידעשטע.

— ווי קענט איר שפּאַסן אין אַזאַ מינוט ?

נאָר ער לאָזט ניט אַרויס איר עלנבויגן, ער ווערט נאָר ערנסטער.

— זײַט ניט בייז, מיידל, איך בין איצט אַ ביסל אויפֿגערעגט... דעם צווייטן מאָל שוין אַז דער טויט רירט זיך צו צו מיר און — גייט מיך פֿאַר־

ביי... די קויל איז באַשטימט געווען פֿאַר מיר — נאָר איך לעב... און מאַראָזאָוו איז געפֿאַלן.

— פֿאַר אײַך?

— יאָ, מיידל, פֿאַר מיר. דאָס האָב איך דאָך געדאַרפֿט גיין אַפֿן ציגל־זאַוואָד. ס׳איז באַקאַנט געווען אַז מיר גייען היינט אָף געהילף־אונטערנע־מונגען. איך בין צוגעפּעסטיקט צום ציגל־זאַוואָד, איך קום אַהין שטענדיק... און היינט האָט מען געוואָלט איך זאָל גיין. נאָר געגאַנגען איז מאַראָזאָוו... און אָט...

טאָניאַ פֿאַרשטייט ווי עס מוז אים ווי טאָן. און זי האָט מוירע פֿאַר זיין לעבן, — זי קוקט זיך איין אין דער פֿינצטערניש און הערט זיך איין.

— האָט קיין מוירע ניט, — לאַכט גראַנאַטאָוו — היינט וועט ער מער ניט שיסן.

זי שוידערט אויף. דער טויט וואַרט אים אָפּ. היינט ניט... און מאָרגן? איבערמאָרגן? ווען זי קען זיין לעבן אים, פֿאַרשטעלן אים מיט איר קערפּער!

און ער דריקט איר אָרעם, דריקט זיך קימאַט צו איר אַקסל. זי פֿאַר־שטייט ניט צוליב וואָס ער טוט עס, איר איז ניט אָנגענעם, זי פֿילט אַ ביזאָיען פֿאַר אים.

ער זאָגט:

— טרויעריק... איר ווייסט ניט, מיידל, וואָס אַזוינס איז אַנגסט און איינזאַמקייט... און איר מיינט אַוואַדע אַז איך אונדזער וועלט קען ניט זיין קיין איינזאַמקייט? איר זייט נאָך יונג, טייערע...

ניין, זי ווייס, אַז פֿאַראַן זיינען אַזעלכע שאָען. זי אַליין האָט אַ סאַך איבערגעלעבט. און ער? פֿאַרוואָס איז ער איינזאַם? מען שעצט אים און מען האָט אים ליב. ער האָט פֿאַרדינט די דערעכערעצדיקע אַנטציקונג פֿון די קאָמיוגיסטן. דאָס וואָס ער דערציילט וועגן די פּייניקונגען וואָס ער האָט איבערגעלעבט הערט מען אויס מיט טרערן אין די אויגן... און צי דען האָט ער ניט קיין פֿריינט? טאָניאַ דערמאָנט זיך גראַנאַטאָווס צופֿעליק אונ־טערגעהערטע דערקלערונג צו קלאַראַ קאַפּלאַן, און אַלץ שטעלט זיך איר פֿאַר אין אַ נייער שיין.

— ווען איך קען אײַך העלפֿן!

— העלפֿן? — ער צעלאַכט זיך און ווידער איבערראַשט זי זיין כוי־זעק־טאָן — איר האָט מיך צוגעפֿירט, דאָס איז שוין אַ הילף. איר האָט מיך פֿון טויט געראַטעוועט, ניין?

טאָניאַ קנייטשט זיך און ליידט. ווידער כויזעקט ער. קען ער זי ניט נעמען ערנסט ווי אַ גלייכן צו זיך מיטשמועסער? אַקעגן אים, נאַטירלעך, איז זי אַ מיידל אָן פֿאַרדינסטן: אָן געניטקייט, אָן וויסן... ווידער דערמאָנט זיך איר קלאַראַ קאַפּלאַן, אָבער נאָר קעדיי זי צו פֿאַראורטיילן. גראַנאַטאָוו באַטראַכט זי פֿאַר אַ גלייכן, נאָר ווי גרויזאַם זי איז צו אים!

— נו, האָט איר מיך צוגעשטעלט אַ פֿולשטענדיק איינגעהיטן. אַ דאַנק. נאָר וויאַזוי וועט איר איצט גיין? עפּשער דאַרף איך איצט אײַך צופֿירן?

— ניין, וואָס רעדט איר? וואָס?

— צי דען האַלט איר מיך פֿאַר אַ פּאַכדן?

— איך?... אײַך?...

זי דריקט אים פֿעסט די האַנט.

ווערנער זיצט אַליין בײַ זיך אין צימער. שוין לאַנג אַז ער זיצט אין דער

זעלביקער פּאָזע, אַ געהויקערטער, אַ געעלטערטער, מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט. דער טעלעפאָן קלינגט. ער גייט צו, ער גיט נייטיקע פאַראָרדענונגען און זעצט זיך ווידער אַוועק אָפן זעלביקן שטול, און ווידער הענגען אים אַראָפּ די הענט.

שפּעט באַנאַכט לאָזט ער זיך אַראָפּ איבער די טרעפּ. ער גייט ווי אַ קראַנקער, שלאָגט זיך אָן אין דער פינצטער. ער בלײַבט שטיין פאַר קלאַראַ קאַפּלאַנס טיר. איז זי אין דער היים ? ניט שוין־זשע שלאָפט זי ? ער קלאַפּט שטיל אָן.

— די מינוט.

קלאַראַ לאָזט אים אַרײַן, זי האָט בלויז אַרויפגעוואָרפן דעם מאַנטל איבערן העמד, און פאַרקלײַבט זיך טייקעף אין בעט, זי בייגט אונטער אירע נאַקעטע פיס. זי זאָגט גאָרניט און וווּנדערט זיך ניט מיט זײַן אַרײַנקומען.

ווערנער זעצט זיך אַוועק לעבן איר און שווײַגט לאַנג. זי רייכערט און ציט קרעמפּיק אַרײַן דעם רויך.

— פאַרוואָס ניט אין מיר ? — רײַסט זיך בײַ אים אַרויס — פאַרוואָס ? פאַרוואָס ?...

זי קוקט זיך אין אים אײַן און ענטפערט ניט.

— איך טראַכט אַלץ — פאַרוואָס ? — זאָגט ער ווײַטער — איך בין דער אָנפירער פון דער באַוועגונג. איך האָב פאָרסירט די אַרבעטן, האָב אָנגע־דריקט, גאָרנישט ניט געשוינט. איך בין געווען אומבאַוויגזאַם. אַלעמען איז באַקאַנט מײַן הערשערישקייט. פאַרוואָס־זשע האָבן זיי געשאָסן ניט אין מיר ?

קלאַראַ רופט זיך אָן גרויזאַם :

— עפּשער איז מאַראָזאָוו ליגיע געפערלעכער פאַרן סוינע ווי אײַער הערשעריקייט ?

ווערנער מערקט ניט די גרויזאַמקייט פון אירע ווערטער.

— אַט וועגן דעם טראַכט איך, — זאָגט ער — איך טראַכט וועגן דעם די גאַנצע צײַט, פון דער ערשטער מינוט... הייסט עס, אַז גערעכט איז ער ? הייסט עס, אַז זײַן ליניע איז ריכטיקער ? ניין, קלאַראַ, דאָס קען דאָך ניט זײַן ! זיי האָבן געקלאַפּט איבער דער אָנפירונג, איבער אַלעמען... און צי דען האָבן זיי געקענט וויסן וועגן אונדזערע כילוקע־דייעס ?

— דאָרט ווו דער סוינע ווייס ניט, דאָרט פילט ער, — ענטפערט קלאַ־ראַ — דאָס איז שרעקלעך צו זאָגן, ווערנער, נאָר אײַער פּאָליטיק איז דעם סוינע אָף דער האַנט. אָט פאַרוואָס מען האָט געשאָסן ניט אין אײַך.

ער וואַרפט זיך אָפּ אָפן שטול. ער איז קימאַט אָן באַוווסטזײַן. קלאַראַ גלעט אים זײַנע ליכטיקע גלאַטע האָר.

— מען דאַרף טראַכטן ווי צו פאַרריכטן, — זאָגט זי ווייך — איר קענט דאָך פאַרריכטן. צי דען וועט איר ניט אויסגעפינען אין זיך דעם מוט מוידע צו זײַן אײַער פעלער און אויסגלײַכן די ליניע ?

— ווען איך וואָלט זײַן זיכער, קלאַראַ !... נאָר איך בין אין קיין זאַך ניט זיכער. קען זײַן, איך גיב זיך נאָך נאַרישע ספּייקעס ? קען זײַן, דאָס איז נעוו־ראַסטעניע, אומזין?... איך האָב דאָך געוואָלט עפּעס, וואָס איז נייטיק דעם גאַנצן לאַנד... — ער פילט, אַז ער איז ניט גערעכט, נאָר ער קלאַמערט זיך אָן דער לעצטער האָפענונג — זיי האָבן ניט געקענט וויסן... מעגלעך זיי האָבן אָפּגעוואַרט מיך אָדער גראַנאַטאָוון ? איך בין געפאָרן אי־נעם אויטאָמאָביל, איז עס זיי ניט געלונגען...

— קען זײַן אַזוי אויך, — רופט זיך קאַלט אָן קלאַראַ — נאָר צי דען פאַרשטייט איר נאָך אַלץ ניט, אַז אַבער ליניע איז אַ פּעלערהאַפטיקע, אַז באַדנלאַזע לאַזונגען זײַנען שעדלעכע, אַז שוין איצט האָט איר געשטעלט אײַך סאַקאַגע ניט נאָר אַבערע טערמינען, נאָר אויך דעם מעלוכישן? ווייסט איר וויפל קאַדרן איר האָט שוין צעפּאַטערט, און וויפל איר וועט נאָך צעפּאַ־טערן ביזן פּריילינג? און די פונדאַמענטן, וואָס מען וועט בויען נאָך צוויי יאָר, נאָך דרײַ יאָר! פונדאַמענטן אין וועלכע עס איז אַרײַנגעלייגט אַזויפיל קאַמיוגישער ענטוזיאַזם, אַזויפיל מיטלען, אַזויפיל קויכעס! איר האָט אוי־ווער געוועזן אַף דער סיידערדיקייט פון דער בויונג...

— איך ווייסט דאָך! — שרײַט אויס ווערנער — איך ווייסט דאָך. איך האָב געדערכנט די גאַנצע בויונג פאַרענדיקן אין צוויי יאָר... — ער פאַרהאַקט זיך און גיט הייס צו: — און איך רעכן נאָך. איך וועל שטאַרבן, נאָר איך וועל עס דערגרייכן!

קלאַראַ וואַרפט אים צו מיט אויסניכטערנדיקער רויקייט:

— פון אַבער טויט וועט קיינעם לײַכטער ניט ווערן.

באַ ווערנערן קלעמען זיך ווייטיקלעך די ליפּן.

— אַפילע ניט דעם סוינע... — זאָגט ער אונטערן אײַנפלוס פון טי־פער פאַרצווייפלונג.

ער גייט אַרויס אין פינצטערן קאָרידאָר. דאָ איז ער אַליין מיט זײַן צע־רודערטקייט. נאָר ער קען ניט זײַן אַליין. ער איז מיד פון דער פאַרפלייצונג מיט ספּייקעס. ער גלייבט ניט זיך אַליין. ער קלאַפּט אָן צו גראַנאַטאָוון.

— ווער איז? — רופט זיך נערוועזש אָפּ גראַנאַטאָוו.

— עפן. ווערנער.

גראַנאַטאָוו איז געווען אויסגעטאָן און די אויגן האָבן אים געבלענדט נאָך דער פינצטערניש, נאָר ווערנער וואָלט געקענט שווערן, אַז ער איז ניט געשלאָפן. זײַן בלייך פּאָנעם טראָגט אַף זיך די שפּורן פון אומרו, פון טראַכ־טעניש, פון לײַדן, נאָר ניט פון שלאָף.

— איך קען אויך ניט שלאָפן, — זאָגט ווערנער — דו וועסט מיר זאָגן, אַלעקסיי, דו האָסט דאָך געמוזט טראַכטן דערפון — פאַרוואָס מאַראַ־זאָוון, און ניט דיך אָדער מיך? פאַרוואָס?

— יאָ! יאָ! — כאַפּט אונטער גראַנאַטאָוו — דאָס דריקט אויך מיך. ער האָט דאָך מיר פאַרגעלייגט זיך בײַטן. ווען איך וואָלט געגאַנגען, ווי שטענדיק, אָפן ציגל־זאַוואָד, וואָלט מאַראַזאָוו געלעבט... איך פיל מיך ווי אַ מערדער...

ווערנער הייבט אויף דעם קאָפּ:

— מיינסט, אַז זיי האָבן ניט געוווּסט וועמען זיי וואַרטן אָפּ?

— אָט דאָס דריקט מיך. ער האָט דאָך מיר פאַרגעלייגט זיך בײַטן. ער האָט געקענט אַהינצו ניט גיין...

ווערנער האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט און איז אַוועק צו זיך. אַ מידקייט, אַ שרעקלעכע מידקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. דער זייגער איז שוין געווען פיר. זיבן אַזייגער אין אַ דרינגלעכע זיצונג פונעם פאַרטיי־קאָמיטעט. ער וואַרפט זיך אַרײַן אין בעט און ווי מיטאַמאָל פאַלט ער אַרײַן אין דער פוסט־קייט פון אַ טויט־שווערן שלאָף.

XI

בּאַ אַנדראָניקאָוון אינעם קאַבּינעט גייט אָן אָנגעשטרענגטע אַרבּעט. מענטשן גייען אַריַין און אַרויס, דער טעלעפאָן קלינגט, מען שיפרירט טעלע־גראַמעס. אין מיטן דער נאַכט רופט אַנדראָניקאָוו אַרויס טאַראַס איליטשן.

אין קאַבּינעט זיַינען פאַראַן קאַסימאָוו, יעפּיפאַנאָוו, בּעססאָנאָוו און אַנ־דראָניקאָווס געהילף — וולאַסאָוו.

— אָט וואָס, טאַראַס איליטש, — זאָגט אַנדראָניקאָוו — אויב דער מערדער וועט אַרויס אָף אַ בּאַוואוינט אָרט, וועט ער אַרעסטירט ווערן. נאָר פאַראַן איז אַ גרונט צו דענקען, אַז ער בּאַהאַלט זיך אויס אין דער טיַיגע. איר קענט גוט די טיַיגע. ווו קען ער זיך אויסבּהאַלטן?

טאַראַס איליטש ענטפערט ניט געאיַילט:

— מירן אַ זוך טאָן. אַן ערעך צוואַנציק קילאָמעטער פון דאַנען איז פאַראַן אַ ווינטער־שטיבּל און מיט פינף און צוואַנציק קילאָמעטער וויַיטער אַ צווייטס. זיי קענען די שטיבּלעך.

— ווער זיי?

— די פאַראַמאָנאָווס — זאָגט טאַראַס איליטש אָן אָנגעכמורעטער — ווער דען. ניקאָליַי איוואַנאָוויטש קען זיי און אויך סטיעפּאַן. זיי זיַינען יע־גערס... נו, מיר זיַינען דאָך אויך יעגערס, — גיט ער צו — אַ לעבּעדיקן אָדער אַ טויטן, וועלן מיר אים געפינען.

— אַ לעבּעדיקן — זאָגט פעסט אַנדראָניקאָוו.

אַ קליינע מאַכנע איז אַרויס פאַרטאָג, ווען ס'איז נאָך פינצטער געווען, אונטער וולאַסאָווס קאָמאַנדע. קיינער האָט ניט געוווּסט וועגן דעם אַרויס־פאָר. נאָר קאַטיאַ סטאָוואָראָוואַ האָט זיך קענטיק אָנגעשטויסן צוליב וואָס איר מאַן גייט אַוועק ווען עס איז נאָך נאַכט און האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיטן מאַן פאַרוואָס מען בּאַזיַיטיקט זי פון דער זאַך, וואָס זי האַלט פאַר אירן אַ רעכט זיך אין איר צו בּאַטייליקן. „מיר גייען ניט אין ערגעץ!" — פאַר־זיכערט איר וואַלקאַ, און ליַידט דערפון וואָס ער מוז איר זאָגן אַ ליגן. „וווהין־זשע קליַיבּסטו זיך?" — „קאַטיאַ, וואָס וואַלסטו געזאָגט וועגן אַ מאַן, וואָס פלוידערט אויס פאַרן וויַיבּ סוידעס?" — „אָך, בּין איך דיר, הייסט עס, נאָר אַ וויַיבּ? קענסטו זיך פאַרנעמען!" — „קאַטיאַ!..." — „פאַרנעם דיך וואָס גיכער, איידער איך שלאָג דיך!" — „קאַטיושאַ!" — „געוווען קאַטיושאַ, איצט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ. און גיי דיר, לאָז מיך שלאָפן!"

צוליבּ דער קריגעריַי איז וואַלקאַ אָנגעכמורעט און שוויַיגט.

די מאַכנע האַלט זיך אָן אַ זיַיט פונעם וועג און פון די וווינונגען און גייט מיט דער טיַיגע. טאַראַס איליטש און קאַסימאָוו גייען אָפריִער, זיי קליַיבּן אויס דעם וועג לויט סימאָנים וואָס זיַינען די אַנדערע ניט בּאַקאַנט. זיי זיַינען שוין אָן ערעך אַנדערהאַלבּן שאָ וועג פון דער שטאָט, ווי וולאַסאָוו דערזעט אין דער בּלייכער שיַין פונעם קאַיאָר, אַ הונדערט שפּאַן פון זיי אַ קליין פיגורל וואָס גייט אָף סקי אין איין ריכטונג מיט זיי. וולאַסאָוו טיילט זיך פאַרזיכטיק אָפּ פון דער מאַכנע און לאָזט זיך שטיל אַוועק צו דעם פי־גורל. ער כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער און גיט אַ געשריי:

— שטיי! די הענט אַרויף!

דאָס פיגורל הייבּט אויף די הענט און קוקט זיך אום. וולאַסאָוו קומט

צו און דערזעט קאַטיאַ סטאַווראָוואַס לאַכנדיקן פּאָנעם. זי זעט אויס צופרידן און שולדיק.

— וואָס טוסטו דאָ ? — פרעגט זי שאַרף וולאַסאָוו.

קאַטיאַ באַלעקט מיט דער צונג די פּראָסטיקע ליפּן, ציט אַרײַן די לופט און צערעדט זיך אָן אָפּשטעל :

— איך האָב די ערשטע דערזען מאַראָזאָוון און האָב געשיקט נאָך אײַך בעססאָנאָוון, איך האָב געוואַכט איבער מאַראָזאָוון, איך האָב געגעבן טאַראַס איליטשן די סקי, איך האָב אַלץ דערציילט אַנדראָניקאָוון, איך בין אַן אויסגעצייכנטע שיסערן, איך בין אַן אויסגעצייכנטע גייערן אָף סקי, איך האָב פּאַר קיין זאַך קיין מוירע ניט, איר האָט קיין רעכט ניט געהאַט מיך איבערצולאָזן. דאָס וואָס איך בין אַ פרוי, מיינט נאָך גאָרניט, איך קען מער איבערטראָגן פון אײַער בעססאָנאָוון און גיי אָף סקי בעסער פון יעפּיפאַנאָוון, איך האָב אים געלערנט, דאָס ווייסן אַלע, און איך בין פונקט אַזאַ קאָמיוגיסטקע...

— וואַרט אויס ! — רײַסט איר איבער וולאַסאָוו — פון וואַנען האָסטו זיך גענומען ?

— איך בין אײַך נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צײַט, אָט פון וואַנען ! — ווערט קאַטיאַ אַנגעצונדן — און איצט וועט איר מיך נעמען מיט זיך. דאָס איז אַלץ !

וולאַסאָוו טרייסלט קאַטעגאָריש מיטן קאָפּ.

— גיי אַהיים און וואָס שנעלער !

— איך וועל ניט גיין — זאָגט קאַטיאַ מיט אַ ציטערדיקן קאָל, אָבער פעסט.

— ניין, וועסט אַהיימגיין.

— איך וועל ניט גיין. איך וועל פאַרבלאָנדזשען. כ'האָב מוירע אַליין צו גיין.

— און אַהער גיין האָסטו קיין מוירע ניט געהאַט ?

— ניט מוירע געהאַט — זאָגט קאַטיאַ און שמייכלט פאַרטרוילעך.

עס גייט צו די גאַנצע מאַכנע. וואַלקאַ איז איבעררױשט און פרווט צווינקען קאַטיאַן. נאָר קאַטיאַ איגנאָרירט אים אינגאַנצן.

— עס מאַכט ניט אויס, כאָווער וולאַסאָוו, — זאָגט קאַסימאָוו — ווו וועסטו זי איצט אַהינטאָן ? צו אונדז איז אויך איינמאָל אַ פרוי צוגעשטאַנען, און האָט צוויי יאָר געפּאַרטיזאַנעוועט. יענע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

די מאַכנע רירט זיך ווײַטער אין וועג. קאַטיאַ גליטשט זיך אייפעריק באַנאַנד מיט וולאַסאָוון. וולאַסאָוו גיט איר ניט גערן אַ רעוואָלווער, נאָר נאָכדעם וויל ער פאַראַקשנט ניט הערן אירע אונטערקויפנדיקע פראַגן און קוקט פאַרבײַ איר ווי זי וואָלט ניט געווען. זי באַליידיקט זיך ניט, נאָר זי מאַכט אינגאַנצן נאָך וולאַסאָווס גרינגשעצונג אין איר באַציִונג צו וואַלקאַן.

זיי קומען צו צום ערשטן ווינטער־שטיבל און רינגלען עס אַרום מיט אַלע פאַרזיכטיקייטן. נאָר אינעם פאַרשנייטן שטיבל איז קיינער ניטאָ. וולאַסאָוו, קאַסימאָוו און טאַראַס איליטש קוקן אַלץ אַרום און דערוויסן זיך, אַז נאָכן אייערנעכטיקן אויסגעפאַלענעם גרויסן שניי איז דאָ עמעצער געווען, לויט אַלע סימאָנים צוויי מענטשן. זיי האָבן אָפּגעקאָכט קאַרטאָפל, האָבן אויפגעגעסן אַ פּושקע קאָנסערוון, נאָר ניט גענעכטיקט. וולאַסאָוו לאָזט איבער בעססאָנאָוון און יעפּיפאַנאָוון אינעם לויער, די איבעריקע גייען אַוועק ווײַטער. קאַטיאַ איז ניט געוועזן קעגן דעם מען זאָל זי איבערלאָזן : זי איז

שטאַרק פֿאַרמאַטערט געווען פֿון שנעלן גיין און פֿון דער שלאָפֿלאָזער נאַכט. נאָר וולאַסאָוו באַמערקט זי נאָך אַלץ ניט און זאָגט איר גאָרניט, און זי גייט ווײַטער מיט דער מאַכנע. טאַראַס איליטש איז בייז דערפֿון וואָס ער האָט זײַן סוינע ניט געטראָפֿן אינעם ערשטן ווינטער־שטיבל. זײַנע אויגן ברענען מיט אַ זשעדנעם יעגערישן פֿײַערל. ער זוכט פֿאַראַקשנט די שפּורן און שילט דעם שניי וואָס האָט גענומען שיטן. קאַסימאָוו, פֿאַרקערט, איז רויִק און פֿריי־לעך. ער שפּאַנט איבער די וועגלאָזע פּאַרטיזאַנישע מאַרשרוטן, אין זיקאָרן לעבט אויף די ווײַטע פֿאַרגאַנגענהייט, ער פֿילט זיך גרינג און געווינט, ווי דער קאַמף וואָלט נאָך ניט געווען פֿאַרענדיקט. — און צי דען איז ער פֿאַר־ענדיקט? ער האָט זיך בלויז געענדערט, דאָס גאָר.

דער שניי שיט שטאַרקער. קאַטיאַ איז טויט מיד, נאָר זי איז עס בעשום אויפֿן ניט מוידע. יענע פֿרוי איז דאָך געגאַנגען! צוויי יאָר געפּאַרטיזאַנעוועט. מיסטאָמע פֿלעגט זי אויך מיד ווערן, נאָר זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. און וויאַזוי האָט זי אויסגעהאַלטן? דעריקער איז גיין, גיין און ניט פֿאַלן: וועסטו אומפֿאַלן, וועסטו שוין ניט אויפֿשטיין... זי קוקט אַף קאַסימאָוון, אַף וולאַסאָוון, אַף טאַראַס איליטשן, — זיי גייען ווי זיי וואָלטן גאָרניט גע־ווּסט וואָס אַזוינס איז מידקייט. וולאַסאָוו פֿרעגט פּלוצעם:

— זיך אײַנגעמידט?

— אָט האָסטו דיר! דאָס מינדסטע ניט! — ענטפֿערט קאַטיאַ שטאָלץ און פֿרעגט, אַן אומאָפּהענגיקע: — און איר?

איבער אירע קויכעס, גייט קאַטיאַ אָפּ עטלעכע קילאָמעטער, און דער־פֿילט זיך מונטערער. די מידקייט איז זיך צעשוומען, די פֿיס באַוועגן זיך ווידער גרינג, ניט אָנגעשטרענגט. אַהאַ! איז אָט ווי יענע פֿרוי פֿלעגט טאָן. דער איקער, ניט נאָכגעבן!

אין דער פֿינצטער קומען זיי צו צום ווינטער־שטיבל.

— עמעצער איז דאָרטן דאָ — זאָגט קאַסימאָוו — הערסט?

קאַטיאַ הערט ניט גאָרניט. נאָר טאַראַס איליטש גיט אַ שמאָרע מיט דער נאָז און גיט צו:

— עס שמעקט רויך.

וולאַסאָוו פֿאַראָרדנט אין דער שטיל. ער מיט קאַסימאָוון גייען צו דער טיר; אויב עס איז פֿאַרשלאָסן, גיט זיך קאַסימאָוו אָן פֿאַר אַ יעגער. טאַראַס איליטש און קאַטיאַ בלײַבן אין דרויסן, פֿון ביידע זײַטן שטיבל. אויב דער סוינע איז אינעווייניק קען ער זיך פּרוּוון אַנטלויפֿן. קאַטיאַן פֿאַרדריסט — טאַראַס איליטשן האָט מען אָוועקגעשטעלט באַם פֿענצטערל, און זי — באַ דער טויבער וואַנט, ווו קיינער וועט זיך זיכער ניט באַווײַזן. סײַדן די וואַנט איז אונטערגעגראָבן. נאָר ווי קען זי זײַן אונטערגעגראָבן, אַז דער שניי איז ביזן דאַך!

זי דריקט דעם רעוואָלווער מיט פֿאַרהילצערטע פֿינגער פֿון דער קעלט און פֿאַר זיך באַשליסט זי: באַם ערשטן גערויש פֿון קאַמף אינעווייניק אינעם שטיבל לויפֿן אַף הילף. דאָרט וועט מען שוין זען צי זי טויג צי ניט.

קאַסימאָוו גיט אַ שטופּ די טיר, קלאַפּט אָן און בעט עפֿענען. מען פֿרעגט אים עפּעס און ער זאָגט, אַז אַ יעגער, און ער ווונדערט זיך: „פֿאַר וועמען פֿאַרשליסטו דיך, פֿון גאַנאָווים, צי וואָס?" זײַן קאָל איז אַ רויִקער, אַ גוט־מוטיקער, אָן שום אָנשטרענג און ציטער. „ניין, — טראַכט זיך קאַטיאַ — דאָ מוז מען זײַן געניט. איך וואָלט מיך קיינמאָל ניט געקענט אַזוי רויִק

האַלטן!" דער מענטש אין שטיבל אַנטלט זיך ניט עפּענען. קאַסימאָוו נעמט זיך בייזערן:

— האָסט קיין געוויסן ניט, אַלטער, האָסט מוירע צי וואָס?

קאַטיאַ הערט דײַטלעך אַ הויכן זקיינישן קאָל:

— באַלד, זונעלע, באַלד.

זי ציטערט אויף דערפֿון וואָס דאָס קאָל דוכט זיך איז איר באַקאַנט. די טיר גיט אַ סקריפּע. קאַסימאָוו און וולאַסאָוו גייען אַרײַן אין שטיבל.

קאַטיאַ דריקט זיך צוזאַמען, זי איז גרייט לויפֿן זיי צו הילף, נאָר אין דער צײַט דערהערט זי אין דרויסן אַ ווילדן כאַיעשן ריטשען און אַ רויש פֿון געראַנגל. זי וואַרפֿט זיך אַהין קוים אַ לעבעדיקע פֿאַר מוירע. זי דערזעט אינעם שנײַ צוויי אײַנגעקלאַמערטע קערפּערס. איינער פֿון זיי טאַראַס אילייטש. וויכערס שנײַ פֿליִען אַרום זיי. ווילד פֿאַר שרעק און אויפֿרעגונג, שיסט זי אויס אין דער לופֿטן און שפּרינגט אַרויף אַף בײדע קערפּערס, זי וויל וויסן ווער איז דער אייגענער און ווער דער סוינע. טאַראַס אילייטש וואַיעט ווי אַ כאַיע און אָטעמט שווער; קורצע בייזע ווערטער רײַסן זיך בא אים אַרויס פֿון די ליפּן. קאַטיאַ באַקומט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ פֿויסט אינעם קין, סנאָפּעס פֿונקען שפּריצן איר פֿאַר די אויגן, עס לויפֿט איר דורך אין קאָפּ: „אָט וואָס דאָס מיינט — עס שיטן זיך פֿונקען פֿון די אויגן!" — און זי לייגט זיך אַן אַף די ראַנגלער, קלאַמערט זיך אַײַן אינעם סוינעס קאָפּ און דריקט אים מיט אַלע קויכעס אינעם שנײַ.

— אַרײַנגעפֿאַלן, קאַנאַליע! מירן זיך אָפּרעכענען! פֿון מיר וועסטו זיך ניט אויסדרייען! — כריפּעט טאַראַס אילייטש.

— אַרײַנגעפֿאַלן, קאַנאַליע! — זאָגט נאָך קאַטיאַ און קוועטשט אין שנײַ אַרײַן דעם קאָפּ פֿון דעם מאַכטלאַז־געוואָרענעם און זיך שטיקנדיקן מענטשן — פֿון מיר וועסטו זיך ניט אויסדרייען!...

פֿון ווייטיק, פֿון אויפֿרעגונג און שרעק רינען איר טרערן איבערן צע־היצטן פּנים, נאָר זי פֿילט זיי ניט. דער סוינע האָט באַוויזן איר צו דער־לאַנגען אַ צווייטן זעץ פֿון אונטן אַרויף אינעם קין. זי גיט אַ געשריי, דריקט צו מיט די לעצטע קויכעס דעם סוינעס קאָפּ און פֿאַלט אַרײַן אין אָנמאַכט.

זי כאַפּט זיך אויף אינעם שטיבל אַף דער ליעזשאַנקע. אָפֿן רובקעלע זידט צעלאָזטער שנײַ. קאַסימאָוו שנײַדט רייפֿטלעך ברויט מיט אַ יעגערישן מעסער. עמעצער אַ גרויסער און אַ גוטער זיצט לעבן קאַטיאַן און גלעט איר צאַרט איבערן קאָפּ מיט אַ קאַלטער האַנט. זי גיט אַ קוק מיט אַ זײַט אַף דעם גוטן מענטשן און מיט פֿאַרוווּנדערונג דערזעט זי וולאַסאָוון.

— מאַלאַדיעץ, מיידל, — זאָגט ער און גיט איר אַ פּעטשל אין באַק — מאַלאַדיעץ, כאַווער! זיך געהאַלטן גוט — בעסער דאַרף מען ניט.

דעמאָלט דערמאָנט זי זיך אָן אַלץ און זעצט זיך אויף קעדיי צו פֿאַר־שטיין, וואָס־זשע אַזוינס איז פֿאָרגעקומען? זי דערזעט אַף דער ערד צוויי געבונדענע מענטשן. איינעם אַ הויכן אַ דאַרן אין אונטעס, זעט זי צום ערשטן מאָל, נאָר זײַנע אויגן פֿול מיט האַס, זײַנען אַזוי בייז אײַנגעגעסן אין איר פּנים, אַז זי שטויסט זיך אָן — ער איז איר קעגנער. דער אַנדערער, אַ זאַקן, זיצט אָן אײַנגעהויקערטער, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, באַוועגט אומבאַהאָלפֿן מיט די פֿינגער פֿון די געבונדענע הענט.

— סעמיאָן פּראָפּירעוויטש! — שרײַט אויס קאַטיאַ.

— ניין, צו וואָס, — זאָגט וולאַסאָוו — ער איז אַזוי סעמיאָן פּראָפּי־

ריעוויטש ווי איך. לאָמיר אים רופן מיכײַלאָוו, איוואַן פּאָטאַפּאָוויטש. אַזוי וועט זײַן ריכטיקער.

דער אַלטער דערקענט קאַטיאַן און מען קען ניט וויסן צי האָט ער זיך דערפרייט אָדער ער האָט זיך דערשראָקן.

— אַ זאָקן, — זאָגט קאַטיאַ — און אויך אַהין, צו די מערדער!

— טעכטערל, טאָכטער, — זאָגט דער אַלטער וויינענדיק — גאָט איז מײַן איידעס, איך האָב דערמיט גאָרניט וואָס צו טאָן. אַ זאָקן בין איך — ריכטיק האָסטו געזאָגט. כ׳בין געווען אַף יאַגד. איז געקומען דער מענטש — לאָז אַרײַן. נו, ווי קען מען ניט אַרײַנלאָזן, ס׳איז דאָך ניט מײַן הויז, אַלע־מענס... און דאָ איז אָט וואָס... דו קענסט דאָך מיך, טעכטערל...

— כ׳קען דיך, — זאָגט קאַטיאַ פאַרכמורעט — מאַך זיך ניט. און איך בין דיר ניט קיין טעכטערל. יעדן באַנדיט וועל איך זײַן אַ טעכטערל!

קאַסימאָוו צעלאַכט זיך און דערלאַנגט איר אַ רייפּטל ברויט מיט פּוטער.

— ביסט אונדזער טעכטערל, — זאָגט ער — אַ פּאַרטיזאַנישע, און נאָך מיט אַ מיליטערישער אָפּצייכענונג.

ער רירט זיך פאָרזיכטיק צו צו איר קין.

— ס׳טוט וויי?

— אַ ביסל — ענטפערט קאַטיאַ אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט. גאָר עסן קען זי ניט — דאָס מויל איז ווי צונויפגעקלעפּט, און די ציין צענעמען טוט שטאַרק וויי.

וולאַסאָוו מאַכט איר קאַלטע קאָמפּרעסן.

ווי אין אַ נעפּל שווימען פאַר אירע אויגן פּענעמער, ווענט, דאָס פײַער אַפן רובקעלע.

— שלאָף, כאַווער, — זאָגט וולאַסאָוו און דעקט זי זאָרגעוודיק אײַן מיט זײַן שינעל — האָסט פאַרדינט דעם אָפּרו, שלאָף רויק.

— וועקט מיך אויף ווען מען וועט דאַרפן וואַכן. איך בין ווי אַלע — זאָגט קאַטיאַ און ראַנגלט זיך מיטן שלאָף.

— דו ביסט ווי אַלע, — זאָגט וולאַסאָוו און גלעט איר ווידער איבערן קאָפּ — שלאָף.

קאַטיאַן האָט מען ניט באַדאַרפט אײַנריידן — זי שלאָפט שוין. אינ־דערפרי ווײַזט זיך אַרויס, אַז בײַ איר איז דער האַלדז שטאַרק פאַרלאָפן מיט בלוט און דער קין איז געשוואָלן. נאָר פאַר איר זײַנען די צעשעדיקונגען דער שפּיץ פון גליק. זי אײַלט אַלעמען, ווײַל זי פילט שוין פאַרויס דעם טאַם פון דעם ניצאָכן איבער וואַלקאַן און דעם גלאָר וואָס וואַרט אַף איר אין שטאָט. זי האַלט סטיל און לאָזט אַנדערע דערציילן וואַלקאַן און יעפּיפאַנאָוון וועגן אירע העלדישקייטן. זי באַגריסט זיך קאַלט מיט וואַלקאַן און שמועסט דעם גאַנצן וועג מיט וולאַסאָוון, וואָס ווײַזט זיך אַרויס פאַר אַ גאַנץ ווױלן און באַריידעוודיקן. ער שטעלט איר צו, ווי ווײַט ער קען, דעם בעסטן פאַר־געניגן: זי טרעט אַרײַן אין שטאָט שפּאַנענדיק הינטער די אַרעסטירטע מיט דעם רעוואָלווער אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

וואַלקאַ לײַדט דעם גאַנצן וועג, ער גייט לעבן איר, פּרוווט ריידן צו איר, נאָר זי שנײַדט אים אָפּ:

— מיט דעם וואַכמאַן שמועסט מען ניט! שוין צײַט זאָלסט עס וויסן! און ערשט ווען ער שלעפּט זיך פון הינטן, הינטער דער מאַכנע, אַן

אַראָפּגעפֿאַלענער בײַ זיך, דרייט זי זיך אום, שטעלט אים אַרויס אַ צונג און שוין גאַנץ צערטלעך ווינקט זי אים צו.

יענעם טאָג האָט מען געפֿירט מאַראַזאָוון צו קוואַרע. אַ לאַנגע פּראָצעסיע ציט זיך מיט פּאַרטיפֿטן שווײַגן פֿאַרבײַ די נײַע הײַזער, פֿאַרבײַ די שאַלאַשן, פֿאַרבײַ די וואַרשטאַטן, פֿאַרבײַ די צעכן וואָס האַלטן זיך אין בויען. איבער דער פּראָצעסיע הייבט זיך די פּאַרע פֿון וואַרעמען אָטעם. די פּוישטן סקריפּען איבערן שניי.

— לערנט אײַך בײַ אים אַרבעטן באָלשעוויסטיש, — זאָגט ווערנער באַם קייווער, און דאָס פּאָנעם איז בײַ אים אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז די מוסקולן זײַנען ווי גוליעס אויפֿגעבלאָזן — ווי קיין אײנער פֿון אונדז האָט ער געקענט גיין צום ציל מיט ניט געבויגענער אַקשאָנעס, פֿירן נאָך זיך די מאַסע און זען אין דער מאַסע יעדן מענטשן באַזונדער.

אין אָוונט האָט מען אַרויסגערופֿן גראַנאַטאָוון צו שטעלן אים אויג אויף אויג מיט פּאַראַמאָנאָוון. גראַנאַטאָוו האָט טייקעף דערקענט אין אים דעם מענטשן, וואָס איז צו אים געקומען אונטערן נאָמען מיכײַלאָוו אָפּמאַכן מיקויעך צושטעלונגען. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט — שטײַפֿע אויספֿרוונדיקע בליקן.

— ער האָט צוגעזאָגט קומען צו אײַך אויפֿן צווייטן טאָג, — זאָגט אַנדראָניקאָוו — איז ער געקומען?

— ניין, — זאָגט גראַנאַטאָוו — איך האָט צוגעזאָגט און איך זײַט ניט געקומען. דערפֿאַר, פֿאַרשטייט איך, האָט איר מיך אָפּגעוואַרט אין אָוונט בײַ דער טיר פֿון דער דירעקציע? קענטיק שוין מיט אַן אַנדער ציל?

זייערע בליקן קרייצן זיך ווידער. פּאַראַמאָנאָוו פֿאַרהאַלט זיך. נאָר דערנאָך צעלאַכט ער זיך בייז:

— איך האָב ניט געמאַכט — וועט אַן אַנדערער מאַכן! — זאָגט ער מיט סינע און אָפּנהאַרציקייט און ווענדט זיך צו אַנדראָניקאָוון: — איך האָב מײַנס געטאָן. מײַן פֿאַמיליע איז פּאַראַמאָנאָוו. איך האָב דערהאַרגעט מאַראַזאָוון און האָב געוואָלט אָפּראַמען די גאַנצע אָנפֿירונג. איר קענט פֿאַרשרײַבן מײַנע דערקלערונגען.

ווערנער האָט אָפּגעוואַרט גראַנאַטאָוון בײַ אים אין קאַבינעט. גראַנאַטאָוו האָט נאָך פֿון דער שוועל אויסגעשריגן:

— ער האָט געוואָלט האַרגענען אַלע דרײַ, אויך מיך און דיך! אַלע דרײַ!

און ווערנער גלײַכט זיך אויס, לעבט אויף, גלײַך אים וואָלט מער ניט געפֿעלט ווי די קויל וואָס האָט אויף אים געלויערט.

XII

אַנדריי קרוגלאָוו האָט געלייענט אין די ראָמאַנען אַז פֿון גליק ווערן מענטשן נאַריש. איצט לעבט ער דאָס אַליין איבער. ער איז פֿאַרשיקערט, פֿון זײַנען אַראָפּגעפֿירט, פֿאַרקישעפֿט, נאַריש. עס גייט אים שווער די אַרבעט און ער קען זיך בעשום אויפֿן ניט קאָנצענטרירן אויף דער אַרבעט.

זיי האָבן אַ וועלפֿישע פֿעל. דינאַ נעמט דאָס אָן ווי אַ דערפֿילטן פֿאַרלאַנג. זי ליגט אויף איר, הענגט זי אויף דער וואַנט, דעקט מיט איר צו דאָס בעט, הילט זיך אַליין אין איר. „איר כאַלעמט די גאַנצע נאַכט אויף וועלפֿי-

שער פעל", — זינגט זי און צעלייגט זיך אַף איר און קאָקעטירט פאַר אַנ־דרייען מיט אירע שלאַנקע פיס.

איר געפעלט דער באַראַק. „ווי קאָמיש! אַפילע וואַשן זיך איז ניטאָ ווו! וועסט אַרײַנברענגען וואַסער אין צימער".

אַנדריי איז גרייט צו בלײַבן דעם גאַנצן טאָג אין שטוב, נאָר דינאַ איז נײַגעריק. זי איז זשעדנע אַף ראָמאַנטיק. איר'ע ווײַסע באָטן לאָזן איבער אַפן שניי אַן עלעגאַנטן קליינינקן אָפּדרוק, וואָס אַזעלכער איז נאָך אין די מעקוימעס ניט געווען. זי באַרימט זיך מיט די טאָפּלטע הענטשקעס: „זע, דורכויס דאָר־פישע, דער זוים אַפילע מיט ציילעמלעך". אַנדריי שמייכלט: ניטאָ אין איר קיין שפור פון דאָרפישן, די הענטשקעס זעען אויס עלעגאַנטע שפּילעכלעך.

זיי קומען אַפן געהילץ־זאַוואָד, טרעפן זיך מיט מענטשן, שעמט זיך קרוגלאָוו אַ ווײַלע מיט איר — דינאַ איז אַ טוריסטקע, זי קוקט אַף אַלעמען ווי אַף טשעקאָווע געבירטיקע. אין איר פאַרשטעלונג ליגט אַ טעהאָם צווישן זיי און אַנדרייען.

— זע סאַראַ טשעקאַווע מיידל! ווי אַ כאַיעלע! — זאָגט זי הויך מען זאָל זי הערן.

דאָס איז געווען קלאַוואַ.

אין אַ שאָפּן פעלצל איבערן אַרבעטס־קאָמבינעזאָן, אין אַ פוטערן היטל, גייט קלאַוואַ צו צו זיי און מײַדט אויס ווי געוויינלעך די ברעטער, וואָס פאַלן פון אונטער דער זעג.

— דאָס איז מײַן פרײַנט, קלאַוואַ מעלניקאָוואַ — באַווײַזט אַנדריי אַ שעפּטשע צו טאָן, מיט דער מוירע פאַר דעם וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

קלאַוואַ בלײַבט שטיין און ווערט בלייך. זי איז גרייט דערצו, אַז דינאַ איז זייער אַ שיינע, נאָר זי האָט זיך ניט גערעכט זי צו זען אַזאַ פאַרפּוצטע און אַזאַ גנעדיק־ליבלעכע.

— באַקענט אײַך, — זאָגט אַנדריי און קוקט מיט געבעט צו קלאַוואַן — באַקענט אײַך און ווערט פרײַנט.

— כ'באַגריס אײַך מיט אײַער קומען — זאָגט אָנגעצויגן קלאַוואַ און דערלאַנגט איר אַ קליינע פונעם פראָסט רויט־געוואָרענע האַנט.

— אײַך קליידט זייער דער אָנצוג! — זאָגט פריילעך דינאַ און באַ־קוקט אומגעשעמט קלאַוואַן — וואָס־זש,ע איר אַרבעט דאָ? ניט שוין־זשע אַרבעטן דאָ פרויען? איז אײַך ניט קאַלט?

— אונדזערע מיידלעך אַרבעטן אומעטום גלײַך מיט אונדז — דער־קלערט איר אַנדריי אַ רויט געוואָרענער.

— יאָ, יאָ, איך האָב געלייענט. נאָר איר זײַט אַזאַ יונגע! ווי אַלט זײַט איר?

קלאַוואַ ענטפערט בייז:

— צוואַנציק.

אַנדריי נעמט ריידן וועגן דער אַרבעט. דינאַ הערט זיך צו, נאָר דער געשפּרעך אינטערעסירט זי ניט, און זי נעמט קוקן אַף אַלע זײַטן. עס ווײַלט איר די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. „אַ שיינינקע!" דערטראָגט זיך צו איר. זי פאַרשטייט ניט, אַז אין דער אויפמערקזאַמקייט איז פאַראַן זייער ווייניק פרײַנטשאַפט.

— נו, איך גיי שוין, — זאָגט קלאַוואַ — וואָס וועט איר טאָן דאָ? — פרעגט זי דינאַן, און באַמיט זיך צו זײַן וואָס ווייכער.

— וואָס וועל איך טאָן, אַנדריושאַ? — פרעגט דינאַ קאָקעטיש און צעלאַכט זיך.

קלאַוואַ האָט ניט געענטפערט אָפן ענטפער און איז אַוועקגעלאָפן.

— אַ טשעקאַווע מיידל! — זאָגט דינאַ — פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן?

זיי גייען באַקוקן די שאַלאַש. דינאַ איז אַנטציקט און איר איז אַ שאָד וואָס זיי וועלן וווינען אינעם באַראַק. נאָר ווען זיי קומען אַרײַן אינעווייניק, איז איר שוין ניט קיין שאָד, וואָס איר וועט ניט אויסקומען דאָ צו וווינען. איר וווּנדערן די טאָפּטשאַנעס — ס'איז דאָך האַרט אָף זיי? — און די אייוועלעך? זיי רויכערן אַוואַדע? זי גייט פאַרזיכטיק איבער דעם ערדענעם פאָל און האָט מוירע אויסצושמירן אירע ווײַסע באָטן.

עס ווילט זיך איר זען דעם שאַלאַש ווו אַנדריי האָט געוווינט. אינעם שאַלאַש איז וואַרעם און פײַכט; אָף איינעם פון די טאָפּטשאַנעס שלאָפט טימקאַ גרעבען, וואָס איז געקומען פון האַלטן וואַך אָף דער עלעקטרישער סטאַנציע.

— דו האָסט געוווינט מיט אים? — פרעגט שטיל דינאַ און קוקט קרום אָף דעם קויטיקן פוס, וואָס שטעקט אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע — ווו וואַשט מען זיך באַ אײַך? און אַ וועשן האָט איר?

ווען זי דערוויסט זיך אַז דאָ זײַנען ניטאָ קיין וועשנס, ווערט זי צערו־דערט. „ווער־זשע וועט וואַשן דאָס וועש?” אַנדריי ווייס ניט וואָס איר צו ענטפערן. אים איז אָפן זינען ניט געקומען, אַז דינאַ קען ניט וואַשן.

— איך אַליין בין אַ וועשן, — זאָגט ער — דײַנע קלייניקייטן וואַשן, איז אַ גאָרניט. איך האָב מיר די הויזן אַליין אויסגעוואַשן.

דינאַ ווערט לעבעדיקער. איר ווילט זיך אַהיים. די פראַגע וועגן דער וועשן האָט זי פאַרדײַגעט, איז געוואָרן דער סימבאָל פון אירע קינפטיקע אומ־באַקוועמקייטן.

— און די אינזשעניערן וואַשן אויך אַליין?

— ניין, איך ווייס ניט. מיר דוכט זיך זיי האָבן אויפראַמערנס.

דינאַ ווערט פריילעכער, און ווידער געפעלט איר אַלץ.

זיי עסן מיטאָג אינעם עס־זאַל. דינאַ לאַכט ווען זי באַקומט באַם אַרײַנ־גאַנג אַ בלעכענע שיסל און אַ סערוויז. זי לויבט דעם זופ, נאָר די קאַשע רעגט זי אויף, און זי עסט ניט.

— איך בין ניט הונגעריק, אַנדריושאַ — זאָגט זי דעליקאַט.

אָפן וועג אַהיים באַגעגענען זיי דעם הויפּט־אינזשעניער סערגיי וויקענ־טיעוויטש. ער קוקט אָף דינאַן אַן אַנטציקטער און האָט באַלד גענומען ריידן דערפון, אַז פאַר איר איז גרייט אַן אָרט אין דער ביוראָ.

— און דו, קרוגלאָוו, קוק איר נאָך — זאָגט ער צום געזעגענען זיך — אונדזערע יינגלעך וועלן אַלע פונעם זינען אַראָפ.

די אינזשעניערן דערוויסן זיך טייקעף אַז אַ שיינהייט איז געקומען. זיי פרעגן אויס באַם נײַ־אָנגעקומענעם אינזשעניער קאָסטקאַ אַלע פראָטים. אין אָוונט באַווײַזט זיך באַם קאָמיוגישן באַראַק אַ גרופע אינזשעניערן אָף סקי — זיי שפּאַסן הויך, וואַרפן זיך מיט שניי, שטעלן אָן עלעגאַנטע פאָזעס, קוקן אָף די פענצטער.

קרוגלאָוו לאַכט און פאַרהענגט דאָס פענצטער. דינאַ שליסט צו די טיר. זיי דאַרפן ניט קיינעם, זיי ווילן קיינעם ניט אַרײַנלאָזן. ווען אַנדריי גייט

גאַנץ פרי אַוועק אַף דער אַרבעט, כאַפּט זיך דינאַ אויף. זי באַקוקט אים פון אַלע זײַטן און זאָגט מיט אַ גליקלעכן קאָל, אַ וואַרעמען פונעם שלאָף:

— אַזעלכע מענטשן זײַנען באַ דזשעק לאָנדאָן. האָסט געבראַכט וואַ־ סער?

— געבראַכט.

— און ניט גיין קענסטו ניט?

— ניין. איך האָב דיר אײַנגעהייצט. אַרײַנגעלייגט האָלץ אינעם איי־ ווען. דער טשײַניק איז אָנגעגאָסן.

— גוט — זאָגט דינאַ און שמייכלט מיט פאַרמאַכטע אויגן.

ער איז צופרידן וואָס ער האָט זי באַפרײַט פון דײַגעס. נאָר פונקט צו דער צײַט, ווען ער קומט אַהיים, האָט שוין דינאַ צוגעקליבן דאָס צימער, פאַרשפּרייט אַ טישטעך אַפן טיש, צעשטעלט אירע פלעשעלעך און צאַצקעלעך, און האָט אָנגעבאַקן פּירעזשקעס, וואָס אַנדריי געפינט זיי אויס פאַר זעלטן געשמאַק.

— זעסט כ׳האָב געקראָגן מעל און פּוטער, — באַרימט זיך דינאַ — מיין ניט, איך בין ניט קיין פּוסטעפּאַסניצע. איכל ניט דאַרפן אויפשנײַדן קיין געשאָסענע פוקסן און ווילדע כאַזיירים?

זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין ביוראָ און אין אַ וואָך אַרום לויפן שוין אַלע אַרבעטס־פירער, פּאַוועל פּעטראָוויטש מיכאַליאָוו ניט אויסגעשלאָסן, אין ביוראָ, צי זיי דאַרפן, צי זיי דאַרפן ניט.

דינאַ פאַרווײַלט זיך. „אַ פרוי אין דער טײַגע! פונקט ווי דזשעק לאָנדאָן. נאָר דאָרט דערהאַרגעט מען די ריוואַלן!”

די טעג ציִען זיך ווי אין אַ נעפּל. אַנדריי אַרבעט, נאָר אַלע זײַנע גע־ דאַנקען זײַנען באַ דינאַן. פאַראַמאַנאָוס שאָס האָט אין דעם נעפּל אָפּגע־ קלונגען ווי אַ סיגנאַל. ס׳איז דעם ערשטן מאָל אַז אַנדריי פאַרגעסט דינאַן. ער קומט אַהיים ערשט פאַרטאָג, אַ פאַרמאַטערטער, אַן אויפגערעגטער; דאָס אומגליק האָט אין אים אויפגעוועקט די ענערגיע פונעם געדאַנק; ער גייט און טראַכט וועגן דעם ווי שטאַרק, ווי אינטענסיוו מען דאַרף איצט אַרבעטן. דינאַ באַגעגנט אים מיט אַ היסטעריקע. זי פאַרוווּנדערט אים און דערשרעקט אים. זי כאַפּט אים אַרום מיט די הענט און פאַרגיסט זיך מיט טרערן: „לאָמיר אַוועקפאָרן! איך האָב מוירע! מען וועט דיך דערהאַרגע־ נען! לאָמיר אַוועקפאָרן! איך קען דאָ ניט לעבן! אויב דו האָסט מיך ליב, דאַרפסטו מיך אַוועקפירן! ס׳איז מיר דאָ שרעקלעך!” ער באַרויִקט זי ביז אײַנדערפרי און ער קומט אַף דער דרינגלעכער זיצונג פונעם פאַרטיי־קאָמיטעט אַ צעבראָכענער מיט אַ רויש אין קאָפּ. ער מוז זיך אַרײַנוואַרפן אין דער אַר־ בעט. דעם גאַנצן טאָג גייען מיטינגען. ער טרעט אַרויס, קלערט אויף, ער הייבט אויף די שטימונג פון די אָפּהענטיק געוואָרענע. אין אָוונט ווײַנט דינאַ ווידעראַמאָל און בעט אים זי אַוועקפירן. ערשט אַפן דריטן טאָג קומט זי צו זיך און זאָגט: „איך בין געווען אַ פּאַכדנטע, איך ווייס. נאָר איך האָב מוירע געהאַט בלויז דערפאַר וואָס איך האָב דיך ליב”. דעם אָוונט איז ער אינ־ גאַנצן שיקער פאַר גליק. און ווידער ציִען זיך טעג, אײַנגעהילטע אין נעפּל.

איינמאָל פאַרבעט צו זיך קרוגלאָוו טימקאַ גרעבענען, די איסאַקאָווס, קאַטיאַן מיט וואַלקאַן, קלאַוואַן און יעפּיפּאַנאָוון. ער וויל דערנענטערן דינאַן מיט די קאָמיוגיסטן, זי אַרײַנציִען אינעם אַלגעמיינעם קאָמיוגישן לעבן. דינאַ איז ליבלעך און באַמיט זיך געפינען אַ טעמע פאַר אַ שמועס. נאָר אַלע האַלטן

זיך אָנגעצויגן, אָן דער שטענדיקער פּאַשעטקייט, און נאָך דעם אָוונט ווערט קיין פֿרײַנטשאַפֿט צווישן די קאָמיוגיסטן מיט דינאַן ניט אײַנגעשטעלט.

אויך די באַראַק־שכנים האַלטן זיך אָן אַ זײַט פֿון דינאַן. נאָר לידינקאַ און דער שרעק פֿון די יאַמען שטעלן זיך אָפּ שמועסן מיט איר, נאָר זיי גייען צו איר ניט אַרײַן און פֿאַרבעטן זי ניט צו זיך. סיאָמאַ אַלטשולער לויפֿט בלויז אַרײַן געשעפֿטלעך צו אַנדרייען און מיט דינאַן איז ער באַליידיקנדיק העפֿלעך. טאָניאַ גייט פֿאַרבײַ, פֿאַרדרײַסט שטאָלץ דעם קאָפּ, קעדיי ניט צו גריסן איר די ערשטע, און אַזוי ווי דינאַ וויל אויך ניט, האָבן זיי זיך אויפֿגעהערט צו גריסן.

— וואָס איז מיט איר אַזוי דער שטאָלץ ? — פֿרעגט דינאַ באַ קרוגלאָוון מיט כּויזעק — איר גליק איז וואָס דאָס ייִדעלע האָט מיט איר כאַסענע געהאַט, אַז ניט וואָס וואָלט זי געטאָן ?

אַנדריי ווערט בלייך.

— דינאַ... ווי קענסטו ?... דו פֿאַרשטייסט ניט...

דינאַ שמייכלט

— אַך, אַנדריושאַ, מיט אַן עמעסן, וואָס איז מיר דער כּילעק ! מיר גייט ניט אָן וועמענס קינד דאָס איז. פֿון אײַער סיאָמאַן וועט אויסוואַקסן אַ צאַרטער פּאַפּאַ, נאָר איך בין אים ניט מעקאַנע. האָב איך אַ רעכט דערויף ? איך זאָג דאָך אים גאָרניט.

די קאָמיוגיסטן גייען ניט אַרײַן צו זיי. דערפֿאַר קומען שטענדיק די אינזשעניערן. דינאַ פֿאַרבעט זיי ניט, נאָר זיי געפֿינען שוין טערוצים. קאָסטקאַ קוקט אָף דינאַן מיט די אויגן פֿון אַ מענטשן וואָס איז פֿון ליבע אידיאָטיזירט. ער טראָגט אירע ביגנטן וועש צו דער וועשן און פֿון דער וועשן. ער קריגט פּראָדוקטן פֿאַר דינאַן. ער האָט געבראַכט אַ פּראָשעק קעגן וואַנצן און אינאיינעם מיט דינאַן באַשיט ער פּלײַסיק אַלע שפּאַלטן. מיט אַנדרייען פֿירט ער זיך דינסט־גרייט און אונטערטעניק, ווי מיט אַ העכערן באַגליקטן ווען.

סערגיי וויקענטיעוויטש זאָגט קרוגלאָוון, אַז „זײַן עלטער גיט אים אַ רעכט צו קאָרטעזשירן דינאַן, און איין מאָל פֿאַרבעט ער צו זיך קרוגלאָוון מיט דינאַן אָף אַ פֿרײַנטלעכן נאַכטמאָל, און ער נעמט אויס דערבײַ, אַז עס וועט אים אָף טויט פֿאַרדריסן אויב זיי וועלן ניט קומען. זיי זײַנען געגאַנגען. צוזאַמענגעקומען זײַנען זיך די אינזשעניערן, די סעקרעטאַרקעס, צוויי צייכנערנס, איינע פֿון זיי אַ קאָמיוגיסטקע, און קרוגלאָווס זײַן דאָרט, האָט זיי געקוועלט. דינאָס פֿאַרערער האָבן איינער איבערן צווייטן אַרויסגעוויזן ליבלעכקייט קרוגלאָוון, האָבן אים גערופֿן „אונדזער קאָמיוגישער פֿירער” און אינמיטן דעם נאַכטמאָל האָט מען אים אַנגעשיקערט. קלאַראַ קאַפּלאַן איז פֿרי אַוועק צו זיך און האָט געפּרווט מיטנעמען די קרוגלאָווס, נאָר דינאַ וויל אַפֿילע ניט הערן דערפֿון. דינאַ עסט און טרינקט אַ סאַך, לאַכט די גאַנצע צײַט, אירע אויגן גלאַנצן אַזוי, אַז אַנדריי מאַכט צו די אויגן. די טאָסטן זײַנען וואָס ווײַטער אַלץ ליריישער. אַנדריי איז שוין לאַנג געווען אָפּגעווינט פֿון ווײַן און מוזיק, האַלט אונטער מיט ברען יעדן טאָסט.

דער אינזשעניער סלעפּצאָוו, מיט אַ שיינעם צעהיצטן פּאָנעם, שפּרינגט אַרויף אָף אַ שטול און מיט אַ הויך אויפֿגעהויבענעם קעלישאָק רופֿט ער אויס :

— איך טרינק פֿאַר דעם וואָס האָט אונדז אַלעמען באַגליקט און האָט פֿאַרנאַרט אַהער אין אונדזער טיפֿער טײַגע די שענסטע פֿון אַלע פֿרויען !

און ער בייגט זיך אָן אָנקלאַפּן מיט אַנדרייען. קרוגלאָוו קוקט זיך פֿאַר־לוירן אַרום: אומגעקלערט געפֿעלט אים ניט וואָס דאָ קומט פֿאָר, עס געפֿעלט אים ניט סליעפּצאָווס כוצפּעדיקער שמייכל. ער האָט מיטאַמאָל פֿאַרשטאַנען, אַז יענער שווייסט אים אײַן.

נאָר דינאַ שטרעקט אויס איר קעלישאַק צו אַנדרייען און רופֿט זיך אָן פּילדײַטיק און ווייך:

— און איך טרינק פּאַשעט פֿאַר דיר.

זיי טרינקען אויס און קוקן זיך ביידע אין די אויגן.

שוין אינגאַנצן שיקער, פּרוּווט אַנדריי טאַנצן מיט דינאַן, נאָר אים פּלאָנטערן זיך די פֿיס. דינאַ שטויסט אים ווייך אָפּ און גייט טאַנצן מיט סליעפּצאָוון, און אַנדריי האָט זיך אָוועקגעלייגט באַ סערגיי וויקענטיעוויטשן אָפּן בעט, און אַלץ האָט אים געגומען שווימען פֿאַר די אויגן.

ער כאַפּט זיך אויף און געדענקט גאָרניט און פֿאַרשטייט ניט וואָס עס איז געשען. לעבן אים שנאָרכט דער הויפּט־אינזשעניער. דינאַ איז ניטאָ.

אַנדריי ניכטערט זיך מיטאַמאָל אויס, כאַפּט אָן זיך זײַן פּעלצל און לויפֿט אַרויס פֿון דער שטוב. ער לויפֿט צו זײַן באַראַק און גרייט אין מויעך ווערטער פֿון אַנטשולדיקונג און בושע. נאָר דינאַ איז אינדערהיים ניטאָ. אים קומט אָפּן זינען, אַז דינאַ מוז שוין זײַן אין ביוראָ. נאָר אינעם ביוראָ איז אַזוי שטיל און פּוסט. באַם אַרײַנגאַנג שלאָגט ער זיך אָן אָף איינעך פֿון די צייכנערנס. זי גיט פֿאַרשוועריש אַ שמייכל צו אים און גייט פֿאַרבײַ. ער שעמט זיך זי צו פֿרעגן ווו איז דינאַ. ער לויפֿט אַרום איבער דער שטאָט מיט אַ פֿאַרלוירענעם קאָפּ, און ווידער איז ער אינעם אינזשעניערן־הויז.

קלאַראַ קאַפּלאַן גייט פֿאַרבײַ און גיט שטרענג אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

דער פֿאַרשלאָפֿענער סליעפּצאָוו לויפֿט אַרויס און הילט זיך אין וועג מיט דעם טולופּ. ער דערקענט ניט קרוגלאָוון און אַנדריי באַשליסט זיך ניט אים אָפּצושטעלן.

ער גייט איבערן קאָרידאָר, הערט זיך אײַן, לײַדט, גייט פֿונעם זינען אַראָפּ. ווו קען זי זײַן? פֿאַרוואָס האָט זי אים ניט אויפֿגעוועקט? און טאָ־מער האָט מען אויך זי אָנגעטרונקען?

ער קלאַפּט ווידער צו סערגיי וויקענטיעוויטשן, נאָר יענער שלאָפֿט, מיט אַ קישן איבערגעדעקט איבערן קאָפּ. אינעם אָפֿענעם קעסטל פֿונעם פֿאָטעפֿאָן ליגט אַ דיסק, מיט דער נאָדל צוגעדריקט. אונטערן טיש וואַלגערט זיך אַ פּוּ־דער־פּושקעלע — איז עס דינאַס פּודער־פּושקעלע? ער האָט באַ איר אַזאַ פּושקעלע ניט געזען.

ווידער לויפֿט ער איבערן קאָרידאָר און דערזעט קאָסטקאַן. קאָסטקאַ, מיטן רעקל אָף די אַקסלען אַרויפֿגעוואָרפֿן, גייט פֿון דער קיך מיט אַן עמער וואַסער. ער האָט ניט געקענט האָבן ניט באַמערקט קרוגלאָוון, נאָר ער גריסט אים ניט. ער קלאַפּט אָן צו זיך אין דער טיר און מורמלט עפּעס, און שטעלט אַרײַן דעם עמער אין דער אָפּגעשפּאַרטער טיר. דערנאָך, קוקט ער ניט אין קרוגלאָווס זײַט, קלאַפּט אָן און גייט אַרײַן אין אַ דערבײַיקן צימער.

קרוגלאָוו וואַרפֿט זיך צו דער טיר ווו דער עמער איז פֿאַרשוווּנדן. ער פֿאַלט צו מיט דעם אויער צו דער טיר; ער הערט דאָס וואַסע פּאַליושקען, דאָס קלאַפּן פֿון די קנאַפּל.

— דינאַ! — שרײַט ער אויס מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאָל.

פונעם צווייטן צימער שפּרינגט אַרויס קאָסטקאָ מיט פרײַנטלעך אויסגעשטרעקטע הענט.

— אַ, כּאַוועך קרוגלאָוו, מיר האָבן אײַך געוועקט, נאָר איך זע אַזוי געשלאָפן! אײַער פרוי איז פולשטענדיק אָפּגעהיט, איך האָב זי אײַנגעאָרדנט בײַ מיר, און אַליין בין איך אַוועק צו שכיינים...

ער פלוידערט און איז צעטומלט.

אַנדריי ענטפערט ניט, נאָר ער גיט אַ ריס די טיר און גייט אַרײַן צו דינאַן. זי שרײַט אויף, צעלאַכט זיך און פאַלט אים אַפן האַלדז. זי איז האַלב אָנגעטאָן; אָפן ניט פאַרבעטן בעט וואַלגערט זיך איר קעמל, אַף דער ערד די זאָקן.

— דו גאָרגישט! פעפער! שיקאָרניק! — לאַכט און קושט אים דינאַ.

— האָסט מיך איבערגעלאָזט און ביסט אַנטשלאָפן געוואָרן! אַזוי היט מען עס יונגע ווײַבלעך?

זי לאַשטשעט זיך צו אים און די אויגן גלאַנצן איר נאָך.

— איך בין נאָך קיינמאָל אַזוי פריילעך ניט געווען ווי נעכטן, — זאָגט זי אים — ניט עמעס, אַ וווּנדערלעכער אָוונט?

ער העלפט איר זיך אָנטאָן, ער קושט אירע קני, און ער קען בעשום אויפן ניט פאַרשפּיליען אירע זאָקנבענדלעך.

— ניט אַזוי! אָט אַ גולעם. קאָסטקאָ אַפילע קען אויך... — זאָגט זי.

— קאָסטקאָ?!

דינאַ לאַכט.

— נו, יאָ! איך בין דאָך נעכטן קוים דערגאַנגען אַהער. ער האָט מיר די טופליעס אויסגעטאָן, די זאָקן אַראָפּגענומען. דאָס קלייד צעשפּיליעט. בײַ מיר איז דאָך דאָס פאַרשפּיליעכץ פון הינטן, אַזאַ שווערע. קוק ניט אַזוי אַף מיר, ער האָט דאָך מיך ניט אויפגעגעסן! ער איז דאָך אַ צוגעווינטער, מען קען אים אַף אַ שטריקעלע פירן...

זי פלוידערט און ווערט אַ ביסל רויט.

מען קלאַפּט אָן אין טיר.

— מען קען ניט! — שנײַדט אָפּ אַנדריי.

דינאַ שטעלט אים אונטער דעם רוקן ער זאָל איר צושפּיליען דאָס קלייד. אַנדריי פּלאָנטערט די העקעלעך, די פינגער ציטערן בײַ אים. זי זעט זײַן צושטאַנד און צווינגט אים זי קושן ביז ער נעמט שמייכלען.

מען קלאַפּט ווידער אָן. קאָסטקאָ האָט געבראַכט צוויי גלעזער טיי און געבעקס — „פאַר די טײַערע געסט". אַנדריי וויל אָפּזאָגן, נאָר דינאַ דערפרייט זיך אַזוי מיט דער טיי, אַז אַנדריי מוז מיט איר אויסטרינקען טיי און פאַרן אַוועקגיין דאַנקען קאָסטקאָן פאַר דער גאַסטפרײַנטשאַפט וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זײַן פרוי.

נאָך דעם נאַכטמאָל איז צוויי וואָכן געווען רויק. אַפילע קאָסטקאָ פלעג זעלטענער קומען. דערנאָך האָט דעם נאַכטמאָל דורכגעפירט סליעפּצאָוו און מען האָט ווידער פאַרבעטן אַנדרייען מיט דער פרוי. אַנדריי האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— וואָס קער זיך עס אָן צו מיר? מען רופט מיך פון העפלעכקייטס וועגן. איך בין קיינמאָל בײַ אים ניט געווען ביז דו ביסט געקומען.

— דאַרף איך אויך ניט גיין? — פרעגט דינאַ אונטערטעניק, נאָר אַ פאַראַקשנט פעלדל לייגט זיך איר צווישן די ברעמען.

אַנדריי גלעט אויס דאָס פעלדל מיט אַ קוש.

— דו ווילסט ? גיי. איך וועל דיך צופירן און וועל אַרײַנגיין נאָך דיר. סליעפּצאָוון וועסטו זאָגן אַז איך בין פאַרנומען.

דינאַ איז זייער צופרידן. זי טוט אָן אַן אַש־גרוי קלייד מיט אַ הויכן קראָגן, זייער אַ באַשיידנס און אַזאַ אָנצי̇ענדיק שיינס, אַז אַנדריי האָט זיך געשראָקן זי אָפּצולאָזן. ער באַדויערט שוין וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

קעדיי צו פאַטערן די צײַט, גייט ער וויזיטירן אַלטע פרײַנט. ער גייט און טראַכט זיך, אַז ער איז שוין לאַנג ניט געווען אין די אָוונטן אין די קאָמיוגישע שאַלאַשן און באַראַקן. ער קומט אַרײַן מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט און אַ צעטומלטער. נאָר מען נעמט אים אויף מיט אויפריכטיקער פרייד. טייל לאַכן: „ליובאָוו ניע קאַרטאָשקאַ, ניע וויקיניעש וו אָקאָשקאָ !" (ליבע איז ניט קיין קאַרטאָפל, מען קען זי דורכן פענצטער ניט אַרויסוואַרפן). „מיט אַזאַ שיינהייט קען מען צו אונדז ניט קומען".

קלאַוואַ פירט אַוועק אַנדרייען אָן אַ זײַט.

— אַנדריושאַ, רעכנט זי ניט אַרײַנטרעטן אין קאָמיוג ?

אַנדריי ווערט שטאַרק רויט: אין דעם כוידעש האָט ער זיך ניט אויסגעקליבן איין מאָל אַפילע צו ריידן מיט איר וועגן דעם.

— זעסט, אַנדריושאַ, — זאָגט קלאַוואַ און לײַדט אַליין דערפון וואָס זי מוז עס זאָגן — די יאַטן זײַנען מיט דיר ניט צופרידן: האָסט זיך אָפּגעריסן, זאָגן זיי. ווייסט, מען רעדט וועגן דיר, אַז דו האָסט אָנגעדונגען אַן אויפראַמערן. ניטאָ דערין קיין שום בייז אַפילע דו זאָלסט געווען אָנדונגען, נאָר דאָס טויג ניט... שוין צו אָפן אַלץ! פרי̇ער האָסטו געלעבט איין לעבן מיט אונדז... אָט, זאָגט מען, האָסטו זיך אַף אַ „וועטשערינקע" אָנגעשיקערט... איך גלייב עס ניט... נאָר דו ביסט אַליין שולדיק, רײַס דיך ניט אָפּ. מערק דיר, די יאַטן גייען שוין איצט ניט אַרײַן צו דיר, אַפילע ווען מען דאַרף. מיך פאַרדריסט עס זייער...

טימקאַ גרעבען באַגעגנט אים מיט אַ דירעקטן פאָרוווּרף:

— סאַראַ וווּנדער! איך האָב געמיינט דו פירסט איצט קאַנטשאַפט נאָר מיט אינזשעניערן! האָסטו זיך דערמאָנט אָן אונדז, זינדיקע, אָדער דו ביסט געשעפטלעך ?

ווי ער וואָלט זיך פון אַ קישעף אויפגעכאַפּט, באַגרײַפט אַנדריי איצט צום ערשטן מאָל, אַז מיט דינאַס אָנקומען אַהער, האָט זיך זײַן געוועזענע פרײַנטשאַפט מיט די קאָמיוגיסטן איבערגעריסן.

דעם גאַנצן אָוונט גייט ער פון באַראַק צו באַראַק און פון שאַלאַש צו שאַלאַש און פאַרגלעט זײַן שולד. און די יאַטן זײַנען אים שנעל מויכל. יעפּיפאַנאָוו שטעלט זיך אָפּן אײַן פאַר אים: „איך וואָלט וועלן אַ קוק טאָן אַף אײַך! ווען איר וואָלט קריגן אַזאַ ליאַליע, וואָלט איר אין אַרבעטן פאַרגעסן".

אַנדריי איז געקומען אָפּנעמען דינאַן צוויי אַזייגער באַנאַכט. פון ווײַטן נאָך האָט ער געהערט מוזיק שפּילן, קוילעס, זוילן זיך שאַרן. מען באַגעגנט אים מיט געשרייען: „ס'איז נאָך פרי! ס'איז נאָך פרי!" איינעם פאַלט אײַן אַ זאָג צו טאָן: „טוט אײַך אויס, קומט אַהער. מיר האָבן נאָך צוויי פלעשלעך. יאָגט אָן!"

דינאַ טאַנצט אין אַ קראַנץ פון פאַפּירענע בלומען.

— מען האָט מיך אויסגעקליבן פאַר קעניגן פונעם באַל! — שרײַט זי אויס און טאַנצט ווײַטער. איר קאַוואַליר איז סליעפּצאָוו; אויך ער טראָגט

אַ קראַנץ. אַנדריי באַמערקט, אַז דאָס מאָל זײַנען ניטאָ, ניט סערגיי וויקענטיעוויטש, ניט פּעדאָטאָוו, ניט קלאַראַ קאַפּלאַן. קאָסטקאָ האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און טרינקט בראָנפן באַם פּאַטעפאָן. אַן אומבאַקאַנטער עלטערער אינזשעניער נעמט אַרום קרוגלאָוון און וויינט שיר ניט:

— מיר אינטעליגענטע מענטשן... מיר הויפּטשטאָטישע מענטשן... גאָר ווער פאַרשטייט אונדז? אײַער פרוי וועט פאַרשטיין, ווײַטער קיינער...

קרוגלאָוו וואַרפט אַראָפּ פונעם אַקסל זײַן פוילע האַנט.

קרוגלאָוון זעט אויס אומאָנגענעם און ווילד אַלץ וואָס דאָ טוט זיך. און דינאַ מערקט ניט. זי איז אַזוי פריילעך, אין אירע אויגן שפּיגלט זיך אַזויפיל פרייד!

— אויב איר זײַט אינטעליגענטע מענטשן, פאַרוואָס־זשע העלפט איר ניט אײַנאָרדענען דאָס קולטור־לעבן? — פרעגט קרוגלאָוו באַם אינזשעניער.

דער אינזשעניער גיט זיך אַ וואַקל און צעוויינט זיך שיר ניט.

— קולטור־לעבן? איך וואַש מיך אין אַ קאַלטן ווינקל. מיר האָבן אַ שפּײַקעסטעלע... אַ שפּײַ־קעסטעלע — אַזוי רופט מען עס! איז עס איין און איינציקס אַפן גאַנצן באַראַק... איך וווין שוין דאָ כאַדאָשים, און האָב נאָר איין מאָל, אין כאַבאַראָווסק, גענומען אַ וואַנע!

קרוגלאָוו שטופּט אים אָפּ פון זיך און גייט צו צו דינאַן. דינאַ האָט אויפגעהערט טאַנצן, נאָר סליעפּצאָוו האַלט זי נאָך און עס דוכט זיך ווי זי ליגט אין זײַנע אָרעמס.

— איך בין געקומען דיך אַהיימנעמען, דינאַ — איז אַנדריי פאַרכמורעט.

סליעפּצאָוו לאָזט אַרויס דינאַן פון זײַנע אָרעמס און וואַרפט זיך צו אַנדרייען:

— אין סאַמע ברען פון פרייד? מיר בעטן אײַך אַלע! פאַרוואָס טוט איר ניט אויס דעם מאַנטל? פאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט באַטייליקן? מיר האָבן דעם גאַנצן אָוונט געוואַרט אַף אײַך, און איר קומט גאָר אַוועקנעמען באַ אונדז אײַער שטערן, אײַער פּרעכטיקן שטערן!

דאָס האָט אָפּגעקלונגען אַזוי ניט אין פּלאַץ, אַז דינאַ האָט זיך אָנגעכמורעט און האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

— וואַרט, אַנדריושאַ, — בעט זי זיך באַ אים צערטלעך. נאָר די פריידיקע שײַן איז שוין אין אירע אויגן אויסגעלאָשן — איכל טאַנצן נאָך איין האַלבע שאָ און מירן גיין, מאַסקים?

ער איז טייקעף מאַסקים, ער איז איר דאַנקבאַר דערפאַר וואָס זי איז מאַסקים מיט אים אַוועקצוגיין אין אַ האַלבער שאָ אַרום.

זי טאַנצט מיט סליעפּצאָוון אַ לאַנגזאַמען טאַנגאָ. אַנדריי קוקט מיט סינע און מיט ניט ווילנדיקער אַנטציקונג, ווי זיי בייגן זיך און דרייען זיך, געפּאָרט מיט סליעפּצאָווס פיס, אירע שלאַנקע פיס. ווען ער הייבט אויף די אויגן, קומט אים די פאַרב אין פּאָנעם: דינאַ טאַנצט באַק צו באַק מיט סליעפּצאָוון, דאָס מויל האַלב־אָפן, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן־דעקלעך, אונטער וועלכע עס לויכטן פאַרבענקט די אויגן.

די דיסקע דרייט זיך צו צום סאָף. דינאַ טרעט אָפּ און זאָגט, קוים מען הערט:

— גוט.

זי דערזעט קרוגלאָוון. דער טײַנעג־שמייכל טרעט אָפּ פון איר פּאָנעם.

זי גיט צו אים אַ פֿרײַנטלעכן ווונק און גייט צו צום שפּיגל אַרונטערנעמען דעם קראַנץ. סליעפּצאָוו האַלט זי אָפּ.

— ניין, ניין, איך גיי אַוועק, — זאָגט דינאַ — דאָס איז געווען צו גוט, מער וועט אַזוי ניט אַרויסקומען.

זי גייט אַוועק אַ באַגלייטע פֿון באַדויערונגס־זיפֿצן. קרוגלאָוון באַמערקט מען ניט, מען קוקט ניט צו אים און מען רוקט איר הענט צום געזעגענען זיך.

— דו ביסט צו פֿרי אַרײַנגעקומען מיך אַהיימנעמען — זאָגט דינאַ, ווען זיי גייען אַרויס אַפֿן פֿראָסט.

— פּונקט אין צײַט — שנײַדט גאַליק אָפּ אַנדריי.

— **פֿאַרוואָס ?**

— דערפֿאַר וואָס מען האָט דיר דעם קאָפּ פֿאַרדרייט, און דו אַליין זעסט ניט ווי כוצפּעדיק און מיעס זיי פֿירן זיך אויף.

— ביסט אין כּעס ? — פֿרעגט אים קאַלט דינאַ.

ער איז איבעררראַשט פֿון איר קאַלטקייט און ער ענטפֿערט ניט.

— מאָדנע, — זאָגט דינאַ — ביסט אַ קאָמיוגישער פֿירער, און פֿירסט דיך ווי אַ קליינבירגער. דו קענסט זיך אַליין ניט פֿרייען און קענסט ניט זען ווי איך בין פֿריילעך.

— נאָר דער סליעפּצאָוו דײַנער...

— וואָס ?

ער קען ניט זאָגן וואָס. נאָר ער זעט זי נאָך אַלץ באַק צו באַק מיט סליעפּצאָוון און ווי עס פֿלעכטן זיך ריטמיש זייערע פֿיס אינעם טאַנץ. נאָר דערויף האָט ער ניט קיין ווערטער.

— נו, גוט, — זאָגט דינאַ אויפֿגערעגט — סליעפּצאָוו טויג ניט, קאָסט־קאָ טויג ניט, ווער־זשע טויג ? עפּשער דײַן יעפּיפֿאַנאָוו, דײַן טימקאַ גרעבען, דײַן שעפּעלע קלאַוואַ ?

אין דער נאַכט שלאָפֿן זיי אײַן צום ערשטן מאָל ווי פֿרעמדע, אָן אײן לאַסקע, מיט סינע פֿון אײנעם צום צווייטן. קרוגלאָוו ליגט און טראַכט לאַנג — זײַנע געדאַנקען זײַנען ביטערע און טרויעריקע. אָט ליגט לעבן אים אַ פֿרעמדע שיינע פֿרוי. זי איז אינגאַנצן אַ פֿרעמדע. איר איז גלײַכגילטיק אַלץ וואָס אים איז טײַער, און טײַער איז איר אַלץ וואָס אים איז פֿרעמד. און זי איז דאָך געקומען צו אים ? זי האָט דאָך אים ליב ? צי איז עס אָבער ליבע ? אַ קורצער אויפֿבליץ פֿון לײַדנשאַפֿט, אַ וואָך ליבע פֿאַרן אָפּפֿאָר... זיי האָבן זיך אַפֿילו ניט באַקענט אײנער מיט דעם צווייטן ווי געהעריק. און זי האָט דאָך געצויגן אַ האַלב יאָר ביז זי איז געפֿאָרן צו אים. און ווער ווייס צי זי וואָלט געפֿאָרן ווען עס געפֿינט זיך ניט אַלס מיטפֿאָרער קאָסטקאָ... נאָר זי איז געווען אַזוי אײדל, אַזוי באַצויבערנדיק... ניין, ווען זי וואָלט אים ליב געהאַט מיט אַן עמעס, וואָלט זי זיך אינטערעסירט מיט זײַן אַרבעט, מיט זײַנע פֿרײַנט, וואָלט זי געפֿינען געמיינשאַפֿטלעכע אינטערעסן. זי שרעקט זיך ניט פֿאַר קיין שוועריקייטן, נאָר וואָס פֿאַראַ שוועריקייטן האָט זי ? באַלד אַף מאָרגן האָט זי זיך אײַנגעאָרדנט מיטאָג עסן אינעם אינזשעניערן־רעס־טאָראַן, מען באַדינט זי, מען פֿיעשטשעט זי, מען קאָרטעזשירט זי... ראָ־מאַנטיק פֿון שוועריקייטן — דאָס איז איר נײַער מאַניר פֿון קאָקעטירן, נאָר אינדערעמעסן, האָט די פֿראַגע פֿון אַ וועשן זי אַרײַנגעוואָרפֿן אין פֿאַר־צווייפֿלונג.

אינדערפֿרי גייט אַנדריי אַוועק און וועקט זי ניט אויף. דער גאַנצער

טאָג גייט באַ אים אַדורך אין אַ צושטאַנד פון שלעכט אויסבאַהאַלטענער פאַרצווייפלונג. פאַר זײַנע אויגן שטייט דינאַ — אַ באַצויבערנדיקע, אַן איידעלע, אַ קאָקעטירנדיקע, אַ געליבטע ניט געקוקט אַף גאָרניט. ער לויפט אַהיים, ווי נאָר, זי קען, לויט זײַן כעשבן זײַן אין דער היים. זי וואַרפט זיך אים אַפן האַלדז און וויינט, זי בעט באַ אים מעכילע און טאַדלט אין אַלץ זיך אַליין; און ער בעט אויך מעכילע, זידלט זיך אַליין און רופט זיך אַן אייפערזיכטיקער נאַר און בעט זי פאַרגעסן זײַן נאַרישקייט.

זי איז ניט מאַסקים און לייגט פאַר מער ניט אָננעמען קיין פאַרבעטונגען.

— ניין, בעשום אופן! — זאָגט הייס אַנדריי — מיך פרייד ווען דיר איז פריילעך און איך זאָג דיר צו מער דיר ניט צו שטערן. איך בין אַזוי גליקלעך וואָס דו ביסט דאָ מיט מיר, וואָס דו האָסט מיך ליב.

פון דעמאָלט אָן גייט דינאַ אַף די היימישע „וועטשערינקעס”, און עס האָט זיך שוין עפּעס ווי פון זיך באַקומען אַז קרוגלאָוון פאַרבעט מען מער ניט. פון אָנהייב גייט ער נאָך אַרײַן זי אַהיימנעמען. נאָר דינאַ אָרדנט עס איינגיכן אײַן אַנדערש. „זיי זײַנען אַלע אַזוי געערן מיך אַהיימצופירן, צו וואָס טויג דיר פרירן? איך וועל ניט קומען שפּעט”. טיילמאָל גייט זי צו, קעדיי אים ווייכער צו מאַכן: „לייג זיך און וואַרעם אָן דאָס בעט, איך וועל אַהיימקומען אַזאַ פאַרפרוירענע!” זי האָט הונדערטער האַמצאָעס ווי צו מאַכן, אַז אַנדריי זאָל אויסגיין פאַר גליק.

אַנדריי איז אַפילע צופרידן פון איר אָוועקגיין. אין די פרײַע אָוונטן גייט ער צו גאָסט צו די קאָמיוגיסטן. ער זעט ווי זײַן פרײַנטשאַפט מיט די יאַטן איז דעגענערירט געוואָרן צו אָפיציעל־פרײַנטלעכע באַציִונגען, און ער באַמיט זיך מיט אַלע קויכעס אויפצופרישן דעם פריִערדיקן צוטרוי און די נאָענטקייט. נאָר צווישן זיי שטייט דינאַ. אַזוי לאַנג דינאַ איז אַזוי ווײַט פון די קאָמיוגיסטן, איז אַנדרייען שווער זיך צו זיי צו דערנענטערן. קרוגלאָווס גאַנצער לעבן איז צו אָפן פאַר יעדן.

איינמאָל צערעדט ער זיך מיט איר וועגן אַרײַנטרעטן אין קאָמיוג.

— צו וואָס? — וווּנדערט זי זיך — פריִער האָט עס נאָך געהאַט אַ זין צוליבן „וווז” (העכערער בילדונגס־אַנשטאַלט) אָדער צוליב אַרבעט געפינען, נאָר איצט, כאַפּט מען פּאָשעט מענטשן פון די גאַסן.

קרוגלאָוו כאַפּט זיך ניט טייקעף וואָס זי זאָגט, און ווען ער כאַפּט זיך, פילט ער זיך פאַרלוירן. דינאַ דערפילט אַז איר שטאַנדפונקט זעט אויס שרעקלעך אַנדרייען.

— כ'לעבן, אַנדריושאַ, איך בין גאָרניט אַזאַ שלעכטע, — שמייכלט זי נאַיִוו — ניט יעדע קאָמיוגיסטקע וועט אַזוי אומגעטראַכט אָוועקפאָרן אין דער טײַגע, וווינען אין אַ באַראַק פון ברעטער. און איך ווויל און איך קלאָג זיך ניט. איר רופט עס אָן בויען סאָציאַליזם. איך זאָג פּאָשעט אַרבעטן. נאָר די עצעם זאַך בײַט זיך ניט דערפון.

זי גייט נאָך צו און לאַשטשעט זיך צו אים:

— איך האָב דיר ניט געזאָגט, נאָר אין ביוראָ האָט מען באַשטימט מיך צו פרעמירן: הונדערט רובל אָדער אַ האַלב־וואָלנס אַף אַ קלייד.

זי לאַכט, ווײַל זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָגן קיין קליידער פון האַלב־וואָלנס.

— מען האָט מיר געוויזן — אַ בלויע אַזאַ, מיט אַ פּאַסיקל, ווי מען

נעמט אַף מאַטראַצן. זעסטו שוין, איך בוי אויך סאָציאַליזם. ווען ניט, וואָלט מען דאָך מיך ניט פּרעמירט מיט אַ האַלב־וואָלנס ?
אַנדריי רעדט שוין מער ניט מיט איר וועגן קאָמיוג. נאָר דינאַ איז געוווּג קלוג צו פאַרשטיין וואָס עס באַאומרויִקט אַזוי אַנדרייען.
— איך פאַרשטיי, דיר איז ניט באַקוועם וואָס דו האָסט אַזאַ ווײַב, אַן אינטעליגענטקע און אַן אומפּאַרטייִשע. האָב קיין מוירע ניט, איך וועל אַלץ אײַנאָרדענען.
זי נעמט אָנטייל אין אַ קאָמיוגישן אָוונט פון זעלבסטעטיקייט און ווײַזט זיך אַרויס פאַר זייער ניצלעך, דערמיט וואָס זי קען שפּילן פּיאַנאָ. אַפילע טאָניאַ איז צו איר גוט געוואָרן, מאַכמעס דינאַ האָט זי באַגלייט אַף פּיאַנאָ. דינאַ פאַרשרײַבט זיך צו לידינקאַן אינעם שיסער־קרײַז, און עס איז פאַר איר ניט אַדורך אומבאַמערקט ווי אַ סאַך באַכערים העלפן איר גערן זיך לערנען שיסן. זי גייט זיך גליטשען מיט קאַטיאַן און וואָלקאַן אַפן אײַז, זי באַטייליקט זיך אין אַ פאַרוועט אַף סקי, און איז מיט אַלעמען אַזוי ליב און פריילעך, אַז זי געווינט פאַר זיך אויך די קאָמיוגיסטן.
קלאַוואַ רופט זיך אָן צו קרוגלאַוון און פאַרמאַכט מיט ווייטיק די אויגן :
— זי איז אַ ווילע, אַ פריילעכע. זאָל זי וואָס אָפּטער זײַן מיט אונדז — וועסט זען מען וועט זיך צו איר צוגעווינען.
אַנדריי דריקט איר די האַנט ; ער האָט איר גאָרניט וואָס צו זאָגן.
— עס מאַכט ניט, אַנדריושאַ, עס מאַכט ניט... — פליסטערט קלאַוואַ מיט ציטערנדיקע ליפּן — וועסט זען, עס וועט אַלץ קומען אַף אַ לאַד...
אַנדריי גייט אום אַ גליקלעכער. אים דוכט זיך, אַז אַלץ איז אַף אַ לאַד, אַז דינאַ איז אַרײַנגעטראָטן אינעם לעבן פון דער שטאָט, אַז דאָס גליק איז אומפאַרוואָלקנט.
נאָר איין מאָל קומט צו אים סערגיי וויקענטיעוויטש צוליב „זייער אַ וויכטיקן שמועס״, און נעמט מיט אים ריידן פאַרזיכטיק, ווי מען רעדט מיט אַ קראַנקן :
— ע־ע־ע... אָט וואָס, קרוגלאַוו... ווי זאָל איך עס זאָגן... דײַן ווײַב... ע־ע... נו, איז צו שיין...
אַנדריי ווערט רויט און צעשמייכלט זיך.
— שמייכל ניט, ס׳איז גאָרניט אַזוי גוט ווען אַף צוואַנציק יונגעלײַט איז פאַראַן נאָך איין שיינהייט. דאַרפסט אַליין פאַרשטיין... זי... ע־ע... פאַרווײַלט זיך און באַ מיר שטייט די אַרבעט.
— דינאַ אַרבעט ניט ?
סערגיי וויקענטיעוויטש צעזעמט די הענט :
— עך, טאַטעלעך, צו וואָס טויג מיר דײַן דינאַ ! זאָל זי בעסער געזונטערהייט בלײַבן אין דער היים, עס גייט ניט אין איר. צוויי אַרבעטס־פירער האָבן זיך באַ מיר צעאַמפּערט, רײַסן אַראָפּ די טערמינען פונעם מאָנטאַזש, האָבן דעם פּראָיעקט פאַרשאָטן.
אַנדריי פאַרשטייט נאָך אַלץ ניט.
— באַ אַזעלכע ווי דו, דרייען די ווײַבער מיטן עק — ווערט שוין סערגיי וויקענטיעוויטש אין קאַס, און כאַפּט זיך באַלד צוריק און אַנטשולדיקט זיך :
— דו ווייסט, איך אַליין בין אַ פאַרערער פון דינאַ סערגייעוונאַ און אַלץ מיט אַן אַנדער. נאָר דײַן דינאַ איז אַ קאָקעטקע, זי פאַרטשאַדעט זיי די קעפּ. הײַנט מיט דעם, מאָרגן מיט אַ צווייטן. און מײַנע ייִנגלעך — ווי די הינט

איבער אַ ביין, די פּעלן דיבאָם און מיט די ציין אין די גאָרגלען... סליעפּצאָוו מיט קאָסטקאָן האָבן זיך אַף אַן אויסגאָב־באַראַטונג געזידלט, אָנגערעדט פּאַקאָסטן איינער אַפן צווייטן, איצט גריסן זיי זיך ניט... פּעדאָטאָוו — נאָך אַ קאָמוניסט, דער הינטישער זון! — ער האָט סליעפּצאָוון שיר ניט אין דער מאָרדע דערלאַנגט, מען האָט זיי צענומען. גאַווריליענקאָ שיקערט, וויינט דורך די נעכט ווי אַ באַבע.

— און דאָס אַלץ איבער דינאַן?

— פרעג זי. מיינסט זי ווייס ניט?

— וואָס־זשע קען זי טאָן?

— ע־ע! ווי איך זע ביסטו אַליין באַ איר אונטערן קנאַפּל און רעדסט מיט אירע ווערטער! וועל איך דיר זאָגן דעם גאַנצן עמעס: זי אַליין רייצט זיי אָן איינעם אַפן צווייטן, דאָס פאַרווײַלט זי. דזשעק לאָנדאָן, קלאָנדײַק, לײַדנשאַפטן. די וועטשערינקעס... איך אַליין בין שולדיק, איך האָב זי דער ערשטער פאַרבעטן. נאָר איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אַז זי איז באַ דיר מיט אַזאַ ווינטל אין קאָפּ, כ׳האָב געטראַכט — פאַרוואָס ניט פאַרווײַלן זיך? גיי ווייס. צו דרײַ אינזשעניערן זײַנען די ווײַבער געקומען. מיינסטו אַז דינאַ גייט צו זיי אַרײַן? מער ווי אַלץ קאָקעטירט זי מיט זייערע מענער, זי דאַרף אַז אַלע זאָלן זיך צו אירע פיס וואַלגערן. איינעם האָט זי פאַרדרייט, ס׳ווײַב וויינט, ער גייט אום אָן אַ קאָפּ, ער האָט זיך געוואָלט שיסן. מען האָט זי שוין אויפגעהערט צו פאַרבעטן אין פאַמיליעס.

קרוגלאָוו זיצט אַ בלייכער, אַ צענישטיקטער. ניט גלייבן קען ער ניט. ער האָט נאָך פריִער זיך אָנגעשטויסן, אַז דינאַ איז אַזאַ. ער ווייס ניט וואָס צו טאָן. ער ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— ערגער דיך ניט, — באַרויִקט אים סערגיי וויקענטיעוויטש — דערווײַל איז נאָך קיין שום שרעקלעכע זאַך ניט געשען. נאָר דו שטיל זי אײַן, נעם זי אין די הענט אַרײַן, צי איר אָן די סטרונעס, וואָרעם עס באַקומט זיך זייער ניט גוט... איך בין ווי אַ מין ריכטער געוואָרן: איך דאַרף אַלץ שאָלעם מאַכן און אײַנריידן...

קרוגלאָוו קען זיך קוים דערוואַרטן ביז אָוונט. פונעם שמועס מיט סערגיי וויקענטיעוויטשן איז אים פאַרבליבן אַ ביטערניש אינעם מויל, ווי נאָך אַ גרויס שיקרעס. ער האָט נאָר איין האָפענונג: ער וועט ריידן מיט דינאַן, ער וועט זי איבעררײדן, ער וועט זי בעטן זי זאָל זיך נעמען פירן אַנדערש.

נאָר דער שמועס מיט דינאַן קומט ניט אַרויס.

— וואָס קען איך טאָן? — שמייכלט זי און צענעמט די הענט — נו, זײַנען זיי פאַרליבט, איך קען זיי דאָך ניט פאַרווערן? פרויען איז דאָ ווייניק, איך בין ניט קיין פאַרזעעניש. דו האָסט זיך דאָך אויך אין מיר פאַרליבט באַ דער ערשטער באַגעגעניש!

ער דערמאָנט זיך וועגן איר ניט לאַנגסטיקן פאָרשלאָג זיך אָפּצוזאָגן פון די וועטשערינקעס און ער זאָגט איר, אַז ער האַלט דאָס איצט פאַר אַ נויטווענדיקייט.

דינאַ הייבט מיט די אַקסלען, דרייט זיך אַוועק און רופט זיך אָן קלאָר און דײַטלעך:

— זיי זײַנען ווילדע, דאַרף איך זיצן פאַרשלאָסן? ניין, אַנדריושאַ, דאָס קען ניט זײַן. איך זע שוין, אַז איך בין דאָ ניט אַף מײַן אָרט. עפּשער איז גלײַכער איך זאָל אַוועקפאָרן?

אַנדריי דערשרעקט זיך באַ דעם געדאַנק בלויז, אַז זי קען אים אַוועקוואַרפן, זײַן גאַנצע אַנטשלאָסנקייט איז אויסגערונען און ער וואַרפט זיך זי אַרומנעמען און בעטן באַ איר אַנטשולדיקונג. דינאַ שטויסט אים לאַנג אָפּ פון זיך, וויינט און ערגערט זיך און ער איז זייער גליקלעך, ווען ער פויעלט באַ איר, שוין אין דער נאַכט, אַ צוזאָג אים ניט איבערצולאָזן און אַלץ זאָל בלײַבן ווי געווען.

XIII

יעפּיפּאַנאָוו קען זיך בעשום אויפן ניט אַנטשליסן צו דערציילן לידינקאַן דעם עמעס וועגן איר כאַסן. נאָר לידינקאַ כאַפּט אויף מיט דעם כוש, אַז מיט איר קאַליאַן איז געשען עפּעס שענדלעכעס, און זי פרעגט גאָרניט. ביידע מאַכן זיי אַן אָנשטעל גלײַך קאַליאַ וואָלט גאָר אַף דער וועלט ניט געווען.

דער שרעק פון די יאַמען, אָבער, איז שטאַרק באַאומרויִקט מיט דער פאַרשווינדונג פון לידינקאַס כאַסן און מיט לידינקאַס שטרענגן שווײַגן, און זי צווינגט יעפּיפּאַנאָוון זיך פונאַנדערצורעדן. אינאיינעם באַטראַכטן זיי וואָס צו טאָן.

— איכל זאָגן ווי דאָס איז און אַ סאָף זאָל עס נעמען, — באַשליסט דער שרעק פון די יאַמען — און דו, פרײַנטעלע, ווייסט פון גאָרניט צו זאָגן. גרינגער איז לײַדן אומגליק איידער לײַדן ביזוינעס. איז אַזוי גרינג פאַררעכנט צו ווערן ווי אַ דעזערטירס אַ קאַלע ? !

— וועגן דעם ווייס קיינער ניט.

— ווייס־זשע דו אויך ניט. און קום צו אונדז אָפּטער. זי דאַרף האָבן פריילעכקייט.

און יעפּיפּאַנאָוו קומט.

באַ אים אין געוועזענעם צימער וווינען אַף קוישן און טאָפּטשאַנעס דרײַ דערוואַקסענע און צוויי קינדער. דער שטילער איוואַן גאַווריליאָוויטש אַרבעט אַ סאַך, און נאָך דער אַרבעט שלאָגט ער אָפּ די טירן און פאָדערט אַ וווינונג. מען זאָגט אים צו אַ וווינונג פון טאָג אַף טאָג און מען גיט ניט.

— איר האָט כאָטש אַ דאַך איבערן קאָפּ. מיר האָבן אַזעלכע וואָס האָבן ניט ווו איבערצונעכטיקן.

דער שרעק פון די יאַמען קלאָגט זיך ניט און האָט ווי פאַרגעסן בייזערן זיך אָפּן מאַן. איר נײַע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן פונעם מאַרש אַף די וואַנצן. זי האָט באַ אַלע שכיינים פונעם באַראַק אַוועקגענומען די שליסלען פון זייערע צימערן און פאַרעט אַלע טאָפּטשאַנעס און קוישן מיט זודיק וואַסער און שיט דעם פראָשעק אין די שפּאַלטן. דערנאָך רופט זי אַרויס אַף אַ פאַרוועט די פרויען פון די אַנדערע באַראַקן. אומגעשעמט פאַרקלײַבט זי זיך אין די שאַלאַשן, פירט אײַן אַן אָרדענונג, שלעפּט אַרויס פון די פינצטערע ווינקעלעך דאָס קויטיקע וועש. זי אָרגאַניזירט אַ וועשערײַ, זי שטעלט זיך ניט אָפּ ווען מען דאַרף גיין צו ווערנערן אָדער צו גראַנאַטאָוון, זי באַווײַזט זיך אַרײַנצונאַרן אין פרײַנטשאַפט מיט דעם „אַמורער קראָקאָדיל” און אומדערשראָקן שרײַט זי אַף אַלעמען, אַף יעדן איינעם וואָס פילט ניט אויס די פאַראָרדענונגען. זי שרײַט מיט דעם שנעלן קלינגענדיקן ווערטלדיקן לאָשן ווי זי פלעגט שרײַען אַף איר מאַן. קיינער האָט איר קיין שום אויפגאַבע ניט געגעבן, זי פאַרנעמט ניט קיין שום אָמט, נאָר איר אײַנגעשרומפּענע און באַ־

שיידענע פיגור, די בלויע אויגן מיט די געלע לעקלעך האָר און צודריגנגלעכן כאַראַקטער קען די גאַנצע בויונג. די באַכערים שרעקן איינער דעם צווייטן: „טו איבער דאָס העמד, דער שרעק פון די יאַמען וועט נאָך דערזען". זי גיט כעשבן נאָר פאַר סיאַמאַ אַלטשולער. סיאַמאַ סטימולירט זי. מיט אים באַהאַנדלט זי אַלע אירע פּלענער.

דאָס אַנטלויפן פון לידינקאַס כאַסן האָט זי צערודערט. פאַרט האָט זי דאָך געבראַכט לידינקאַן אַהער. זי טראַכט אַרום וויאַזוי בעסער צו זאָגן לידינקאַן, נאָר דערנאָך צעבייזערט זי זיך און פלוידערט אויס מיטאַמאָל, און זי גיט נאָך צו:

— גיב אַ שפּיי אָף אים, לידאַ, ער איז אַ גאָרנישט. ער האָט ניט די ווערט דײַן איינע אַ טרער. ניט אַזאַ האָסטו ליב געהאַט און ניט אַזאַ דאַרפסטו באַוויינען.

— איך האָב עס אַזוי געפילט, — איז לידינקאַ אײַנגעהאַלטן — לאָמיר פון אים ניט ריידן.

אין אָוונט ווען זי קומט אַהיים פון דער פאַרנעמעכץ מיט דעם שיסערקרײַז, זעצט זי זיך אָוועק שרײַבן אַ בריוו.

„דו האָסט מיך גערופן קליינבירגערלעכע, — שרײַבט זי שנעל און שלינגט די טרערן — דערפאַר וואָס איך האָב ניט געוואָלט איבערלאָזן די מאַמע און פאָרן מיט דיר. נאָר איך בין געווען גערעכט. זאָל זײַן די מאַמע איז געווען אַ קליינבירגערלעכע און אַן אייגנטימערן, נאָר זי איז מײַן מאַמע, זי האָט מיך ליב געהאַט און איך בין געווען באַ איר גסיסע. איך האָב זי ניט געקענט דערהאַרגענען. און דו וואָס האָסט געטאָן? צוליב וואָס האָסטו אַוועקגעלאָזט דעם קאָמיוג און דײַן ערע? זאָל זײַן איך האָב מוירע געהאַט פאַר דער מוטער, כ׳לייקן ניט, דאָס איז געווען מײַן שוואַכקייט, נאָר איך האָב קיינמאָל ניט פאַרראַטן דעם קאָמיוג און בין געווען אַ קאָמיוגיסטקע ניט געקוקט אָף איר פאַרבאָט. און ווען דער קאָמיוג באַפעלט מיר דעמאָלט, וואָלט איך געפאָרן. נאָר דו האָסט נידעריק פאַרראַטן דעם קאָמיוג. דו האָסט ראַכמאָנעס געהאַט ניט אָף דער מוטער, ניט אָף אַ שטאַרבנדיקער אַלטער פרוי, נאָר אָף זיך, דו האָסט פאַרקויפט דײַן ערע פאַר אַ וואַרעם צימער. נאָר ווער דאַרף דײַן נעבעכדיק, נימעס לעבן? מייך ניט אַז איך בין געפאָרן צו דיר און אַז איצט וועל איך וויינען, — זי צעווייגט זיך און נעמט נאָך גיכער סקריפּען מיט דער פען איבערן פאַפיר — איך בין געקומען בויען די שטאָט, און דו האָסט ניט די ווערט קיין איין טרער. איך זיץ איצט אינעם באַראַק, אין פענצטער בלאָזט אַרײַן, די פיס פרירן, איך קען נאָך אויך קראַנק ווערן אָף ציגנע, נאָר איך וועל קיינמאָל ניט אַוועקפאָרן, איך וועל ניט זײַן קיין פאַררעטער און קיין פאַכדן. איך טראַכט אַפילע ניט וועגן דיר, איך שרײַב דיר איצט נאָר קעדיי דו זאָלסט וויסן ווי איך האָס דיך און אַז צווישן אונדז איז אַלץ פאַרענדיקט און ס׳איז מיר אַ ביזאָיען וואָס איך האָב דיך ליב געהאַט. נאָר איך האָב ניט געוווסט אַז דו ביסט אַזאַ קליינלעכער נישטיקער פאַכדן".

מיט דעם בריוו האָט זי אונטערגעצויגן אַ סאַכאַקל פון דעם פאַרגאַנגענעם, די טרערן האָבן אויסגעטרוקנט, אויפגעקומען איז אַ נײַער טאָג און זי נעמט קוקן בלויז אין דער צוקונפט.

אין לידינקאַס עלטער איז די צוקונפט ענג פאַרבונדן מיט דעם איצטער, און די אומגעדולד פאַרשטאַרקט די ענערגיע. לידינקאַ טרוימט פון אַ ספּאָרט־

קלוב און פון אַן אויסגעצייכנטן שיסער־לאָקאַל. זי לערנט טיכטיק די שיסער. לערנט זיך אינאײנעם מיט טאַניאַן נײַע לידער און אָרגאַניזירט אינאײנעם מיט איר אַ כאָר. זי ווערט שנעל און לײַכט באַפרײַנדעט מיט די קאָמיוגיסטן. עס פעלט איר נאָר איין זאַך — ליבע. זי רעדט זיך אײַן, אַז זי וויל ניט ליב האָבן און פלײַסט זיך ניט צו קאָקעטירן, ווײַל זי האָט פעסט איבער־גענומען בײַ סיאַמאַן, אַז קאָקעטערײַ איז אַ בורזשואַזער אַטאַוויזם. נאָר מיט יעפּיפאַנאָוון גיט זיך איר ניט אײַן זיך אײַנצוהאַלטן. „דאָס איז דערפאַר — דערקלערט זי זיך — וואָס ער קומט אַרײַן צו אונדז אין שטוב, און אין שטוב איז שווערער ניט צו קאָקעטירן ווי אַף דער אַרבעט".

יעפּיפאַנאָוו קומט יעדן טאָג. ער אַרבעט אַף דער עלעקטראָסטאַנציע און לערנט זיך אַף די שאָפער־קורסן. נאָר פאַר לידינקאַן געפינט זיך בײַ אים שטענדיק צײַט.

— איך קום נאָר אַף איין מינוט, — זאָגט ער בײַ דער שוועל, דערנאָך זיצט ער אַזוי לאַנג ביז דער שרעק פון די יאַמען טרײַבט אים אַרויס.

ער זעצט זיך אַוועק אַפן קויש, קנייטשט דאָס היטל אין די הענט און פירט מיט די קנאַפּל איבערן פּאָל. וואָס אַ טאָג ווערט אים איצט אַלץ שווערער צו ריידן מיט לידינקאַן. די קינדער ראַטעווען אים אַרויס. די קינדער פאַרגעטערן אים. ער דערציילט זיי פאַרשיידענע טויכער־געשיכטעס. ווען ער נעמט אַפן דערציילן ליגנס, קוקט לידינקאַ אַף אים מיט אַ זײַט און לאַכט און ער ווערט רויט און מורמלט:

„הערט ניט, לידינקאַ, דאָס איז דאָך פאַר די קינדער..."

אין אַ שיין וועטער דערוועגט ער זיך בעטן לידינקאַן שפּאַצירן. לידינקאַ איז גערן מאַסקים, נאָר יעפּיפאַנאָוו ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ שעמעוודיקער און שרעקיקער און דאָס ווײַלט איר. זי האָט זיך אַנגעשטויסן זײַנע קאַוואַנעס לאַנג פאַר דעם ווי ער האָט זיך אַנטשלאָסן זיי אַרויסצוזאָגן, נאָר זי האָט אים דערבײַ קיינמאָל ניט אַרויסגעהאָלפן, נאָר פאַרקערט, קעגן דעם עמעס, זאָגט זי אים: „נו איז הײַנט אַ קעלט! אַ מיִעס וועטער!" ער נעמט זיך שפּאָרן. דעמאָלט זאָגט זי אים: „פאַרוואָס־זשע נעמט איר אונדז ניט שפּאַצירן?"

און זי נעמט רופן מיט זיך דעם שרעק פון די יאַמען און איוואַן גאַווריילאָוויטשן.

— קאָקעטקע, פאַרוואָס פײַניקסטו דעם באָכער? — וואָרפט איר פיר דער שרעק פון די יאַמען.

— זע, אים געפעלט עס דאָך וואָס מען פײַניקט אים!

ביסלעכווײַז באַקומט זיך, אַז זיי דערציילן זיך אויס אַלץ איינער דעם צווייטן און ווען יעפּיפאַנאָוו קען ניט קומען, בענקט זיך לידינקאַן און זי ווייס ניט וווהין דעם אַוונט אַהינצוטאָן. נאָר פון ליבע ווערט אַ וואָרט ניט דערמאָנט.

עס גייט אַוועק אַ כוידעש, עס גייען אַוועק צוויי.

יעפּיפאַנאָוו קנייטשט נאָך אַלץ דאָס היטל אין די הענט און שאַרט די קנאַפּל אַפן פּאָל. און לידינקאַ לאַכט.

— זעט, דאָרט ווו איר זיצט, זײַנען שוין געוואָרן גריבער אין פּאָל.

עס זײַנען אַוועק דרײַ כאָדאָשים. איוואַן גאַווריילאָוויטש באַקומט אַ נײַע וווינונג. לידינקאַ לאָזט אַרויס די ערשטע גרופּע וואָראָשילאָווישע שיסער, און זאָגט אָפּ פיר כאַסענע אָנבאָטן. יעפּיפאַנאָוו פירט שוין אַליין אַן אויטאָ־

מאָביל און איז דרײַ מאָל געפאָרן קיין כאַבאַראָווסק הין און צוריק. איין וועג פּײַניקט אים די אײַפערזוכט, ווײַל לידינקאַ לייקנט ניט פאַר אים די צודרינגלעכע כאַסענע־אָנבאָטן, וואָס ווערן איר געמאַכט. ער איז גויווער דעם אָנגעשאָטענעם שניי און די זאַווערוכעס און ער פילט זיך מעכטיק און העלדיש און איז זיכער אין לידינקאַס געטרײַשאַפט צו אים. ער טראַכט אויס ליבעס־ווערטער — שיינע און קלינגענדיקע... נאָר ווען ער געפינט זיך אונטער לידינקאַס כיטרע בליק, פאַרגעסט ער אַלע ווערטער און איז זיכער אַז לידינקאַ קען אים ניט ליב האָבן אַזאַ בערישן. ער דרייט זיך און פאַרפירט נודנע געשפּרעכן וועגן זאַכן וואָס אינטערעסירן ניט לידינקאַן און אים אַליין אויך ניט, — אַבי אָפּצושטופּן די שרעקלעכע מינוט פון דערקלערן זיך. ווען אים ווערט שווער אויסצוהאַלטן, אַנטלויפט ער און פון ערגערניש טרינקט ער אויס, אָן שום פאַרגעניגן, אַ גלעזל בראָנפן, דערנאָך קומט ער צוריק און זיצט שטיל, מיט דעם פּאָנעם אַוועקגעדרייט קעדיי לידינקאַ זאָל ניט דערפילן דעם רייעך.

דער שרעק פון די יאַמען הייבט די אַקסלען, שמייכלט און האָט מוירע זיך אַרײַנצומישן.

אַנדראָניקאָוו ליגן זיי איצט ניט אין זינען. איין מאָל נאָר איז ער אַרײַנגעקומען זען וואָס לידינקאַ מאַכט, ער האָט בײַ איר געטראָפן יעפּיפאַנאָוון און האָט באַשלאָסן אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

אַפן סאָף פונעם דריטן כוידעש פאַראינטערעסירט ער זיך ווי עס האַלט. דער שרעק פון די יאַמען הייבט מיט די אַקסלען און שרײַבט אַף אַנדראָניקאָוון, און זאָגט אים, אַז „יעפּיפאַנאָוו איז פּאָשעט אַ פלאַסטער און ער אַליין וועט שולדיק זײַן אויב מען וועט זי אים פון אונטער דער נאָז אַוועקנעמען”.

אַנדראָניקאָוו רופט אַרויס צו זיך יעפּיפאַנאָוון.

— דו גייסט ?

— כ׳גיי.

— ביסט פאַרליבט ?

יעפּיפאַנאָוו גיט אַ הילפלאָזן זיפץ.

— און מיר האָט מען געזאָגט, אַז דו פירסט דאָס מיידל פאַר דער נאָז און ווילסט ניט כאַסענע האָבן. דאָס, גוטער ברודער, איז ניט מיליטעריש.

— איך... וויל ניט ?

— מיט וואָס־זשע דערקלערט זיך עס וואָס דו קענסט דיך פונעם אָרט ניט אַ ריר טאָן, ווי אַן אייזל ? ס׳איז ניט מײַן זאַך, נאָר פאַרן מיידל איז עס פּאָשעט פאַרדראָסיק.

דערנאָך גייט ער אַוועק צו לידינקאַן און רופט זי אַרויס אין קאָרידאָר:

— כאַוועריטע גאַווריליאָוואַ, איך האָב פאַר אײַך אַ שליכעס, — זאָגט ער איר שטרענג — איר זײַט אַ זעלטענע שיסערן און אַ זעלטן מיידל. די שליכעס איז פאַר אײַערע קויכעס. איר ווייסט, אַז יעפּיפאַנאָוו טרינקט ?

— ס׳קען ניט זײַן — זאָגט לידינקאַ און דערמאָנט זיך באַלד אַז איר האָט זיך אַמאָל געדאַכט...

— איז אָט דאָס טאָר ניט זײַן. ער טרינקט פאַר ערגערניש.

— פאַר ערגערניש ?

— נו יאָ, ווייס עס דער טײַוול, ניט פאַר טײַנעג! און גענומען האָט ער טרינקען פון זינט איר זײַט געקומען. פאַרשטייט איר שוין ?

— כ׳פאַרשטיי.

— קורץ גערעדט, פאַרוואָס זאָלט איך מיט אים ניט כאַסענע האָבן. האָט קיין מוירע ניט. ער איז ניט קיין שיקער. ער האָט פריִער ניט געטרונקען און וועט ווײַטער ניט טרינקען. איך בין אָרעם פאַר אים. וואָס, ער איז אַבּי ניט געפעלן ?

לידינקאַ ענטפערט ניט, נאָר אירע שעלמישע אויגן לאָזן זיך אַראָפּ.

— אין אַלגעמיין באַטראַכט אַלײן. וואָס שײַך כאַסענע — ס'איז אַבּער זאַך, איך בין דעריך ניט קאָמפּעטענט. נאָר טרינקען דאַרף ער ניט. דאָס גיב איך איבער צו אײַך.

אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי כאַסענע געהאַט און האָבן פאַרבעטן אַנדראָניקאָוון אַף דער כאַסענע.

XIV

כאַטש בעייס דער אויספאָרשונג האָט פּאַראַמאָנאָוו זיך מוידע געווען, אַז אין זײַנע פּלענער איז געווען אַראָפּצונעמען באַ דער בויונג דעם קאָפּ און האָרגענען ניט נאָר מאַראַזאָוון, נאָר אויך ווערנערן און גראַנאַטאָוון, איז נאָך באַ ווערנערן טיף אין האַרצן ניט אויסגעלעבט די פראַגע: „פאַרוואָס ניט מיך ?" פּאַראַמאָנאָוו לייקנט פּאַראָקשנט, אַז ער איז פון עמעצן אָפּהענגיק און דערקלערט זײַנע פאַרברעכערישע קאַוואַנעס מיט פּערזענלעכער נעקאָמע דערפאַר וואָס מען האָט אים געמאַכט פאַר אויס באַלגוף און מיט דעם באַגער ניט צו דערלאָזן אויפבויען די נײַע שטאָט אַף דעם אָרט פון זײַנע געוועזענע גיטער.

ער זאָגט אַ ליגן! — פאַרזיכערט אַנדראָניקאָוו — אין אַלע זײַנע דערקלערונגען איז ריכטיק נאָר איין זאַך, אַז מען האָט געוואָלט אַראָפּנעמען דעם קאָפּ באַ דער בויונג.

אין דער מינוט פון שווערן נאָכקלערן פאַרשטייט ווערנער, אַז דעם מערדער איז שווער געווען אויסצורעכענען אַף דרײַ טעראָריסטישע אַקטן און אַפילע אַף צוויי און ער האָט אָנגעהויבן פון דעם וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דעם וויכטיקסטן. אַט דער באַוווסטזײַן מאַכט ווערנערן אומגליקלעך און אומזיכער אין זיך.

ער פאַראורטיילט אַלץ וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן און שרײַבט וועגן דעם אַן אָפּנהאַרציקן בריוו אינעם געגנט־קאָמיטעט און אינעם צענטראַל־קאָמיטעט. איבער דעם בריוו האָט ער צום ערשטן מאָל אַ שאַרפן וויקועך מיט גראַנאַטאָוון און דעמאָלט אויך פאַרשטייט ער, אַז גראַנאַטאָווס אָנטציקטע אײַליקייט איז געווען צום שאָדן פון דער זאַך, זי האָט געשטערט דער אָרגאַניזירטער אויסוויקלונג פון דער בויונג און האָט פון וועג אַראָפּגעפירט אים, ווערנערן; ווערנער, אַגעוו, באַשולדיקט אָפּן ערשטן פּלאַן זיך אַליין, ווײַל ער האָלט גראַנאַטאָוון פאַר אַ נאָך יונגן, נעוורעסטעניש, לײַכט פאַרכאַפּט ווערנדיקן ענטוזיאַסט, וועלכן מען מוז אָנפירן, ריכטן אים טאָג נאָך טאָג. ווי קען מען זיך זײַן נאָכגעבן ווירקונג ?

ווען ווערנער איבערצײַגט זיך אַז גראַנאַטאָווס געשעפטס־אייגנשאַפטן זײַנען ניט אין העסקעם מיט דעם ערנסט פון די אויפגאַבן, נעמט זיך ווערנער אַליין אָנפירן מיט דער באַזאָרגונג און מיט די געהילף־אונטערנעמונגען, און גראַנאַטאָוון גיט ער איבער אָנצופירן די בויונג פון יענע אָביעקטן און ווי־בונגס־הײַזער, וואָס זײַנען ניט פאַרגליוערט ביז פרילינג. גראַנאַטאָוו ווײַזט

ארויס אף דעם נייעם געביט גרויס ענערגיע און קענטעניש. „ערשט איצט פארשטיי איך, אז איך בין געזעסן ניט אף מיין ארט" — זאגט ער א שולדיקער ווערנערן. — „דאס האט אונדז טייער געקאסט" — האט ווערנער געוואלט ענטפערן, נאר ער האט זיך אפגעהאלטן — ער האט דאך דאס געדארפט פארשטיין פאר גראנאטאוון!

אין מיטן ווינטער איז די לאגע געווען אזא, אז די באזארגונג האט באשרענקט דאס גאנצע לעבן אף דער בויונג, און די באדינגונגען פונעם ווינ־טערדיקן טראנספארט האט געצווונגען אפצושטעלן ביז פרילינג יעדן צופיר פון מעכאניזמען און מאטעריאלן, מאכמעס די רייען לאסט־אויטאס פלעגן קוים איבערווארפן אף דער בויונג די נייטיקסטע שפייז־פראדוקטן.

שלעכט איז געווען מיט זעג־מאטעריאלן, ציגל און צעמענט. באזונדערע שוועריקייטן האבן זיך ארויסגעוויזן בא דער באזארגונג מיט געהילץ. כאטש די בויונג גייט אן אין דער טייגע, איז קיין האלץ ניטא.

דער געהילץ־זאוואד פיבערט שטענדיק, מיט הייצונג האלט שמאל. די קאמיוגיסטן האבן אויסגעהאקט אלע פארבליבענעביימער אף דעם שטאט־שעטעך. אין דער ארומיקער טייל טייגע זיינען די מערסטע מינים ביימער ניט קיין בוי־האלץ, און די גוטע שטאכים בוי־געהילץ האט מען אויסגעפונען אף דעם אנדערן ברעג אמור, אכט קילאמעטער העכער מיט דעם שטראם. קעדיי צו ראטעווען די לאגע און באזארגן מיט געהילץ די פרילינגדיקע אויס־וויקלונג פון דער ארבעט, מוז מען דרינגלעך איינארדענען א געהילץ־פארגרייט פון גרויסן מאסשטאב, און דער איקער איבערווארפן דאס געהילץ אפן בוי־שעטעך ביזן פרילינג. די געהילץ־פראגע איז געווארן פון די ערשטע אף דער ריי און אן אנטשיידנדיקע. און ווערנער פארשטייט, אז מען וועט נאכאמאל מוזן אלע האפענונגען לייגן אף דער העלדישקייט פון די קאמויגיסטן.

ער רופט צו זיך ארויס קרוגלאוון און באטראכט מיט אים לאנג וואס מען דארף טאן. דערנאך פארדופן זיי דרינגלעך דעם קאמיוגישן קאמיטעט. מען מעלדעט א שלאגלערישן קאמיוגישן מארש אין וואלד אריין, און די באַ־טייליקונג אין אים איז אן ערן־כויוו פאר יעדן קאמיוגיסט.

— מירן מאכן! אין אונדז וועט קיין אפהאלט ניט זיין! — זאגן די יאטן.

די ציל־בריגאדעס אין זייער פולן באשטאנד לאזן זיך ארויס אף גע־הילץ־פארגרייט און מעלדן א פארוועט צווישן זיך.

אפן רעכטן ברעג לעבן דעם געהילץ־שעטעך קומען אויף ציטווייליקע באראקן, נידעריקע, פינצטערע, — אבי צו באזארגן א דאך פאר נאכטלעגער. מען ארבעט פון גאנץ פרי ביז פינצטער. קעדיי איינצושפארן צייט, הייצט מען די אויוונס באנאכט, נאך דער ארבעט.

אנדריי קרוגלאוו פירט אן מיט דער מאביליזאציע פון די קאמיוגיסטן. ער פארט א פאר מאל אליין אף דעם געהילץ־שעטעך, נאר אריבערפארן אהין אף לאנג באשליסט ער זיך ניט. ער זאגט צו זיך אליין יעדן טאג, אז דער וואלד איז דער וויכטיקסטער ארבעטס־אפטייל, ווו עס זיינען איצט קאנ־צענטרירט די פונדאמענטאלע קאמיוגישע קויכעס, אז דעריבער איז נייטיק ער זאל דארטן זיין. נאר ווען ער קומט אהיים צעווייקט אים דער שווערער משאד פון ליבע און פארטעמפט אים זיין באוווסטזיין. פון דער ערשטער קלארער באגייסטערונג איז אים פארבליבן ניט מער ווי א קרענקלעכע דער־מאנונג. ער ליידט, ער ווערט דערשטיקט, ער פארלירט זיך און באנאכט בלויז

געפינט ער זײַן געוועזענעם טאָך, אָבער נאָר קעדיי נאָך מער זיך צו פּײַניקן. דינאַ איז ווי פּריִער צאַרט און כיטרע, קלוימערשט האָט זי אים נאָך אַלץ ליב און קאַרגט אים ניט קיין לאַסקעס, און וואָס מער ער פאַרשטייט אַז זי פאַרסאַמט אים דעם מויעך און דאָס האַרץ מיט איר געפּערלעכן קישעף, אַלץ שאַרפער און אַלץ דאָרשטיקער האָט ער זי ליב. טיילמאָל, פרעגט ער זיך, ווען ער איז אַף דער אַרבעט, ווײַט פון איר: „וואָס טוט זיך דאָ? האָבן דאָך אַ סאַך קאָמוניסטן אומפאַרטייִשע ווײַבער? פאַרוואָס־זשע לײַד איך מער ווי אַנדערע?" נאָר ער ענטפערט זיך אַליין: „זי איז מיר ניט קיין פרײַנט, זי האָט מיך געפאַנגען און פאַרסאַמט. איך קום צו איר אַ צערודערטער און אַ הונגעריקער און איך גיי פון איר אַוועק אַ צעבראָכענער און אַ וויסטער. אויסער אָט דער שטרעבונג צו פאַרגעניגן, עקזיסטירן ניט פאַר איר קיין אידעען, קיין אינטערעסן, קיין פליכטן".

אַף איינער פון די זיצונגען אינעם קאָמיוגישן קאָמיטעט, ווו מען האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן גאַנג פון דער געהילך־פאַרגרייטונג, האָט קאַטיאַ סטאַווראָוואַ אים שאַרף אַ פרעג געטאָן:

— און דו, אַנדריושאַ, פאַרסט דען ניט מיט אונדז?

אַנדריי האָט איר טייקעף ניט געענטפערט. די קאָמיטעט־מיטגלידער זײַנען שטיל געבליבן, געגומען קוקן אָן אַ זײַט. אַנדריי האָט געפילט אַז מיט זײַן ענטפער ווערט געלייזט די פראַגע וואָס באַאומרויִקט אַלעמען — די פראַגע וועגן אים, וועגן זײַן ווילנסקראַפט, וועגן זײַן באַוווסטזײַן, וועגן זײַן טויגן צו זײַן אַ קאָמוניסט און אַ אָנפירער.

— נאַטירלעך וועל איך פאָרן — האָט ער זיך גויוער געוועזן — איך דרוק אַרויס אַ פאָרשלאָג: שאַפן אַ בריגאַדע קאָמיוגישן אַקטיוו מיט מיר בעַ־ראָש, די בריגאַדע זאָל נאָך זיך פירן אַלעמען און זאָל ווערן דער צענטער פון פאָליטיש־דערציִערישער אַרבעט...

ער וויקלט ווײַטער אויס זײַן געדאַנק. ער זעט ווי דערלײַכטערט עס פילן זיך די כאַווייִרים. ער איז גערירט: זיי האָבן אים ליב, זיי זײַנען אומרויִק פאַר אים און לײַדן פאַר אים.

דעם זעלביקן אָוונט גיט ער צו וויסן דינאַן, אַז ער פאָרט אָפּ. זי איז געערגערט, נאָר, ווי אים דוכט זיך, ווערט זי צו שנעל געטרייסט. זי זאָגט אים צו ניט צו בענקען. ניט צו בענקען? דערפאַר גראָד האָט ער מוירע, וואָס זי וועט אינגאַנצן אויפהערן בענקען!...

ער פאָרט אַוועק אַ טרויעריקער. נאָר איבערגעבן זיך דעם טרויער האָט ער קיין צײַט ניט. מען דאַרף פונאַנדערשטעלן די קויכעס אין דער בריגאַדע, פונאַנדערטיילן די אַקטיוויסטן צווישן די אַנדערע בריגאַדעס אַף אָנצופירן מיט דער קאָמיוגישער אַרבעט, באַזאָרגן דעם אָפּרו אין די אָוונטן, פאָליטישע אַרבעט, צײַטונגען לייענען, אויסשטודירן די נאָרמען און דעם גאַנג פון די פאַרוועטן, אַליין זיך לערנען אַרבעטן אַזוי אַז זיי זאָלן איבעריאָגן די אַנדערע האָלץ־העקער. אים פרייט שטאַרק די רוישיקע באַגעגעניש וואָס די קאָמיוגיסטן האָבן אים אײַנגעאָרדנט. זיי נעמען אים אויף ווי אַ פרײַנט און אויטאָריטעטן פירער, זיי אַנטשולדיקן אים זײַן דינאַ. אַלץ אָפטער ענדערט זיך די אָפיציעלע באַציִונג אַף דעם ליבלעכן — אַנדריושאַ, אַנדריי. ער ווערט פריילעך און שטאַרק צופרידן מיט זיך.

שפּעט באַנאַכט, אַף די שלאָף־ברעטער, אַ וואַכער אין דער קאַלטער פינצטערניש, צווישן דעם שנאָרכען פון די שלאָפנדיקע האָלצהעקער, לעבט

אַנדריי איבער דעם אָנפֿאַל פֿון בענקשאַפֿט אָן אַן אויסגאַנג. עס ווילט זיך אים וואָיען, די קאָלדרע בײַסן, שטאַרבן... דינאַ! דינאַ! וואָס טוסטו איצט? ער ווייס, אַז ער גלייבט איר אַבסאָלוט ניט, אירע דורכגעטריבענע ווערטער, אירע מילדע לאַסקעס, אַז זי איז פֿאַר אים שרעקלעך מיט איר שיינקייט און רויִקן עגאָיִזם. פּלוצעם שטעלט ער זיך זי פֿאָר ווי זי טאַנצט אין סליעפּצאָווס אָרעמס און קאָסטקאָס גנייווישן קוק ווען ער איז געגאַנגען איבערן קאָרידאָר מיט דעם עמער וואַסער און ווי ער זאָגט עפּעס אין דער שטיל דינאַן, ווען ער גייט איר איבער דעם עמעס אין דער אָפּגעשפּאַרטער טיר... וואָס? וואָס האָט ער געזאָגט? „פּאָרזיכטיקער, אײַער מאַן איז דאָ...“ אַנדריי געדענקט עס אַזוי קלאָר, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען. נאָכדעם ווי קאָסטקאָ האָט איר איבערגעגעבן דאָס וואַסער און איר שטיל געוואָרנט, האָט ער ערשט אָנגעקלאַפּט אין דער שכייבישער טיר און איז אַהין אַרײַנגעגאַנגען. הייסט עס, אַז ער איז דאָרט פֿריִער ניט געווען? ווו־זשע איז ער געווען? בײַ דינאַן?... דינאַ האָט געזאָגט ווען אַנדריי האָט זיך ניט ספּראַוועט מיט די העקעלעך: „קאָסטקאָ אַפֿילע קען עס!“ — און איז רויט געוואָרן... ווי האָט ער עס פֿריִער ניט פֿאַרשטאַנען! ווי האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען זי און זיך אַליין! איצט איז ער זיך מודה, אַז דאָס האָט אים אויך פֿריִער געפּײַניקט, אַז ער טראָגט אין זיך די גאַנצע צײַט די דערמאָנונג וועגן קאָסטקאָן, וועגן זײַן גנייווישן אויסזען, וועגן דעם וואָרענעדיקן געשעפּטש... ער האָט די געדאַנקען בלויז געטריבן פֿון זיך, ווי ניט איבערטרעגלעכע, ווי אַ דראָונג זײַן געשפּענסטיקן גליק...

און דינאַ פֿאַרווײַלט זיך מיט זײַן נאַיִוקייט. זי האָט געמוזט לאַכן אין זיך ווען ער האָט געדאַנקט קאָסטקאָן פֿאַר גאַסטפֿרײַנטשאַפֿט... און זי איז געוואָרן געוואַגטער. פֿאַרשטייט זיך, וואָס האָט זי מוירע צו האָבן! „ער איז אַ דרעסירטער, מען קען אים פֿירן אַף אַ שטריקעלע“. אַזוי האָט זי געזאָגט וועגן קאָסטקאָן... און עפּשער, אויך וועגן אים?

„ניין, מען דאַרף זיך אַרויסרײַסן... מען דאַרף אַ סאָף מאַכן... אַ סאָף מאַכן? וואָס? וואָס? אָנווערן דינאַן? ניין, ניין! מען דאַרף בלויז אַלץ אויפֿקלערן, זי אונטערטעניק מאַכן זײַן ווירקונג... וויִאַזוי אָבער? וויִאַזוי, אַז זי מאַכט מיט אים וואָס זי וויל?“

די פֿיזישע פֿאַרמאַטערטקייט איז אים גויווער. ער שלאָפֿט אײַן. און אינדערפֿרי איז שוין קיין צײַט ניטאָ צו טראַכטן. נאָר בעייסן אַרויספֿירן די קאָמיוגיסטן אין וואַלד אַרײַן, בעייסן זינגען אַ ליד, בעייסן פֿונאַנדערשטעלן די בריגאַדע־מיטגלידער, הערט ער ניט אויף טראַכטן: ער האָט עפּעס אַזאַ פֿײַנלעכס און איקערדיקס, וואָס מען מוז לייזן, פֿון וועלכן מען מוז זיך באַפֿרײַען.

עס איז שטיל און פֿראָסטיק. דער ניט באַוועגטער וואַלד איז אינגאַנצן אַ פֿאַרשנייטער. אַפֿן שנייִקן געפֿריר זעען זיך שאַרפֿע פֿייגלשע טריט. עס צעקלינגען זיך די ערשטע העק איבער די דורכגעפֿרוירענע שטאַמען און היל־כיק אָכקעט דער ווידערקאָל אין דער טיפֿער וואַלד־שטילקייט. דערנאָך שטאַרקן זיך די קלאַנגען פֿון דער אַרבעט איבער דער שטילקייט; זיי הערן זיך פֿון אַלע זײַטן, באַזונדערס דײַטלעכע און אַרויסרופֿנדיקע אין דער פֿראָסטיקער לופֿט. אַנדריי שפּיגלט זיך אַ רעגע אין דעם אַלעמען, הערט זיך אײַן, דערנאָך צעוויגט ער זיך און זעצט אַרײַן די שאַרף פֿון דער האַק אינעם בוים. אָט דער פֿיזישער צעוויג פֿרישט אָפּ זײַנע קויכעס. ווידער צעוויגט ער זיך און

ער טראַכט זיך: „עס מאַכט ניט אויס, מען קען נאָך אַלץ פֿאַרריכטן!" ער צעוויגט זיך אַ דריטן מאָל און טראַכט זיך: „מיר איז איצט גוט, גוט אויך אָן איר. איך בין יונג, שטאַרק, קרעפֿטיק, נוצלעך". דערנאָך גיט ער זיך איינגאַנצן איבער דער אַרבעט. שוין עטלעכע כאַדאָשים ווי ער אַרבעט ניט פֿיזיש. עס דוכט זיך אים אַז ער איז איינגעשטאַנען געוואָרן, ניצוייקט געוואָרן, דערפֿאַר שטייט אויך צו צו אים די צינגע, דערפֿאַר אויך האָט די ליבע אים באַוויזן צו פֿאַרטשאַדען, דערשלאָגן, אַרויספֿירן אים פֿון גלייכגעוויכט. אים איז אָנגענעם צו טראַכטן, אַז דאָס אַלץ איז שוין פֿון הינטן, אים איז אָנגענעם צו פֿילן, אַז ער האָט גוט, ריכטיק, שנעל, אַז זיין פֿיזישער קויעך איז ניט אָפּגעקומען.

אין אָוונט צאָלט ער ציינז די ספּייקעס פֿון ליבע און אייפּערזוכט, נאָר באַלד שלאָפֿט ער איין, און וואָס אַ טאָג זיינען די אָנפֿאַלן פֿון אָוונטיקער בענקשאַפֿט אַלץ שוואַכער און קירצער. ער וווּנדערט זיך אַליין, ער פֿילט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז אין דעם שטרענגן לעבן און אין דער אָנגעשטרענגטער מי רוט ער אָפּ פֿיזיש און מאָראַליש.

אַף דעם געהילץ־פֿאַרגרייט איז פֿאַראַן בלויז איין קאָמיוגיסטקע — קאַטיאַ סטאַווראָוואַ, וואָס איז געקומען מיט דער בריגאַדע פֿונעם אַקטיוו. מען האָט ביכלאַל ניט גענומען קיין מיידלעך צו דער וואַלד־אַרבעט, נאָר פֿון קאַטיאַן האָט מען זיך ניט געקענט אָפּטשעפּען. ווען אַנדריי פֿלעגט אַ רייד טאָן וועגן פֿיזישע קויכעס, פֿלעגט זי אַ בליץ טאָן מיט די אויגן:

— מיט פֿאַראַמאַנאָוון זיך שלאָגן האָב איך קויעך געהאַט, און אַף האָלץ האַקן וועט ניט קלעקן?

אָפּן געהילץ־פֿאַרגרייט האָט מען געמאַכט קאַטיאַן פֿאַר הויפּט־קיכער. איר זיין דאָרט האָט געפּרייט קרוגלאָוון — זי איז זייער נוצלעך געווען באַם איינאָרדענען אַלערליי פֿאַרווייַלונגען און פֿאַרנעמעכצן, זי האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פֿון פֿריילעכקייט; מען האָט זי ליב געהאַט, געאַכט און גערן זיך צוגעהערט צו איר. קאַטיאַ האָט זיך ניט געשעמט אַ פּאַטש צו טאָן אָדער אַף אַן עפֿנטלעכן געריכט אַרויספֿירן אַ ליאַדע באָכער וואָס האָט זי געפּרווט קאָרטעזשירן, נאָר ווי אַ פֿריינט איז זי געווען ניט צום פֿאַרבייטן מיט איר אויפֿמערקזאַמקייט און מיטגעפֿיל.

אין די טעג פֿון דעם געהילץ־פֿאַרגרייט איז קרוגלאָוו נאָענט באַפֿריינדעט געוואָרן מיט קאַטיאַן. ער איז זי מעקאַנע מיט איר פֿריילעכער רויִקייט און מיט איר זעלבשטענדיקייט. וואַלקאַ איז געבליבן אין שטאָט, אַף שטוקאַטורקע אין די נייע הייזער, און אַנדריי האָט שטאַרק כוישעד געווען, אַז זי איז געפֿאָרן אָן אים מיט אַ טאָפּלטן פֿאַרגעניגן דערמיט וואָס זי קען באָכאַמאָל אונטערשטרייכן איר זעלבשטענדיקייט. זי ווירקט אַף אַנדרייען אָפּפֿרישנדיק. אַלע ניט געלייזטע פֿראַגן דוכטן זיך מיט איר פּאָשעטער. און זי פֿאַרשטייט אים גוט.

— הייל דיך, הייל דיך, באָכער, — זאָגט זי אים איין מאָל ווען זי זעט אים אַרבעטן מיט ברען.

— וואָס איז? — פֿאַרשטייט ניט אַנדריי אינגאַנצן וואָס זי מיינט.

— מער פֿאַרנעמעכץ — ווייניקער ליבע, — זאָגט קאַטיאַ — איידער ליבע זיך אונטערגעבן, איז שוין בעסער ניט לעבן!

ער טראַכט לאַנג וועגן אירע ווערטער. נאַטירלעך, ווייס זי ניט און פֿאַרשטייט ניט אַזאַ ליבע ווי זיינע. כאָטש, ווער ווייס? זי מיט וואַלקאַן האָבן

זיך שטאַרק ליב. נאָר זי ווייס ניט פון אַ ליבע וואָס מאַטערט אויס, וואָס פּייניקט און צעברעכט דאָס האַרץ. האַלט זי אַזאַ ליבע פאַר אַ קראַנקייט? אויב אַזוי איז ער קראַנק. טיף קראַנק.

ווי פאַרנומען ער איז, איז דינאַ אומגעזען פאַראַן אין זײַן לעבן. ער טראַכט פון איר שטענדיק, אַלעמאָל אַנדערש, נאָר קיינמאָל ניט אָן דער פאַר־ליבטער שטרעבונג צו איר, אָן דער האָפענונג צוריק זיך אומצוקערן צו איר. מער ניט, איצט קען ער אַנאַליזירן און קריטיקירן. דאָס הייסט נאָך ניט באַ־פרײַען זיך פון דער ליבע, נאָר אָן אָנהייב דערפון.

ער פילט זיך וואָס אַ טאָג בעסער. די אַקטיוו־בריגאַדע גייט די ערשטע, נאָר וואָס אַ טאָג ווערט אַלץ שווערער אָנצוהאַלטן דעם ערשטן פּלאַץ, ווײַל פאַ־ראַן זײַנען אַ סאַך גוטע בריגאַדעס און אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט דער ברען פונעם פאַרוועט. צום סאָף פון דער דריטער וואָך, האָט דער ברען דערגרייכט דעם העכסטן פונקט פון אָנשטרענגונג: די בריגאַדע פון פּעטיאַ גאָלובענקאָ (פון פּעטיאַ, דעם יינגל! דעם „פּיראַט”!) האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט קרוגלאָווס בריגאַדע און דראָט זי מיט אַריבערשפּאַנען.

— דעריאָג, פּיראַט, — זאָגט קרוגלאָוו און פילט זיך פונקט אַזאַ שטי־פערישער יינגל, וואָס איז גרייט זיך אַוועקלאָזן אין געיעג — וועסט אָבער ניט אָניאָגן!

קרוגלאָווס בריגאַדע אַרבעט דעם גאַנצן טאָג מיט נאָך ניט געוועזענע טעמפּ. אינגאַנצן אַ דערשוויצטער, ניט געקוקט אָף דעם שרעקלעכן פראָסט, לאָזט אַנדריי ניט אַרויס די זעג פון דער האַנט און מונטערט מיט פריילעכע געשרייען זײַנע כאַווײרים.

די גאָלובענקאָ־בריגאַדע אַרבעט ניט ווײַט פון זײַנער, איבער דיביימער זעט מען ניט וואָס זיי טוען, נאָר נאָכן קלאַנג פון דער אַרבעט, קען מען זיך מעשאַער זײַן אַז אויך זייערע טעמפּן זײַנען ניט קיין געוויינלעכע.

באַם מיטאָג ווינקט מען זיך איבער, זידלט מען זיך איבער און אָף פראַגן ענטפערט מען אײַנגעהאַלטן: „מיר רירן זיך פּאַמעלעכן... מיר יאַק מיר, נאָר איר ווו האַלט איר?”

קרוגלאָווס בריגאַדע זאָגט זיך אָפּ פונעם ציגאַרל נאָכן עסן, און לויפט שוין צו דער אַרבעט, נאָר די גאָלובענקאָ־בריגאַדע איז שוין אַפן פּלאַץ.

קרוגלאָוו איז שוין אינגאַנצן פרײַ פון פילן דעם פּלאָנטער. ער פאַרגעסט ניט גאָרניט. דינאַ איז פאַראַן אויך דאָ, און ער האָט זי ליב, נאָר זײַנע קוי־כעס זײַנען שטאַרקער געוואָרן, און דער קאָפּ איז קלאָרער. ער וואַרפט אונ־טער זײַנע געדאַנקען דעם טאַקט פון דער אַרבעט און רעדט צו זיך אַליין: „אויב אַ פעלער, וועל איך פאַרריכטן! וויל זי ניט, דאַרף מען ניט! ס'וועט זײַן שווער? — שטאַרבן וועל איך ניט דערפון! נאָר איך בין אַ קאָמוניסט און קיין שקלאַף וויל איך ניט זײַן!...”

קאַטיאַ קלאַפּט מיט אַ שטעקן אָף אַ שטיק רעלס. אַ צייכן צום פאַרענ־דיקן די אַרבעט און צום נאָכטמאָל.

— פּעטקאָ, לייג אַוועק! — שרײַט קרוגלאָוו און אַרבעט ווײַטער.

— און איר? — ענטפערט פּעטקאָ און לייגט אויך ניט אַוועק.

זיי לייגן ביידע ניט אַוועק, נאָר עס קומט צו דער מעסטער.

זיי אײַלן זיך נאָכטמאָל עסן, ווײַל זיי זײַנען שטאַרק הונגעריק און מען דאַרף אויספילן די צײַט ביז דער מעסטער וועט אונטערציִען דעם סאַכאַקל

פון דער אַרבעט פון ביידע בריגאַדעס און וועט אים אויפשרײַבן מיט קרײַד אַף דער פּאַרוועט־ברעט.

אינמיטן דעם עסן גייט קאַטיאַ צו צו אַנדרייען און רוימט אים אײַן אַפן אויער:

— אַרויסגעהאַנגען!

קרוגלאָוו באַמיט זיך ניט צו צײַען די אויפמערקזאַמקייט און לויפט אַרויס קוקן אַף דער ברעט; ער זעט ניט, נאָר ער הערט ווי הינטער אים לויפט נאָך איינער און אַ צווייטער; און בײַ דער ברעט שטייט ער שוין צווישן אַ גאַנצן אוילעם, צוגעדריקט פון אַלע זײַטן, פון גערירטקייט, זײַנען אים ניט טייקעף פאַרשטענדלעך די ציפערן...

— שראַצים, האָבן דאָך איבערגעיאָגט! — דערהערט ער לעבן זיך אַ ליבן קאָל, און פּעטיאַ גאַלובענקאָ כאַפּט אים אַרום און שמייכלט פּאַר־דראָסיק.

— פּובליק! — שרײַט קאַטיאַ און צעשטופּט די יאַטן — דאָס עסן ווערט קאַלט! איכל אײַך ניט האָדעווען מער!

אַנדריי איז גליקלעך. דורכויס, פריילעך, יונג פריילעך.

ער כאַפּט אַרום און דריקט צו זיך פּעטיאַן און קאַטיאַן און זאָגט:

— איך בין גליקלעך ווי אַ יינגל, ערן־וואָרט!

פּעטיאַ מרוקעט:

— האָב קיין זאָרג ניט, מירן נאָך איבעריאָגן...

קאַטיאַ פאַרשטייט בעסער און זאָגט ערנסט:

— זעסטו שוין, איך האָב דיר געזאָגט.

זיי גייען צום עס־באַראַק. אַלע דרײַ אַרומגענומען. אַנדריי מאַכט זײַן כעשבן. יאָ, ער איז אויסגעהיילט. ער קען זײַן גליקלעך מיט דעם אינערלעכן גלי פון זײַן לעבן. עס וועלן אים קלעקן קויכעס פאַר ליבע, פאַר אויסדויער, פאַר קאַמף.

ער הייבט אויף דעם קאָפּ און דערזעט די שיינקייט פונעם וואַלד, פונעם שניי, פון דער יונגער לעוואָנע, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די צווײַגן, פון די בלויע שאָטנס אַפן שניי...

גליק! ווי אומדערוואַרט דו ביסט שטענדיק! ווי נײַ דו ביסט שטענדיק!

XV

דינאַ וואַשט מיט מילך העלע שיכלעך. עמעצער קלאַפּט אָן אין טיר.

— אַרײַן, — זינגט דינאַ אויס און מאַכט טייקעף אַ באַשעפטיקטע, נאָר באַצויבערנדיקע פּאָזע. זי מיינט ס'איז קאָסטקאָ.

קלאַוואַ קומט אַרײַן.

— אַ, וואָס מאַכט איר! — וואַרפט איר גלײַכגילטיק צו דינאַ — איר דאַרפט צו אַנדריושאַן? ער איז דאָך אַף דער געהילף־פאַרגרייטונג.

קלאַוואַ שטייט בײַ דער טיר און טופּעט מיט די פאַרפרוירענע פיסלעך.

— ניין... צו אײַך... קען מען? — מאַכט זי אָן אַנשטרענגונג.

— פאַרוואָס ניט? — רופט זיך פריילעך אָן דינאַ און נעמט אַראָפּ די שיכלעך פונעם בענקל — זיצט, וועלן מיר צוזאַמען זיך לאַנגווײַליקן.

קלאַוואַ טוט אויס דעם מאַנטל. זי האָט הײַנט אָנגעטאָן דאָס בעסטע האַלב־וואָלענע קלייד, האָט צוגעניים אַ ווײַס קעלנערל, זי האָט אַפילע די

פּוישטלעך מאַקריוו געווען און איז געקומען אין די נײַע שטיוועלעך. זי האָט זיך געפֿילט שטאַרק פֿאַרפּוצט ווען זי איז פֿון דער היים אַרויסגעגאַנגען. נאָר איצט איז דאָס געפֿיל אַוועק. דינאַ האָט געטראָגן אַ קליידל מיט אַ קאַפּטל, נאָר דאָס קליידל האָט געהאַט אַ מין מאָדנעם פֿאַסאָן און דאָס פּאַשעטע קאַפּטל צוגעבונדן מיט אַ פּרעכטיקן פֿיל־קאָלירטן קראַוואַט, און אַף די פֿיס האָט דינאַ געטראָגן שיכלעך, וואָס קלאַוואַ האָט קיינמאָל אַזעלכע ניט געטראָגן: אַף שטאַרק הויכע דינע קנעפּעלעך, אויסגעשניטענע, פֿון אַ ווונדערלעכן קאָווע־קאָליר. קלאַוואַ פֿאַרלירט זיך און פֿילט זיך נעבעכדיק און מיִעס.

— ס׳וועט באַלד ניט זײַן וואָס צו טראָגן, — פּלוידערט דינאַ און רײַבט מיט דעם שמאָטקעלע דאָס שיכל, אַ נאָך שענערס ווי דאָס וואָס זי טראָגט אַף די פֿיס — די האָבן זיך שוין אויך אָפּגעריבן און אַף די אַנדערע שאָקלען זיך די קנאָפּל. איר ווייסט ניט, מען קען קויפֿן אין כאַבאַראָווסק?

קלאַוואַ לײַדט און שטעלט אַרויס איר פֿוס אינעם נײַעם שטיוועלע אַף שנירלעך.

— די האָט מיר סאָניאַ געקויפֿט ווען זי איז געפֿאָרן...

דינאַ גיט אַ קוק און צעלאַכט זיך:

— גאָט מײַנער, ווי קאָמיש זיי זײַנען! „יִינגלשע" רופֿט מען זיי. נאָר כאַראַ קליין פֿיסל איר האָט. ווען איר טראָגט זאָקן מיט שיכלעך, וואָלט איר מיט אײַערע פֿיסלעך אַלעמען פֿון זינען אַראָפּגעפֿירט.

קלאַוואַן איז אָנגענעם צו הערן דעם לויב, נאָר דינאַס גנעדיק פֿריילעכע באַציִונג באַליידיקט זי. און זי דערמאָנט זיך, אַז זי איז געקומען צוליב אַן אַנדערן וויכטיקן געשפּרעך. דערצו נאָך קען זי ניט אונטערהאַלטן דעם געפּלוידער וועגן שיינער קליידונג, כאָטש זי האָט אין אַן אַנדער צײַט ליב געהאַט צו פּלוידערן וועגן קליידער און שיכלעך. — איצט זײַנען די אינטערעסן צו ווײַט פֿון איר; זינט זי איז אַהער געקומען, האָט זי זיך מיט קיין זאַך ניט באַנײַט, אַ כוץ די „יִינגלשע" שטיוועלעך.

— איך בין געקומען דורכריידן זיך מיט אײַך, — רופֿט זי זיך אָן ניט דרײַסט — איר וועט ניט ברויגעז ווערן?

— איך זע דען אויס ברויגעז?

— ניין. נאָר איך וויל ריידן אָפֿן, איך וויל ריידן וועגן אײַך. עס קען אײַך נאָך פֿאַרדריסן.

— וועגן מיר? — דינאַ הייבט מיט די אַקסלען און שמייכלט — וואָסזשע ווילט איר זאָגן וועגן מיר?

— הערט מיך נאָר אויס. — בעט זיך באַ איר קלאַוואַ — אָפֿנהאַרציק וויל איך אײַך זאָגן... מיר דוכט זיך... כ׳וועל זאָגן ריכטיק. און דאָס איז זייער וויכטיק פֿאַר אײַך און פֿאַר אַנדריושאַן.

— אָבער וואָס איז עס אַזוינס?

— פֿאַרשטייט מיך, דינאַ... אַנדריושאַ איז אָנפֿירער פֿון דער קאָמיוגאָרגאַניזאַציע. ער איז אַן אויטאָריטעט. ער האָט אונדז אַלעמען געוויזן אַ בײַשפּיל. און ער איז אַזאַ אויסגעצייכנטער, אַזאַ גוטער מענטש...

— איר זײַט פּאָשעט, זע איך, פֿאַרליבט אין אים, טײַערע — לאַכט דינאַ און שטעלט אַוועק דאָס שיכל אָן אַ זײַט — פּאָשעט פֿאַרליבט, — כאַזערט זי איבער און קוקט מיט אַ בייזן פֿאַרגעניגן אַף דער שטאַרק רויט־געוואָרענער קלאַוואַ.

קלאַוואַ איז גרייט צו וויינען.

מען קלאַפּט אָן אין טיר.

— קומט אַרײַן!

עס קומט אַרײַן קאָסטקאָ.

— ניין, ניין, קאָסטקאָ, איר'ט מוזן אַוועקגיין. איר וועט צוריקקומען שפּעטער... מיר האָבן איצט אַזאַ וויכטיקן, אַזאַ אינטערעסאַנטן שמועס... וועגן ליבע.

זי פאַרמאַכט הינטער אים די טיר, אַ צעשמייכלטע, נאָר אינערלעך אָנגעשפּיצטע.

קלאַוואַ האָט באַוויזן גיוועער צו זײַן איר צעטומלטקייט און זיך צוגרייטן.

— איר דאַרפט אַנדערש לעבן, דינאַ, — זאָגט זי פעסט — איר לעבט צו לײַכטזיניק, צו ניט ערנסט. דאָס טאָר מען דאָ ניט, פאַרזיכער איך אײַך. גיט אַ קוק אַף אונדז אַלעמען און אַף זיך. איר טיילט אײַך אויס פון אַלעמען. וועגן אײַך גייען אום קלאַנגען איבער דער גאַנצער בויונג. אַנדריושאַ גלייבט אײַך, איצט איז ער אַוועקגעפאָרן, איר האָט געגעכטיקט אינעם אינזשעניער־הויז, און ווען ער דערוויסט זיך...

— איר זײַט פונעם זינען אַראָפּ! — צינדט זיך אָן דינאַ — ווער האָט אײַך דערלויבט מיר מוסער צו זאָגן? וואָס גייט עס אײַך אָן? און צוליב וואָס, וואָלט איך וועלן וויסן, שפּירט איר מיך אויס ווו איך נעכטיק? אויך דאָס איז אויס אַכטונג צו קרוגלאָווס אויטאָריטעט?

— איך האָב ניט נאָכגעשפּירט, — ציטערט בײַ קלאַוואַן דאָס קאָל — ווי קענט איר גאָר טראַכטן אַז איך האָב אײַך נאָכגעשפּירט?... נאָר אַלע זאָגן עס...

— „מען זאָגט, מען זאָגט!" איר אַליין, טײַבעלע, צעבלאָזט די פּליאָט־קעס! און ווער ווייס, צי זײַט איר ניט אַליין פאַראינטערעסירט דערין מיך צו צעקריגן מיט אַנדרייען.

קלאַוואַ שרײַט אויף און דעקט צו מיט די הענט דאָס פּנים. נאָר דינאַ איז ערנסט אויפגעבראַכט — דאָס שעפּעלע איז געקומען זי לערנען? טאָ זאָל זי באַקומען אירס!...

— טאַטעלעך, וויפל כ'האָב איבערגעלעבט! און מען קומט מיך נאָך אַרויספירן אַפן וועג פון עמעס! — כויזעקט דינאַ.

— יאָ! — שפּרינגט אויף קלאַוואַ און דעקט אָפּ איר רויט געוואָרענעם פּנים פון קאַס — יאָ, כ'בין געקומען! כ'האָב גאָר קיין כיישעק ניט געהאַט צו גיין. נאָר דאָס איז מײַן כויוו. מײַן קאָמיוגישער כויוו. און איך וועל אײַך זאָגן אַלץ וואָס איך דענק. נאָר איר מאַכט אומזיסט אַזעלכע אָנצוהערענישן... צי דען זײַט איר אייפערזיכטיק?

— איך אייפערזיכטיק? — צעלאַכט זיך דינאַ אומנאַטירלעך — נאָך דאָס האָט געפעלט! אייפערזיכטיק זײַן אַף אַנדרייען? צו אײַך?

זי ציט זיך אויס אין בעט מיט אירע שלאַנקע פיס. אין אירע ווערטער און איר געלעכטער הערט זיך אַ באַליידיקנדיקע פאַראַכטונג. קלאַוואַ פילט ווי אײַנגעזונקען צו ווערן.

— איז דאָך אַוואַדע גוט, — גיט זיך קלאַוואַ ניט אונטער — און באַליידיקט מיך ניט! איך וועל סײַ ווי זאָגן אַלץ וואָס איך דענק. איך בין געקומען ווי אַ פרײַנט, צוליב אַנדרייען און צוליב אײַך, וואָרעם אָן אײַך, וועט אַנדריי ניט זײַן גליקלעך. און וואָס איך פיל — צו וואָס באַרירט איר עס?

מיט יעדן וואָרט וואַקסט אין איר דער געפיל פון איר אייגענער כשיוועס. זי דערמאָנט זיך אַלץ וואָס זי האָט אין דער היים איבערגעטראַכט, אַלץ וואָס זי האָט אַ סך מאָל איבערגערעדט מיט סאָניאַ איסאַקאָוואַ, מיט לילקאַן. און ווער איז אַזוינס דינאַ, וואָס זאָל זי פאַראַכטן. זי, קלאַוואַן? וואָס האָט זי געטאָן? מיט וואָס צייכנט זי זיך אויס? קלאַוואַ פילט זיך העכער פון דינאַן. זי וואַרפט אַפּ די אומווירדיקע פאַר אַ מיידל געפילן און גיט שטאָלץ צו:

— איך זאָג, איך בין פאַרליבט? ניין, איך האָב ליב אַנדרייען, כ'האָב אים ליב אַף אַן עמעסן און איך ווינטש אים גליק.

— נו? — אַזוי איר אונטער דינאַ אַ פאַרלוירענע. קלאַוואָס אָפנ־האַרציקייט איז פאַר איר געווען אומגעריכט און האָט זי צעמישט.

— מיר טוט שטאַרק וויי, — זאָגט אַנטשלאָסן קלאַוואַ — וואָס זײַן גליק — זײַט איר. נאָר אויב איר זײַט עס שוין, וויל איך, אַז זײַן גליק זאָל זײַן אַ גליק.

דינאַ זעצט זיך אויף אין בעט אַ שטאַרק פאַראינטערעסירטע.

— איר זײַט אַ זעלטן מיידל, — זאָגט זי — וואָס־זשע ווילט איר פון מיר?

דער סינע־אויסבראָך איז אַוועק. דינאַן איז אינטערעסאַנט און אַ ביסל פאַרדראָסיק. קלאַוואַ באַמערקט אַן ענדערונג אין איר שטימונג און זי ניצט זיך אויס דערמיט.

— דערנאָך דענק איך וועגן אײַך. איר זײַט דאָך אונדזוערער, אַ סאָוועט־ישער מענטש. און לעבן לעבט איר ניט אַזוי, ניט ווי גוט איז, איר לעבט שאָלעם־מאָכעריש.

— שאָלעם־מאָכעריש? — כאַזוערט איבער דינאַ מיט אַ געלעכטערל — איך פאַרשטיי ניט. וואָס מיינט עס?

— נו, ווי זאָל איך עס אײַך דערקלערן... אָט זײַט איר אַף אַ שטעלע. און אַ שלאָגלערן. איר לייענט מיסטאָמע צײַטונגען אויך. און אײַער לעבן גייט זיך מיט אַ זײַט, פאַרבײַ... און דאָס אַלץ אינטערעסירט אײַך גאָרניט, אינטערעסירט ניט אַנדערע צו קוקן אַף אײַך... איר לעבט אײַך און איר לעבט, וואָס־זשע אָבער קומט אַרויס פון אײַער לעבן?...

דינאַ איז צו פאַרוווּנדערט אַז זי זאָל זיך קענען אויפרעגן.

— אַך, גאָט מײַנער! — זאָגט זי — צי דען בין איך אַליין צופרידן מיט מײַן לעבן?

זי זאָגט עס פונקט אַזוי ווי זי זאָגט עס קאָסטקאַן, און סליעפּצאָוון, און אַנדערע. נאָר קלאַוואַ איז אַן אַנדערע. מיט איר וואָלט מען אַנדערש גע־דאַרפט ריידן. דינאַ וואָלט זי וועלן געווינען אַף איר זײַט — די אומבאַוווּסט־זיניקע באַדערפעניש אַלעמען צו געפעלן, וואָס איז אָפּט אייגן פרויען, איז אין איר שטאַרק אַנטוויקלט. אַ כוץ דעם, האָט קלאַוואַ אַף איר געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

— עפשער בין איך אַ שלעכטע, איך ווייס ניט, — זאָגט טרויעריק דינאַ. כאָטש זי האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר קיין שלעכטער — נאָר אַזאַ בין איך, ווי איך בין. אויב מיך ציט ניט די שלאָגלערישקייט, וואָס קען איך מאַכן? איך האָב ליב פרייַלעכקייט, איך האָב ליב טענץ, כ'האָב ליב מען זאָל זיך אין מיר פאַרליבן. לויט אײַך איז עס שלעכט? וואָס־זשע קען איך טאָן?

זי ריכט זיך אַז קלאַוואַ זאָל עס אָנערקענען פאַר שלעכט און איז שוין

גרייט צו ענטפערן: „איך בין יונג און שיין. וואָלט איך געווען אַ פּאַרזעניש, וואָלט מיך אויך אַרײַנגעצויגן די אַרבעט".

— ווער־זשע האָט דאָס ניט ליב! — רופט אויס קלאַוואַ — איך אַליין האָב שרעקלעך ליב טאַנצן און כ'האָב ליב מען זאָל זיך אין מיר פאַרליבן.

דינאַ קוקט אַף קלאַוואַן מיט אינטערעס. זי באַמערקט ערשט איצט, אַז קלאַוואַ איז זייער אַ שיין מיידל. — עס פּאַטערט זי אַוועק דאָס ניט שיינע קליידל און דער ביליקער בײַוולנער בערעט!

— איך קען ניט קיין אַסטראָנאָמיע, — זאָגט קלאַוואַ — אין שול זײַנען מיר דורכגעגאַנגען, נאָר זייער ווייניק. געדענק איך, מיר האָבן געלערנט, אַז ווען אַוועלכער עס איז קערפּער קומט אַרײַן אין דער אָרביטע פון אַ פּלאַנעט, שלעפּט אים דער פּלאַנעט אַוועק מיט זיך. און אָט זײַנען באַ אונדז אויך אַזעלכע געווען. אָט לאָמיר נעמען וואַלקאַן — איר קענט אים. פון אָנהייב האָט ער זיך אַלץ ניט אַרײַנגעפּאַסט. אַנדערע אַרבעטן און פרייען זיך און ער, אַלץ ניט דאָס, אַלץ ניט אַזוי. דאָ וויל ער ניט קאָרטשעווען, דאָ פאַרפירט ער אַ געשלעג צוליב די מיידלעך, ער האָט שוין אַפילע געוואָלט אַנטלויפן אויך. ער האָט זיך ניט געקענט צוגעווינען. דערנאָך האָט עס אים פאַרכאַפּט. ער איז אַרײַן אין דער אָרביטע.

— הייסט עס, לויט אײַך, איך בין עלעהיי וואַלקאַ? איך בין ניט אַרײַן אין דער אָרביטע? — פרעגט דינאַ האַלב ערנסט, האַלב שפּאַס.

— ניין, איר זײַט ערגער, — שרײַט אויפריכטיק אויס קלאַוואַ — אַ סאַך ערגער! איר זײַט ניט אַרײַן אין דער אָרביטע, נאָר אין דער אָרביטע פונעם גאַנצן סאָוועטישן לעבן, און וואַלקאַ האָט נאָר צו דער היגער אָרביטע ניט געקענט צושטיין.

— קומט עס אויס, אַז איך בין אַן אַנטיסאָוועטישער עלעמענט?

— אָ, ניין. איך האָב דאָך געזאָגט: איר לעבט שאָלעם־מאַכעריש. אי יאָ אי ניין. אײַך, הייסט עס, איז אַלצאיינס, אַבי עס זאָל זײַן פריילעך.

דינאַ בלאָזט זיך אָן. דאָס מיידל דערלויבט זיך צופיל. צײַט זי אַוועקשטעלן אַף איר אָרט. נאָר דינאַ ווייס ניט וויאַזוי דאָס צו טאָן. און צעקריגן זיך מיט דעם שעפּעלע קען מען ניט, עס וועט נאָך אָנקומען צו אַנדרייען, עס טויג ניט. און צי דען ווייסן אַלע, אַז זי האָט געגעכטיקט אינעם אינזשעניערן־הויז? ס'איז נאַריש!

— ערן־וואָרט, איך טו קיינעם קיין שלעכטס ניט, — זאָגט זי מיט דעם גוטמוטיקסטן שמייכל וואָס זי קען מאַכן — איך שטער קיינעם ניט און קיינער שטערט מיר ניט. וואָס גייט עס אײַך אָן צי עס ציט מיך דער סאָציאַליזם אָדער ניט? איך אַרבעט דאָך גוט?

— ווער האָט אײַך געזאָגט אַז גוט?

— ווייסט איר וואָס איך וועל אײַך זאָגן, דאָס איז שוין צופיל! — איז דינאַ אויפגעברויזט — איך בין אַ שלאָגלערן, סאָפּקאָלסאָף האָט מען מיך פּרעמירט...

— איר ווייסט דאָך גאָרניט ווי מען קען אַרבעטן, — ענטפערט איר אָפּ קלאַוואַ — און איר זײַט ניט די איינציקע... טרוימען קענט איר?

— טרוימען? — פרעגט איבער דינאַ און פאַרשטייט ניט וווהין קלאַוואַ צילט.

קלאַוואַ שאָקלט צו מיטן קאָפּ. קענטיק, זי גיט דער פראַגע אַ גרויסע באַדײַטונג.

— נו, עס טרעפט נאַטירלעך... — דינאַ פאַרשטייט אַליין, אַז זי ענט־פערט עפּעס ניט דאָס — אַט האָב איך אין ראָסטאָוו געטרוימט, שטאַרק גע־טרוימט פון פאַרן אַהער...

נאָר קלאַוואַ הערט זי אויס מיט אַזאַ פּאָנעם ווי זי וואָלט זי באַדויערט און אַפילע פאַראַכט. וואָס איז עס פאַר אַ הינטערפּיסל?

— צו וואָס פרעגט איר עס?

— מיר דוכט זיך, — קלערט איר אויף גנעדיק און ווייך קלאַוואַ — אַז אין אונדזער צײַט קען מען גאָר אַן טרוימען ניט אַרבעטן ווי ס'געהער צו זײַן. איצט איז שוין גרינג, נאָר די ערשטע צײַט איז שרעקלעך געווען, אַ קעלט אין די געצעלטן, דער ווינט וואָיעט... נו, אַנגעליטן זיך פון אַלץ. נאָר מען האָט געטרוימט... שווער אַפילע צו דערציילן איצט, ווי מען האָט גע־טרוימט. מיר קומען זיך צונויף אַרום דעם שײַטער, מיר וואַרעמען זיך, מיר טריקענען דאָס אָנטאָן און מיר טרוימען... און פון דעם טרוים גייט די אַרבעט אַזוי, אַז אָנשטאָט צען קובאָמעטער פלעגן מיר מאַכן דרײַסיק. אַז דו טרוימסט, ווילסטו דאָך עס זאָל מעקויעם ווערן, און אַז דו ווילסט, פלײַסטו זיך ווי ווײַט דו קענסט.

און זי שמייכלט דערבײַ פאַרטרוילעך צו דינאַן.

דינאַ שווײַגט. זי ווייס ניט וואָס צו זאָגן. עס רעגט זי אויף דאָס וואָס דאָס מיידל לערנט זי גאַנץ אָפן און דאָס וואָס זי האָט ניט וואָס אָקעגנצו־שטעלן קלאַוואַס לערנען, וואָס קלאַוואַ האָט אינעם שמועס געצוימען די איי־בערהאַנט איבער איר. „נאַרישקייטן! — רעדט זי זיך אַליין אײַן — וואָסער אייבערהאַנט? איך בין אַן אינטעליגענטער מענטש, און זי... אַ שעפּעלע, אָוואַדע אַ שעפּעלע, און נאָך אַ פאַרליבטע אין אַנדריושאַן. קאָמיש! זי קומט לייענען נאָטאַציעס איר קאָנקורענטקע!״

— מוזן דען אַלע סאָוועטישע בירגער טרוימען? — פרעגט זי אַן אויפגערעגטע.

— וואָס רעדט איר נאַרישקייטן! — ענטפערט איר קלאַוואַ אומגע־קוועלט — וואָס קען זיך דאָ אַן מוזן? פּאָשעט, אַז אַ מענטש טרוימט ניט וועגן דער צוקונפט, זעט פאַר זיך קיין ציל ניט, וויל ניט מאַכן דאָס לאַנד סאָציאַליסטיש, פריידיק — איז ער אַן ענגהאַרציקער, אַ קליינלעכער מענטש.

— אַ דאַנק.

— ווי דען? און דער דאַנק קער זיך אויך ניט אַהער. איר זײַט דאָך מיט אַן עמעסן אַן ענגהאַרציקער מענטש. איר זעט זיך, און מער גאָרניט. און איר זײַט ניט איינע אַזאַ. אָט איז פּוטינס ווײַב, וואַכרושעווס — זיי זײַ־נען אויך אַזעלכע. ווי אָפּגעצוימטע.

— זיי לייענט איר אויך נאָטאַציעס?

קלאַוואַ בלײַבט שטיין, ווערט רויט און זאָגט:

— איך פאַרשטיי ניט דאָס וואָרט — נאָטאַציעס. נאָר איך לייען זיי קיין זאַך ניט. מיר קומט אַפילע ניט אויס צו ריידן מיט זיי.

— פאַרוואָס־זשע קומט מיר אַזאַ פּריווילעגיע?

אין דינאַס רייד הערט זיך ווידער כויזעק. זי פרייט זיך: „אַן אומגע־בילדעט מיידל! פאַרשטייט ניט קיין פּאָשעטע ווערטער. נאָטאַציע! און לייענט נאָטאַציעס...״

— ווען איר זײַט ניט אַזאַ שיינע, וואָלט איך צו אײַך ניט געגאַנגען —

זאָגט קלאַוואַ אַן אָנגעכמורעטע. זי האָט אויפגעכאַפּט דעם כויזעק און עס פֿאַרדריסט איר.

— וואָס קער זיך אָן אַהער מײַן שיינקייט ?

קלאַוואַ רויטלט זיך און ענטפערט איר בייז :

— ווי פֿאַרשטייט איר ניט, אַז אַזעלכע פרויען זײַנען שעדלעך ? און אַז זיי זײַנען שיין, זײַנען זיי טאָפּלט שעדלעך. אָט פּוטינס פרוי — זעגט אים אין דער היים, זעגט אים. און איר פֿאַרדאַרבט די מענטשן. איר האָט זיי אַלע צעמישט, סליעפּצאָוו און קאָסטקאָ שטעלן זיך איינער דעם צווייטן שטעקנס אין די רעדער, די מענטשן זײַנען צווישן זיך אַף מעסערס, פֿאַר יעדן צוועקל רײַסט מען זיך, קריגט מען זיך, יאַבעדעס. איבער אײַך רײַסן זיי זיך, איינער דעם אַנדערן פֿאַרפֿאַרט אין די ציינער, און אײַך איז פֿריילעך.

דינאַ ווייס דאָס אַלץ. ווען קרוגלאָוו האָט דאָס איר אויסגערעדט, האָט זי אים אַנטוואָפֿנט מיט דער קאָקעטער פֿראַגע : „וואָס־זשע קען איך טאָן אַז זיי זאָלן זיך אין מיר ניט פֿאַרליבן ?" אַנדריי גופֿע האָט זי ליב שטאַרקער פֿון אַלעמען, קלאַוואַן קען זי אַזוי ניט ענטפֿערן.

— זיי זײַנען נאַראָנים, בין איך שולדיק ? — זאָגט זי אומזיכער.

— איר רייצט זיי דאָך אַליין אָן ! — איז קלאַוואַ אויסער זיך — איר דרודלט זיי אָן ! וואָס, איך זע דען ניט ווי איר קאָקעטירט מיט זיי ? און וווהין שטויסט איר זיי ? ביז אײַך איז דאָ אַזעלכעס ניט געווען, און איצט, וואָס אַ נאַכט, איז אינעם אינזשעניערן־הויז שיקרעס, טענץ, געשלעגן. אײַך פֿאַלט אײַן באַנאַכט מיט שניי זיך וואַרפֿן, און איבערן גאַנצן דערפֿל איז אַ געשריי, אַ קוויטשערײַ, צוויי האָבן זיך צעשלאָגן . . . און וואָס זאָגט מען ? ווייסט איר ניט ? איר וואָלט באַדאַרפֿט הערן די אַרבעטער. מען זאָגט ניט דינאַ יאַרצעוואַ, מען זאָגט — קרוגלאָווס ווײַב. און נאָך זאָגט מען . . . זײַט מיר מוחל פֿאַר דעם גראָבן וואָרט, נאָר גייט דורך איבער די באַראַקן, וועט איר אַליין הערן . . . אַ שליוכע — זאָגט מען. און איר זײַט דאָך אַ יונגע פֿרוי. מיר איז אַ בושע פֿאַר אײַך. אַ ביזאָיען ! און פֿאַר קרוגלאָוון ווערט מיר פּאָשעט דאָס האַרץ צעריסן . . .

און נאָכן אויסשרײַען אַלץ צעוויינט זיך קלאַוואַ.

דינאַ זיצט אַפֿן בעט אַ דערנידעריקטע, אַ דערשיטערטע. ווען קלאַוואַ צעוויינט זיך ניט, וואָלט זי זיך צעבייזערט און זיך אויך צעשריגן. נאָר קלאַוואַ וויינט אויס בושע פֿאַר איר. איר אַליין ווילט זיך וויינען. און עפּעס אַנדערש בלײַבט ניט וואָס צו טאָן.

— שרעקלעך ! שרעקלעך ! — שרײַט זי אויס דראַמאַטיש און צע־קלאָגט זיך.

אין טיר קלאַפּט מען ווידער אָן. קאָסטקאָ איז צוריקגעקומען. דינאַ גיט אַ ריס אויף די טיר.

— גייט אײַך פֿון דאַנען ! — שרײַט זי — אַלע קריכט איר צו מיר, דערנאָך זאָגט מען דער רוער ווייס וואָס. גייט אײַך און לאָמיך אײַך מער ניט אָנקוקן ! איך וויל פֿון קיינעם ניט וויסן. פֿאַרשטאַנען ?

און זי קלאַפּט צו די טיר און שליסט זי צו.

— נו, צו וואָס האָט איר אים אַזוי ? — מורמלט קלאַוואַ אַ דערשראָ־קענע — איר וואָלט אים מיט גוטן . . .

נאָר דינאַ פֿאַלט אַפֿן בעט און יאָמערט ווײַטער און ברעכט זיך היסטע־

ריש די הענט. קלאַוואַ זעצט זיך אַוועק לעבן איר, נעמט זי אַרום באַ די אַקסלען.

— ווייגט ניט, מען קען דאָס אַלץ פֿאַרריכטן, — רעדט זי צו איר זאָר־געוודיק און פּאַרניפּטיק, ווי אַן עלטערע שוועסטער צו אַ ייִנגערער — און אַז מען האָט אײַך ליב, איז עס דאָך גוט. דאָס איז אַ גרויסער באַוועגער. אָט פֿלעגט אונדז אַנדריושאַ שטענדיק שיקן ווען ערגעץ פֿלעגט נעמען רײַבן: וואַרעמט זיי אונטער, מיידלעך. איר האָט געלייענט וועגן זשאַן ד׳אַרק? מיר דוכט זיך שטענדיק, אַז זי איז געווען זייער אַ שיינע. פֿאַר איר איז מען גע־גאַנגען אַף טויט. און איר וואָלט זיי געקענט באַגײַסטערן אַזוי אַז זיי זאָלן זיך ניט די ציין אויסזעצן, נאָר זיך רײַסן פֿאַר אויספֿילן דעם פּלאַן, פֿאַרן ערשטן פּלאַץ. און לאָזט אײַך אָפּ פֿון זיי... צו וואָס? אַנדריושאַ האָט אײַך ליב, איר האָט אים ליב. צו וואָס טויג אײַך לויפֿן צו אַנדערע? איר ברענגט שאַנד אַף זיך און אַף אַנדריושאַן, און קיין פֿרייד איז דערפֿון ניטאָ...

דינאַ הייבט זיך מיטאַמאָל אויף און וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ קלאַוואַס האַנט.

— גענוג מיך צו לערנען! — זאָגט זי בייז און פֿאַראַקשנט — צי איר מיינט מיט אַן עמעסן אַז אײַך וועט זיך אײַנגעבן מיך איבערצודערציִען? אין אײַער אַרביטע מיך אַרײַנבנעמען?

קלאַוואַ האָט זיך ניט געריכט אַף קיין נײַעם אויפֿברויז. זי זאָגט איר מיט היץ:

— פֿריִער אָדער שפּעטער נאַטירלעך! ניט מיר — איז אַנדערע. אַזאַ באַוועגונג גייט אַן אין לאַנד, שוין־זשע וועט עס אײַך ניט פֿאַרכאַפּן? — און זיך אַליין ענטפֿערט זי מונטער: — ס׳וועט איר פֿאַרכאַפּן! זעט: איבער־פֿאַלער געוועזענע, אַף דער טראַססע — און ווי אַרבעטן זיי איצט!

קלאַוואַ פֿילט זיך אַלס זיגערן, אַ שרעקלעך פֿאַרמאַטערטע זיגערן, און קלײַבט זיך אַוועקגיין.

— מירן לעבן וועלן מיר זען, — זאָגט איר העפֿלעך דינאַ און פֿירט זי אַרויס — אין יעדן פֿאַל, אַ דאַנק פֿאַר דער אָפּנהאַרציקייט.

זי קוקט דורכן פֿענצטער ווי קלאַוואַ לויפֿט צו זיך אין באַראַק. וועט זי דערציילן אַנדרייען אָדער זי וועט ניט דערציילן? „ניין, — באַשליסט דינאַ, ווען זי דערמאָנט זיך ווי קלאַוואַ האָט זיך צעשריגן און האָט זיך דער־נאָך צעוויינט — זי איז אַ גוטע, זי וועט ניט דערציילן. נאָר, גאָט מײַנער, וויפֿל פֿאַרדריסלעכע זאַכן זי האָט אַלץ אָנגערעדט! און סאַראַ זיכערקייט — אַזאַ באַוועגונג, אַרביטע, אַפּילע פֿאַרברעכער... איך באַגריס דיך, דינאַ, מען האָט דיך אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט פֿאַרברעכער! ניין, אַפּילע הינטער זיי, זיי זײַנען שוין אין דער אַרביטע, און דו ניט. דײַן אָרט איגעם פֿלי וועט זײַן נאָך די באַנדיטן און פֿאַרפֿירערנס. שליוכע...״

זי שוידערט אויף. סאַראַ וואָרט! סאַראַ מיִעסקייט!

און טאָמער דערוויסט זיך אַנדריי? טאָמער קומט עס אָן צו אים?...

עס דערהערט זיך אַ ניט דרײַסטער קלאַפּ אין טיר. נו, פֿאַרשטייט זיך, קאָסטקאַ האָט אָפּגעוואָרט הינטערן ראָג, ביז דינאַ וועט זיך אָפּפּאַרטיקן.

ער קושט איר די הענט און בעט זי ניט ברויגעז צו זײַן, גלײַך ניט זי האָט אַף אים געשריגן, נאָר ער אַף איר.

— וואָס האָט זי געוואָלט פֿון אײַך דער טינט־שנעק? — פֿרעגט ער. טינט־שנעק? נו, פֿאַרשטייט זיך, אַ מיידל, אַ פֿאַרליבט נאַרעלע...

און זי האָט די אויערן אויפגעשטעלט, האָט זיך שוין צעכליפּעט, זיך פונאַנ־דערגעפּילט ! . . .

— ניין, זי איז ניט קיין טינט־שנעק, — פאַרטיידיקט זי דינאַ אויס ווידערשפּעניקייט — און ערן־וואָרט, זי איז אַ ביז גאַר שיינינקע. איך פאַר־שטיי ניט פאַרוואָס קאָרטעזשירט איר זי ניט אַלע ?

— ווען איר זייט פאַראַן ! — שרייט היציק אויס קאָסטקאָ.

דינאַ איז דערפרייט. אָט ווען דאָס שעפּעלע הערט דאָס !

— און דאָך איז גענוג סקאַנדאַלעוועון ! — זאָגט זי אַנטשלאָסן — איך פאַרוועער אייך מיר נאָכלויפן און זיך קריגן מיט אַנדערע, און ליידן פון שלאָפ־לאָזיקייט. זייט אַזוי גוט אַריבערשטייגן דעם פּלאַן !

זי לאַכט און זי רעדט ערנסט.

זי שיקט אַוועק קאָסטקאָן און הייצט אָפּילע אַליין אונטער דאָס אייוועלע.

און ווען סליעפּצאָוו קומט צו לויפן זי נעמען טאַנצן, טרייבט זי אים אַרויס.

— ניין, ניין ! — זאָגט זי — איך ווער אַ מאַנאַשקע. קיין פּאָקסטראָטן מער ! פּראָמפּינפּלאָן — און קיין וואָרט ניט מער.

דריי טעג האַלט זי זיך. דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז מען דאַרף אָנ־האַקן האָלץ און אַליין האַקן האָט קיין זין ניט. מען דאַרף אַוועקטראָגן די וועש צו דער וועשן — אַזאַ גרויסן פּאַק. און סאָפּקאָלסאָף, מוז מען אָפּהאַר־געגנען די קאַלטע פינצטערע נעכט. זי קוקט מיט סיגע אָף איר נעבעכדיקן צימער, אָף דעם פאַשעטן טיש, אָף דער אָרעמער וועלפּישער פעל באַ איר אָפן בעט . . . און ווען קומט אַנדריי ?

מען ברענגט איר דעם געוויינלעכן בריוו. זי לויפט דורך צעשטרייט די ליבעס־ווערטער. זיי רעגן זי אויף. אויב ער האָט זי ליב, פאַרוואָס־זשע איז ער אַוועקגעפאָרן ? אַ האַלצהעקערס אַ ווייב — וווּנדערלעך שיין ! און אָט איז דער סאַמע איקער ! „איך וואָלט מיך געקענט אַרויסרייסן אָף אַ טאָג, נאָר איך צווינג מיך ניט אַוועקצופאָרן. דו פאַרשטייסט, איך רייד איבער אַנדערע ניט אַוועקצופאָרן ביז מירן ניט ענדיקן, דערפאַר דאַרף איך ווייזן אַ ביישפּיל . . .״

זי וואַרפט אַריין דעם בריוו אין פייער אַריין. ניין, איך פאַרשטיי ניט און איך וויל ניט פאַרשטיין. אַ ביישפּיל ? זאָל ער ווייזן אַ ביישפּיל, נאָר דעמאָלט איז צום טייוול די ליבע, די געטריישאַפט, דער קרעציקער באַראַק, די נעבעכדיקע מאַנאַסטירישע דירע !

זי טוט זיך אָן איר בעסט קלייד, פאַרבט זיך לייכט צו די ליפּן און מיטאַמאָל, אַ פריילעך געוואָרענע, קלינגט זי אָן סליעפּצאָוון, אַז שוין קומט זי.

XVI

ס׳איז פרילינג, נאָר אַזאַ קעלט האָט יעפּיפאַנאָוו נאָך קיינמאָל ניט גע־פילט אָפילע ניט אין די שטרענגסטע ווינטער־טעג. ער איז דורכגענעצט און דורכגעפרוירן, אַ פייכטער יאָגנדיקער ווינט נעמט אים דורך און אונטער דעם פייכטן אַנטאָן נאָגט דאָס לייב פון קעלט.

דאָס איז זיין פערצנטער רייס — דער פערצנטער און דער לעצטער אין דעם ווינטער. די קאַלאָנע פירט אַ לאַדונג ברען־מאַטעריאַל און מוז זיך

דורכשלאָגן צו דער בוויונג אום יעדן פּרײַז, אַז ניט, בלײַבט די בוויונג אָן ברעך־מאַטעריאַל ביזן טײַך־פּאַרקער.

און אין דער נאַטור איז פרילינג. אַף דעם שעטעך פון דער צוקונפטיקער אײַזנבאַן שטייען קאַליזשעס, און פונעם צעווייקטן שניי איז געוואָרן אַ קאַשע. איצט פאַרקירעווען זיי אָפּן אײַז און פונעם ברעג פאָרן זיי אַרויף אָפּן אײַז־וועג, זיי זײַנען דורכגענעצט, ווײַל זיי מוזן זיך דערקלײַבן אַהין איבערן נאָכגעלאָזטן טײַך־זוים: צוויי אויטאָמאָבילן זײַנען שטעקן געבליבן. מ'האָט זיי געמוזט אַרויסשלעפּן מיט די הענט.

פאַר דער לעצטער וואָך איז דאָס אײַז שוין מיט אַן עמעסן ניט דער וואָס געווען. דער אייבערשטער דעק לאָזט נאָך, אונטערן דרוק פון די פרילינג־וואַסערן באַווײַזן זיך טיפע שפּאַלטן, פון די שפּאַלטן שפּאַרט שוואַרץ וואַסער, צווישן די אײַז־שטאָכים צעגיסן זיך פּלאָנקעס און שנײַדן איבער דעם וועג. אונטער די רעדער פון דעם שווער באַלאָדענעם אויטאָ קנאַקט און טרעשטשעט דאָס אײַז.

שוין דעם פערטן מעסלעס ווי זיי פאָרן. יעפּיפאַנאָווס אויטאָ גייט נאָכן פאָדערשטן, דעם פאָדערשטן פירט גרישאַ איסאַקאָוו, דעם דריטן פירט קילטו.

יעפּיפאַנאָוו ווייס אַז אַלע זײַנען זיי דורכגענעצט, נאָר ער פילט זיך אַזוי אומגעוויינלעך שלעכט, אַז אים גלייבט זיך ניט אַנדערע זאָלן אויך אַזוי זיך פילן. וואַסער, נאַטירלעך, איז נאַס און יעפּיפאַנאָוו דאַרף זיך ערשט ניט צוגעוווינען דערצו. נאָר טויכערײַ איז טעכניק. און דאָ קריך נאַרישערהייט מיטן אָנטאָן און מיט די פוישטן אינעם אײַז־וואַסער, און איצט זיץ אָפּן ווינט און פריר! אַ קייוועגעשיכטע! מען זאָל נאָר דערפאָרן!... כאַבאַראָווסק איז שוין ווײַט הינטער זיי, און דאָס לעצטע גלידל, ווו מען וואָלט זיך קענען אָנוואַרעמען באָם אויוון, איז אויך ווײַט... און ערגעץ אומענדלעך ווײַט איז די שטאָט, וואָס וואַרט אָפּן ברעך־שטאָף, דער גאַראַזש מיט דעם שאָפערישן שטיבל און לידינקאַ איז לידינקאַ! דאָס ליכטיקע און שטענדיק ענערגישע ווײַבעלע, וואָס ער האָט זיך מיט איר נאָך אַלץ ניט אײַנגעלעבט, און איר עקזיסטענץ גופע בלענדט אים נאָך ביז איצט ווי אַ צו העלע שײַן. איז זי טאַקע פאַראַן? האָט זי אים טאַקע ליב? און זיי זײַנען שוין מאַן און ווײַב דעם פערטן כוידעש?... ער איז אין סאָפעק יעדן מאָל ווען ער קערט זיך אום צו איר פון אַ רײַזע און ער קוקט אַף איר מיט דערשראָקן־אומגלייביקע אויגן און באָם אַרומנעמען זי, באַטאַפּט ער מיט די הענט אירע אַקסלען, אירע הענט, איר צאָפּ, ווי ער וואָלט אויסגעפּרוווט — עקזיסטירט זי מיט אַן עמעסן, איז זי מיט אַן עמעסן דאָ, מיט אים, אין זײַנע אָרעמס...

דער אויטאָ ריטשעט און ציטערט מיט דעם גאַנצן קערפּער.

אינעם גרויען נעפּל פונעם קאַלטן כמאַרנעם טאָג זעט מען קיין זאַך ניט אַ כוץ די וויסטע ברעגעס, די ווײַטע און נאָענטע אײַז־פעלדער, פאַרבאַקענע קופּעס שניי, שוואַרצע פלעקן דורכגעשלאָגענעם וואַסער און דעם קאַסטן פון דעם פאָדערשטן אויטאָ. יעפּיפאַנאָוו טראַכט וועגן דעם וואָס די הינטישע קעלט און דאָס פאָרן וועט נעמען נאָך צוויי מעסלעס; וואָס לידינקאַ וואַרט און איז זיכער אומרויק, וואָרעם אַרויסגעפאָרן זײַנען זיי מיט צען טעג צוריק; וואָס דער ווינט קען אויפברעכן דעם ניט פעסטן אײַז — און דעמאָלט וועט אַלץ אַוועק צום טײַוול, די פיש אַף אַ מיטאָג... אַז פאָרויס איז צוויי הונדערט קילאָמעטער און מען מוז דערפאָרן וואָס עס זאָל ניט זײַן.

ער גיט אַ האַסטיקן שטעל אָפּ דעם אויטאָ, ווײַל דער פאָדערשטער האָט

זיך פֿאַרהאַקט אין מיטן פֿולן גאַנג. גרישאַ איסאַקאָוו שטייט אַפֿן אײַז און דרייט מיטן קאָפּ. ס'איז שלעכט. צוויי הונדערט שפּאַן פֿאַר זיי איז דער וועג פֿאַרגאָסן און דער ווינט רינצלט גאַנץ היפּש דאָס וואַסער.

זיי לאָזן זיך אַוועק זוכן ווו מען קען אַרומפֿאָרן און פּרווון מיט שטעקנס דאָס אײַז. נאָר וואָס קען מען מיט אַ שטעקן וויסן, ווען דער אויטאָ וועגט זיכערע זעקס טאָנען.

זיי זידלען זיך אויס און קריכן אַרײַן אין די אויטאָס. גרישאַ פֿירט די קאָלאָנע אַרום, אָן אַ וועג. די אויטאָס קלעטערן אַף אַרויף, ווי די טאַנקען, און קנאַקן אַף אַראָפּ, אונטער זיי טרעשטשעט.

יעפּיפּאַנאָוו שפּיצט צו די אויגן און האַלט זיך באַם הענטל פֿונעם טירל, קעדיי באַצײַטנס אַראָפּצושפּרינגען טאָמער פֿאַלט דער אויטאָ אַרײַן אין וואַסער. איסאַקאָוו בלײַבט ווידער שטיין און גיט די אָנגענומענע דרײַ פּיפּ. די שאָפֿערן שפּרינגען אַרויס מיט די גראָבאײַזנס און ברעכשטאַנגען און לויפֿן פֿאָרויס. דער פֿאָדערשטער אויטאָ האָט זיך אָנגעשלאָגן אַף אַן אָנהויבפּענונג פֿון קופּעס שניי און אײַז, וואָס מען קען ניט אַריבער.

די שאָפֿערן שפּאַלטן דאָס אײַז און רייניקן אָפּ דעם וועג.

מיטאַמאָל גיט קילטו אַ געשריי און שפּרינגט אָפּ. זײַן ברעכשטאַנג האָט זיך אָנגעשלאָגן אַף אַ מאָדנער זאַך, וואָס איז אײַנגעפֿרוירן אין דער קופּע שניי.

— אַ פֿוישט — זאָגט איסאַקאָוו.

די יאַטן קוקן זיך איבער און נעמען זיך שנעל און פֿאָרזיכטיק אָפּקלאַפּן דעם אײַז מיט דעם שניי. עס צייכענען זיך אָן פֿיס און פֿוישטן — איין פֿוס אונטערגעבויגן, דער צווייטער אויסגעצויגן.

— מײַנע פֿוישטן — רופֿט זיך הייזעריק אָן יעפּיפּאַנאָוו.

ער דערקענט זיי — הויכע, אײַנגעשניטענע אַף דעם אָרט, ווו דער פֿוישט רײַבט די קני בעייסן גיין, מיט אַ פֿלעק פֿון מאַשין־בוימל.

— קאָלקאָ...

דערשראָקענע און שטיל געוואָרענע אַרבעטן זיי אַלע ווײַטער. שטופּנווײַז ווײַזט זיך אַרויס אַ מענטש וואָס זיצט אַף אַ וואַליזע, אַ צוגעבונדענער צו פֿאַרבויגענע סקי, אַ מענטש, אָן אײַנגעהויקערטער אונטער אַ קאָלדרע אָן אַריבערגעוואָרפֿענע איבערן קאָפּ. דאָ האָט אים, קענטיק, פֿאַרכאַפּט דער שניי־שטורעם, און ער האָט זיך פֿאַררוקט צווישן די שטיקער אײַז קעדיי איבער־צוּוואַרטן און ס'איז צו זען ווי ער האָט זיך געקאָרטשעט פֿון קעלט און האָט געהאַלטן אונטער די פֿאַכוועס די פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער.

— קאָלקאַ, קאָלקאַ! פֿון ציגנע זיך געראַטעוועט, נאָר...

קאָליאַ פֿלאַטס פּאָנעם איז פֿאַרקנייטשט מיט אַ קרענקלעכער גרימאַסע, דערשראָקן און אַבסאָלוט ניט געריררט פֿון פֿוילעניש.

— באַלעמוטשען איז ניטאָ וואָס, צו דער אַרבעט, ברידער! — שרײַט יעפּיפּאַנאָוו מיט אַ געמאַכט מונטערן קאָל.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום קען מען שוין פֿאָרן.

די שאָפֿערן שטעלן זיך אַרום דעם טויטן. ס'איז ניט גוט אים דאָ איי־בערצולאָזן, נאָר קיינער וויל אים ניט נעמען צו זיך אַפֿן אויטאָ.

— איכל אים נעמען, — זאָגט יעפּיפּאַנאָוו אַ בלייך געוואָרענער — ביזן ערשטן דאָרף. און דאָרט וועלן מיר אים אַוועקגעבן, זאָלן זיי אים באַ־גראָבן...

דעם קערפּער האָט מען צוגעבונדן מיט שטריק איבער דער לאָדונג, די וואַליזע און די סקי האָט מען פאַררוקט אין דער קאַבינע.

מען פאָרט ווײַטער.

וואָס וועט לידינקאַ זאָגן ?... בעסער איר ניט זאָגן... זי האָט אים ליב געהאַט. די ערשטע ליבע... די ליבע קען זיך נאָך ווידער אָנצינדן ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז ער איז אומגעקומען ?... און דאָך, מוז מען איר זאָגן.

דער אויטאָ שפּרינגט אונטער אַף די ניט גלײַכקייטן פונעם וועג. בײַ יעדן שטויס, קלאַפּט זיך אָן אָפּן דעקל פון דער קאַבינע דער שוואַך צוגע־בונדענעם מעס.

יעפּיפאַנאָוו זיצט אין טויט־שרעק. דער טויטער קלאַפּט און דרייט זיך איבער אים, ווי אַ לעבעדיקער. אַ גרויער נעפּל הייבט זיך אַרום אינעם אימ־פּעט פונעם ווינט. אָן אומעט... אַ מענטשלעך קאָל כאַטש הערן !

און מיטאַמאָל — קנאַק, אַ שטויס, אַ געקלימפּער פון בלעכן... דער אויטאָ האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיטן הינטן. יעפּיפאַנאָוו שפּרינגט אַרויס און פאַלט אַרײַן ביז די קני אין וואַסער, דאָס וואַסער גולגעט און בלעזלט זיך.

יעפּיפאַנאָוון טוט קימאַט האַנאָע וואָס זײַן אומעטיקע איינזאַמקייט אי־נעם אויטאָ מיט דעם קלאַפּן פונעם טויטן איבערן קאָפּ האָט זיך פאַרענדיקט.

— אַ נו, טויכערס, צו דער אַרבעט !

די שאָפערן רינגלען אַרום די מאַשין, קריכן אָן טײַנעס אין וואַסער. יעפּיפאַנאָוו שליסט אײַן דעם מאָטאָר. נאָר די רעדער דרייען זיך אַף איין אָרט און בויטען דאָס וואַסער. דאָס איז טרישטשעט.

מען לייגט אונטער ברעטער אונטער די רעדער אָנגעשפּאַרטע אָפּן גלי־טשיקן אײַז. מיט געמיינזאַמע קויכעס שטופּט מען דעם אויטאָ. יעפּיפאַנאָוו פילט ווי דאָס אײַז ציטערט און זעצט זיך אונטער די פאָדערשטע רעדער. דער שרעקלעכער קראַך דערגייט קוים צו זײַן באַוווסטזײַן, ווען ער גיט אַ פאַר־צווייפלטן ריס פאָרויס דעם אויטאָ און שלעפּט אים אַרויס פונעם שפּאַלט.

הינטן שרײַט מען. אינעם אויסגעפורעמטן גרוב פאַרפלען זיך עטלעכע שאָפערן, מען שלעפּט זיי אַרויס. טריקענען זיך איז קיין צײַט ניטאָ און אויך ניטאָ ווו.

די אויטאָס לאָזן זיך פאָרזיכטיק פאָרויס. די שאָפערן קריכן אַרויס און רייניקן אָפּ דעם וועג.

זיי פרעגן איינער דעם צווייטן :

— ווי ווײַט איז נאָך ?

— אָן ערעך הונדערט און פופציק קילאָמעטער...

— מירן זיך דערקלײַבן ?

— מען מוז...

אין אַ האַלבער שאָ אַרום פאַלט אַ צווייטער אויטאָ אַרײַן אין אַ שפּאַלט. ווידער שלעפּט מען אים אַרויס מיט געמיינזאַמע קויכעס. מען כמורעט זיך, מען זידלט זיך. מען קוקט זיך ניט אין פּאָנעם.

— לאַנג וועלן מיר זיך אַזוי רײַסן.

— מירן זיך דורכרײַסן...

און פאַרנאַכט צו פאָרט מען ווידער איבערן שוואַכן אײַז. און ווידער זיצט יעפּיפאַנאָוו אַ בלייכער און אָן אומרויִקער באַם רעדל און שרעקלעכער ווי דאָס קנאַקן פונעם אײַז אונטער די רעדער, איז דאָס אומאויפהערלעכע,

פּאַרזיכטיקע קלאַפּן פונעם טויטן אים איבערן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך וועלן אַרײַנגאַנווענען צו אים. זאָגן לידינקאָן ?... מען דאַרף ניט... ניין, ניט נייטיק... ווי וועל איך איר אָבער קוקן אין די אויגן ווען איך זאָל איר ניט זאָגן ?...

באַם נאָנײַישן יישעוו, ווו מען רעכנט איבערנעכטיקן, פירט מען אַרויס די אויטאָס אַפן ברעג, און באַם סאַמע ברעג האָבן זיך אָפּגעזעצט דרײַ אויטאָס. די נאָנײַער העלפן אַרויסשלעפּן.

— מען קען ניט פאָרן, — זאָגן זיי — וועג ניטאָ. אײַערע ניט קען דערפאָרן.

— ס׳אַליגן, מירן דערפאָרן ! — ענטפערט קילטו שאָפעריש, קוראַזשנע.

און ביז יעפּיפאַנאָוו מיט די איבעריקע שאָפערן גיבן איבער דעם טויטן און אָרדענען זיך אײַן אַף נאַכטלעגער, זיצט קילטו אַף די שפּיץ פינגער באַם אויטאָ אַרומגערינגלט מיט נאָנײַער, און דערקלערט זיי דעם געבוי פון עם מאָטאָר.

— וועלן מיר דערפאָרן ? — פרעגט אים יעפּיפאַנאָוו באַם נאַכטמאָל עסן.

— מײַנע דערפאָרן, און דו ? — ענטפערט שעלמיש קילטו.

גאַנץ פרי פאָרט מען ווידער אַרויס. דאָס פאַרגאָסענע אײַז לויפט מען אַריבער אָן איבערשלאָגן און דרײַ שאָ נאָכאַנאַנד פאָרט מען רויק, כאָטש לאַנגזאַם. דערנאָך דערהערט זיך פון הינטן אַן אויסגעצויגענער פײַף. יעפּיפאַנאָוו זידלט זיך אויס און גייט אַרויסשלעפּן — עס האָט זיך אָפּגעזעצט טימקאָ גרעבענס אויטאָ.

דער אויטאָ איז שטאַרק פאַרזונקען. מען אײיסעקט זיך אַרום אים העכער אַ האַלבע שאָ, נאָר די שאָפערן טרייסטן זיך שוין ניט מיט דער האָפענונג אַז דאָס איז די לעצטע אַוואַריע. דאָס וואַסער שפּאַרט אַרויס אָט דאָ, אָט דאָרט, לענגאויס דעם גאַנצן טײַך ; אַף די אויגן, ווערן די שפּאַלטן ברייטער. דער צעפרעסענער און וויגעוודיקער אײַז טרייסלט די אויטאָס.

דאָ מוז מען פאָרן מיט אַ רעטונגס־גאַרטל — שפּאַסט טימקאָ גרעבען.

— פון אונטערן אײַז וועסטו ניט אַפּירשווימען — ענטפערט מען אים ערנסט.

אין דעם טאָג האָט מען נײַן מאָל אַרויסגעשלעפּט אויטאָס און ביז נאַכט איז מען אײַנגעפאָרן ניט מער ווי צוועלף קילאָמעטער. עס הייבט זיך אָן אַ נײַער טאָג — און אין אַ שאָ אַרום זײַנען שוין די הויזן און די פוישטן, איבער נאַכט צוגעטריקנטע, ווידער דורכגעזאַפּט מיט אײַז־וואַסער, און יעדער שאָפער ווייס, אַז טריקענען זיך איז ניטאָ ווו און איז אויך אָן שום נוצן, ווײַל מען וועט אַלצאיינס מוזן קריכן אין וואַסער.

צוואַנציק אויטאָס גייען איינער נאָכן צווייטן. צוואַנציק שאָפערן — צוואַנציק קאָמיוגיסטן — פירן די אויטאָס, מיט דעם גאַנצן קערפּער פאָרויס, די ברעמען אָנגערוקט, די מוסקולן אָנגעשפּאַנט, די אויגן אײַנגעשטאָכן אינעם אומזיכערן וועג, אָנגעשפּיצט די אויערן — גרייטע יעדע מינוט אַף אַלץ. און יעדער איינער פאַרדריקט אין זיך דעם אינעווייניקסטן ציטער, וואָס איז אַרויסגערופן פון קעלט און פון נערוון־אָנשטרענג, און טראַכט זיך : „און דאָך וועלן מיר זיך דערשלאָגן. מען מוז״.

אַפן פערטן טאָג פון דעם אומאויפהערלעכן קאַמף, רופט זיך אָן איינער פון די שאָפערן :

— צום טײַוול! איך קען ניט מער.

יעפּיפאַנאָוו קוקט זיך אום אַ דערשטוינטער און דערזעט טימקאַ גרעבען. טימקאַ וואַקלט זיך און איז געל. פונעם נאַסן אַנטאָן זעצט אַ פאַרע. אין די אומגעווײנלעך גלאַנציקע אויגן ברענט דער פיבער.

די כאַווײרים גיבן אַ קוק אַף אים און זאָגן גאָרניט. טימקאַ זעצט זיך אַוועק גלײַך אַפן אײַז און זיצט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ברענענדיקן קאָפּ. לאַנג הערט ער אַ גלײַכגילטיקער ווי די שאָפערן יעכצן איבער נאָך אײנעם אַ פאַרשטעקט־געבליבענעם אויטאָ. מיטאַמאָל שפּרינגט ער אויף און לויפט העלפן. יעפּיפאַנאָוו שטויסט אים אָפּ.

— זיץ ברודער, דעכע אָפּ.

טימקאַ וויל ענטפערן, נאָר ער זעצט זיך געהאָרכיק אַנידער.

ווען זיי פאָרענדיקן, גײען די שאָפערן צוריק צו זײערע אויטאָס. און טימקאַ, וואָס האָט ערשט געזאָגט, אַז ער קען ניט מער, גײט אויך. ער פירט דעם אויטאָ גלײַך מיט אַנדערע. אַ פאַרע זעצט פון אים. טײלמאָל פאַרמאַכט ער די אויגן און ווידער צעעפענען זײ זיך און קוקן זיך אײַן אינעם אַקעגנלויפנדיקן וועג.

אינעם אײַנפאָר־הויף האָט ער אַרײַנגעפירט דעם אויטאָ, האָט אַרײַנגעלײגט דעם שליסל אין קעשענע, איז צוגעקומען צום שטיבל און דאָ זיך אַוועקגעלײגט. מען האָט אים געגעבן וואָדקע אויסטרינקען און אים אײַנגעדעקט מיט טולופּעס.

— איך האָב דאָך געזאָגט, מען טאָר ניט אַרויספאָרן אָן אַ רעזערוונעם שאָפער — זאָגט גרישאַ איסאַקאָוו און טאַפּט טימקאָס הײסן שטערן.

— כ׳וועל דערפאָרן — זאָגט טימקאַ און שלאָפט אײַן.

אינדערפרי שטײט ער אויף גלײַך מיט אַלעמען. מען פרעגט אים:

— וועסט דערשלעפּן?

— ער קײַעט מיט די פאַרטריקנטע ליפּן און פרעגט:

— וויפל איז נאָך געבליבן?

— אַן ערעך זיבעציק קילאָמעטער.

ער זיפצט אַרויס:

— כ׳וועל דערשלעפּן.

יעפּיפאַנאָוו זעט אַז טימקאַ איז קראַנק. און ער ווײס אַז ער אַלײן, אָן ספק, איז געזונט. נאָר מינוטנווײַז כאַפּט אים אָן אַזאַ מידקײט, אַז אים ווילט זיך אויך זאָגן: צום טײַוול! כ׳קען ניט!

ער פאָרט דורך אַן ערעך פופצן קילאָמעטער און ער טרײסט זיך מיט דעם געדאַנק, אַז דער וועג איז געוואָרן בעסער, ווי פלוצעם גיט זײַן אויטאָ אַ קנאַק און קריכט אַרײַן מיט די הינטערשטע רעדער אין וואַסער בײַזן קאַסטן. ער שפּרינגט אַרויס. דאָס איז דער ערגסטער פאַל די גאַנצע צײַט פון וועג.

ס׳לויפן זיך צונויף די שאָפערן. אויך טימקאַ קומט צו.

— גײ, גײ, מירן אָן דיר בײַקומען — זאָגט יעפּיפאַנאָוו.

זיי דרײען זיך אַרום דעם אויטאָ, פּרוּוון אַזוי און אַנדערש — עס קומט גאָרניט אַרויס. דער אויטאָ האָט זיך פעסט אַראָפּגעזעצט און דריקט מיט זײַן גאַנצער שווערקײט אַפן אײַז. און דאָס אײַז טרעשטשעט אַלץ — אָט קומט דער סאָף...

— אַנו, לאָדט אָפּ! — זאָגט יעפּיפאַנאָוו — מיר האָבן זיך אָפּגערוט אַ ביסל פונעם וועג און איצט, ברידער, וועלן מיר אָן אַרבעט טאָן.

קיינעם ווילט זיך ניט נעמען אָפּלאָדן. די פיס און די הענט פאָלגן שוין ניט. נאָר ניטאָ וואָס צו מאַכן. מען נעמט אָפּלאָדן און מען טראָגט אַרויס אַף פאַרויס די בידאָנען מיט בענזין. טימקאָ שטייט אויך צו צו זיי. יעפּיפאַנאָוו זיפּצט אָפּ, נאָר ער שטערט אים ניט: יעדע פּאָר הענט איז נייטיק. לײַכטער געמאַכט דעם אויטאָ, באַנײַט מען די באַמיִונגען אים אַרויסצושלעפּן. טימקאָן זעצט מען אַוועק באַם רעדל, די איבעריקע צוויגן און שטופּן דעם אויטאָ, מען הייבט אים אויף אַף די הענט. די רעדער גליטשן זיך, דער מאָטאָר שטיקט זיך, דאָס איז טרעשטשעט. די מענטשן זידלען זיך, גליטשן זיך אויס, שפּאַרן ווידער אָן אונטער אַ קאָמאַנדע. און דער אויטאָ גיט זיך אַ ריס אַרויס. מען שטופּט אים אונטער נאָך עטלעכע מעטער און מען נעמט ווידער אויפלאָדן.

די אַנדערע אויטאָס פאָרן פאַרזיכטיק אַרום דאָס געפערלעכע אָרט, וווּ עס האָט שנעל געגומען שפּאַרן און גולגען דאָס וואַסער.

דעם טאָג זײַנען געוועזן נאָך פיר אַוואַריעס און צום סאָף טאָג זײַנען קראַנק געוואָרן נאָך צוויי שאָפערן.

אין באַגינען איז יעפּיפאַנאָוו אויפגעשטאַנען דער ערשטער און האָט צעוועקט די איבעריקע:

— ברידערלעך, עס טאָגט שוין. הײַדאַ אַהיים.

גרישאַ איסאַקאָוו הייבט אויף דאָס אויסגעמאַטערטע, ניט אָפּגערוטע פּאָנעם און גיט טעמפּ אַ פרעג:

— פאָרן?

— פאָרן, ברודער.

— פאָרן איז פאָרן, — זאָגט טימקאָ גרעבען, ער הייבט זיך אויף און פאַלט באַלד אַוועק צוריק.

דאָס פּאָנעם איז אים שאַרף געוואָרן, די אויגן ברענען, די ליפּן זײַנען פאַרטרוקנט און צעשפּאַלטן ביז בלוט. גרישאַ דערזעט זײַן פּאָנעם, שטייט ער שנעל אויף — טימקאָן איז אַלנפאַלס ערגער ווי אים.

— קראַנק געוואָרן? — פרעגט יעפּיפאַנאָוו שטילערהייט גרישאָן.

— נאַרישקייטן, — זאָגט גרישאַ — אַזוי זיך. ס׳דראָזשעט עפּעס... נאַרישקייטן.

— מירן דערצ׳ען?

— מירן דערצ׳ען.

טימקאָן הייבט מען אויף, מען קרעפּטיקט אים אונטער מיט טיי און אונטער די אָרעמס פירט מען אים צו צום אויטאָ.

אַזוי איז אַדורך נאָך אַ טאָג — דער זעקסטער טאָג געראַנגל מיטן אײַז. אַף דעם נײַעם נאַכטלעגער איז שוין פריילעכער — עס זײַנען נאָך פאַרבליבן פינף און צוואַנציק קילאָמעטער. קומענדיקע נאַכט, ריכט מען זיך שלאָפן אין דער היים.

און קאַיאַר, פריילעכערע, פירן די שאָפן אַרויס זייערע אויטאָס. דער וועג איז בעסער. זעלטענער די פאַרטרונקענע ערטער, ווייניקער שפּאַלטן — דער פרילינג איז נאָך אַהער ניט דערגאַנגען, האָט נאָך ניט דורכגעפירט זײַן צעשטערונגס־אַרבעט.

„דערשלעפּט, — טראַכט זיך יעפּיפאַנאָוו — אָט דוכט זיך אוממעגלעך

געוועז, און דערשלעפּט. אַלץ איז אַזוי: יעדע שווערי־קייט קען מען בײַקומען, מען דאַרף נאָר מיט אַן עמעס וועלן!... און קאַלקאַ? עך, סאָראַ נאַר! האָט זיך דערשראָקן פאַר דער ציגנגע! געזודרעפּעט! וואָס־זשע האָט ער באַקומען? אַ פרישן קיי־וועך... זאָל גאָר לידינקאַ זיך ניט צערודערן... ווער ווייס, עפשער האָט זי אים נאָך, טיף אין האַרצן, ליב?... עפשער ניט זאָגן... ניין. ס'איז נידעריק. כ'וועל זאָגן. ווי־אַזוי זאָל איך ניט זאָגן?... דוכט זיך, שווער צו זאָגן, נאָר דו וועסט זאָגן — און גאָרניט. אָט ווי מיט דעם וועג. וואָלטן מיר אין כאַבאַראָווסק ווייסן, אַז מירן פאָרן צוויי הונדערט קילאָמעטער גאַנצע זיבן מעסלעס, וואָלטן מיר ניט געגלייבט. וואָלטן מיר ווייסן, אַז עס וועט זײַן אַזאַ וואָגל, וואָלטן מיר זיך דערשראָקן. און, מיר זײַנען איבערגע־פאָרן — און אַ סאָף. אונדז — אַ קאָוועד, דער בויונג — ברעך־שטאָף. וואָס הייסט עס?״

פון הינטן טראָגט זיך אַ צודריגנגלעכע, אומאויפהערלעכע, קלאָגנדיקע פּײַפערײַ. יעפּיפאַנאָוו וואַרפט זיך צום הינטערשטן אויטאָ, צו טימקאָס. דער אויטאָ איז אַרײַן אין אַ שפּאַלט מיט אַ הינטערשטער ראָד. קיין ערנסטע זאַך איז עס ניט. נאָר טימקאַ איז מיט דעם קאָפּ און מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אָפן רעדל און פּײַפט און ענטפערט ניט אַף די געשרייען פון זײַנע כאַווערים. מען רײַסט אים אָפּ פונעם פּײַפער, מען הייבט אים אויף. ער קוקט מיט צעפּי־בערטע ניט פאַרשטייענדיקע אויגן און מורמלט עפּעס. יעפּיפאַנאָוו נעמט אים אַרום באַ די אַקסלען:

— וואָס איז, טימקאַ, שלעכט?

— ס'אַליגן, כ'וועל דערפאָרן! — שרײַט טימקאַ און פאַלט אַוועק אַף אַ זײַט.

דעם אויטאָ שלעפּט מען אַרויס, נאָר ווער עס זאָל אים פירן, איז ניטאָ. טימקאַן טראָגט מען אַראָפּ אַף די הענט אין אַן אַנדער אויטאָ. ער איז אויסער דער שלאַכט.

— מ'עט דעם אויטאָ מוזן איבערלאָזן. מירן אָנקומען וועלן מיר צושיקן עמעצן אַף סקי — זאָגן די יאַטן.

— מען קען ניט! — היצט זיך יעפּיפאַנאָוו — זיך געשלעפּט דעם גאַנצן וועג און מיטאַמאָל איין אויטאָ באַגראָבן?

עמעצער לייגט פאָר נעמען דעם אויטאָ אַ צוגעטשעפּעטן. מען פּרוווט. נאָר פירן אַ צוגעטשעפּעטן אויטאָ אָן אַ פירער, אַף אַן אײַנ־וועג, ווו מען מוז אָן אויפהער און געניט ריכטן דאָס רעדל, ווײַזט זיך אַרויס ניט מעגלעך.

די שאָפערן קומען זיך ווידער צונויף אַף אַ באַראַטונג.

— ניטאָ וואָס צו מאַכן, מ'עט מוזן איבערלאָזן.

— נו, דאָס ניט, — זאָגט יעפּיפאַנאָוו — און טאָמער פירט אים עמע־צער אַוועק, און דעמאָלט וואָס?

— ווער וועט אים אַוועקפירן? דער טײַוול אַליין פאָרט דאָ ניט מיט זײַן אייגענעם ווילן!

— און טאָמער צעגאַנוועט מען דעם בענזין?

די שאָפערן שווײַגן.

— אַזאַ כאַרפּע! — שרײַט יעפּיפאַנאָוו — מען האָט אונדז אָנגע־טרויט אַזאַ טײַערע לאָדונג, און מיר לאָזן איר איבער אָפן מיטן אַמור.

— וואָס־זשע זאָל מען טאָן?

יעפּיפאַנאָוו טראַכט און קראַצט דעם נאַקן, הייבט די ברעמען. און ער גיט אַ פרעג:

— קאָלקאָס סקי, דוכט זיך, זיינען פאַרבליבן?

די סקי זיינען פאַראַן.

— פאָרט אַהיים, — זאָגט ער — ווי נאָר איך וועט קומען, שיקט אַרויס אַ שאָפער.

— און דו?

— איך וועל פירן צוויי אויטאָס.

— צוויי?

— גאַנץ פּשוט, ברידער, צוויי. יעפּיפאַנאָוו האָט זיך נאָך אין ערגעץ ניט אונטערגעגעבן, און וועט זיך דאָ אויך ניט אונטערגעבן. פאָרט.

אַ דערדריקטער פון אומרו, קוקט ער ווי די גאַנצע קאָלאָנע אויטאָס פאָרט אַרום זיין אויטאָ און פאָרט ווייטער. דערנאָך טרייבט ער אונטער טימקאָס אויטאָ אַפן טרוקנסטן אָרט, שפרייט אונטער אַ בריזענט אונטער די רעדער, זיי זאָלן ניט צופרירן און ניט אָפּזעצן זיך אינעם אייז, זעצט זיך אַוועק אַף זיינעם און פאָרט ווייטער. ער פאָרט אָפּ איין קילאָמעטער. די קאָלאָנע זעט מען שוין קימאַט ניט. און טימקאָס אויטאָ זעט אויס אַ קליינער איינזאַמער פינטל. דעמאָלט טוט ער אָן די סקי און לויפט צו צום איבערגעלאָזטן אויטאָ.

ווען ער טרייבט צו טימקאָס אויטאָ צו זיינעם, זעט מען שוין די קאָלאָנע ניט אָן. אַ שאַרפער אומעט נעמט אים אַרום. אָן אומעט און אָן אומזיכערקייט. ער פאָרט אַרויס אַן ערעך אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פאָרויס און ווידער טוט ער אָן די סקי און לויפט צוריק — נאָכן צווייטן. ער פרווט לאַכן איבער זיך אַליין: אָט דאָס הייסט אַ שאָפער, אַ פוסגייערישער! נאָר עס לאַכט זיך אים ניט.

ווען ער נעמט ווידער פאָרן, בלייבט דער אויטאָ שטעקן אין ווייכן שניי און די רעדער גליטשען זיך. ער וואָיעט שיר ניט מאַר פאַרדראָס. ער זידלט זיך אַפן הויכן קאָל, קענדיי זיך אַליין מיטן קאָל צו מונטערן. ער ראַנגלט זיך מיט דעם אויטאָ אַ מינוט פערציק, ביז עס געלינגט אים, אַ נאַסער פון שוויס, אַרויסשלעפן אים פון דער אייזבלאָטע. דאָס פאָרן באַרויקט אים, נאָר ווען ער דאַרף ווידער אָנטאָן די סקי און לויפן צו דעם צווייטן אויטאָ, איז ער שוין אָן קויכעס. לויפן קען ער שוין ניט. און די סקי העלפן שוואַך — דער שניי קלעפּט זיך צו זיי, זיי גליטשען זיך ניט, און מאַכן נאָר שווערער דאָס גיין. ער וואַרפט זיי אַריין אינעם אויטאָ און גייט אַוועק צו פוס.

ער שלעפּט שווער די נאָסע, אין די פוישטן אַנגעבראָקנעטע פיס און טראַכט נאָר וועגן איין זאַך: אויסהאַלטן! ניט נאָכגעבן, ביז עס וועט אונטערקומען די הילף... אַ כאַרפּע — זיך אונטערגענומען און ניט אויסגעפירט... צוויי לאַסט־אויטאָס מיט ברעןשטאָף. ס'איז אַזוי אויך ווייניק ברעןשטאָף פאַראַן... מען מוז דערציִען..

אין מיטן וועג גיט ער זיך אַ וואַקל און פאַלט צו מיטן רוקן צו אַן אייזבלאָק. די פיס בייגן זיך אונטער, אין די אויגן שפרינגט הימל און טייך, דער שוואַרצער אויטאָ־פינטל דוכט זיך אָט נאָענט און אָט אומענדלעך ווייט.

„אָפּרוען?... אַזוי איז אומגעקומען קאָלקאָ". ער וועקט זיך פלוצעם אויף מיט דעם געדאַנק און כאַפּט זיך אַז ער איז איינגעשלאָפן. ווי לאַנג איז ער געשלאָפן? זיכער עטלעכע מינוט.

ער גייט ווײַטער מיט שנעלן שפּאַן, און שטאַרקט זיך איבערן שוידער אין די פיס און אינעם גאַנצן לײַב.

עס נעמט לײַכט פינצטער ווערן. אַ פײַערל צינדט זיך אָן אַפן רעכטן ברעג: „די געהילץ־פּאַרגרייטונג. הייסט עס, אַכט קילאָמעטער, צען — ניט מער... דער איקער — ניט זאַומפּאַלן, ניט אײַנשלאָפן, ניט נאָכגעבן זיך...

ער ראַנגלט זיך מיט דער פאַרמאַטערטקייט און טראַכט שוין פון גאָרניט, אַלע פיזישע און גײַסטיקע קויכעס זײַנען קאָנצענטרירט אַף די קעסיידער־דיקע מײַסים: ער גייט, ער פירט דעם אויטאָ, זעצט זיך איבער, גייט ווידער, פירט ווײַטער דעם אויטאָ...

ער דערזעט די מענטשן וואָס לויפן צו אים ערשט ווען זיי זײַנען שוין לעבן אים. ער זעצט זיך אַוועק אַפן פליגל פון זײַן אויטאָ און קוקט טעמפּ ווי מען גייט צו ברענגען די צווייטע מאַשין. דערנאָך דערגייט צו זײַן באַ־וווסטזײַן, אַז לעבן אים שטייט גרישאַ איסאַקאָוו.

— און דו צו וואָס ביסטו געגאַנגען? זאָגט יעפּיפּאַנאָוו — די ביסט דאָך קראַנק?

גרישאַ ענטפערט ניט, נאָר ער פרעגט:

— זיך אײַנגעמאַטערט?

— עס מאַכט ניט — זאָגט יעפּיפּאַנאָוו.

זיי וואַרטן אַף דעם צווייטן אויטאָ און פאָרן אַוועק.

מען האָט שוין געוואַרט אַף זיי. עס זײַנען זיך, נאַטירלעך, צונויפגעלאָפן כּאָווײדים, פרײַנט, אַנפירער. אַלע ווייסן שוין וועגן דער צענטאָגיקער רײַזע, וועגן דעם געפונענעם קערפּער, וועגן יעפּיפּאַנאָווס העלדישן טאַט.

יעפּיפּאַנאָוו זוכט מיט די אויגן לידינקאַן — זי איז ניטאָ. נו, פאַרשטייט זיך, מען האָט איר שוין געזאָגט. זי ווייגט. זי וויל אים אַפילע ניט באַגעגענען...

ער אײַסעקט זיך באַם אויטאָ, ער וואַרט ביז מען וועט אים אָפּלאָדן, קעדיי אַוועקצופירן אין גאַראַזש, נאָר דער שעף פונעם גאַראַזש איז דאָ. ער דריקט יעפּיפּאַנאָוון די האַנט און זאָגט:

— אַ דאַנק דיר, פרײַנט! און איצט מאַרש אַהיים. איכל שוין אַליין צופירן.

יעפּיפּאַנאָוו גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און לאָזט זיך אַהיימגיין, נאָר עפּעס איז אים שווער צו גיין. וואָס וואַרט אַף אים? ווי וועט זײַן לידינקאַ? וועט זי אים ניט צעפּשעטויסן?

סאָניאַ איסאַקאָוואַ שטעלט אים אָפּ. זי נעמט אים פּאַשעט אַרום, לויבט אים פאַר זײַן העלדישקייט און זאָגט אים אין דער שטיל:

— און וועגן קאַליאַן זאָלסטו לידאַן גאָרניט זאָגן. מען טאָר זי איצט ניט רעגן. איך האָב שוין אַלעמען געוואָרנט...

יעפּיפּאַנאָוו הייבט ניט אָן פאַרשטיין. פאַרוואָס טאָר מען זי ניט רעגן? עפּשער איז לידינקאַ קראַנק? נו, אַוואַדע איז זי קראַנק, אַז ניט וואָלט זי דאָך געקומען אים באַגעגענען.

ער יאָגט זיך אַהיים, ער פאַרגעסט זײַן מידקייט. און אַקעגן לויפט אים אַרויס אין איין שאַלכל אַף די אַקסל לידינקאַ, און דאָס ערשטע וואָס ער דער־זעט, אַפילע אין דער טונקל, זײַנען אירע מאָדנע צעשײַנטע אויגן.

אירע הענט וויקלען זיך אַרום זײַן האַלדז. אירע ליפּן קושן אים, צוויש־ די קושן זאָגט זי אים עפּעס, אַז מען האָט זי ניט געלאָזט — אָדער מען האָט איר ניט געזאָגט, ער האָט פאַרהערט, — און זי טוליעט זיך צו אים, צו זײַן

נאָסן קויטיקן אָנטאָן. ער וויל זי אָפּרוקן פון זיך, ווײַל זי פילט זיך לעבן איר דערווידערדיק נאַס און קויטיק, נאָר ער האָט קיין קויעך ניט איבערצורײַסן דאָס גליק און זיי גייען ביידע אַרײַן אין צימער. ער קוקט זיך צו אײַן אין איר און ער קען ניט פאַרשטיין: צי שײַנט זי בעעמעס אַזוי נײַ מיט אַ באַזונדערער ניט־געוועזענער פרייד, אָדער דאָס דוכט זיך אים.

ער ליגט שוין אין בעט, אַן אַרומגעוואַשענער, אַן איבערגעטאָנענער און איבערגעוואַלד אַן אַרײַנגעלייגטער פון לידינקאַן אין בעט, ווי זי זעצט זיך צו צו אים און זאָגט אים אומאַנטשלאָסן:

— און איך האָב פאַר דיר אַ נײַס...

און פון דעם ווי זי פלאַמט מיטאַמאָל אויף און בלײַבט שטיין, און קוקט דערנאָך אַף אים מיט אַזעלכע פרעגנדיקע, וואַרטנדיקע, מיט אַ גאָר באַזונדער פרוייִשן אויסדרוק באַלויכטענע אויגן, פאַרשטייט ער באַלד און שרײַט אויס:

— עמעס? — און ער שטעקט אַרײַן אין אירע דלאָניעס אַ צעמישטן, שטאָלצן און גליקלעכן פּאָנעם, אַזוי אַז מען האָט שוין מער גאָרניט באַדאַרפט אויפקלערן...

XVII

שוין אַ וואָך, אַז אַף דער בויונג אַרבעט אַ קאָמיסיע פון פינף מענטשן. זיי זײַנען געקומען מיט אַן עראָפּלאַן און דעם זעלביקן טאָג גענומען אויספאָרשן דעם צושטאַנד פון דער בויונג. זיי קריכן אַרום אַלע אָביעקטן. אין די אָוונטן גייען זיי אַרום די באַראַקן און די שאַלאַשן, שמועסן מיט די קאָמיוגיסטן, רופן אַרויס צו זיך לויט דער ריי די בעסטע שלאָגלער, אינזשעניערן, מײַסטערס.

אַף מאָרגן איז באַשטימט אַן אָפענע פאַרטיי־פאַרזאַמלונג אינעם קלוב, מיט דער באַטייליקונג פונעם קאָמיוגישן און אינזשעניעריש־טעכנישן אַקטיוו.

ווערנער איז פונעם פּאָנעם אַראָפּ, גרין געוואָרן. ער ווייס נאָך ניט צו וועלכע שלוסן די קאָמיסיע איז געקומען, נאָר די געוויינלעכע זיכערקייט אין זיך איז פון אים אַוועק, און דאָס וואָס אין אים האָט אָנגעצײַטיקט זינט יענער נאַכט, נאָכן מאָרד פון מאַראַזאָוון, איז שוין איצט אויסגעפורעמט, — ער פאַרמישפּעט זיך אַליין און נעמט זיך אַראָפּ פונעם אַמט. ער פילט שוין ניט אין זיך דעם קויעך, וואָס נייטיקט זיך אַף אָנפירן מיט דער גרויסער זאַך. איבעווייניק, פאַר זיך, האָט ער די פראַגע געלייזט. און די מאָרגנדיקע פאַרזאַמלונג שרעקט אים נאָר דערמיט, וואָס ער ווייס וואָס, וויאַזוי און מיט וואָס פאַר אַ שטימונג מענטשן וועלן ריידן. ער האָט מיט זיי געאַרבעט איבער צען כאַדאָשים, און איצט אָט קען ער זיי ניט. פאַראַן צווישן זיי גוטע און שלעכטע אויספירער, גוטע און שלעכטע טוער. נאָר וואָס טראַכטן זיי? ווי באַציִען זיי זיך צו אים? וועלכע באַשולדיקונגען וועלן זיי קעגן אים אַרויסברענגען? ער האָט זיך צו זייערע מיינונגען ניט צוגעהערט, און מאָרגן וועלן זיי אים מישפּעטן...

ער קען ניט אַרבעטן און ניט אָפּרוען. ער האָט ניט אויפגענומען קיינעם אין אָוונט און האָט זיך געלייגט שלאָפן, נאָר שלאָפן·קען ער ניט. אינדערפרי גייט ער אַף דער בויונג. ער האָט זי ליב ווי זײַנס אַ קינד. ער האָט ליב די קאָמישע קלייניקע עלעקטראָסטאַנציע און די שטאָלצע קאָנטורן פון דער

צווייטער, דער נאָך ניט פאַרטיקער. די באַקאַנטע סילועטן פון די צעכן וואָס בויען זיך. די רייען אָרעמע באַראַקן, די רייען נידעריקע מיט שניי פאַרשאַטענע שאַלאַשן. דעם קוימען פונעם געהילץ־זאַוואָד וואָס שטאַרצט אַרויס צווישן די ביימער. דאָס ווײַטע רויכל פונעם ציגל־זאַוואָד. לעבעדיק שטייט פאַר אים דער זומערדיקער פרימאָרגן, ווען די ערשטע סירענע האָט זיך צעפײַפט אין דער טײַגע. ער דערמאָנט זיך זײַנע פריילעכע טרוימען וועגן דעם ווי דער מעלוכישער טערמין וועט אַף אַ סאַך פאַרקירצט ווערן, ווען ניט ווײַט איז דער ניצאָכן, די פײַערונג, דער אָרדן... איז עס ערגעץ?

ווערנער דערזעט זיך לעבן די שאַלאַשן און מיטאַמאָל בלײַבט ער שטיין אַ דערשיטערטער. אין דער שײַן פון דער פריִער זון אַף דער סטעזשקע צווישן די שאַלאַשן זעט ער שטיל זיך באַוועגן עטלעכע אײַנגעהויקערטע געשטאַלטן מיט שטעקעלעך. פאַרזיכטיק שטעלן זיי די אָנגעשוואָלענע, אין די קני געבויגענע פיס. און זיי קוקן אַף אים אָן קאַס, אָן פאַראַכטונג, אָבער אויך ניט פרײַנטלעך. ניט זיי גריסן זיך און ניט זיי קערן זיך אָפּ, זיי גייען אַוועק און פאַרבײַ, קלאַפּן מיט די שטעקעלעך און שאַרן מיט די פוישטן איבערן נאַבלאַזונדיקן שניי. ער דערקענט צוויי זייערע: איינעם האָט ער געזען אַפן מאָנטאַזש פון דער ערשטער עלעקטראָסטאַנציע, דער צווייטער איז אַ באַקאַנטער גוואַר אין דער בריגאַדע פון די געהילץ־טרײַבער. וואָס? וואָס וועט ער זיי קענען זאָגן הײַנט צו זײַן פאַרטיידיקונג?

און אָט איז שוין די פאַרזאַמלונג. דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע האַלט אַ קורץ און שטרענג אַרײַנטריט־וואָרט.

ווערנער וויל זיך ניט זעצן צום פרעזידיום־טיש. ער זיצט אונטן, בײַ דער בינע, אַן אָנגעצויגענער, אַ פאַרשלאָסענער, מיט אַן אומאָנגענעם־טרוקענעם אויסדרוק אַפן פּאַנעם. ער קוקט אין זאַל אַף די הונדערטער פּענעמער און זעט ניט קיין איינעם אַ פרײַנטלעכן בליק. אַקעגן אים, פון דער אַנדער זײַט בינע, צווישן אַ גרופּע קאָמיוגיסטן, זיצט קלאַראַ קאַפּלאַן. זי באַמערקט זײַן בליק, גיט אַ שאָקל צו אים מיטן קאָפּ און שמייכלט צו אים מיטפילנדיק. — דער שמייכל באַליידיקט אים, ווי אַן אָנערקענונג פון זײַן שוואַכקייט. דערנאָך דערזעט ער דעם דערשראָקענעם און איבערגעגעבענעם בליק פון קאָטשאַנערן. עס דערמאָנט זיך אים קלאַראַס אָפּשאַצונג — „ראַזירטע נישטיקייט". ער קערט זיך בייז אָפּ פון קאָטשאַנערן. וויאַזוי האָט ער אים פריִער ניט טויפעס געווען? ער האָט אין אים געשאַצט אַן אידעאַלן, אויספירנדיקן, ניט פאַרפעלנדיקן טוער, און ערשט איצט פאַרשטייט ער, אַז קאָטשאַנער איז אַ קליינלעכער אונטערלעקער, אַ קאַריעריסט און אַרײַנכאַפּער, וואָס קען זיך שטענדיק צושאַרן אַן איבעריקן לוין, אַלערליי צוגאָב־הויצאָעס.

עס ווערט אים כאַפּעדיק און שרעקלעך. עס טוט אים באַנג וואָס ער האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט אינעם פרעזידיום, — דאָרט עפּשער, אָפן געווײַנלעכן אָרט, וואָלט ער ניט געפילט זײַן פולשטענדיקע איינזאַמקייט. אָט זיצט דאָרט גראַנאַטאָוו, לעבן איינעם פון די קאָמיסיע־מיטגלידער, שמועסט און שפּאַסט, גלײַך ווי גאָרניט. „דער סאָף פון דער שיינער איזאָלאַציע קען זײַן אַ טרויעריקער" — האָט אים דעמאָלט געזאָגט קלאַראַ. שוין זייער לאַנג דערין. דעמאָלט איז ער געווען געוואַגט, אומאָפּהענגיק, זיכער אין זיך. און איצט איז ער איינזאַם, ער פילט זיך אַ נאַקעטער בײַ הונדערטער מענטשן אַף די אויגן. „דער קעניג איז נאַקעט". דער פּאַטאָס פון דיסטאַנץ איז פאַרשווּנדן, די שײַן פון אַלצוויסנדיקער, אַלמעכטיקער העכערקייט איז אויסגע־

לאָשן. און מען װעט אים הײַנט מישפּעטן, — מישפּעטן לויט די מײַסים,
לויט די רעזולטאַטן: קאַפּיטאַל־פאַרגליװערונג אין אומגעזעצלעכער בויונג
פון הײַנט פאַרקאָנסערװירטע אָביעקטן; דורכפאַל פון די ליפערונגען; מאַסן־
דורכרײַסן אַף פאַרלאָזטע אָפּטײלונגען — געהילך־פאַרגרײט, טראַנספּאָרט;
הירזשענע קאַשע צו מיטאָג און נאַכטמאָל; צינגע־קראַנקײטן...
די פאַרזאַמלונג איז פאַרװאַנדלט אין אַ געריכט. און דער ערשטער
אַרויסטריט פון דעם לעניגראַדער שיפּבוי־מײַסטער, דעם געאַכטן איװאַן גאַװ־
רילאָװיטש טימאָפּײעװ, זאָגט אָן דעם פּסאַק. טימאָפּײעװ רעדט זײער רויִק
און זאַכלעך בלויז װעגן איין זאַך — װעגן דעם װי שלעכט און אומפּראַקטיש
די אָנפירונג האָט זיך געגרײט צום גיכן אָנהײבן די שיפּבויונג. און װערנערן
װערט קלאָר, אַז זײַן ערגײַציקע אײַלעניש איז געװען צום שאָדן דער זאַך.
ער האָט ניט װאָס צו ענטפערן. „איך האָב ניט אין אַכט גענומען... איך
האָב געהאַט גוטע קאַװאָנעס... איך האָב אַ טאָעס געהאַט...” דאָס קען
מען זאָגן דעם װײַב. װאָס גײט דאָס אָן די מענטשן, װאָס פילן אַף זײער
רוקן דעם אויסגאַנג פון די טאָעסן?
װערנער ריכט זיך, אַז יעדער אַרויסטריט זאָל פאַרטיפן טימאָפּײעװס
געדאַנק און דערשלאָגן אים, װערנערן. ער זיצט, מיט דעם קין אָנגעשפּאַרט
אַף די פאַרדרייקטע הענט, גרײט אויפצונעמען די קלעפּ.
און מיטאַמאָל הערט ער זיך אײַן. דאָס װאָס די אַרויסטרעטנדיקע רײדן,
איז פאַר אים אומדערװאַרט. זײ רײדן ניט װעגן אים. זײ רײדן װעגן זיך
און װעגן דער בויונג, װעגן דער בויונג און װעגן זיך. עס טרעטן אַרויס קאָ־
מוניסטן, קאָמיוגיסטן, אומפּאַרטײישע. אַ סאַך פון זײ קען ער װי אַרבעטער־
שלאָגלער, װי טעכניקער און אינזשעניערן, טײל זעט ער דעם ערשטן מאָל.
נאָר גראָד זײ זײַנען די באַלעבאַטים און רײדן װי באַלעבאַטים. פון אָנהײב
קנײטשט ער זיך: װאָס קערן זיך דאָ אָן װאַנצן און דאָס בײמער־אויסהאַקן
אַפן שטאָט־שעטעך, צו װאָס אָװעקפירן פון דער גרונט־פראַגע צו די פראַגן
װעגן באָד, װעגן שלעכט נאָרמירטער אַרבעט אַפן זעקסטן אָפּטײל, װעגן דער
װאַנט־צײַטונג אַף דער עלעקטראָסטאַנציע? אָט צעשרײַט זיך גאָר דער שרעק
פון די יאַמען איבערן גאַנצן זאַל און פאָדערט אַ סאָף צו מאַכן צום „פלירט־
סאַלאָן” אין דער טעכנישער אָפּטײלונג. װערנער שוידערט אויף און קוקט
מיט שטוינען צום פּרעזידיום, װו קרוגלאָװ זיצט, אײנגאַנצן אַ בלײך געװאָ־
רענער. װי ניט אין פלאַץ עס איז צו רײדן דערפון איצט אַף דער גרויסער
פאַרזאַמלונג, קרוגלאָװן אין די אויגן. װערנער טראַכט זיך, אַז מען װעט די
אומבאַקװעמקײט פאַררײַבן, נאָר באַלד דערויף שטיצט אַ צװײטער רעדנער
דעם שרעק פון די יאַמען: „מיר װײסן, אַז קרוגלאָװן איז עס ניט אָנגענעם
צו הערן, נאָר, איך מײן אַז בעסער איז צו זאָגן גלײַך אין די אויגן, אײדער
מורמלען הינטן אַרום, — אַ ניט־פּאַסיק װײַב האָסטו, אַנדריושאַ, מען דאַרף
זײַן אַנטשלאָסן: אָדער צי אָן די סטרונעס, אָדער מאַך אַנדערע אויספירן”.
און מען האָט עס, קענטיק, באַדאַרפט האָבן. קײנער נעמט זיך ניט אָן, אַלע
האַלטן אַז דאָס איז ריכטיק און אַפן פלאַץ. מען רעדט פון אײנעם אַ סע־
ריאָזשקאַ סמירנאָװ, װאָס איז פאַרלײַזיקט און װאַשט ניט זײַנע װעש. און
באַלד רעדט מען װעגן די פאַרלײגטע פונדאַמענטן, װו מען האָט אומזיסט
אַרײַנגעבראַכט מאַטעריאַלן, װעגן דעם פּלאַן פון דער בויונג, װעגן דעם
ביוראָקראַטיזם פון דער פאַרװאַלטונג... דאָס גרויסע און דאָס קלײנע —
אַלץ איז נײטיק, אַלץ האָט אַ באַדײַט. זעלבסטקריטיק! אָט דאָס איז זעלבסט־

קריטיק, אומראַכמאָנעסדיקע און אין דער זעלביקער צײַט פֿרײַנטלעכע, ווירטשאַפֿטלעכע, זאָרגעוודיקע. ער האָט אַמאָל געלאַכט איבער אַ וויץ פֿון זײַנעם אַ פֿרײַנט: די סאַמאָיעדן עסן זיך ניט אַליין. די סאַמאָקריטיקער קריטיקירן זיך ניט אַליין. * טיף בײַ זיך פֿלעגט ער אויך אַזוי טראַכטן. ער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעשאַצט דעם ריכטיקן באַטײַט פֿון דער זעלבסטקריטיק, ער האָט זי גרינג געשעצט ווי אַ דעמאָקראַטישע פֿאָרמאַליטעט. ער איז שטענדיק זיכער געווען אַז ער ווייס אַליין אַלץ זייער גוט, אַז דער געוויינלעכער אוילעם קען אים קיין שום נײַס ניט זאָגן, און די זעלבסטקריטיק האָט ער מער ווי אַלץ באַטראַכט פֿאַר אַ דערציִונגס־מיטל פֿאַר די מאַסן, נאָר ניט פֿאַר די פֿירער.

אָט האָט דערזעט ער איצט און פֿאַרשטייט זי צום ערשטן מאָל. איז ער, הייסט עס, ביז איצט געווען בלינד און טויב? די מערסטע מענטשן וואָס זיצן אין זאַל, זײַנען יונגע. ער האָט זיי געבראַכט אַהער ווי אַ טאַטע. אָט דאָס מיידל, קאַטיאַ סטאַווראָוואַ האָט געוויינט איבער אַן אונטערגעשאָסענעם קאָרשון. אָט דער שויבערדיקער באָכערל, מיט די זומער־שפּרענקלעך אַפֿילע אום ווינטער, פּעטיאַ גאָלובענקאָ, איז געווען דער פֿירער פֿון די „פּיראַטן" אַף דער „קאָלומב"; און נאָך איצט זעט ער אויס ניט אַזוי ערנסט, ווי אַ ייִנגל וואָס מאַכט זיך ערנסט. נאָר ווי אויסגעוואַקסן זיי זײַנען! ווי רײַף געוואָרן זיי זײַנען פֿאַר די צײַטן כאַדאָשים! מיט זייערע הענט איז געמאַכט דאָס אַלץ וואָס ווערנער האַלט עס פֿאַר זײַן קינד און אַפֿילע (ערגעץ אין דער טיפֿעניש פֿון זײַנע טרוימען) פֿאַר זײַן דענקמאָל. ער האָט זיי ניט געקענט אָפּהיטן און ניט אויסניצן. ער האָט ניט געשאַצט זייערע לעבנס. נאָר אין אַלע שווערע פֿאַלן האָט ער אויסגערעכנט אַף זייער העלדישן ענטוזיאַזם און ער האָט זיך קיינמאָל ניט גענאַרט. און איצט, ווען זיי פֿילן זיך ווי די עכטע באַלעבאַטים פֿון דער בויונג און פֿון ווערנער גופֿע, קריטיקירן זיי אָן ראַכמאָנעס זיך אַליין, זייער אַרבעט, זייער בויונג, זייער פֿאַרוואַלטונג. און ער, ווערנער, דאַרף אויסהערן דעם באַלעבאָס מוסער און בײַ זיי זיך לערנען און פֿאַרשטיין אַז גראָד אַזאַ זעלבסטקריטיק, אַזאַ געמיינשאַפֿטלעכקייט מיט די בויער האָט אים געפֿעלט, אַז גראָד אָט די געמיינשאַפֿטלעכקייט וואָלט אים אויסגעהיט פֿון פֿאַטאַלע פֿעלערן.

ער נעמט צונויף אַלע זײַנע קויכעס קעדיי אַרויסצוטרעטן רויִק און מוטיק. קיינער דאַרף ניט זען ווי דערדריקט ער איז. מען הערט אים אויס מיט גרויסן און ניט־פֿרײַנטלעכן אינטערעס. ער דערזעט דאָס פּאָנעם פֿונעם שאָפֿער יעפּיפֿאַנאָוו און ער טרעט אַף אַ מינוט אַראָפּ פֿון זײַן געדאַנק — אַזוי פֿינצטער קוקט יעפּיפֿאַנאָוו. דאָס איז דער זעלביקער טויכער, וואָס האָט מיט פֿאַרליבטע אויגן געקוקט אַף אים בעייסן ערשטן מיטינג און האָט דערנאָך מיליטעריש אַ געשריי געטאָן: „פֿאַראַן אויפֿצובויען אַ געצעלטן־לאַגער!" דערנאָך האָט ער געגאַנווענט ציגל פֿאַרן שפּיטאָל, פֿאַר די קראַנקע כאַווײרים, פֿאַר וועלכע ווערנער האָט ניט געזאָרגט. דערנאָך האָט דעזערטירט זײַנער אַ פֿרײַנט, אַ גוטער מעכאַניקער, נאָר אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער און אַן עגאָיִסט, וואָס האָט ניט געהאַט גענוג באַוווסטזײַן גווורע צו זײַן די שוועריקייטן. דערנאָך האָט דער זעלביקער יעפּיפֿאַנאָוו דורכגעמאַכט אַ העלדישע רײַזע איבערן נאָכגעלאָזטן אײַז, האָט אַרויסגעשלעפּט די לאַסט־אויטאָ־

* אַ וואָרט־שפּיל: סאַמאָיעדן — עסקימאָסן, אַ פֿאָלק באַם נאָרד־פּאָל. סאַמאָקריטיקאַ — זעלבסטקריטיק.

מאָבילן פּונעם וואַסער, האָט געראַטעוועט דעם ברעך־שטאָף און האָט דערבײַ געטראַכט וועגן דער בויונג, וואָס ווערנער האָט ניט באַוויזן באַצײַטנס צו באַזאָרגן מיט ברעך־שטאָף, מיט מעל, מיט פלייש. און איצט וואַרט ער אַ קינד זאָל בײַ אים געבוירן ווערן; און זײַן ווײַב, די בלאָנדע שיס־אינסטרוקטאָרקע, וועט ניט האָבן ווו געליגן צו ווערן, ווײַל ווערנער האָט ניט געזאָרגט פאַר אַ געווינערנס־אָפּטיילונג, און דאָס קינד וועט קיין מילך ניט האָבן, ווײַל ווערנער האָט ניט געזאָרגט פאַר קיין מילך־ווירטשאַפט. און אָט זיצט דאָרט טאָניאַ וואַסיאַיעווא, איינע פון די בעסטע קאָמיוגיסטקעס. זי זיצט אינעם מאַנטל, קעדיי צו פאַרשטעלן איר שוואַנגערן בויך, און איר פּנים איז אויס־געמאַטערט פון שוואַנגערשאַפט און פון איבערגעאַרבעטקייט אין שפּיטאָל, וואָס ווערנער האָט ניט באַוויזן צו באַזאָרגן מיט גענוג פּלאַץ, מיט אַ שטאַט באַדינער און מיט מעדיקאַמענטן...

ער שרײַבט זיך אַליין אונטער הויך אַפן קאָל זײַן אורטייל, וואָס ער לייענט אין זייערע אויגן, און ער מערקט אַפילע ניט ווי אַלע ווונדערן זיך, — נאָר זײַנע ווערטער אַנטפּלעקן פאַר זיי אַז דעם שעף פון דער בויונג דאַרף מען בײַטן, אַז ווערנערן דאַרף מען אַראָפּנעמען.

ער דערפילט צום לעצטן מאָל זײַן קויעך ווען ער ווײַזט אָן זייער קלאָר און קורץ וואָס מען דאַרף טאָן אַף צו פאַרריכטן די פעלערן, ווי מען דאַרף איצט ריכטן די בויונג.

— דאָס וואָלט איך אַליין געקענט טאָן, אַף וויפל איך פאַרשטיי איצט גוט אין וואָס עס באַשטייען די פעלערן און וויאַזוי זיי צו פאַרריכטן — זאָגט ער מיט אַ האַרטן גלײַכן קאָל — נאָר צוליבן נוצן פון דער זאַך וועט העסער זײַן עס זאָל קומען אַ נײַער, אַ פרישער טוער, וואָס איז ניט פאַר־פלעקט מיט טאָעסן, אַן אויטאָריטעטער פאַר אײַך אַלעמען. איך האָב הײַנט אַ סאַך געלערנט, נאָר צו שפּעט געלערנט.

ער גייט אַראָפּ פון דער טריבונע און זעצט זיך ווידער אַוועק. זײַן רעדע האָט געמאַכט אַ ניט אָנגענעמען אײַנדרוק. די אויפריכטיקייט איז פאַרשטעלט געוועזן מיט דעם האַרטן הערשערישן קאָל און זײַן מאַניר פון ריידן און האַלטן זיך האָט אָפּגעשטויסן.

ער וויל אַוועקגיין, נאָר אים אינטערעסירט וואָס וועלן אַנדערע זאָגן. ער קוקט צו קלאַראַן — זי פאַרשטייט אים, ער זעט. אין אירע אויגן לײַכט זיך האַרציקייט און אַ ביסל ניצאָכן.

ער פאַרמאַכט די אויגן און הערט איר נידעריקן, פון אויפרעגונג ניט גלײַכן און לײַכט זיך שטיקנדיקן קאָל:

— מיר ווייסן, אַז דער באָלשעוויסטישער סטיל אַרבעט באַשטייט פאַר אַלעמען אין קענען פירן מיט זיך די מאַסן, זיך אָנשפּאַרן אַף די מאַסן, זאָרגן וועגן זיי. רײַסט זיך אַ מענטש אָפּ, וועט פון אים קיין גוטס ניט אַרויסקומען. און וואָס שטאַרקער און קלוגער אַ מענטש איז, אַלץ טיפער און ערנסטער דאַרף ער אַרבעטן מיט דער מאַסע, אַלץ מער פאָדערט זיך פון אים. און דאָס צווייטע — אַלץ בייטיקער האָט ער דעם אָנשפּאַר אַף דער מאַסע, אַפן קאָ־לעקטיוו. וואָרעם ניטאָ קיין ערגערע לאַגע, ווי די לאַגע פון אַ שטאַרקן מענטשן, ווען ער בלײַבט אַליין, ווען אַרום אים און הינטער אים שאַפט זיך אַ פּוסט־קייט. ווערנער האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען, און הינטער אים האָט זיך גע־שאַפן אַ פּוסטקייט. נאָר פּוסטקייט ווערט שטענדיק מיט עפּעס אויסגעפילט. און אויסגעפילט האָבן זיי אונטערלעקער פון דעם טיפּ קאָטשאַנער — יאָ, יאָ,

קאַטשאַנער, מעגסט זיך וואַרפן, איך זאָג דאָס וואָס איך ווייס. און אַזעלכע קאַטשאַנערס, וואָס קוקן אין די אויגן זייער אַלמעכטיקן באַלעבאָס, ריידן כאַמיש מיט דער מאַסע, טעטיקייט פאַרבײַטן זיי מיט טומלעניש, מאַנעװדיקייט — מיט ביוראָקראַטיזם, און אַ מאַסע מענטשן וואָס קומען אין ביוראָ, אורטיילן ניט לויט ווערנערן, נאָר נאָך קאַטשאַנערן, ווײַל זיי קומען אָן צו קאַטשאַנערן אָפטער ווי צו ווערנערן.

אין זאַל האָבן אומדערוואַרט אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן. קלאַראַ צע־לאַכט זיך פרײַ.

— זעסטו שוין, כאָטש ווערנער, וואָס באַ דיר האָט זיך באַקומען. קאַטשאַנער האָט פאַרשטעלט ווערנערן. און באַקומען האָט זיך עס דערפאַר וואָס ווערנער האָט אַלע האָפענונגען געלייגט אַף זיך און האָט פאַרגעסן, אַז אונדזערע פּאַרטיי־אויפגאַבן קען מען אייבער אַליין ניט אויספילן. זײַן אייגענער „איך" האָט אין זײַן באַוווסטזײַן אַרויסגעשטויסן דעם „מיר". און ווער עס ווערט גרויס באַ זיך, ווער עס פאַרליבט זיך אין זיך, ווער עס פאַרגעסט זיך אַף אַנדערע צוליב זײַן אייגענעם עגאָיזם — דער ווערט אומפאַרמיידלעך איזאָלירט, איינזאַם און ערגער ווי אַלץ — אַ הינטערשטעליקער מענטש. און די הינטערשטעליקייט ניצן אויס ניט בלויז ביוראָקראַטן, נאָר לאָמיר ריידן אָפן: מיט דער הינטערשטעליקייט ניצן זיך אויס אונדזערע סאָנים.

געווען איז שוין שפּעט ווען ווערנער איז אַרויסגעגאַנגען צום אַמור. נאָך דער שטיקנדיקער און אָנגעשטרענגטער ענגשאַפט אין זאַל, האָט דער אַמור אים אָפּגעפרישט מיט דער פרײַער מאַסע קאַלטער פרישע לופט. דאָס אײַז שפּאַלט זיך. אַ צוגעווויינטער צו דער פינצטערניש. נעמט ווערנער מערקן דעם פאַמעלעכדיקן גאַנג פונעם אויפגעבראָכענעם, אויפגעשטעלטן אײַז. די אײַז־שטיקער קריכן, ווי לעבעדיקע וועזנס פאַרויס, שטעלן זיך דיבאָם און פילן אָן די טײַך־ראָכוועס מיט קראַכן און קנאַלן. דער אײַז־גאַנג האָט זיך שוין אָנגעהויבן ערגעץ דאָרט ווײַטער, אַרויף דעם טײַך, און דאָס אײַז שפּאַרט און דריקט און יאָגט אונטער די נאָך ניט געריררטע אײַז־פעלדער.

ווערנער שפּאַנט באַם ברעג, געהויקערט, מיט די הענט טיף אין די קע־שענעס פון זײַן לעדערנעם אייבערראָק און קוקט אַרום זיך מיט טרויעריקער אויפמערקזאַמקייט.

וויפל מאָל איז ער שוין דאָ פאַרבײַגעגאַנגען מיט זײַן בייגיקן דינטלעכן גאַנג, מיט יעדן באַוועג פונעם קערפּער געפילט די קראַפט, די זיכערקייט און פעסטקייט פון זײַן לעבנס־אָרגאַניזירטקייט! דאָס אייגנטלעך — אָרגאַניזירטקייט. ער איז געוווינט (און האָט ליב אין זיך אַט די געוווינהייט) אונטערצוואַרפן זײַן לעבן דעם באַטראַכטן פּלאַן און די פעסטע פּרינציפּן. דער אײַנדערפרײַקער שפּאַציר איז באַ אים אַ געניטונג פון געזונט, אַ פאַרגרייט פון נערוון און מאַרך צום אַרבעטס־טאָג. אין אָוונט גייט ער אויך אַהיים צופוס, ניט געאײַלט — אַן אָפּפרישונג פאַרן קאָפּ, אַ פאַרגרייט פון געזונטן שטאַרקן שלאָף. ער דערלויבט זיך ניט פאַרשפּעטיקן אַף דער אַרבעט, ער באַגרענעצט די שאָען פון די זיצונגען און געשפּרעכן, ער פאַרבאָט רייכערן אינעם קאַבינעט, ער פירט אין אַלץ אײַן אָרדענונג און פּינקטלעכקייט — די היגיענע פון דער אַרבעט, די פאַרהיטונג פון די נערוון און פון דעם מויעך. קיין אייגער פון די מיטאַרבעטער האָט אים ניט געזען אַן אויפגערעגטן און אַ צערודערטן: אויפרעגונג און צערודערונג זײַנען עמאָציאָנעלע עלעמענטן און באַ דער

אַרבעט איז קיין פלאַץ ניט פאַר עמאָציע. ער דערשטיקט זיי, ער פאַרטרײַבט זיי אַף אינעווייניק. ער קען טרענירן זײַנע נערוון און האָט זיך דערשלאָגן דערצו אַז ער קען הערשן איבער זיך אין אַלע שווערע פאַלן און ווײַזט אַרויס אויסדויער און גלײַכגעוויכט. דער באַוווסטזײַן פון זײַן העכערקייט און דאָס אַרויסווײַזן, האַלט ער פאַר אומפאַרמײַדלעך און נייטיק. ניט קיין האַלבגאָט. ניין! ניט קיין איבערמענטש, ניין! — נאָר אַ פירער, מיט אַ קאָפּ העכער פון אַנדערע, אַן אומבאַדינגטע און אומדערשיטערטע אויטאָריטעט.

וואָס־זשע איז געשען? איז ער צופיל פאַרגלייבט געוואָרן אין זיך? האָט ער זיך צופיל איבערגעגעבן דעם ערגײַץ? האָט ער זיך פאַרגעסן אַף דער זעלבסטקריטיק?

ווערנער גיט קוים אַ שמייכל, לויט זײַן געוווינהייט. נאָר דער שמייכל איז ניט קיין אויפריכטיקער. יאָ, זעלבסטקריטיק. אָט וואָס זי איז — די אומראַכמאָנעסדיקע און אָנפירנדיקע, גרויזאַמע און זאָרגעוודיקע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר באַלעבאָס, נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז די באַלעבאַטים זײַנען זיי — די פּעטיאַס, די קאַטיאַס, די אַנדריושאַס, די סעריאָזשקאַס.

„אָפּגעריסנקייט פון די מאַסן". אים איז קיינמאָל אַפן זינען ניט געקומען, אַז זיי, אָט די מאַסן, זײַנען אַזוי וויכטיק און נייטיק אים פּערזענלעך. און הײַנט האָבן זיי אים געלערנט. געלערנט אַזוי ווי קאַפּלאַן, וואָס האָט אים אויפגעקלערט זײַנע אייגענע טאָעסן, און ווי די מערסטע זייערע — האָבן פאַרגעסן אים צוליב די פראַגן פון הײַנטיקן קאַמף, וואָס זיי וועלן אים שוין פירן אָן אים.

— ווערנער, וואַרט אויס!

אַ פאַרוווּנדערטער דערזעט ער קלאַראַן.

זי נעמט אים אונטערן אָרעם און זיי גייען באַנאַנד און שווײַגן.

ער פּרוּווט עפּעס זאָגן.

— מען דאַרף ניט, — זאָגט זי — לאָמיר אָפּרוען. קען מען טאַקע ניט פּאַשעט שווײַגן, אָטעמען מיט דעם ווינט פונעם אַמור, טראַכטן וועגן דער צוקונפט?

זיי גייען געאָרעמט און שווײַגן, פאַרנומען יעדערער מיט זײַנע געדאַנקען. בעייסן שיידן זיך באַ די שטיגן אינעם פינצטערן קאָרידאָר, פּרוּווט ער ווידער עפּעס זאָגן.

— מען דאַרף ניט, ווערנער, — שטעלט אים קלאַראַ אָפּ מיט אַ קימאַט בעטנדיקן קאָל — איצט איז נאָך פרי צו ריידן. טראַכט נאָך אַ ביסל. וועגט איבער. איך וויל אַזוי שטאַרק איר זאָלט באַגרײַפן ביזן סאָף.

— איך האָב שוין פאַרשטאַנען — זאָגט ער גאַנץ פּאַשעט.

— איך ווינטש אײַך אויב אַזוי גוטס און האַצלאָכע — גיט זי אַ זאָג און גייט אַוועק.

איר שטרענגע פרײַנטשאַפט איז ניט בעקויעך אים צו באַפרײַען פון דער ביטערניש פון דעם קראַך וואָס ער לעבט איבער. נאָר זי שוואַכט אָפּ זײַן ביטערניש ווי אַ שלוק וואַסער.

XVIII

דער נײַער נאַטשאַלניק נעמט איבער די בוױנג. מען רופט אים סערגײ פּעטראָװיטש דראָטשיאַנאָװ. ער איז אַ ברײטער און דיקער מענטש, מיט אַ גרױסן קאָפּ און פלײשיקן ראָזעװן פּאָנעם, מיט אַ מעכטיקן באַס, מיט האַריקע גראָבע הענט, מיט אַ כיטרע שמײכל, װאָס בלאָנדזשעט ערגעץ לעבן מױל און די אױגן, טרעט ניט אַרױס אינגאַנצן. און דאָך איז ער פּאַראַן און פּאַרװײכט אַנגענעם דאָס פּאָנעם. געקומען איז ער מיט אַ פרױ און דרײַ קינדער, מיט דער גאַנצער שטובּיקער באַלעבאַטישקײט, מיט דעם מעבל און מיט אַ יעגער־הונט. ס'איז קענטיק אַז ער איז געקומען סאָליד, אַף לאַנג און פעסט. און די בוױנג נעמט ער איבער אױך פעסט, ניט געאײַלט, גרינטלעך.

שױן דעם ערשטן טאָג זאָגט ער צו גראַנאַטאָװן:

— װי רופט מען דיך? אַלעקסײ אַנדרײעװיטש? איז אָט װאָס, אַלעקסײ אַנדרײעװיטש, איך װאָלט דיך אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, אָפּן זאָג איך דיר, איך װאָלט דיך אַראָפּגענומען אָן לאַנגע רײד פאַר דער באַזאַרגונג. נאָר איך נעם דיך ניט אַראָפּ דערפאַר װאָס — מען זאָגט דו האָסט דיך די לעצטע כאָדאָשים שטאַרק אַרױסגעװיזן און צום איבערנעמען דאַרף מען דיך, און װערנער פאַרטײדיקט דיך. אַזױ אַז, בלײַב, נאָר אַרבעט, פרײַנטעלע, אַז ניט װעל איך פון דיר די פעל אַראָפּשינדן.

ער רעדט מיט אַ גימל אָנשטאָט אַ רײש; דאָס פאַרװײכט דעם געדונער פון זײַן קאָל, װי דער שמײכל די גראָבקײט פון זײַן פּאָנעם.

סערגײ װיקענטיעװיטשן זאָגט ער:

— איר זײַט אַ מענטש אַ װיסנדיקער, אַ קאָמוניסט. און אַן אָרגאַניזאַטאָר, זאָגט מען, אַ שװאַכער. װעל איך אײַך, טײַערער, מיט אַלע קױכעס אַרױסהעלפן. עפּשער װעט זיך באַ אונדז בײדן אַרױסבאַקומען גוט. איך װעל אײַך קרעפטיקן דערין, נאָר איר װעט מיך אױך קרעפטיקן — ניט גענוג װיסן באַ מיר אין דעם איניען.

קאָטשאַנערן און דעם „אַמורער קראָקאָדיל" האָט ער אָן שום טײַנעס באַאַפּרײַט. אַף קרוגלאָװס אָנװײַזונג, האָט ער צו זיך אַרױסגערופן סאָניאַ איכאַקאָװאַ און האָט איר פאַרגעלײגט אַרבעטן װי זײַן סעקרעטאַר.

— אױ, נײן! — שרײַט אױס סאָניאַ — איך קען דאָס ניט... איכל עס פאַר קײן פאַל ניט קענען...

— אײַ־אײַ־אײַ! — צעדונערט זיך סערגײ פּעטראָװיטש — די קאָמיוגיסטקע האָט זיך דערשראָקן: זי קען ניט, זי װײס ניט. האָט מען דיך אַזױ געלערנט אינעם קאָמיוג?

סאָניאַ איז צעמישט, נאָר זי שמײכלט, דער נײַער נאַטשאַלניק געפעלט איר.

— אױב דו װעסט ניט קענען שרײַבן קײן ביוראָקראַטישע מעגילעס, איז ניט קײן אומגליק. דעם עצעם זאַך װעסטו פאַרשטײן. װעסט אָנשרײַבן װי עס איז, און גענוג. װײניקסטנס, װעט זײַן װײניקער געשרײַבעכץ. און איך דאַרף דיך האָבן אָט צו װאָס — באַ מיר זאָל מיט קײן ביוראָקראַטיזם ניט שמעקן. אַלעמען אױפנעמען קען איך ניט און װעל ניט. דערױף איז באַ מיר פּאַראַן אַ גאַנצער אַפּאַראַט. און דײַן זאַך איז — פרעג אױס, שיק װו מען דאַרף, קוק דורך, דערװיס זיך צי האָט מען באַקומען װאָס מען דאַרף. העלף דו אַלײן מען זאָל באַקומען. אױב, לעמאָשל, דו האָסט געשיקט אַ באַ־

זוכער צו גראַנאַטאַוון, פרעג דערנאָך — וואָס איז געוואָרן? און איז גאָרניט אַרויסגעקומען, ברענג זיי מיר ביידן. דײַן מאַן, ווער איז?

— אַ שאָפער.

— און וואָס נאָך? זײַ ניט אַזוי באַשיידן, איך ווייס דאָך, פערזן שרײַבט ער, אַ פּאָעט. איז נעם דיר אין אַכט: אויב דו אַליין וועסט זיך פּאַרביוראָ־קראַטיזירן, וועל איך צווינגען דײַן מאַן ער זאָל וועגן דיר פערזן פּאַרפאַסן — עפּיגראַמען, דוכט זיך, רופט מען עס. כ'וועל אים צווינגען און וועל איבער דײַן טיש אויפהענגען — אַלע זאָלן לייענען. מסכּים?

— יאָ, — איז סאָניאַ מיט פאַרגעניגן מסכּים.

סאָניאַ שטעלט זיך אַרבעטן און אַפן צווייטן טאָג גייט זי אַרײַן אין דער איבעראַנדערשונג. סערגיי פּעטראָוויטש נעמט זי, גראַנאַטאָוון און סערגיי וויקענטיעוויטשן אַף אַ רײַזע איבער דער בויונג.

— נעם אַ גרויסן בלאָקנאָט, וועסט אַלץ פאַרשרײַבן — זאָגט ער סאָניאַן.

מען פירט צו דעם אויטאָ. גראַנאַטאָוו פאַרזיכערט, אַז מיט דעם אויטאָ וועט מען ניט דורכפאָרן. די וועגן דערלויבן ניט.

— דאָס האָסטו געמאַכט אַזוינע וועגן, וואָס מען קען אַף זיי ניט פאָרן?

— פרעגט סערגיי פּעטראָוויטש — ניט דו? נו, אַלצאַיינס. מירן פאָרן, מירן דורכקוקן. און דו, סאָניאַ, פאַרשרײַב, ווו מען דאַרף די וועגן פאַרריכטן, כ'וועל נאָך פאַראָרדענען. אין דרײַ טעג זאָל עס זײַן! די לאַסט־אויטאָס גייען באַ אײַך גאָרניט אַרויס פונעם רעמאָנט. און די וועגן פאַרריכטן האָט איר זיך גאָרניט דערטראַכט?

די וועגן זײַנען שרעקלעך. צוויי מאָל האָט דער אויטאָ זיך געגליטשט אין דער בלאָטע. און אַלע זײַנען אַרויס דעם אויטאָ אונטערשטופּן. פאַרבלאָ־טיקטע ביז די קני זײַנען זיי צוגעפאָרן ביז דער הײַזער־בויונג. נאָר האָרט צופאָרן האָט מען ניט געקענט, ווײַל דער וועג איז פאַרנומען געווען מיט פאַרזונקענע לאַסט־אויטאָס.

— פאַרשרײַב, סאָניאַ! — וואַרפט צו סערגיי פּעטראָוויטש און לאָזט זיך גיין צום געבוי פון אַ שטיינערנעם הויז.

מען רינגלט אים אַרום. דער אַרבעטס־אויספירער סאָלאָדקאָוו, מיט אַ פּלאַן אין די הענט, נעמט אים אויפקלערן סאָראַ הויז דאָס וועט זײַן. נאָר סערגיי פּעטראָוויטש, רעדט קיין וואָרט ניט אויס, און לויפט אַרויף איבער דער רישטאָוואַניע דאָרט ווו די מולירעס אַרבעטן.

זיי אַרבעטן אַף אַ הייך פון דרײַ ביז פיר מעטער באַם לייגן אַן אינע־ווייניקסטע וואַנט. די ציגל האָט מען צוגעפירט אַף אַ צווייטער דרויסנדיקער וואַנט. אַ יונגער באָכער שטייט אַף דער דרויסנדיקער וואַנט און וואַרפט אַ ציגל נאָך אַ ציגל, און דער צווייטער, דער לייגער, כאַפּט זיי אויף מיט אַקראָבאַטישער פלינקייט און לייגט זיי.

סערגיי פּעטראָוויטש שטייט און קוקט און שמאָרעט מיט דער נאָז. סאָלאָדקאָוו קומט צו. ער נעמט ווײַטער דערקלערן, און דעמאָלט גיט סערגיי פּעטראָוויטש פּלוצעם אַ געשריי:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גימנאַסטיק? עפּשער זײַט איר גאָרניט קיין אַרבעטס־אויספירער, נאָר אַן אינסטרוקטאָר פון לײַכטער אַטלעטיק? עפּשער איז גלײַכער אײַך איבערשיקן אין דער ביוראָ פון פיזקולטור אָדער גלײַך אונ־טער געריכט? פאַרשרײַב, סאָניאַ!

די מולירעס לאַכן און ווינקען צו סאָניאַן.

און סערגיי פּעטראָוויטש נעמט שוין אַרבעטן: ער הייסט צוברענגען ברעטער, אַליין קלאַפּט ער צונויף אַ קעסטל און זידלט זיך שטיל, אַז סאָניאַ זאָל ניט הערן. דערנאָך שמועסט ער מיט די אַרבעטער, כאַפּט אויף זייערע באַמערקונגען און פֿאַרבײַלויפֿנדיק וואַרפֿט ער צו סאָניאָן: „פֿאַרשרײַב!" שוין אָפֿן אָרט פֿאַראָרדנט ער ווי צו באַזײַטיקן די פֿעלערן און ווידער וואַרפֿט ער צו סאָניאָן, פֿאַרשרײַב, אין דרײַ טעג אַרום וועל איך דורכקוקן. פֿאַרשרײַב אַלץ.

סאָלאָדקאָוו, וואָס איז מיטאַמאָל אַראָפּ פֿונעם פּאָנעם, פֿאַרשרײַבט אויך. פֿאַרן אַוועקפֿאָרן, זאָגט אים סערגיי פּעטראָוויטש:

— טײַערינקער, דאָס איז צום נוצן פֿון דער זאַך, און ניט דיך צו סטראַשען, נאָר טאָמער וועל איך נאָכאַמאָל זען אַזאַ סקאַנדאַל, וועל איך אָפּגעבן אונטער געריכט און זאָל דיך ניט פֿאַרדריסן.

אינעם אויטאָ ווענדט ער זיך צו סאָניאָן:

— האָסט פֿאַרשריבן? אַלץ פֿאַרשרײַב, און גיב מיר דערנאָך דאָס בלעטל אַף דורכקוקן. וועלן זיי ניט מאַכן, וועל איך די פֿעל אָפּשינדן.

אַף דער בויונג פֿון אַ צווייטן הויז, פֿאַרקוקט ער זיך אַף דער אַרבעט פֿונעם שטוקאַטורער בעססאָנאָוו. ער קומט צו ביז דער וואַנט, רוקט צו דאָס פּאָנעם צו דער שטוקאַטורע, קעדיי בעסער צו זען ווי גלאַט זי איז, ער קוקט מיט אַ פֿאַרשטאַנדיקן בליק אַף וואַלקאַס אַרבעטנדיקע הענט און זאָגט:

— גוט.

וואַלקאָן איז עס אָנגענעם, נאָר ער איז ניט געניגט גוט צו זײַן מיט נאַטשאַלסטווע אַזוי לאַנג נאַטשאַלסטווע פֿאַרדינט עס ניט, און ער ענטפֿערט אײַנגעהאַלטן:

— סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו האָט געזען — און האָט אויך געזאָגט ס'איז גוט.

— אַזוי? — רופֿט זיך אָן מיט פֿאַרגעניגן סערגיי פּעטראָוויטש — אַ לענינגראַדער?

וואַלקאַ שאָקלט צו.

— און איך האָב מיט אים אין באַקו געאַרבעט, — זאָגט סערגיי פּעטראָוויטש — כ'וועל דעם גאַנצן לעבן ניט פֿאַרגעסן.

וואַלקאַ פֿילט אים מיט. עס געפֿעלט אים וואָס דראַטשיאָנאָוו קען קיראָוון און וואָס ער האָט טײַקעף פֿאַרשטאַנען ווי גוט ער אַרבעט.

און סערגיי פּעטראָוויטש פֿרעגט שוין וועגן פֿעלערן, און וואַלקאַ דערמאָנט זיך אַז אויך קיראָוו האָט אים אַזוי געפֿרעגט, און עס ווערט אים וואַרעם אַפֿן האַרצן.

ער דערציילט אַלץ וואָס ער קען, וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער אַרבעט, וועגן צופֿיר פֿון מאַטעריאַלן, וועגן דעם פּלאַנטער אין די פֿלענער, וועגן שוואַכן פֿאַרגרייטן די קאַדרן.

— זאָגט איר אַליין — זאָגט ער — אין ספּעציאַליסטן איז אַ מאַנגל, און מיר אַרבעטן מיט צערעפּעטע פֿינגער, קענען ניט אײַנהאַלטן.

— אָט, אָט, מיט צערעפּעטע פֿינגער.

דראַטשיאָנאָוו דרייט זיך אום צו סערגיי וויקענטיעוויטשן און צו גראַנאַטאָוון:

— איר הערט? דאָס זאָגט ער וועגן אונדז! — און דרייט זיך ווידער אום צו וואַלקאָן: — איז וואָס־זשע דאַרף מען טאָן? וויאַזוי פֿאַרריכט מען?

— אָט אַזוי, מיטאַמאָל, קען מען ניט זאָגן, מען דאַרף באַטראַכטן.

— גיב אַ טראַכט. כאָטש באַדאַרפט האָט מען פריִער טראַכטן. — ביסט דאָך אַ קאָמיוגיסט, אַ? נו, נו. איך פאַרגיב דיר אַן אַרבעט — באַטראַכט. מיט גוטע ברידער רייד איבער. דערנאָך וועסטו צוקומען צו מיר. צוויי טעג איז גענוג? סאָניאַ פאַרשרײַב: איבערמאָרגן אַכט אין אָוונט. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט.

— אויב די גוטע ברידער זײַנען פאַרשטאַנדיקע, קום מיט די גוטע ברידער.

אַפֿן געהילץ־זאַוואָד קלײַבט אַרום זיך צונויף סערגיי פּעטראָוויטש די אַרבעטער און פירט דורך אַ שנעלע פּראָדוציר־באַראַטונג.

דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד, אַ צעווייקטער און פאַרלוירן זיך אַרומ־קוקנדיקער מענטש, איז אָפּן באַליידיקט וואָס ער מוז ריידן מיט דעם נײַעם זאַטשאַלניק צווישן אַזאַ אוילעם. אַף ניט אָנגענעמע פראַגן ענטפערט ער אויסמײַדנדיק.

— איך וועל אײַך שפּעטער באַריכטן... איך וועל אײַך שפּעטער ווײַזן.

— וואָס קווענקלט איר אײַך? רעדט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, האָט קיין מוירע ניט. מיט אַזעלכע יאַטן איז פרייִלעכער צו ריידן. זיי וועלן פאַר־ריכטן, אָנווײַזן, אַן אייצע געבן. רעדט, קווענקלט זיך ניט.

דער דירעקטאָר דרייט זיך, ענטפערט אָפּגעריסענע ווערטער.

— נו, גוט, דערנאָך איז דערנאָך, — גיט סערגיי פּעטראָוויטש אַ מרור־קע און ווענדט זיך מער צו קיינעם ניט.

אינאיינעם מיט די אַרבעטער גייט ער אַרויף אַף דעם בערגל, ווו מען ציט אַרויף מיט אַ הייבער די קלעצער. מען באַקענט אים מיט סיאָמאַ אַלט־שולער, דעם אויפטועך פון דער פּרימיטיווער מעכאַניזאַציע.

— דאָס איז דאָך אָבער נאָך ווייניק? — פרעגט אים סערגיי פּעט־ראָוויטש.

— און נאָך וויאַזוי ווייניק! — כאַפּט אונטער סיאָמאַ — איך האָב שוין צוויי מאָל פאָרגעלייגט: קוקט מיט פרישע אויגן וועט איר אײַך דער־שרעקן. מיר פלעגן שלעפּן די קלעצער מיט די הענט אַף דער באַרזשע און שלעפּן אַפֿן בערגל פערציק־פופציק מעטער. דערנאָך האָב איך פאָרגעשלאָגן דעם הייבער און די רעלסן. ברעמסבערג — אַזוי רופט זיך עס. נו, און ווײַ־טער? אָט האָבן מיר איצט הויך־וואַסער, זײַנען די קלעצער ניט ווײַט. נאָר איר ווייסט וואָס אַזוינס איז די סילינקאַ? דאָס איז די פאַררעטערישסטע אַזערע! דער פרילינג וועט אַריבער, וועט דאָס וואַסער אָפּפאַלן, וועלן מיר שלעפּן די קלעצער פון ווײַט, מיט שוויץ־סיסטעם. איך האָב שוין צוויי מאָל פאָרגעלייגט דורכגראָבן אַ קאַנאַל ביז צום ברעמסבערג — איר מיינט דאָס איז שווער? איך בין אַרעוו פאַר אַלע יאַטן. מעלדן אַ ניט גרויסן אַווראַל (מאָביליזאַציע פון די קויכעס) — און אַלע וועלן גראָבן דעם קאַנאַל ווי די רוכעס, און דער קאַנאַל וועט זײַן פאַרטיק און די קלעצער וועלן זײַן נאָענט, דאָ טאַקע — נעם זיי אַפֿן האָק און שלעפּ.

— קומט מיט מיר, כאַווער אַלטשולער — זאָגט סערגיי פּעטראָוויטש און גייט אַרײַן אין ביוראָ־צימער פונעם געהילץ־זאַוואָד.

אינעם זעלביקן טאָג האָט ער מיט אַ באַפעל באַפרײַט פון דער אַרבעט דעם דירעקטאָר פון געהילץ־זאַוואָד און אַף זײַן אָרט באַשטימט דעם יונגן

אינזשעניער — קאָמוניסט פּעדאָטאָוו, און פּאָר געהילף אַרויסגערוקט דעם קאָמיוגיסט סיאָמאַ אַלטשולער.

— דאָס הייסט, אַז דער קאַנאַל וועט זײַן — זאָגט סיאָמאַ ווען ער דער־וויסט זיך וועגן דער באַשטימונג.

— טראַכט ווײַטער, — זאָגט אים סערגיי פּעטראָוויטש — דאָס איז ערשט אַן אָנהייב. פֿאַר דיר אַן ערן־זאַך. לערנען דיך דאַרף מען ניט. אַרבעט, פֿרײַנטעלע, באַווײַז וואָס עס קען אויפטאָן אַ קלוגער קאָמיוגישער קאָפּ.

— כ׳וועל באַווײַזן.

— פֿאַרשרײַב סאָניאַ. איך אַ כווידעש אַרום וועלן מיר פֿון אים פֿאָדערן דאָס וואָס ער האָט אָנגעטראַכט.

דעם נאָטשאַלניקס אויטאָמאָביל שלעפּט זיך ביז נאַכט אין דער בלאָטע איבער דעם שמאָט־שעטעך. סערגיי וויקענטיעוויטש איז צעטרייסלט ביז צום איבלען. ער איז בלייך און געערגערט, ווײַל דראָטשיאַנאָוו ווענדט זיך אַלץ אָפּטער צו אים מיט זײַן ליבן שמייכל: „דאָס איז דאָך וועגן אײַך, אַ ?”

גראַנאַטאָוו איז אָנגעצויגן און רויק; ער שעמט זיך ניט אַנטציקט צו זײַן מיט דעם אַרבעטס־מעטאָד פֿונעם נײַעם נאַטשאַלניק. סאָניאַ האָט שוין פֿאַרשריבן דעם גאַנצן בלאָקנאָט און ווײַזט קוים מיט די פּיס פֿון פֿאַרמאַ־טערקייט.

און דראָטשיאַנאָוו טראָגט מונטער זײַן דיקן קערפּער, שמייכלט, איראָ־ניזירט, זידלט זיך, גיט אַרויס באַפֿעלן, דיקטירט סאָניאַן פֿאַרצייכענונגע־צום געדענקען, לויפֿט, קריכט, פֿרעגט אויס, זידלט זיך נאָכאַמאָל.

צו נאַכט שוין דערקלײַבן זיי זיך צום אַרבעטס־אָפּטייל, וואָס מען רופֿט קאָנווענציאָנעל „דאָקן”. קיין דאָקן זײַנען נאָך ניטאָ, פֿאַראַן איז צעגראָבענע ערד מיט גריבער שמוציקע וואַסער און אַ הייפעלע אַרבעטער קאָמיוגיסטן, צוויי אינזשעניערן און דער אָנפֿירער מיט דעם אָפּטייל — אינזשעניער פּוטין (דיקער זעלביקער עלטערער אינזשעניער וואָס האָט זיך געקלאָגט פֿאַר קרוג־לאָוון, אַז ער וואַשט זיך באַם שפּײַ־קעסטל).

דראָטשיאַנאָוו רופֿט אַרויס אַלע דרײַ אינזשעניערן. איינער פֿון זיי איז קאָסטקאַ, וואָס עסט זיך אײַן מיט ברענענדיקע אויגן פֿון דערוואַרטונג אינעם נײַעם נאַטשאַלניק.

— אָנגעהאַקט האָט מען דאָ אַ סאַך, — זאָגט סערגיי פּעטראָוויטש — פֿונדאַמענטן געלייגט, געלט אַרײַנגעבראַכט. אַ פּינטעלע! מער וועט דאָס ניט זײַן. ביז זומער וועט די גרונטאָווגע אַרבעטס־קראַפֿט אַרבעטן אַף די וויינונגען און אַף די געהילף־בויונגען. די צווייטראַנגיקע אָביעקטן פֿאַרקאָנ־סערוויר איך. נאָר די דאָקן זאָלן פֿון מאָרגנדיקן טאָג אָן גיין אין פֿולן מאַרש. דאַרף מען אַרבעטס־קויכעס, וועל איך צוגעבן. דאַרף מען מאַטעריאַלן, וועל איך געבן. אַלץ וואָס מען דאַרף, וועל איך געבן. קיין איבעריקס זאָלט איר ניט בעטן, איך בין ניט קיין נאַר, איך וועל מיך אַליין פֿונאַנדערקלײַבן. דער פּלאַן בײַ אײַך — איז פֿערציק פּראָצענט, ביז סאָף מײַ — זאָל זײַן אויסגע־פּילט דער גאַנצער כווידעשלעכער פּלאַן. איז פֿאַראַן אַזוינס ?

אינזשעניער פּוטין נעמט זיך לאַנג אויפֿקלערן, אַז די פֿאָדערונג איז איבער דער מאָס, אַז פֿאַראַן זײַנען אומשטאַנדן . . .

— וועלכע ? — איז סערגיי פּעטראָוויטש באַזאָרגט און זעצט זיך אָוועק גרייט אויסצוהערן.

פּוטין פּלאָנטערט, קלערט אויף, רעגט זיך און בייזערט זיך. קאָסטקאַ

ציטערט פון אומגעדולד, רײַסט זיך אַלץ אַרײַנצומישן זיך, נאָר ער האַלט זיך אײַן.

— און ער, ווער איז ער בײַ אײַך ? — גיט דראַטשיאַנאָוו אַ פרעג, ווי אויסער דער טעמע, און ווינקט אָן אויף קאָסטקאָן.

— אַן אַרבעטס־אויספירער. אינזשעניער קאָסטקאָ, אַ יונגער ספּעציאַליסט פון ראָסטאָוו.

— גוט, גוט. איך הער אײַך ווײַטער.

פּוטין האַלט ווײַטער אין דערווײַזן און אָפּשלאָגן. דראַטשיאַנאָוו קוקט ווידער אויף קאָסטקאָן :

— און אײַער מיינונג, כאַווער קאָסטקאָ ?

ער דערהערט ניט וואָס פּוטין רעדט און ער פרעגט בײַ קאָסטקאָן סאָראַ בילדונג ער האָט, סאָראַ געניטקייט, אַרבעט־סטאַזש. קאָסטקאָס יונגע ברענענדיקע אויגן געפעלן אים. און קאָסטקאָ האַלט אַז דראַטשיאַנאָווס פאָדערונג קען מען אויספירן און זי איז געווונטשן, אַז אַלע אַרבעטער וועלן דאָס מיט ענטוזיאַזם אויפנעמען, און אַז אַלע טעכנישע שטערונגען קען מען באַזײַטיקן.

— גוט, גוט — מורמלט דראַטשיאַנאָוו און ער רופט זיך גלײַך אָן :

— אַזוי אַז, כאַווער פּוטין, מײַנע ווערטער נעמט אָן ווי אַ באַפעל. אײַער דערווידערונג האַלט איך פאַר אומבאַגרינדעט. שטרענגט אײַך אָן און מאַכט. אַן אָנשטרענגונג וועט איצט דאָ גאָרניט אַרויסקומען.

פּוטין ווערט רויט. פאַרקרימט זיך פאַראַכטלעך און קוועטשט פון זיך אַרויס :

— אײַער באַפעל איז באַפעל. נאָר איך דערקלער אײַך, איך וואָרן אײַך, אַז בײַ אַזעלכע פאָדערונגען . . . בײַ אַזאַ לאַגע . . . בײַ אַזוינע טעמפּן . . . קען איך פּאַשעט ניט אַרבעטן.

— איר קענט ניט ? — פאַרטראַכט זיך דראַטשיאַנאָוו. ווידער קומט אים אויף די אויגן קאָסטקאָס אויפגערעגט און לעבעדיק פּנים — ניין, פאַר וואָס, איר'ט קענען, — זאָגט ער — איך וועל אײַך ניט צווינגען. איך וועל אײַך געבן אַ קלענערע אַרבעט, אַ מער באַשיידענע. נו, לאָמיר זאָגן, אַרבעטס־אויספירער, און פאַר נאַטשאַלניק איבערן אָפּטייל וועל איך אַוועקזעצן אַ צווייטן, וואָס וועט קענען אַרבעטן בײַ אַזעלכע פאָדערונגען און טעמפּן. נו, כאָטשבי . . . כאָטשבי דעם אַרבעטס־אויספירער קאָסטקאָ. ער וועט קענען. און אײַך וועט זײַן גרינגער, רויִקער . . . אַזוי, אַ קליינע אינעווייניקסטע איבערשטעלונג . . .

פּוטין פלאַמט אויף, דערנאָך ווערט ער בלייך, דערנאָך ווידער רויט.

און סערגיי פּעטראָוויטש שמועסט שוין מיט קאָסטקאָן :

— נעמט אײַך לערנען שוין פון דער מינוט אָן — אײַך פעלט נאָך, באַטירלעך, אַ סך צו אַזאַ גרויסער אַרבעט, ריכטיק ? דעם ערשטן כוידעש קענט איר קומען צו מיר צו יעדער צײַט און צוליב וועלכער עס איז פראַגע אויסער יעדער ריי (סאָניאַ פאַרגעדענק !) סערגיי וויקענטיעוויטש וועט זיך אויך ניט אָפּזאָגן אײַך צו לערנען, אײַך צו העלפן. די הילף וועט זײַן אַ קאָנקרעטע וועלכע נאָר איר דאַרפט : מיט מאַטעריאַלן, מיט ראָט, מיט מענטשן. נאָר איך באַפעל אײַך — אַרבעטן בעסער פון אײַער פאָרגייער. און אין צען כאַדאָשים אַרום דאַרף די אַרבעט זײַן איבערפאַרטיק.

— פאַראַן בעסער אַרבעטן, — ענטפערט קאָסטקאָ מיליטעריש, מיט

אַ בליק אין די אויגן און מיט אַ יינגלשער רויטקייט אויפֿן פּנים. און ער ווערט אַרומגעכאַפּט מיט דעם ניט געוויינלעכן געפֿיל פֿון זײַן ניצלעכקייט, פֿון זײַן זעלבשטענדיקייט, און אין דער זעלביקער צײַט פֿולער אָפּהענגיקייט פֿון דעם באַפֿעלנדיקן, סימפּאַטישן און אַ ביסל עלטערן נאַטשאַלניק.

— אַט־אַט... איר זײַט דאָך אַ טײַוול פֿול מיט אייגנליבע, איר וועט דאָך קריכן אויף די ווענט און ווערט מאַכן!

סערגיי פּעטראָוויטש קוקט מיט אַ פֿאַרשערישן בליק אויף דעם יונגן, גליקלעכן און פֿאַרזאָרגטן פּנים.

— לערנט אײַך, לערנט אײַך, טײַערער. אין פֿינף יאָר אַרום ווערט איר זיך זעצן אויף מײַן אָרט, — זאָגט ער אים אי טרויעריק און אי צערטלעך און דריקט קאַסטקאָס האַנט מיט זײַן גרויסער פֿאַרשטויבטער האַנט.

— דאָס איז פֿאַר דעם אונטער־שעף, — רופֿט ער זיך אָן צו גראַנאַטאָוון און צו סערגיי וויקענטיעוויטשן, ווען זיי זעצן זיך אַרײַן אינעם אויטאָ.
— נאָר אין צען יאָר אַרום וועט ער אײַך אַלעמען אַריבערשפּרינגען. אָט וועט איר זען. נעגל האָט ער מײַנע... נאָר די יונגשאַפֿט! די יונג־שאַפֿט! ווען איך בין אין זײַנע יאָרן און האָב זײַן וויסן, וואָלט איך איצט ווער ווייס וואָס געווען... — ער רײַסט איבער זײַנע מאַכשאָוועס און ווענדט זיך צו סערגיי וויקענטיעוויטשן: — נעמט פֿון אים קיין אויג ניט אַראָפּ, זאָל ער זיך לערנען, אויסלענדישע זשורנאַלן דאָרט, אויב מעגלעך... קאָנסולטאַציע... און בכלל, האַלט אים אויפֿן אויג, איך גיב עס אײַך איבער, פֿאַרענדיקט ער בייז און בלײַבט זיצן אַ שווײַגנדיקער.

סערגיי וויקענטיעוויטש זיצט אַ צעטראָגענער, אַ מידער און אַ פֿאַרדראָסיקער. די בליציקע איבערשטעלונג אין זײַן העסקעם, דוכט זיך אים, איז ניט באַרעכטיקט און אומגעלומפּערט. ווען זיי פֿאָרן שוין צו צום ביוראָ, צערעדט ער זיך וועגן פּוטינען, וואָס ער האָט אים ניט ליב, נאָר ער האַלט פֿון אים ווי פֿון אַ ספּעציאַליסט.

— וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס אים אָוועקצוזעצן אונטער קאָסטקאָן? ער וועט דאָך סײַ ווי ניט אַרבעטן!

— עהע, טײַערער, איר אויך אַהין? „ער וועט ניט, ער וועט ניט"! וואָס־זשע, זאָל איך אים אַרויסטרײַבן? אַרויסטרײַבן איז דאָס פּאַשעטסטע. ביסטו אַן אינזשעניער, אַ ווייסער, טאָ אַרבעט ווי אַן אויספֿירער, לײַד אײַבער, באַווײַז דיך... וועט ער שטערן, וועל איך אים דעם קאָפּ אַראָפּרײַסן. וועט ער קומען צום טייכל, וועלן מיר אים פּרעמירן, מיט געלט פֿאַרשיטן... און נאָך אַלעמען, וואָס־זשע, איך האָב אים באַליידיקט? — זאָגט ער אַ ביסל ביידזווייליק — ער האָט דאָך דער ערשטער דערקלערט — „איך קען ניט". קענסט ניט, דאַרף מען ניט. איך האָב צו אים אַן איידלקייט אַרויסגעוויזן, געשוינט דעם פּעטערל. איך וועל אים אָנלערנען! — שרײַט ער אויס און צעלאַכט זיך — אַ באַרישניע מיט נערוון! „אַזעלכע טעמפּן... אַזעלכע פֿאָדערונגען..."

זיי קומען צו צום ביוראָ. אַלע זײַנען זיי הונגעריק און אויסגעמאַטערט. נאָר סערגיי פּעטראָוויטש גייט אַרײַן אין קאַבינעט און גיט אַ געשריי צו סאָניאַן:

— און איצט די אויספֿירן! — ער רײַבט זיך מיט דער האַנט דעם שטערן און פֿאַרמאַכט די אויגן — שרײַב. באַפֿעל וועגן געהילף־זאַוואָד —

איבערשטעלונגען, קאַנאַל, צופֿיר פֿון געהילץ, רעגולירן דאָס אַרויסגעבן זעג־מאַטעריאַלן, אָפּמאַכן מיט דעם קאַנט וועגן נײַע באַלינדער־רעמען...

גראַנאַטאָוו קומט אַרײַן. ער זעצט זיך אַוועק אָן אַ זײַט און הערט, פֿון צײַט צו צײַט שטעלט ער אַרײַן אַן אייצע אָדער פֿאָשעט האַסקאָמע־ווערטער.

— איך ווייסט, סערגיי פּעטראָוויטש, — זאָגט ער, ווען די „אויס־פֿירן" וועגן אַלע געשעעניש פֿונעם טאָג זײַנען שוין געווען פֿאַרשריבן — איך האָב אַזאַ אײַנדרוק, ווי איך באַנעם איצט די כאָכמע פֿון די אַזן...

דער געכאַנפּעטער סערגיי פּעטראָוויטש גיט אַ מרוקע:

— ווייס איך וואָס איר רעדט דאָרט... כאָכמע... איך באַנעם... ניט אומזיסט האָט מיר ווערנער געזאָגט, אַז דו ביסט אַן אײַנדרוקספֿולער מענטש... — און ער דרייט זיך אום און שרײַט אָן אויף סאָניאָן:

— און דו וואָס זיצטו דאָ? באַ דיר זײַנען די אויגן שוין אײַנגעפֿאַלן! מען דאַרף מיטאָג עסן. אָפּרוען. גיי. ביסט פֿאַרמאַטערט...

ווען סאָניאַ קומט אַהיים, וואַרפֿט זי זיך אַרײַן אין בעט, זי צעשמייכלט זיך גליקזעליק און רופֿט זיך אָן:

— איך בין, דוכט מיר, אויך אַן אײַנדרוקספֿולע, גרישאַ... נאָר ער ועפּעלט מיר שרעקלעך.

XIX

אַזוי אַז אַלץ איז באַשלאָסן.

אַנדריי האָפֿט נאָך ביז דער לעצטער מינוט, אַז עס וועט זיך געפֿינען עפּעס אַן אויסגאַנג וואָס זאָל אָפּרוקן דאָס שרעקלעכע אומגליק וואָס רוקט זיך אויף אים אָן... אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן? ער ווייס ניט, נאָר דינאַ קען אַזוי אַלץ אײַנאָרדענען און אויסגלעטן...

פֿאַרענדיקט דעם געהילץ־פֿאַרגרייט, דערווייסט ער זיך שנעל וואָס עס איז געשען ווען ער איז ניט געווען. נאָר דינאַ באַגעגנט אַנדרייען מיט אַן אויסבראָך פֿון פֿרייד, פֿון ליבע און צערטלעכקייטן. ער איז גרייט איר אַלץ מוחל צו זײַן פֿאַר דער פֿרייד, פֿאַר דער ליכטיקייט אין די אויגן, פֿאַר די וווּנדערלעכע ווערטער וואָס זי געפֿינט פֿאַר אים. ער פּרוּווט זי גלײַך פֿרעגן וועגן אירע ליבהאָבער. זי ענטפֿערט אים מיט אַ פֿוילן שמייכל: „אַך, דו טרײַבסט אַלץ איבער!" זי דערלאָזט ניט צו קיין אויפֿקלערונג: „נו, וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אויספֿרעגעניש? איז דיר ווייניק דאָס וואָס איך האָב דיך ליב?" זי איז אַזאַ בעריע אויף צו באַשטעטיקן אירע ווערטער מיט אַ לאַסקע, מיט אַ בליק, מיט אַ ליבלעכער מינע... נאָך איין מאָל פֿאַרמאַכט ער די אויגן אויף ניט צו זען אַז דאָס גליק איז שוין ניטאָ.

אַ פֿאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג צווינגט אים עפֿענען די אויגן. ער פֿאַרשטייט. אַז ער האָט קיין רעכט ניט צו פֿאַרמאַכן די אויגן, אַז עס איז שוין ניט אין אים געווענדט, אַז דער לײַכטזיניקער גייעג נאָך פֿאַרווײַלונגען, האָט פֿון דינאַן געמאַכט אַ שענדלעכע געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונג. ער זיצט אַ גע־שענדעטער, אַ לעכערלעכער פֿאַר די הונדערטער מענטשן. „אַ האָרנטרעגער..."

ער לויפֿט אַהיים און גרייט זיך צו אַ לאַנגן, שווערן און אַנטשיידענעם געשפּרעך. ער גלייבט נאָך, אַז זי וועט פֿאַרשטיין און וועט זיך אַליין דער־שרעקן, ווען זי וועט זיך דערוויסן וויאַזוי מען רעדט פֿון איר.

נאָר דינאַ ווייס שוין אַלץ. פֿון וואַנען? ווער האָט איר געקענט זאָגן?

אַ שײַנע, מיט קונציק צעשויבערטע האָר, באַגעגנט זי אים, ניט מיט טרערן, — ניין! ניט מיט כּאַראַטע און בושע — ניין! זי וואַרפֿט זיך אַף אים מיט טענעס און באַליידיקונגען. זי שפּילט, ברעכט די הענט און קרימט פֿאַראַכטלעך איר שײנעם מויל:

— פֿאַכדן! פֿאַכדן! האָסט אָפּגעשוויגן! האָסט דערלויבט פֿאַרשוואַרצן דײַן געליבטע פֿרוי! האָסט זיך דערשראָקן! נעבעכדיקער מענטש, אָן אייגנ־ליבע, אָן ערע! האָסט זיי ניט געקענט דערלאַנגען אין פּיסק די אויסוואָרפֿן! פֿאַכדן! פֿאַכדן! און איך האָב דיך ליב!

„וואָס איז מיט איר?" — טראַכט זיך אַנדריי — זי איז דאָך דורך און דורך פֿאַלש, יעדער קער, יעדער קלאַנג פֿון איר מויל... איז עס אויך פֿריִער געווען צי נאָר איצט?"

— דינאַ, זיי זײַנען גערעכט! — זאָגט ער איר שאַרף קעדיי אַ סאָף צו מאַכן צו איר שפּיל, קעדיי אַרויסצורופֿן טרערן, כּאַס, שטוינען — וואָס ניט איז, נאָר זאָל אָנשטאָט דער שפּיל קומען אַן עכט מענטשלעך געפֿיל.

— זיי זײַנען גערעכט? — שרײַט דינאַ דראַמאַטיש — אָט וואָס פֿאַר אַ באַרעכטיקונג דו האָסט אויסגעפֿונען פֿאַר דײַן פֿאַכדאַנעס!

די אײַנדרוקן פֿון הײַנטיקער פֿאַרזאַמלונג זײַנען נאָך צו שטאַרק אין אים. ער לאָזט זיך ניט אַראָפּשלאָגן פֿונעם וועג.

— יאָ! — שרײַט ער אויס — און אויב דו וועסט סאָפּקאָלסאָף ניט פֿאַרשטיין...

— וואָס־זשע וועט דעמאָלט זײַן? — לאַכט זי.

ער געפֿינט ניט די נייטיקע ווערטער. זי קוקט אַף אים מיט כוצפּע און כּויזעק. זעצט זיך אַוועק אַפֿן בעט און וויגט אירע שײנע פֿיס.

— דעמאָלט וועלן מיר זיך מוזן צעשיידן, דינאַ.

— מיינסטו, אַז איך האָב ניט וווהין צו גיין? מיינסט איך וועל וויינען און וועל דיך בעטן דו זאָלסט מיך ניט אַוועקוואַרפֿן? אַזעלכע פֿרויען ווי איך וואַרפֿט מען ניט, מײַן טײַערער!

זי איז כוצפּעדיק, זי לאַכט פֿון אים, זי רייצט אים. ניין, ניין, נאָר ניט זיך אונטערגעבן איר.

— וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידן, דינאַ. איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט אַ סאַך שטאַרקער ווי דו מיך. איך האָב דיר אַלץ מויכל געווען. נאָר מער וועט דאָס ניט זײַן. גענוג!

— גענוג? נו, איז דאָך גוט...

זי שפּרינגט אויף, שלעפּט אַרויס פֿון אונטערן בעט אַ וואַליזע, צע־וואַרפֿט די זאַכן פֿאַר אַנדרייען און נעמט זיך אײַנפּאַקעווען. פֿאַלשע. אַלץ איז פֿאַלש! ער קוקט מיט שרעק אַף דעם שײנעם פֿאַלשן פּאָנעם, אַף אירע איידעלע שײנע הענט, וואָס שפּילן פֿאַר אים... אַלץ, אַלץ איז ליגן! פֿאַר זײַנע אויגן שווינדן לופֿטיקע העמדער, לאַנגע שמעקעדיקע פֿלעשעלעך, עלע־גאַנטע פּושקעלעך, פּוטליאַרן, פּרעכטיקע שיכלעך, שאַרפֿעס, אויסגענייטע טיכעלעך, קלייניקייטן... מיט אַ פּאָנעם פֿון באַליידיקטער אומשולד וואַרפֿט זי די זאַכן אין דער וואַליזע, נאָר אַפֿילע אין דער פֿאַרבלענדונג מיט דעם אומגליק קען אַנדריי ניט פֿאַרזען ווי זי פֿאַרגעסט ניט אײַנצוּוויקלען די שיכלעך אין פּאַפּיר און לייגט צונויף די קליידער פֿאַרזיכטיק אַף די לאַגן, זיי זאָלן זיך ניט צעקנייטשן...

זי האָט שוין פֿאַרענדיקט זיך אײַנפּאַקעווען און ער שווײַגט אַלץ. זי

האָט קענטיק באַשלאָסן, אַז די שפּיל איז אַוועק צו ווײַט. זי רופט זיך אָן מיט אַ ציטער אין קאָל:

— בעסער שטאַרבן איידער וווינען מיט אַ מענטשן וואָס האָט ניט ליב און פאַרשטייט ניט...

ער ענטפערט ניט. צו וואָס? קעדיי אונטערצוהאַלטן די שפּיל? ער לאָזט זיך אַראָפּ אַף אַ שטול, פאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט און הערט דעם קלאַנג פון איר קאָל, דאָס קלאַפּן פון אירע קנאַפּל, דעם שאָרך פון זײַד, דאָס קלימפּערן פון די פלעשעלעך.

ער ווייס נאָך ניט צי וועט ער קענען לעבן אָן איר און וויאַזוי דאָס וועט זײַן. נאָר ער ווייס שוין אַז מיט איר קען ער ניט לעבן. צו וואָס פאַר־ריכטן דאָס וואָס איז אַף פּיצלעך צעבראָכן?...

אַ שוואַרצער אומגליק האָט זיך אַף אים אָנגערוקט און ער זוכט, אין קאָנוווּלסן, אַ שײַן אין אָט דער שוואַרצקייט. דער נײַער, באַזונדערער געפיל, וואָס איז אויפגעקומען בעייסן געהילך־פאַרגרייט — וועט ער אים ווידער־אַמאָל געפינען?... וועט זיך דאָס אומקערן?... אַנדערש וועט ער זיך ניט ראַטעווען, וועט ער ניט אויסהאַלטן, וועט ער דעם קאָפּ ניט אויפהייבן.

דינאַ פאַרהאַקט די וואַליזע, פודערט זיך אָן, רוקט איבער די שטולן.

— אויב דו קענסט מיר טאָן די לעצטע טויווע, טראָג מיר אַראָפּ די וואַליזע.

ער הייבט זיך אויף, קוקט ניט אַף איר און פרעגט זי:

— וווּהין?

— צו סליעפּצאָוון! — וואַרפט זי בייזוויליק צו און נעמט אָנטאָן דעם הוט.

נאָר אין דער מינוט רײַסט בײַ איר אַנדריי אַרויס דעם הוט פון דער האַנט, גיט אַ שטויס אַוועק מיטן פוס די וואַליזע אין אַ ווינקל און גיט זי אַ ריס בײַ דער האַנט און וואַרפט זי אַוועק אַפּן בעט אַזוי אַז זי קלאַפּט זיך אָן מיטן רוקן אָן דער וואַנט.

— ניין! — צעשרײַט זיך אַנדריי — ניין! צו סליעפּצאָוון וועסטו ניט גיין. וועסט אַוועקפאָרן ווי נאָר די שיף וועט אָנקומען. איך וועל דיר געבן געלט, אַ בילעט — אַלץ וואָס דו דאַרפסט, נאָר דו וועסט אַוועקפאָרן! און אַזוי לאַנג דו ביסט דאָ, וועסטו וווינען אין דעם צימער און וועסט אַ סאָף מאַכן צו דער אויסגעלאַסנקייט. פאַרשטאַנען? איך וועל ניט דערלאָזן שמירן מײַן נאָמען! איך וועל ניט דערלאָזן דו זאָלסט זיך צו שאַנד מאַכן! אַזוי לאַנג דו ביסט דאָ, ביסטו מײַן ווײַב. וועסט אַוועקפאָרן, וועסטו טאָן וואָס דו ווילסט, ברענג דיך אום, ברעך דיך, פאַרקויף דיך, טו אַלץ וואָס דיר גלוסט זיך.

זי קוקט אַף אים מיט פאַרוווּנדערונג און מיט פרייד און רײַבט זיך דעם צעקלאַפּטן רוקן. איצט שפּילט זי שוין ניט. זי איז צו שטאַרק פאַרוווּנדערט. וואָלט ער זי געשלאָגן, וואָלט זי אים ליב געהאַט.

ער גייט צו צו דער טיר און פון דער טיר זאָגט ער:

— דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, דינאַ, איז ענדגילטיק. איך האָב דיך אומגעוואָרפן, זײַ מיר מויכל. נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט קעגן דעם ווייטיק וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט... און איך פאָדער נאָר איין זאַך — ניט קיין ראַכמאָנעס, ניין, נאָר אַכטונג צו מיר. אַף עטלעכע טעג. מער דאַרף איך פון דיר גאָרניט.

ער גייט אַרײַן אינעם שאַלאַש ווו עס וווינט טימקאַ גרעבען. אַלע שלאָפֿן שוין. אַנדריי צעוועקט טייקעף טימקאַן און לייגט זיך לעבן אים אויפֿן האַרטן טאַפּטשאַן און גיט אַ קרעכץ פֿון טיפֿן ווייטיק. טימקאַ פֿרעגט אים גאָרנית, נאָר שטיל רעדט ער צו אים אַז אַלץ וועט אַריבער, דערנאָך וועגן דער הײַנטיקער פֿאַרזאַמלונג, וועגן קאָמיוגישע איניאַגים, וועגן בוי־פֿריילינג, וועגן דעם ווי עס וועט זיך אַרויסווײַזן דער נײַער נאַטשאַלניק.

אַזוי הייבט זיך אָן דאָס לעבן פֿאַר אַנדרייען אָן דינאַן. און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס לעבן גייט זיך מיט זײַן סיידער, ווי גרויס און ווי שוואַרץ זײַן אומגליק זאָל ניט זײַן.

ער שרעקט זיך בלויז פֿאַר אַ באַגעגעניש מיט דינאַן. וועלן אים קלעקן קויכעס? וועט ניט מיטאַמאָל אומפֿאַלן דער גאַנצער וואַקלדיקער גלײַכגעוויכט, וואָס ער האָט באַוויזן אײַנצושטעלן?

און אָט באַגעגענען זיי זיך. ער איז צו גאַסט בײַ טאָניאַן און סיאָמאַן. זי קוקט אַרײַן אין טיר, פֿאַרנייגט זיך פֿרײַנטלעך און רופֿט זיך פֿרײַנטלעך אָן:

— קום אַרײַן צו מיר אויף אַ מינוט, אַנדריושאַ.

איצט האָט אַלץ געדאַרפֿט באַשלאָסן ווערן. וואָלט זי זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף געטאָן צו אים אויפֿן האַלדז און זיך צעוויינט — ווער ווייס?...

ער גייט אַרײַן אָן אָנגעכמורעטער.

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?

זי גיט אַ שעפּטשע:

— אַנדריושאַ...

ער קוקט ניט אויף איר, נאָר ער זעט איר ליב שיין פּאָנעם מיט די צוגעפּאַרבטע ליפּן, איר פֿאַלש ריינדיק שמייכעלע.

טרוקן כאַזערט ער איבער:

— נו, וואָס?

זי פֿאַרשטייט אַז אַלץ איז פֿאַרענדיקט.

— וועגן דער שיף הערט מען נאָך גאָרנית?

— מאָרגן קומט צו פֿאָרן דער נײַער נאַטשאַלניק. דאָס הייסט, אַז אין צוויי טעג אַרום וועט די שיף צוריקגיין. איך וועל דיר צו וויסן געבן.

וואָלט זי זיך צעוויינט, אָדער וואָלט זי צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז זי בעט איר מוחל זײַן...

— גוט. זײַ מוחל וואָס איך האָב דיך באַאומרויקט.

— פֿאַרוואָס ניט.

ער גייט אַוועק. די טיר מאַכט זיך צו. אַ סאָף.

ניטאָ מער קיין ספּייקעס, קיין האָפֿענונגען, קיין קויכעס פֿאַר אַ נײַעם געפֿיל. און אויך דאָס געפֿיל פֿון אינערלעכער צוזאַמענגעקומענקייט און גליק, וואָס ער האָט געפֿונען אין וואַלד, איז ניטאָ, קומט ניט.

און דינאַ וואַרפֿט זיך. ענג געוואָרן צו לעבן און ניט אינטערעסאַנט. דאָס לעבן פֿלעגט זיך פֿאַר איר אַמאָל פֿאַרשטעלן ווי אַ שײַנענדיקע קייט פֿון פֿאַרגעניגנס, און זי, נאַטירלעך, אינעם צענטער, אַ שיינע און שטענדיק ניצאָכנדיקע. נאָר אָט האָט זיך איין רינג אָפּגעריסן, און די גאַנצע קייט איז זיך צעפֿאַלן, און הינטער איר ווײַזט זיך אַרויס איז פּוסט. די פּוסטקייט איז ניטאָ מיט וואָס אויסצופֿילן. אַרבעט? נאָר אַרבעט האָט איר קיינמאָל ניט אינטערעסירט. די פֿאַרערער רופֿן אַרויס אויפֿרעגונג און ערגערניש. זיי זײַ־

נען שולדיק אין אַלץ — אַזוי רעדט זי זיך אײַן. זיי האָבן זי צעריסן מיט אַנדרייען. זיי זײַנען פּאַכדאָנים און קלײנע מענטשעלעך.

זי האָט מוירע זיך אַליין מוידע צו זײַן, אַז זיי האָבן געביטן זייער באַציִונג צו איר. זיי מײַדן זי אויס. אַלע ווייסן, אַז זי איז זיך צעגאַנגען מיט אַנדרייען. וואָס־זשע? זאָל כאָטש איינער פֿון זיי איר פֿאַרלייגן זי זאָל פֿאַר אים כאַסענע האָבן! אויסוואָרפֿן! סליעפּצאָוו, דער שיינער יונג, וואָס איז דוכט זיך אַזוי פֿאַרליבט געווען, האַלט זיך זייער רעזערווירט. זי איז געווען בײַ אים צו גאַסט (ביגגייווע, קיינער זאָל ניט זען). זיי האָבן געפּלוידערט ווי גוטע פֿרײַנט.

— נאָך אַזאַ מאַן וועט איר ניט געפֿינען — האָט ער איר אין שפּאַס געזאָגט.

זי איז גרייט געווען בײַ אים צו בלײַבן, פֿון אומעט און פֿון קאַס, נאָר ער האָט זיך דער ערשטער אויפֿגעהויבן.

— קומט, דינאַ סערגייעווגאַ. איך וואַרט מײַן ווײַב זאָל קומען. זיצן דורך די נעכט מיט מיידלעך איז מיר שוין ניט באַקוועם.

ער לאַכט, נאָר דינאַ זעט, אַז ער וויל זיך ניט קאָמפּראָמעטירן.

קאָסטקאָ איז פּלוצעם ערגעץ פֿאַרשוווּנדן. ער ליגט איבער טאָג ווי נאַכט אַף זײַן אַרבעטס־אָפּטייל.

זי רופֿט אים אַרויס צו זיך. ער זעט אויס צעמישט, פֿאַרלוירן. קעדיי ניט בייז צו ווערן, צעוויינט זיך דינאַ. זי קען דעם קישעף פֿון אירע אויגן, ווען עס גלאַנצן אין זיי גרויסע טרערן.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען, קאָסטקאָ? — זאָגט זי און הייבט אויף אַף אים די אויגן פֿול מיט טרערן — איר איינער וועט מיך פֿאַרשטיין. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין ניט קיין שלעכטע... אַלע זײַנען זיי מיר נאָכגעלאָפֿן, און איצט זײַנען אַלע גערעכט, און איך איינע בין שולדיק... און קרוגלאָוו טרײַבט מיך, ווײַל ער האָט ניט גענוג מוט זיי אין פּנים אָנצושפּײַען... וואָס פֿאַר אַ רעכט האָבן זיי אַרײַנצומישן זיך אין פּערזענלעכן לעבן?

— ווער? — פֿרעגט קאָסטקאָ.

— ווער? — היצט זיך דינאַ — די פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג — אָט ווער! זיי האָבן דאָרט אַרויסגעטראָגן אַ באַשלוס, אַז איך בין ניט קיין פּאַסיקע פֿרוי, — זי ווערט בלייך פֿון קאַס און צעוויינט זיך מיט אַן עמעסן — און זיי זײַנען גערעכט... איר אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז קרוגלאָוו איז פֿאַר מיר קיין פּאָר ניט. יאָ, ער איז אַ גראָבער, אַ נידעריקער מענטש. איך בין בלינד געווען. איך האָב ניט געזען, אַז ער איז פֿעיִק מיך צו פֿאַרבײַטן אַפֿן ערשטן פּראָטאָקאָל. ער איז אַן אומקולטורעלער באַגרענעצטער מענטש...

ווי קאָסטקאָ פֿלעגט פֿריִער אויסקוקן אַף אָט די דאָזיקע ווערטער! נאָר איצט ציט ער בלויז אײַן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און קערט אָפּ די אויגן. צי עפּשער גלייבט ער איר אויך ניט מער?

— איך דאַרף צו מיר אַ סאָף מאַכן! — זאָגט זי אַנטשלאָסן — איך האָב אײַך גערופֿן... איר האָט אַ רעוואָלווער?

און קאָסטקאָ צעלאַכט זיך מיטאָמאָל. ער לאַכט און קושט אירע הענט, זי נעמט צו די הענט, זי איז בייז אַף אים און ניט ווילנדיק לאַכט זי אַליין מיט אַ בייזן היסטערישן געלעכטער.

— איר ? ! איר — וועט זיך דאָס לעבן נעמען ? ! איר — אַזאַ שיינע ? איר — אַזאַ פּאַכדנטע ?

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן ?

קאָסטקאָ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— מיר איז שווער אײַך צו ענטפערן, דינאַ. איך שנײַד זיך אַליין. נאָר איך מוז זאָגן דעם עמעס. איר מוזט אַוועקפאָרן, דינאַ, און וואָס פריִער. אויב איר דאַרפט הילף...

דינאַ רוקט זיך גרינגשעציק אָפּ.

— געלט ? צו וואָס דאַרף איך געלט ? קרוגלאָוו גיט מיר מער ווי איך דאַרף, — זיפצט זי אָפּ — אַכוצדעם, דאַרף איך שוין מער גאָרנישט ניט האָבן !...

זי פאַרשטייט, אַז קאָסטקאָ וועט איר מער גאָרנישט ניט פאַרשלאָגן. ער, וואָס האָט ניט לאַנג ערשט אַפילע ניט געוואַגט צו טרוימען וועגן כאַסענע האָבן מיט איר !

איר ווילט זיך וויסן וואָס רעכנט ער טאָן אָן איר.

— געננג וועגן מיר, — זאָגט זי באַשיידן — איך וועל אַוועקפאָרן. עפשער וועל איך מיך אויסלערנען לעבן אַנדערש. נאָר איר, קאָסטקאָ ? איר זײַט מיר געוועזן אַ פרײַנט. וואָס־זשע רעכנט איר טאָן ?

אַ רויטקייט באַדעקט זײַנע באַקן. ער זעט אויס גאָר יונג. ווי אַלט איז ער ? דינאַ האָט שטענדיק פאַרגעסן אים צו פרעגן, נאָר איצט קען מען אים מער ווי פינף און צוואַנציק ניט שאַצן.

— צוערשט דאַרף מען אויפבויען די דאַקן, — זאָגט ער מיט פרייד, מיט אַזאַ פּאַנעם גלײַך ער אַליין וועט זיי בויען — דאָס איז אַזאַ אַרבעט ! אין צענטער וואָלט איך קיינמאָל ניט באַקומען אַזאַ זעלבשטענדיקייט, אַזאַ מאַסשטאַב ! דראַטשיאַנאָוו האָט מיר אַנגעטרויט אַ גאַנצן אָפּטייל... איך האָב איצט דעם אײַנדרוק ווי איך וואָלט אַליין געהערט ווי איך וואַקס. איך וואַקס און וואַקס, ווי אַ בוים, — ער שמייכלט צאַרט — אין די אויגן צינדן זיך אים אָן וואַרעמע יוגנטלעכע פײַערלעך — דערנאָך האָב איך נאָך איין טרוים... איר ווייסט, דאָ וועט זיך בויען אַ מעטאַלורגישער זאַוואָד. איך וויל איבערגיין אָף שמעלצאויוונס. איר האָט קיינמאָל ניט געזען ווי מען שמעלט צונויף שמעלצאויוונס ? דאָס איז אַ זעלטענע שיינע און פײַנע אַר־בעט. און אויב איך וועל מיך גוט אָפּפאַרטיקן מיט די דאָקן, וועל איך זיך דערשלאָגן מען זאָל מיר געבן שמעלצאויוונס.

דינאַ הייבט אויף די ברעמען. אירע דינע פינגער ציטערן.

קאָסטקאָ, קענטיק, פאַרשטייט. ער האָט זיך פאַרשעמט. ער פאַלט צו מיטן פּאַנעם צו אירע ציטערנדיקע פינגער. ווי ניט איז, האָט ער זי צוויי יאָר ליב געהאַט ? ער וואַרפט זיך אַליין פאָר זײַן געפּילדאַזיקייט.

— דינאַ, איך בין שולדיק ! איך בין שולדיק קעגן אײַך. איך האָב אײַך קיינמאָל ניט דערציילט וועגן דער אַרבעט, כ'האָב אײַך קיינמאָל גאָרנישט ניט געוויזן. איך ווייס איר וואָלט אײַך אַליין באַגײַסטערט, איר וואָלט פאַר־שטאַנען...

— זיך באַגײַסטערן מיט אויפשטעלן שמעלצאויוונס ? — זי שטויסט פון זיך אָפּ קאָסטקאָן. זי איז אַרומגעכאַפּט פון צאָרן — אַוועקט ! אַוועקט ! איר זײַט מיט קיין זאַך ניט בעסער פון קרוגלאָוון. ניין, איר זײַט ערגער. ער איז אָן איידעלער מענטש, ער האָט מיר קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט,

ער האָט מיר אינעם ערשטן בריוו געשריבן: „איך וועל באַרעכטיקן דעם צו־טרוי פונעם קאָמיוג". איך אַליין האָב ניט געקענט פאַרשטיין סאַראַ מענטש ער איז. און איר זײַט געקראָכן אַף די קני, איר האָט זיך געשוווירן, געבעטן. „איר זײַט מײַן גאַנץ לעבן". „איך אָטעם נאָר מיט אײַך". גייט אַוועק! פאַרנעמט אײַך, ווארעם איך וועל אײַך שלאָגן!

קאָסטקאָ איז געוועזן געווינט צו אַט די צאָרן־אָנפאַלן. נאָר איצט פאַר־דריסט אים און ער איז אויפגעבראַכט.

— נו, מיילע... זײַט געזונט!... — פאַרנייגט ער זיך נידעריק און גייט אַרויס.

— קאָסטקאָ! — שרײַט דינאַ אַ דערשראָקענע.

ער קערט זיך ניט אום. זי קוקט דורכן פענצטער ווי ער גייט איבערן בריקל. ער זעט אויס פאַרביטערט, נאָר בעשום אויפן ניט אַזוי אומגליקלעך ווי דינאַ איז עס נײַמיק.

זי וואַרפט זיך אַרײַן אין בעט און צעיאָמערט זיך אַף אַן עמעס. זי פאַרשטייט איצט צום ערשטן מאָל ווי מיעס עס איז אַרויסגעקומען און ווי איינזאַם זי איז.

XX

דער צוג איז אין פולן גאַנג פאַרבײַ קיזילאָווקאַ. נאָר סערגייען איז גענוג געווען איין אויגנבליק אַף צו דערזען דעם טונקל געוואָרענעם גוט־באַקאַנטן וואָקזאַל־בנינען, און דעם אַלטן טורעם פונעם וואַסער־פּלומפּ, און די אַלטע דיקע איבערשטעלערן פון די רעלסן. דער דעושורנע אַפן וואָקזאַל נאָר איז אַ נײַער, אין אַ גוט געפּאַסטן מונדיר, און אינאיינעם מיט אים איז דער גאַנצער וואָקזאַל ווי באַנײַט געוואָרן — ס'האָבן זיך באַוויזן וואַזאָנעס באַם פּערראָן און אַ פרישער באַדעק פון ברעטער. „זיך אויסגעפּוצט דער אַלטער" — טראַכט זיך סערגיי און פאַלט זשעדנע צו צו דער שויב.

אַלץ איז באַקאַנט ביז די מינדסטע פּראַטים. ער טראַכט זיך באַצײַטנס: באַלד וועט זײַן דער אומדריי — און דער אומדריי קומט פאָר: באַלד וועט זײַן דער פּײַף — און דער צוג פּײַפט; פאַרלאַנגזאַמונג — און דער צוג פאַר־לאַנגזאַמט דעם גאַנג. שוואַרצע אויפגעאַקערטע פעלדער פון ביידע זײַטן וועג. סערגיי קען זיי — אַט באַלד וועט זײַן אַ ראַוו און אַ טײַכעלע, וווהין ער מיט פּאַשקאַ מאַטווייעוון פלעגן לויפן קינדווײַז, און נאָכן טײַכל אַ ניט באַ־אַרבעט פעלד פאַרוואַקסן מיט ווילדגראַז, ווו זיי האָבן זיך געשפּילט אין מיל־כאָמע. עס האָט שוין אַ בלאַנק געטאָן דאָס טײַכל און דאָס ווילדגראַז איז ניטאָ. עפּשער האָט ער פאַרגעסן, אַ טאָעס געהאַט? אויפגעאַקערטע פעלדער ליגן ווי ווײַט דאָס אויג כאַפּט, גלײַכע, פעטע, אָן איין מעזשע, קוים באַרירטע מיט די ערשטע שפּראָצונגען.

און אַט איז שוין דאָס שטיבל פון דעם וועג־באַקוקער, און אַט זײַנען די גרינס־גערטנער, די גערטלעך פאַר די הײַזער, דער רויטער דאַך פונעם סאָ־וויעט...

סערגיי כאַפּט די זאַכן און גייט אַרויס אַף דער פּלאַטפאָרמע.

ער שטייט אַפן טרעפּל, שטרעקט דעם קאָפּ צום אַנלויפנדיקן גרויען וואָקזאַלכל מיט יונגן פרילינגדיקן גרינס...

דאָס פאַרדריקטע האַרץ נעמט קלאַפּן, ווערט פאַרכאַפּט — ער דערזעט

דעם פּאַטער. דער פּאַטער לויפט אַנעם היטל איבערן פּעראָן אַקעגן דעם צוג. סערגיי קוקט אַף אים און ער איז אַזוי איבערראַשט פונעם פּאַטערס יונגן פּאָנעם, אַז אים פאַלט ניט איין אַראָפּצושפּרינגען אינמיטן גאַנג און ער שאָקלט בלויז מיטן קאָפּ און שמייכלט, און דער פּאַטער לויפט, שוין נאָכן צוג, און שרייט עפּעס אינמיטן לויפן.

ווי אין אַ נעפּל באַמערקט סערגיי אַז אַפן פּעראָן איז אַ גרויסער אוילעם. ד׳ערנאָך דערקענט ער די מוטער און די שוועסטערלעך וואָס שפּרינגען פון אומגעדולד׳ (ווי אויסגעוואַקסן זיי זיינען!) מיט דעם לעצטן דריי פון די רעדער שפּילט אויף אַן אָרקעסטער.

אונטער די קלאַנגען פונעם מאַרש שפּרינגט סערגיי אַראָפּ און דערזעט זיך אין די אָרעמס פונעם פּאַטער און פילט אונטער די ליפּן דעם פּאַטערס שאַרסטקע הויט פון די באַקן. און פון דער זייט פליען אָן די שוועסטערלעך, און די צאַרטע אַרומנעמענדיקע הענט פון דער מוטער כאַפּן אַרום זיין האַלדז און דער מוטערס גליקלעכע אויגן מיט טרערן פאַרצויגן קוקן אים אַריין אין די אויגן... ר׳איז אין דער היים! אַ סאָף צו די וואָגלענישן, צו די אומגליקן, צו דער שרעק... אין דער היים!...

— נו, גענוג, מאַמע! וואָס־זשע וויינסטו? — נעמט ער אַרום די מו־טער און קעדיי צו צעטרייבן די צעדרודערונג פון די ערשטע מינוטן, פרעגט ער: — וועמען באַגעגנט מען עס?

און מיטאַמאָל צעלאַכט מען זיך. סערגיי רוקט זיך אָפּ, ער פאַרשטייט נאָך ניט, נאָר איז שוין צעטומלט. ער דערזעט מיטאַמאָל צענדליקער באַקאַנ־טע אויפגעלעבטע פּנעמער, ער דערזעט דעם קאָמיוגישן סעקרעטאַר, וואָס ער איז מיט אים אינאיינעם אויפגעוואַקסן, געלערנט אין דער פאַבריק־זאַוואָ־דישער שול, אינעם קאָמיוג, אינעם דעפּאָ... און דעם יונגן הייצער פונעם פּאַטערס לאָקאָמאָטיוו סווירידאָוו, וואָס באַגריסט אים מיט אַ ברייטן פריי־דיקן שמייכל.

סערגיי קוקט אַף זיי דערשראָקן און פאַרלוירן. נאָר ער האָט שוין קיין וועג ניט אַף אָפּטרעטן. אַלץ וואָס איז אָנגעמערקט מוז געשען ניט אָפּהענגיק פון זיין ווילן.

דער מאַרש ווערט אָפּגעהאַקט. סווירידאָוו פּאַכעט מיט דער קעפּקע און שרייט אויס מיט אַ קלינגענדיקן גליקלעכן קאָל:

— דעם ווייט־מיזרעכדיקן העלד און זון פון אַ העלד — אורראַ!

דער געדירטער פּאַטער שרייט „אורראַ” גלייך מיט אַלעמען. דערנאָך ציט ער צו צו זיך דעם זון און זאָגט באַדימעריש:

— אָט אַזוי, זונעלע! אין דער צייט וואָס דו האָסט דאָרט געהעלדע־ווערט, איז אויך דיין פּאַטער אַריין צווישן די העלדן. ערשטער שלאָגלער און האָב פאַרדינט פון דער רעגירונג דעם טיטל העלד פון אַרבעט.

די מוטער כאַפּט זיך דערציילן:

— שוין אַ כוידעש אַז מיר האָבן דעם טיטל באַקומען. אין קלוב האָט מען געפייערט. דער אַלטער האָט געהאַלטן אַ רעדע אין גראַמען... און דאָ פונקט דיין טעלעגראַמע אַז דו פאָרסט אין אורלויב... ווי מיר האָבן זיך עס געפרייט!

די שוועסטערלעך כאַפּן אויס בײַ דער מוטער און דערציילן:

— אַ פּאַטעפאָן האָט מען אונדז געשענקט, מיט דיסקעס. בלומען אַ סאַך — פּאַפּאַ האָט אין די ביכלעך פאַרטרוקנט. אַ בריוו אַזאַ, אין אַ רעמל!...

צוגעדריקט פון אַלע זײַטן מיט פרײַנט, לאָזט זיך הילפלאָז סערגיי אַרומ־נעמען, ער דריקט העגט, ענטפערט אַף קושן, זאָגט עפּעס און פרעגט... ער שמייכלט, ווײַל אַזוי דאַרף מען, נאָר אין איין צײַט דערמיט נעמט אים דורך דאָס לײַב, פון די קני אַף אַרויף און קרימט אים דאָס מויל, אַ קאַלטער שוידער איבערן רוקן... דער שוידער איז דער אייביקער רעאַלער געפיל, אַלץ וויגט זיך ווי אין אַ נעפּל, און פונעם נעפּל דערטראָגן זיך צו אים די ווערטער פונעם קאָמיוג־סעקרעטאַר, וואָס האַלט אַ רעדע.

— מיר זײַנען שטאָלץ וואָס דורך דיר און פּאַשאַ מאַטווייעוון האָט אונ־דזער קעמערל אויך אָנטייל גענומען אין דער העלדישער פאַראייגענונג פונעם ווײַטן מיזרעך... די מישפּאָכע גאַליצין איז דער שטאָלץ פון אונדזער דעפּאָ.

סערגייען פּײַניקט דער פאַרלאַנג וואָס גיכער אַוועקצוגיין, אַליין בלײַבן, שטילן דעם אומדערטרעגלעכן שוידער. נאָר דער פאָטער גלאַנצט מיט די פריידיקע יונג געוואָרענע אויגן און שעפּטשעט צודרינגלעך:

— אַ רעדע האַלט, זונעלע... אַ רעדע... כאָטש אַ פּאָר ווערטער זאָג...

און סערגיי זאָגט מיט אַ פרעמדן אָנגעשטרענגטן קאָל:

— אַ דאַנק, יאַטן, פאַר דער באַגעגעניש. נאָר איך בין גאָרנישט קיין העלד, כ'האָב געאַרבעט, גלײַך ווי אַלע. מען זאָל אַלעמען אַזוי באַגעגענען, וועלן קיין אָרקעסטערס ניט קלעקן... אָט דאָס אײַנגאַנצן. מירן זיך זען אין אָוונט אין קלוב...

איצט כאַפּט אים דער שוידער אַרום אײַנגאַנצן, און ווען ער בייגט זיך אָן נעמען די זאַכן, קען ער דעם רימען ניט אײַנצאַפּן.

— עך, ווי דו ביסט עס צערודערט! — זאָגט אים אָפן אויער סווירי־דאָווס ליבלעכער קאָל און זײַנע שוואַרצע העגט פון קויל שטופּן אים אָפּ. סווירידאָוו נעמט זײַנע זאַכן. דער פאָטער נעמט אים אונטערן אָרעם, פון דער צווייטער זײַט דריקט זיך צו די מוטער, פאָרויס לויפן די שוועסטערלעך, אַרום גייען די פרײַנט, עס שפּילט דער אָרקעסטער...

אין צימער, זעצט זיך סערגיי אַרײַן אינעם פאָטעל און פאַרמאַכט די אויגן.

— האָסט דיך אײַנגעמידט, סעריאָזשענקאַ? — פרעגט די מוטער און טרײַבט אַרויס די שוועסטערלעך פונעם צימער.

סערגיי הערט ווי די שוועסטערלעך שעפּטשען הינטער דער וואַנט, ווי די מוטער מיט דעם פאָטער שפּאַרן זיך צי איז ער אָפּגעצערט געוואָרן אָדער ער איז בלויז מיד פונעם וועג, ער הערט ווי מען באַלעבאָטעוועט אין קיך.

דער שוידער ווערט אײַנגעשטילט. נאָר דערפון, דוכט זיך סערגייען, ווערט נאָך שרעקלעכער די טאָפּלטע לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך אַליין אַרײַנגעשטעלט. וואָס־זשע טוט מען? ווען ניט די באַגעגעניש, וואָלטן אים נאָך געקענט קלעקן קויכעס ערלעך זיך מודיע צו זײַן פאַרן פאָטער, פאַר סווירידאָוון, פאַר די כאַווייריִם. נאָר איצט, ווען ער האָט אָנגענומען די באַגע־געניש, די מוזיק, די באַגריסונגען, האָט אַליין אַ רעדע געהאַלטן, — וואָס טוט מען איצט? „איך פאָר אין אורלויב". נאָך אַכט כאַדאָשים וואָגלען האָט ער געהאָפט, אונטערן אורלויב, אָפּרוען, דורכדענקען, אָננעמען אַ באַשלוס.

ער צעעפנט די אויגן און קוקט זיך אַרום. ער פאַרשטייט נאָך ניט וואָס אין דער היימישער שטוב האָט זיך געענדערט, נאָר מיט דער שטוב איז פאָרגעקומען דאָס אייגענע וואָס מיט דעם פאָטער, זי איז יינגער געוואָרן.

סערגיי געפינט אויס ביסלעכווייז די נייַקייטן, די יונג געוואָרענע צימערן: נייַער שפּאַליר אַף די ווענט, אַ בלויער צודעק אַפן בעט, אַן אויסגענייטער טישטעך אַפן טיש איבער דער אַלט באַקאַנטער צעראַטע, דער ערד־בריוו אונטער גלאָז אַרומגענומען מיט בלומען. ער גייט צו צום בריוו, מיט אַ שמייכל, נאָר טייקעף דערפילט ער דעם פריִערדיקן שווידער איבערן לייַב: עס דערמאָנט זיך אים דער אָרקעסטער אַפן פּעראָן, די רעדעס, דעם פאָטערס יובלענדיקע אויגן און סווירידאָווס גלעטנדיקע הענט מיט די שוואַרצע שפּעלטעלעך.

סערגיי קוקט זיך האַסטיק אום אַפן שאָרך פון דער טיר. די מוטער קוקט אַרייַן אין צעעפנטן שפּאַלט, צי שלאָפט ער. זי זעט דעם זון שטיין, גייט זי צו צו אים אַף די שפּיץ פינגער, נעמט אים אָן מיט דער האַנט פאַרן אַקסל און שעפּטשעט:

— וויפל דער אַלטער האָט זיך באַמיט מען זאָל דיר מאַכן די באַגעגעניש. ער איז אַ גאַנצע וואָך געלאָפן אין קאָמיוג, ווי אַף דער אַרבעט. ער האָט סווירידאָוון צו רו ניט געלאָזט, צו אַלע גוטע ברידער געלאָפן, האָט געשטעלט ביז די מוזיקער — געוואָלט עס זאָל זיין יאָנטעוודיקייט. ער האָט דיר ניט געהייסן זאָגן. נאָר אַלצאיינס וועלן דיר דאָך די יאָטן זאָגן!... און דער אַלטער קאַפּריזעוועט אַליץ. ער איז היינט בײַ אונדז שטאַרק אָנגענומען, ער האָט מוגעם פּאָלקס־קאָמיסאַר אַ טעלעגראַמע באַקומען, דרייַ פרעמיעס אין דעם יאָר... מען האָט אים אַ באַנקעט געמאַכט...

זי בלייבט שטיל, ווייַל דער פאָטער איז אַרייַנגעקומען. דערזען האָט סערגיי דעם פאָטער אין דער שטוביקער סוויווע און האָט זיך טייקעף געכאַפּט וואָס אים מאַכט אַזוי יונג: ער האָט זיך די וואָנצעס אָפּגעראַזירט. נאָר אַכוצדעם, איז אַפן פּנים בײַ אים געווען דער נייַער אויסדרוק פון יובלענדיקער פרייד, קענטיק אַרויסגערופן מיט דעם זונס אָנקומען און מיט דעם טיטל העלד פון אַרבעט, און מיט דער אַלגעמיינער אַכטונג פון די אַרומיקע.

טימאָפיי איוואַנאָוויטש ווינקט צו דעם זון און ניט געאייַלט שטעלט ער אָן דעם פּאַטעפאָן. סערגיי שוידערט אויף פון דער אויפגערעגטער פרויעדשטימע, וואָס רייַסט זיך אַרייַן אין דער שטילקייט:

זאָל זייַן כ'וועל אומקומען...

דער פאָטער הערט, די הענט אַף די קני און דער בליק אַפן זון. סערגיי האָט כיישעק זיך צעווייגען אַפן קאָל ווי קינדווייַז. ער גייט זיך אַרומוואַשן און לאַנג פּאָליושקעט ער זיך אין קיך, קעדיי ניט אַרייַנצוגיין צוריק אין די צימערן, אונטערן פאָטערס ליבן בליק.

די מוטער ברענגט אַרייַן אַן אויסגעבייט פריילעך העמדל מיט קווייטן אַף דער זייַט געשפּיליעט.

— טו אָן, זון, כ'האָב פאַר דיר צום אָנקומען אויסגענייט.

די מוטער נעמט אים אָן פאַר די אַקסלען, ציט אים צו צו זיך, דריקט אים צו און זאָגט שטיל:

— נו, געקומען, הייסט עס?

און ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט איר געדירטקייט, רוקט זי זיך אָפּ פון אים און רעדט שטיל, דער פאָטער זאָל ניט הערן:

— איך האָב די מאָטיווייעוס ניט געזאָגט אַז דו קומסט צופאָרן און האָב זיי צו אונדז ניט גערופן, ס'וועט זיי זייער ביטער זייַן אַף אונדז צו קוקן... ווי נאָר דו וועסט אָפּעסן, גיי צו צו זיי. מיינסט ס'איז זיי גרינג,

שוין באַלד אַ יאָר און זיי ווייסן קיין זאַך ניט אַף ריכטיק. זאָלן זיי כאָטש פונאַנדערפרעגן זיך באַ עמעצן — איז אויך אַ טרייסט פאַרן האַרצן. טאָ גיי־זשע צו, ווייטיק מיט מיט זיי.

נאָר די מאַטווייעווס קומען אַליין צו לויפן. טימאָפיי איוואַנאָוויטש באַווײַזט ניט אָנקלאַפּן מיטן זון אַ גלעזל ווײַן, ווי עס לויפט אַרײַן אין שטוב די אַלטע מאַטווייעווא, און נאָך איר שטעלט זקייניש די פיס מאַטווייעוו אַליין — אַ מעכאַניקער פון די וואַרשטאַטן. סערגיי דערקענט זיי אַפילו ניט באַלד, אַזוי אַלט און געהויקערט זײַנען זיי ביידע.

זיי בלײַבן ביידע שטיין ווען זיי דערזעען דעם פאַרפּוצטן טיש, די גלעזלעך אין די הענט פון די מענטשן באַם טיש, דעם פּאַטעפאָן אַף דער טאַבורעטקע לעבן טימאָפיי איוואַנאָוויטשן.

מאַטריאָנאַ ספּירידאָנאָווגאַ ווערט געדיכט רויט, אַזוי ניט אין פּלאַץ און שענדלעך זעט איר אויס זייער מישפּאָכע־פּײַערלעכקייט פּאָנעם על פּאָנעם מיט דעם אומגליק פון די צוויי עלנטע אַלטע לײַט.

נאָר די מאַטווייעווס פאַרנייגן זיך טאַקטיש און באַגריסן מיטן אָנקום. די אַלטע גיט אַ קוש סערגייען, נייגט זיך צו אַלעמען און זעצט זיך אַוועק אָן אַ זײַט. דער אַלטער, אײַנגעהאַלטן, מענעריש, טרייסלט סערגייען די האַנט, גריסט אַרטיק מאַטריאָנאַ ספּירידאָנאָוונאַן און טימאָפיי איוואַנאָוויטשן און אַרטיק זאָגט ער:

— ברויט און זאַלץ. זײַט מויכל וואָס ניט אין צײַט. עסט, טרינקט, מירן צוואַרטן, איך מיט מײַן אַלטער.

און מיטאַמאָל צעוויינט ער זיך. ער וויינט און שעמט זיך מיט זײַנע טרערן. ער קערט אָפּ דאָס פּאָנעם, און מיט אים צעכליפּעט זיך דאָס ווײַב.

סערגיי שטייט, נאָך אַלץ מיט דעם גלעזל אין דער האַנט.

— איך האָב מיך געקליבן צו גיין צו אײַך נאָכן עסן, — זאָגט ער ניט זיכער — פּאַשאַ האָט אײַך דערמאָנט פאַרן טויט.

ער האָט ניט ווילנדיק זיי געזאָגט דעם ליגן, פון ערשטן שטויס... נאָר דער ליגן האָט אַרויסגעפירט די אַלטע לײַט פון זייער צושטאַנד, פון שווײַגנדיקן פילן זייער אומגליק.

— אַף דײַנע אויגן איז עס געווען, דו ביסט געווען לעבן אים? — פרעגט די אַלטע און הערט אויף וויינען.

און סערגייען קומט אויס דערציילן, ווי אַלץ איז פאָרגעקומען, ווי מען האָט געטראָגן פּאַשקאַן איבער דער טײַגע צום לאַגער, ווי מען איז געזעסן לעבן אים די גאַנצע נאַכט, ווי מען האָט אים אין דער ערד אַרײַנגעלייגט. ווי מען האָט לעקאָוועד פּאַשקאַן שלאָגלעריש דאָס געהילץ אַראָפּגעקײַקלט... די אַלטע צעיאָמערט זיך, און מאַטריאָנאַ ספּירידאָנאָוונאַ פירט זי אַרײַן אין שלאָפצימער באַרויקן. דער אַלטער, פאַרקערט, איז עפּעס ווי אויפגעלעבטער, ער זעצט זיך צו צום טיש און טרינקט אויס פאַרן געזונט פון סערגייען. נאָר אין זײַנע טרייסלדיקע הענט און פינטלדיקן בליק איז פאַראַן אַזאַ טיפע זקייניש הילפלאָזיקייט, אַז סערגייען איז שרעקלעך צו קוקן. סערגיי דערמאָנט זיך פּאַשקאַן אַזוי ווי ער האָט אים שוין לאַנג ניט געדענקט, — אַ לעבעדיקן, אַ ביסל אַ גרוביאַנישן, שטענדיק אַ פריילעכן מיט אוקראַיִנישע ווערטלעך און שטאַרקע ווערטער, גרייט אַף יעדער אַרבעט, אַף יעדער שטיפערײַ. ער דערמאָנט זיך דעם זומערדיקן טאָג, ווען די זון האָט געגאָלדיקט דאָס טײַכל און סיאָמאַ אַלטשולער האָט אויסגעזען אַ קאַרליק מיט אַ קישעף־

סטעפּטער, און פּאַשקאַ איז ווי שטענדיק געווען אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער אַרבעט, און איבערן טײַך האָבן זיך געטראָגן זײַנע אויסגעשרייען פול מיט גוטמוטיקער זידלערײַ און מונטערנדיקן שפּאַס. און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך אָן אַנדער זאַך — כאַווער צאָי אין ענגן קרײַז פון קאָמיוגיסטן, דער פײַערלעכער אויפשטיין לעקאָוועד דעם אומבאַקאַנטן קאָמיוגיסט מאַטווייעוו, וואָס איז אומגעקומען אָפן פּאָסטן, די נידעריקע סטעליע אין באַראַק, די ניט גלײַכע שײַן פונעם לאָמפּ, דאָס שווײַגן, האַלטשאַנאָקס שטרענגער פּאָנעם מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

איבער זײַנע באַקן רינען טרערן. ער באַהאַלט זיי ניט אויס. נאָך אַלעמען, זײַנען די טרערן לאַנג שוין אָנגעזאָטענע. וויאַזוי האָט ער גאָר אויסגעהאַלטן די אַלע כאַדאָשים, און די באַגעגעניש מיטן פּאָטער, און דעם אָרקעסטער, און די מאַטאָנע פון דער מוטער!

דער אַלטער מאַטווייעוו נעמט אַרום סערגייען און זאָגט אַ געריררטער:

— וויין ניט, סעריאָזשאַ. אונדז איז שווער, און אויך דיר איז ניט גרינג געווען. וויין ניט, דו וועסט דיר נײַע פרײַנט באַקומען, און אונדז, מיר און מײַן אַלטער איז שוין לאַנג ניט געבליבן אומצוגיין.

סערגיי לויפט אַרויס פון שטוב און אָטעמט אײַן די פרילינגדיקע אָוונטפרישקייט. נאָר קיין דערלײַכטערונג פילט ער ניט. „וואָס־זשע הייסט עס? — טראַכט ער זיך — איז גאָר ניט מעגלעך קיין אָפּרו, אַלע האָפענונגען זײַנען אומזיסטע און מען דאַרף ווײַטער לויפן, לויפן, לויפן... אָבער וווהין?"

פון דער פינצטערניש איז אַרויסגעשווומען אַ ליכטיקער שאָטן — אַרויסגעשווומען און זיך צוגעטוליעט צום פּלויט.

— סעריאָזשאַ! — האָט סערגיי ניט אַזוי דערהערט ווי דערפילט.

יאָ, דאָס איז זי, גרוניאַ, אַ ליב און פּאָשעט מיידל מיט אַ פוכיקן צאָפּ...

ער איז אַמאָל אַזוי אומדרײַסט געווען פאַר די גרויע אויגן, פאַר דעם טמימעסדיקן שמייכל און קינדערישן קלינגענדיקן קאָל.

סערגיי וווּנדערט זיך אָף זיך אַליין און זאָגט איר געוואַגט און גראָבלעך:

— קום אַרויס, קום אַרויס, באַהאַלט זיך ניט, באַווײַז דיך ווי דו ביסט אויסגעוואַקסן.

דער ליכטיקער שאָטן קומט צו אַ ניט זיכערער. סערגיי הערט ווי זי אָטעמט שנעל און צערודערט.

— האָסט מיך ניט פאַרגעסן, גרוניאַ?

— וואָס רעדסטו...

מיט אַ נײַער פאַר אים אַליין פרײַקייט, נעמט זי סערגיי אונטערן אָרעם און גיט איר צערטלעך אַ צום באַם צאָפּ. דער צאָפּ איז אַ פוכיקער, אַ צעבאָרשטענער, אַ ווייכער.

און דאָס קאָל איז ווייך:

— און דו, סערגיי, האָסט אַפילע פאַרגעסן צו טראַכטן פון מיר?

דאָס איז ניט וויכטיק, צי האָט ער זיך דערמאָנט אָן איר, צי האָט ער זי ליב געהאַט. זי איז דאָ, אַ פּאָשעטע, אַ ליבלעכע, אַ ניט מאָנענדיקע. מיט איר קען מען פלוידערן פון אַלץ, און אַלץ וועט זײַן קלוג און וויכטיק, און זי וועט אים אויפנעמען אַזאַ ווי ער איז, וועט פון אים גאָרניט מאָנען און גאָרניט דערוואַרטן.

זיי גייען אַרויס אונטערן דערפל אין פעלד.

— און איך האָב מיך דאָס גאַנצע יאָר געגרייט וויאַזוי דיך צו באַגע־גענען — זאָגט זי מיט וויכטיקייט.
— אַט דאָ באַם פּלויט?
— ביסט אַ נאַר. איך רייד ערנסט. איך האָב אַ סאַך פון דיר געטראַכט.
— וואָס־זשע האָסטו אויסגעטראַכט?
— אַט וואָס. נאַר לאַך ניט, סעריאָזשענקאַ. איך קען ניט ריידן ווען דו לאַכסט. דאָס איז זייער ערנסט.
— קוק מיך אָן — קיין שאָטן ניט פון אַ שמייכל. רייד.
— זעסטו... איך האָב געטראַכט: וואָס אַזוינס בין איך? וואָס איז אין מיר דאָ? פאַרוואָס זאָל מיך סערגיי ליב האָבן, ווען אין מיר איז גאָר־נישט ניטאָ?
— נו, אַט אַזוי, ערנסט! ווער האָט גרויע אויגן? ווער האָט אַ פּוכיקן צאָפּ? ווער האָט אַזוינע ליפּן?...
ער וויל זי אַ קוש טאָן, נאָר זי שטופּט אים אָפּ אָן שום אָנשטעל. זי איז אויפגערעגט.
— וואָס איז מיט דיר?
— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, איך מיין ערנסט. נו וואָס בין איך גע־ווען? אַ זיבעצניאָריקער נאַר, און גאָר. בלויז צאָפּ און אויגן, ווי דו זאָגסט.
— איז דאָס ווייניק?
— ווייניק.
— וואָס־זשע ווילסטו — אַ פּראָפעסאָר זײַן?
— ניין, — זאָגט פֿײַערלעך גרוניאַ — ערשט איצט בין איך אַ קאָמ־יוגיסטקע.
— נו... — ציט אויס פאַרלוירן סערגיי און ער דערפילט ווי עס קומט ווידער אויף דער פֿײַנלעכער שוידער באַ אים אין די פיס.
— אַט האָסטו דיר „נו" — זאָגט פריילעך גרוניאַ — דאָס איז נאָך ניט אַלץ. איך בין איצט אַ פּיאָנערן־פּירערקע, איך האָב אַ גאַנצע מאַכנע, כ'האָב געענדיקט דעם קורס. בעייס דער אינטערנאַציאָנאַלער קינדער־וואָך איז וועגן מיר געווען אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג.
זיי שטייען אין פינצטערן פעלד. אַ לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעשריגן. ניט ווײַט פון זיי איבער די ניט־געזעענע רעלסן איז דורכגעלאָפן אַ פּראַכט־צוג. זיי זעען נאָר דאָס ליכטיקע פענצטערל פונעם לאָקאָמאָטיוו, פונקען, וואָס פליִען אַוועק אין פעלד, און אַ ליכטיקער שטראַל פאַרויסגעשיקט.
— דײַן פּאָפּאָ האָט אים אַוועקגעפירט.
— דערקענסט אים?
— איך דערקען אים שטענדיק...
סערגיי דערוועגט זיך ניט זי אַרומצונעמען. דער פאַרשאַלטענער שוי־דער... די הענט אָפּילע ציטערן... זי זאָל עס נאָר ניט מערקן... נאָר גרוניאַ האָט אים אַליין אַרומגענומען, איז צוגעפאַלן צו אים מיט אַ צאַרטער באַוועגונג און האָט גענומען ריידן שנעל, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט עפּעס צו פאַרגעסן:
— איך האָב דאָך דיך ליב אַף גוטן, סעריאָזשאַ... אַף... ריכטיקן. איך האָב פון דיר דאָס גאַנצע יאָר געטראַכט... ביז דײַן אָפּפאָרן האָב איך אַזוי, פּאָשעט — ביסט אַ פריילעכער, ביסטו מיר געפעלן, האָב איך שפּאַ־

צירט... און איצט האָב איך דיך ליב — דיך ליב באַקומען דערפאַר וואָס דו ביסט אַ מוטיקער, אַ העלד, האָסט ניט מוירע געהאַט...

סערגיי שטויסט זי האַסטיק אָפּ פון זיך.

— הייסט עס — קען ער ניט איינהאַלטן זיין קאַס און פאַרצווייפלונג — האָסטו ניט ליב מיך אַזוי ווי איך בין, נאָר דעם העלד, דעם קאָמיוגיסט, דעם שלאָגלער, נאָר ניט מיך?

און מיט די ווערטער ברענגט ער אויס אַלע קויכעס וואָס האָבן אים געהאַלטן אָף ערגעץ אַ לעצטן ראַנד, נאָך וועלכן עס האָט געמוזט קומען דער אויסבראָך.

ער דערהערט איר געלעכטער — אַ נאַרישער, גליקלעכער, זאָרגלאָזער געלעכטער פון אַ מיידל, וואָס איז זיכער, אַז מען האָט זי ליב.

— אָט אַ טשעקאַווער מענטש! קענסטו דען זיין אַן אַנדערער, ניט אַזאַ ווי דו ביסט?

קיין איינהאַלטנדיקע קויכעס זיינען שוין נישטאָ. מען קען זיך נאָך ראַטעווען מיט שווייגן.

— און דו ווייסט, סעריאָזשאַ, איך האָב מיינע יאַטלעך דערציילט וועגן דיר אָפן צונויפקום. וועגן דעם אַז דו בויסט אַ גרויסע שטאָט אין דער טייגע. זיי וועלן מאָרגן קומען צו דיר, אָף אַ שמועס דיך פאַרבעטן, מיט בלומען וועלן זיי קומען.

— וואָ־אָס?

„נאַטירלעך. דורכגעפאַלן. ניט איינצוהאַלטן זיך. נאַטירלעך".

דערנאָך דערמאָנט ער זיך אומקלאָר, אַז ער האָט זי אָפּגעשטויסן און האָט געשריגן:

„נאַר! אינטריגאַנטקע! האָסט די קינדער אונטערגעהעצט! די יאָרן ווילט איר מיר דערגיין?" און ער דערשרעקט זיך אַליין פאַר דעם וואָס איז פאָרגעקומען, און ער לויפט צוריק אין דערפל, און קוקט זיך בלויז אום פון מינוט צו מינוט, קעדיי נאָך עפּעס באַליידיקנדיקס צוואַרפן.

ערגעץ הינטן, אין דער פינצטער, האָט אָפן הויכן קאָל געוויינט גרוניאַ. ער ווייס, אַז מען דאַרף זיך אומקערן, נאָר ער קען ניט. ער געדענקט אַליין ניט וויאַזוי ער איז געקומען אין קלוב, וויאַזוי ער האָט געשיקט נאָך בראָנפן. מען האָט געטרונקען וואָדקע אין אַ ווינקל פונעם גאָרטן, אינעם גאָרטן־שטיבל, און סערגיי האָט זיך באַרימט אַז ער איז אַ העלד. דערנאָך איז ער צעווייקט געוואָרן, האָט זיך געשלאָגן אין קאָפּ און האָט זיך שיקער גע־שווירן, אַז ער איז אַן אויסוואָרף. די אונטערגעטרונקענע כאַווײרים האָבן אים אונטער די הענט צוגעפירט אַהיים און האָבן געלאַכט פון זיינע שיקערע רייד.

מאַטריאָנאַ ספירידאָנאָוונאַ אַכקעט ווען זי דערזעט אין הויף איר זון אָן דער וואַנט אָנגעשפאַרט, אַ שמוציקן, אַ צעבויאַנעוועטן. זי פירט אַריין סערגייען אין שטוב און אָף דער שוועל שרייט זי אָן אָף אים:

— שטילער! וועסט נאָך די מיידלעך אויפוועקן.

סערגיי גייט דורך דאָס צימער אַ וואַקלדיקער, אָף די שפּיץ פינגער, נאָר ער פאַרלירט די גלייכגעוויכט און פאַלט אַרויף, אין די שטיוול און אין פאַרשפּיגענעם אָנטאָן, אָף דער בלויער דעקע.

דער מוטערס צאַרטע הענט טוען אים אויס, לייגן אים אַוועק, פרישן אים אָפּ דעם קאָפּ מיט אַ נאַסן האַנטעך.

די גאַנצע נאַכט זיצט די מוטער לעבן אים, בײַט אים די האַנטעכער און ווישט אים די נאַסע, ניט ווילנדיק צעעפנטע ליפּן. אַן אויסגעשלאָפענער באַגעגנט סערגיי דער מוטערס פרעגנדיקן און פאַרגעטערנדיקן בליק. ער זוכט איר האַנט און דריקט זי צאַרט. און די מוטער קושט זײַן קויטיקע האַנט און וויינט שטיל פון צאַרטקייט צו דעם גרויסן, נײַעם, גאָרניט ענלעכן צום פריערדיקן זון.

די ערשטע מעסלעסן זײַנען פאַרבליבן סערגייען אין זיכּאָרן ווי אַ שווערער כאָלעם. די ווײַטערדיקע טעג רוט ער, ער באַמיט זיך צו זײַן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. ער טוט גאָרניט, נאָר ער לייענט איין בוך נאָכן צווייטן. ער ליגט אין געדיכטן גראָז באַם טײַך, קוקט אין הימל אַרײַן, כאַפּט אויף דעם שאָרך פון די בלעטער און דאָס פליסטערן פונעם וואַסער באַ די שטיינער. ניט נאָר קומט ער ניט נאָענט מיט די פריערדיקע פרײַנט, נאָר ער דערווײַטערט זיך פון זיי — ער מײַדט זיי אַזוי אויס, אויס מוירע פאַר אויספרעגעכצן, אַז זיי באַליידיקן זיך און פאַרגעסן אָן אים.

בלויז דער הייצער פונעם פאַטערס לאָקאָמאָטיוו, סווירידאָוו, קומט אַמאָל צו צום טײַכל, פאַרשקעט אינעם וואַסער, לייגט זיך אַוועק לעבן סערגייען און זאָגט אים ליבלעך:

— זיך אײַנגעמידט ? נו, ליג, ליג...

סווירידאָוו באַזאָרגט סערגייען מיט ביכער, וואָס ער לייענט אַ סאַך. מיט אים איז סערגייען גרינגער, ווײַל סווירידאָוו האָט אַריבערגעטראָגן אַף סערגייען די ליבע וואָס ער פילט צום אַלטן גאָליצין. פאַר דעם יאָר איז סווירידאָוו שטאַרק נאָענט געוואָרן מיט דעם אַלטן. סערגיי שטויסט זיך אָן, אַז זיי האָט נאָענט געמאַכט זײַן ווײַטקייט און די געשפּרעכן וועגן אים. סווירידאָוו לערנט זיך אַף מאַשיניסט און דער אַלטער איז שטאָלץ: „פון מײַן לערע וועט ער זײַן, אַ גאָליצינער..."

סווירידאָוו איז אַ שווײַגנדיקער, אַ טרוימערישער. סערגיי האָט אין אים אויסגעפונען אַ רירנדיקע צאַרטקייט צו דער נאַטור. דער גרויסער רויטבאַקיקער באָכער, מיט קויל־שטויב אין די קנייטשעלעך פון דער הויט, הערט זיך ווייך אײַן צו דער שטילקייט, ער קוקט זיך צו צו די שאַטירונגען פון הימל און ווי די שײַן ברעכט זיך אין די בלעטער; ער לייגט אַרויף אַ מוראַשקע אַף דער האַנט, אַ זשוקל, אַ שנעקל, קוקט זיך לאַנג אײַן אין זיי און ווײַזט סערגייען ווי זיי פירן זיך, ווי זיי פאַרטיידיקן זיך אַליין; ער קען פײַפן דורך אַ גרעזל און דערקענט די פייגל לויט זייערע קוילעס; ער ווייס אַ סאַך און דערציילט סערגייען וועגן דעם לעבן פון די פייגל, פון די כאַיעס, פון די פלאַנצן. פאַר סווירידאָוון איז דוכט זיך קיין סודעס ניטאָ אין דער נאַטור, און דערנאָך איז סערגייען מאָדנע צו זען אים אַפן לאָקאָמאָטיוו, אינעם קוילן־שטויב, באַ דער מאַשין, וואָס לעבט מיט איר אייגן מאַשינקלעבן, וואָס איז אַזוי ווײַט פון דעם לעבן פון די פייגל און גראָזן. נאָר באַ סווירידאָוון האָט זיך די ליבע צו דער נאַטור און צו דער מאַשין צונויפגעלעבט און אַפילע צונויפגעגאָסן אין איין געפיל — ער איז אַן אײַנגעטראַכטער און קען זען אַ טיפע פאַרבינדונג פון דערשײַנונגען דאָרט ווו עס זעט זיי נאָר אַ באַטראַכטנדיקער און אייגנאַרטיקער מויעך.

סערגיי איז טיילמאָל מעקאַנע סווירידאָוון, טיילמאָל לאַכט ער פון אים. אים דוכט זיך אַז סווירידאָוו האָט אַ ווײַבערישן סייכל. נאָר באַ פרויען האָט ער באַמערקט די אייגנשאַפט פון אויפנעמען מיט דעם געפיל און, ברעכנדיק

די געווייגלעכע לאָגיק, דאָך טיפער און ריכטיקער פאַרשטיין דאָס לעבן. ווען ער הערט ריידן סווירידאָוון, דערמאָנט זיך אים האַלטשאַנאַק און ער שאַפט אַ פּאָעטישע, צאַרטע און טיפע געשטאַלט, וואָס פאַרלאָזט אים שוין ניט פון דעמאָלט אָן.

נאָר צום כוידעש גייט ער זיך פונאַנדער מיט סווירידאָוון אומגעריכט און אומפאַרריכטלעך.

— פאָרסט איינגיכן אַוועק? — פרעגט אים מיטפילנדיק סווירידאָוו.

זיי ליגן באַם סאַמע וואַסער. סערגיי האַלט אַראָפגעהאַנגען די האַנט און לאָזט דורך דורך די פינגער די לויטערע דורכזיכטיקע וואַסער. ער רייסט ניט אָפּ די אויגן פונעם וואַסער און ענטפערט ווי מעגלעך גלייכגילטיק:

— כ׳ווייס ניט צי זאָל איך פאָרן. אַ ראַכמאָנעס אָף די אַלטע לייט. אויך דער פּריזיוו איז איינגיכן. כ׳וועל מיך עפשער צוזאַמענריידן מיט דעם קאָמיוג און וועל דאָ בלייבן, אָפן לאָקאָמאָטיוו גיין.

דאָס איז געווען דער געדאַנק וואָס ער האָט געכאָוועט דעם גאַנצן כוידעש. ער וויל וויסן וואָס סווירידאָוו זאָגט דערצו. ער קען זיך ניט מוידע זיין, אַז ער האָט ניט וווהין און צוליב וואָס צו פאָרן.

סווירידאָוו שווייגט.

— וויאַזוי קוקסטו דערויף? — פרעגט סערגיי און ווערט אויפגערעגט.

— מאַלטשאַנאָוון האָסטו געזאָגט?

סערגיי שאָקלט מיטן קאָפּ. מאַלטשאַנאָוו איז דער סעקרעטאָר פונעם קאָמיוגישן קעמערל און סערגיי האָט אים די טעג געזאָגט, אַז ער האָט ראַכמאָנעס אָף די עלטערן, אַז דער פאָטער וועט שוין לאַנג ניט לעבן און עס ווילט זיך אים ניט צערודערן.

סווירידאָוו זעצט זיך פלוצעם אויף און נעמט ריידן. ס׳איז קענטיק, אַז ער איז אַרומגעכאַפּט פון אַן אַנטשלאָסנקייט־אימפּעט. אָפנהאַרציק זיין ביזן סאָף, זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. סערגייען דערמאָנט זיך ווידער האַלטשאַנאָק, אירע אויסמיידנדיקע, אומרויִקע און האַרציקע רייד...

— דו ווייסט ווי איך באַצי מיך צו דיר. און דו ווייסט ווי דער אַלטער האָט דיך ליב. פאַרשאַפסטו אים איצט די ערגסטע אומרויִקייט. דו ביסט געקומען ניט דער וואָס געווען. איז עס דען ניט קענטיק? זאָגסט דו ביסט מיד. מיר האָבן אויך אַזוי פון אָנהייב געדענקט. נאָר ניין, ס׳איז ניט דאָס. מיר דוכט זיך טיילמאָל, אַז דו ביסט קראַנק, אָדער דו באַהאַלטסט עפּעס אויס. און דער פאָטער זאָגט: „איך פאַרשטיי ניט סעריאָזשקאַן — עפּעס איז ער ווי קלוגער געוואָרן, ביכער ליב באַקומען, און ס׳לעבן דערקענט, נאָר קוקט ניט גלייך אין די אויגן״. וועגן וואָס טראַכסטו אַלץ, סערגיי? אָט קום איך צו דיר, כ׳קוק אָף דיר דעם גאַנצן כוידעש. דיר איז ניט פריילעך. ביסט ניט רויִק.

— קומסט מיך נאָכשפּיאָנירן? — וואַרפט אים צו בייז סערגיי.

— ביסט אַ נאַר, סעריאָזשקאַ, — זאָגט אים ווייך סווירידאָוו — ווי אַ פריינט קוק איך מיך צו, כ׳וויל דיך פאַרשטיין. דער פאָטער שטאָלצירט דאָך מיט דיר, זיין גאַנץ לעבן איז אין דיר אַריינגעלייגט. וואָלסט געזען וואָס מיט אים איז געווען, ווען מען האָט זיך וועגן פאַשקאַן דערוווסט. אויסער זיך איז ער געווען. האָט מוירע דער אַלטער אַרויסצווייזן, און שעמט זיך פאַר אַנדערע, ער שווייגט, און ער אַליין האָט זיך אַראָפּגערוקט, איז גרוי געוואָרן, גענומען אַלט ווערן.

— פונקט פאַרקערט: ער איז גאָר ייִנגער געוואָרן, — רײַסט אים בייז איבער סערגיי און פאַרשעמט זיך פלוצעם: ער ווייס גאַנץ גוט ווי דער פאָטער איז באַזאָרגט איבער אים.

סווירידאָוו קוקט פאַרוווּנדערט אַף זײַן פרײַנט און דרייט זיך אַוועק. ווען ער נעמט ווידער ריידן, איז זײַן קאָל שוין טרוקן און ניט פרײַנטלעך.

— נעכטן איז מאָלטשאַנאָוו געקומען צו דײַן פאָטער און האָט אים פאַרגעלייגט, אויב ער וויל, דיך דאָ פאַרהאַלטן. ווייסטו וואָס דער אַלטער האָט געענטפערט? איך, זאָגט ער, בין באַערט מיט דעם טיטל העלד פון אַרבעט, און איך בין ניט קיין באַבע כ'זאָל מײַן זון אָפרײַסן פון סאָציאַליס־טישן נוצן, איך וועל גיכער מיט מײַן אַלטער אַליין אַפן ווײַטן מיזרעך אַוועק איידער דעם זון דאָ פאַרהאַלטן.

סערגיי לייגט אַרײַן דעם קאָפּ אין די הענט, קעדיי סווירידאָוו זאָל ניט זען זײַן צערודערטן, שעמעוודיקן פּאָנעם. ער ווייס, אַז דער פאָטער קען אַנ־דערש ניט ענטפערן. און ער אַליין וואָלט וועלן זײַן אַזאַ, נאָר ער ווייס ניט ווי אויסצופּלאָנטערן זיך פון דער נעץ וואָס פאַרפּלאָנטערט אים, ער קען זי ניט צעפּלאָנטערן.

— איך וועל דיר אָפן זאָגן, — רעדט ווײַטער סווירידאָוו — געפעלסט מיר ניט, און ניט קיין פאַרמאַטערונג איז עס און ניט אַף די אַלטע לײַט איז דיר אַ ראַכמאָנעס. נאָר דו ביסט צעווייקט געוואָרן, ווילסט ניט מער קיין שוועריקייטן איבערטראָגן, ווילסט ניט פאָרן, און דו זאָגסט ניט אָפן, נאָר דו דרייסט, זוכסט דיר טערוצים. זאָג איך ריכטיק, סערגיי? זאָג!

סערגייען ווילט זיך אַראָפּוואַרפן אַ מאַסע פונעם האַרצן, אַלץ דער־ציילן, זיך באַפרײַען פון דער פאַרשאָלטענער איינזאַמקייט. נאָר אַנשטאָט דעם זאָגט ער מיט אַ גיפטיקן שמייכל:

— דיר, נאַטירלעך, איז עס לײַכט צו דענקען, וויאַזוי אין זומפּ און אין קעלט צו לעבן.

סווירידאָוו זאָגט דערויף רויִק:

— איך האָב צוויי מאָל אַרײַנגעשיקט אַ מעלדונג אינעם געגנט־קאָמי־טעט מען זאָל מיך שיקן אַפן ווײַטן מיזרעך.

אַ שרעקלעכער געדאַנק באַפאַלט סערגייען: סווירידאָוו וועט פאָרן און וועט זיך אַלץ דערוויסן. ער באַטראַכט זיך נאָכאַמאָל: „מען דאַרף אים איצט אַלץ דערציילן און איבאייינעם מיט אים אַוועקפאָרן און אַלץ פאַר־גלעטן... סווירידאָוו וועט פאַרשטיין". נאָר דער קויעך פון דער אינערציע צווינגט אים צו זאָגן:

— פאָר, דערנאָך וועסטו ריידן. אַזעלכע העלדן ווי דו זײַנען די ערשטע פון דער בלאָטע אַנטלאָפן, ווי נאָר זיי האָבן די פיס אײַנגענעצט.

און ער הייבט זיך אויף, וואַרפט צו סווירידאָוון דעם בוך וואָס ער האָט בײַ אים גענומען און האָט ניט דערלייענט און גייט אַוועק. די פאַרדראָסיקע ווערטער האָבן אים ניט גרינגער געמאַכט, וואָרעם פאַרדראָסן האָט אים אַף זיך אַליין.

פון דעמאָלט אָן קומט מער ניט סווירידאָוו אַף זייער באַליבטן אָרט באַם טײַך.

עס גייען אַריבער די לעצטע טעג און סערגיי קלײַבט זיך אין וועג. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער אין אַ גראָבן בוך איבערגעלייענט די שיינע לעגענדע וועגן אַהאַסווערן — דעם אייביקן וואַנדערער, דעם טרעגער פון אַן אייביקער קלאָ־

לע. די לעגענדע האָט דערשיטערט סערגייען. דעם ערשטן מאָל אין זײַן לעבן קען ער ניט אײַנשלאָפן די גאַנצע נאַכט פון שרעקלעכע געדאַנקען. צי ניט ער איז דער אָרעמער וואַנדערער, וואָס געפינט ניט אין ערגעץ קיין רו. פון דער אייגענער באַנ־סטאַנציע ביז סאַכאַלין — אומעטום וואַקסן מענטשן, וואַקסן גרויסע זאַכן, וואָס ווערן געשאַפן פון פרײַע און פריילעכע מענטשן, און די מענטשן לעבן אין ליבע און אין קאַוועד. און ער? מיט אַ פּאַכדאַנישן, שענדלעכן שריט האָט ער זיך פאַרמישפּעט אַף איינזאַמקייט און פאַרשאַלטנקייט אין דער וועלט, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט, ווו ער איז געוואָרן אַ פרעמדער.

עס באַגלייטן אים בלויז די אייגענע און סווירידאָוו. דער פּאָטער קוקט ווי פאַרלוירן. ער איז מיטאַמאָל אַלט געוואָרן, ער געפינט ניט קיין ווערטער. די מוטער וויינט, און אין די אויגן באַ איר ציטערט אויך אַ שטומע פראַגע. סווירידאָוו שווײַגט. אין דער לעצטער מינוט שפּרינגט ער אַרויף אַפן טרעפּל און כאַפּט אָן סערגייען פאַר דער האַנט:

— אויב איך האָב אַ טאָעס געהאַט, זײַ מויכל. פאַר געזונט, סעריאָזשאַ!

סערגיי גייט אַרײַן אין וואַגאָן און פאַרקלײַבט זיך אַף זײַן באַנק. ער ווייס ניט וווּהין ער פאָרט און צו וואָס. ווו ערגעץ וועט ער אָנהייבן דעם נײַעם אָקערשנײַט פון זײַן אומזיניקן לעבן? וועלכע וואָגלענישן און קלעפּ וואַרטן אַף אים מאָרגן?

הינטער דער שויב ציִען זיך פּעטע ניט צעגרענעצטע קאָלכאָזישע פעלדער, גרין צעהעלטע מיט יונגער שפּראָצונג. דער צוג נעמט לויפן שנעלער.

XXI

סיאָמאַ אַלטשולער זיצט אַף די טרעפּ פונעם שפּיטאָל־גאַניק און וואַרט. טאַניאַ גייט צו קינד. נעכטן באַטאָג האָט ער זי אַהער געבראַכט, האָט אַ לעצטן מאָל געזען אירע ברייט־צעעפנטע שטרענגע אויגן און האָט זי איבערגעגעבן דעם דאָקטער.

ער איז נאָך דעמאָלט געווען אומרויִק. נאָר דער נעכטיקער אומרו איז אַ גאָרניט אַקעגן דעם וואָס ער לעבט איבער שפּעטער. דאָס האָבן איז זייער אַ שווערס, די מוטער און דאָס קינד זײַנען אין סאַקאָנע.

סיאָמאַ האָט דערזען דעם דאָקטערס דערשראָקן און שוליק פּאָנעם, איז ער אַוועקגעלאָפן צו דראַטשיאַנאָוון. דראַטשיאַנאָוו וווּנדערט זיך ניט וואָס מען וועקט אים אויף באַנאַכט צוליב דער שווערער קימפּעט פון דער קאָמירגיסטקע וואַסיאַיעוואַ. ער טוט זיך אָן און פאָרט צו מיט סיאָמאַן צו דער דירעקטער פאַרבינדונג. אין דער צײַט וואָס דראַטשיאַנאָוו רעדט מיט כאַבאַראָווסקי, זיצט סיאָמאַ אינעם אויטאָ אײַנגעבויגן אַ צעמישטער. וואָס קען כאַבאַראָווסק טאָן ווען טאַניאַס לעבן איז אין סאַקאָנע שוין די מינוט?

— שלאָפן וועסטו ניט קענען, — זאָגט דראַטשיאַנאָוו צום שאָפער ווען ער זעצט זיך אַרײַן אינעם אויטאָ — פינף אַזייגער וועסטו צופאָרן צום אַעראָפּאָרט: דער פליִער מאַזורוק פליט אַרויס אין באַגינען מיט דעם פּראָפעסאָר.

סיאָמאַ זיצט די גאַנצע נאַכט אַפן טרעפּל. ער קוקט מיט געבעט צום טונקעלן הימל און אײַלט דעם באַגינען.

— זײַ רויִק, — זאָגט אים דער שאָפער — אַז מאַזורוק זאָגט צו, וועט זײַן.

— עס פּײַפֿט ! — רופֿט סיאָמאַ אויס פֿון צײַט צו צײַט, נאָר דאָס איז זעלבסטגענאַרערײַ.

אַ טיפֿע פּאַרטאַגיקע שטילקייט. אַ נעפּלדיק רויכל פֿאַרוויכט די אָן דעם בלייכע באַגינען־קאָלירן. אומבאַוועגט ליגט דער רוּקער, ווי אַ שפּיגל, אַמור... אין דער אומבאַוועגלעכקייט לויפֿט פּלוצעם דורך, ווי אַ זיפֿץ פֿון צעוועקונג, אַ ווינטל. דאָס רויכל נעמט צעגיין. אַ ראָזעווע שײַן פֿאַלט אַף דעם מאַסטבוים און דעם סיגנאַל־וורשט. אַ צווייטער טיפֿער זיפֿץ צערינצלט דאָס באַלעבטע וואַסער. און אַ ליכטיקער, אַ לויטערער, אַן אומגעווייגלעך־צאַרטער פֿרימאָרגן הייבט זיך איבערן טײַך, איבער דער טײַגע, איבער דער שלאָפֿנדיקער שטאָט.

— זע ! — שרײַט אויס דער שאָפֿער.

און סיאָמאַ דערזעט ווי זייער ווײַט, אינעם פֿאַנטאַסטיש־ליכטיקן הימל, גיט אַ בליאַסק אַף דער זון אַ זילבערנער פּינטל. און באַלד כאַפּט ער אויף דעם נאָך אומקלאָרן געפֿלוידער פֿונעם מאָטאָר.

די זילבערנע פֿליגל מיט דעם בלויען זוים קומען אַלץ נענטער. די שטיל־קייט ווערט פֿול מיט ניצאָכנדיקן געדונער. דער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַרונ־טער; די פֿליגל און דאָס שיפֿל זײַנען ראָזעווע פֿון דער פֿרימאָרגנדיקער זון. דאָס וואַסער צעפּליושקעט זיך אָן אָנגערירטס מיט דעם פֿלי פֿון דער מעטאַ־לענער מעווע, דערנאָך נאָך און נאָך, אַלץ שטאַרקער דער פּליושק, און אָט שנײַדט די מעווע אײַן אינעם וואַסער, צעשפּריצט אַרום זיך פֿינקלענדיקע שפּריצן, און אָט זעט מען אין דער שויב דאָס זיכערע פּאָנעם פֿונעם פֿליִער.

דער עראָפּלאַן דרייט זיך אויס צום ברעג, מען וואַרפֿט אַריבער די ברעט־לעך... סיאָמאַ לויפֿט אַרויף אַף די ברעטלעך און אַקעגן אים קומט אַרויס דער פֿליִער. זײַנע העלע האָר זײַנען פּונקט אַזוי ראָזעווע ווי דער עראָפּלאַן, ווי די לופֿט אַליין.

— אין צײַט ? — פֿרעגט דער פֿליִער, און אין זײַנע אויגן לויפֿט דורך אַ צופֿרידנקייט: ער איז אַרויסגעפֿליגן לאַנג פֿאַרן באַגינען און ער ווייס אַז ער איז געקומען צום רעקאָרד־טערמין.

סיאָמאַ וואַרפֿט זיך אים אַפֿן האַלדז, און דער פֿליִער נעמט גערן אויף דעם קוש, ווײַל ער ווייס, אַז זײַנע פֿליגל האָבן געפֿירט רעטונג.

— דער פֿאָטער ? — פֿרעגט ער.

— דער פֿאָטער ! — שטימט צו סיאָמאַ און וואַרפֿט זיך דערלאַנגען די האַנט דעם קלייניקן פּראָפֿעסאָר, וואָס קריכט אַרויס מיט זײַן וואַליזע פֿון דער גאָנדאָלע.

דעם פֿליִער פֿאַרדריסט ניט ווען סיאָמאַ מיט דעם פּראָפֿעסאָר לויפֿן צום אויטאָמאָביל און פֿאַרגעסן זיך געזעגענען. ער קוקט זיי נאָך און ווינטשט פֿון גאַנצן האַרצן אַז דער פּראָפֿעסאָר זאָל זײַן זאַך טאָן אַזוי גוט ווי ער האָט געטאָן זײַנע.

דער פּראָפֿעסאָר זאַמט זיך אין שפּיטאָל מער ווי אַ שאָ איידער ער רופֿט אַרײַן סיאָמאַן.

— זייער אַ שווערער האָבן, — זאָגט ער אין דער שטיל און קוקט זיך אום אַף דער טיר הינטער וועלכער טאָניאַ ליגט — מען קען פּרוּוון צו אָפּע־ראַציע, נאָר אין אַזאַ פֿאַל וועט זיך ניט אײַנגעבן ראַטעווען דאָס קינד. וויאַזוי
— זײַט איר מאַסקים ?

סיאָמאַ האָט געוואָלט אויסשרײַען: „אַבי זי זאָל לעבן בלײַבן !"

נאָר ער פרעגט:

— און וואָס זאָגט זי?

— זי וויל אײַנהיטן דאָס קינד, — זאָגט דער פּראָפעסאָר — מעגלעך ס'זאָל געלינגען, נאָר אַרעוו זײַן קען איך ניט.

— זאָל זײַן ווי זי זאָגט — זאָגט סיאָמאַ מיט איבערגעטרוקנטע ליפּן.

און ווידער ציִען זיך די שאָען פון דערוואַרטונג.

דער ראָזעווער פרימאָרגן איז געוואָרן טאָג, פול מיט זונען־גלאַנץ. ער־געץ ניט ווײַט פונעם שפּיטאָל הילכן ניט האַרמאָניש איינער איבערן צווייטן בלאָז־אינסטרומענטן. אַן אָרקעסטער? באַטאָג? אַך יאָ, הײַנט דרײַ אַזייגער נאָכמיטאָג אַ מיטינג צוליבן פּריזיוו אין דער רויטער אַרמיי. גענטשיק גייט אויך צום פּריזיוו... און אַפן מיטינג דאַרף אַרויסטרעטן סיאָמאַ אַלטשולער.

ער ווייס ניט וואָס עס וועט זײַן דרײַ אַזייגער באַטאָג. וועט ער לעבן? און זי? ער וועט לעבן! און זי? אַלע זײַנע געדאַנקען זײַנען צוגעשמידט צו טאָניאַן, צו דעם שרעקלעכן און נאַטירלעכן אַקט, וואָס אין זײַן סאַכאַקל, זאָל טאָניאַ קענען זײַן זיך מאַקריוו זײַן און ברענגען אַ מענטשן אַף דער וועלט.

צי וויל ער, סיאָמאַ (גאַנץ אויפריכטיק, מיט דער האַנט אַפן האַרצן), אַז דער צוקונפטיקער מענטש זאָל געבוירן ווערן און לעבן? שטאַרקער ווי אַלץ וויל ער אַז טאָניאַ זאָל לעבן. נאָר יענעם, דעם קליינינקן, וויל ער אויך. מען האָט איבער אים אַזויפיל איבערגעליטן, אַז דאָס האַרץ האָט זיך צו אים באַצײַטנס צוגעבונדן. ער האָט אין זיך פרעמד בלוט?... נאָר וואָס אַזוינס איז בלוט אַקעגן דעם אומרו און דעם ווייטיק פון די דאָזיקע שאָען!...

נאָך יענער נאַכט, ווען מאָראַזאָוו האָט סיאָמאַן אונטערגעזאָגט דעם באַ־שלוס, איז שוין אַוועק זעקס כאַדאָשים. די זעקס כאַדאָשים זײַנען ניט אַזוי גרינג געווען. דער טעהאָם איז פאַרשאָטן, נאָר אַ שפּעלטל איז געבליבן. אין די גליקלעכסטע מינוטן ציטערן ערגעץ אין דער טיפעניש אָנגעזאָטענע טרערן, און ווען ער ווײַזט אַרויס די צאַרטסטע זאָרג וועגן טאָניאַן, מאַכט סיאָמאַ אַן אינערלעכן אָנשטרענג גוּיוועד צו זײַן זײַן מענערישע אייגנליבע, וואָס וויל ניט שאָלעם מאַכן דערמיט וואָס דער קאָפּ און דאָס האַרץ האָבן שוין דערמיט שאָלעם געמאַכט.

אויב דאָס שפּעלטל פאַרגרעסערט זיך ניט, נאָר עס ווערט וואָס אַמאָל קלענער, איז עס דער פאַרדינסט פון טאָניאַן. זי צווינגט סיאָמאַן מיט איר שטאָלץ צו זײַן און זיך צו אַנטציקן. אַן אומדערשראָקענע און אַ שטאָלצע, גייט זי אַרום מיט אַן אומאָפּהענגיק אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַן אויס־דרוק פון גליק און צופרידנקייט אַף איר ענדגילטיק אויסגעפורעמטן שטרענגן פּנעם. זי האָט זיך דאָס מינדסטע ניט געשעמט מיט איר שוואַנגערשאַפט און איז פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ יעדן איינעם מיט אַן אויסגעגלײַכטן רוקן, דעם קײַלעכדיקן בויך אַרויסגעשטעלט, און די שוואַנגערשאַפט האָט זי ניט מיִעס געמאַכט, נאָר צוגעגעבן אַ באַזונדערע מוטערלעכע שטאָלצקייט און מאַיעסטעטישקייט. איר גאַנצער אויסזען, דוכט זיך, האָט געזאָגט: „איך בין אַ מוטער, איך בין גערעכט, איך בין שטאָלץ מיט מײַן גערעכטיקייט". זי איז שטאַרק שענער געוואָרן.

סיאָמאַ פאַרגעטערט זי פאַר איר רויִקער פרעכטיקער זיכערקייט.

נאָר מיט אַ כאַדאָשים צוויי צוריק איז אים אויסגעקומען צו הערן שמו־ציקע שטיפערישע פליאָטקעס אַף טאָניאַס כעשבן. סיאָמאַ ווייס אַז עס איז ניט מעגלעך אַזוינע פליאָטקעס זאָלן ניט זײַן, נאָר ביז דעמאָלט האָט ער

זיי ניט געהערט. און אָט זײַנען זיי דערגאַנגען צו אים — און פון וועמען? פון וואונדערלעכע יאַטן אין דער בריגאַדע פון געהילף־טרײַבער, וואָס ער האָט זיי ליב געהאַט און זיי האָבן אים ליב געהאַט.

די יאַטן האָבן סיאַמאַן ניט באַמערקט און האָבן גוטמוטיק רעכילעס געטריבן, לויט אַ שלעכטער געוווינהייט וואָס איז נאָך ניט אויסגעלעבט אַפילו צווישן דער בעסטער יוגנט. סיאַמאַן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווען ער האָט מיט זיך אַ רעוואָלווער, וואָלט ער אין זיי אויסגעשאָסן.

ער וואַרפט זיך אַרײַן צווישן דער גרופּע, כאַפּט אַרויס פון דער קעשענע זײַן געוויינלעכן אַליין געמאַכטן מעסער, און מיט דעם מעסער איבערן קאָפּ, אויסגעצויגן אין זײַן גאַנצער קליינגעוויקסיקייט, זאָגט ער הויך און אויסגעטיילט וואָרט נאָך וואָרט:

— דעם ערשטן וואָס וועט זאָגן נאָך איין וואָרט, דערשטעך איך אויפן אָרט!

קיינער האָט זײַן דראָונג ניט אָנגענומען פאַר קיין געלעכטער.

און מער זײַנען קיין רעכילעסן ניט געווען.

נאָר יעדן מאָל ווען סיאַמאַ דערמאָנט זיך אָט די מ:יעסקייטן, ציטערט ער פאַר עקל און מיט דעם באַגער צו פאַרטיידיקן זײַן קאָוועד מיט דעם מעסער, מיט די פויסטן, מיט די ציין — מיט וועלכן עס איז שלאַכט־מיטל. דער פאַרלאַנג איז נאָך שטאַרקער געווען אַ דאַנק דער צווײדײַטיקייט פון זײַן לאַגע. נאָר געהאָלפן האָבן אים מיט זייער העסקעם און אונטערשטיצונג קרוגלאָוו און גענקאַ, און אַנדערע גוטע פרײַנט. גענקאַ האָט אים איינמאָל געזאָגט מיט פרײַנטלעכער אָפנהאַרציקייט:

— איך, סיאַמאַ, וואָלט מיך אויפגעהאַנגען און וואָלט ניט געקענט... נאָר ווען עמעצער זאָגט מיר, אַז דו וועסט זיך באַגיין אַנדערש, וואָלט איך יענעם די פּיסקעס צעקלאַפּט.

טאַניאַ איז פולשטענדיק גליקלעך. זי ווייס, נאַטירלעך, אַז עס איז פאַראַן אַ שפּעלטל, נאָר זי גלייבט אַז דאָס וועט זיך פאַרוואַקסן. די נאָענטע קימפּעט רופט באַ איר אַרויס אַ געהויבענעם געדאַנקען־גאַנג. זי איז שטאָלץ מיט זיך און דערמיט וואָס איר איז באַשערט צו געבן דער שטאָט דעם ערשטן בירגער. זי פילט פעדאַנטיש אויס אַלע פאַרשריפטן פונעם דאָקטער, נאָר זי אַרבעט ביז די סאַמע לעצטע טעג און קיינער קען זי ניט איבעררעדן אַז זי דאַרף ניט אַרבעטן.

— עס מאַכט ניט, סעמיאָן ניקיטיטש. איך וועל אויסטראָגן פאָוולושאָן און דערנאָך וועל איך מיך אויסרוען.

— נאָך אַ וואָך, סעמיאָן ניקיטיטש. איר זעט דאָך, מיטיאַ איז צו מיר צוגעוווינט, ווי־זשע קען איך אים איבערלאָזן?

אַזוי ענטפערט טאַניאַ און איז גערעכט. און די כאַדאָשים פון איר שוואַנגערשאַפט גיט זי די קראַנקע אַזויפיל וואָרעמקייט און רו, אַז זי איז זיי מיט אַן עמעצן בײַטיק. זי טראָגט אַריבער אַף זיי איר אויפגעוועקטן מוטערשאַפטלעכן געפיל. אירע זיכערע צאַרטע הענט מאַכן פלינק אײַנשפּריצונגען און קאָמפּרעסן, שטעלן גאָרטשישניקעס און באַנקעס, רײַבן אײַן, הייבן אויף, קערן איבער די קראַנקע. „אונדזער טאַניאַ" — אַזוי רופט מען זי אין שפּיטאָל.

— וועט איר זיך ניט גיין לערנען אַף דאָקטער, — זאָגט איר סעמיאָן

ניקיטיטש — בין איך מיט אײַך מער ניט באַקאַנט; דאָס וועט זײַן די גרעסטע נאַרישקייט, — ניין, ניט קיין נאַרישקייט, נאָר אַ פאַרברעך.

— מירן זען, — ענטפערט טאַניאַ — פריִער וועלן מיר פאַרענדיקן בויען די שטאָט.

זי ווייס ניט וואָס זי וועט נאָכדעם טאָן. אירע טרוימען זײַנען געוואַגטער און טיפער ווי העלפן קראַנקע. זי וויל העלפן דער גאַנצער וועלט. אַלעמען, ווער עס קעמפט, פאַלט דורך און איז זיך ניט מעיאַעש, נאָר זאַמלט קויכעס קעדיי צו זיגן. אין דער אונטערערד, אַף באַריקאַדן גיין... אינעם קומענדיקן קאַמף צווישן די צוויי וועלטן וויל זי פאַרנעמען דאָס שווערסטע, דאָס געפערלעכסטע, דאָס אַנטשיידנדיקע אָרט. איר באַפרידיקט ניט די אַרבעט פון וווּנדן איבערבינדן — איר ווילט זיך גיין אין שלאַכט ווי אַ קריגסמאַן.

עטלעכע טעג פאַר דער קימפעט האָט זי אָפגעשטעלט די אַרבעט אין שפיטאָל, נאָר זי האָט נאָך אַלץ געפירט אַ באַוועגלעך טעטיק לעבן, און האָט צוגעגרייט אַלע קלייניקייטן פאַר דעם קינפטיקן קינד.

די קימפעט שרעקט זי ניט, סיאָמאַ אַלנפאַלס באַמערקט ניט אַף איר קיין שרעק און קיין אומרו...

מען האָט זי אַוועקגעלייגט אינעם זעלביקן צימער, ווו זי האָט אַמאָל אָפגעהיט סיאָמאַן.

אָט האָבן מיר זיך געביטן מיט די ערטער, — זאָגט זי ווען מען לייגט זי אַוועק — גיי, טײַערער, און רעג דיך ניט. דו זעסט דאָך, איך האָב גאָר קיין מוירע ניט.

פון דעמאָלט אָן איז שוין אַוועק אַ מעסלעס. דאָרט ליגט זי, הינטער דער וואַנט פונעם שפיטאָל־באַראַק און ראַנגלט זיך מיטן טויט פאַר איר לעבן און פאַרן לעבן פון איר קינד. און סיאָמאַ זיצט אַפן טרעפל, אַנמעכטיק איר צו העלפן, טויט מיד און דערשראָקן. אין ווייען ווערט געבוירן דער ערשטער בירגער פון דער נײַער שטאָט, אין פיזישע און אין גײַסטיקע ווייען. „צי ניט אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבן? — טראַכט סיאָמאַ — אין ווייען און אין קאַמף קומט אויף די נײַע געזעלשאַפט. און ניט נאָר פאַרניכט דער אַרבעטער־קלאַס די עקספלואַטאַטאָרס — אינעם קאַמף רייניקט ער זיך אָפ פון דעם אָנגעטראָגענעם מיסט פון דער פאַרגאַנגענהייט, ער אַרבעט זיך איבער, קעדיי אַרײַנצוקומען אינעם נײַעם הויז פולווערטיק און ריין. אויך איך האָב מיך אָפגערייניקט, האָב מיך געבראָכן, האָב אין מיר געשטיקט דאָס אומווערטיקע, דאָס קליינלעכע, דאָס קויטיקע... און טאַניאַ... איז דען טאַניאַ שולדיק וואָס גאָליצין האָט געבראַכט מיט זיך אין דער נײַער שטאָט דעם קליינלעכן עגאָיִזם פון די פריִערדיקע מענטשלעכע באַציִונגען? און צי דען איז ער איינער אַזאַ? און קאָליאַ פלאַט און אַנדערע דעזערטירן? און די געהילך־טרײַבער, ווילע יאַטן, — ווי קערט זיך זיי די צונג אין מויל צו פלוידערן מיִעסקייטן, אָן אַכטונג צום מענטשן, צום כאַווער, צו דער פרוי? עס מאַכט ניט, — באַרויִקט ער זיך אַליין, — עס מאַכט ניט, דאָס וועט מיטן ווינט אַוועק, דאָס וועט זיך איבערמאָלן, וועט אויסגעגעסן ווערן, ווי זשאַווער. און וועל זיך דערשלאָגן, אַז מײַן זון — ער איז מײַנער און ניט גאָליצינס! — זאָל שפאַנען איבער דער נײַער שטאָט מיט זײַנע קליינע פיסעלעך און באַגעגענען נאָר שמייכלען און צערטלעכע ווערטער, און קיינער זאָל ניט קוקן קרום — וואָרעם ער וועט האָבן צו טאָן מיט מיר!"

צי האָט ער אײַנגעדרעמלט אָדער פּאַשעט זיך טיף פאַרטראַכט ?
סעמיאָן ניקיטיטש טרייסלט אים פּאַרן אַקסל.
זיי קוקן זיך אָן. סיאָמאַ קען זיך ניט פונאַנדערקלײַבן. געשטאָרבן ?...
סעמיאָן ניקיטיטשעס פּאָנעם איז בלייך און ציטערט.
— וואָס ? — שרײַט סיאָמאַ, נאָר אָנשטאָט אַ געשריי קומט בײַ אים
אַרויס אַ קוים פאַרשטענדלעכער כריפּע.
— מיט גליק ! — זאָגט סעמיאָן ניקיטיטש און די באַקנבײנער שפּרינ־
גען בײַ אים, און זײַן פאַרמאַטערטער פּאָנעם איז ניט פעיק אויסצודריקן
קיין פרייד.
— נו־ס ! — דערהערט זיך הינטער אים אַ פרײלעכער באַס, וואָס איז
אומגעריכט געוועזן בײַ דעם קליינינקן פּראָפעסאָר — נו־ס, ערשטער פּאַפּאַשאַ,
איר קענט גיין אַ קוק טאָן אויף אײַער בירגער. אַ פּרעכטיקער, אויסגעצייכנטער
באָכער און אַ שטיפער — סאַראַ סקאַנדאַל ער האָט געמאַכט אויף דער וועלט
אַרויסצוקומען !
מען פירט סיאָמאַן ווײַזן דאָס קינד. דאָס קינד וויינט מיט לעבנס־פריי־
דיקן ברען, מיט דעם ברייט צעגומענעם אַנצייניקן מויל. ער האָט טאַניאַס
געוואָגט געצייכנטע ברעמען און סיאָמאַ כאַפּט זיך זשעדנע אָן פאַר דער
ענלעכקייט, קעדיי ניט צו געפינען קיין אַנדערע, מעגלעכע...
— און טאַניאַ, וויאַזוי ?
— אײַער טאַניאַ איז אַ העלד, — זאָגט פאַרגעניגנדיק דער פּראָפע־
סאָר — איך האָב איר געזאָגט : — שרײַ, וועט דיר גרינגער זײַן. נאָר זי
האָט קיין איין געשריי ניט געטאָן. און אַ צו קינד גיין האָט זי געהאָט —
אוי־אוי־אוי ! איך האָב שוין לאַנג אַזאַ שווערן צו קינד גיין ניט געזען.
טאַניאַ איז צו פאַרמאַטערט און סיאָמאַן לאָזט מען ניט צו צו איר.
ער גייט אַרויס אויפן זון־פאַרגאָסענעם גאַניק און לאָזט זיך אַראָפּ, אַ שוין
געוווינטער, אויפן טרעפּל.
הינטער די הײַזער, אין דער ווײַט, גיט אַ קלאַפּ דער אָרקעסטער. ווידער
דער אָרקעסטער ? אַך, יאָ ! דער מיטינג. ער דערמאָנט זיך פּלוצעם אַז ער
האָט באַדאַרפט אויפטרעטן. און איצט ווי שפּעט איז ?
ס'איז שוין פיר. צי איז שוין ניט פאַרענדיקט דער מיטינג ? ער רײַסט
זיך אָפּ פונעם אָרט און לויפט. ער שפּאַרט זיך קוים דורך דורכן אוילעם צו
דער הילצערנער טריבונע. אויף דער טריבונע דערזעט ער דעם שיינעם און
יונגן קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי, ווי ער נעמט אַרום מיט זײַן ברייטן
זשעסט דעם גאַנצן אוילעם, די גאַנצע בויונג.
— אַ סאַך פון אײַך, פון אײַער העלדישן קאָלעקטיוו — רעדט דער
קאָמאַנדיר — וועלן הײַ־יאָר אַרײַן אין די רייען פון דער רומפולער אַרבע־
טער־פּויערישער רויטער אַרמיי.
יאָ, עס גייט אַוועק גענקאָ, זײַן בעסטער פרײַנט, און טימקאַ גרעבען,
און קאָסטיאַ פּערעפּעטשקאָ, און נאָך אַ סאַך אַנדערע.
— זיי וועלן גיין פאַרטיידיקן, באַוואַכן אונדזער פרידלעכע, באַוווסט־
זיניקע מי. זיי וועלן בײַטן דאָס געווער, נאָר דער לעבנס־געדאַנק וועט בלײַבן
דער זעלביקער. ווי דאָ, אינאיינעם מיט אײַך אַלעמען, האָבן זיי אָפּגעגעבן
אַלע זייערע קויכעס צום אויפבוי פון דער פאַרטיידיקונגס־שטאַט, אַזוי וועלן
זיי אויך אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אָפּגעבן אַלע זייערע קויכעס,

און, ווען נייטיק, אויך דאָס לעבן, דער פאַרטיידיקונג פון זייער געליבטן פאַטערלאַנד.

סיאָמאַ דערזעט גענקאַן. גענקאַ הערט, ער שמייכלט מיטן פולן מויל.

— רויק לאָזט גיין אַנדערע כאַווײרים. שטרענגט נאָך מער אָן אײַערע קויכעס, צו געבן דעם פאַטערלאַנד, שנעלער און בעסער, נײַע פאַרטיידיקונגס־מיטלען. אַרבעט האָט איר נאָך אַ סאַך, נאָר אויך קויכעס, ווי איך זע, ניט ווייניק. און איך פאַרזיכער אײַך, אינעם נאָמען פון דער רויטער אַרמיי, אַז די רויטע אַרמיי וועט אײַך העלפן.

סיאָמאַ פאַטשט גלײַך מיט אַלעמען און קלעטערט אַרויף אַף דער טריבונע.

ער בעט דאָס וואָרט, און האָט שרעקלעך מוירע אַז עס איז שוין שפעט, אַז מען וועט אים ניט געבן די מעגלעכקייט צו זאָגן. מען גיט אים דאָס וואָרט. נאָר ווען ער קומט אַרויס אַף פאָרנט, פאַרגעסט ער אַלץ וואָס ער האָט זיך געגרייט צו זאָגן, און עפעס אַנדערש, וויכטיקס, שווימט אים אַרויף אין זיקאָרן, און ער פאַרשטייט אַז געאײַלט האָט ער זיך אַהער גראָד צוליב דעם, קעדיי צו זאָגן אָט דאָס וויכטיקע, קעדיי אומפאַרזאַמט, ענדגילטיק, אַף אייביק באַפעסטיקן זײַנע רעכט אַפן זון. דאַרף מען ריידן וועגן דער רויטער אַרמיי? ווער־זשע וועט זאָגן, אַז זײַן זון האָט קיין שײַכעס ניט צו דער רויטער אַרמיי? ווער וועט וואַגן דאָס צו זאָגן?

— מיט איין שאָ צוריק איז באַ מיר געבוירן געוואָרן אַ זון! — שרײַט ער אויס און קען ווײַטער ניט ריידן — אים באַפאַלט אַ שרעק און ער הערט ניט די פאַטשערײַ און זוכט צווישן אוילעם באַקאַנטע פענעמער און ער פילט, אַז ער וועט אויסברעכן אין אַ געוויין, אויב ער וועט דערזען כאָטש איין שמייכל, כאָטש איין קרומען בליק. אָט איז די בריגאַדע געהילף־טרײַבער... זיי שאָקלען צו אים און פאַטשן מיט די הענט... אָט זײַנען געגקאַס געטרײַע אויגן... פון אַלע זײַטן פרײַנטלעכע שמייכלען, באַגריסונגען, אויסרופן...

— איך ווייס מײַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט, — שרײַט ער הילכיק אויס און פאַכעט אַליין מיט די הענט פון באַגײַסטערונג — אַ גרויסע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט! יאָ, אַ גרויסע, אַ געוואַלדיקע, וואָרעם אונדזער ייִנגל איז דער ערשטער בירגער און אַף אים וועלן אַלע קוקן, וויאַזוי איז ער, אָט דער ערש־טער! נאָר איך פאַרזיכער אײַך — יאָטן, פרײַנט, כאַווײרים, אַז אונדזער ערשטער באָכער וועט זײַן אַ קלוגער און אַן אומדערשראָקענער, ווי אַ באַגאַ־טיר, אַ גיבער, און די שטאָט וועט זײַן צופרידן. און ווען די צײַט וועט קומען, איך וועל אים פירן צום פריזיוו, ווי אַ מאַטאַנע דער רויטער אַרמיי, וועט אויך די רויטע אַרמיי זײַן צופרידן.

דער קאָמאַנדיר דריקט אים די פינגער מיט אַ שטאַרקן האַנט־דרוק. רוישיקע אַפלאָדיסמענטן קײַקלען זיך איבערן אוילעם פון עק צו עק.

— כאַווײרים! — צעדונערט זיך דראַטשיאַנאָווס מעכטיקער קאָל — די מעלדונג קומט אין דער ריכטיקער צײַט. זעט, דאָ איז ער! עס וואַקסט! אונדזער שטאָט! אונדזער זאַוואָד! אונדזער סאָציאַליסטיש לעבן! זעען עס אַלע? פילן עס אַלע? לאָמיר־זשע באַגריסן דעם כאַווער סיאָמאַ און איינער דעם צווייטן מיט דעם געבוירנטאָג פון אונדזער באַגערטן בכאָר.

פּערטע טייל

I

סערגיי גאָליצין אַרבעט שוין זיבן צוויי כאַדאָשים אָפן בוי פון אַ שאָסיי. די אַרבעט איז אַ שווערע, נאָר ער האָט ליב צו אַרבעטן אָף דער לופט, אונטער דער זומערדיקער זון און ער האָט ליב די מאַשינען וואָס פרעסן איַין דעם אַלקיטראַן און דעם רייעך פונעם פונעם אַלקיטראַן,- דעם סמאָלעדיקן און טערפּקן, וואָס עסט זיך איַין אין דער הויט.

אָף זיַין אָפּטייל איז אָנגעקומען אַרבעטן אַ ניַיער ערדגרעבער. סערגיי טרעפט אים אָן פּאָנעם על פּאָנעם און קערט זיך שנעל אָפּ — עס זיַינען אים קענטלעך די כוצפּעדיקע, זיך איַינקוקנדיקע אויגן, דער נידעריקער שטערן אונטער די אַראָפּפאַלנדיקע בלאָנדע האָר און די נאָכגעלאָזענע ליפּן וואָס דעקן אָפּ צוויי רייען דריבנע געלע ציין. ווו ערגעץ האָט ער באַגעגנט דעם באָכער? סערגיי האָט ניט ליב זיך צו באַגעגענען מיט באַקאַנטע מענטשן, ער האָט מוירע פאַר צעפּרעגעכצן און אויפדעקונגען.

— ע־ע, לאַנדסמאַן! — גיט אים דער באָכער אַ שלעפּ באַם אַרבל — האָסט מיך ניט דערקענט?

— ניין, ניט דערקענט, — זאָגט סערגיי פאַרדראָסיק — האָסט אַ טאָעס געמאַכט.

— נו, וואָס מיר טאָעס. כ'האָב דיך אַ וואָך ציַיט געהאָדעוועט מיט פיש־יויך, מיט בראָנפן געפּויעט — צי דען קען איך עס פאַרגעסן? אַ גאַנצע נאָכט איינאייגעם מיט דיר גערודערט, מאַזאָליעס זיך אָנגעריבן. צי דו האָסט דעם זיקאָרן פאַרלוירן?

סערגיי דערמאָנט זיך אָן די שענדלעכע פּוסטעפּאָסנע טעג באַם אָמור, די שיקרעס־אָוונטן באַ פאַקן אין סאַראַי, די פּערזן וואָס גרישאַ איסאַקאָוו האָט פונעם פּעסל אַראָפּגעשריגן, ווי ער איז צעמישט געוואָרן און איז גרייט געווען בליַיבן, און דאָס פאָרזיכטיקע קאָל פון דער פינצטער: „סערגיי, ניט גיין אָף דער קלאַטקע. אַ שיפל איז דאָ... מירן פאַרגיין אָף אַרום... און אַוועק...” — און דאָס פּאַטשן פון די וועסלעס, און דעם איַינגעהויקערטן קאָרעער באַם רודער, און זיַין שאָכן מיט די כוצפּעדיקע זיך איַינקוקנדיקע אויגן און אַראָפּהענגענדיקע ליפּן, וואָס האָט מיט די וועסלעס גערודערט.

— פון איין טיַיוולשן לאָך לאַנדסליַיט, — שטייט צו דער באָכער — און דו ווילסט ניט דערקענען. אָדער דו ביסט דעמאָלט אַזוי אין קאַס געוואָרן, אַז דו האָסט דיך נאָך ביז היַינט ניט געשטילט? מיר זיַינען כאַוויירים געווען.

— זאָל זיַין אַזוי — מרוקעט סערגיי און גייט אַוועק.

ער באַמיט זיך מער זיך ניט צו טרעפן מיט דעם אומאָנגענעמען באַקאַנטן, און עס פרייט אים וואָס מען האָט דעם באָכער באַשטימט אין אַן אַנדער בריגאַדע. נאָר דער באָכער הערט ניט אויף קוקן, ווינקען, וויל צוקומען, און אין אָוונט זעצט ער זיך מיטאַמאָל צו צו סערגייען.

— צי דו ווילסט ניט דאָס אַלטע לעבן דערמאָנען? וואָס דרייסטו מיט דער נאָז? אַזוי לאַנג דו האָסט דיך געניייטיקט, האָסטו מיך גערופן ניקאָלקאַ, און אַז די נויט איז אַוועק, ווילסטו מיך ניט דערקענען? און איך האָב זיך דערפרייט — דאָך אַן אייגן האַרץ אָנגעטראָפן...

— מײַן האַרץ איז דיר ניט קיין אייגנס, — איז סערגיי אין קאָס — עס איבלט אַפילע צו דערמאָנען. האָסט מיך פאַרנאַרט, פון וועג אַראָפגעשלאָגן. ביז הײַנט נאָך שעם איך מיך.

— וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?

סערגיי ווייס ניט, צי זאָל ער אַוועקגיין אָדער נעמען אים אויפקלערן. נאָר דער ניקאָלקאַ איז אַ קלעפיקער, וועסט זיך פון אים ניט אָפטשעפען. ער וועט נעמען פירן רעכילעסן — איז נאָך ערגער. שוין גלײַכער זיך דורכשמועסן. עס קען ניט זײַן ער זאָל ניט פילן כאָטש עפעס בושע פאַר זײַן באַגיין זיך.

— איך בין אויס מענטש זינט דעמאָלט, — זאָגט סערגיי — דו ביסט דאָך אויך אַ קאָמיוגיסט געווען, דאַרפסטו פאַרשטיין. איך קען מיר קיין אָרט ניט געפינען... איך בין געווען אַפן סאַכאַלין, אין וולאַדיוואָסטאָק, אין אירקוטסק, אין יאַראָסלאַוול... אַ כוידעש אין דער היים פאַרבראַכט... דערנאָך אין אָריאָל... דאָ שוין דעם דריטן כוידעש... אומעטום איז אַ לעבן. מענטשן אַרבעטן, אין קאָוועד. דער פאָטער — אַ העלד פון אַרבעט. אומעטום דערגרייכונגען. און איך וואָס? עפעס אַ רענעגאַט! קוקסט אַרום זיך — פרייט דאָס האַרץ, און גיסט אַ קוק אַף זיך — נעמט ווײ טאָן.

— פון וואָס טוט דיר וויי? — און קוקט זיך אײַן מיט כויזעק אין סערגייען.

— וואָס־זשע, דו האָסט אינגאַנצן דעם געוויסן פאַרלוירן? — וווּנדערט זיך סערגיי — מיר זײַנען דאָך דעזערטירן. דעזערטירן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. מיר זײַנען אַנטלאָפן באַנאַכט ווי די גאַנאָווים... מיר האָבן אונדזערע קאָמיוגישע בילעטן פאַרשיקערט... ניט שוין־זשע טוט דיר ניט באַנג?

— זאָל ער זיך גיין צום... — רופט זיך פלעגמאַטיש אָן דער באָכער.

סערגייען ווערט קלאָר, אַז ס׳איז אומזיסט דאָס שמועסן, דאָס אײַנריידן און דאָס האַרץ אויפדעקן. נאָר ער קען זיך ניט אָפשטעלן. ער רעדט צו זיך אַליין צום ערשטן מאָל פאַר די אַלע כאַדאָשים וואָגלעניש, און דער דעזערטיר ניקאָלקאַ איז דער אייגציקער מיטשמועסער, וואָס סערגיי דערוועגט זיך אים צו זאָגן דעם עמעס. צי ער וועט פאַרשטיין אָדער ניט, איז ניט וויכטיק. ער דערציילט ניקאָלקאַן די לעגענדע וועגן אַהאַסווערן, דעם אייביקן וואַנדערער, דעם טרעגער פון דער שרעקלעכער קלאָלע, און פאַרגלײַכט זיך מיט אַהאַסווערן.

— אַ נאַר ביסטו, ווי איך זע! — גענעצט ניקאָלקאַ — פון וואָס איז זיך דאָ צו פּײַניקן? — איבער דעם טײַוולשן לאָך! אַן אומגליק האָט אים געטראָפן — האָט זיך פון דער בלאָטע אַרויסגעראַטעוועט. דו האָסט דעמאָלט עפשער די קלוגסטע זאַך געטאָן אַף דײַן לעבן, און דו כניקעסט.

— קאַנאַליע! — ווערט סערגיי בלייך — איך האָב אויך דעמאָלט פאַרשטאַנען: אַ קולאַק ביסטו, אַ באַלגופּישע נעשאָמע. שלאָנג דו קריכנדיקע. מען רעדט מיט דיר ווי מיט אַ מענטשן...

— וואָס קער זיך דאָ אָן באַלגופּישע נעשאָמע? — צעהיצט זיך ניקאָלקאַ און ווערט אויך בלייך — ווער ביסטו אַזוינער, וואָס דו שטאָלצירסט אַקעגן מיר? ביידע זײַנען מיר מיט איין זאַלב געשמירט.

— דו לײַגסט! — צעשרײַט זיך סערגיי — לײַגסט, דו באַלגופּישע געזע! איך בין אַן אַרבעטער, און כ׳וויל מיט דיר איין לופט ניט אָטעמען, איך בין אַ יערושעדיקער פּראָלעטאַריער, אַ מאַשיניסט, זאָלסט זיך ניט דערוועגן מיט מיר זיך צו גלײַכן!

— מען זעט דאָך, ביסט אַ מאַשיניסט, גראָבסט ערד!

זיי האָבן זיך געכאַפּט שלאָגן, מען האָט זיי פונאַנדערגענומען און אָפּגעפירט צו זיך אין די באַראַקן. און אויפן צווייטן טאָג איז סערגיי אָן די סבירעס אַוועק.

ס׳איז הייס און שטיל. סערגיי שפּאַנט איבערן שטויביקן וועג און ער טראַכט זיך, אַז ניקאָלקאַ איז גערעכט, אַז שטאָלצירן האָט ער ניט מיט וואָס, אַז ער איז מיט קיין זאַך ניט בעסער פון דעם באַלגופּישן אָפּשניצל, וואָס שלעפּט זיך אום איבערן לאַנד אַן אַ זיך, אָן אַן אינטערעס, אַבי פאַרדינען אויף אויסצוטרינקען און די צײַט אָפּשטופּן... און וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס אים ציט דאָס האַרץ צו עכטן אינטערעסאַנטן לעבן? ער קען זיך ניט אַרויספּלאָנטערן... אַ נאַר איז ער! ער האָט מוירע צוריקצוגיין אין דער נײַער שטאָט, ווו קאָסימאָוו איז, ער האָט מוירע פאַר כויזעק און שאַנד... נאַר וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַקעגן די לײַדן וואָס ער טראָגט איבער פון דעמאָלט אָן!

אויפן ערשטן נאַכטלעגער נעמט ער שרײַבן אַ לאַנגן פאַרצווייפלטן בריוו, כאָטש ער ווייס נאָך ניט ריכטיק צו וועמען ער שרײַבט. נאָר אויפן סאָף כאַפּן זיך בײַ אים אַרויס פון אונטערן בלײַער די ניט ווילנדיקע ווערטער: „שרײַב מיר, אַז דו ווייסט מיך אונטערהאַלטן, וועל איך מאָרגן אַרויספאָרן אויפן סאַכאַלין”. און ערשט דעמאָלט כאַפּט ער זיך, אַז די גאַנצע צײַט האָט ער זיך דורכגערעדט מיט האַלטשאַנאַקן. ער האָט זיך אויף גאָרניט געריכט. — דאָס איז געווען אַ געשריי, דורך איר געווענדט צו דער גאַנצער וועלט וואָס ער האָט ליב און ער האָט זיך פון איר אָפּגעריסן.

דעם בריוו שיקט ער אַוועק מיט אַן אַדרעס אויף צוריק: יאַראָסלאַוול, פּאָסט־רעסטאַנט. פאַרוואָס עפּעס יאַראָסלאַוול? מיסטאָמע דערפאַר וואָס דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ער איז דאָ געווען מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק און האָט צײַטווײַליק דאָ געאַרבעט. ער האָט געוווינט אין אַ באַראַק מיט סעזאָן־אַרבעטער. דאָ האָט ער געגומען טרינקען און איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ מויד וואָס האָט שפּאַצירט מיט אַלע האָכעריס פונעם באַראַק. אומגעריכט האָט זי זיך אין אים אײַנגעליבט מיט אַ געטרײַער מיטלײַדנדיקער ליבע. סערגיי האָט זיך גערן פאַרפּלאָנטערט מיט איר אויף צו שטילן זײַן פּײַן, נאָר פונקט דעמאָלט ווען זי האָט אים ליב באַקומען, איז פאַר אים אויסגעוואַקסן די געשטאַלט פון האַלטשאַנאַקן — אַ ריינע, שטרענגע געשטאַלט, אַ ניט צוטריטלעכע מיט איר שטרענגקייט. סערגיי האָט די מויד אַרויסגעטריבן און באַליידיקט, צוויי וואָכן איז ער אומגעגאַנגען און האָט ניט געוווּסט אויף וואָסער וועלט ער איז און

איינמאָל האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן צו האַלטשאָנאָקן אַ פֿיבערדיקן בריוו, אַ ווידע־בריוו, און ער האָט אים אָפּן אָרט צעריסן.

און איצט טראָגט זיך שוין דער נײַער בריוו אינעם פּאָסט־וואַגאָן איבער אומענדלעכע וועגן, און סערגיי פֿאַלט ווידער אַרײַן אין אַ צושטאַנד פֿון האָפֿענונגסלאָזן פּײַן און פֿאַראַכטונג צו זיך אַליין. די באַגעגעניש מיט ניקאָלקאַן האָט נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט זײַן פּײַן. ער קען מער ניט לעבן מיט אַזאַ טאָפּלטן לעבן. אָדער גיין אינאיינעם מיט ניקאָלקאַן, צום איבעריקן פֿאַלן... אָדער אַרויסרײַסן זיך, זיך מוידע זײַן, זיך אויסלײַטערן. ער וואַרט אַף אַן ענטפֿער פֿון האַלטשאָנאָקן, ווי פֿון אַ פֿרײַנטלעכער האַנט, וואָס וועט אים אַרויסציִען פֿון דעם געגעם. נאָר די צײַט, די וואָרטשעגדיקע זקיינע אַף דער פּאָסט, אַז זי דערזעט סערגייען, גיט זי אַ מאַך ווי געוויינלעך מיט דער האַנט: „ניטאָ!" — און זײַן אַנטשלאָסענער שריט בלײַבט אַ ניט געמאַכטער.

און, ווי אַן אויסלייזונג, איז אונטערגעקומען די צײַט פֿונעם פּריזיוו. סערגיי האָט מוירע מען זאָל אים ניט אויסבראַקירן צוליבן געזונט, נאָר מען נעמט אים אָן. ער בעט זיך אין פֿלאָט, קעדיי אַוועקצוגיין אַף פֿיר יאָר, נאָר ווי אַ בויער און אַ מאַשיניסט שיקט מען אים אין אַ ספּעציעלער מיליטערישער טייל. אַף צוויי יאָר. דאָס איז ערגער ווי פֿיר, דאָך זייער גוט.

אינעם קאַראַנטין, וואַרפֿט זיך סערגיי אונטער מיט פֿאַרגעניגן דער דיסציפּלין, דער אָנפֿירונג, דער פֿעסטער פֿונאַנדערטיילונג פֿונעם לעבן. עס פֿרייט אים וואָס מען קען דאָ קיין בראָנפֿן ניט טרינקען, וואָס מען לאָזט אין שטאָט ניט גיין, וואָס מען מוז אויספֿאָלגן דעם באַפֿעל. ער לערנט זיך גערן, ער פֿאַרשרײַבט זיך אין אַלע קרײַזן, ער שרײַבט אַרטיקלען פֿאַר דער וואַנט־צײַטונג. שנעל ווערט ער היימיש, לעבט זיך אײַן מיט כאַוויירים, עס ווערט אים פֿריילעך און גרינג ווי נאָר זײַן — ביז איצט זיגזאָגע — עקזיסטענץ גייט אַרײַן אינעם שטראָם פֿון געמיינשאַפֿטלעכן געזונטן און טעטיקן רויט־אַרמייִשן לעבן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען די טייל אויפֿגעלאָדן אַף וואַגאָנען און אָפּגעשיקט מיט דעם סיבירער וועג אַף מיזרעך.

אינעם עשעלאָן גייט אָן דאָס געוויינלעכע טעטיקע אונטערריכט־לעבן. מען לערנט אויס די ביקס, די מיליטערישע אָרדענונגס־קלאָלים, מען איז פֿאַרנומען אין די פּאָליטישע קרײַזלעך, מען אָרדנט אײַן אָוונטן מיט אייגענע קויכעס. אין יעדן וואַגאָן גייט אַרויס אַן „איליטשעווקאָ" (אַ טעגלעך וואַנטבלעטל), און מען באַשטימט סערגייען פֿאַר רעדאַקטאָר. די וואַנט־צײַטונג פֿאַרשאַפֿט אַ סאַך זאָרג — ס'איז אַן ערן־כויוו זי אַרויסצולאָזן יעדן פֿרימאָרגן, נאָר שרײַבן און צייכענען קען מען נאָר אַף די באַן־סטאַנציעס. סערגיי לייגט זיך שלאָפֿן אַזאַ־ײַנגעדרייטער פֿאַרן גרויסן בויגן פּאַפּיר און בעט דעם דעזשורנע ער זאָל אים אויפֿוועקן אַף די אָפּשטעלן. טיילמאָל זײַנען פֿאַראַן געלונגענע נעכט, ווען דער צוג שטייט לאַנג, נאָר עס טרעפֿט אויך אַז סערגיי באַוויזט נאָר אויפֿצושרײַבן עטלעכע שורעס. ווי דאָס איז, קומט די צײַטונג אַרויס איגדערפֿרי אַ פֿאַרטיקע, און סערגיי פֿילט דאָס עמעסע גליק, ווען די רויטאַרמייער דרענגען זיך פֿאַר דעם העל צעמאַליעוועטן בויגן פּאַפּיר און לאַכן און ווערטלען זיך. פֿון די כאַוויירים טיילט סערגיי באַזונדער אויס דעם קליינינקן און פֿריילעכן ציבאַסאָוו, וואָס דערמאָנט אים סיאָמאַ אַלטשולערן, מיט זײַן באַוועגעכקייט און געניגטקייט צו כקירעס, און מען רופֿט אים ציבולקאַ. ציבולקאַ העלפֿט סערגייען באַמאָלן די וואַנט־צײַטונג און פֿאַרטרײַבט

אים דעם שלאָף מיט זײַן באַריידעוודיקייט. אים ציט צו אויך לי כאַ, אַ פריילעכער כינעזער וואָס איז אויפגעוואַקסן אין רוסלאַנד, בײַ מורמאַנסק, און איז באַרימט אינעם עשעלאָן אַלס דער בעסטער שנײַדער. סערגיי לערנט לי כאָען לייענען און שרײַבן.

דער עשעלאָן גייט אַף מיזרעך, נאָר דאָס אָרט וווּהין ער איז באַשטימט ווייס קיינער ניט. מען רעדט פאַרשיידן, אַ סאַך טרוימען וועגן דעם ווײַטן מיזרעך, נאָר די מערסטע זײַנען געניגט צו דענקען, אַז מען פירט זיי קיין אירקוטסק. סערגיי איז אומרויִקער פון אַלעמען, און יעדן טאָג רײַסט ער זיך ריידן מיט דעם קאָמיסאַר און ער דערוועגט זיך ניט.

מען איז דורכגעפאָרן אירקוטסק, אַרומגעפאָרן די בײַקאַל־אָזערע, געמיטן טשיטאַ. די געשפּרעכן וועגן דעם ווײַטן מיזרעך ווערן באַשטימטער. און איין מאָל קומט אַרײַן אין וואַגאָן דער קאָמיסאַר פונעם באַטאַליאָן, קלײַבט צונויף די זעלנער און מעלדעט זיי, אַז זיי פאָרן אין דער נײַער שטאָט אַפן אַמור, וואָס איז פאַרלייגט געוואָרן מיט צוויי יאָר צוריק דורך די קאָמיוגיסטן, אַז פון כאַבאַראָווסק ביז צום אָרט וועלן זיי דורכמאַרשירן צופוס, און אַלע מוזן גרייט זײַן צו דעם שטרענגן ווינטערדיקן דורכמאַרש פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, צוגרייטן דאָס אָנטאָן און די שטיוול, זיי זאָלן ניט רײַבן, ניט קוועטשן, ניט שטערן צום גיין. אַלע זײַנען פאַראינטערעסירט, זיי פאַרשיטן דעם קאָמיסאַר מיט פראַגן, נאָר דער קאָמיסאַר ווייס קיין זאַך ניט ריכטיק.

דעמאָלט רופט זיך אַרויס סערגיי און גלייבט זיך אַליין ניט ווי גרינג און פריילעך ער זאָגט דאָס, אַז ער קען די נײַע שטאָט און ער קען דערציילן. מען שטעלט זיך טייקעף אַרום אַרום אים, מען דריקט אים צו, און סערגיי דערקלערט זיי פריידיק, אַז אין דער נײַער שטאָט וועלן זיי זיך פילן אויסגעצייכנט, אַ געזונטער קלימאַט און אַ וווּנדערלעכע בויונג, אַ געקליבענער עולם, אַ קאָמיוגיסטישער, אַז אים פרייט זייער ווידער אַהין אָנצוקומען.

סערגייען שלעפּט מען פון וואַגאָן צו וואַגאָן, אומעטום מוז ער דערציילן. ער האָט אָפּגערעדט דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט געפינט ער אויס דעם קאָמיסאַר פונעם באַטאַליאָן און ציט זיך אויס פאַר אים מיט פאַרגעניגן אין פראָנט, און מיט אַ נײַעם מיליטערישן קאָל זאָגט ער אים:

— כאַווער קאָמיסאַר, איך בעט דערלויבעניש צו ריידן וועגן אַ פערזענלעכן איניען.

— זיצט, — זאָגט אים דער קאָמיסאַר און פאַרמאַכט דעם קופּע.

ער קוקט פרײַנטלעך אַף סערגייען, וועלכן ער קען שוין פאַר אַן אַקטיוון און באַוווּסטזיניקן, גוט גראַמאָטנעם זעלנער.

און דאָס וואָס אים האָט זיך געדוכט פאַר אוממעגלעך, וואָס אים איז געווען אומדערטרעגלעך שווער צו זאָגן דעם פאָטער, סווירידאָוון, האַלטשאַנאָקן, די כאַווײרים, ווײַזט זיך מיטאַמאָל אַרויס פאַר זייער פּאָשעט.

סערגיי דערציילט, גאָרניט אויסבאַהאַלטנדיק, וועגן זײַן דעזערטירן, וועגן זײַן וואָגלען איבערן לאַנד, וועגן דעם אָרקעסטער אַפן וואָקזאַל, וועגן האַלטשאַנאָקן, גרוניאַן, וועגן דאָראָנינען און סווירידאָוון. ער פאַרהאַקט זיך און ווערט רויט, ווען ער נעמט דערציילן וועגן ניקאָלקאַן, נאָר דער קאָמיסאַר זאָגט אים:

— שעם זיך ניט, לייג אַרויס אַלץ, ביזן סאָף, ס'זאָל גאָרנישט ניט בלײַבן.

די ניט־אָפיציעלע ווענדונג אַף „דו" און דער ווייכער פאַרשנדיקער בליק פונעם קאָמיסאַר, מונטערן אויף סערגייען. ער לייגט אַרויס אַלץ. פיזיש פילט ער אַ נײַע לײַכטקייט אַפן לײַב, ווי שווער עס איז געווען די מאַסע, אַזוי גרינג איז אים איצט.

— און איך בעט, כאַווער קאָמיסאַר, די שווערסטע, די אוממעגלעכסטע אויפגאַבן...

דער קאָמיסאַר שאָקלט צו אַ פאַרטראַכטער.

— אַזוי וועל איך טאָן. און דו וועסט קיין מוירע ניט האָבן אויסצודערציילן די כאַווײרים דײַן פאַרברעך?

סערגיי ווערט בלייך און זאָגט:

— כ'וועל ניט מוירע האָבן.

— גוט. דערווײַל דאַרף מען ניט. מירן דיך אויספּרוּוון; פּרוּוון גרויסע שטייען פאַר אַלעמען. דערנאָך וועלן מיר זען. נאָר איך ראָט דיך: שרײַב דאָס אַלץ אָן דעם פאָטער. ער וועט דיך ניט אויפהערן ליב האָבן, נאָר אַז אַ סאָף מאַכן צום ליגן, איז מיטאַמאָל, מיט איין קלאַפּ. ריכטיק?

— ריכטיק, כאַווער קאָמיסאַר.

סערגיי איז שוין אַרויסגעגאַנגען, ווען דער קאָמיסאַר רופט אים צוריק אַרײַן.

— אָט וואָס... ווען איר וועט אָנשרײַבן, קומט אַרײַן מיט דעם בריוו צו מיר. אײַער אַלטער איז אַ גוטער מענטש. ס'וועט אים צערודערן. איך וועל אים פון מיר צושרײַבן עטלעכע ווערטער.

II

אין כאַבאַראָווסק האָט מען אָפּגערוט דרײַ טעג. נאָר וואָס מיר אָפּרו! דער מאַרש וואָס שטייט זיי פאָר, לאָזט ניט רוען. לי כאָ אַרבעט פון אינדערפרי ביז באַנאַכט, ער פאַסט יעדן צו דאָס העמדל, דעם שינעל, אַלע זעלנער ווערן שנײַדער־געזעלן. דעם צווייטן טאָג גייט אַרויס דער באַטאַליאָן אַף אַ פּרוּוו־מאַרש פון עטלעכע קילאָמעטער. מען גייט לעבעדיק, מיט געזאַנג, קיינער איז ניט פאַרמאַטערט. דער מאַרש איז גאָרניט. ניט גוט איז וואָס דער צוזאַמענשטעל איז אַ יונגער, אַ ניט צוגעוווינטער, — זאָגן די קאָמאַנדירן. די זעלנער פאַרדריסט עס: זיי דוכט זיך, אַז זיי זײַנען שוין „אַרײַנגעצויגן" אינעם מאַרש. אַגעוו, איז זיי אַלעמען אַ ביסל אומהיימלעך.

ערעוו דעם אַרויסגיין גיט מען אַרויס פעלצלעך, פוישטן, וואַרעמע אויערןלאַפּן, העלמען, הענטשקעס. די קאָמאַנדירן לערנען די זעלנער ווי אײַנצוּוויקלען די שינעלן, ווי שפאָרזאַם אײַנצולייגן די רוק־זעק. גאַנץ פרי נעמט מען זיך קלײַבן אין וועג.

סערגיי איז אין אַ געהויבענער פריילעכער שטימונג. „מירן דיך אויספּרוּוון", — אַזוי האָט געזאָגט דער קאָמיסאַר. „ביטע, וועלכן עס איז פּרוּוו. איר וועט זען איך וועל מיך ניט איבערשרעקן, וואָס עס זאָל ניט געשען".

ער וויקלט טיכטיק אײַן די פיס מיט האָניטשעס און גייט זיך דורך אין די פוישטן אַף צו זען צי ערגעץ רײַבט אים ניט אָדער קוועטשט ניט; ער טוט אָן דאָס לאַפּנמיצל און דעם העלם; ער טוט אָן דאָס פעלצל און פאַרציט עס פעסט מיט דעם רימען; ער בינדט צו דעם רוק־זאַק צו דער פלייצע אַזוי עס זאָל ניט אַרומפאָרן צווישן בײדע אַקסלען; ער טוט אָן דעם צונויפגע־

ווינקלטן שינעל; ער וואַרפט אַרויף די ביקס אַפן רוקן — אַלץ איז געמאַכט געוויסנהאַפטיק. ער באַקוקט זיך — דער עמעסער הענגער! ער קוקט זיך אום אַף די כאַווייריִם — די עמעסע סטראַשידלעס! די זעלנער שפּאַסן, קרעכצן, טייל זיצן פאַרטראַכטע... „אַ ניט צוגעוווינטע קערפּערשאַפט"... און אַז דו ווערסט זיך צוגעווינען, ווערסטו טאַקע ניט פילן די שווערקייט און עס איז ניט שרעקלעך?

— היט זיך, ציבולקאַ, — שרייַט סערגיי, קעדיי זיך אַליין און די כאַווייריִם אונטערצוגעבן מוט — עס וועט דיך אַריבערוועגן, ווערסטו פאַלן אַף צוריק!

— דו היט זיך אַליין, — ענטפערט ציבולקאַ — איך בין אַ קלײנער, נאָר אַ שטאַרקער.

דער באַטאַליאָן שטעלט זיך אויס אין הויף. די זעלנער באַמיִען זיך אויסצוזען העלדיש, נאָר די רוקנס בייגן זיך פון זיך. דער קאָמאַנדיר האַלט אַ קורצע רעדע, ער פאָדערט אויף צו באַרעכטיקן דעם נאָמען קעמפער פון דער רויטער אַרמיי... ער גיט נאָכאַמאָל „אָנווייַזונגען ווי־אַזוי צו גיין קעדיי איַינצושפּאָרן קויכעס, ווי זיך אייַנצוהיטן פון אָפּפרירן זיך, ווי זיך צו האַלטן אַף די נאַכטלעגערס אין די דערפער. דער קאָמיסאַר נעמט דערציילן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. ער קען ריידן אַזוי אַז יעדע פּאָליטישע פראַגע זאָל באַקומען אַן אַקטועלע באַדייַטונג. סערגיי וווּנדערט זיך צוערשט — צו וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע איניאָנים, ווען אַלע ווילן גיין, ווען ס'איז שווער און קאַלט? נאָר דאָס וואָס דער קאָמיסאַר זאָגט, ווייַזט זיך אַרויס איז דאָס וויכטיקסטע און דאָס נייטיקסטע, וואָרעם סערגייען און אַלע קעמפער באַגייַסטערט דער געדאַנק אַז דער מאַרש וואָס שטייט זיי פאָר, איז אַן ערד־זאַך און עס גייט אינעם רום פון דער רויטער אַרמיי, עס גייט אין פאַרפעסטיקן די שוץ־פעיִקייט פונעם פאָטערלאַנד.

ער רעדט וועגן סטאַלינען:

— דער כאַווער סטאַלין ווייס וועגן אונדזער מאַרש און דערוואַרט פון אונדז אַ רויטאַרמייִשע, באָלשעוויסטישע אויספירונג „אַף אויסגעצייכנט". כאַווייריִם רויטאַרמייער, לאָמיר נעמען אַף אונדז אַ כויוו — ווי אַ מאַטאָנע דעם כאַווער סטאַלין דורכמאַכן דעם מאַרש אינעם אָנגעוויזענעם טערמין אַן איין אָפּגעשטאַנענעם!

— אָט דאָס איז אַ לאָזונג! — טראַכט זיך סערגיי — מיט אַזאַ לאָזונג איז לייַכטער צו גיין, און ווערסטו ניט אויספירן, ווערסטו פאַר בושע די אויגן ניט קענען אויפהייבן. אַ מאַטאָנע סטאַלינען... און מיט אַן עמעס, וואָס קען זייַן פאַר אים אָנגענעמער ווי בײַשפּילפולע אַרבעט, העלדישע מאַרשן, רומפולע מײַסים?..."

ער דערמאָנט זיך דעם קוטשעריאַוון אינסטרוקטאָר אינעם גיליאַקישן קאָלכאָז, וואָס קען אַפילע אין סאַכאַלין זיך דורכשמועסן מיט סטאַלינען: „זעט, יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש, דאָ בויען מיר אַ שפּיטאָל. און אָט די פרוי האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און וויל זיך לערנען...". „זעט, טייַערער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש, איך, דער קעמפער סערגיי גאָליצין, גיי אַרויס אַף אַ מאַרש. איך בין שולדיק, נאָר איך וועל באַווייַזן אויסצוהאַלטן דעם פרווו, איך בין שוין אַן אַנדערער, איך האָס דעם פריִערדיקן גאָליצין..."

דער באַטאַליאָן גייט אַרויס אַפן וועג. יעדערער פאַר זיך איז בעריש און קאָמיש, נאָר ווען זיי רירן זיך אַלע צוזאַמען, אין רייען, מיט געמיינזאַמען

שפּאַן, פֿאַרשווינדט דער אײַנדרוק פֿון בערישקייט. סערגײ זעט ווי שטרענג און מאַיעסטעטיש עס איז דער ספּעקטאַקל, די פֿאַרקערפּערונג פֿון אומבויגזאַמען שלאַכט־קויער, וואָס איז גרויזאַם פֿאַרן סוינע. ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ (אײן־צוויי). מיטן וועג, בײַ די זײַטן, פֿון הינטן, נאָכן באַטאַליאָן — סקי־לויפֿער, ייִנגלעך. זיי באַגלייטן אַרויס, פֿאָכען מיט די הענט, שמייכלען פֿרײַנטלעך צו די זעלנער.

ביסלעכווײַז נעמען זיי אָפּשטיין, נאָר צוויי מיידלעך אין בלוע פּופּײַקעס (סוועטערס) לויפֿן נאָך לאַנג בײַ דער זײַט, בלײַבן שטיין צופֿוסנס אַ בערגל, כאַפּן אַראָפּ די היטעלעך און פֿאָכען מיט זיי איבערן קאָפּ און שרײַען צו די זעלנער:

— אַ גליקלעכע רײַזע!

זייערע פּענעמער זײַנען העל־ראָזעווע פֿונעם פֿראָסט, דער ווינט רײַסט זייערע קורצע האָר. איבגיכן זיך צו זען, מיידלעך, אַ דאַנק! איר קענט אײַך שפּיגלען אין אונדזער העלדישן שטעל, אין אונדזערע פֿריילעכע פּענעמער.

די מיידלעך בלײַבן פֿון הינטן. דער וועג איז פּוסט. דער שניי בלענדט די אויגן. דער פֿראָסט צופּט די נאָז און די באַקן, אין פּאָנעם קוקט אַרײַן די ניט וואַרעמענדיקע, נאָר פֿריילעכע ווינטערדיקע זון.

— מיט אַזאַ וועטער וועלן מיר אין שפּאַס צוקומען — זאָגט מען אין די רייען.

מען זעט שוין ניט אָן די שטאָט. סאָפּקעס, שניי, געשלענגלטער וועג. דער שניי סקריפּעט אונטער די פֿוישטן, עס סקריפּען די רוק־זעק וואָס רײַבן זיך אין די רימענעס... סקריפּ־סקריפּ... סקריפּ־סקריפּ... ראַז־דוואַ... ראַז־דוואַ... אינטערעסאַנט, וויפֿל וועלן מיר הײַנט דורכגיין? ווען מען זיך אָפּשטעלן אַף אָפּרו? עס וואָלט גוט געווען אַן אָפּשטעל!

מען איז אַוואַדע אָפּגעגאַנגען אַ קילאָמעטער אָדער אָנדערהאַלבן, ניט מער. און סערגײ דערפֿילט מיטאַמאָל, אַז עס איז זיך גאָרניט צו גלייבן ווי פֿאַרמאַטערט ער איז פֿון דער אַמוניציע וואָס ער טראָגט אַף זיך, פֿון גיין אַפֿן שנייִקן וועג, פֿון שוויצן. ער איז אינגאַנצן נאַס פֿון אָנשטרענג, דער שווייס רינט אים פֿון אונטערן לאַפּנמיצל. וואָס־זשע הייסט עס? ס'איז דאָך ערשט דער אָנהייב וועג. וועסט אָפּשטיין, וועט זײַן אַ כאַרפּע דעם גאַנצן באַטאַליאָן, און זיך אַליין, איז שוין גלײַכער שטאַרבן אַפֿן אָרט. ער קוקט זיך דערשראָקן אום אַף די כאַווײרים, אַף קאַליאַ וואַרדין, וואָס גייט לעבן אים, און ער לייענט אַף אַלעמענס פּענעמער די זעלביקע אָנגעשטרענגטקייט.

— נו, וואָס, קאַלקאַ? זיך אײַנגעמידט?

— ניין — ענטפֿערט קורץ, צווישן די ציין, וואַרדין.

ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ. נאָך אַ טראָט, נאָך אַ טראָט. כ'וועל פּרוּוון ציילן די טריט, דאָך אַ ביסל זיך צעשטרײַען. צוויי, דרײַ, צען, צוואַנציק... אַכט און צוואַנציק. און די פֿיס רירן זיך ניט, יעדער טראָט איז אַן אָנשטרענג פֿונעם גאַנצן לײַב... און ער וועט זיך טייקעף אָפּשטעלן אָדער אומפֿאַלן, וועט פֿאַרשעמען די גאַנצע קאָלאָנע... ניין, דאָס וועט ניט זײַן. נײַן און צוואַנציק, דרײַסיק, איין און דרײַסיק...

ער גיט אַ קוק אַפֿן קאָמאַנדיר און אַפֿן קאָמיסאַר — זיי גייען פֿאָרויס דעם באַטאַליאָן. דער קאָמיסאַר הינקט אַ ביסעלע אונטער, קוים צו מערקן. פֿון וואָס הינקט ער? אַן אַלטע וווּנד? רעוומאַטיזם? אינטערעסאַנט ווי פֿילט זיך ציבולקאַ. סערגײ קוקט זיך אום, ער וויל געפֿינען צווישן די רייען

דעם קלייניקן גוטן ברודער, און ניט ווילנדיק האַלט ער אײַן דעם טראָט. ער כאַפּט זיך טייקעף, אַז ער קען ברעכן די קאַלאָנע, נאָר די קאָלאָנע ברעכט זיך ניט, דערפאַר וואָס אַלע האַלטן אײַן מיטאַמאָל דעם טראָט — אָן אַ באַפעל, ניט צוזאַמענגערעדטערהייט — די אַלגעמיינע באַדערפעניש איז אַזוי גרויס, אַז איינער נאָר האָט זיך גענדאַרפט פאַרהאַלטן, אַז אַלע זאָלן אַריבער אַף אַ לאַנגזאַמערן טאַקט.

— מונטערער! מונטערער! — שרײַט דער קאָמאַנדיר אַן אויסגעדרייטער מיטן פּאַנעם צום באַטאַליאָן און מיט די פּיס שפּאַנענדיק אַף היגטן — מונטערער, כאַווײרים! נאָך דרײַ קילאָמעטער טראָגט איבער — ווערט גרינגער ווערן.

און זיי גייען — צוויי קילאָמעטער, דרײַ... דער לאַנג־דערוואַרטער אָפּשטעל. אַלע וואַרפן זיך אַפן שניי, מען לייגט זיך אַפן רוקן, קעדיי כאָטש עפּעס אָפּצורוען פון דעם שווערן זאַק און פון דער ביקס.

— אַ נו, יאַטן, אַ ליד! — זעצט זיך צו דער קאָמיסאַר — ווען מיר זיך טאַקע דערלויבן צעווייקט צו ווערן?

זינגען ווילט זיך ניט בעשום אויפן. נאָר ציבולקאַ, נאָך קלענער אונטערן זאַק מיט דעם פאַרוויקלטן שינעל, שפּרינגט אַרויס אַפּרינער, און מיט אַ ווייבערירנדיקן טענאָרל נעמט ער זינגען אַ מאַרש־ליד. זײַן רויט געוואָרן פּאָנעם, מיט גרויסע טראָפּנס שווייס, שפּילט מיט אַלע מוסקולן צום טאַקט פונעם ליד, און ניט אונטערהאַלטן אים, וואָלט געווען אַ ביזאָיען.

אָפּגעזונגען דאָס ליד. די רייכערער פאַרדרייכערן. איצט וואָלט מען באַדאַרפט אַ מינוט אַ דרעמל טאָן... מער ניט, ס'איז קאַלט אַפן שניי... נאָר שוין דערהערט זיך דער באַפעל:

— שטיי אויף!

דאָס לײַב פּראָטעסטירט: וואָס הייסט עס, מען לאָזט אַפילע ניט אָפּרוען! כאָטש נאָך אַ ביסעלע... די ווילנסקראַפט הייבט אויף, און דערפון ווי שווער עס איז זיך אויפצוהייבן, פאַרשטייט סערגיי אַז דער קאָמאַנדיר איז גערעכט: ווען בלײַבן אַן קויכעס ליגנדיק, וועט נאָך ערגער זײַן.

אין מיטן וועג איז דער באַטאַליאָן פרייליכער געוואָרן. די מידקייט איז זיך צעשוומען. מען שפּאַסט, מען לאַכט. מען נעמט זינגען אַ ליד. דערפרייט מיט דער אומדערוואַרטער דערלײַכטערונג, גייט מען דורך אַ קילאָמעטער צען, און דעמאָלט קומט די מידקייט צוריק, און מיט יעדן נײַעם טראָט ווערט זי אַלץ שטאַרקער, אַלץ מאַנענדיקער.

— פרייליכער יאַטן! נאָך אַ ביסל איז אַ דאָרף.

די נאָענטקייט פונעם אָפּרו גיט צו קויכעס. מען גייט ווײַטער, נאָך יעדן אויסבייג, נאָך יעדער סאָפּקע ריכט מען זיך צו דערזען דאָס דאָרף. און צום סאָף — אַן אויסבייג, און נאָך דעם אויסבייג — די ווײַסע ראַכוועס פונעם אַמור, און באַם ברעג דאָס דאָרף, האַלב פאַרשאָטן מיט שניי, מיט היימלעכע רויכלעך פון אַלע קוימענס.

צען מינוט נאָכן מיטאָג שלאָפן שוין אַלע. מען ליגט אָנגעוואָרפן אין די שטיבער, איינער לעבן צווייטן, אין דעמפיקער וואַרעמקייט, יעדערער שנאָרכט מיט דעם גאַנצן קויעך פון זײַנע לונגען. די באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרקליבן אַף זייערע אויוונס און פון דאָרטן קוקן זיי מיט פרײַנטלעכער נײַגעריקייט אַף זייערע געסט: אָט דאָס זײַנען יאַטן! אָט דאָס הייסט געשלאָפן!

...עס באַגינט דער פרימאָרגן פונעם צווייטן טאָג. אויפשטיין איז זייער שווער.

— אַ נו, פרייִלעכער אַ ביסל! — זאָגט דער קאָמאַנדיר — נעמט אין אַכט, אַז דאָס שווערסטע אַף אַ לאַנגן מאַרש איז דער צווייטער קילאָמעטער און דער צווייטער טאָג. דערנאָך וועט גיין ווי געשמירט.

און אַזוי איז עס, דער צווייטער טאָג איז אַ שווערער.

אַפן אָפּשטעל באַפעלט דער קאָמיסאַר:

— קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן — אַהער!

סערגיי מאַכט אַ באַוועגונג פאָרויס, ווערט רויט און ווערט פאַרשטיינערט אַפן אָרט. דער קאָמיסאַר באַמערקט עס, ער שמייכלט ניט, נאָר ער גיט קוים אַ הייב מיט די ברעמען, ווי ער וואָלט זאָגן: „עס מאַכט ניט אויס, לייד צו אַ ביסל, איך געדענק וועגן דיר".

סערגייען ווערט גרינגער אַפן האַרצן פון דעם קאָמיסאַרס צוזאָג אָן ווערטער. און ניט געקוקט אַף דער מידקייט, דערפילט ער אין זיך נאָך ניט אויסגענוצטע פרישע קויכעס און עס טוט אַפילע באַנג וואָס איצט איז אַן אָפּשטעל — ער איז גרייט די מינוט ווייטער צו גיין, מיט שנעלן טראָט, און געגאַנגען וואָלט ער ביז צום סאַמע ציל.

מען נעכטיקט אין אַ גרויסן רוסישן דאָרף. דעם באַטאַליאָן באַגעגנט מען מיט קאָוועד. מיידלעך לויפן זיך צונויף. אין רויטן ווינקעלע נעמט שפּילן אַ האַרמאָניקע. און ווער דערמאָנט זיך גאָר אָן די מאָזאָליעס און אָן דער מידקייט! די זעלנער ציִען אַראָפּ פון זיך די פּוישטן, שלעפּן אַרויס פון די זעק די שטיוול, צעוועקן די פיס. און ס'איז קיין שאָ ניט אַוועק ווי די מידע מענטשן זײַנען אַרײַנגעקומען אין דאָרף, און שוין דרייען זיך פּאָרלעך אין טאַנץ, עס שפּרינגען אַרויס אין אַ קרײַז געוואַגטע טענצער, אין די איבעררײַסן זינגט מען לידער. פליסנדיקע מיידלעך־שטימען גיסן זיך אומזיכער אַרײַן אינעם מענער־כאָר, זיי בעטן די באָכערים וואָס געפעלן זיי, זיי אָפּצושרײַבן צום אָנדענק די ווערטער פון די לידער.

אין דער נאַכט, ווען די באָכערים גרייטן זיך צום מאָרגנדיקן מאַרש, לייגן זיי איבער די זאַכן אין די רוק־זעק אַזוי אַז די שטיוול זאָלן ליגן אויבן־אויף, צו דער האַנט, אַף דעם פאַל פון טענץ.

אַפן דריטן טאָג איז שוין דאָס גיין גרינגער — מען האָט זיך צוגעוווינט. נאָר דער פראָסט איז שטאַרקער, ער לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד פונעם אָפּענעם קאַלטן הימל. אַפן אָפּשטעל האָט מען פון אַ פּראָוויאַנט־פור אַרויסבאַקומען אַ טערמאָמעטער: 36 גראַד. עס פרירן שטאַרק די נעז און די שטערנס. אַלע זײַנען אַף דער וואַך. עס הערן זיך וואָרענונגען: „די נאָז איז ווײַס געוואָרן!". „די באַק רײַב אײַן!" און זעלנער לויפן אַרויס פון די רייען, כאַפּן הויפנס שניי און רײַבן זיך אײַן מיט זיי די פּנעמער ביז רויט. צו די מעטאַלענע טיילן פון דער ביקס איז שרעקלעך זיך צוצורירן — זיי בריִען.

דער פערטער טאָג הייבט זיך אָן מיט אַ פערציקגראַדיקן פראָסט. אָפּשטעלן האָט מען געמאַכט ווייניק, קעדיי ניט פאַרפרירן צו ווערן. און בעיס די קורצע אָפּשטעלן מוז מען אַ ביסל צוטאַנצן אַף איין אָרט, קעדיי זיך אָנצוואַרעמען. דערפאַר האָט אין אָוונט, אַפן נאַכטלעגער, געוואַרט אַף זיי אַ באָד. די פּויערים האָבן גערן געהייצט די בעדער, האָבן פאַרבעטן די זעלנער צו טיי און האָבן געשמועסט מיט זיי. די זעלנער האָבן אָנגעטראָגן וואַ־

סער און האָבן זיך האַנאָעדיק געפּאַרעט. סערגייען און ציבולקאָן האָבן צו זיך פאַרבעטן ווילע מענטשן, וואָס האָבן אין האַרבסט אַרויסבאַגלייט זייער זון אין דער רויטער אַרמיי. זיי פרעגן זיך אויס וועגן דעם לעבן אינעם צענטער, וועגן די זאַוואָדן און קאָלכאָזן. ציבולקאָ דערציילט באַריידעוודיק און מיט אַלע פּראָטים ווי עס אַרבעט אַ מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, ווו ער האָט געאַרבעט ביז צום פּריזיוו, וועגן פאַרשיידענע טיפּן טראַקטאָרן, וועגן די טראַקטאָרן־זאַוואָדן, וואָס בויען זיך. סערגיי שעמט זיך אויסצוניצן מיט דער פּראַקטיק וואָס ער האָט געהאַט בעת זײַנע וואָגלענישן — אַז מען דערציילט קומט אויס ניט ווילנדיק זיך צו באַרימען, און באַרימען זיך איז ניטאָ מיט וואָס. נאָר ריידן ווילט זיך און סערגיי דערציילט איבער און וויקלט אויס דעם קאָמיסאַרס רעדע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. מען הערט זיך אײַן און דער באַלעבאָס שטעלט אים פראַגן, איינע שווערער פון דער צווייטער, און צווישן אַנדערע פרעגט ער וואָס פאַר אַ רעגירונג איז איצט אין רומעניע און ווי גייט עס אין בעסאַראַביע. סערגיי פּרוווט זיך אַרויסדרייען פון אַ קלאָרן ענטפער, נאָר דער באַלעבאָס איז צודרינגלעך. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער האָט איבערגעוואַנדערט פון בעסאַראַביע און זײַנע קרויווים זײַנען דאָרט פאַרבליבן. סערגיי הייבט ניט אָן וויסן וואָס עס קומט פאַר אין רומעניע. ציבולקאָ ווערט רויט און איז זיך מוידע, אַז אויך ער ווייס ניט. נאָר די קעמפער פון דער רויטער אַרמיי איז אַ בושה ניט צו ענטפערן אַף דער פראַגע.

— וואַרט אַ מינוטקעלע, — זאָגט ציבולקאָ — צוליב זיכערקייט וועלן מיר פרעגן דעם קאָמיסאַר.

ביידע גייען זיי איבער די שטיבער זוכן דעם קאָמיסאַר, און ציבולקאָ נעמט פרעגן, בעת סערגיי טרעט אָפ איין אָרט אינעם פאָרהויז. נאָר דער קאָמיסאַר רופט אים אַרײַן.

— פאַרוואָס־זשע פרעגט איר ניט אַליין, נאָר איר שיקט ציבאַסאָוון? קומט איך וועל אײַך אויפקלערן.

אינדערפרי גייען די קאָמאַנדירן איבער די שטיבער פרעגן די פויערים צי האָבן זיי ניט קיין קלאַגעס קעגן די זעלנער, און סערגייען טוט האַנאָע ווען דער באַלעבאָס זאָגט:

— איך וואָלט אַזעלכע בראַווע יאַטן פאַר זין אויפגענומען. וואָסערע קלאַגעס, בלויז דאַנק!

אַזוי גייען דורך די טעג פונעם מאַרש. אַפן זעקסטן טאָג ווערט דער הימל פאַרכמאַרעט, אַ גרויער נעפל פאַרשטעלט דעם הימל, און אין דער וואַרעמער געוואַרענער לופט טראָגן זיך דורך די ערשטע שטראָמען ווינט אַנזאָגער פון שטורעם.

— אַ זאַווערוכע וועט זײַן.

— זאַווערוכע... זאַווערוכע... זאַווערוכע...

די מענטשן ווייסן נאָך ניט וואָס אַזוינס איז אַ ווײַטמיזרעכדיקע זאַווערוכע, נאָר געהערט האָבן זיי פון איר. סערגיי ווייס עפּעס, נאָר ער וויל ניט שרעקן די כאַווײרים. די כאַווײרים זײַנען אַזוי אויך אָנגעשראָקן און קוקן זיך שטיל אײַן אין דעם אָנשווימענדיקן גרויען נעפל. אויך סערגיי קוקט זיך אײַן. ער דערמאָנט זיך ווי אַ זאַווערוכע האָט אים אַמאָל פאַרכאַפּט אַפן לאָקאָמאָטיוו, אין וועג, ווי אַזוי די מאַשין האָט געציטערט אונטער די קלעפּ פון דעם שטורעם־ווינט, ווי די פּראָזשעקטאָרס האָבן זייער שײַן אײַנגעשטאָכן אין

דעם אומדורכדרינגלעכן ווײַסן געקנײַט... צופוס גײן אין אַ זאַווערוכע און זיך ניט פֿאַרלירן, ניט אָפּשטײן, ניט פֿאַלן פֿון די פֿיס — ווער זײ קלעקן קױכעס דערױף?

ער גײט צו צום קאָמיסאַר.

— כאַווער קאָמיסאַר, די זאַווערוכע קען אונדז נאָך פֿאַרכאַפּן אין וועג.

— צי דען וועט די רױטע אַרמײ אָפּטרעטן פֿאַר אַ זאַווערוכע?

— ניט אַקעגן דעם זאָג איך עס, כאַווער קאָמיסאַר. אָפּטרעטן װעלן מיר ניט.

דער קאָמיסאַר קוקט מיט לעבהאַפֿטיקן אינטערעס אַף סערגײען.

— פֿילסט אין זיך קױכעס, אַ? — פֿרעגט ער.

און סערגײ דערפֿילט אין זיך קױכעס. ווער־ווער, נאָר ער וועט ניט אָפּטרעטן.

— גײט צו צו כאַווער פּוטשקאָוו, — זאָגט דער קאָמיסאַר — און זאָגט, אַז איך האָב אײַך געשיקט אײַנשליסן אינעם קאָמיוגישן קרײַז.

פּוטשקאָוו איז דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַטאָר. סערגײ קומט צו און ראַפּאָרטירט מיליטעריש.

— זײער װויל, — זאָגט גוטמוטיק פּוטשקאָוו — אינעם קרײַז זײַנען בײַ אונדז ניט מער ווי: קאָליאַ וואַרדין, ציבולקאָ, סידאָראָוו יאַשאַ, ליפּאָווסקי, וואָסקאָוו און איך. איצט, הײסט עס, וועסטו אויך זײַן. די זאַך איז אָט וואָס: גיב אַכטונג, טאָמער פֿאַלט עמעצער, שטײט אָפּ, שלאָגט זיך אַרויס פֿון די קױכעס... זעסטו וועמען, קום אונטער, העלף. מיט אַ שפּאַס דערוואַרעם אים; קורץ, ווי וועמען. קײן אײן הינטערשטעליקער, קײן אײן געפּרווירענער זאָל ניט זײַן.

— גוט — זאָגט סערגײ.

די זאַווערוכע האָט זיך אָנגעהויבן אינמיטן טאָג. דער ווינט איז ווי מיטאָמאָל אָנגעפֿלויגן, זיך אַ ריס געטאָן, אַ גראָבער שנײ האָט זיך צעווירבלט, ס׳איז פֿינצטער געוואָרן ווי אין אָוונט, און אין אײן האַלבער שאָ, האָט ער פֿאַרשאָטן דעם וועג. אַ שטעכיקער ווירבל האָט געשמיסן אין פּאָנעם איז אָנגעפֿלויגן פֿון אַ זײַט, פֿון הינטן, האָט אַף די אויגן דעם שפּור פֿאַרשאָטן — און פֿאַלט אײנער איז שוין אַף אים אַ גאַנצער באַרג אָנגעשאָטן. אין אָט דעם הײסן שנײיִקן בעט קען מען אַף אײביק פֿאַרבלײַבן.

די קאָלאָנע איז צעוואָרפֿן — צווײ טראָט פֿאָרויס זעט מען גאָרניט, ניטאָ קײן וועג. דער באַטאַליאָן צעציט זיך אין אַ קײט. פֿאָרויס גײט דער קאָמאַנדיר און טאַפּט מיט אַ שטעקן דעם וועג. אין די טריט־שפּורן וואָס ער לאָזט נאָך זיך, גײט דער גאַנצער באַטאַליאָן. מען גײט שווער: טרעטסט אַרײַן אין אַ דורכגעבראָכענעם גרוב, דערנאָך שלעפּ אַרויס דעם פֿוס און שטעק אים ווידער אַרײַן, אינעם צווײטן גרוב. מען גײט מיט האַלב אָפֿענע אויגן, מיטן קאָפּ אין די אַקסלען אַרײַנגעצויגן, מען באַמיט זיך זײַן צום ווינט מיט אַ זײַט, דאָך גײט מען און מען פֿאַטערט אָן אַ שיר קױכעס אַף יעדן שפּאַן.

„נאָר די טויטע, אײדער זײ פֿאַלן, מאַכן אַ טראָט פֿאָרויס", — דערמאָנט זיך פּלוצעם סערגײ. פֿון וואַנען איז עס? וואָס איז עס? האָט עס דער פֿאָטער געלײענט, אָדער גרישאַ איסאַקאָוו? „נאָר די טויטע, אײדער זײ פֿאַלן, מאַכן אַ טראָט פֿאָרויס..." ער וויל זיך דערמאָנען ווו האָט ער ערגעץ געהערט אָט די שורעס, ער באַמיט זיך דערמאָנען, גלײַך פֿון דעם איז אָפּהענ־

גיך אַלץ. און דער זיקאָרן וועקט אויף פֿאַר אים אַן אָוונט אין דער טײַגע, דעם נאָענטן הילכן פֿון אַ טײַכל, אַ פֿײַער... ווי גוט איז בײַם פֿײַער אין אַ זומערדיקן אָוונט! די טרוקענע צווײַגן קנאַקן... גרישאַ איסאַקאָוו לייענט לידער... דאָס רויכל פֿונעם שײַטער קיצלט אין די אויגן.

סערגיי פֿאַלט אום. דאָס פֿײַער באַגיסט אים צערטלעך מיט אַ וואַרעמקייט... „און די טויטע, איידער זיי פֿאַלן, מאַכן אַ טראָט פֿאָרויס"... און מיטאַמאָל פֿלאַמט אויף דאָס פֿײַער — ניט דאָס פֿײַער, נאָר אַ געדאַנק — עפּעס גרויס, וויכטיקס, איז אָנגעטרויט און ניט געמאַכט. זייער אַ גרויסע זאַך, זייער אַ וויכטיקע. וואָס?

ער שפּרינגט אויף. דער ווילן הייבט אים אויף — די פֿיזישע קויכעס האָבן דערבײַ געאָרניט וואָס צו זאָגן. ער איז ניט קיין קאָמיוגיסט, און אים האָט מען אָנגעשלאָסן אינעם קאָמיוגישן קרײַז. „מירן דיך אויספּרוּוון — פּרוּוון וועלן זײַן גרויסע פֿאַר אַלעמען". און דו פֿאַלסט גאָר, הינטישער זון?! ער גייט און קוקט זיך אײַן אין די רוקנס וואָס טונקלען זיך פֿאַר אים. האָט זיך עמעצער אָן עפּעס אָנגעשלאָגן, איז אומגעפֿאַלן און ווײַטער געגאַנגען.

סערגיי יאָגט אים אָן.

— גיב אַהער די ביקס, — זאָגט ער און, נאָענט לעבן אים, קוקט ער אַרײַן דעם זעלנער אין פּנים: אַ פֿרײלעך באָכערל, אַן אויסגעצייכנטער טענצער איז ער. איצט קוקט ער שולדיק און נעבעכדיק — אַך, דו טענצער! גיב אַהער די ביקס.

דער באָכער וויל אים אָפּזאָגן, נאָר ער קען ניט. סערגיי וואַרפֿט אַף זיך אַרויף דעם זאַק און די ביקס.

— און דו ווי־אַזוי? — פֿרעגט פֿאַרשעמט דער טענצער.

— ווי דו זעסט.

זיי גייען ווײַטער. סערגיי דערוויסט זיך, אַז העלפֿן אַ מענטשן איז ליב, אַפֿילע ווען דו העלפֿסט איבער די קויכעס.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד בושעוועט די זאַווערוכע. און צוויי טעג נאָכאַנאַנד גייט דער באַטאַליאָן אָן איין הינטערשטעליקן אָדער אָפּגעפֿרוירענעם. דער קאָמאַנדיר האָט דורכגעלייגט דעם וועג, דער קאָמיסאַר איז געגאַנגען פֿון הינטן, זען אויב ווער בלײַבט דערונטער.

מען נעכטיקט אין די נאַנײַער ייִשוּווים.

און אין אַ שמועס מיט צוויי נאַנײַער ייִנגלעך, הערט צום ערשטן מאָל סערגיי נײַסן פֿון דער נײַער שטאָט. ער דערמאָנט זיך אָן דעם באָכער מיט דעם מיידל, וואָס זײַנען פֿון אַ ווײַטן ייִשעוו געקומען אַף דער בויונג.

— אָ! אָ! מאַמי נײַמוקאַ — אַ דילעקטאָר! קילטו דיגער — אַ שאָפֿער! — שרײַען אויס די ייִנגלעך אויפֿגעלעבטע — קילטו יעדן זומער פֿאָרט אַף דער מאַשין, רופֿט אונדז.

סערגיי וווּנדערט זיך: מאַמי — דירעקטאָר! וואָסער דירעקטאָר? ווו? די ייִנגלעך דערציילן. זיי ווייסן אַלץ וואָס עס קומט פֿאָר אין דער נײַער שטאָט. יאָ, מאַמי איז דירעקטאָר פֿונעם זאַלצונג־צעך אָנשטאָט דעם קאָרעער פֿאַק, און פֿאַק איז אין טפּיסע, אַ שעדיקער. און אין טפּיסע זײַנען אויך פֿאַראַמאַנאָוו און מיכײַלאָוו, געוועזענע באַלעגופֿים, זיי האָבן דערהאַרגעט מאַראַזאָוון.

סערגיי איז אַזוי צערודערט, אַז ער פֿאַרגעסט אָן שלאָף. מאַראַזאָוון האָבן זיי דערהאַרגעט! דער אַלטער סעמיאָן פֿאַרפֿיריעוויטש האָט זיך אַרויס־

געוויזן דעם מערדערס אַ מענטש! און פּאַק — אַ שעדיקער, אַ בייזער סוינע. און דאָס האָט פּאַק געהאָלפן די דעזערטירן אַנטלויפן מיט דעם טײַך!

סערגיי וועקט אויף ציבולקאַן און דערציילט אים אַלץ.

— דו טראַכט זיך נאָר אײַן, ציבולקאַ! ער פּלעגט אונדז מיט אַ קיוון אָנשיקערן און אונדז צוריידן מיר זאָלן אַנטלויפן!... טראַכט זיך נאָר אײַן, סאַראַ אויסוואָרף!

— וואָס דען, ליבער מענטש, האָסטו געמיינט? וואָס צום שאָדן דעם פּראָלעטאַריאַט, איז צום נוצן דער בורזשואַזיע, — ענטפערט ציבולקאַ אַן איבערצײַגטער — און די טאַקטיק איז אַן אַלטע. נעם, לעמאָשל, די קאַלכאָזן. האָבן זיי אָוועקגעפירט די פויערים פון די קאָלכאָזן? אָוועקגעפירט. די בעהיימעס אויסגעשאָכטן? אויסגעשאָכטן. דאָס איז די באַלעגופישע פּאָליטיק — זי איז אַלעמען באַקאַנט, ברודער. דיר האָט מען אַ ווענדקע פאַרוואָרפן, האָסטו אָנגעפּיקט.

וואָס נענטער דער באַטאַליאָן קומט צו דער נײַער שטאָט, אַלץ פּײַנלעכער פילט זיך סערגיי. וואָס וועט ער דערזען? וועמען פון די אַלטע פרײַנט וועט ער באַגעגענען? לעבן זיי? וועלן זיי אים דערקענען? וועלן זיי אים וועלן דערקענען?...

און דער באַטאַליאָן רײַסט זיך צום ציל דורך אַלץ גרעסערע שוועריקייטן. דאָס וועטער איז אַף כּידושים פאַרענדערלעך. אָט אַ זאַווערוכע, אָט אַ פראָסט, אָט אַ זאַווערוכע מיט אַ פראָסט אינאיינעם. אָט אַ ווינט אַן שניי, אָט אַ שניי אַן ווינט, אָט אַ ווינט מיט אַ שניי אינאיינעם. דער קאָמיסאַר פאַרגעסט ניט סערגייען. אַפן צענטן טאָג מאַרש בלײַבן שטעקן אין טיפן שניי די פּראָוויאַנט־פורן. דער וועג איז אַזוי פאַרשאָטן, אַז זעלטן זעט מען די שפּיצן, וואָס באַצייכענען דעם וועג. די פערד זינקען אינעם שניי און קענען די וועגנער ניט אַרויסשלעפּן. צו הילף די פורן שיקט מען אַ גרופּע זעלנער און דער קאָמיסאַר שליסט צו זיי אָן סערגייען. די אַרבעט איז אַ גענעמדיקע — מען שלעפּט אַף זיך די מאַסע, מען שפּאַנט זיך אײַן אין די שלייעס. מען רייניקט אָפּ די קופּעס שניי — זיי ווערן ווידער אָנגעשאָטן. די פערד שנאָרכען און שפּאַרן זיך אײַן, אָט גליטשען זיך זייערע פיס איבערן גליטשיקן אײַז, אָט זינקען זיי אינעם מעטערטיפן שניי.

סערגייען דוכט זיך טיילמאָל אַז זיי וועלן מער קיין איין שפּאַן ניט מאַכן, אַז זיי וועלן פאַלן אַפן אָרט. נאָר ער גייט, ער שלעפּט, ער פאַלט, און גייט ווידער און שלעפּט ווידער. ער האָט זיך אויסגעלערנט זיך צעשטרײַען קעדיי וויניקער צו פילן די פאַרמאַטערונג. ער דערמאָנט זיך פאַרשיידענע פאַלן פון די ווײַטע קינדער־יאָרן, פונעם לעבן אין דער נײַער שטאָט (נאָר פון זײַנע וואָגלענישן וויל ער זיך ניט דערמאָנען). ער כאַזערט זיך אָפּגעריסענע פערזן, וואָס ער האָט געהערט פונעם פאָטער אָדער פון גרישאַ איסאַקאָוון, ער באַמיט זיך ווידער אויפשטעלן אָדער פאַרפאַסן פאַרגעסענע שורעס. ער כאַזערט זיך די שורעס אַזוי לאַנג ביז זיי פאַרלירן יעדן זין און קלינגען פרעמד ווי אַף אַ פרעמדער שפּראַך. „לאָמיר זיך פאַראייניקן אין גלאָר — אייגענע דאָך מענטשן”. „אייגענע דאָך מענטשן...” „דאָ כמענטשן, דאָכמענטשן, דאָ כמענטשן...”

אָנגעקומען אין דער צוועלפטער טאָג, דער לעצטער און דער שווערסטער טאָג פונעם מאַרש.

סערגיי הערט זעלטענע אויסרופן, אַ שווערן אָטעמען פון די מענטשן, דאָס סקריפּען פונעם שניי אונטער די פוישטן, דאָס סקריפּען פון די רימענעס וואָס רייבן זיך. דאָס סוויסטשען פונעם ווינט, נאָר דאָס אַלץ ווי דורך אַ שויב, ווײַט און ניט פאַרשטענדלעך: „און זיי טראָגן דאָס עפּעלע־ליד אַף די ליפּן...״ נאָר די ווערטער קלינגען הויך און איבערצײַגנדיק, כאָטש ער הערט זיי ניט. די ווערטער גייען אים נאָך שוין דעם צווייטן טאָג. ער הערט זיי ניט בעת די אָפּשטעלן, זיי פאַרשווינדן איבער נאַכט, ווי נאָר אָבער דער באַלאָדענער און אויסגעשטעלטער באַטאַליאָן רירט זיך אין וועג אַרײַן און די פיס הייבן ווידער אָן דעם שרעקלעכן געראַנגל מיט די קופּעס שניי, קומען אויף די ווערטער אינעם מויעך קלאָרע, ניט אָפּטרעטנדיקע. „דאָס עפּעלע־ליד...״ פאַרוואָס עפּעס אַף די ליפּן? ליפּן, שניי, עפּעלע... „און זיי טראָגן דאָס עפּעלע־ליד אַף די ליפּן...״ ער שלאָגט זיך אָן און פאַלט. ער הייבט זיך אויף און גייט ווײַטער. „און זיי טראָגן דאָס עפּעלע־ליד אַף די ציין...״ — ניט אַף די ציין, נאָר אין די ציין... ניין, ס׳איז עפּעס ניט דאָס... צוליבן גראַם — אָדער ניין, ווי רופט מען עס צוליבן ריטם... „און זיי טראָגן דאָס עפּעלע־ליד אין די ציין...״ קלעפּט זיך ניט.

דער גרויער נעפּל ווערט אַלץ געדיכטער — דער אָוונט פאַלט. קיין אָפּ־שטעל איז שוין לאַנג ניט געווען און קיינער וויל זיך גאָרניט אָפּשטעלן — נאָכן אָפּשטעל איז שווערער. די זאַווערוכע דרייט אַלץ אָנראַכמאָנעסדיקער, מיט אַן אַלץ שנעלערן טעמפּ. און אַלץ דערעסנדיקער און שנעלער קלינגען די ווערטער, וואָס זײַנען שטעקן געבליבן, ווער ווייס פאַרוואָס, אינעם מויעך: „און זיי טראָגן דאָס עפּעלע־ליד אַף די ליפּן...״

און פּלוצעם ווערט ציבולקאַ ערגעץ פאַרפאַלן אינעם נעפּל. ס׳איז קימאַט אוממעגלעך אומצודרייען זיך — יעדער דורכגעמאַכטער טראָט איז אַ העל־דישקייט. נאָר סערגיי דרייט זיך דאָך אום, ער זעט פאַר זיך ווײַסע אײַנגע־בויגענע מענטשן, קוים מען דערקענט אַ פּנים.

ציבולקאַ איז ניטאָ.

סערגיי לויפט, ער פאַלט אינעם שניי און ווייַנט שיר ניט, און צעשאַרט די קופּעס שניי איבער דעם שוין דורכגעגאַנגענעם וועג מיט די פאַרפרוירענע הענט. ער איז זיכער, אַז ציבולקאַ איז אומגעפאַלן, אַז ס׳האָט אים פאַרשאָטן, אַז ערגעץ דאָ ליגט ער, שוין אַ פאַרפרוירענער... נאָר מיטאַמאָל דערזעט ער ציבולקאַן אַ לעבעדיקן, אַ ניט פאַרמאַטערלעכן, קוים מען זעט אים אַרויס: אונטער דער מאַסע פון צוויי זעק מיט צוויי ביקסן, שלעפּט ער אונטערן אָרעם אַן אָפּגעשוואַכטן, פאַלנדיקן באָכער. דער באָכער איז מיט אַ קאָפּ העכער פון אים.

— טײַוול צאַפּלדיקער!...

מיטאַמאָל ווערט אים אַלץ גלײַכגילטיק. סערגיי רעדט מער ניט מיט אים און גייט ווײַטער אין דער זאַווערוכע איבער די אויסגעטראָטענע שפּורן אין די קופּעס שניי, און איז ווידער גוווער די שוין דורכגעמאַכטע שפּאַן.

ס׳איז פינצטער געוואָרן. די זאַווערוכע האָט זיך אײַנגעשטילט. איבערן געפרוירענעם מיט שניי אָנגעשאָטענעם וועג גייט די מאַסע מענטשן. די מאַסע פילט מען פון דעם הילכיקן אָטעם, פונעם סקריפּענדיקן שניי, פון די סקריפּענדיקע רימענעס.

סערגיי שפּאַנט מיט פאַרמאַכטע אויגן, — מען זעט אַלצאײנס גאָרניט. זאָלן די אויגן־לעדלעך אָפּרוען... נאָר וואָס איז דאָס? זאָל עס זײַן אַן

עמעס ?... ער ציטערט אויף, בלײַבט שטיין, שפּאַנט אָן דעם אויער... און ער שרײַט אויס מיט דעם פולן, יונגן, גאַנץ פרישן קאָל:

— יאַטן, אַ לאָקאָמאָטיוו!

ערגעץ ווײַט, הינטער די שנייען, הינטער דער פינצטערניש האָט אַ לאָקאָמאָטיוו יונג און שאַרף אַ געשריי געטאָן.

שוין פאַר זיך, שטילער, באַשטעטיקט סערגײ:

„אַ קוקאַווקע"...

דער געניטער אויער דערקענט דאָס קאָל, וואָס קען ניט זײַן פון קיין גרויסן, עמעסן לאָקאָמאָטיוו. און איבער דער צעשאָטענער קייט הערט מען פריידיקע, ניט זיכערע, צערודערטע אויסרופן:

— מיר זײַנען שוין דאָ! אַ לאָקאָמאָטיוו הערט מען. אָהאָ, שוין פאַראַן דאָרט לאָקאָמאָטיוון... שנעלער, יאַטן!

מען גייט נאָך אַ קילאָמעטער, אַ צווייטן, אַ דריטן. לעבן סערגייען וואַקסט אויס ציבולקאַ.

— סערגײ, דיך ווי אַ באַן־אַרבעטער — ס'אַ פאַקט! — שיקט מען אַפן לאָקאָמאָטיוו...

סערגײ שמייכלט און הערט זיך אײַן. צײַטנווײַז טראַכט ער זיך אַז ער האָט טאָעס געהאַט. גאָר אַנדערע האָבן דאָך אויך געהערט דאָס פײַפן... דאָך, זײַנען שוין דאָרט פאַראַן לאָקאָמאָטיוון... אויך הײַזער מוזן שוין דאָרט זײַן אַ סאַך... כ'וועל שוין עפּשער גאָרניט דערקענען, ווו וואָס עס געפינט זיך. אַ נײַ קאָל שרײַט נאָך פריידיקער:

— יאַטן, עלעקטריע!

ווײַט, אינעם נעפּל, הוידען זיך אומפאַרשטענדלעכע פינקלענדיקע פײַערלעך.

די מענטשן שפּאַנען שנעלער. די רוקנס גלײַכן זיך אויס. קיינער פאַלט שוין ניט. קיינער גיט מער ניט אַוועק זײַן זאַק מיט דער ביקס.

צוריקגעקומען, הייסט עס... און די שטאָט מוז שוין זײַן גאָר אַן אַנדערע, ניט צו דערקענען... קענסט נאָך בלאָנדזשען. שנעלער, שנעלער. שפּאַנען!...

מען גייט דורך נאָך אַ קילאָמעטער, אַ צווייטן. און אָט איז שוין נאָענט — גאָר נאָענט, כאָטש רוף זיך איבער! דער באַקאַנטער שאַרפער אַראָפּגאַנג צום ברעג, און הײַזער, און מענטשן, און אַ ריי לאַמטערנס.

סערגײ פאַרגעסט די גודנע ווערטער. זאָל עס טאַקע זײַן דאָס... דאָס אייגענע? אָט דאָס הויז דוכט זיך איז באַקאַנט... יענע זײַנען ניט געווען... קיין ביימער זײַנען ניטאָ, פריִער איז געווען... און עפּשער איז עס ניט דאָס אָרט? איצט גייט מען אין רייען, דיסציפּלינירט, יונג. מענטשן לויפן זיך צונויף צום ברעג, מאַכן מיט די הענט. גוט וואָס ס'איז נאַכט, וועט מען ניט דערקענען. עפּעס ייִנגלעך קײַקלען זיך אַראָפּ איבערן שיפּוע ווי די קנײַ־לעכלעך, און לויפן אַנטקעגן. פון וואַנען קומען אַהער ייִנגלעך. אויך קיין ייִנגלעך זײַנען דאָ ניט געווען.

אומגעריכט הייבט זיך אַרויס פון די רייען ציבולקאַס דרײַסט וויבּרירנדיק טענאָרל:

איבער טאָלן איבער בע־ער־גער...

סערגײ כאַפּט אונטער דאָס ליד, ווי אַ מאַטאָנע — פון וואַנען נעמט זיך צו אים דער קויעך? — זײַן קאָל קלינגט יונג און פריש. און באַ דער

זייַט און פון פאָרנט, און ווייַט פון הינטן, זינגען אַלע, גלייַך עס וואָלט גאָר קיינמאָל קיין מידקייט ניט געווען, און מיט דעם ליד, מיט באַשנייטע קעפּ, מיט אַ נייַעם פּרוזשינעדיקן קויעך אין די פיס, הייבן זיי זיך אַרויף איבערן אַראָפּגאַנג. און סערגייען דערמאָנט זיך, ווי אַ לאַנג שוין דורכגעלעבט בילד, ווי אַן עמעס: „און דאָס עפּעלע־ליד האַלטן זיי אין די ציין״... און דאָ טאַקע פאַרשטייט ער שוין פאַרוואָס אין די ציין, און ער שמייכלט און מאַכט מיט די הענט צו די יינגלעך, צו די מיידלעך, צו די אַרבעטער, צו די אַלטע לייַט (ווי קומען אַהער אַלטע לייַט?) וואָס דרענגען זיך אַפּן וועג.

III

די שטאָט איז קרעפּטיקער געוואָרן, אויסגעוואַקסן. סערגיי דערקענט זי, נאָר ווי מען דערקענט אין אַ יונגן מענטשן, נאָך אַ לאַנגער שיידונג, די שטריכן פון אַ קינד, וואָס מען האָט עס אַמאָל גוט געקענט.

די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער נייַער שטאָט, קומט פאָר דורך דער צייַטונג — דורך אַ ריכטיקער, טעגלעכער, געדרוקטער צייַטונג. מען צעטיילט זי אַלע זעלנער. די ערשטע זייַט איז אָפּגעגעבן זיי: „אַ גרוס די העלדישע באַטייליקטע אינעם אייַז־מאַרש״. די זעלנער לייענען די עמעסדיקע דערציילונגען פונעם צוועלפטאָגיקן מאַרש און מיט אַ געוויסער פאַרוווּנדערונג זייַנען זיי מאַסקים, אַז דער מאַרש איז געווען אַ העלדישער און אַ שווערער. צווישן די באַטייליקטע אין די קאָמיוגישע גרופּעס לייענט סערגיי איבער אויך זייַן פאַמיליע. די אָנפירונג פאַרעפנטלעכט זיי אַ דאַנק. סערגייען קלאַפּט דאָס האַרץ. וועלן זיי זיך אָנשטויסן אַז דאָס איז ער? וועלן זיי אים וועלן דערלאַנגען כאַוועריש די האַנט?...

דערנאָך נעמט זייַן האַרץ שטאַרקער קלאַפּן — ער לייענט ווי שלאָגלעריש די קאָמיוניסטן האָבן אין אַ פּערציקגראַדיקן פראָסט און אין דער זאַווערוכע געבויט פאַר זיי אַ וווינונג. „דרייַ מעסלעס איז פון דער בויונג ניט אַראָפּ די באַרימטע טעסלער־בריגאַדע פון כאַווער מ. זנאַידע...״ (מאָטקע?! דו?! מיר האָבן דאָך אינאיינעם געוואָרט באַם ברעג, דו האָסט געוויזן דייַנע צעריסענע שטיוועלעך און האָסט זיך געשוווירן אַז פאַר דיר איז שוין גענוג!... נאָר דיך האָט אומגעקערט קלאַוואַ... אָדער איסאַקאָווס פערזן?... און אָט ביסטו — דער באַרימטער בריגאַדיר!...) „ווי שטענדיק האָבן אַ בייַשפּיל געוויזן די שטוקאַטורן פון וו. בעססאַנאָווס בריגאַדע...״ (וואַלקאַ, דו אויך? און שוין לאַנג אַז דו ביסט באַרימט?! ווי שטענדיק... אַ בייַשפּיל פון אַרבעט... און איך? האָב איך דען אויך ניט געקענט זייַן אַזאַ?...)

אַף דער צווייטער זייַט וואַרפט זיך אין די אויגן אַ היפשער טיטל: „דער געוועט פון בעטאָנירער...״, „די בריגאַדעס פון די כאַווערים פּ. טשומאַקאָוו און יע. סאַוויאַלאָוואַ קעמפן פאַרן ערשטן אָרט״, 253 און 256 פּראָצענט פונעם פּלאַן...״ „הייַנט האָט די פרויען־בריגאַדע צוגעזאָגט איבערשטייַגן אירע ערשטע ציפערן...״ פרויען בעטאָן־גיסערנס... אָט ווי!... יע. סאַוויאַלאָוואַ — די איז אַ נייַע... אַזאַ דוכט זיך איז ניט געווען... סאַוויאַלאָוואַ... ניין... כ׳געדענק ניט אַזאַ... נאָר אָט טשומאַקאָוו... דאָס איז דאָך פעדקאַ! נו, פאַרשטייט, פעדקאַ טשומאַקאָוו!... אַ געהילף־טרייַבער געווען... און אַ שטימונג איז באַ אים געווען גאָר ניט קיין פויגל־

דיקע... אַף ציִנגאַ האָט ער געליטן, אין שפּיטאָל געליגן... פּעדקאַ, פּעדקאַ! דו ביסט אויך געוואָרן אַ באַרימטער אַרבעטער! ווי אויסגעוואַקסן, זעט זיך אָן, די יאָטן!

„עס עפנט זיך דער „גאַסטראָנאָם"..." „פּאַרוואַלטערן מיט דער קראָם „גאַסטראָנאָם" כאַווערטע סטאַווראָווע האָט אין אַ שמועס מיט אונדזער מיטאַרבעטער צו וויסן געגעבן, אַז אינעם נײַעם שטײנערנעם הויז ווערט אָפּגעגעבן אַ לאָקאַל פֿאַר אַ גאַסטראָנאָמישער מוסטער־קראָם. די סטאָיקעס וועלן זײַן געדעקט מיט מאַרמאָר, די פּאַנעלן געפֿאַרבט מיט אייל־פֿאַרב..." אָט דאָס פֿאַרשטיי איך! קאַטיאַ! קאַטיושקאַ! „אין אַ שמועס מיט אונדזער מיטאַרבעטער!"

אַנאָנסן: „מען גרייט צום שטעלן „דער וואַלד" פֿון אַ. נ. אָסטראָווסקי..." „די שול פֿאַר אַלגעמײנער בילדונג גיט צו וויסן די שילער..." „זיך געעפֿנט דער אײַנשרײַב אין נײַע גרופּעס פֿליִער אָן מאָטאָרן, שיסער, פּאַראַשוטיסטן..." „דער קרײַז סאָלאָ־זינגער גיט צו וויסן..." דער „זאַגס" (ציוויל־רעגיסטער) האָט זיך איבערגעצויגן אין אַ נײַעם לאָקאַל אַפֿן אַמור־שטראַנד שפּײַכלער פֿון ק.ב.א. לעבן דער אָראַנזשערייע..."

„פֿאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר ג. איסאַקאָוו" (ג. איסאַקאָוו? גרישקאַ?... פֿאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר?... ווי לאַנג איז דען אַז מיר האָבן אינאײנעם אָראָפּגעלאָזט קלעצער אין דער סילינקאַ?!)

די שטאָט לעבט אַ פֿולן לעבן. דאָ פֿאַטערט מען ניט קיין צײַט אומזיסט. יעדן טאָג וואָס סערגיי האָט דורכגעלעבט אין די אומנוצלעכע וואָגלענישן, האָט די שטאָט באַוויזן צו שאַפֿן עפּעס נײַס און שײנס — פֿון ציגל, פֿון בעטאָן, פֿון האָלץ, פֿון מעטאַל, און האָט אײנצײַטיק באַשאַפֿן נײַע שײנע מענטשן.

סערגיי איז אַוועק אַהין ווו ער האָט אַמאָל געוווינט. די שאַלאַשן. אָט זײַנען זיי. נאָר געוואָרן איז ווייניקער. ער קען ניט געפֿינען דעם שאַלאַש ווו ער האָט געוווינט אַ זומער מיט יעפּיפֿאַנאָוון און קאָליאַן. צי האָט ער אַ טעות? ניין, אַף דעם אָרט ווו דער שאַלאַש איז געשטאַנען הייבן זיך רישטאָוואַניעס פֿון אַ הויז, וואָס בויט זיך.

און דער באַראַק? דער ערשטער קאָמיוגישער באַראַק? סערגיי געפֿינט אים ניט צווישן די אַנדערע. דער אַלטער האָט זיך צוגעפּוצט מיט נײַע גאַנקעס. ייִנגלעך שפּילן זיך לעבן אים אין שניי־קוילן. אַ פֿרוי קומט אַרויס מיט אַן עמער און גייט ניט געאײַלטערהייט צום פּלומפּ. און אָט איז יעפּיפֿאַנאָווס פֿענצטער... הינטער דער שויב זעט ער אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר צען. זי לייענט אַ ביכל. זי הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט נײַגעריק אַף סערגייען, זי שמייכלט. די פֿרוי מיט דעם עמער גייט צוריק.

— בירגערן, ווו וווינט ערגעץ יעפּיפֿאַנאָוו?

— יעפּיפֿאַנאָוו?... דער טאַקעלאַזש־אַרבעטער?

— אַלעקסיי יעפּיפֿאַנאָוו, אַ געוועזענער טויכער.

— וואָס ער איז געווען, ווייס איך ניט, נאָר אויב דער טאַקעלאַזש־אַרבעטער, גייט אין סאָצשטאָט.

— און וואָס איז עס סאָצשטאָט?

— אָט דאָרטן — די גרויסע הײַזער. פֿרעגט אַפֿן הויז פֿון די אַלטע קאָמיוגיסטן.

סערגיי שטייט אַ ניט־אַנטשלאָסענער. אַרום אים שטייען יינגלעך, דער עלטסטער האָט ניט מער ווי צען יאָר.

— פּעטערל, איר דאַרפט דעם טויכער? מירן אייך צופירן.

— איר קענט אים?

— פאַרוואָס זאָלן מיר אים ניט קענען! זיין פרוי לידאַ לערנט שיסן. און ער איז געווען אַ שאָפער, און איצט אַ טאַקעלאַזש־אַרבעטער, ווייל ער לערנט זיך. באַ זיי וווינט דער שרעק פון די יאַמען — אַ באַקאַנטע, און דאָס איז איר זון.

„איר זון" האָט געשמאָרעט מיט דער נאָז און האָט וויכטיק געקוקט אַף סערגייען. ער איז זעקס יאָר אַלט.

— נו, פירט מיך צו — באַפעלט סערגיי, כאָטש ער קען ניט לידאַן און ניט דעם שרעק פון די יאַמען און ווייס אויך ניט, אַז יעפּיפאַנאָוו איז געווען אַ שאָפער.

זיי פירן אים ניט צו די נייע הייזער, נאָר גלייך אַף דער בויונג.

— וווהין־זשע גייט איר?

— איר דאַרפט דאָך אים אַליין? ער איז אַפן „אינדוסטריאַל".

— וואָס איז עס „אינדוסטריאַל"?

— אַ הייבער, זייער אַ גרויסער. וואָס־זשע איר ווייסט ניט?

אַף יעדן טראָט געפינט סערגיי אויס נייע ענדערונגען. דאָס איז געווען אַן אַלטע היי־קאַמער, אַנגעשפּאַרט אָן טאַראַס איליטשעס הויז — און איצט שטייט דאָ דאָס צווייעשטאָקיקע ביורא־הויז. דאָ איז געווען דער פּוסטער ברעג און... דאָ ערגעץ פּאַקס סאַראַי. איצט שטייען דאָ שפּייכלערס, דאָקן, די שמאָל־רעלסיקע ציט זיך דאָ. „אַריינגאַנג שטרענג פאַרבאָטן", „פאַר רייכערן שטראָפירט מען". און אָט איז דאָס שטילע בערגל ווו מען האָט באַגראָבן פּאַשאַ מאַטווייעוון. נאָר וואָס טוט זיך דאָ? דאָס גאַנצע בערגל איז פאַרנומען מיט בויונג. אומעטום רישטאָוואַניעס, פון וועלכע מען זעט אַרויס קאָנטורן פון געביידעס. פּאַשאַ... אַף דיין קייווער שטעלט מען געביידעס פון דער נייער שטאָט. איז וואָס! דו האָסט ליב געהאַט דאָס לעבן, פּאַשאַ, דו האָסט ליב געהאַט די בויונג. דו וואָלסט צופרידן געווען, פּאַשענקאַ, גוטער כאַווער!

זיי בלייבן שטיין באַם ראַנד פונעם אַראָפּהאַנג. סערגייען פאַרכאַפּט דער אָטעם פון אַלץ וואָס ער זעט. צענדליקער שלאַנקע זיילן הייבן זיך צום הימל אין צוויי רייען. זיי זעען אויס אַזוי גרינג און לופטיק אַפן הינטערגרונט פונעם גרויען ווינטערדיקן הימל, ווי זיי וואָלטן זיין פון פּאַפּיר אויסגעשניטן און ניט געגאָסן פון בעטאָן. פאַר זיי ליגט אַ ראַכוועסדיק צעלייגטער, אַפן אָרט פון דער געוועזענער קליינער אָזערע, ווו קאָסימאָוו פלעגט כאַפּן ווילדע קאַטשקעס, אַפן אָרט פון דער טייגע, ווו די ערשטע בריגאַדעס האָבן געקאָרטשעוועט און געמיטאָגט אַף די פּעניקעס זיצנדיק (ווו זיינען זיי די פּעניקעס? און וואָס איז געוואָרן מיט קלאַוואַן און לילקאַן — מען פלעגט דעמאָלט אַזוי וואַרטן אַף זיי מיט דעם מיטאָג!)(— אַ גלייכער פּלאַץ, אין עטלעכע ריכטונגען איבערגעהאַקט מיט רעלסן. דאָס פּלאַץ שפּאַרט זיך אָן אָן דער דאַמבע, באַ וועלכער זיי פלעגן זיך ביגנייווע טרעפן, ער מיט טאָניאַן. (טאָניאַ! וואָס איז געוואָרן פון איר?... ווי זי האָט געליטן און ווי שטאָלץ זי איז געווען!...) נאָך די עללינג־זיילן זעען זיך שפּייכלערס, בינינאָנים, רישטאָוואַניעס, נאָך זיי, מיט אַ צוים אַרומגענומען, אַ באַצירק מיט נייע צעכן, נאָך

זיי דער געהילף־זאַוואָד. (אויך דער געהילף־זאַוואָד איז אויסגעוואַקסן מיט אַ גאַנצן קאָרפּוס. און ווען מען האָט אים געעפנט, סאַראַ פרייד עס האָט געבראַכט מיט זיך דער ערשטער פּײַף!... עס האָט זיך אַזש געוואָלט וויינען).

— דאָס איז דער „אינדוסטריאַל" ! — זאָגן די יינגלעך — איר וועט אַראָפּקריכן איבערן אָפּהאַנג, כאַוור רויטאַרמייער ?

אַלע צוזאַמען קײַקלען זיי זיך אַראָפּ איבערן שנייִיקן שיפּוע אָפּן פּלאַץ אַרויף און לאָזן זיך גיין גלײַך איבער דעם צעטראַטענעם קויטיקן שניי.

— דאָ שלאָגן זיך טשומאַקאָוו און סאַוויאַלאָוואַ — זאָגט ערנסט „איר זוך" און זאָגט אַרויס די האַשאָרע : — נאָר ער וועט זי ניט אָניאָגן.

די בעטאָנירונג ווייט אָף דער קאָפּ־טייל פּונעם דאָך. די צוויי בריגאַדעס אַרבעטן אָף צוויי אָפּטיילן וואָס גרענעצן זיך. אַ קליין לאָקאָמאָטיוול פירט צו אָף פּלאַטפאָרמען ריזיקע ביטן מיט בעטאָן. דער הייבער כאַפּט אונטער די ביטן און דערלאַנגט זיי די בעטאָנירער.

דער הייבער זעט ניט אויס ריזיק און ניט מעכטיק זײַט באַ זײַט מיט די עלליגג־זײַלן. זײַן מעכטיקייט ווײַזט זיך אַרויס בלויז אין דער אַרבעט, דער־מיט וואָס ער הייבט אויף לײַכט און אומגעצוווּנגען די שווערע ביטן, דרייט זיי אויס און לאָזט זיי אַראָפּ. ער איז זייער געהאָרכיק. דער מענטש אָפּן הייבער פּראַוועט מיט אים קוים מען מערקט דאָס, און אויך ער פּאָלגט אויס די צייכנס פון יעפּיפּאַנאָווען. יעפּיפּאַנאָוו שטייט אָפּן דעקל פון דער אייבער־שטער טייל און קישעפּט מיט די פינגער. זעלטן אַז ער שרײַט „מאַינאַ" און „ווירא". ער האָט אַ גאַנצע סיסטעם סימאָנים : דער פינגער אַרויף, דער פינגער אַראָפּ, דער פינגער אָן אַ זײַט, די איבערגעקערטע דלאָניע אַרויף, פאַרשיידענער וויג מיט דער האַנט — דאָס אַלץ ווערט שנעל און אָן אַ טאָעס איבערגעגעבן דעם הייבער. און די ריזיקע ביט, וואָס פליט גלײַך אַראָפּ ווי אַ קאָרשון, אַז עס דוכט זיך אָט וועט זי זיך פונעם פּלי אײַנשנײַדן אין דער רישטאָוואַניע און וועט זי צערײַבן, בלײַבט אַ רגע פאַרגליווערט הענגען אין דער לופטן און נעמט זיך גלאַטיק קירעווען און צאַרט אַרומגיין די ברע־טער, די בעליקעס, די שטריק און זעצט זיך אַוועק, ניט מיטאַמאָל, נאָר ווי אָף די שפּיץ־פינגער, איבער דער בעטאָן־געדיכטעניש. און ווי נאָר דער אָר־בעטער שפּרינגט אַרויף אָף איר, הייבט זי זיך לײַכט אויף און צעעפנט אירע טירלעך און דער בעטאָן גיסט זיך פון איר ווי די קאַשע פון אַן איבערגע־קערטל ראַנדל.

די אַרבעטער טרעטן אין דער קאַשע מיט גומענע שטיוול, צעשאַרן זי מיט לאָפּאַטעס איבערן גאַנצן שעטעך, שטעקן אין איר אַרײַן שטאַרץ אַוועק־געשטעלטע ברעטער, באַפּוצן זי מיט רייען מעטאַלענע קנעפּ. און די ביט פליט שוין אַרויף, הויערט עטלעכע סעקונדן איבער די קעפּ, ווי אַ קאָרשון, פאַרנעמט זיך מיט אַ זײַט און לאָזט זיך אַראָפּ אָף דער פּלאַטפאָרמע, פּונקט אָף דעם באַשטימטן אָרט.

— ליאַשאַ ! אַלעקסיי !

יעפּיפּאַנאָוו דרייט זיך אום. סערגיי וואָלט אים טייקעף דערקענט, ווו דאָס זאָל ניט זײַן. פאַרוואָס־זשע דערקענט אים ניט יעפּיפּאַנאָוו ?

— ליאַשאַ. דאָס בין איך דאָך, גאַליצין... סערגיי...

— דו ?

סערגיי זעט אַז זײַן באַווײַזן זיך רופט ניט אַרויס קיין שום פרייד.

— וואָס־זשע, ליאָשאַ... דערקענסט מיך ניט?

יעפּיפּאַנאָוו פאַרזיכערט אים דעליקאַט אַז ער דערקענט אים און געדענקט אים. דערנאָך אַגעוו פרעגט ער אים צי ער איז אַ קאָמיוגיסט.

— כ׳וועל זײַן, — זאָגט סערגיי אַנטשלאָסן — וואָס געווען איז אַוועק. האָסט געלייענט די צײַטונג?

— דאָס ביסטו?

— איך!

— נו, גוט. נו, וואָס מאַכסטו, פרײַנט?

דאָס לאַקאָמאָטיוול פירט צו נײַע פּלאַטפאָרמעס. סערגיי שטעלט זיך געהיט אַוועק לעבן יעפּיפּאַנאָוון. ס׳איז אים אינטערעסאַנט אַ קוק צו טאָן אַף פּעדקאַ טשומאַקאָוון און אַף דער פרויען־בריגאַדע, נאָר ער קען קיינעם ניט דערקענען אין די אַלצאַיינע ניט זגראַבנע געשטאַלטער, אין וואַרעמע קאָמבינעזאָנען, מיט גומענע שטיול און ברייטע היט. די פרויען דערקענט ער בלויז דערפון וואָס זיי זײַנען קלענער און קײַלעכדיקער.

— אונדז דערלאַנגט, סאַראַ טײַוול!... — שרײַט מען פון דער מענער־בריגאַדע און סערגיי דערקענט פּעדקאַ טשומאַקאָוון. פּעדקאַ זשעסטיקולירט בייז, ער פאַדערט די ביט צו זיך. נאָר דאָ קוקט אַרויס איבערן װענטל די בריגאַדירקע פון דער פרויען־בריגאַדע און שרײַט אַ צעבייזערטע:

— וואָס איז דאָס? פאַרוואָס אײַך? וואָס קריכסטו ניט אין דײַן ריי? פּאַר, טײַערינקער, ווערסט גאַרניט באַקומען! גיב אַהער דעם בעטאָן, שנעלער!

יעפּיפּאַנאָוו שמייכלט, גיט אַ ריר מיט די פינגער און די ביט גייט ווייך אַוועק צו טשומאַקאָוון. סאַוויאַלאָוואַ דרייט זיך אויס צו יעפּיפּאַנאָוון מיט איר פאַרדראָסיק רויט געאַרגערטעם פּאַנעם:

— און איך דאַרף שטיין, וואָס? דו שפּיל אים ניט אונטער דעם פּאַרשיוועץ! איך וועל זיך צו דיר אויך דערקלײַבן! האָב קיין מוירע ניט! זיך צוזאַמענגעגערעדט? און דו — דרייט זי זיך אויס צו פּעדקאַן — פינטל ניט, מאַך זיך ניט פאַר קיין מאַלעך, כיטרע טײַוול!

פּעדיאַ טשומאַקאָוו גיט הילפלאָז אַ שמייכל, כאַפּט זיך פלינק אַרויף אַף דער ביט און נעמט אַפּווישן מיט אַ שפּאַן דעם בעטאָן וואָס איז צוגעקלעפּט צום ווענטל.

סערגיי איז איבעררעאַשט מיט דעם איבערוועדטלען זיך פון די באַרימטע בעטאָן־גיסער און פרעגט:

— וואָס איז מיט איר אַזוינס? און פאַרוואָס דולזעט פּעדקאַ?

יעפּיפּאַנאָוו לאַכט און פירט ווײַטער די אַרבעט מיט דעם היבער. סאַוויאַלאָוואַ גיט זיך נאָכאַמאָל אַ זידל אויס און טוט בייז, פון אונטערן שטערן, אַ קוק אַף סערגייען. זי דערקענט אים ניט און קערט זיך אָפּ. נאָר אַז סערגיי דערזעט דעם בייזן און איינצײַטיק גוטן קוק פון אונטערן שטערן, דאָס פולער געוואָרענע, נאָר ווי פריער פאַרדרויטלטע קורנאָסע און ליבלעכע פּאָנעם, דערקענט ער איר טייקעף און שרײַט אויס פון פאַרוווּנדערונג: ליליקאַ!... געווען איז זי ליליקאַ און ליליקאַ, קיינע האָט אַפילע איר פאַמיליע ניט געוווּסט, און איצט — כ׳בעט אײַך זייער, די באַרימטע בעטאָן־גיסערן סאַוויאַלאָוואַ!...

יעפּיפּאַנאָוו שיקט אַוועק די ביט און ענטפערט:

— פאַרוואָס זאָל ער ניט דולדן?... זי איז דאָך זײַן ווײַב! און מיטן ווײַב און מיט דעם ראַדיאָ, ווייסטו דאָך, קריגט מען זיך ניט.

און ער גיט אַ קישעף מיט די פינגער און שיקט אַוועק אַ צווייטע ביט דער פרויען־בריגאַדע.

נאָך דער אַרבעט הייבט זיך אָן דאָס לעבן אינעם איבערגעבויטן קלוב. פערגייען אַנטקעגן רײַסן זיך פון אַלע טירן קלאַנגען פון בלאָז־ און סטרונע־אינסטרומענטן, אומזיכער דיפּעט אַ פידל און איבער די אַלע קלאַנגען טראָגט זיך אַ פרײַע און שטאַרקע פרויען־שטימע, וואָס מאַכט גענייטונגען. אינעם זאַל פון פיזקולטור טרענירן זיך גימנאַסטן. באַ אַ מאָדעל פון אַן אַוויאָן זײַנען באַשעפטיקט פּלאַנירער. פונעם שיסער־לאָקאַל שפּרינגט אַרויס אַ יונגינקע בלאָנדע פרוי און שרײַט צו יעפּיפאַנאָוון:

— ליאָשאַ, מען וואַרט אַף דיר מיט דער רעפעטיציע!

זי דערזעט סערגייען און גריסט אים פרײַנטלעך:

— וואָס מאַכט איר, כאַווער? איר זײַט געקומען אַ קוק טאָן?

סערגיי וווּנדערט זיך אַף איר פרײַנטלעכקייט, נאָר ער דערמאָנט זיך אַף זײַן רויטאַרמייִשן מונדיר — דאָס עפנט ער פאַר אים אַלע טירן.

— לידינקאַ, באַווײַז אים דעם קלוב, — זאָגט יעפּיפאַנאָוו — און איך, ברודערקע, לויף אַוועק... און איך בין שוין ניט יעפּיפאַנאָוו, נאָר דער סויכער וואָסמיבראַטאָוו... דערוויַיל!

ער פאַרשווינדט אין איינער פון די טירן.

סערגיי הערט די פרויען־שטימע וואָס באַהערשט אַלע קוילעס.

לידינקאַ פלוידערט גערן, באַווײַזט דעם קלוב. און סערגיי שעמט זיך ניט און פרעגט באַ איר:

— און ווער איז סעקרעטאַר פונעם קאָמיוג?

— קרוגלאָוו אַנדריושאַ, אַ ווונדערלעכער באָכער!

— אַ סאַך אַלטע קאָמיוגיסטן זײַנען פאַרבליבן?

זי רופט אָן פאַמיליע־נעמען. קימאַט אַלע זײַנען אים באַקאַנט. פאַרשטייט זיך, קאַטיאַ און וואַלקאַ זײַנען מאַן און ווײַב. גענקאַ קאַליוזשני איז אין דער אַרמיי... זי האָט ניט אָנגערופן סיאָמאַ אַלטשולער.

— און סיאָמאַ אַלטשולער?

— פון וואַנען קענט איר אים?

— אַזוי, מיר איז אויסגעקומען...

לידינקאַ קוקט אַף אים מיט כשאַד און ענטפערט אײַנגעהאַלטן:

— ער איז דאָ. ער איז געווען אָפן געהילך־זאַוואָד, איצט איז ער אַף די דאָקן. דער לאָזונג איז איצט: „קאָמיוגיסטן בויען דאָקן”. אַלע קאָמיוגיסטן זײַנען דאָרט.

די פרויען־שטימע זינגט הינטער דער וואַנט:

אַף פעלדער געלע נידערט שטילע רו...

די שטימע... איז עס מעגלעך? ווי זי האָט דעמאָלט געזונגען... באַ דער אָזערע... זי האָט געזאָגט, אַז מוזיק גיסט זיך פונעם הימל... זאָל עס זײַן זי? ער וויל אַרײַנקוקן אין דער טיר, נאָר לידינקאַ שטעלט אים דערשראָקן אָפּ:

— ניין, ניין, אַהין טאָר מען ניט. דאָרט איז דער קרײַז פון סאָלאָ זינגען.

— ווער זינגט דאָס? אַזאַ שטימע!

— דאָס איז דער דירעקטאָר פונעם שפּיטאָל. אויך אַן אַלטע קאָמיוגיסטקע. און אַזאַ בראַווע! זי לערנט אינעם מעדיצינישן פאַקולטעט דורך

קאָרעספּאָנדענץ און זינגט אויסגעצייכנט. מען האָט זי געוואָלט שיקן אין דער קאָנסערוואַטאָריע, נאָר זי האָט ניט געוואָלט.

מײַן האַרץ איז פול מיט שיידונג אונדזוערער
און ביטערער באַדויערונג...
און יעדן טאָדל דײַנעם דערמאָן איך ווידער איצט...

די שטימע גיסט זיך אַ ניט־אײַנגעהאַלטענע, אַ קרעפּטיקער געוואָרענע, אַ קלינגענדיקע, אָנגעפּולט מיט אויפריכטיקער לײַדנשאַפט.

— וואַסיאַיעוואַ? — פרעגט סערגיי אַנטציקט.

לידינקאַ קוקט אויף אים שטײַף. איר פּנים ווערט זייער ערנסט.

— יאָ, — ענטפערט זי טרוקן — וואַסיאַיעוואַ. זי איז אַ כאַסענע געהאַטע, זי האָט צוויי קינדער. זי איז זייער גליקלעך.

זי פירט צו סערגייען צו דער טיר און לויפט אַרונטער הינטער דער בינע צו יעפּיפּאַנאָוון.

— דאָס איז גאַליצין?

— יאָ... פאַרשטייסט... איך האָב ניט געוווּסט ווי דיר צו זאָגן אים אין די אויגן.

— זאָגן, זאָגן! גיב בעסער אַ טראַכט, וואָס טוט מען איצטער... זאָגן איר אָדער ניט?

און סערגיי גייט איבער דער גאַס, אַ דערשלאָגענער, אַ דערדריקטער, אַ פאַרפאָלגטער פון דער לײַדנשאַפטלעכער שטימע, וואָס קלינגט אים אין די אויערן, אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט און וואָס אים האָט געגרעגט און געפּײַניקט אין די צוויי יאָר, האָט זיך מיטאַמאָל דורכגעריסן און בלענדט אים מיט שאַרפן ווייטיק. ער איז איינזאַם, פאַרלאָזט, אומגליקלעך אָן אַן עק. דאָס לעבן גייט זיך אָן אים. ער איז געוואָרן פאַר קיינעם ניט נייטיק. מען האָט אים פאַרגעסן. טאַניאַ, וואָס האָט אים אַזוי ליב געהאַט, האָט פאַרגעסן, זי איז גליקלעך, איז אַרומגערינגלט מיט אַכטונג... זי האָט צוויי קינדער... צוויי? שוין?... זי האָט, הייסט עס, באַלד כאַסענע געהאַט? איבעריקנס, וואָס גייט עס אים אָן! אַלצאיינס איז זי אים ווײַט, ווײַט, אומענדלעך ווײַט... און האַלטשאַנאָק... ווו איז איצט האַלטשאַנאָק? אויך זי איז ווײַט און גלײַכגילטיק... ער דערקענט אַלעמען, און אים דערקענט קיינער ניט. לילקאַ, די נאַרישע, פריילעכע לילקאַ, איז אויך איצט די באַרימטע בעטאָן־גיסערקע סאַוויאַלאָוואַ, אויך זי האָט אַ מאַן! אויך זי האָט אים ניט דערקענט... ער איז אַליין, אַ פאַרשטויסענער... אַ פרעמדער! אַ פרעמדער!

וואָס־זשע טוט מען? ער האָט כאַראַקטע געהאַט פאַרן קאָמיסאַר. ער האָט זיך ניט שלעכט אויפגעפירט אָפן מאַרש. אין צײַטונג איז אָפּגעדרוקט אַ דאַנק. צי דען אָבער איז דאָס גענוג? צי דען אָבער איז דאָס גענוג אַז אַלטע פרײַנט זאָלן אים מוחל זײַן, אים אָננעמען פאַר אַן אייגענעם? און אָן דעם, ווי קען מען לעבן? ווי קען מען אומגיין אין שטאָט אַ פרעמדער, ווען אַלץ איז אים דאָ טײַער, נאָענט, אינטערעסאַנט! ווי קען ער קוקן אין די אויגן די מענטשן וואָס קומען אים אַקעגן, ווען דער אַקעגנגעקומענער קען אים דערקענען און זיך אָפּקערן פון אים און זאָגן: „דעזערטיר... דו ביסט שפּעט געקומען. די גרעסטע שוועריקייטן זײַנען שוין איבערגעלעבט!...”

ניין, וויניק איז כאַראַטע צו האָבן פאַרן קאָמיסאַר. מען דאַרף צוגיין צו קרוגלאָוון, אים אַלץ דערקלערן און זאָגן: „פאַרגעסט! פרווט מיך אויס".

ער שוידערט אויף און בלייבט שטיין אינמיטן דער גאַס. קרוגלאָוו גייט אים אַקעגן מיט אַ צעשפּיליעטן קאָלנער באַם פעלצל, ניט געאייַלט, רויִק, ווי אַ מענטש וואָס איז זיכער באַ זיך. ער איז אַלץ דער זעלבער, נאָר דער אויסדרוק אָפן פּאָנעם האָט זיך געביטן. שאַרפער, מענערישער דאָס מויל, באַשטימטער די קנייטשן אָפן שטערן. און די אויגן זיינע אַנדערע — אָן דער יוגנטלעכער טרוימערישקייט, וואָס פלעגט אים באַלייַכטן מיט אַזאַ צאַרטער שיין, בעת די קאָמיוגיסטן פלעגן אַמאָל דיסקוטירן און טרוימען באַם פייער אין די קאַלטע נעכט. די אויגן זיינען טיפער, שטרענגער, קאָנצענטרירטער. אין זייער האַרטן בליק שפּיגלט זיך אָפּ די פאַרטיפטע אַרבעט פונעם מויעך, וואָס האָט אַ סאַך איבערגעטראַכט און איז געקומען צו קלאָרע אויספירן. אַ מענטש מיט אַזעלכע אויגן קען אַלץ פאַרשטיין, אויסהערן; מיט אים איז ניט שרעקלעך צו ריידן וועגן דעם פייגלעכסטן.

סערגיי שטייט אינמיטן גאַס און וואַרט אָפּ. אים שרעקן בלויז די ערשטע ווערטער, דער ערשטער בליק. ער צווייפלט ניט, אַז קרוגלאָוו וועט אים דערקענען. עס שטייט פאַר אים לעבעדיק די אומגליקלעכע נאַכט פון זיין אַנטלויפן. דאָס שיפל האָט זיך געדרייט אַף די כוואַליעס. קרוגלאָוו האָט געשריגן אין דער פינצטערניש אַריין מיט אַ פאַרצווייפלטן שטאַרקן קאָל: „יאַטן! קאָמיוגיסטן! קערט אייַך אום!..." געענטפערט האָט מען אים אין דער מאַמען און מיט דראָונגען.

ווי וועט ער איצט באַגעגענען? ווי זאָל ער אים מיט די ערשטע ווערטער איבערצייַגן, אַז דער פריִערדיקער גאַליצין איז מער ניטאָ, אַז יענער גאַליצין איז פון זיך אַליין פאַרשאַלטן?

פינף טריט טיילן זיי אָפּ... פיר... דריי...

קרוגלאָווס בליק האָט באַרירט סערגייען, איז באַלויכטן געוואָרן מיט גוט־ווינטשנדיקער פריינטלעכקייט... האָט ער אים דערקענט? איז ער ברויגעז? האָט ער געלייענט אין צייטונג? סערגיי וויל נעמען ריידן — און זאָגט גאָרניט. ער וואַרט...

נאָר קרוגלאָווס בליק גליטשט זיך אַוועק ווייטער.

קרוגלאָוו מאַכט פריי מיט די הענט, ער גייט פאַרביי דעם רויטאַרמייער, וואָס קוקט אַף דער נייער שטאָט, און גייט אַוועק ווייטער. ניט דערקענט! פאַרגעסן... גאַליצין עקזיסטירט שוין פאַר אים ניט, ער איז אַריין אין דער פאַרגאַנגענהייט, ער איז באַגראָבן אין די אַלטע צעטלען, וואָס זיינען אַריינגעגעבן אין אַרכיוו... און סערגיי קוקט אַף זיך אַזוי, ווי ער וואָלט מיט אַן עמעסן ניט עקזיסטירט.

IV

די בויונג טרעט אַריין אינעם סאַמע אָנגעשטרענגטן פעריאָד, ווען די אַזוי גערופענע „רעזיסטענץ־אָביעקטן" שטייען אינעם צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. פון צייכענונגען און פּלענער איז דער זאַוואָד אַריבער אָפן גרונט און שפּאַרט אַרויס פון אונטער די רישטאָוואַניעס. דער פאַרנעם פון דער אַרבעט ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ גרעסער. דאָס וואָס האָט זיך נעכטן געדוכט ניט דורכפירלעך, זעט היינט אויס נישטיק קליין. עס וואַקסט די

באַפּעלקערונג, עס וואַקסן די געהילף־אונטערנעמונגען. אַלע ציפערן, וואָס ווײַזן אָן דעם וווּקס פון דער בויונג, הייבן זיך אַף אַרויף איבער דער קרומער ליניע, און עס פעלן מענטשן און מאַטעריאַלן.

די הילף פון די בוי־טיילן איז דער פרישער און שטאַרקער שטראָם, וואָס האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין די אַלגעמיינע אָנשטרענגונגען און האָט געדאַרפט פילפאַך פאַרשנעלערן די טעמפּן. דער אָנקומענדיקער פרילינג איז דער ווענדפּונקט פון דעם אויסגעוויקלטן אָנגריף. מיטן געדאַנק צום פרילינג גרייט דראַטשיאַנאָוו אַלע אָנגרײַף־מיטלען און אַלס הויפּט־אויפגאַבע לייזט ער די פראַגע וועגן געהילץ. דער געהילץ־פּאַרגרייט גייט דעם גאַנצן ווינטער. די געהילץ־טיילן אַפן צווייטן ברעג זײַנען פאַרוואַלגערט מיט געהילץ. די לאַסט־אויטאָמאָבילן און די טראַקטאָרן פירן זיי אין דרײַ טורנעס מיט דעם אײַז־וועג איבערן אַמור. נאָר די לאַסט־אויטאָס און ניט די טראַקטאָרן קענען אַרויספירן די נייטיקע צאָל געהילץ ביז אָנהייב פרילינג.

ערעוו פרילינג, אין מאַרץ, ווערט געבוירן בײַ סיאָמאַ אַלטשולערן אין קאָפּ אַ פאַנטאַסטישער געדאַנק.

דראַטשיאַנאָוו און סיאָמאַ האָבן זיך ליב. „דאָס איז מײַן קאָמיוגישער קאָנטראָל, — זאָגט דראַטשיאַנאָוו וועגן סאָניאַ איסאַקאָוואַ — און דאָס איז מײַן קאָמיוגישער אײַנפאַל” — זאָגט ער וועגן אַלטשולערן. ער האָט ליב מיט סיאָמאַן צו כאַקרענען, זיך אָן אייצע צו האַלטן, געבן אים אַ שווערע אויפגאַבע. ער שיקט שטענדיק סיאָמאַן אַף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אָפּטייל, ווו ער איז שטענדיק נוצלעך מיט זײַן שאַרף אויג און מיט זײַן אײַנפאַל.

סיאָמאַ אַלטשולערס פאַנטאַסטישע אידעע האָט פאַראינטערעסירט דראַטשיאַנאָוון. זיי זײַנען אַרויפגעפאָרן אַפן אַמור, אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ, אַרויסגעקראָכן, זיך געסוידעט און געמאַכט מיט די הענט — סיאָמאַ ברייט, אָן אָפּהאַלט, דראַטשיאַנאָוו מיט קנאַפּע און קורצע באַוועגונגען. זיי זײַנען צוגעפאָרן צו די געהילץ־טיילן און ווידער זיך געסוידעט און געמאַכט מיט די הענט, און דערנאָך געהייסן דעם שאָפער וואָס שנעלער זיי צופירן צו דער ביוראָ, און דאָרט האָט דראַטשיאַנאָוו שנעל צונויפגערופן די אינזשעניערן און פאַרוואַלטער.

אין אַ טאָג אַרום הייבט זיך אָן אַן אומדערהערטע אַרבעט: אַף דער לענג פון איבער אַכט קילאָמעטער פון די געהילץ־טיילן ביז דער שטאָט האַקן אויס די אַרבעטער און די רויטאַרמייער אַ שמאָלן קאַנאַל אינעם אײַז פון אַ מעטער די טיף און אַנדערהאַלבן אין דער ברייט. אַ מאַסע פרײַוויליקע איז געקומען צו הילף. עס אַרבעטן די אינזשעניערן, דראַטשיאַנאָוו אַליין, וואָס גייט קימאַט ניט אַוועק פונעם קאַנאַל, כאַפּט פון צײַט צו צײַט אַ קירקע און פונעם אַקסל האַקט ער דאָס אײַז ביז זײַן שווערן גוף פעלט אויס אָטעם. „דאָס האַרץ בעט זיך, נאָר דער בויך לאָזט ניט”, — באַדויערט ער און לאָזט אַרויס די קירקע פון דער האַנט, נאָר ער הערט ניט אויף אומגיין אומפּאַרמאַטערט פון איין עק ביזן צווייטן. באַם ברעג, ווו די טראַקטאָרן פירן צו דאָס געהילץ, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ מעכטיקן פּלומפּ.

ווי נאָר די לעצטע קלעפּ פון די אינסטרומענטן האָבן פאַרענדיקט דאָס געלעגער פונעם קאַנאַל, איז דראַטשיאַנאָוו אַפן אויטאָ אַוועק צום געהילץ־אָפּטייל. לענגאויס דעם גאַנצן קאַנאַל, עטלעכע שפּאַן איינער פונעם צווייטן האָבן זיך אויסגעשטעלט מענטשן מיט קליוטשקעס אין די הענט. דאָ האָט גענומען אַרבעטן דער פּלומפּ. דאָס וואַסער האָט אַ פלייץ געטאָן איבער דער

אײַז־רינע, האָט אונטערגעכאַפּט די אײַז־שפּליטערס און אָפּגעוואַשן די אײַז־וועגטלעך און דערנאָך האָבן זיך איבער דער צעזאָטענער אויבערפלאַך אַ לאָז געטאָן די קלעצער.

— געגאַנגען! — שרײַט דראַטשיאַנאָוו און באַגלייט אַרויס מיט דער קליוטשקע דעם ערשטן קלאָץ.

— געגאַנגען! — שרײַט סיאָמאַ אַלטשולער און שטופּט אונטער דעם צווייטן.

באַ דעם צווישנשייד, וואָס טיילט אָפּ דעם ברעג פונעם קאַנאַל, קײַקלען די אַרבעטער אַריבער די קלעצער. די קלעצער פאַלן אַרײַן אינעם וואַסער און שפּריצן אָפּ די אַרבעטער מיט דעם קאַלטן וואַסער, און לאָזן זיך שווימען ניט גערן און ווי פאַרוווּנדערט איבערן קאַנאַל, טוקן זיך, קײַקלען זיך איבער און רײַבן זיך די זײַטן אָן די אײַז־ווענט.
— נאָ, נאָ, פריילעכער! — שרײַען די מענטשן און שטופּן אונטער די קלעצער.

אַזוי הייבט זיך אָן דאָס אומגעוויינלעכע געהילץ־טרײַבן.

די גאַנצע שטאָט לעבט אין די טעג מיט דעם קאַנאַל. די צײַטונג שרײַבט וועגן אים, מען רעדט וועגן אים אַף דער אַרבעט, אין די עס־זאַלן, מען טראַכט פון אים באַם אײַנשלאָפן. קינדער שפּילן זיך אין „אײַז־קאַנאַל". ניטאָ קיין איינער, קליין און גרויס, וואָס זאָל ניט געוועזן זײַן באַם טײַך, אָנקוקן דעם אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל. ניטאָ קיין איין אַרבעטס־פעיִקער מענטש, וואָס זאָל ניט האָבן געאַרבעט באַם קאַנאַל כאָטש עטלעכע שאָ. ייִנגלעך בעטן אויס ווי דאָס גרעסטע גענאָד מען זאָל זיי געבן אַ קליטשקע. די מיידלעך קריגן זיך מיט קרוגלאָוון און פאָדערן מען זאָל זיי שיקן צום קאַנאַל.

אַנדריי קרוגלאָוו אַליין פאַרברענגט אַ גרויסע טייל פונעם מעסלעס באַם קאַנאַל. ס'איז נאָך ווייניק די מענטשן אַרויסצופירן, באַזאָרגן מיט מענטשן די גאַנצע אַכטקילאָמעטערדיקע קייט — מען דאַרף אויך זאָרגן וועגן זיי, זיי זאָלן זיך ניט איבעראַרבעטן, ניט צוקילן זיך. די אַרבעט איז ניט קיין גרינגע. נאָר אין אָוונט ווערט שטאַרק קאַלט, איבער דער אָפענער אַמורער ראַכוועס, הוליעט דער ווינט, די קליוטשקע ווערט באַדעקט מיט אײַז, בריט די הענט, דער פראָסט כאַפּט דאָס וואַסער — מוז מען האַקן דאָס אײַז און דורכשטופּן די קלעצער! טרעפט אַ קלאָץ פאַרטשעפּעט זיך, פאַראַקשנט זיך, טאָר מען ניט באַדערן, עס קומען אונטער אַנדערע, קריכן איינער אַפן צווייטן. וואָס טוט מען? שטרענגט זיך דער מענטש אָן, צעהיצט זיך, שפּרינגט אַרויף אַפן קלאָץ קעדיי אים אונטערצוטונקען און גליטשט זיך אויס און טונקט זיך אַליין אונטער אין דער אײַז־וואַנע. און אינעם קאַנאַל זײַנען ווו ניט ווו פאַראַן גריבער — דאָס אײַז איז דורכגעהאַקט ביזן טײַך־וואַסער, דאָ איז אויך גרינג דערטרונקען צו ווערן, אויב עס זאָל אונטערן אײַז אַרונטערציִען. און טאָמער נעמט דורך דער ווינט נאַסערהייט, איז אויך ניט ווײַט פון אַ צאָרע.

די נאַכט איז אַ ווינטיקע, אַ פראָסטיקע, ווען אַנדריי קרוגלאָוו מיט דעם קאָמיסאַר גייען אַרויס אַף רעוויזיע איבערן קאַנאַל. די מענטשן אַרבעטן אָנגעשטרענגט מיט די קליוטשקעס, צי ס'איז נייטיק צי ניט, אַבי זיך אָנצוּוואַרעמען.

אַנדריי שלאָגט זיך אָן אַף קאַטיאַ סטאַוראָוואַ.

— וואָס טוסטו דאָ?

— דאָס וואָס אַלע, שפּאַרט זיך קאַטיאַ אָן אַף דער קליוטשקע אַוועקצושטופּן אַ פאַרהאַלטענעם קלאָץ.

— מען האָט דאָך עפּעס געזאָגט...

— רײַב דיר אויס די אויגן. איך בין דאָ איינע, צי וואָס?

אַנדריי קוקט זיך אײַן און דערזעט אויך קלאַוואַן, און לילקאַן, און סאָביאַן, און נאָך מיידלעך.

— בייזער זיך ניט, אַנדריושאַ! — שרײַט קלאַוואַ — וועסט אַלצאיינס מיט אונז גאָרנישט ניט מאַכן.

דער קאָמיסאַר לאַכט.

— מיט פּרויען, ברודער, איז שווערער צו קאָמאַנדעווען ווי מיט זעלנער. מיר קענען אונדזערע יאַטן אַן אַנדערשמאָל ניט אַוועקטרײַבן פון דאַנען. דערלויבט און דערלויבט, — וואָס קענסטו מאַכן?

זיי גייען צו צום טייל קאַנאַל ווו עס אַרבעטן די זעלנער. אין דער באַכטיקער פינצטערניש קען מען ניט דערקענען קיין פּענעמער, נאָר מען זעט ווי פלינק און שנעל די יאַטן אַרבעטן.

— פרירט איר ניט, כאַווײרים?

— מיר דאַרפן ניט ערשט זיך צוגעוווינען, כאַווער קאָמיסאַר — אַפן מאַרש פלעגט אַמאָל זײַן נאָך קעלטער!

ווען די קרומע שטשערבאַטע לעוואָנע קומט אַרויס פון אונטער דער כמאַרע און באַלײַכט מיט איר שײַן די אָנגעשטרענגטע געשטאַלטן פון די זעלנער און די שוואַרצע זיך קײַקלענדיקע קלעצער, וואָס שווימען פאַרבײַ זיי, דוכט זיך, אַז דאָס זײַנען גאָרניט קיין קלעצער, נאָר אַזעלכע שווערע מאָנסטערס מיט טעמפּע פיסקעס פאַריאָגטע אַף דער יאַגד; די מענטשן שטעכן זיי אין די זײַטן, ניט מיט קליוטשקעס, נאָר מיט שאַרפע פּיקעס, און די מאָנסטערס קריכן, קריצן מיט די ציין, ריטשען פאַר כּעס, שפּרינגען אונטער פאַר ווייטיק און אײַלן זיך אַוועקצוקריכן. די לעוואָנע פאַרגייט און די אומפאַרשטענדלעכע געשטאַלטן ווערן נאָך פאַנטאַסטישער, נאָך אומגעוויינלעכער דאָס ריטשען פון דעם טויטן האָלץ און דאָס שיפּען פונעם אײַז.

— דערלויבט אײַך צו מעלדן, כאַווער קאָמיסאַר.

— וואָס איז?

— דאָ איז פאַראַן אַ זעלנער וואָס אַרבעט שוין די צווייטע טורנע פרײַוויליק, נאָך אין אָוונט האָט ער זיך אונטערגעטונקען אין קאַנאַל און ער וויל ניט אַוועקגיין. מיר שרעקן זיך פאַר אים, וואָרעם דער מענטש איז ניט באַ די געדאַנקען.

— ברענגט אים נאָר אַהער!

— היי, סעריאָזשקאַ, סעריאָגאַ!

קרוגלאָוו קוקט זיך אײַן צו דער צוגעקומענער געשטאַלט. דער זעלנער קען זיך בעשום אויפן ניט אַוועקשטעלן ווי געהעריק, מיליטעריש אויסגעצויגן. מען פילט ווי דער מענטש ציטערט מיט אַ היפּשן פיבערדיקן ציטער.

— פאַרוואָס זײַט איר ניט געגאַנגען אַפן מעדיצינישן פונקט?

— איך בעט מיר מויכל זײַן, כאַווער קאָמיסאַר. דערלויבט אָפּאַרבעטן ביז דער טורנע.

— סאָראַ מענטש איר זײַט! איר ווילט קראַנק ווערן? — דער קאָמיסאַר רירט אָן זײַן נאַסן צוגעפרוירענעם אַנטאָן — איר פיבערט דאָך! אײַער פאַמיליע?

דער זעלנער שווײַגט. ער קוקט קרום צום קאָמיסאַרס באַגלייטער. דער־נאָך רײַסט זיך אַרויס בײַ אים מיט אַן אומזיכערן קאָל:

— דאָס בין איך, כאַווער קאָמיסאַר, גאָליצין... דערלויבט מיר בלײַבן.

קרוגלאָוו ציטערט אויף. ניט אַזוי ווײַל אים איז קענטלעך דאָס קאָל, נאָר ווײַל ער דערשפּירט אַז דאָס קאָל ציטערט ניט בלויז פון פיבער. יאָ, דער זעלנער האָט עפּעס אַ שײַכעס צו אים, און ער דאַרף זיך נאָר דערמאָנען וואָסערע...

— דערלויבן קען איך ניט און דערלויבט ניט, — זאָגט ווייך דער קאָמיסאַר — באַגייט ניט קיין נאַרישקייטן, גאָליצין.

די לעוואָנע האָט אַ קוק געטאָן און איז ווידער אַרונטער אונטער דער כמאַרע. אין דעם פאַרבײַגעלאָפענעם שטראַל, וואָס באַלויכט דעם זעלנער, דערזעט קרוגלאָוו אַ באַקאַנט פּאָנעם און ברענענדיקע אויגן. און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך דעם לאַנג פאַרגאַנגענעם אָוונט אַפּן ברעג אַמור, די אָפּ־גייענדיקע שיף, און די ניט לאַנגסטיקע באַגעגעניש, ווען דער זעלנער איז געשטאַנען אינמיטן וועג און האָט שטײַף געקוקט אַף אים ווען ער איז אים אַקעגנגעקומען, ווי ער האָט דערשראָקן (און ווי אַנדרייען האָט זיך דעמאָלט געדוכט, פאַרשעמט) געשמייכלט.

— וואָס מאַכסטו, גאָליצין, מיך פרייט וואָס דו ביסט צוריקגעקומען, — זאָגט ער און דערלאַנגט אים די האַנט — אַקשן דיך ניט. דײַן לעבן וועט נאָך צו נוץ קומען. ריכטיק?

פון סערגייס אויגן גיבן אַ פלייץ די טרערן. זיי קײַקלען זיך און ווערן פאַרגליווערט אַף די באַקן.

— שנעל, שנעל, געגאַנגען! — זאָגט דער קאָמיסאַר.

סערגיי לייגט אַוועק די קליוטשקע און ער לאָזט זיך גיין מיט אַן אומזי־כערן טראָט צו דער שטאָט.

— איך דאַרף אײַך דערציילן וועגן אים, — זאָגט דער קאָמיסאַר — נאָר זעט, מען דאַרף אַרויסרופן אַן אויטאָמאָביל. ער איז דאָך אינגאַנצן קראַנק.

ווען דער דעזשורנער אויטאָמאָביל קומט צו, איז שוין סערגיי אין פולן פיבערדיקן צושטאַנד. קרוגלאָוו העלפט אים אַרײַנלייגן אינעם אויטאָ. סערגיי כאַפּט זיך אויף, כאַפּט אָן אַנדרייען פאַרן אַרבל און מורמלט אַרויס:

— אַנדריושאַ... איך...

— איך זע אַליין. ליג. איך וועל צו דיר אַרײַנגיין.

סערגייעז פירט מען אַוועק אין שפּיטאָל

טאָניאַ וואַסיאַיעוואַ מיט דער פאַמיליע וווינט אין אַ הילצערנעם פליגל אַפן שפּיטאָל־הויף. דאָ לעבט זיך איר רויקער, ווײַל איר זאָל ניט אויסקומען צו אַרבעטן. די קינדער זײַנען בײַ דער זײַט. די ייִנגערע האָט זי נאָך ניט אַנטוויינט, און דער עלטערער איז אַ געזונטער באָכערעץ, וואָס קען אַף אַן אָרט ניט אײַנזיצן; מען מוז אַף אים גוט אַכטונג געבן.

אינעם פליגל איז וואַרעם און שטיל. טאָניאַ שלאָפט מיט דעם לײַכטן שלאָף פון אַ מוטער, וואָס איז געוווינט זיך אײַנצוהערן צום קינדס אָטעם. דאָס קינד דרייט זיך, קרעכצט, נאָך אַ פאַרשלאָפנס, נאָר עס פילט שוין די צײַט פון זייגן. טאָניאַ טאַפּט אָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, עפנט אַן אויג און זעט אַז עס איז שוין צײַט אָנצוזייגן דאָס קינד.

סיאָמאַ איז ניט לאַנג ערשט געקומען פונעם קאַנאַל, נאָר ער שלאָפט

אויך אַזוי לײַכט ווי די מוטער, — קיין שום פאַרמאַטערונג קען ניט אָוועקרוקן אַן אַ זײַט דעם געדאַנק וועגן די קינדער. פון טאָניאַס ערשטער באַוועגונג, כאַפּט ער זיך אויף.

— איך וועל זי דיר דערלאַנגען, — זאָגט ער — און שפּרינגט אַראָפּ פונעם בעט.

ער נעמט אַרויס געהיט און געניט דאָס טעכטערל פונעם וויגל און דערלאַנגט עס טאָניאַן. דאָס טעכטערל נעמט טשמאָקען מיט די ליפּן און פּישטשעט.

— באַלד, סוויעטאַ, באַלד, פּיצעלע — רעדט טאָניאַ, האַלט דאָס קינד און ווישט זיך אָפּ די ברוסט. זי אַליין איז קימאַט נאָך ניט געשלאָפן, נאָר דאָס ניט אויסשעפּיקע פאַרגעניגן פילט זי שוין אָן — דער פאַרגעניגן פון אָנזייגן דאָס אייגענע קינד.

סוויעטלאַנאַ עפנט דאָס מײַלכל און קרעכצט אַלץ שטאַרקער. טאָניאַ גיט איר די ברוסט. דאָס מיידעלע טוליעט זיך אײַן מיט די פויסטלעך, פּירט מיט די געניטע ליפּעלעך, דערנאָך ווען עס געפינט שוין, כאַפּט עס אָן מיט אַ קרעכץ דאָס וואָרצעלע און שטילט זיך אײַן. פאָטער און מוטער שמייכלען, הערן ווי פלײַסיק און שנעל דאָס זייגט.

הינטערן פענצטער דערהערט זיך דער פײַף פון אַן אויטאָמאָביל. טאָניאַ איז אָנגעשפּיצט.

— אַוואַדע פונעם קאַנאַל.

— זאָל איך גיין אַ קוק טאָן ?

— ניין, איכל אַליין. אַלצאיינס, מוז מען דאָך פאַראָרדענען. שלאָף, סיאָמאַ.

סוויעטלאַנאַ זויגט אַלץ פאַמעלעכדיקער, פון צײַט צו צײַט ווערט זי גאָר אײַנגעשלאָפן און מיטאַמאָל, כאַפּט זי ווידער דאָס זויג־שפּיצל מיט דער אומפאַרמאַטערלעכקייט פון אַ יונג כאַיעלע.

טאָניאַ הערט זיך אײַן צו די דרויסנדיקע קוילעס — אַ סקריפּ פון דער טיר אַפן בלאָק, מען רעדט, דער אויטאָמאָביל פאָרט אָפּ. זיי לייגן אַרײַן אין וויגל דאָס שלאָפנדיקע קינד, טוט זיך אָן, נעמט אַף זיך דעם ווײַסן כאַלאַט און לויפט דורכן הויף אין שפּיטאָל אַרײַן.

די דעזשורנע קראַנקן־שוועסטער קלערט איר אויף אין וועג ווען מען האָט געבראַכט און וואָס מען האָט געטאָן. די שוועסטער קען זיך ניט באַשליסן צי זאָל זי טייקעף אַרויסרופן דעם דאָקטער אָדער מען קען אָפּוואַרטן ביז אינדערפרי.

— ווי הויך איז די טעמפּעראַטור ?

— אַכט און דרײַסיק מיט נײַן. שטאַרקער שוידער.

— איך וועל אים אַליין באַקוקן.

זי בייגט זיך איבער איבערן קראַנקן און אין דער רעגע גלײַכט זי זיך האַסטיק אויס. זי לאָזט קיין איין קלאַנג ניט אַרויס, נאָר אַ בלייכקייט צעגיסט זיך איר איבערן פּאָנעם און די פינגער קרעמפּן זיך איר.

דער קראַנקער עפנט ניט די אויגן, זײַנע טרוקענע ליפּן באַוועגן זיך, די אונטערשטע וויעס זײַנען אײַנגעפאַלן. דער קאָפּ איז אינגאַנצן אויסגעראַזירט. און די אומבאַקאַנטע ליניע פונעם הוילן שאַרבן בינדט זיך ניט מיט די שטאַרק באַקאַנטע, שטאַרק נאָענטע שטריכן פונעם גרויסן שיינעם פּאָנעם.

— וואָס באַשליסט איר מיקויעך דעם דאָקטער ? — פרעגט די קראַנקן־שוועסטער.

טאַניאַ קוקט זיך אום. וואָס ?... וואָסער דאָקטער ? וואָס זאָגט זי ?... וואָס קער זיך דאָ אָן דער דאָקטער ?... טאַניאַ ענטפערט ניט און עסט זיך ווידער אײַן מיט די אויגן אינעם מענטשן וואָס ליגט פאַר איר.

ער רירט זיך, די וויִעס ציטערן.

זי קערט זיך האַסטיק אָפּ און שטעלט אָן איר בליק אַף דער שוועסטער, אַ ניט פאַרשטאַנדיקן, אַ פולן מיט שרעק.

— מען האָט אײַך פונעם שלאָף אויפגעוועקט... — זאָגט די שוועסטער.

— וואָסער שלאָף ? איז זי געשלאָפן ? ווען איז עס געווען?... סוויעטלאַב־קאַ האָט באַ איר געזויגן די ברוסט, געטשמאַקעט מיט די זשעדנע ליפּעלעך... איז עס מיט אַן עמעסן געווען ?... נאָר וואָס ?... נאָר אויב אַזוי — סאַראַ שרעקלעכער כאָלעם ! טרעפט אַמאָל, זאָגט מען — דו פאַרגעסט זיך און זעסט אין כאָלעם אַזוינס וואָס מאַכט דיך אויפשרײַען, און ווען דו כאַפּסט זיך אויף, ביסטו אָפּגעגאָסן מיט שווייס און פילסט אַ מוירעדיקע שוואַכקייט אינעם גאַנצן לײַב. אומגעקוקט, זעט זי ווי דעם קראַנקנס אויגן צעעפענען זיך און זײַנען צו איר צוגעשמידט. עס ווילט זיך איר אַנטלויפן, אַנטלויפן וואָס גיכער.

— די מינוט וועקט אויף דעם דאָקטער, — זאָגט זי גאַנץ דײַטלעך — און גרייט צו קאָמפּרעסן.

די שוועסטער גייט אַרויס. ווי נאָר די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער איר, דערפילט טאַניאַ מיט איר גאַנצן וועזן, אַז זי איז מיט אים געבליבן אַליין. און אַנטלויפן איז שוין שפּעט, אומנוצלעך, אוממעגלעך.

— גיט... מיר... די האַנט — בעט שטיל סערגיי.

זי באַהערשט זיך, נאָר קעדיי אויסצובאַהאַלטן פון אים איר טיפע, אַב־סאָלוטע הילפלאָזיקייט.

— גיט... — זאָגט ער ווידער און שטרעקט אויס די האַנט.

זי נעמט שטרענג אָן די האַנט און טאַפּט אָן דעם פולס. דער פולס שלאָגט ניט גלײַך, שנעל, הילכיק.

— באַם אָטעמען טוט וויי ? — פרעגט זי הילכיק־רויִק.

— טאַניאַ...

— ליג רויִק, סערגיי. באַלד וועט דער דאָקטער קומען.

זי באַפרײַט איר האַנט און לויפט צו דער טיר, נאָר אַ בעטנדיקער גע־מורמל שטעלט זי אָפּ :

— גיי ניט אַוועק.

זי גייט לאַנגזאַם צו. ער קוקט מיט אַ נעבעכדיקן בעטנדיקן בליק. ווער פון זיי ביידן איז שוואַכער ? ווער פון זיי איז נעבעכדיקער ?

— טאַניאַ, איך דאַרף גאַרניט... זײַ מיר מויכל... — דערהערט זי דעם זעלביקן געמורמל.

ווי פײַנלעך עס פאַלט אײַן דאָס האַרץ... און עס ווערט אַלץ שווערער צו אָטעמען !

— וועגן דעם דאַרף מען ניט ריידן, — זאָגט זי אים דײַטלעך — דאָס פירט צו גאַרניט.

— זײַ מויכל.

— איך בין מויכל. און... איך מוז גיין.

זי לויפט אַרויס פונעם זאַל און בלײַבט שטיין בײַ דער טיר.

עס קומט איר אַן אַקעגן דער דאָקטער.

— וואָס איז מיט אײַך, אַנטאָנינאַ אַודייעוונאַ ?

— גאָר־ניט.

אירע ליפּן טרייסלען זיך. זי לאָזט אַדורך דעם דאָקטער און בלײַבט שטיין אינעם קאָרידאָר. זי הערט ווי סעמיאָן ניקיטיטש שטעלט פראַגן, הייסט אָטעמען, ניט אָטעמען, טיפער... ער גייט באַפעלן דער קראַנקן־שוועסטער.

ווען ער קומט אַרויס, גייט טאַניאַ צו צו אים און זאָגט אים שטיל:

— ראַטעוועט אים.

— ער איז אויסער יעדער געפאַר. וואָס איז אײַך, טאַניאַ ? וואָס פעלט אײַך אײַך ?...

— אָך, מיר איז אַלצאייגס ! — זאָגט זי און גייט אַוועק.

אין דער היים גייט זי צו אַף די שפּיץ פינגער צום קינדערשן בעטל. וואָלאָדיאַ ליגט אַפן רוקן, מיט די הענטלעך לײַכט אײַנגעבויגן אין די עלנבויגנס. די רויטע פּײַכטע ליפּלעך אָפן. רו... רו און רויקע זאַטקייט באַלײַכטן דאָס ריינע געזונטע ווזן. טאַניאַ שטייט און קוקט. ערגעץ האָט אַ טיר אַ קלאַפּ געטאָן. טאַניאַ בייגט זיך שנעל אָן, דעקט צו מיט דער קאָלדרע און פאַרשטעלט מיט זיך דאָס קליינע קערפּערל. איר האַרץ קלאַפּט אַזוי הויך, אַז איר דוכט זיך מען קען עס הערן.

— ער איז אַזאַ אַפּעטיטנער ווען ער שלאָפט, ניין, טאַניאַ ?

זי ציטערט אויף און טרעט אָפּ פונעם בעטל. זי פאַרשטייט קוים וואָס סיאָמאַ זאָגט, וואָס ער זאָגט איר און וועגן וואָלאָדיאַן. ווען זי ליגט שוין אין בעט, מיט די געפּדוירענע פּיס אײַנגעצויגן, פאַרשטייט זי ערשט, וואָס ער האָט געזאָגט — אַז ער איז ניט געשלאָפן, אַז ער האָט געוואַרט אַף איר, אַז אויך ער האָט זיך געשפּיגלט אין דעם שלאָפנדיקן יינגל, אַז ער האָט אים ליב... ער ? !

— עפּעס ביסטו צערודערט, טאַניאַ ?

— איך, ניין, ניין, וואָס פעלט דיר אײַן...

— דו שלאָפסט ווייניק... ביסט מיד, יאָ ?

— וואָס ?... יאָ, יאָ. אַ ביסל.

זי צווינגט זיך פאַרשטיין און ענטפערן.

— עס מאַכט ניט, טאַניעטשקאָ. וועסט זי אינגיכן אַנטווייגען, וועט גרינגער ווערן.

סוויעטלאַנאַ נעמט זיך פלוצעם וועקן און כניקען. טאַניאַ ליגט און הערט זיך ניט צו. דערנאָך דערגייט צו איר באַוווסטזײַן דעם קינדס געוויין. ווער איז עס ? אָך, יאָ, סוויעטלאַנאַ ! די טאָכטער. זייער טאָכטער...

— ליג, ליג, טאַניעטשקאָ, איך וועל זי אַליין איבערוויקלען.

טאַניאַ קוקט ווי ער באַוועגט זיך פלינק. דערנאָך פאַרמאַכט זי די אויגן, קעדיי ער זאָל מיינען, אַז זי שלאָפט.

סיאָמאַ קומט צו. זי דערפילט, אַז ער שטייט לעבן איר און קוקט אַף איר. ער פאַרהאַלט דעם אָטעם, בייגט זיך אָן און גיט איר פאַרזיכטיק אַ קוש אינעם שלייף און גייט אַוועק. אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט און צערטלעכקייט נעמט זי אַרום. ווי גוט ! ווי רויק !

רויק ? ניין !... דער געדאַנק פלאַטערט, ער פאַרטרײַבט די רו. ער איז צוריקגעקומען. צוריקגעקומען. דאָ. דערבײַ. „זײַ מויכל...” אַ געראַזירטער

קאָפּ און די באַקאַנטע אויסגעשטודירטע שטריכן... קיין רו איז ניטאָ. נאָר מידקייט... אַך, ווי מיד!... צוריקגעקומען! אַלצאיינס. זאָל זי נאָר שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן, ניט טראַכטן.

V

דער דריטער פרילינג פון דער נײַער שטאָט איז ווי באַזונדער צעבליט און פריילעך. איבער דער גאַנצער שטאָט פלאַנצט מען יונגע ביימלעך, מען אָרדנט אײַן בלומען־בייטן און געשוירן גראָז. ס׳איז שוין אָפן דער שטאָט־גאָרטן מיט הוידלקעס, מיט אַן עסטראַדע און מיט אַ בופעט. טישלעך שטייען אינעם גאָרטן, אונטער ברעזענטן, אין אָוונט ווערן זיי באַלויכטן מיט קאָלירטע לאַמטערנדלעך.

— געדענקסט, סיאָמאַ, האָסט געטרוימט אין שפּיטאָל? — זאָגט פּעדיאַ טשומאַקאָוו.

— אַהאָ! ס׳וועט נאָך זײַן, גוטער ברודער! דאָס איז ערשט אַן אָנהייב.

פרילינג ווײַזט זיך אַרויס וויפל קינדער עס זײַנען פאַראַן אין דער נײַער שטאָט. קינדער זײַנען פאַראַן קליינע און גרויסע, אָרטיק געבוירענע און מיטגעבראַכטע. זיי פילן אָן די גאַסן מיט זייערע שפּילערײַען און געשרייען. זייערע לעבעדיקע גאָמבעלעך קוקן אַרויס פון אַלע פענצטער.

— אָט איז ער, דער צוּוווּקס פון דער באַפעלקערונג! — זאָגט טאַניושאַ דער שרעק פון די יאַמען — מיר באַמיִען זיך פאַר דער נײַער שטאָט.

טאַניושאַ איז מיטגליד אינעם שטאָטראַט און פאַרנעמט זיך מיט שטאָטישן קאָמפאָרט. די ייִנגלעך פון דער גאַנצער שטאָט קומען צו איר צו לויפן אַפן ערשטן רוף; זי רופט זיי „מײַן קאָמאַנדע" און זיי גיט זי איבער אָפּהיטן די געפלאַנצטע ביימלעך און די בלומען־בייטן. איר דיקער געוואָרן און דאָך באַוועגלעך פיגורל באַווײַזט זיך יעדן טאָג אין די עס־זאַלן, אין די באַראַקן, אין שול, אין די קראָמען. זי האָט אַן אַקטיוו — די פרויען פון די אינזשעניערן און אַרבעטער. זי איז ענערגיש, שרײַעריש און פריילעך. אירע שטילע בלויע אויגן און קלינגענדיקער מאָנענדיקער קאָל מאַכט צו זיך אונטערטעניק אַלע אומגעהאָרכזאַמע. די ביוראָקראַטן האָבן מוירע פאַר איר. דער מאַן וווּנדערט זיך און עס פרייט אים. ער האָט געפירט אַהער איין טאַניושאַ, און געבראַכט האָט ער אַן אַנדערע. ווו איז אַהינגעקומען איר וואָרטשען, איר אַפּאַטיע, אירע קאַפּריזן און בייזע טרערן? צום ערשטן מאָל פאַר די צען יאָר וואָס זי האָט מיט אים כאַסענע געהאַט, לעבט זי מיט אים בעשאָלעם. נאָר די ליבע איז אַ טעטיקע — טאַניושאַ האָט אַרײַנגעצויגן דעם מאַן אין אירע אַסאָקים, זי קריטיקירט אָן ראַכמאָנעס זײַן אַרבעט און מאַכט סקאַנדאַלן ווען אין זײַן צעך ווערט ניט אויסגעפילט דער פּלאַן. שטעלסט זיך אַליין און מיך צו ביזאָיען! — שרײַט זי — ווי קען איך מאָנען פון מײַנע מענטשן, אַז מײַן מאַן שלעפּט זיך אינעם עק?"

ער פּרוּווט זיך פאַרענטפערן, אָנגעבן סיבעס... „איך וויל פון גאָרניט הערן! איז עמעצער שולדיק אָדער ניט? שלעפּ אים אַרויס און טו אים אויס נאַקעט! מיט אָביעקטיווע סיבעס זאָלסטו מיר דאָס מויל ניט פאַרשטאָפּן, איכל זיך שוין פונאַנדערקלײַבן, וואָס וויפל".

זי איז געלעגן געוואָרן מיטן דריטן קינד און מאַכט עס גאָר גרינג, אומבאַמערקט, אינצווישן.

— וואָס איז דאָ צו ריידן פון שוועריקייט ? — ענטפערט זי פריילעך, ווען פרויען פילן זי מיט — מיט וואָס דאָס איז אַ צאָרע, פאַרשטייט איך ניט ! שווער איז נאָר דאָס ערשטע, דערנאָך גייט עס שוין איינס נאָכן צווייטן. זאָלן זיי וואַקסן ! דאָס לעבן איז אינטערעסאַנט. לעב און לעב. און פאַר זיי וועט עס זײַן נאָך אינטערעסאַנטער.

פונדעסטוועגן, האָט זי גוט פאַרשטאַנען ווי שווער עס איז צו זײַן אַ מאַמע, און אַף איר איניציאַטיוו האָט מען אויסגעבויט אַ קינדער־קאָמבי־נאַט מיט יאַסליעס און אַ קינדער־היים. די קאָמיוגיסטקע קלאַוואַ מעלניקאָוואַ האָט מען אַראָפּגענומען פון דער פּראָדוקציע און מען האָט זי געשיקט קיין מאָסקווע אַף קורסן פון פאַר־שול אַרבעטער. די רויטאַרמייער זײַנען געקומען צו הילף און האָבן שלאָגלעריש, אין צוויי כאַדאָשים אויפגעבויט דעם ביניען פונעם קאָמבינאַט.

ווען קלאַוואַ איז צוריקגעקומען פון מאָסקווע, האָט מען אינעם ביניען פאַרענדיקט די אויסשטאַטונגס־אַרבעט, און קלאַוואַ וואַרפט זיך אַרײַן שוין פונעם ערשטן טאָג איבערן קאָפּ אין דער אַרבעט. אַף איר באַשטעלונג מאַכן די סטאָליערעס טישעלעך, בענקעלעך, פּאָליצקעלעך, קוביקעס. אונטער דער פירונג פון דעם שרעק פון די יאַמען, נייען די פרויען פוירהענגלעך, לײַלעכער, ציכלעך, קינדערשע קליידונג, צעראַטענע ברוסט־טיכלעך. קלאַוואַ אַליין טראָגט זיך פונעם קאָמבינאַט צום ניי־וואַרשטאַט, פונעם ניי־וואַרשטאַט צו דער סטאָלערײַ, צו דער אָראַנזשערייע, צום פאַרוואַלטער מיט דער ווירטשאַפט, צום גרינס־גאָרטן, צום שעף פון דער בויונג, צום מעכאַנישן צעך, איבער די באַראַקן — זי באַקומט זייף, טעפּ, בערשטלעך, באַקן, קראַנען צו דער וואַ־סערלײַטונג, מופטעס, זי מאַכט אָפּ וועגן בלומען און גרינסן, שטעלט פעסט דאָס צעטל פון די קינדער.

— צָך, דאָס מיידל ווערט אינגאַנצן פאַרשלונגען אין אַרבעט, — זיפצט שטיל דער שרעק פון די יאַמען — זי וואָלט זיך שוין אַן אייגנס געמעגט אײַנשאַפן !

קלאַוואַ איז אויסגעוואַקסן, קרעפטיק געוואָרן, שענער אַפילע. זי איז פונדעסטוועגן געבליבן אַ שעמעוודיקע, אַ צערטלעכע, מער ניט איר צאַרטער און שטאַרקער ווילן איז באַשטימטער געוואָרן : אין דער אַרבעט איז קלאַוואַ צודרינגלעך און אומבייגיק.

— כאַווער דראַטשיאַנאָוו, איך קום צו אײַך — זאָגט זי, ווען זי קומט אַרײַן אין קאַבינעט צום נאַטשאַלניק פון דער בויונג — ווי איר ווילט, נאָר איר מוזט פערזענלעך אָנדריקן אַף דעם באַזאָרגונגס־אָפּטייל.

— וואָס דאַרפט איר ?

— איך דאַרף הונדערט קינדערשע טעפּלעך — שמייכלט זי פאַרלעגן, נאָר אַנטשלאָסן.

— הונדערט טעפּלעך ?

— יאָ, הונדערט. יעדן זײַנס. אַזוי איז אין אַלע מוסטער־אינסטיטוציעס. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן קיין צײַט ניט זיך צו פאַרנעמען מיט טעפּלעך. און איך וועל אָן די טעפּלעך ניט דערעפענען, דאָס גאָר.

אָן אַנדערס מאָל פאָדערט זי פרעמיעס :

— מיר האָבן צו דער דערעפענונג פאַרבעטן די בעסטע שלאָגלער. און אויב איר וועט ניט געבן קיין פרעמיעס, וועל איך זיך שעמען זיי אין די

אויגן צו קוקן! לויטן פּלאַן, דאַרף איך האַלטן אַ רעדע, און איר וועט מיר מײַן ווידע קאַליע מאַכן.

אָפּט קומט זי צו אַנדריי קרוגלאָוון. שוין לאַנג, זינט דינאַ איז אַוועק־געפאָרן, אַז זיי מײַדן זיך אויס. ער קוקט איר נאָך מיט צאַרטער סימפּאַטיע, נאָר צוגיין צו איר, אַנטשליסט ער זיך ניט. און זי... עפּשער וואַרט זי ער זאָל צוקומען דער ערשטער, און איינצײַטיק האָט זי מוירע דערפאַר? עס קומט אַרויס דערפון אַז זיי באַגעגענען זיך ניט.

איצט, אַ פאַרדײַגעטע, אַן ענערגישע, אַן אָפּגעצערטע פונעם אומלויפן, אַן אויפגעהײַטערטע מיט אירע ניצכוינעס, קומט זי צו אים אַ דרײַסטע.

— אַנדריושאַ, איך נייטיק מיך איצט אין אַ גוטער קאַמיוגיסטקע פאַר אַ פאַרוואַלטערן מיט דער ווירטשאַפט. לאָמיר נאָר אַ טראַכט טאָן, וועמען נעמט מען. זי זאָל זײַן אַ ווירטן און זאָל ליב האָבן קינדער.

— אַנדריושאַ, אינעם פּלאַן נעם איך אַרײַן שמועסן פון אַלטע קאָמיוניסטן: וויאַזוי מיר האָבן געבויט די שטאָט. דײַן שמועס איז דער ערשטער.

טיילמאָל פאָדערט זי:

— אַנדריושאַ, גיי צו אין דער מעכאַנישער, וואַרעם אונטער. מיט די שלעסלעך צי׳ען זיי אָפּ שוין די צווייטע וואָך. איך קען דאָך ניט, מען וועט באַ מיר דאָס וועש צעגאַנווענען.

אַנדריי קוקט זיך צערטלעך אײַן אין איר ליכטיקן פאַרדײַגעטן פּאָנעם. אונטער זײַן בליק רויטלט זי זיך, אירע אויגן ווערן נאָך ריינער, נאָך קלאָרער.

— בעט איך דיך, אַנדריושאַ, — זאָגט זי נאָכאַמאָל — גיי צו.

— נו, פאַרשטייט זיך, קלאַוואַ. נאָך הײַנט וועל איך עס טאָן.

זי לויפט אַוועק און שפּרינגט אונטער פון פאַרגעניגן, וואָס אַלץ קומט אַרויס גוט. און קרוגלאָוו פאַרטראַכט זיך און ווערט אומעטיק. דאָס מיידל האָט אים ליב געהאַט. וואָס שטערט אים? פון וואַנען נעמט זיך צו אים די ניט אַנטשלאָסנקייט און די מוירע?... די צײַט גייט. האָט זי אים נאָך איצט ליב? ער איז ניט זיכער. נאָר זי האָט קיין אַנדערן ניט ליב. און פאַראַן איז אין איר עפּעס אומבאַהאַלפנס און צאַרטס ווען זי ווענדט זיך צו אים, און שוין צו געשעפטלעך איז איר טאָן, ווי זי וואָלט מיט אים צוגעדעקט דאָס וואָס קען זיך אַרויסרײַסן.

ער פילט אויס אַלץ וואָס זי פאָדערט פון אים און אָפטער ווי דאָס איז נייטיק גייט ער אַרײַן אינעם קינדער־קאָמבינאַט.

אַזוי גייט פאַרבײַ דער דאָזיקער פרילינגדיקער כוידעש פול מיט מונ־טערקייט און האָפענונג. די געשעפטלעכע און קוים צו מערקן צערטלעכע באַגעגענישן מיט קלאַוואַן רופן ניט אַרויס קיין ליבע־רעגונגען, נאָר אַ לויטערע דורכזיכטיקע פרייד. אַנדריי אַרבעט אַ סאַך. זײַן שטימונג איז אַ לויטערע. טיילמאָל, דורך די נעכט, האָט ער אומרויִקע כאַלוימעס. ווען ער כאַפּט זיך אויף, געדענקט ער קיינמאָל ניט זייער אינהאַלט. נאָר אַן אָפּזאַץ פון אומרו פײַניקט אים דורכן טאָג... „וואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס לײַד איך?" ער געדענקט ניט.

אין דעם יאָר באַקומט ער צום ערשטן מאָל אַן אורלויב און אָנהייב יוני דאַרף ער אָפּפאָרן קיין ראָסטאָוו. זײַנע באַצי׳ונגען מיט קלאַוואַן זײַנען פונ־דעסטוועגן, ניט קיין קלאָרע. יעדן טאָג באַשליסט ער, אַז עס איז צײַט מיט איר זיך דורכצורעדן, נאָר פון טאָג צו טאָג לייגט ער דאָס אָפּ. עפּשער דער־פאַר וואָס קלאַוואַ איז צו שטאַרק פאַרנומען.

דעם צווייטן יוני, ערעוו זײַן אָפּפאָרן קומט פאַר די פײַערלעכע דערעפענונג פונעם קינדער־קאָמבינאַט. ער איז פון די סאַמע ערשטע געסט און איז איבערראַשט מיט קלאַוואַס נײַעם, נאָך קיינמאָל ניט געזעענעם אָנבליק: אינעם העלן קלייד, וואָס זי האָט געבראַכט פון מאָסקווע, שײַנט זי מיט אויפגעלעבטקייט און גליק. אַן אַרומגערינגלטע מיט צענדליקער קינדער, וואָס זי פירט זיי ליבלעך און מיט אַ פעסטער האַנט, איז זי די פאַרקערפערונג פון יוגנט און לעבן. די אומדרײַסטקייט און דער פאַרבאָרגענער אומעט, וואָס אַנדריי איז געוווינט געוועזן צו זען אַף איר (אַליין ניט וויסנדיק אַז ער איז די סיבע דערפון) זײַנען פאַרשווּנדן. זי באַגעגנט אים מיט אַ יובלענדיקן בליק. זי זעט, אַז ער שפיגלט זיך אין איר און זי באַגערט דאָס. אַנדריי פילט זיך פאַרלוירן. ער איז פאַרליבט, פריילעך, אומבאַהאָלפן. ער ווײַזט אַרויס אַ פולשטענדיקע אומפעיִקייט זיך צו באַגיין מיט קינדער, און האַלט די אומגעלונגנסטע רעדע, וואָס ער האָט ווען געהאַלטן. ווען ער פאַרענדיקט, באַגעגנט ער זיך מיט קלאַוואַס אויגן. „איך האָב דיך ליב!" — זאָגט ער. „מיך פרייט אַזוי", — ענטפערט זי. טייקעף קערן זיי אָפ די בליקן, און קלאַוואַ גייט צוריק צו אירע פליכטן אַלס באַלעבאָסטע פון דעם יאָנטעוו.

די געסט זיצן בײַ די זײַטן פונעם גאָרטן־פלאַץ און קוקן אַף די קינדערשע שפילערײַען. פאַראַן זײַנען דאָ אַנפירער פון דער בויונג, עלטערן און שלאָגלער — זעלנער, וואָס האָבן געבויט דעם קאָמבינאַט. די עלטערן פון די ערשטע קינדער פון דער שטאָט שײַנען פאַר שטאָלץ. דאָס זײַנען טאָניאַ און סיאָמאַ מיט זייערע צוויי קינדער, לידינקאַ און יעפיפאַנאָוו, די איסאַקאָווס, מאַאָמי און קילטו. דאָס שוואַרץ־אויגיקע און לעבעדיקע נאַנײַער מיידל רופט אַרויס באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. שפעטער, אַפן יאָנטעוו פון די גרויסע, האָט יעדער רעדנער גערעדט וועגן איר. זי איז געוואָרן דער סימבאָל פונעם נײַעם לעבן, וואָס די קאָמיוגיסטן האָבן געבראַכט אין דער טײַגע.

אַנדריי אינטערעסירט זיך ווייניק מיט די קינדערשע שפילערײַען און מיט די רעדעס פון די גרויסע. ער געהער אינגאַנצן קלאַוואַן. ער ווערט פרײַדיק רויט ווען ער געפינט זיך לעבן קלאַוואַן און הערט די האַסקאָמע פון דעם שרעק פון די יאָמען:

— זי גוט זיי זעען אויס צוזאַמען! קיין בעסער פאָרל וועסטו דאָ ניט געפינען.

אַן אומקלאָרע דערמאָנונג רירט זיך בײַ אים אין מויעך, נאָר ער טרײַבט זי פון זיך. אויך קלאַוואַ דערהערט דאָס, גיט אַ שנעלן בליק אַף אַנדרייען און אַנטלויפט אין שטוב אַרײַן. אַלץ איז ווי מיטאַמאָל פאַרטונקלט. ער וואַרט זי זאָל צוריק אַרויסקומען אין גאָרטן. דראַטשיאָנאָוו זעצט אויס מײַסע באַלעבאָס די געסט בײַ די לאַנגע טישן אין גאָרטן. קלאַוואַ קוקט אַרויס פון דער טיר און פאַרשווינדט ווידער — ער ווייס אַז איצט לייגט מען די קינדער אָפרוען, נאָר איר פעלן דאָ, דוכט זיך, איז צו לאַנג. „דו ביסט ווי אַ שטראַל ליכט" — טראַכט ער זיך, און רײַסט ניט אָפ דעם בליק פון דער טיר. און אָט קומט זי אַרויס. עס גיט אַ בלאַנק איר העל קלייד. נאָר וואָס איז מיט איר? זי זעט אויס דערשראָקן און צערודערט, דער געצוווּנגענער שמייכל שעדיקט איר, ווי אַ קינסטלעך בלימל אײַנגעפלאָכטן אין אַ בוקעט שעדיקט די נאַטירלעכע פאַשעטקייט פון די לעבעדיקע בלומען.

— מעלניקאָווא! קלאַוואַ! אַ רעדע! אַ רעדע! — שרײַט מען.

זי ווייס אַז מען דאַרף ריידן און זי זאָגט דאָס וואָס געהער צו זאָגן.

אַנדערע מעגלעך מערקן ניט די ענדערונג. איר קאָל קלינגט אויפריכטיק און וואַרעם, עס פֿאַלט אַ ביסל אַראָפּ, נאָר די רעגונג איז פֿאַרשטענדלעך. צום סאָף פֿון דער רעדע נעמט זי דאָס צעטל וואָס דראַטשיאַנאָוו דערלאַנגט איר, און איר רעגונג ווערט נאָך שטאַרקער.

— מיר זײַנען באַזונדער דאַנקבאַר אונדזער רויטער אַרמיי, אונדזערע פּרעכטיקע בויער (וואָס איז מיט איר? וואָס האָט זי אַזוי פֿאַרענדערט? וואָס האָט זי פֿאַרפּינצטערט? איך מוז אָפּמערקן די שלאָגלערישע אַרבעט פֿון די כאַווײַרים ציכאַסאָוו, וואַרדיק, לי כאַ, סעמעניוק, גאַליצין...).

זי איז בלייך און הייבט די אויגן ניט אויף פֿונעם צעטל. אַנדריי איז פֿאַרכאַפּט פֿון ליבע און אומרו און מערקט ניט קלאַוואַס צערודערונג וואָס גיט זיך איבער אויך אַנדערע.

דראַטשיאַנאָווס פֿריילעכער באַס לאָדט אויס די אָנגעשטרענגטקייט. דראַטשיאַנאָוו טיילט אויס די זעלנער די פּרעמיעס, פֿאַר יעדן געפֿינט ער אַ נײַ סטימולירנדיק וואָרט, אַ שמייכל, אַ זשעסט. נאָר דער לעצטער קומט צו דער רויטאַרמייער גאַליצין און ווידער פֿילט זיך די אָנגעשטרענגטקייט. גאַליצינען אַפּלאַדירט מען. ער נעמט שווײַגנדיקערהייט די פּרעמיע און באַהאַלט זיך הינטער זײַנע כאַווײַרים, אין סאַמע עק טיש. סיאָמאַ אַלטשולער אַפּלאָדירט אײַנאײינעם מיט אַלעמען, נאָר זײַן באַוועגלעך פּנים צוקט אָן אויפֿהער.

— און נאָך איין פּרעמיע, אַ באַזונדערע! — באַסעוועט פֿריילעך דראַטשיאַנאָוו און ווינקט צו קלאַוואַן, וואָס זי אײַנע ווייס פֿון דעם סורפּריז — מיר האָבן ניט צופֿעליק באַשטימט די דערעפֿענונג פֿונעם קינדער־קאָמבינאַט אַף הײַנט. מיט צוויי יאָר צוריק, דעם צווייטן יוני, איז געבוירן געוואָרן וואָלאָדיאַ, ריכטיקער, וולאַדימיר סעמיאָנאָוויטש וואַסיאַיעוו־אַלטשולער, דער ערשטער אײַנגעבוירענער בירגער פֿון דער נײַער שטאָט. מיר צייכענען אָפּ די געשעעניש אין טראַגן אונטער אַ מאַטאַנע וואָלאָדיאַן און זײַנע טײַערע טאַטע־מאַמע, נאָט אײַך!

אַזוי ווי טאָניאַ און סיאָמאַ רירן זיך ניט פֿון אָרט, גייט ער אַליין צו מיט די פּאַקעטן אין די אויסגעשטרעקטע הענט. די אָנגעשטרענגטקייט דערגרייכט די העכסטע שטופֿע. קלאַוואַ באַהאַלט דאָס פּנים און לויפֿט אַרײַן, מיט אַ זײַט, הינטער די קוסטעס, אין שטוב אַרײַן. קרוגלאָוו פֿאַרבײַסט די ליפּן. נאָר דאָ הייבט זיך אויף טאָניאַ, שטרעקט אויס די הענט צו די מאַטאַנעס און זאָגט מיט איר דינטלעכן קלאָרן קאָל:

— אויב מיר זײַנען ווערט די פּרעמיע איז נאָר דערפֿאַר וואָס מיר האָבן שוין געגעבן דער נײַער שטאָט צוויי בירגער — וואָלאָדיאַן און סוועטלאַנאַן. אַ דאַנק, כאַווײַרים, און טוט נאָך אונדזער בײַשפּיל.

זי צעלאַכט זיך, מיט איר צעלאַכן זיך אויך אַנדערע און אָטעמען לײַכטער אָפּ.

קרוגלאָוו טרעפֿט קלאַוואַן אינעם פֿריילעכסטן צימער פֿונעם קאָמבינאַט. זי שטייט צווישן די שפּילעכער און וויינט מיט ביטערע טרערן.

— קלאַוואַ... נו וואָס איז מיט דיר? טײַערע... פֿון וואָס?

זײַנע צאַרטע ווערטער רופֿן אַרויס אַ נײַעם קוואַל טרערן. זי לאָזט זיך אַרומנעמען און טוליעט זיך אײַן מיט איר נאַסן פּנים אין זײַן אַקסל.

— איך בין אַזאַ נאַר! אַזאַ נאַר! — מורמלט זי פֿאַרצווייפֿלט — אַליין צוגעטראַכט... אַליין צוגעגרייט... און אַרויסגעקומען איז אַזוינס...

אַזוינס... איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז ער איז אויך אַ שלאָגלער... און איצט אַלץ קאַליע געמאַכט... אַזאַ... כוליגאַן... כוזעק...

ער באַרוּקט זי ווי ער קען.

פונעם גאָרטן טראָגן זיך פרײלעכע קולעס, געלעכטער.

— דו טרײַבסט איבער... טאַניאַ האָט זעלטן גוט אַלץ פאַרריכט... און דו ביסט ניט שולדיק.

— אַך, לאָז אָפּ! איך ווייס אַליין, אַז איך, איך, אייגנטלעך, איך אַליין בין שולדיק... כ'האָב מיך באַדאַרפט דערווייסן... און אַרויסגעקומען איז ווי מיט בייזן ווילן צוגעטראַכט.

ער דריקט זי פאַרזיכטיק צו צו זיך און גיט איר אַ קוש אַפן גלאַטן קאָפּ. קלאַווע טרעט שנעל אָפּ און הייבט אויף אַף אים אירע פאַרווײנטע אויגן.

— ניין... אַלץ, אַלץ איז קאַליע געמאַכט!

און זי גייט אַרויס פונעם צימער.

ער שטייט אײנער אַליין. די שפּילעכער רינגלען אים אַרום מיט זייער גאַנצער פילפאַרביקייט... און אַפן האַרצן ליגט אַזאַ מאַסע... „אַלץ, אַלץ איז קאַליע געמאַכט...” ניין, ער טראַכט ניט וועגן יענע דרײַ, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון עטלעכע מינוט איבערגעלעבט די קאָמפּליצירטע דראַמע. ער טראַכט וועגן זיך, וועגן קלאַווען, וועגן עפּעס שוואַכס און צאַרטס, וואָס איז קאַליע געוואָרן...

אירע טריט קערן אים אום די האָפענונג. ער דערקענט זיי — לײַכטע, שנעלע טריט פון קליינע פיסלעך.

— אַנדריושאַ, אין גאָרטן שטייט דאָרט גאַליצין... בלאָנקעט אַרום. האַלטסט מיט אים אַ וואָרט אויסגערעדט...

ער גיט אַ זיפץ און גייט אַרויס אין גאָרטן. גאַליצין קומט אַליין צו צו אים.

— דעם צווייטן יוני, — זאָגט ער מיט אַ מאָדנע שטילן קאָל — דו ווייסט דאָך... בין איך, הייסט עס, אַ טאָפּלטער אויסוואָרף?

— ביסט געווען. און איצט פאַרגעס. פאַרשטאַנען? פאַרגעס. דאָס איז אַלץ וואָס דו קענסט טאָן.

גאַליצין איז שרעקלעך אויפגעבראַכט.

— ניין, וואַרט, איך האָב דאָך אָבער פליכטן... איך דאַרף... אויב איך בין אַ פאָטער...

פרײדיקער געוויש און טופּערײַ שטערן קרוגלאָוון אים ענטפערן. פאַרדריטלטע נאָכן שלאָף, אויפגעלעבטע מיט דער ניט געוווינטער יאָנטעוודיקער אַרומיקייט, לויפן אַרויס די קינדער אין גאָרטן. זיי בלײַבן שטיין אַפן מיטן פּלאַץ, זיי זוכן מיט די בליקן די עלטערן און וואַרפן זיך צו זיי מיט פרייד־געשרייען, פּאַטשן מיט די באַקומענע שפּילעכער. די ערשטע לויפן אַרויס די קינדער פון די עלטערע גרופּעס. נאָך זיי באַווײַזן זיך די קלײנינקע. פאַרויס פאַר אַלע פּיצלעך לויפט און וויגט זיך אַף זײַנע קײַלעכדיקע פעסטע פיסלעך, וואָלאָדיאַ. ער דריקט צו זיך אַ בערעלע און בלײַבט שטיין, ניט געאײַלט, ווי אַ באַלעבאָס, קוקט ער זיך אַרום. אַף אַ סעקונדע באַרירט זײַן אויפמערקזאַמער בליק די אָן אַ זײַט פאַרגליווערטע געשטאַלטן פון קרוגלאָוון און גאַליצינען, נאָר מיטאַמאָל לאָזט ער זיך לויפן ווײַטער. ער האָט, קענטיק, ניט

געזען דעם וואָס ער האָט געוואָלט זען.ער בלאָזט קאַפּריזנע אָן די ליפּלעך, שפּאַרט אָפּ אַ פּיסל און אָפּן גאַנצן האַלדז שרײַט ער מאָנענדיק אויס:
— פּאַפּאַ!
סערגיי זעט ווי סיאָמאַ גיט זיך אַ ריס אָפּ דעם רוף, ווי ער כאַפּט דאָס קינד אָפּ די הענט און הייבט אים אויף איבערן קאָפּ.
— דעם ערשטן בירגער — אוראַ! — רופט אויס דראַטשיאַנאָוו.
— אוראַ! אוראַ!
קרוגלאָוו גיט קורץ אַ פרעג:
— פאַרשטאַנען?
גאַליצין שאָקלט מיטן קאָפּ.
ווען אַלע גייען זיך פונאַנדער, קומט צו אַנדריי צו קלאַוואַן. קלאַוואַ ראָמט אָפּ פונעם טיש אינאיינעם מיט די צוהעלפערנס די רעשטן קיבעד. זי דערזעט אַנדרייען, שטעלט זי צוריק אַוועק די טעלער און טוט פרעגנדיק אַ קוק אָפּ אים.
זיי שווײַגן. דאָס שווײַגן ווערט פּײַנלעך.
— וועסט נאָך לאַנג זײַן פאַרנומען? — גיט ער זיך די מי און פרעגט זי.
— יאָ.
— אָפּ זען זיך אינגיכן, קלאַוואַ.
— אָפּ זען זיך, אַנדריושאַ.
זי פירט אים צו ביז צום אַרויסגאַנג. ער צעוויגט אומאַנטשלאָסן די פּערטקע, די פּערטקע סקריפּעט. מען דאַרף זאָגן... איצט אָדער...
— איך פאָר דאָך מאָרגן אָפּ.
— נאָר דו וועסט דאָך צוריקקומען?
ווי ווייניק ווערטער! און פאַרוואָס, פאַרוואָס קען ער ניט זאָגן דאָס וואָס ער האָט אַזוי פּאַשעט און דײַטלעך געזאָגט מיט דעם בליק מיט אַ שאָ צוריק... קאַליע געמאַכט? נאָר דאָס איז דאָך אָן אומזין! דאָס איז דאָך ניט דאָס...
ער איז ניט זיכער. אין וואָס? האָט ער זי דען ניט ליב?... עפּעס שטערט, באַומרויקט, האַרגעט אַוועק די ווערטער וואָס זײַנען גרייט זיך אַרויסצורײַסן.
— נו אָפּ צו זען זיך, אַנדריושאַ!
— אָפּ צו זען זיך, קלאַוואַ!
זי גייט פּאַמעלעכן צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. שוין באַם טיש קוקט זי זיך אום, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. אַ שטראַל שײַן האָט אַ בליאַסק געטאָן און האָט זיך אויסגעלאָשן... „וועסט דאָך צוריקקומען" — דער־מאָנט ער זיך און בלאָנקעט אָן ציל איבער דער שטאָט. וואָס האָט זי געוואָלט זאָגן? צי דען ניט מער ווי דאָס וואָס זי האָט געזאָגט?

VI

לאַנג און מיט שרעק קוקט אָפּט טאַניאַ אָפּ איר זון. אַלע זאָגן אַז ער איז געראָטן אין איר און ער האָט מיט אַן עמעסן אירע שטריכן פונעם פּאַ־נעם, איר לײַדנשאַפטלעכקייט אינעם שוין אַרויסגעוויזענעם כאַראַקטער. נאָר פון אונטער דער ענלעכקייט כאַפּט טאַניאַ אויף נאָך עפּעס, וואָס אַ זײַטיק אויג מערקט ניט: ווי אַן אַנטפּלעקונג דערמאָנט זיך איר סערגייס הוילער

שאַרבן און זי געפינט אויס באַם זון די זעלביקע קנײַלעכדיקע ליניע פונעם שאַרבן, דעם זעלביקן אַקשאַנעסדיקן נאַקן. ווען ער איז אויפגערעגט צוקט ער מיט די ליפּן פונקט ווי סערגיי. ער האָט אויך די זעלביקע מאַניר לאַכעדיק צו קנייטשן מיט דער נאָז. פאַראַן אין אים אַן אומגלײַכגעוויכטיקייט, וואָס טאָניאַ האָסט זי, ווען זי ווײַזט זיך אַרויס, ווײַל דאָס דערמאָנט איר סערגייען.

זי האָט לײַדנשאַפטלעך ליב איר זון, נאָר זי האָט מוירע פאַר אים. ער באַטײַט פאַר איר מער ווי יעדער אַנדער זון פאַר יעדער אַנדער מוטער. פאַראַן אין אים איר ניצאָכן איבער דעם קאָנווענציאָנאַליזם פונעם לעבן, דער גרויסער ניצאָכן פון איר שטאָלץ, פון איר ליבע, פון איר מענטשלעכקייט. נאָר ער איז די דערמאָנונג פון אַן איבערגעלעבטן געפיל. מיט דער צײַט וועלן זיך אַרויסווײַזן פרעמדע שטריכן און זי קוקט אַף אים מיט שרעק — סאַראַ איינער איז ער, סאַראַ איינער וועט ער זײַן, איר קליינער זון ?

די באַגעגעניש מיט גאַליצינען האָט זי צערודערט שטאַרקער ווי זי האָט זיך געקענט פאָרשטעלן. פון דער ערשטער מינוט ווייס טאָניאַ אַז אַלץ דאָס איבערגעלעבטע מוז זי אָפּסניי איבערלעבן, מיט נײַע צוזאַמענשטויסן, מיט נײַעם הייסן פלאַם — ניט ליבע, ניין, נאָר אַ זשעדנער אינטערעס צו איר קעגנער. זי קען סערגייען ניט ליב האָבן, נאָר גלײַכגילטיק צו אים קען זי ניט זײַן, זי ווייס ניט וויאַזוי. וואָס וועט ער פאַרלאַנגען ? צי דען נאָר מעכילע ? זי האָפט אַז ער וועט ניט פאַרלאַנגען דעם זון און וועט זיך פון אים ניט דערוויסן, נאָר זאָל אַזוינס געשען, וועט זי זיך פילן באַליידיקט און אומגליקלעך. מיט דער פּאַשעטקייט פון אַ מענטשן, וואָס איז זיכער אין זײַנע קויכעס און איז קיין זאַך ניט מויכל, באַגערט זי אַלץ דאָס פאַרדעקטע זאָל אויפגעדעקט ווערן, שאַרפן קאַמף און ענדגילטיקן ניצאָכן.

אַפן דריטן טאָג נאָך דער באַגעגעניש מיט סערגייען, הערשט זי שוין איבער זיך אַזוי אַז זי קען שוין רויִק זאָגן סיאָמאַן :

— דו ווייסט, גאַליצין איז צוריקגעקומען. איך זאָג עס דיר דערפאַר וואָס דו האָסט דיך דאָס אַליין געקענט דערוויסן. איך וויל ניט דו זאָלסט מיינען אַז דאָס האָט פאַר מיר עפּעס אַ באַדײַטונג.

דער קאַמף איז שײַעך נאָר איר און סערגייען — זי וויל ניט סיאָמאַ זאָל לײַדן.

אין שפּיטאָל גיט זי אָפּ סערגייען פונקט אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט וויפל אַנדערע קראַנקע. נאָר ווען צו סערגייען איז געקומען דער קאָמיסאַר, האָט זי אים אַרײַנגעבעטן צו זיך און האָט זיך פון אים דערוווּסט אַלץ וואָס ער האָט פון אים געוווּסט. זי איז אָביעקטיוו און ווינטשט ניט סערגייען קיין שלעכטס. „ער איז אַ וווילער באָכער, — זאָגט זי — איר וועט קענען מאַכן פון אים אַ מענטשן".

די פענצטער פונעם זאָל גייען אַרויס אין הויף, ווו די קינדער שפּילן זיך. טיילמאָל, כאַפּט טאָניאַ, אונטערן אָנפאַל פון אַ ווײַבערישער שוואַכקייט, און טראָגט אַרײַן איר זון אין שטוב. נאָר די שוואַכקייט איז איר פרעמד און זי לאָזט ווידער אַרויס איר זון אַפן הויף און עס טוט איר האַנאָע ווען זי באַמערקט אין פענצטער סערגייס אויפמערקזאַמע אויגן.

— אַ דאַנק, טאָניאַ ! — זאָגט סערגיי באַם געזעגענען זיך, ווען ער שרײַבט זיך אויס פון שפּיטאָל.

— ניטאָ פאַרוואָס — ענטפערט זי אים שאַרף אָפּ.

נאָר ער וויל אַזוי ניט אַוועקגיין.

— טאַניאַ... מיר ריידן, זיכער, צום לעצטן מאָל. דערמאָן מיך ניט צו שלעכטן, טאַניאַ.

— איך האָב ניט קיין שלעכטע און ניט קיין גוטע דערמאָנונגען, — זאָגט זי רויק — זײַ געזונט.

באַגעגנט האָבן זיי זיך ווידער אַפֿן קינדער־יאַנטעוו. זי האָט דערזען סערגייען אַ סאַך פֿריִער ווי קלאַוואַ, און איינצײַטיק מיט סיאָמאַן. נאָר אין דער צײַט וואָס סיאָמאַ האָט זיך פֿאַרלוירן און איז צעררודערט געווען, איז זי קימאַט געוואָרן די לייזונג און האָט באַוויזן אינערלעך זיך צוצוגרייטן צו יעדן גערעגנגל. ווען מען האָט צעטיילט די פּרעמיעס איז זי געווען רויקער פֿון יעדן איינעם. און ווען זי האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט סערגייס פֿרעגנדיקן און פֿאַרצווייפֿלטן בליק, האָט זי שטאָלץ און פֿרײַנטלעך אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. פֿון איר אויפֿמערקזאַמקייט איז ניט פֿאַרבײַ אומבאַמערקט קלאַ־וואַס און קרוגלאָווס צעטומלטקייט, סערגייס פֿינצטערע פֿאַראייגנזאַמטקייט און דער געשפּרעך פֿון קרוגלאָוון מיט סערגייען. זי האָט ניט געקענט הערן דעם געשפּרעך, נאָר געוווסט האָט זי וועגן וואָס זיי ריידן. איר יונג האָט איר צוגעהאָלפֿן. ער האָט זיך באַוויזן און האָט אַ געשריי געטאָן „פּאַפּאַ!" זי איז פֿאַרטושירט געוואָרן און האָט אָפּגעטראָטן סיאָמאַן ער זאָל פֿילן די פֿולע פֿײַערלעכקייט. נאָר פֿון דער מינוט אָן איז זי דורכויס פֿאַרכאַפּט מיט דער אָנגעשטרענגטקייט פֿון דעם גערעגנגל וואָס הייבט זיך אָן.

סיאָמאַ רעדט קיין וואָרט ניט וועגן גאַליצינען, און די לעצטע עטלעכע טעג דערמאָנט מען זײַן נאָמען ניט. נאָר מען טראַכט. דאָס קימאַט שוין פֿאַרצויגן געוואָרענע שפּעלטל, גייט זיך ווידער פֿונאַנדער און שרעקט זיי ביידן. טאַניאַ ווייס, אַז די לייזונג וועט קומען און נאָר אין דער לייזונג געפֿינט זי דעם אויסגאַנג.

וואָכן גייען. גאַליצינען זעט מען ניט און מען הערט אים ניט. נאָר ער איז פֿאַראַן אין דער פֿאַמיליע, און זײַן עקזיסטענץ שפּירט מער ווי ווער עס איז וואַלאַדיאַ, כאָטש ער איינער האָט וועגן אים ניט די מינדסטע פֿאַרשטע־לונג. מען צערטלט אים אָפּטער, מען באַלעוועט אים מער ווי ווען עס איז, אַלע שטיפֿערײַען גייען דורך אומבאַשטראָפֿט. סיאָמאַ ציטערט איצט מער ווי ווען עס איז פֿאַר זײַן ליבע, און דער קליינער ווען אײַלט זיך אויסצונוצן זײַן פּריווילעגיע. סיאָמאַ מײַסטרעוועט פֿאַר אים שפּילעכלעך, דערציילט אים מײַסעלעך, כאַפּט פֿאַר אים זשוקלעך, שפּאַצירט מיט אים אין דער טײַגע, לאָזט פֿליִען אַ פֿאַפּירענע שלאַנג. „איך וויל!" — זאָגט דער קליינער דעס־פּאָט, און סיאָמאַ זאָגט אים אין קיין זאַך ניט אָפּ. אַפֿילע סוויעטלאַנאַ, זײַן לײַבלעך און פֿאַרגעטערט טעכטערל, איז אָפּגערוקט אַפֿן הינטערשטן פּלאַן — זי איז אינעם קאָנץ ניט באַטייליקט.

סערגיי גאַליצין ווײַזט זיך ניט. נאָר פֿון ווײַטנס, ביז־ייווע, קוקט ער זיך צו. עס ציט אים אָן אָפּהאַלט צו דעם רויט־באַקיקן יונגאַטש, וואָס ווײַזט זיך אַרויס איז זײַן זון. בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט קומט צו סערגיי צום פֿלויט פֿונעם קינדער־קאָמבינאַט און זוכט צווישן דער מאַסע רוישיקע קינ־דער זײַן זון. ער האָט איין מאָל צוגערופֿן דעם יונגאַטש און האָט אים גע־געבן אַ צוקערל. וואַלאַדיאַ נעמט דאָס צוקערל, באַקוקט דעם פֿרעמדן פֿעטער און גייט גלײַכגילטיק אַוועק. סערגיי שעמט זיך ווי ער וואָלט וועלן עפּעס צוגאַנבוענען.

ער פֿילט זיך זייער איינזאַם אין די דאָזיקע זומער־טעג, וואָס זײַנען

אויסגעפּולט מיט אַרבעט און מיט מיליטערישער טרענירונג. דער פֿאָטער וויל אים ניט שרײַבן. די מוטער שרײַבט: „זאָל דיר ניט פֿאַרדריסן אָפֿן אַלטן, ער איז צו שטאַרק צערודערט, זאָל ער עס איבערלעבן, וועט ער אָנשרײַבן". זי שרײַבט אים, אַז סווירידאָוו איז מיט אַ האַלב יאָר צוריק אַוועקגעפֿאָרן אָף דעם אויפֿבוי פֿון אַ טראַקטאָר־זאַוואָד און „דער אַלטער פֿילט זיך אײַנוואַנצן פֿאַריאָסעמט", און גרוניאַ האָט כאַסענע געהאַט און אַרבעט אינעם ראַיאָן־קאָמיטעט, זי פֿירט אָן מיט די פּיאָנערן, „אַלץ איז אַרויסגעקומען ניט אַזוי ווי מיר האָבן גערעכנט, און דער פֿאָטער איז דאָך אַלט, אים איז ניט גרינג..." אויך סערגייען איז ניט גרינג. ער קען ניט, ווי פֿריִער, אָפּוואַרפֿן און פֿאַרגעסן אַלדאָס שווערע. די זעלטענע און שווײַגנדיקע באַגעגענישן מיט דעם זון זײַנען פֿאַרבליבן זײַן איינציקע פֿרייד. טאָניאַ שפּילט ניט קיין שום ראָל אין זײַנע איבערלעבענישן. איין פֿרויען־געשטאַלט נאָר לעבט אין זײַנע טרוימען — האַלטשאַנאָק. ער האָט זיך באַקענט מיט איר אַזוי פֿאַרבײַלויפֿנדיק, אַז ער קען זיך בעשום אויפֿן ניט דערמאָנען איר פּנים. ער שטעלט זיך פֿאָר אירע צעפֿלויגענע ברעמען, איר גרויסן לאַכנדיקן מויל, אירע שטרענגע און צערטלעכע אויגן, נאָר דאָס פּנים באַקומט זיך ניט. אַ שאָטן איז עס, האַלב אויסטראַכטעניש, האַלב עמעס. ער טראַכט ניט פֿון פֿרויען־ליבע. עפּעס אַנדערש פֿײַניקט אים. ער וויל זיך דערהייבן אין זײַנע אייגענע אויגן, ווערט זײַן אַכטונג און ליבע, ער וויל ווערן אַ בעסערער, די בעסטע מענטשן זאָלן אים אויפֿנעמען ווי זייערן, זײַנע געוועזענע ווײַט פֿאָרויס אַוועקגעגאַנגענע פֿרײַנט. די גאַנצע באַדערפֿעניש אין ליבע איז אָנגעווענדט אָף וואָלאָדיאַן, אָף דעם ווילן און ניט צוטריטלעכן זון.

סאָף יולי הערט וואָלאָדיאַ אויף צו גיין אין דער קינדער־היים. ווען סערגיי באַמערקט עס צום ערשטן מאָל, פֿילט ער זיך אײַנגאַנצן פֿאַרלוירן. ניט ער קען פֿרעגן, ניט ער קען צוגיין צום זון. ער קען אַפֿילע ניט בעטן דעם קאָמאַנדיר: „דערלויבט מיר צוגיין זיך דערוויסן וואָס איז מיט מײַן זון". ערשט אין אַ וואָך אַרום, ווען ער באַגעגנט די אויפֿראַמערן פֿון שפּיטאָל, קען ער זיך דערוויסן, אַז באַ דער דירעקטאָרקע איז דער זון קראַנק געוואָרן. פֿון דער מינוט אָן, פֿרעסט אים די מוירע פֿאַרן זון טאָג ווי נאַכט. ער גייט אין געסט צו יעפּיפֿאַנאָוון, צו די בעססאַנאָווס, צו טשומאַקאָוון, קעדיי כאָטש עפּעס זיך צו דערוויסן. נאָר זיי ריידן מיט אים זייער ניט גערן וועגן טאָניאַן — אַלע זײַנען אָף איר זײַט. די אויפֿראַמערן פֿון שפּיטאָל פּלוידערט גערן, נאָר ניט צו דער זאַך! „דוכט זיך, גרינגער געוואָרן". — „וואָס־זשע איז אים?" — „דאָס ווייס איך ניט. מען האָט עפּעס געזאָגט, נאָר איך האָב ניט אײַנגעהערט". — „איז עס געפֿערלעך?" — „ער איז נאָך אַ פּיצל, פֿאַרן קליינוואַרג איז אַלץ געפֿערלעך".

סערגיי גרייט זיך דעם גאַנצן זומער צו פֿאַרנעמען אָף שיסן דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די אויסגעצייכנטע שיסער. ער דערשלאָגט זיך דערצו, נאָר עס קומט אים דערפֿון אַרויס ווייניק פֿרייד. „דער זון איז קראַנק... דער זון..."

אינמיטן אויגוסט באַווײַזט זיך וואָלאָדיאַ ווידער אינעם גאָרטן פֿונעם קאָמבינאַט. סערגיי דערזעט דעם זון, בעייס ער גייט פֿאַרבײַ אין באָד אַרײַן. ער קען זיך ניט אָפּשטעלן, ער קען ניט אַרויסגיין פֿון דער ריי. די ייִנגלעך לויפֿן צום פּלויט, קוקן אָף די רויטאַרמייער. וואָלאָדיאַ קלעטערט אַרויף פֿון אויבן און מאַכט מיט די הענט.

זײַן מאָגער געוואָרן לעבעדיק פּענעמל צעשווימט זיך מיטאַמאָל אין

אַ נעפּל. סערגיי כאַפּט זיך אַז ער וויינט, און ער ווישט זיך אַף שנעל אויס די אויגן.

אין אָוונט איז ער פרײַ. די כאַווײרים קלײַבן זיך גיין שפּאַצירן און רופן אים מיט. נאָר ער גייט ניט. ער קען מער ניט איבערטראָגן אָט די ניט אויפגעקלערטע לאַגע. ער וועט זיך דערשלאָגן זײַן זון צו האָבן. ער האָט אַ רעכט צו קענען זײַן זון. ווער וועט זיך דערוועגן אים אָפּצוזאָגן דאָס רעכט?

ער ווייס אַז זײַן רעכט איז זייער אַ וואַקלדיקס. זיך ווענדן צו טאָניאַן איז אומזיסט — ער ווייס אָפּריער וואָס זי וועט אים ענטפערן. עמעצער מוז אים העלפן. נאָר ווער? צו וועמען גיין? ווער וועט וועלן? קלאַווא... ניין, זי וועט זאָגן דאָס אייגענע וואָס קרוגלאָוו האָט געזאָגט. יעפּיפאַנאָוו? ער איז צופיל גוט־ברודער מיט סיאָמאַ אַלטשולער, און לידינקאַ וועט אים בע־שום אויפן ניט לאָזן. ליילקאַ? נאָר זי וועט ניט קענען, זי זאָל אַפילע וועלן.

קאַטיאַ סטאַוראָוואַ קלײַבט זיך עפענען די נײַע מוסטער־קראָם, וווּ די פּאַנעלן זײַנען אָפּגעפּאַרבט מיט אייל־פאַרב און די סטאָיקעס געדעקט מיט מאַרמאָר. איר פיגורל איז קײַלעכדיקער געוואָרן, ברייטער, איר שוואַנגערער בויך איז אַרומגענומען מיט אַ שמאָלן כאַלאַט, נאָר איר גאַנג איז אַלץ אַזאַ לײַכטער און דאָס פּאָנעם האָט אײַנגעהיט די מיידלשע אוממיטלבאַרקייט און גוטמוטיקע כיטרעקייט.

די דערעפענונג פון דער קראָם פרייט זי און וועקט אין איר געדאַנקען, פון וועלכע עס ווערט נאָך פריילעכער צו לעבן. זי איז דאָך אייגנטלעך אַנט־לאָפן פון האַנדל, פון דער סטאָיקע! אירינאַ האָט איר פירגעוואָרפן: „ראָ־מאַנטיק ווילט זיך דיר?"

זי טאַנצט זיך אונטער אַרום דער סטאָיקע, אַף וועלכער זי צעשטעלט די סכוירעס און זינגט זיך צו אַפּן גאַנצן קאָל:

נו איז וואָס־זשע, האָב איך געוואָלט ראָ־מאַנ־טיק!
און דו האָסט געוואָלט איך זאָל בלײַבן האַנדלען?
איז פאַרוואָס טאַקע ניט!
נאָר מיר ווילט זיך בעסער
צוערשט אויסקאָרטשעווען די טײַגע,
דערנאָך אויסבויען די נײַע שטאָט,
דערנאָך אַוועקשטעלן אַ קראָם..
און זאָל זי שטוקאַטורען וואַלקאַ
און איך אַליין זאָל פאַרבן אירע סטאָיקעס...

זי קײַקלט אַרויס קײַלעכדיקע רויטע קעזן, צעהענגט די ווורשטן, שטעלט אויף טורעמס פון פּושקעלעך קאָנסערוון און שרײַט ווײַטער אויס איר ליד:

און אָט וועל איך איצטער האַנדלען!
ווער וויל קעזן, קעזן, קעזן?
און אָט ווּנדער פון סאָ־סיס־קעס!
און־גערקעס! פּאַט!־לאַ!־זשאַ!־נעס און קאָמ־פּאָט!
און אַז האָט איר אײַך בערעלעך, בערעלעך!
קרומפּיסיקע! שאָקאָלאַדנע!
איינס וועלן מיר טייקעף אויפעסן —
ס'וועט אונדז זײַן צום נוצן!

זי גייט צו צום שפיגל און באַקוקט קריטיש איר קײַלעכדיק געוואָרן פיגורל. אַ־האַ־האָ ! די זאַוומאַג (קראָם־פּאַרוואַלטערן) ווערט דיקער וואָס אַ טאָג . . . „און ווערט טאַקע דיקער !" — זינגט זי אויס און בלײַבט שטיין שטיל, וואָרעם דער אומבאַקאַנטער נעפעש אין איר לײַב האָט זיך האָסטיק אַ דריי געטאָן און שטויסט זיך אין די ווענטלעך פון איר בויך.

— און מײַן יינגל איז אַ פיזקולטורניק, — זינגט זי אויס, ווען דאָס שטויסן זיך שטילט זיך אײַן — אַ באָקס־שלעגער איז ער ! געראָטן אין בעס־סאָנאָוון ! און עפשער אויך אין מיר, אין מיר ! און, עפשער אין אונדז ביידן. און דאָס איז זייער־ער־גוט !

זי קוקט זיך שנעל אום. זי דערפילט הינטער זיך עמעצן אַ זײַטיקן. סערגיי לאַכט און ווינקט איר צו — ער האָט אויסגעהערט איר ליד. מיט איר איז אים גרינג צו ריידן.

— דו ביסט אַ צוקונפטיקע מוטער. דו וועסט מיך פאַרשטיין . . .

קאַטיאַ פאַרשטייט, אַז דער געשפרעך קלײַבט זיך זײַן אַן ערנסטער, מאַכט זי אַ געהיימנישפולן און צוזאַמענגענומענעם פּאָנעם. זי הערט אויס סערגייען, שאָקלט מיטפילנדיק צו מיטן קאָפּ, נאָר נאָכדעם ווי זי הערט אים אויס, רופט זי זיך אָן :

— אַלץ איז ריכטיק... נאָר דו לאָז דיך אָפּ. ס׳וועט גאָרניט אַרויסקומען.

— איך האָב דאָך אַ רעכט ! ער איז מײַן זון.

— פאַרוואָס־זשע ביסטו פון אים אַנטלאָפן ?

סערגיי ווערט אין קאַס, ווײַל קאַטיאַ איז גערעכט.

— גענוג דערפון. איך בין צוריקגעקומען. איך בין שוין ניט אַזאַ, ווי דעמאָלט.

— נאָר טאַניאַ איז שוין אויך ניט אַזאַ. זי האָט כאַסענע געהאַט . . . סיאָמאַ האָט אויפגענומען איר זון פאַר זײַנעם.

— דאָס איז זייער פײַן. נאָר איך בין דאָ, און דער פאָטער, נאָך אַלע־מען, בין איך, און טאַניאַ קען ניט . . . זי האָט דאָך מיך ליב געהאַט, דו ווייסט . . .

אויך קאַטיאַ ווערט אין קאַס.

— און דו ווייסט, אַז זי האָט איצט ליב סיאָמאַן ?

מען האָט אים געזאָגט. נאָר ער גלייבט ניט. ער געדענקט צו שטאַרק, אַז זי האָט אים ליב געהאַט. ער פאַרגלײַכט זיך מיט סיאָמאַן. אים דוכט זיך, אַז זי האָט אין זיך דערשטיקט איר געוועזענע ליבע, אַז זי קען ניט, זי קען ניט ליב האָבן אַ צווייטן און אים פאַרגעסן . . .

— מיט אים הערט זי אויך מוזיק פונעם הימל ? — גיט ער בייז אַ זאָג.

קאַטיאַ פאַרשטייט ניט פון וועלכער מוזיק פונעם הימל ער רעדט, נאָר זי וויל זיך ניט נאָכגעבן און ענטפערט פאַרריסן מיט אַ פראַגע אַף זײַן פראַגע:

— האָסטו געהערט ווי זי זינגט ?

זי בלאָזט אַראָפּ פון אים די גײַוווע. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. נאָכדעם ווי קאַטיאַ באַזיגט אים, נעמט זי ריידן צו אים מיט גוטן.

— איך ראָט דיך, סעריאָזשאַ, ווילסט זײַן אָרנטלעך ? טאָ דריי ניט אַ קאָפּ. בעסער פאַרגעס. נאָר אַז דו קענסט ניט — גיי און רייד ריינע דיבור־דים. און ניט מיט טאַניאַן, נאָר מיט סיאָמאַן.

זי זאָגט אים צו צונויפפירן מיט סיאָמאַן אַזוי אַז טאַניאַ זאָל ניט וויסן. דעם צווייטן טאָג גיט זי אים צו וויסן, אַז אין אַ באַשטימטער שאָ וועט

סיאָמאַ אַלטשולער אַף אים וואַרטן אין דער לאַבאָראַטאָריע פאַר אויספּרוּוון דעם בעטאָן אַף די דאָקן.

אין דער לאַבאָראַטאָריע איז אַ כּוּץ סיאָמאַן אויך געווען דער אינזשענער קאָסטקאָ און אַ געהילף־אַרבעטער. מען האָט אויסגעפּרוּווט די פעסטקייט און ניט־דורכנעציקייט פון נײַע בעטאָן־פּרוּוון. גרויע קוביקעס בעטאָן זײַנען אָנגעהויפנט אינעם צימער. סערגיי מוז איבער זיי אַריבערטרעטן אַף דורכצוגיין. סיאָמאַ דערלאַנגט אים די האַנט און בייגט זיך אָן אויפהייבן אַ קוביק. ער שטעלט אַרויף דעם קוביק אַפן הידראַווילישן פּרעס און שטודירט מיט אַ זײַט סערגייס אַנטשלאָסענעם פּנים.

— איך וויל מיט דיר ריידן ווי אַ מאַן מיט אַ מאַן — זאָגט סערגיי שטילערהייט, אַז קאָסטקאָ מיט דעם אַרבעטער זאָלן ניט הערן.

— מירן באַלד ריידן. קוק ווי מען פּרוּווט אויס בעטאָן. ס'איז אינטערעסאַנט. זעסט, דער קוביק ווערט פאַרקלעמט, מיט דער פּאָמפּע גיט מען אייל...

סיאָמאַ איז צעטומלט און קלערט אויף.ביידן אינטערעסירט עפּעס אַנדערש און דעריבער קלערט סיאָמאַ אויף און סערגיי הערט, און קיינער פון זיי אַנטשליסט זיך ניט ריידן פון דעם צוליב וואָס זיי האָבן זיך געטראָפן.

דער אַרבעטער פּאָמפּעט אָן אייל. מען זעט ווי דער דרוק פונעם פּרעס ווערט אַלץ שטאַרקער. נאָר דער קוביק גיט זיך ניט אונטער. סערגיי קוקט מעכאַניש אַפן ווײַזער, וואָס גייט איבערן ציפערבלאַט : 40, 50, 70, 100, 110.

— וואָס ווילסטו, סערגיי? — פרעגט אים שטיל סיאָמאַ און רײַסט ניט אָפּ דאָס אויג פונעם ווײַזער.

— איך וויל פאַרריכטן... איך ווייס ווי שולדיק איך בין...

דער ווײַזער גייט ווײַטער — 120, 140, 160...

— איך האָב ליב באַקומען דעם יונגאַטש... און אַף ווייפל איך בין דער פאָטער... 170, 180...

דער קוביק רירט זיך ניט נאָר ער הייבט אָן לײַכט שיפּען, ווי אייל אַף אַ פּאַן. איבער די גרויע זײַטן צעלויפן זיך שפּעלטעלעך ווי דינע פעדעם — און מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ קראַך, דער קוביק צעשיט זיך. עס שיט זיך זאַמד און שטיינדלעך און עס הייבט זיך אַ טונקעלער שטויב...

— הונדערט און אַכציק! — שרײַט סיאָמאַ צום אינזשעניער קאָסטקאָ, וואָס זיצט באַם טיש — גוטער בעטאָן, אַ?

דער אַרבעטער קערט אַרום דעם פּרעס, נעמט צונויף די שפּליטערס.

— קום אַרויס — זאָגט סיאָמאַ.

זיי גייען אַרײַן אין צווייטן צימער, וווּ אַפן טיש און אַף די פּאָליצעס זײַנען אָנגעשטעלט גלעזלעך מיט מוסטערן פון זאַמד, שטיין־שפּליטערס און צעמענט. דערעסן שפּאַרט אין די אויגן אָן אומפּאַרשטענדלעכער אויפשריפט : „פוצאָלאַנער". „וואָס איז עס אַזוינס, — קריכט אַלץ סערגייען אין קאָפּ — וואָס איז עס אַזוינס? זאַמד? צעמענט? פוצאָלאַנער?..."

— נו, רייד, — זאָגט סיאָמאַ און שטעלט איבער די גלעזלעך אַפן טיש — רייד... נאָר דו זאָלסט זיך ניט באַליידיקן, סערגיי, וואָרעם איך וועל מיט דיר ריידן אָפן, איך וועל דיך ניט שוינען, איך וועל דיר זאָגן ווי דאָס איז... — ער שאַרט אַוועק די גלעזלעך און גלעטן זיך אויס. די זיכערקייט אין זיך מאַכט אים העכער. סערגיי זעצט זיך אַוועק און בייגט זיך אײַן, ער דערשרעקט זיך פלוצעם פאַרן געשפּרעך וואָס דאַרף באַלד קור־

מען. — ווי אַ מאַן מיט אַ מאַן, — זאָגט סיאָמאַ מיט זײַנע ווערטער — טאָ הער־זשע אויס. און צום אַלעם ערשטן דאַרף מען פאַרשטיין: דו האָסט אַף אים קיין רעכט ניט. קיין שום רעכט. וואָלסט געקומען מיט אַ יאָר צוריק, וואָלט איך מיט דיר אַפילע ניט גערעדט. נאָר איצט ביסטו מיר אַ כאַווער, און איך וועל מיט דיר ריידן ווי אַ כאַווער מיט אַ כאַווער. דו ווילסט קענען דײַן זון? ער איז ניט דײַן זון.

— הער אויס...

— וואָס „הער אויס"? קוק טיפער, סערגיי. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דײַן בלוט, ווען דער גאַנצער ווייטיק, דער גאַנצער אומרו, שלאָפלאָזע נעכט, שרעק און פרייד פאַרבינדן מיך מיט אים שטאַרקער ווי בלוט? ער האָט געקענט זײַן דײַנער. נאָר ער איז מײַן זון. מײַנער און ווײַטער קיינעמס ניט. איך וויל ניט ריידן פאַר אים, ער איז צו קליין, ער וועט גאָרניט פאַרשטיין, נאָר גיב דו אַ קוק אַף אים און פרעג זיך ווער איז פאַר אים דער פאָטער? פון זינט ער איז געבוירן זעט ער מײַן פּאָנעם, שלעפט מײַן פינגער, דרייט אויס די אויגן אַף מײַן קאָל, ער פאַרשטייט מײַנע הענט. און דו זאָגסט — בלוט! ער לויפט מיט דעם גאַנצן אימפּעט און האָט ניט מוירע זיך אָנצו־קלאַפּן, — און דאָס איז מײַן שול. ער ווייגט קיינמאָל ניט ווען אים טוט ווי — אויך דאָס איז מײַן שול. און דערלאַנגט מען אים אַ קלאַפּ, לויפט ער זיך ניט קלאָגן, נאָר ער גיט אַ רעשט — און אויך דאָס איז מײַן שול. ער איז צוויי יאָר אַלט, נאָר ער מײַסטערוועט שוין פון האָלץ, פון קאַרטאָן, פון פּאַפּיר — ער האָט מײַנע הענט, מײַן סייכל, מײַן כאַראַקטער. — דו וועסט עס ניט לייקענען, ניין, וועסט אין אים זען מײַן כאַראַקטער, אויב דו וועסט וועלן זען דעם עמעס...

די באַקן ציַנדן זיך אים אָן, ער קען ריידן אָן אַן עק. נאָר ער האַלט זיך אײַן. פאַר אים זיצט אַ מענטש, וואָס איז גרייט אָוועקצונעמען זײַן זון. דער מענטש איז זײַ כאַווער און האָט אַנדערע רעכטן.

— נאָר דאָס אַלץ איז גאָרניט. דער גאַנצער געשפּרעך... — איז סיאָמאַ טרויעריק — האָסט געוואָלט ריידן מיט מיר, נאָר וואָס קען איך זאָגן? אַלץ וועט זײַן אַזוי ווי טאָניאַ וועט באַשליסן. אויב טאָניאַ וועט זאָגן „יאָ", וועט איך אויך זאָגן „יאָ". לאָמיר גיין צו איר. וועלן מיר ריידן. וועסט אַליין זען... קום.

סערגיי וויל ניט. ער פאַרשטייט די גאַנצע האָפענונגסלאָזיקייט דערפון וואָס ער האָט פאַרטראַכט.

— ניין, ניין, קום, — שטייט צו סיאָמאַ. ער כאַפּט אָן סערגייען פאַר דער האַנט — קום שוין, שוין, די מינוט, וואָרעם איך, זעסטו, קען שוין מער ניט וואַרטן...

טאָניאַ איז אין שפּיטאָל, זי זעט זיי דורכן פענצטער. און איר ערשטער געפיל איז אַ ברענענדיקער צאָרן פאַרוואָס מען האָט זי אויסגעמיטן, פאַר־וואָס סערגיי האָט זיך דערוועגט צו ווענדן צו סיאָמאַן, זי אויסלאָזנדיק, פאַר־וואָס ער האָט געצווּנגען סיאָמאַן זיך צו ערגערן און לײַדן. זי לויפט אַהיים.

— וואָס דאַרפסטו, סערגיי? — פרעגט זי אים אָן אָטעם — צו וואָס ביסטו געקומען?

זיי מעסטן זיך מיט די בליקן. ניין, די פרוי האָט אים מער ניט ליב, נאָר סאָראַ... גרויסע זי איז! אַ גרויסע און אַ שטאַרקע! זי איז נידעריקער פון אים, נאָר ער פילט זיך אַקעגן איר נישטיק.

סיאָמאַ נעמט זיך אויפקלערן און באַמיט זיך איינשטילן טאָניאַן. סיאַמאַס אַריינמישונג רייסט אויף סערגייען. צו וואָס פאַר אַ טייוול קריכט ער מיט זיין פאַרטיידיקונג! ווי דאָס זאָל ניט געווען זיין, האָט טאָניאַ ליב געהאַט מיט דער ערשטער ליבע סערגייען און פון אים איז איר זון...

— איך בין געקומען דערפאַר וואָס איך האָב אַ רעכט קומען צו מיין זון, — צעשרייט ער זיך גראָב קעדיי אויסצובאַהאַלטן זיין פאַרלוירנקייט.

טאָניאַ באַהערשט זיך און גיט זיך אַ לאָז צו אים.

— דו האָסט אַ טאָעס, — איז זי גרויזאַם — דו האָסט ניט קיין זון און דו האָסט ניט קיין רעכט. דו קענסט בעטן, נאָר פאָדערן האָסטו ניט וואָס.

די טיר פון דעם דערבייִקן צימער גיט ווייך אַ סקריפע און דער זון — אַ כּאָשעווער, אומאָפּהענגיקער זון — קומט אַרטיק אַריין אין צימער. ער איז פול מיט כּשיוועס און באַהאַלטענער נייגעריקייט, צוליב דעם וואָס די גרויסע האָבן צו הויך גערעדט און זייערע פּאָזעס זיינען אומגעוויינלעכע. ער בלייבט שטיין און קוקט זיך אַרום. אַלע בלייבן שטיל.

— פּאָפּאַ, — זאָגט דער זון, וואָס דערפילט די וויכטיקייט פון זיין אַריינקום — אַ שרייפּל האָט זיך פאַרהאַקט.

ער האַלט אין די הענט אַן אַליין געמאַכטן עראָפּלאַן. ער הייבט אים אויף און דריקט אַן מיט אַ פינגער אָפן פּראָפּעלער, וואָס וויל זיך טאַקע ניט דרייען.

— פּאָפּאַ, — זאָגט ער... — און סערגיי טרעט אָפּ אַ שטויגענדיקער.

סיאָמאַ נעמט דעם עראָפּלאַן און באַטראַכט אים.

— מירן באַלד פאַרריכטן — און ער פירט אַוועק דאָס קינד אין צווייטן צימער. ער פאַרמאַכט די טיר און קוקט זיך ניט אום אַף די פאַרבליבענע.

דעמאָלט זעצט זיך טאָניאַ אַוועק און בעט סערגייען זיצן.

— פריִער אָדער שפּעטער, דורכריידן זיך האָט מען געמוזט. טאָ לאָמיר ריידן ווי מענטשן. זיץ.

ער וואַרט ביז זי וועט באַטראַכטן אירע ווערטער. נאָר זי פרעגט בלויז:

— וואָט דאַרפסטו? צוליב וואָס ביסטו געקומען?

אונטער איר רויִקן בליק, נעמט ער דעמאָלט אַרויסלייגן אַלץ וואָס אים האָט געפּייניקט די אַלע יאָרן, זיין איינזאַמקייט, זיין בענקשאַפט, זיין אומגעריכטע ליבע צום אומגעריכטן זון.

— איך פאַרשטיי דיך, — זאָגט טאָניאַ — מיך פרייט פאַר דיר. איצט גלייב איך, אַז דו וועסט ווערן אַ מענטש. ווען דו קומסט ניט, וואָלט איך דיך געהאַסט.

זיי שווייגן.

— און איצט הער אויס... אונדזערע געפילן, איז אַ קלייניקייט. וויכטיק איז אים צו דערציִען פאַר אַ ריכטיקן מענטשן. ער דאַרף לעבן רויִק, קלאָר, גליקלעך. איך האָב פיינט פלאָנטערס, אומקלאָרקייטן. איך האָב אַ סאַך דורכגעליטן, נאָר אים וועל איך אויסהיטן מיט אַלע קויכעס, זיין לעבן דאַרף זיין אַ לויטערס. און צעברעכן די פאַמיליע, זיין פאַמיליע, וועל איך קיינעם ניט דערלויבן!

איצט פאַרשטייט ער. און ער זעט אַז זי האָט אַ סאַך אויסגעליטן. דערפאַר עפּשער זעט זי אויס אַזוי גרויס און שטאַרק.

— איך ווייס, טאָניאַ... איך בין שרעקלעך שולדיק קעגן דיר... איך שטעל מיר פאָר...

— דו שטעלסט זיך גאָרניט פֿאָר, סערגיי, דו ווייסט ניט ווי איך האָב דיך ליב געהאַט, און דו ווייסט ניט ווי איך האָב דיך אויסגעראָטן בײַ מיר אין האַרצן. דו ווייסט גאָרניט און וועסט גאָרניט פֿאַרשטיין...

— טאָניאַ... דו רעדסט אַזוי...

— איך ווייס דײַן ווערט, סערגיי. האָב איך דיך דען ניט ליב געהאַט מער ווי דאָס לעבן?

— איך האָב דעמאָלט ניט פֿאַרשטאַנען, טאָניאַ... נאָר איצט...

ער וויל זי אָננעמען בײַ דער האַנט. זי צעלאַכט זיך.

— לאָז עס אָפּ, בעט איך דיך. אויב איך רייד איצט אַזוי לײַכט, איז עס דערפֿאַר וואָס יענע ליבע איז שוין לאַנג געשטאָרבן. און איך קען זי דערמאָנען אָן ווייטיק. מיך פֿרייט, סערגיי, וואָס דאָס האָט זיך גראָד אַזוי געטראָפֿן. מיט דיר וואָלט איך קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקלעך.

— דו האָסט שטאַרק ליב סיאָמאַן? — פֿרעגט ער נאָכגיביק נאָר אַ ביסל אומגלייביק.

— יאָ, — ענטפֿערט טאָניאַ ערנסט און זי נעמט אַליין אָן סערגייען בײַ דער האַנט מיט אַ מוטערלעכן טרייסטנדיקן באַוועג — באַמי דיך צו פֿאַרשטיין, סעריאָזשאַ, דאָס וועט דיר צו נוץ קומען אינעם לעבן. יאָ, איך האָב ליב סיאָמאַן. ער איז מיר אַ סאַך מער ווי אַ מאַן. איך ווייס וואָס דו טראַכסט דיר איצט, דו טראַכסט דיר, אַז דו ביסט אַ הויכער, אַ שיינער, אַז פֿרויען האָבן דיך ליב, און סיאָמאַ איז אַ נידעריק־געוויקסיקער, ניט קיין שיינער און ער האָט אין זיך אַ סאַך קאָמישעס. יאָ? און דו גלייבסט ניט, אַז מען קען העכער שטעלן סיאָמאַן, ווי דיך?

סערגיי שלאָגט דאָס שוואַך אָפּ. ער האָט מיט אַן עמעסן אַזוי געטראַכט נאָך נעכטן, נאָך הײַנט... און אַפֿילע נאָך איצט...

— אַ שיינער מאַן צו זײַן, איז ניט קיין גרויס פֿאַרדינסט, — זאָגט פֿאַראַכטלעך טאָניאַ — שיינע מענער זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך. מען קען זיי שטענדיק געפֿינען — ניט דעם, איז אַ צווייטן... נאָר אָט געפֿינען אַ כאַ־ ווער אין לעבן... געפֿינען אינעם מאַנספֿאַרשוין אַ גרויסן פֿרײַנט... אַזעלכן, וואָס דו קענסט אים אַלץ דערציילן, אַלץ פֿאַרטרויען... וואָס פֿאַרשטייט דאָס גוטע אין דיר און אויך דאָס שלעכטע...

זי פֿאַרענדיקט ניט און האַקט אָפּ דעם געדאַנק.

— איך ווייס ניט, וואָס נאָך דו וועסט זײַן, סערגיי. און סיאָמאַ איז אַזאַ מענטש, וואָס איך וואָלט אים מיט פֿאַרמאַכטע אויגן געטרויט דאָס בעסטע קינד. און סיאָמאַ איז דער פֿאָטער פֿון מײַנע קינדער. אַזוי לאַנג איך לעב, וועט קיין אַנדערער ניט זײַן.

זי לאָזט אים צו זיך קומען פֿון דער צעדרודערונג און רופֿט אַרײַן סיאָמאַן.

— סערגיי האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען און איז מיט אַלץ מסכּים, — זי דירט ווייך אָן סערגייען בײַם אַקסל און זאָגט — ער גייט שוין אַוועק.

סערגייען קלעקט נאָך קויעך זי צו בעטן:

— קען מען אַף אים אַ קוק טאָן?

טאָניאַ פֿירט אַרײַן דאָס ייִנגעלע. סערגיי גיט אים אַ גלעט בײַם קעפּל, פֿירט מיט די פֿינגער איבער זײַן שאַרבן־ליניע. די געשווירענע הערעלעך קיצ־ לען אים די דלאָניע. וואָלאָדיאַ קאָרטשעט זיך אומצופֿרידן און ציט זיך צוריק צו זײַנע שפּילעכער. דאָך, איז אים אינטערעסאַנט, ווײַל די גרויסע האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ניט ווי געוויינלעך און קוקן אַף אים באַזונדער אויפֿמערק־

זאַם. פונדעסטוועגן, קען ער זײַן מיט זיי גאַנץ דרײַסט. ער רײַסט זיך אויס און אַנטלויפט.

— זײַט געזונט, — זאָגט סערגיי און טוט אָן דאָס זעלנערישע היטל.

VII

אַנדריי קרוגלאָוו אַליין קען ניט אָנרופן די סיבעס פון דעם אומרו און דער ניט אַנטשלאָסנקייט וואָס שמידן זײַן ווילן אין יענע טעג ווען זײַנע באַציִונגען מיט קלאַוואַן האָבן געקענט און געדאַרפט ווערן באַשטימט.

ער געזעגנט זיך מיט די באַגלייטער, צווישן וועלכע עס איז ניטאָ קלאַוואַ, און ער קען ניט גוירער זײַן די אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין. די שיף שווימט געלאַסן אָפּ פון דעם היימישן ברעג. קרוגלאָוו גייט אַרײַן אין דער קאַיוטע, פאַרשליסט און לייגט זיך אַוועק אויפן בעטל. ער איז ניט צופרידן, ער איז ברוגעז אַף זיך אַליין פאַרוואָס ער פאָרט אַוועק. נאַטירלעך, האָט ער געדאַרפט בלײַבן, כאַסענע האָבן מיט קלאַוואַן, פאַרברענגען דעם אורלויב אינאיינעם מיט איר. וואָס טראַכט זי איצט וועגן אים? און וואָס וועט ער טאָן אין ראָסטאָוו? ער האָט דאָרט קיינעם ניט אַ כוץ דער בייזער מומע, וואָס ער האָט זי ניט ליב, און כאַווײַרים, וואָס זײַנען זיך שוין צעפאָרן הער וווהין. די נײַע שטאָט איז אים געוואָרן אייגענער ווי ראָסטאָוו. דאָרט זײַנען דערמאָנונגען און דאָ זײַנען פרוכטן פון אייגענעם אָנשטרענג, פרײַנט, דאָס איינציקע מיידל, וואָס ציט זײַן אויפמערקזאַמקייט... צו וואָס־זשע פאָרט ער?

די פאַרגייעדיקע זון און דער טײַך־ווינט דרינגען דורך די שפּאַלטן פון דער הילצערנער שטאָרע. עס רוישט דאָס וואַסער אַ צערודערטס פון די רעדער. אויפן דעק טופּען און פּלוידערן קינדער.

אַנדריי שלאָפט אײַן. דער אומרו טרעט ניט אָפּ פון אים אויך אין שלאָף. דער שלאָף איז אַ שטאַרקער, נאָר אַ קורצער. ס׳איז גיכער אַ פאַרגעסן זיך, אין וועלכן עס פאַרלירן זיך די אײַנדרוקן פונעם טאָג, נאָר דערפאַר קומט אַפיר פון אונטער די צופעליקע איבערלעבענישן און אײַנדרוקן דער ניט באַגומענער, נאָר שטאַרקער געוואָרענער אומרו. ער איז געוואָרן מאַטעריעל, האָט באַקומען שטריכן פון מענטשלעכן לײַב, פון הענט וואָס פאַרריכטן זיך די עטוואָס בלאָנדע האָר, שיין געשניטענע אויגן, וואָס גלאַנצן פון אונטער האַלב־אַראָפּגעלאָזטע וויִעס... דינאַ!

ער כאַפּט זיך מיטאַמאָל אויף. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. די קינדער אײַנגעשטילט. דער אָטעם פונעם טײַך פילט אָן זײַן קאַיוטע מיט אָוונטיקער פײַכטקייט.

דינאַ... איז נאָך, הייסט עס, ניט געלייזט? ניט אויסגעלעבט? ער טראָגט זי נאָך ערגעץ אינעווייניק, אַן אויסבאַהאַלטענע פונעם באַוווסטזײַן. דאָס וועקט זי זײַן אומרו ווען ער שלאָפט. און איצט פאָרט ער צו זי זען אַף דער וואָר. די אויפגאַבע איז נאָך ניט געלייזט. און אָן דער לייזונג קען מען ניט צוגיין צו קלאַוואַן. מען מוז זיך באַפרײַען ביז צום סאָף. „מירן קוקן דעם עמעס אין די אויגן. דו ווייסט נאָך ניט צי דו וועסט קענען אַ קוק טאָן אַף דינאַן מיט גלײַכגילטיקע אויגן. מירן קומען אַהין, וועלן מיר עס אויספרווון, וועלן מיר זיך פונאַנדערקלײַבן אין זיך אַליין”. דער אומרו איז זיך צעשוווּמען. די קלאָרקייט פון דער לאַגע גיט אינערלעכע באַפרײַונג. און דער אור־

לײַב ווײַזט זיך אים ווי אַ נויטווענדיקע צײַט פֿאַר יעדן מענטשן, ווען מען קען איבערוועגן, באַנעמען און ריכטן זיך אַליין.

ס'איז שוין נאַכט ווען ער גייט אַרויס אַפֿן דעק. דער גערויש פֿונעם וואַסער אין די רעדער איז דער איינציקער קלאַנג וואָס שטרײַכט אונטער די קלאַנגלאָזיקייט פֿונעם פֿינצטערן טײַך בײַ די ברעגעס. איינער נאָך צווייטן קומען אויף אינעם וועג פֿאַרשיידנקאָלירטע פֿײַערן. זיי טראָגן זיך, גייען איינער אַפֿן צווייטן, גייען זיך פֿונאַנדער — לויט די פֿײַערן לייענט מען דעם וועג פֿון דער שיף, וואָס גייט אַרום די פֿלאַך געוואָרענע ערטער. ווו ניט ווו פֿינקלען אַפֿן וואַסער, ווי גלי־ווערעמלעך, די לאַמטערנס אַף די באַקנס.

קרוגלאָוו שטייט בײַם באָרט, מיט די פֿאַרפֿרוירענע הענט אין די אַרבל, און נאָך אַ לאַנגער צײַט פֿון איבערגעלאָדנקייט מיט אַרבעט און אומרו, פֿילט ער אַפֿסנײַ זײַן נאָענטקייט צו דער נאַטור און הערט איר מאַיעסטעטישע שטילקייט.

„ווי אָפֿט מיר קענען ניט לעבן פּאַשעט, לויטער, דײַטלעך, — טראַכט ער — ווי ניט אײַנגעאָרדנט איז אונדזער פּערזענלעך לעבן: מיר אַליין קאָמפּליצירן עס, מיר פּײַניקן זיך, מיר שטרויכלען. מיר מאַכן טאָעסן מיט דעם קאָפּ און מיט דעם האַרץ. מיר גייען פֿאַרבײַ דעם גליק און מיר פּלאָנטערן זיך אין די נעצן וואָס מיר אַליין שאַפֿן זיך. צי זײַנען מיר אָבער שולדיק, מיר דער איצטיקער דאָר? וויפֿל שטערונגען, קייטן, פֿאַרקריפּלטע קאָנ־ האָט ווענציאָנאַליזמען מען האָט באַשאַפֿן, קעדײַ אָוועקצונעמען בײַ די מענטשן זייער רו, זייער פֿאַרגעניגן, זייער פֿרײַדיקע מי, זייער באַרירונג מיט דער נאַטור. דער פּראָצעס פֿון שיידן דעם מענטשן מיט דער נאַטור גייט אָן לאַנגע הונדערטער יאָרן. די אַנשיכטונג פֿון דער קולטור גייט פּאַראַלעל מיט דער אַנשיכטונג פֿון אַלץ ראַפֿינירטערע פֿאָרמען פֿון מענטשלעכער פֿאַרקריפּלונג און פֿאַרשקלאַפֿונג. די דערגרייכונגען פֿונעם מענטשלעכן מויעך און פֿון די מענטשלעכע הענט זײַנען אויפֿטרייסלעדיקע. נאָר אַנדערע מענטשלעכע מויכעס (עפּשער גאָר ניט קיין מויכעס, נאָר כיטרעסט, זשעדנעקייט, רישעס, גרויזאַמקייט?) האָבן זיך באַמיט צו מאַכן אַזוי, אַז מאַסן מענטשן זאָלן זײַן אומגליקלעך, איינזאַם, אונטערדריקט, באַרויבט פֿון די רעזולטאַטן פֿון זייער מי, פֿון זונענשײַן, פֿון לופֿט, פֿון בלומען. אַ קינסטלעכע פֿינצטערניש — אָט וואָס דער רויבערישער און קלעפּיקער קלאַס פֿון די עקספּלואַטאַטאָרס האָט געשאַפֿן! אין אָט דער קינסטלעכער פֿינצטערניש האָט יאָרהונדערטער לאַנג געצאַפּלט די אַרבעטנדיקע מענטשהייט, זי איז פֿאַרשפּריצט געוואָרן מיט קויט, די אויסדעמפֿונגען פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג האָבן פֿאַרסאַמט דעם אָטעם. זי האָט זיך אָבער דאָך דערשלאָגן צום ליכט — מיט בלוט, מיט קאָרבאָנעס... דער קוואַל פֿון ליכט איז אין אונדזערע הענט.

און מיר קעמפֿן דערפֿאַר, קעדײַ אײַנגאַנצן אָפּצוגעבן די מענטשן די זון, דאָס ליכט, די מי, דעם פֿרײַען אָטעם, דאָס פֿרײַע געפֿיל. וועגן דער האַרמאָניע פֿון די מענטשלעכע געפֿילן האָבן געטרוימט די בעסטע מענטשן פֿון אַלע צײַטן. און מיר שאַפֿן זי.

מיר האָבן זיך קענטיק נאָך ניט אויסגעלערנט דענקען און פֿילן טיף — איך, מײַנע כאַווערים, די יוגנט... ניט שטענדיק טאַפּן מיר. אָן די גאַנצע גראַנדיעזע ברייט פֿון אונדזערע אויפֿגאַבן. וואָס אַזוינס איז סאָציאַליזם ווייסן מיר — מיר מאַכן אים מיט אונדזערע הענט. נאָר ניט שטענדיק פֿילן מיר וואָס דער סאָציאַליזם איז אין זײַן פֿולער אָפּפֿרישנדיקער פֿײַנקייט, וואָס

באַנײַט די מויכעס און די הערצער. און ער איז דאָך שוין פאַראַן אין אונדז, אין אונדזער באַציִונג צום לעבן, צו דער אַרבעט, צו דער פרוי, צום כאַווער, אין דער נײַקייט פון אונדזערע געדאַנקען און געפילן. צי ניט וועגן דעם האָט גערעדט מאַראָזאָוו ? אינאַיי'נעם מיט דער שפאַנונג פון דער שטאָט, שאַפן די מענטשן ! איך האָב אויך דעמאָלט פאַרשטאַנען, נאָר ניט ביזן סאָף, ניט אינעם גאַנצן פאַרנעם. שוין צוויי יאָר אַז איך דערצי מענטשן (און אינאיינעם מיט זיי אויך זיך אַליין). אינעם ברען פון דער אַרבעט באַווײַזט ניט אַלץ גוט צו באַטראַכטן. נאָר די צוויי יאָר זײַנען דאָך געווען יאָרן פון סאָציאַליסטישן שאַפן די מענטשן. אַרבעט, פּראָדוקציע. אַרבעט איז פאַר אונדז שאַפונג, באַשאַף. שעפערישע באַציִונג צו אַרבעט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז מעגלעך נאָר בײַ אייַנצלנע זעלבסטאָפּפערנדיקע מענטשן — בײַ דערפינדער, געלערנטע, שרײַבער ; בײַם סאָציאַליזם איז עס דער באַזיץ פון די מאַסן. און אין דער נײַער אַרבעט קומען נאַטירלעך אויף די נײַע יעסוידעס פון די מענטשלעכע באַציִונגען.

אין געדאַנק גייען אים דורך אַ ריי יונגע מענטשן — ניט פולשטענדיקע, ווידערשפּרעכיקע, פאַרשיידנאַרטיקע. ער זעט ווי עס בײַט זיך בײַ זיי דאָס קאָל, ווי זיי לערנען זיך אָטעמען און דענקען אַפן נײַעם אויפן. סערגיי גאָליצין — ווי טײַער איז קאָסט זײַן לײַכטזיניקער עגאָיזם ! און טאָניאַ און סיאָמאַ ?... וועט זיך נאָך געפינען אַ מער העלערער בײַשפּיל פון נײַע לעבנסבאַציִונגען ? פעדיאַ טשומאַקאָוו און לילקאַ — אַ מאָדנע פּאָרל, בײַ וועלכע עס פלעכטן זיך צוזאַמען ליבע מיט פאַרוועט. די נאַנײַישע קאָמיוגיסטקע מאָאָמי, אַ געוווינענע מיט דעם ליכט וואָס לויפט איבער די דראָטן. זי האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פון אָפּלאָזן די מאָנטיר־פּראָפעסיע, קעדיי צו באַזאָרגן די בויונג מיט פיש, און איצט באַקענט זי זיך מיט דעם אַפּאַראַט פאַר עלעקטרישער שווייסונג. קאַטיאַ סטאַווראָווא, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר לאַנגווײַליקער סטאָיקע, האָט געשאַפן די מוסטער־קראָם. און וואַלקאַ, ווי געבראָכן ער האָט זיך, סאַראַ וווּנדערלעכער באָכער ער ווערט ! — וואָסער אַרבעט דו זאָלסט אים ניט אָנטרויען, וועט ער ניט אָפּנאַרן... אַ נײַער פאָרמעג פון פרײַנטשאַפט, ליבע און פּאַטריאָטיזם...

די פרישע לופט פון סאָציאַליזם האָט צעעפנט צו פולן לעבן די מויכעס און די הערצער. און דאָס זײַנען דאָך נאָר די ערשטע שאָען פון סאָציאַליזם — די ערשטע שאָען בלויז ! ווי שיין וועט שוין זײַן דאָס לעבן, ווען דער באַפרײַטער מענטש וועט פולערהייט אויסניצן אַלע דורך יאָרהונדערטער באַקומענע ניצכנוינעס פונעם מענטשלעכן סייכל און די רײַכקייט פון זײַן נאַטור ! יאָ, דער מענטש וועט זיך צוזאַמענגיסן מיט דער נאַטור, נאָר ניט דורך פאַראָרעמונג פונעם לעבן, נאָר דערמיט וואָס עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן דער צוואַנג און דער מענטש וועט צוריקקערן צום נאַטירלעכן צושטאַנד פון פרײַער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג, נאָר איצט שוין אַפן גרונט פון דעם גרעסטן ניצאָכן, וואָס סייכל און ווילן וועלן אָפּהאַלטן איבער דער בלינדער סטיכיע.

און דעמאָלט, זיכער, וועלן אונדזערע שפּאַן צום גליק זײַן זיכערער. מיר וועלן ניט אַזויפיל פעלערן מאַכן, ניט אַזויפיל בלאָנדזשען. די נײַע טאָניאַ וועט דערגרייכן איר פרייד אָן לײַדן, אָן ווייען. און דער נײַער קרוגלאָוו... וועט מער ניט באַגיין זײַנע טאָעסן.

אַזוי טראַכט אַנדריי. און ער איז גליקלעך און שטאָלץ דערמיט וואָס

ער לעבט אין די טעג פון שאַפונג און גיט זיך אײַנגאַנצן איבער דעם קאַמף פאַר אַזאַ שײנער אַלמענטשלעכער זאַך. ווי וויכטיק דו ווערסט אַלײן, ווען עס איז וויכטיק דײַן פאַרטײ, דײַן זאַך, דײַן צײַט!

זײַנע אײגענע, פערזענלעכע צאָרעס זעען אים איצט אויס קלײן. יאָ, זײ זײַנען בעעמעס קלײן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ ניט געלונגענע ליבע אינעם שטראָם גרויסן לעבן וואָס וויקלט זיך פאַר אונדז אויס. זאָל זײַן עס פרעסט אים צײַטנווײַז אומרו און באַנג, קען ער זאָגן, אַז ער איז אין די אַנדערהאַלבן יאָר געווען אומגליקלעך? ווי גרויס עס איז אַ פאַרלוסט, מאַכט דעם מענטשן אומגליקלעך נאָר דער באַוווסטזײַן פון דער לײדיקײט, פון דעם עלנט, פון דער האָפענונגסלאָזיקײט. אַזאַ באַוווסטזײַן האָט ער ניט געהאַט אַפילו ניט אין די שאַרפסטע מינוטן פון דערשיטערונג.

אַ קאָלירלאָזער לעוואָנע־האָרן קומט אַרויס פון הינטער אַ סאָפקע אַפן גרויען בלײַכן הימל.

עס טאָגט.

אַנדרײ גײט אַרײַן צו זיך אין דער קאַיוטע און שלאָפט אײַן מיט אַ וווּנדערלעכן געזונטן שלאָף פון אַ גליקלעכן מענטשן. קײן שום אומרו. ער גלײבט, אַז ער האַלט דאָס לעבן אין זײַנע הענט. און דער נײַער טאָג צעטרײַבט ניט די נאַכטיקע באַרויִקונג.

אין אַזאַ שטימונג דערפאָרט ער ביז ראָסטאָוו. אין ראָסטאָוו ווײַזט זיך אַלץ בעסער ווי ער האָט גערעכנט. ער געפינט אַלטע גוטע ברידער, דאָס וועטער פיעשטשעט אים, און דער מומעס כאַראַקטער אַפילו איז ווײכער געוואָרן. אַנדרײ באָדט זיך אַ סאַך, ער איז פאַרברוינט, ער פאַרברענגט מיט פרײַנט, שאָענלאַנג דערצײלט ער זײ וועגן דער נײַע שטאָט און נעמט זיך שרײַבן עפּעס אין דעם ערעך ווי זיכרוינעס אָדער כראָניק. שרײַבן איז שווער. עס ווילט זיך דערצײלן פאַרביק וועגן דעם פראָצעס ווי עס פורעמט זיך אויס דער נײַער מענטש, וועגן דעם פראָצעס וואָס איז פאָרגעקומען אין אים און פאַר זײַנע אויגן. נאָר די דערצײלונג קומט אַרויס בלײכער ווי די פאַקטן. דעמאָלט נעמט ער זיך פאַרשרײַבן בלויז פאַקטן, דאָס באַגײן זיך פון מענטשן. די אַרבעט ציט אים אַרײַן און ער טראַכט פון איר טאָג ווי נאַכט.

ער דערוויסט זיך, אַז דינאַ געפינט זיך אין שטאָט, נאָר אים ציט ניט מיט איר זיך צו טרעפן. זי האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ באַקאַנטן דאָקטער, וואָס פאַרראָט זי אַף רעכטס און אַף לינקס. מען זאָגט זי איז די שענסטע פרוי אין שטאָט, און מען וווּנדערט זיך אַף איר געדולד. אַנדרײ האָט זי דערזען אין גאַס, פון ווײַטנס. זי זעט אויס ווי אַ מענטש פון יענער זײַט, אַ ביז גאָר פרעמדע. אַ ביטערער קנײטש שעדיקט איר מויל. זי האָט ניט מער אין די אויגן דעם ניצאָכנדיקן גלאַנץ. און זי האָט גענומען אָן בושע זיך פאַרבן.

זי האָט אים דערקענט און האָט זיך אויפריכטיק דערפרײט. דער ביטערער קנײטש האָט זיך אויסגעגלעט, נאָר דינאַ קען אים שוין ניט נאַרן מיט איר זאָרגלאָזער פלוידערײַ.

זײ פאַרקירעווען אין אַ פוסטן געסל, ווו עס שטיקט די היץ, און זײ פאַנגען היין און צוריק איבער דעם שמאָלן פאַס שאָטן האַרט לעבן די הײַזער. דינאַ איז נערוועזיש דערפון וואָס קרוגלאָוו האַלט זיך אײַנגאַנצן רויִק. זי ווײס ניט ווי זיך צו האַלטן, זיך קלאָגט זיך אַף לאַנגווײַליקײט, זי זאָגט אַז איר ווילט זיך עפּעס שײנס, ליכטיקס, אויסערגעוויינלעכס.

אַנדריי צעלאַכט זיך אָפּן:

— דו האָסט דאָס פאַרזען, ווען דאָס איז געשטאַנען דיר פאַר די אויגן.

אין דער געהויבענער שטימונג און געדאַנקלעכן אָנשטרענג, וואָס פאַר־לאָזט אים ניט זינט דער שלאָפלאָזער נאַכט אָף דער שיף, זעט דינאַ אויס אומאינטערעסאַנט און נעבעכדיק — אַ מענטש פונעם נעכטיקן טאָג.

— און וואָס איז מיט דעם שעפּעלע קלאַוואַ? — פרעגט זי אים אַן אויפגערעגטע.

— איך האָב מיט איר כאַסענע.

— אַ!

און זי נעמט אים מיטאַמאָל דערציילן וועגן קלאַוואַס לעצטן באַזוך, וועגן אירע נאַטאַציעס, דערקלערונגען — אַלץ, אַן רעזערווירונגען, ניט שוי־נענדיק זיך. ס׳איז אידער אַ ברייטהאַרציקער זשעסט, נאָר אַנדריי רעכנט, אַז מיט דעם ברייטהאַרציקן זשעסט פאַרמאַסקירט זי איר בייזקייט.

ער שיידט זיך אָן באַדויערונג מיט דינאַן און לויפט אַוועק אָפּן טעלע־גראַף און שיקט קלאַוואַן אַ צערטלעכע פריינטלעכע טעלעגראַמע. ער אַנט־שליסט זיך ניט צו געטרויען די דראָטן קיין ליבעס־ווערטער. נאָר זי וועט אַזוי אויך פאַרשטיין...

אין דער נייער שטאָט הייבט זיך אָן האַרבסט. אין די פינצטערע אָוונטן, אונטערן געריויש פון ווינט און רעגן, זיצט קלאַוואַ אין דער פינצטער באַם אויוון. דאָס וואָס קומט פאַר אין איר פאַדערט אָפּגעזונדערטקייט און איינ־טראַכטונג. נאָר די קינדער שטערן איר ניט. שכיינישע מיידלעך קומען צו איר זיצן באַם אויוון אין די פאַרנאַכטן, בליצלען פון שרעק און פאַרגעניגן. זיי זיצן אַרומגענומען אין דער טאַנצנדיקער אָפּשיין פונעם פייער און קלאַוואַ דערציילט זיי מייסעס. דאָס זיינען דער באַבעס אַלטע מייסעס. נאָר קלאַוואַ ענדערט זיי אין מיטן דערציילן, זי פּילט זיי אויס מיט אירע צוטראַכטע־נישן, זי טראָגט אין זיי אַריין דעם אָטעם פון איצטיקן לעבן. אין דער פאַנ־טאַסטישער וועלט לעבן מענטשן־וועלף און קישעפמאַכער, נאָר באַ איר קו־מען אַריין טויכערס, עקסקאַוואַטאָרס און עראָפּלאַנען, און גוטע גייסטער ריידן דורך ראַדיאָ — עס גיסן זיך צונויף מייסעלע און לעבן. און אָפּט רייסט זיך דאָס לעבן אַריין אינעם מייסעלע, און קלאַוואַ דענקט אָפּן קאָל, און פלעכט אַריין אירע געדאַנקען און געפילן אינעם פאַנטאַסטישן געוועב.

אין דעם אָוונט זיצט זי אַ טרויעריקע באַם אויוון און דער־ציילט:

—...און לאַנג זוכט זי איר איוואַן צאַרעוויטש. זי זוכט אינעם פינצ־טערן וואַלד — ער רוישט און קלינגט דער פינצטערער וואַלד, בלומען שאָק־לען מיט די קעפּעלעך, פויקע וועווערקעס שפּרינגען פון צווייג צו צווייג, — נאָר ניטאָ איז איוואַן צאַרעוויטש. זי זוכט אים באַם בלויען יאַם — ער פּאַטשט און כוואַליעט דער בלויער יאַם, ווייסע מעוועס שרייען אָף די כוואַ־ליעס — נאָר ניטאָ איוואַן צאַרעוויטש. זי זוכט אים אין די גרויסע שטעט און אין די הויכע טערעמען, זי זוכט אין די דערפער און אין די פישער־שטיבלעך — יעדן פּרייט דאָס שיינע מיידל, יעדער גריסט איר, יעדער גלעט איר, נאָר ניטאָ איז צווישן זיי איוואַן צאַרעוויטש.

גרויסע טרערן קייקלען זיך איבער אירע באַקן. די שטיל געוואָרענע מיידלעך טוליען זיך אַרום איר. זי נעמט אַרום זייערע שמאָלע אַקסלען, גלעט די בלאָנדע קעפּ און די שטייף פאַרפלאָכטענע צעפּלעך און עס פרייט איר וואָס אין דער פינצטער זעט מען ניט אירע טרערן.

— און ווײַטער? און דערנאָך? — אײַלן זי מיט געשעפטש די מיידלעך, דריקן זיך צו אירע הענט און קני.

— און ווי האָט ער זיך געפונען? — פרעגט די קלענסטע, וואָס גלייבט אַז אַלץ ענדיקט זיך גוט.

— און דערנאָך, — זאָגט קלאַוואַ, מיט אַ קאָל אָנגעפולט מיט טרערן — דערנאָך איז געווען אַזוי, אַז איוואַן צאַרעוויטש האָט זיך אויסגעפונען אין דער נײַער שיינער שטאָט, באַם ברעג פון אַ ריזיקן טײַך, אין דער טיפעניש פון אַ געדיכטן וואַלד. נאָר ווײַט איז געווען דער וועג צו דער דאָזיקער שטאָט! איבער שפיצן בערג, איבער סטעזשקעס פון ווילדע כאַיעס אויסגעטראָטן, ווו באַרג־טײַכן הייבן זיך אָן, איז דאָס שיינע מיידל געגאַנגען דרײַ יאָר מיט דרײַ און דרײַסיק טעג. זי האָט צעריסן אירע ווײַסע הענטלעך אָן די שטעכיקע צווײַגן, ביז בלוט צעשלאָגן אירע ווײַסע פיסעלעך אָן די שפיציקע שטיינער. נאָר געוווסט האָט דאָס שיינע מיידל, אַז מען דאַרף גיין, גיין ביז צום סאָף. האָסטו עפעס פאַרטראַכט — דערפיר עס ביז צום סאָף. אַזוי האָט זי געטאָן, אַזוי זאָלט איר אויך טאָן.

... און אָט, צום סאָף פון דריטן פרילינג, קומט זי צו צו דער געבאָטענער שטאָט. די הײַזער זײַנען אַלע נײַע, די גאַסן ברייטע, אין די נײַע דאָקן שטייען שיפן, אָפן הימל קײַקלט זיך אַן עראָפלאַן, צווישן די סאָפקעס, איבערן שטאָלענעם וועג, לויפט אַ צוג און פײַפט... דערפרייט האָט זיך דאָס שיינע מיידל, זי קומט אַרײַן אין שטאָט. און אַקעגן, גלײַך צו איר — איוואַן צאַרעוויטש. דאָס פּאָנעם ווײַס, די לויטערע אויגן ברענען מיט אַ פײַער. ער פאַרנייגט זיך פאַר איר, ווי פאַר זײַן באַשערטער, ער נעמט פאַר איר אַראָפ פון דער האַנט דאָס באַהאַלטענע רינגל, און פירט זי אינעם נײַעם שטיינערנעם הויז, און ער פירט זי אַרײַן אינעם ליכטיקסטן אַלקערל, און ער רופט זי אָן געליבטע און טײַערע...

די טרערן רינען אַלץ איינע נאָך דער אַנדערער.

— צינדט ניט אָן! — שרײַט זי ווען זי דערהערט טריט.

אַנדריי קרוגלאָוו שטייט אַף דער טיר.

די טרערן טריקענען אויס מיטאַמאָל. גוט איז וואָס אין דער פינצטער זעט מען ניט די צעפלאַמטע באַקן.

— האָסט אונדז איבערגעשראָקן, אַנדריושאַ... שוין גיי איך...

ער וואַרט זי אָפ אַפן גאַניק. אָן ווערטער באַגריסן זיי זיך. זי ווייס צוליב וואָס ער איז געקומען. און אַלץ וואָס האָט זי געפײַניקט, אַלץ וואָס האָט ניט געקענט געלייזט ווערן, איז פאַר איר קלאָר געוואָרן. די לייזונג איז געקומען מיטאַמאָל און קען ניט זײַן קיין אַנדערע.

זיי גייען איבער די נאַסע בריקלעך. און ער זאָגט איר, אַז ער איז געווען בלינד, אַז ער איז שולדיק אַקעגן איר, אַז ער האָט זי ליב און וויל זי אָנרופן זײַן ווײַב. קלאַוואַ טרייסלט מיטן קאָפ:

— ניין.

ער פאַרשטייט ניט. אים איז גאָר קיינמאָל אַפן געדאַנק ניט געקומען, אַז קלאַוואַ קען אים אָפזאָגן.

— ניין, אַנדריושאַ. איך דאַנק דיר. נאָר מען דאַרף ניט. ס׳וועט גאָרניט אַרויסקומען... דאָס אַלץ איז איבערגעברענט. אויסגעווייטיקט זיך.

ער פרווט זי איבעררײדן, אַז אַלץ וועט זיך פאַרגעסן, אַז ער וועט זי שטאַרק ליב האָבן.

— ניין, ניין, איך קען ניט. איך האָב אַ סאַך געטראַכט, אַנדריושאַ. צוויי כאַדאָשים געטראַכט. און ניין, כ׳קען ניט, כ׳וויל ניט, עס וועט ניט אַרויס־קומען.

זי זעט אים שטוינען און קלערט אים אויף:

— יעדער מענטש וויל אינעם לעבן דאָס פולע גליק. איך וויל אויך. און מיר זײַנען דאָך גוטע מענטשן. האָבן מיר דען קיין רעכט ניט דערויף? און צווישן מיר מיט דיר איז אַלץ אָנגעווייטיקט, איבערגעבראָכן... ניין, אַנדריושאַ, ניט איך און ניט דו דאַרפן מיר עס האָבן.

— סאַראַ נאַר איך בין געווען!

זי שווײַגט.

— נאַר איך האָב דיך ליב, קלאַוואַ...

— אַזוי ווי דו האָסט ליב געהאַט דינאַן? — פרעגט זי אים שנעל און אָפן. ער אַליין ווייס, אַז ניט אַזוי. אויך איצט פילט ער אַ ווייטיק, אַ בושע, באַדויערן, נאָר ניט קיין פאַרצווייפלונג.

— איך בין דאָך אַ פריילעכע, — פאַרשעמט זי זיך — און מיט דיר איז מיר ניט פריילעך. אַן אומעט. אַט אָפן יאַנטעוו, געדענקסטו... האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳איז עמעסע פרייד... נאָר דערנאָך פיל איך — ניין! ס׳איז ניט דאָס. און דו, אַז דו וועסט זיך אײַנטראַכטן, וועסטו מיט מיר מאָס־קים זײַן. מיך ציט צו דיר, נאָר ווען איך דערזע דיך, איז מיר אומעטיק, ווי אַלדאָס גוטע וואָלט פאַרבײַ.

אַהיימגייענדיק, פילט ער אַ ביטערע דערלײַכטערונג. ער איז אינגאַנצן פרײַ פון יעדן צובונד צו די געפילן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. מען דאַרף נאָר קוקן אין דער צוקונפט און קוקן מיט אַ קלוגן שאַרפן בליק, קעדיי דאָס האַרץ זאָל ניט באַגיין קיין פעלערן. אַן אַרבעטן, אַרבעטן, אויפכאַוועץ באַ די מענטשן נײַע געפילן, שטאָלצע געדאַנקען, זיי זאָלן זיך ניט באַגנוגענען מיט ווייניק, דאָס לעבן זייערס זאָל זײַן אַ טעטיקס, אַ שעפערישס, אַ פולבלוטיקס, אַ פריי־דיקס... אַט האָט אויך קלאַוואַ פאַרשטאַנען, האָט זיך ניט נאָכגעגעבן, האָט זיך געשטאַרקט איבער דער אַלטער ליבע, וואָס זאָגט ניט צו דאָס געווינטש־טע גליק. אַזוי טראַכטנדיק, צעוויינט ער זיך שיר ניט פון פאַרדראָס אָף זיך אַליין.

VIII

עס איז שוין האַרבסט. און די לופט איז אַזוי פריש און ריין. יעדן טאָג דוכט זיך, נאָך אַזאַ שיינער טאָג וועט שוין ניט זײַן, נאָר עס קומען אַלץ נײַע לויטערע, גאָלדיקע, קישעפדיק־פרישע טעג.

קלאַראַ שפּאַצירט אַ סאַך אין אַט די טעג. עס אָטעמט זיך אַזוי גוט! אין דער טײַגע פאַלן די בלעטער. דער אַמור איז הויך און שטיל. זי גייט שטענדיק איינע אַליין. פרײַנט האָט זי — קימאַט די גאַנצע בוריונג, נאָר קיין איינעם ניט דעם נאָענטסטן. דערפאַר אָבער זאַכן איז פאַראַן וועגן וועל־כע עס ווילט זיך טראַכטן אָף דער פרײַ! „די שטאָט שטייט פאַר די אויגן — שרײַבט זי ווערנערן — דאָס דאָזיקע בילד זע איך זינט די ערשטע טעג פון מײַן אַרבעט. די אויפגעבויטע גאַסן און הײַזער טראָגן אַרײַן רעאַלע שטריכן, נאָר ווען איך פאַרמאַך די אויגן זע איך ניט ווייניקער אויך די וואָס זײַנען נאָך ניט אויפגעבויט. סאַראַ גליק!"

— איר גייט אַרום ווי אַ נאַכט־וואַנדלער — זאָגט איר גראַנאַטאָוו אין אַן אָוונט ווען ער טרעפט זי באַם אַמור.

— דערפאַר וואָס איך זע דאָס וואָס איר זעט נאָך ניט — ענטפערט זי.

— אײַער באַרימטקייט?

זי וווּנדערט זיך. באַרימטקייט? וועלכע? פאַרוואָס? איר קומט גאָר קיינמאָל אַפן זינען ניט אַז די נײַע שטאָט קען זי באַרימט מאַכן. פאַרקערט, איר ווילט זיך באַרימט מאַכן די נײַע שטאָט!

— איך וויל אײַך פאָרשלאָגן אַ שפּאַציר, לויט אײַער געשמאַק, — זאָגט גראַנאַטאָוו — מאָרגן פאָר איך אַרויס אַף דער בויונג.

זי ענטפערט ניט שנעל. גראַנאַטאָווס קאָרטעזשירן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט, אָבער גאָר דערפאַר וואָס זי האָט עס מיט אַלע מעגלעכקייטן אויסגעמיטן. און ער איז געוואָרן אײַנגעהאַלטענער, טרוקענער. דאָס געפעלט איר, פּונקט ווי דאָס וואָס ער זעט אויס פאַרליבט ווי פריִער. זאָל ער איצט וועלן ברעכן די אײַנגעשטעלטע גלײַכגעוויכט?

— נעמט אין אַכט — זײַן אויטאָ איבער דער טײַגע, אַ קילאָמעטער צוואַנציק...

זי שווײַגט פאַראַקשנט. די ווײַזע צײַט זי.

— מיט מיר וועלן פאָרן איסאַקאָוו און אַנדריי קרוגלאָוו.

אויב אַזוי איז זי מאַסקים: „פאַרוואָס־זשע, מיט פאַרגעניגן“.

— קלאַראַ, איר זײַט גרייט מיך צו דולדן נאָר ווען עס זײַנען דערבײַ די פאַרשטייער פונעם קאָמיוג און פון דער פרעסע?

— איך פאָר — וואָס איז אײַך פאַר אַ חילעק?

זיי פאָרן אַרויס גאַנץ פרי.

די אײַזנבאַן, וואָס אַן איר האָט זיך די בויונג געשטיקט, ווערט אַלץ נענטער צו דער שטאָט. איצט בויט מען זי פון ביידע זײַטן. ווינטער דאַרפן זיך באַוועגן צו דער נײַער שטאָט, טיילווײַז איבער דעם פאַרטיקן וועג, טיילווײַז איבער דעם צײַטווײַליקן, די ערשטע פראַכט־צוגן.

דער אויטאָמאָביל מײַדט אויס די וווינונגס־גרופּעס און די שטיינהאַקערײַ און קומט אַרויף אַף דעם גרינערדיקן אַף שנעל דורכגעלייגטן וואַלד־וועג. דער וועג ציט זיך אָט האַרט מיט דעם באַן־אָנשיט און אָט פאַרגייט ער טיף אין דער טײַגע. אין דער טײַגע איז די לופט נאָך ריינער און שמעקעדיקער. אין דער גאָלדיקער טיפעניש פונעם וואַלד קלינגען אָפּ און שטאַרבן אָפּ די קלאַנגען פון דער אַרבעט — דער געליאַרעם פון די שטיינער, דאָס שאַרשקען פונעם זאַמד, דאָס פײַפן פון די לאַסט־אויטאָס, קלעפּ און געשרייען.

„די אַרבעט איז זיכער אַ שווערע, — טראַכט קלאַראַ — נאָר ווי גוט איז דאָ צו אַרבעטן! ווי גוט פאַרן גוף און פאַר דער נעשאָמע!“

זיי פאָרן איבערן אָפּטייל ווו עס אַרבעטן די אַרעסטאַנטן. גראַנאַטאָוו קריכט אַרויס דורכריידן זיך מיט די אָנפירער און אינזשעניערן. קלאַראַ קוקט מיט גוט־געניייגטן אינטערעס אַף די אַרעסטאַנטן. זיי אַרבעטן בעכאַוו־רוסע און פרייליך. טיילמאָל געלינגט איר אויפצוכאַפּן אַן אָפּגעריסענע פראַזע פון זייער געשפּרעך. זיי ריידן פון זייער אַרבעט, וועגן אַ געצײַג — געוויינלעכער אַרבעטער־געשפּרעך. זי קוקט זיך אײַן אין זייערע פּנעמער — גוטע, געזונטע פּנעמער און דער בליק אַן אָפּענער; זעלטן נאָר אַז זי כאַפּט אויף אַ בייזן פינצטערן בליק, די מערסטע קוקן פרײַנטלעך, מיט אינטערעס. זי קוקט זיך אײַן אין זייערע באַוועגונגען — געוויינלעכע, קנאַפּע

באַוועגונגען פון אַרבעטער, וואָס קענען זייער פאַך. און באַ אַ סאַך פון זיי פילט זיך אַ גענִיטקייט, וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

באַם גלידל, פאַרהאַלט קלאַראַ דעם אויטאָ, קעדײַ איבערצולייענען די ווײַזערס פון די שלאָגלער־בריגאַדעס אַף דער פאַרוועט־ברעט. גוטע ציפערן. מען מוז אַרבעטן מיט כײַשעק, קעדײַ אַזעלכע ווײַזערס צו דערגרייכן. די פאַמיליעס פון די בעסטע שלאָגלערס בלײַבן איר אין זיקאָרן. קאַלאַטשיאָוו, פושקין און וואַסיוטאַ . . . מיט וואָס האָבן זיי זיך באַשעפטיקט אַף דער פרײַ — אָט די קאַלאַטשיאָווס, פושקינס און וואַסיוטאַס? האָבן זיי גראַבעוועט, געהאַרגעט, אונטערגעצונדן קאָלכאָזנע טוווע, פאַלש געלט געמאַכט? ווי פאַשעט און גענִיאַל דאָס איז — אויסבעסערן מיט אַרבעט, מיט באַוווסטזיניקער שעפערישער, באַזונטער אַרבעט! נאָר זײַנען פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס לאָזן זיך ניט אויסבעסערן? עס ווילט זיך דענקען, אַז אין יעדן מענטשן איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט גיוועער צו זײַן דאָס שלעכטס. נאָר קלאַראַ ווייס אַז פאַראַן זײַנען מענטשן צו שטאַרק פאַרדאָרבענע אָדער צו שטאַרק האַסנדיקע. אַזעלכע איזאָלירט מען אָדער מען צעשיסט זיי. מען קען אויסבעסערן אַ מענטשן וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט, וואָס איז פאַרשמוציקט געוואָרן פון אַ שלעכטער סוויווע, וואָס האָט ניט געזען קיין אַנדערע וועגן אַ כוץ די פאַרברעכערישע. נאָר אַ סוינע? אַ באַוווסטזיניקן, קלוגן און האַסנדיקן סוינע? אַזעלכן קען מען ניט אויסבעסערן.

זי דערמאָנט זיך לעוויצקין. אים אויסבעסערן? אַ סוינע. אַ כיטרע, קלוגער סוינע. ער האָט געליגנערט אויך איר, דער פרוי וועלכע ער האָט געליבט. סאַראַ האָס מען דאַרף טראָגן אין זיך, קעדײַ קיין זאַך ניט צו שוינען, אַלץ צו פאַרשמוצן! ווי ענג עס ווערט צו לעבן, ווען דו ווייסט, אַז לעבן דיר, מעגלעך גאָר נאָענט, לעבן און אָטעמען סאָנים, פאַרמאַסקירטע, פאַלשע, וואָס זײַנען גרייט פון הינטן אַרום דעם גיפט צו לאָזן.

הינטער איר גייט אַ לעבהאַפטיקער שמועס. גראַנאַטאָוו בייגט זיך אַריבער איבער דעם אָנלען פונעם זיץ און זאָגט:

— פון וואָס טראַכט איר, קלאַראַ?

— וועגן די סאָנים.

— איר מיינט אַז דאָס זײַנען אַלץ סאָנים?

זי ענטפערט ניט. ניין, זי מיינט ניט אַז דאָס זײַנען אַלץ סאָנים. קאַלאַטשיאָוו, פושקין און וואַסיוטאַ — קענען ניט זײַן קיין סאָנים. ניין, נאַטירלעך. זיי זײַנען געווען איבערפאַלער אָדער פאַלשמינצער, נאָר הײַנט זײַנען זיי שוין ניט קיין סאָנים, נאָר קימאַט כאַווײרים. און אַ סאַך פון זיי וועלן אינאײַנעם מיט דעם נײַעם וועג קומען אין דער נײַער שטאָט ווי נײַע מענטשן. פושקין . . . ווער איז ער דער באַנדיט מיט דעם קלינגענדיקן נאָמען? און וואַסיוטאַ? ווי עס ווילט זיך איר אָנקוקן אָט דעם וואַסיוטאַ! איר שטעלט זיך פאָר אַ שעלמיש פאָנעם, אַ העלער טשוב, לאַכעדיקע אויגן . . .

— וואָס? — פרעגט דער שאָפער.

זי האָט אַפאָנעם אָפן קאָל אַרויסגערעדט דעם טשעקאַווע נאָמען. זי צעוועקט זיך און צעלאַכט זיך. די טײַגע ווערט שיטערער און אַנטפלעקט זומפיקע ליידיקע ערטער. דאָ איז שוין ניטאָ דער אָנשיט. ערדגרעבער גראָבן קאַנאַוועס און טריקענען דעם באָדן. הינטער איר דיסקוטירט מען.

— און דאָך בויען מיר ניט ווי געהעריק און ניט דאָס, — זאָגט גרישאַ איסאַקאָוו — אָט קוק איך אַף אונדזערע הײַזער און פרײַ זיך, דערפאַר וואָס

דאָס זײַנען אונדזערע הײַזער. נאָר ווען איך דערזע אין זשורנאַלן אַזעלכע בנינים ווי ראַסטרעליס אָדער ראָסיס, פֿאַרדריסט מיך. עמעס, די נײַע הײַזער זײַנען צענפֿאַך בעסער פֿון די אַלטע אַרבעטער־הײַזער, זיי האָבן זון און שײַן און שלאַנקקייט, נאָר פֿאַראַן איז אין זיי ווייניק שיינקייט. קענען מיר דען ניט בויען אויך אַזוי שיין?

— וואַרט אויס, דו פּלאַנטערסט דאָך. זיי האָבן געבויט פּאַלאַצן, אַכוץ דעם האָט מען געבויט אָף געשעפּט טויזנטער הײַזער — ברונעמער. און מיר בויען הונדערטער טויזנטער און מיר קענען בויען יעדער הויז ווי אַ פּאַלאַץ. נאָר הײַזער־ברונעמער בויען מיר קיין איינס ניט.

דאָס זאָגט קרוגלאָוו.

— מיר זײַנען פּאָשעט ניט גענוג רײַך, — זאָגט גראַנאַטאָוו — און מיר האָבן ניט קיין ראַסטרעלי.

קלאַראַ וווּנדערט זיך ווי אַזוי האָט זי געקענט פֿאַרהערן אַזאַ אינטערעסאַנטן שמועס? זי איז נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן צוריק אָף דער וואָר. פּושקין און וואַסיוטאַ... און דאָ רעדט מען וועגן פּאַלאַצן, וועגן ראַסטרעלי. נו, אַוואַדע, דאָס האָט אַ שײַכעס. זיכער האָט עס! מען דאַרף זי נאָר אָנכאַפּן. און מען דאַרף קענען אַרויסזאָגן דאָס וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם גרונט פֿון איר טעפּערישן דענקען. זי דרייט זיך אום איבערן אַנלען פֿונעם זיץ.

— ווען דו שאַפֿסט עפּעס, — זאָגט זי — טאָר מען זיך ניט פֿאַרגעבן אַלס ציל בלויז שאַפֿן שיינס. וואָס אַזוינס איז שיינקייט? איז שיין באַגילדעט מעבל?

— ניין.

— ווענדט זיך וועלכע.

דער אויטאָמאָביל גיט זיי אַ טרייסל איבער אַ גרוב און בלײַבט שטיין.

— ווײַטער קען מען ניט פֿאָרן — גיט צו וויסן דער שאָפֿער.

פֿון ווײַטנס זעט מען צענדליקער מענטשן, וואָס אַרבעטן באַם אויפֿבוי פֿון אַ בריק איבער אַ ניט־גרויסן באַרג־טײַכל. אַלע גייען אַרויס פֿונעם אויטאָמאָביל און שפּאַנען פֿאַמעלעך צום אָרט פֿון דער אַרבעט.

קלאַראַ רעדט ווײַטער:

— אין לענינגראַד, אינעם ערמיטאַזש, איז פֿאַראַן אַ לײַוונט פֿונעם זעלטענעם שפּאַנישן מײַסטער ריבייראַ, „דער זעלבסטמאָרד פֿון קאַטאָנען". אַ פֿויעריש צעקרומט פּאָנעם פֿון געשריי, אַ רויטער לאָך פֿון צעעפֿנטן מויל, די האַנט האָט ווי פֿון אונטן אַרויף אײַנגעשטאָכן דאָס מעסער אין דער געלער ברוסט. איז עס שיין אָדער ניט? איך ווייס ניט, גיכער ניט. נאָר דאָס איז אַ געניאַל ווערק. באַ דער זײַט הענגען מורילאָס זיסלעך־שיינע לײַוונטן, נאָר איך שטעלט אַפֿילע ניט אָפּ אײַער בליק אָף זיי. עס גייט ניט אין שיינקייט, נאָר אין דער פֿולקאָמענקייט פֿון דער פֿאָרעם, וואָס דריקט אויס דעם אינהאַלט. אָט די פֿולקאָמענקייט באַקומט זיך ניט מיטאַמאָל.

קלאַראַ שפּאַנט, קוים וואָס זי אָטעמט, ניט אַזוי פֿונעם גאַנג, ווי פֿון דער רעגונג — אָן רעגונג קען מען וועגן דעם ניט דענקען.

זי דערמאָנט זיך וועגן פּושקינען און וואַסיוטאַן. זייער גורל פֿלעכט זיך אײַן אין דעם קאָמפּליצירטן, באַליבטן לעבנס־גרונט פֿון וועלכן עס וואַקסט אַרויס איר שאַפֿונג.

— דערמאָנט אײַך די פּרויען פֿון די ערשטע יאָרן רעוואָלוציע, — זאָגט זי, אָן אַ באַשײַנפּערלעכער שײַכעס מיט דעם פֿריִער געזאָגטן — מיר דוכט

זיך אָפּט, אַז אונדזער אַרכיטעקטור איז ענלעך אַף יענע פּרויען — אַ לעדערנער יאַק, אַ גלאַט קלייד, גלאַטע האָר. דער אַסקעטיזם פון דער רעוואָלוציע.

— און עפּשער, פּאַשעט קאָנסטרוקטיוויזם, אומקריטישע צואייגענונג פון דער מײַרעוודיקער אַרכיטעקטור פּליוס אונדזער אָרעמקייט? — ענטפערט אָפּ גראַנאַטאָוו — דערמאָנט אײַך די הײַזער־קאַסטנס פון די ערשטע יאָרן פינפיאָר־פּלאַן!

— וואָרט, וואָרט! — שרײַט אויס איסאַקאָוו — ציט ווײַטער אײַער געדאַנק, קלאַראַ. דאָס איז אינטערעסאַנט.

— וואָס שײַך דעם קאָנסטרוקטיוויזם און אַזוי ווײַטער. ווייס איך בעסער פון אײַך, — שנײַדט אָפּ קלאַראַ — נאָר פאַר מיר איז עס ניט קיין דערקלערונג. איך האָב ליב מײַן פאַרגלײַך, זאָל זײַן ער איז נאַיוו. און איר וועט מיך ניט איבערצײַגן, אַז ס'איז אַן איניען פון קאָנסטרוקטיוויזם און אָרעמקייט. צי דען האָבן אונדזערע פרויען ניט לאַנג ערשט ניט געהאַט געשעמט זיך מיט עלעגאַנץ, מיט גרעלע קאָלירן, מיט אָריגינעלע ליניעס? איך פאַראורטייל ניט, איך דעם פּוריטאַניזם און אַסקעטיזם איז פאַראַן גרויס פּראַכט.

— איר אַליין האָט אין זיך אַ סאַך אַסקעטיזם — גיט אַ מורמל גראַנאַטאָוו.

קלאַראַ מאַכט אַוועק מיט דער האַנט.

— צי דען פרייען מיר זיך איצט ניט וואָס ס'איז פאַראַן זײַדנס, גרעלע קאָלירן און שיינע זאַכן?

קרוגלאָוו גיט אַ טראַכט וועגן דינאַן און קווייטשט זיך.

צי דען וועלן זיך אונדזערע פרויען אומקערן צום פריערדיקן אויסזען? בעעמעס, איך וויל עס ניט.

— אַז מען קערט זיך אום צום פריערדיקן, איז אָפּט נאַריש אָדער קאָמיש. צי דען מערקט איר ניט אַז בײַ אונדז האָט זיך שוין געשאַפן אַ נײַע פאָרשטעלונג וועגן פרויען־שיינקייט?

איבערן אָפּטייל פון דער גרעבער־גרופּע פלאַטערט אַ רויטע פאָן. פון דער בריגאַדע טרעט אָפּ אַ יונגער באָכער און גייט זיי אַנטקעגן. ער האָט זיי קענטיק אָנגענומען פאַר נאַטשאַלסטווע. ער הייבט אויף דעם טשובאַטן בלאָנדן קאָפּ, ווישט אָפּ מיט דער האַנט דאָס פאַרשטויבטע פּאָנעם און ראַפּאָרטירט פרייליך אָפּ, אַז די בריגאַדע האַלט שוין אָן צוויי כאַדאָשים דאָס ערשטע אָרט, דער פּלאַן ווערט אויסגעפירט אַף דרײַ הונדערט פּראָצענט, איצט איז מען פאַרנומען באַם גראָבן דעם בעקן.

— און איר ווער זײַט? — פרעגט שנעל קלאַראַ.

— בריגאַדיר אַנטאָן וואַסיוטאַ — שטעלט זיך פאָר דער באָכער און שמייכלט כוצפּעדיק צו דער פרוי.

דאָס איז ער. איר פאָרשטעלונג האָט זי ניט אָפּגענאַרט. עמעס, ער איז העכער און גאָך יינגער ווי זי האָט גערעכנט. נאָר די לאַכעדיקע אויגן מיט דעם העלן טשוב... אַנטאָן וואַסיוטאַ, ווי אָנגענעם עס איז אין דיר זיך ניט אָפּצונאַרן!

קלאַראַס באַגלייטער גייען צו צום געצעלט ווו עס געפינט זיך דער אַרבעטס־אויספירער פון דעם אָפּטייל. קלאַראַ וויל ניט אַוועקגיין. זי צערעדט זיך מיט וואַסיוטאַן, אַ ניט־געקוועלטע מיט צערטלעכער כוצפּע, וואָס איז קענטיק, בײַ אים אַ געוויינלעכע זאַך אין זײַן באַציונג מיט פרויען. זי פּרוווט

זיך דערקלייבן דורך דער אויסערלעכער שאָלעכץ צו אַנטאָן וואַסיוטאַס אי־נערלעכן וועזן. ער דערשפּירט אַז די פּרוּוו פּאַרשטייט זיך אַף בווּנג און ער נעמט זיך באַציִען מיט מער דערעכערעץ. אים אינטערעסירט שוין וואָס זי וועט זאָגן.

— אַ שייַנע בריק וועט דאָס זייַן ?

— אָהאָ !

ער זעצט זיך אַוועק אַף די שפּיץ־פינגער און צייכנט אָן די צוקונפטיקע בריק מיט אַ שטעקעלע אַף דער ערד. זי זעצט זיך צו לעבן אים און קוקט ווי ער צייכנט.

— איר האָט אַ געפיל פאַר פאָרעם און אַ ריכטיק אויג, — דערקלערט זי אים שטרענג ווי אַ פּראָפעסאָר — איר דאַרפט זיך לערנען. איר...

זי פאַרהאַלט זיך. זי האָט אַף אַ מינוט פאַרגעסן אַז זי האָט פאַר זיך אַן אַרעסטאַנט.

— איך האָב נאָך צוויי יאָר, — זאָגט ער אויך שטרענג — נאָר איך רעכן מען וועט פאַרקירצן צוליב דער שלאָגלערישקייט. אַף וואָס־זשע זאָל איך לערנען ?

זי ווייס אַליין ניט ריכטיק. זי נעמט אים דערציילן וועגן אַרכיטעקטור, וועגן שאַפונג.

— איך צייכן גוט, כ'האָב פאַנטאַזיע, — זאָגט ער, און מיטאַמאָל גיט ער שטיפעריש אַ פינטל מיטן אויג ; — פאַלש געלט געמאַכט — אויך אַ קונסט, אַ ?

— נאָר אַן אַרכיטעקטאָר זייַן איז נאָך בעסער, אַ ? — ענטפערט אים קלאַראַ אין זעלביקן טאָן.

— אַ פאַקט אַז בעסער.

ער זעט אויס צעדודערט און באַדויערט אַוואַדע, וואָס ער האָט זיך פאַר איר אויפגעזיעקט. קלאַראַ פירט ווייַטער רויִק דעם שמועס. פּוּנעם געצעלט קומען אַרויִס אירע באַגלייטער מיט אַ הויכן שלאַנקן מענטשן אין אַ לעדער־נעם מאַנטל.

קרוגלאָוו גייט רופן קלאַראַן — צייַט צוריקפאָרן. באַם געזעגענען זיך גיט זי וואַסיוטאַן איר אַדרעס.

— אַז איר וועט זייַן אין שטאָט, זוכט מיך אויס, גוט ? איך וועל אייַך ווייַזן אַרכיטעקטור־זשורנאַלן.

ער האָט זייער שטאָלץ, אָן אַ שפּור פון דאַנק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. קלאַראַ זעט דערין אַ געפיל פון זעלבסטווערדע און דערפרייט זיך. זי רופט זיך אָן צו קרוגלאָוון :

— די הויפּט־אויפגאַבע פון קונסט, איז הייבן בַא מענטשן דאָס געפיל פון זעלבסטווערדע.

ער פאַרשטייט זי ניט ריכטיק און פאַרטראַכט זיך.

מען קען זאָגן אַנדערש : דער איקער פאַר יעדן טוער — ניט נאָר אין דער קונסט — איז ליב האָבן מענטשן און אַרבעט, זאָרגן וועגן מענטשן און מענטשלעכן גליק.

זי האָט מיטאַמאָל קלאַנגלאָז אָן אָכקע געטאָן און האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, שיִר ניט געפאַלן אין קרוגלאָווס הענט. די פאַרב איז אַראָפּ פון די באַקן, די ליפּן זייַנען טויט־בלייך געוואָרן. אַ האַרץ־אַטאַקע ? קרוגלאָוון דוכט זיך אַז זי שטאַרבט.

קלאַראַ דרייט זיך האַסטיק אויס צום אויטאָמאָביל. צוליב אַן אומדערקלערלעכן דראַנג קוקט זיך קרוגלאָוו אום. דער מענטש וואָס שטייט לעבן גראַנאַטאָוון קוקט נאָך קלאַראַן. ער באַגעגנט קרוגלאָווס בליק און פאַרנייגט זיך שנעל פאַר זײַנע מיטשמועסער און גייט אַרײַן אין געצעלט. קרוגלאָוו פאַרגעדענקט בלויז זײַנע גלאַטע אויסגעראַזירטע באַקן, דאָס ביסעלע גרויקייט אין די גלאַטע האָר און די אויסגעצויגן שלאַנקע פיגור. סאַראַ שײַכעס קען קלאַראַ האָבן צו דעם אַרעסטאַנט?

— ס'האַרץ? — פרעגט זי אַנדריי, קעדיי איר צו העלפן קומען צו זיך.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ס'האַרץ האָט דאָ גאָרניט וואָס צו טאָן, — שנײַדט אָפּ קלאַראַ מיט איר געוויינלעכער אָפנהאַרציקייט — פּאָשעט, כ'האָב באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס... וועלכן...

— איך דאַרף ניט וויסן, אין וואָס דאָ גייט, קלאַראַ.

ער פירט זי אונטערן אָרעם. די פיס זײַנען איר אינגאַנצן שוואַך געוואָרן, ווי בײַ אַ קראַנקער. אַנדריי ווייס ניט וועגן וואָס מיט איר צוריידן, וואָס צו טאָן.

— וואַרט, קלאַראַ, האָסט דיר געוווינען אַ פּאַרערער.

בײַם אויטאָמאָביל האָט אָפּגעוואַרט וואַסיוטאַ, דער בוקעט פעלד־בלומען איז שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אַראָפּצו.

— נאָט אײַך בלומען — זאָגט וואַסיוטאַ.

— אָך! אָט אַ דאַנק.

זי דריקט אים פעסט די האַנט און כאַזערט איבער איר פאַרבעטונג.

דער אויטאָמאָביל פירט זיי אַוועק צוריק אין שטאָט. קלאַראַ זיצט אָנגעשפּאַרט אַפּן רוקן און דאָס פּנים מיט די הענט פאַרשטעלט.

— אינטערעסאַנט אַמאָל דאָס לעבן, — זאָגט גראַנאַטאָוו — אָט דער אַרבעטס־אויספירער איז פאַרמישפּעט פאַר קאָנטררעוואָלוציע. הײַנט האָט מען מיר גערעדט וועגן אים ווי וועגן דעם בעסטן אַרבעטס־אויספירער, אַ שלאָגלער, אַן ענטוזיאַסט. ער האָט אינגאַנצן כאַראַטע אָף זײַן פאַרגאַנגענהייט און בעט מען זאָל אים געבן אַ מעגלעכקייט פאַרגלעטן...

גראַנאַטאָוו נעמט דאָס אויג ניט אַראָפּ פון קלאַראַס פאַרענדערטן גרויגעוואָרענעם פּנים.

— וואָס איז מיט אײַך? ס'איז אײַך ניט גוט?

— ס'האָט זי צעטרייסלט, — זאָגט קרוגלאָוו — אַ שיידימשער וועג. מיר אַפילע איבלט עס.

קלאַראַ דריקט אים שטיל די האַנט.

דער אויטאָמאָביל פירט זיי צו ביז דער ביוראָ. קלאַראַ גייט אַהיים, און קרוגלאָוו באָט זיך אָן זי צו באַגלייטן.

— ניין, צו וואָס? — זאָגט זי, נאָר זי שפּאַרט זיך גערן אָן אָף זײַן האַנט. אירע טריט זײַנען נאָך אַלץ ניט זיכערע.

לעבן דער שטוב, כאַפּט זי אָן קרוגלאָוון פאַרן אַרבל און נעמט שנעל און אויפגערעגט ריידן:

— מיין ניט, כ'בעט דיך, אַז איך נייטיק מיך אין הילף. מיין ניט, אַז די באַגעגעניש האָט מיך מיט עפּעס איבערראַשט, אויב ניט מיט איר אומגעריכטקייט. ניטאָ דערין אַזוינס וואָס זאָל מיך צערודערן. איך האָב באַגעגנט אַ מענטשן, מיט וועלכן איך וויל ניט, מיט וועלכן איך דאַרף מיך ניט באַגעגענען. דאָס אינגאַנצן. פאַרגעס אין אַלץ און פיר מיך ניט ווי אַ קראַנקע.

— איך פיר דיך אַהיים פון העפלעכקייט וועגן, — ער פירט זי צו ביז צום גאַניק — מיר זײַנען גענוג געווען אַלטע פרײַנט אַף צו פאַרפירן צערעמאָניעס, עמעס?

אַפן גאַניק גיט זי אים אַ בלימל פון וואַסיוטאַס בוקעט און זאָגט אים, אַז זי וועט לערנען וואַסיוטאַן אַרכיטעקטור. זי זעט אויס אויפגעלעבט און געבעסערט.

נאָר ווען זיך געפינט זיך שוין איינע אַליין בײַ איר אין צימער, באַקוקט זי זיך מיט שטוינען, ווי אַ פרעמדע. זי פאַלט צו צום אָדווירעק און גיט אַ זאָג אַפן קאָל:

— גאָט מײַנער, ער איז גרוי געוואָרן!...

IX

אינעם לעבן פון וואַלקאַ בעססאָנאָוו קומט אָן אַן אויסגעצייכנטער טאָג. אין דעם טאָג פאַרענדיקט זײַן בריגאַדע שטוקאַטורען די אינעווייניקסטע זייגט פונעם עלינג. אַרבעט איז געבליבן נאָך אַף דרײַ טעג, נאָר דער טערמין איז ביז דעם ערשטן. אינעם ערשטן טאָג קומען אינעם דאָק די שיף־אַרבעטער. דאָס הייסט, אַז דעם ערשטן טאָג מוז מען פאַרענדיקן.

ערעוו דעם אַנטשיידנדיקן טאָג רופט וואַלקאַ צונויף זײַן בריגאַדע.

— ווירטואָזן! — זאָגט ער, און באַקוקט איינעם נאָכן צווייטן — ווייסט איר וואָס אַזוינס איז אַן עמעסער, אַ ריכטיקער ווירטואָז? דאָס הייסט, אַרבעטן אומפאַרפעלט, יעדער ריר אויסגערעכנט, יעדער ריר — מיט סייכל. קענען מיר אַזוי אַרבעטן? אויב מיר קענען, איז מאָרגן, בלוט פון דער נאָז, נאָר די אַרבעט דאַרף זײַן פאַרענדיקט. קענען מיר ניט, איז לאָמיר שרײַבן אַ ביטע אין מוישעוו זקיינים. איז קענען מיר אָדער מיר קענען ניט?

— מיר קענען! — זאָגן דרײַצן ווירטואָזן.

— איז גוט — זאָגט וואַלקאַ און לויפט אין עלינג זיך צוקוקן צו דער וואַנט.

די וואַנט איז אַ ריזיקע, מיטן אויג ניט אַרומצוכאַפן! און שעמערירט מיט טונקעלן געמעל פון קוילן־בעטאָן. בלויז אַ קליינע טייל וואַנט איז באַדעקט מיט אַ גלאַטן שיכט שטוקאַטורקע. די פילשטאָקיקע רישטאָוואַניע שטרײַכט אונטער איר גרייס. די טעסלערס שטעלן די רישטאָוואַניעס, זיי אײַלן זיך ניט — ביז דער הייבער ברענגט זיי צו די ברעטער, ליגן זיי, די קעפ אַראָפגעהאַנגען, ווי זיי וואָלטן דאָרט געדרעמלט ניט געאַכט אַף דער הייך און אַף די טעמפן.

— היי איר אָדלערס! — שרײַט וואַלקאַ אַרײַן אין די דלאָניעס ווי אין אַ הילכער — גאַנץ פרי זאָל זײַן פאַרטיק.

— וווהין אײַלסטו זיך? — שרײַט פויל אַ טעסלער.

— בײַ מיר איז ווי בײַם פאָטאָגראַף: אײנדערפרי אַראָפגענומען און אין אָוונט פאַרטיק! — וואַלקאַ מאַכט אַ פריילעך פּאָנעם, נאָר ס'איז ניט צום שפאַסן — וויפל? — פרעגט ער בײַם אויפזעער.

— טויזנט מיט צוועלף מעטער, — זאָגט מיט כשיוועס דער אויפזעער.

— אויסער דיר איז ניטאָ אַף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

— וועסט זיך אַף מיר פאַרלאָזן, וועסטו קיין פעלער ניט מאַכן! — באַרויקט אים וואַלקאַ און קריכט אַרויף אַף דער רישטאָוואַניע.

לאַנג טאַפּט ער די וואַנט, מערקט אָן אַלע לעכער, הייסט שוין שיקן אַ מולער און זעט אַליין דער מולער זאָל פאַראַרבעטן אַלע לעכער. דערנאָך צייכנט ער אָן באַ זיך אינעם נאָטיץ־ביכל דעם פונאַנדערטייל פון די קויכעס. ער באַטראַכט פון וואַנען עס וועט גיין דער מאַטעריאַל: אַף די אייבערשטע יאַרוסן דורך דער ריינע פונעם דאַך, אַף די אונטערשטע — מיט טאַטשקעס פון אונטן. ער פאָדערט די צוגרייט־אַרבעטער זאָלן אַרויס אַף דער אַרבעט מיט אַ שאָ פריער ביז די שטוקאַטורער, און זאָגט צו אַליין זיך דורכריידן מיט זיי.

— באַ מיר איז, ווייסטו ווי? — זאָגט ער צום אויפזעער — באַ מיר די מענטשן זײַנען אָדלערס, איך האָב אַזאַ וואָרט.

שפּעטער אין אָוונט נעמט ווידער וואַלקאַ צונויף די בריגאַדע. אַזוי און אַזוי, מוינט מיט צוועלף מעטער, די נאָרמע איז צוואַנציק מעטער, און אויס־קומען קומט אויס צו צוויי און זיבעציק קוואַדראַט מעטער אַף יעדן נאָך מיט אַ שמיץ צום צעיאָגן זיך.

— וואָלט געווען אַ גלײַכע וואַנט, — רופט זיך אָן איינער פון די אָד־לערס — דאָס זײַנען דאָך אָבער זײַלן.

— נו, יאָ! — כאַפּט אונטער וואַלקאַ מיט אַזאַ פאָנעם ווי די זײַלן וואָלטן זײַן אָן אומגעריכטע פרייד — דערפאַר זאָג איך דאָך אַז מער ווי צוויי און זיבעציק מעטער אַף אַ מענטשן וועלן מיר ניט מאַכן. איך האָט טאַקע אַזוי געזאָגט: ווען ניט קיין זײַלן, וואָלטן מײַנע אָדלערס געמאַכט צו אַכציק מעטער אַף אַ מענטשן, נאָר באַ אַזאַ לאַגע איז פונקט צוויי און זיבעציק מיט אַ שמיץ צום צעיאָגן זיך.

ער לייגט שלאָפן די בריגאַדע („און שלאָפן זאָלן זיי ווי די רוכעס, קעדיי אינדערפרי זאָלן זיי זײַן ווי די אוגערקעלעך!”) און גייט אַוועק צום נאַטשאַלניק פונעם אָפּטייל אינזשעניער קאָסטקאָ.

— אינעם נאָמען פון דער בעסטער בריגאַדע שטוקאַטורער, — האַלט ער באַשיידן אַראָפּגעלאָזט די אויגן — בעט איך אײַך מאָרגן אָוונט אָפּנעמען די אַרבעט.

דערנאָך גיט ער אַפּ צינד דער ליבע צו באַרימטקייט און לויפט אַרײַן צו איסאַקאָוון, אין דער רעדאַקציע פונעם „שלאָגלער”, און דעם רעשט אָוונט גיט ער אָפּ קאַטיאַן. קאַטיאַ גייט באַטאָג ניט אַרויס, זי שעמט זיך מיט איר גרויסן בויך, און וואַלקאַ פירט זי שפּאַצירן אין אָוונט. זיי גייען געוויינ־לעך הין און צוריק פאַרבײַ די באַראַקן און פלוידערן פון וואָס עס מאַכט זיך. וואַלקאַן טוט האַנאָע וואָס קאַטיאַ איז אַזאַ פריילעכע און אַזאַ רירעוודיקע ווי געווען. ער מוז זי שטענדיק וואָרענען זי זאָל ניט לויפן און זיך היטן. נאָר הײַנט פירט ער זי אַליין צו די דאָקן, כאָטש מען מוז קריכן איבער די ברעטער און זיך אַראָפּלאָזן איבער גליטשיקע סטעזשקעס. קאַטיאַ גיט אַ קוק אַף דער וואַנט, דערנאָך אַף וואַלקאַן.

— קען מען מאַכן? — פרעגט זי פאַרזיכטיק.

— צי מען קען, צי מען קען ניט, נאָר מירן מאַכן — ענטפערט וואַלקאַ אַ מונטערער און נעמט ניט אַוועק די אויגן פון דער וואַנט: אין דער שײַן פון דער נאַנאַכטיקער באַלײַכטונג, קוקנדיק פון פינצטערן דאָך אַרויף, זעט די וואַנט אויס נאָך אומענדלעכער.

אינדערפרי לויפט וואַלקאַ אַוועק אַף דער אַרבעט אַ שאָ אָנדערהאַלבן פריער ווי געוויינלעך. ער איז דערבײַ ווי עס קומען זיך צונויף די צוגרייט־

אַרבעטער. ער פֿירט זיי איבער דער רישטאָוואַניע און ווײַזט זיי ווי די שטוקאַטורן וועלן גיין און ווי זיי צו באַזאָרגן מיט טינק. דערנאָך ווערט ער געוואָר ווי עס האַלט מיט מאַטעריאַל. ווען ער דערוויסט זיך אַז צעמענט וועט קלעקן ניט מער ווי אַף איין האַלבן טאָג און אַז דער צופֿיר איז נאָך ניט פֿאַרזיכערט, לויפֿט ער אויפֿוועקן דעם אַרבעטס־אויספֿירער. אינזשעניער פּוטין רײַבט זיך די אויגן און וואַרפֿט די שולד אַפֿן אויפֿזעער. וואַלקאַ לויפֿט שנעל צוריק און זידלט אויס דעם אויפֿזעער. נאָר ווען זײַן בריגאַדע קומט זיך צונויף, גייט ער זיי אַקעגן מיט אַ פֿריילעכן און רויִקן פּנים.

— אַ גוט־מאָרגן, אַדלערס! זיך אויסגעשלאָפֿן? ווי די אוגערקעלעך? נו, רויִק שטיין און אויסהערן מײַן באַפֿעל!

ער קלערט קורץ אויף דעם אַרבעטס־פּלאַן און ווײַזט יעדן זײַן אָרט און זײַן וועג.

אין צען מינוט אַכט פֿאַרנעמען די פֿערצן שטוקאַטורער זייערע ערטער. פּונקט אַכט הייבן זיך אויף אַלע טינק־ברעטלעך, ווי די פּאַליטרעס פֿון די קונסט־מאָלער, און אַלע קעלמעס גיבן אַ בלישטש מיט זייער נאָך ניט אײַנגעשמירטן מעטאַל און וואַרפֿן דעם זאַפֿטיקן טינק, ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע דאָס טייג — און די ערשטע פּאַרציעס טאַדעללאָזע שטוקאַטורקע לייגן זיך אַוועק אַף דער וואַנט אַף פֿערצן ערטער, צעשפּריצטע, אײַנגעקנאַטענע און צוגעגלעטע מיט די פֿינקטלעכע באַוועגונגען פֿון די טינק־ברעטלעך.

— געפֿאָרן! — שרײַט אויס וואַלקאַ און וואַרפֿט אַן אויג אַפֿן דאַך, ווּ עס דרייט זיך שוין דער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צײַטונג און עס קלײַבן זיך די ערשטע קוקער — געפֿאָרן, אַדלערס, ווירטואָזן!

און פֿלינק, אַף האַנאַע, וואַרפֿט ער מיט פֿאַרנעם דעם בלײַ־גרויען שטוקאַטור־טינק אַף דער וואַנט און גיט זיך אָפּ דער אַרבעט, און יאָגט זיך און די אַנדערע מיט דער טאַדעללאָזער פֿינקטלעכקייט פֿון די באַוועגונגען.

די יעדיִע וועגן דער אויפֿגאַבע פֿון בעססאַנאָוווס בריגאַדע צעגייט זיך פֿון אינדערפֿרי אָן איבער דער בויונג. דעם גאַנצן טאָג גייען אָפּ און אויף, דיסקוטירן און קוקן די „קרעגקלער“. אַן אײַנגעהאַלטענער געהילך גייט פֿון אונטן — די מוזיק פֿון דעם אונטערקומענדיקן גלאָר. נאָר וואַלקאַ הערט אַן אַנדער מוזיק, אַזאַ וואָס זינגט פֿון אינעווייניק — דעם מעלאָדישן ריטם פֿון דער אַרבעט, פֿון אַן טאַעסדיקן און דײַטלעכן באַוועג, ווי דער טראַט פֿון אַ טאַנץ. דער ריטם הערשט איבער אים און איבער זײַנע דרײַצן כאַווייריִם. זעלטן אַז זיי קוקן זיך איבער, זיי פֿאַרשטייען זיך אָן ווערטער, אָט ציִען זיי זיך אויס אַף די שפּיץ־פֿינגער, אָט זעצן זיי זיך צו, אָט בייגן זיי זיך אַף רעכטס און אַף לינקס. דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער טאַנץ, אויסגעטאַנצט ניט מיט די פֿיס, נאָר מיט די הענט, דערפֿאַר איבעראַשט אַזוי די אַרבעט פֿון די פֿערצן פּאָר געניטע הענט. ניטאָ אין זייערע באַוועגונגען קיין אײַלעניש, טיילמאָל קען זיך אַפֿילע דוכטן, אַז זיי זײַנען אַ ביסל לאַנגזאַם, באַזונדער באַם אַרומאַרבעטן די זײַלן, ווען זיי גלעטן זיי ליב מיט זייערע שפּאַטלס און האַלב־שפּאַטלס, גלײַכן־אויס און שלייפֿן אַרום ביז פֿולשטענדיקער גלאַטקייט די קאַנטורן, די שאַרפֿע קאַנטן. דער גאַנצער זין, די גאַנצע שיינקייט פֿון זייער אַרבעט באַשטייט ניט אינעם אײַלן זיך, נאָר אין דער דורכגעטראַכטער פֿינקטלעכקייט פֿון יעדן קער, וואָס גיט מער ווי יעדע אײַלעניש. ריטם איז די באַזע פֿון דער אײַנגעפּאַסטקייט בײַ דעם קליינעם אַרבעטס־קאָלעקטיוו. דער ריטם וואַרפֿט זיך אַריבער צו די צוגרייט־אַרבעטער, וואָס פֿירן צו אַן

אָפּשטעל דעם מאַטעריאַל און מישן דעם טינק. דער העסקעם פון באַוועגונג און טאַט שטעלט זיך איין פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר די בריגאַדע און אירע צוגרייט־אַרבעטער, פאַרנעמען זייערע ערטער, ווי די גימנאַסטיקער אַף דער אַרענע.

—קוואַליטעט, אַדלערס! קוואַליטעט ווירטואָזן! — שרייַט וואַלקאַ און רייַסט זיך אָפּ פון דער אַרבעט אַף דורכלויפן זיך איבער די רישטאָוואַניעס און זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג.

אין מיטן טאָג האָט געגומען אויספעלן צעמענט. וואַלקאַ לויפט אַוועק צום אינזשעניער פּוטין, די ליפּן זייַנען אים ווייַס געוואָרן פון כּאַס:

— איר שפּאַסט מיט מיר, וואָס? פאַר איין מינוט אָפּהאַלט וועל איך דעם גאַנצן דאָק אַף שפּענדלעך צעטראָגן!

נאָר אין דער אַרבעט איז ער געווען אויסגערעכנט. ביז מען האָט געבראַכט דעם צעמענט, האָט וואַלקאַ אַריבערגעפירט די בריגאַדע אַף אַרומצו־אַרבעטן די זייַלן. ניט נאָר די קוקער, נאָר די שטוקאַטורן גופא האָבן ניט געוווּסט, אַז דער גלענצנדיקער טעמפּ איז שיר ניט געווען אַראָפּגעריסן. — וואַלקאַ היט זייער שטימונג.

אינעם איבעררייַס אַף מיטאָג איז דער אוילעם אונטן אַזוי גרויס, אַז עס דוכט זיך — שפּרינג אַראָפּ פון דער רישטאָוואַניע וועסטו פאַלן גלייַך אַף דער ווייכער קופּע מענטשלעכע גופים. צום סאָף פונעם אַרבעטס־טאָג קומט ווידער אַ קאָמפּאַקטער אוילעם, ווער עס איז געווען אינדערפרי און באַטאָג, גלייבט זיך ניט די אויגן: די ווענט זייַנען ווי פון זיך באַדעקט געוואָרן מיט אַ טונקעלן שיכט נאַסער שטוקאַטורקע. עס איז ניט צו גלייבן געווען, אַז פערצן מענטשן קענען אַזויפיל אויפטאָן אין אַכט שאָ אַרבעט. איצט רעדט שוין קיינער ניט. עס איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט דאָס לייַכטע רייַבן פונעם טינק אונטער די מעטאַלענע לאָפּעטקעלעך פון די שטוקאַטורן און דעם שטילן שאָרך פון די שפּאַטלס וואָס שלייַפן די וואַנט.

פיר אַזייגער באַווייַזט זיך צווישן אוילעם קלאַוואַ. זי פאַרשטייט די וויכטיקייט פון דעם וואָס דאָ קומט פאָר און עטלעכע מינוט האַלט זי פאַר־ריסן דעם קאָפּ און בלינצלט מיט די אויגן. נאָר דאָס וואָס האָט אַהער געבראַכט קלאַוואַן איז צו וויכטיק און זי קען אַזוי לאַנג ניט שטיין. זי זוכט אויס קרוגלאָוון און גיט איבער שטילערהייט דאָס נייַס.

— איצט קען מען ניט, — זאָגט קרוגלאָוו — זעסט דאָך אַליין...

ביידע קוקן זיי אַרויף צו וואַלקאַן. די שטוקאַטורן אַרבעטן אַלץ מיט דעם זעלביקן ריטם. שוין די נייַנטע שאָ אַז זיי אַרבעטן. זיי האָבן שוין באַדאַרפט אַרויסווייַזן מידקייט, נאָר אַף די פּנעמער פון די פערצן ווירטואָזן איז ניט צו מערקן קיין מידקייט, נאָר פאַרכאַפּטקייט מיט דער שלאַכט.

— איך וועל אים זאָגן ווי נאָר ער וועט ענדיקן, — זאָגט צו איר קרוג־לאָוו — דו גיי צו צו איר... קלער איר אויף... עס וועט איר האַנאָע טאָן...

די לעצטע נאַקעטע פלעקן פאַרשווינדן אַלעמען אַף די אויגן. די אַרויס־העלפער פירן אַראָפּ די טאַטשקעס — מען דאַרף מער ניט קיין מאַטעריאַל. נאָר נאָכדעם ווי זיי פירן זיי אַראָפּ, גייען זיי ניט אַוועק, נאָר זיי בלייַבן ווי פאַרגליווערט אַפן אָרט, פאַרגעסן זיך אין מידקייט און אין הונגער — זיי האָבן אַ ביילעק אין דעם ניצאָכן.

און אָט רייַסט זיך אָפּ וואַלקאַ פון זייַן טייל וואַנט, גיט אַ ווונק צום

שאָכן און גייט אַריבער אַף פּאַרויס. אַלע פּאַרשטייען זײַן אימפּעט — וואַלקאַ וויל מיט די אייגענע הענט פּאַרענדיקן דעם לעצטן מעטער. ער שליסט זיך טייקעף אײַן אינעם פּריערדיקן ריטם, נאָר אונטער זײַנע הענט ווערט דער ריטם שנעלער, ווי עס ווערט שנעלער דער ריטם פונעם פײַער־טאַנץ פּאַרן סאָף.

דער אוילעם אונטן שווײַגט און וויגט זיך בלויז צום טאַקט פון בעס־סאַנאַווס באַוועגונגען:

מינוטן גייען.

איינער נאָכן צווייטן ציִען אַן די שטוקאַטורן דעם לעצטן גלאַנץ אַף די ווענט. אין דער שטילקייט שאַרשקעט בעססאַנאַווס שפּאַטל: שו, שו, שו...

און מיטאַמאָל צעוויגט זיך און צערוישט זיך די גאַנצע מאַסע מענטשן. אָפּגעשטעלט איז דער ריטם. וואַלקאַ בעססאַנאַוו דרייט זיך אום מיטן פּאָנעם, ער הייבט אויף די האַנט מיט דעם שווין ניט נייטיקן שפּאַטל, און דער גאַנצער אוילעם נעמט פּאַטשן אין די דלאָניעס.

וואַלקאַ ווישט זיך אָפּ דעם שווייס און שמייכלט צו די באַגריסונגען. ווי אַן אַקטיאָר אַף דער בינע, דערלאַנגט ער די האַנט דעם נאָענטסטן שטוקאַטורער. זיי דריקן זיך די הענט, טראַכטן אַ ווײַלע און צעקושן זיך. וואַלקאַ קושט זיך מיט אַלעמען אין דער ריי — מיט אַלע דרײַצן אָדלערס. ניין, דאָס איז ניט קיין טעאַטראַלער זשעסט, דאָס זײַנען אייגענע יאַטן, שילער, ברידער, געטרײַע כאַווײרים, בײַ דער אַרבעט שמעלצן זיי זיך צונויף אין איין גאַנצקייט. און די קוקער פון אונטן? אויך זיי זײַנען פרײַנט, און צי דען פרייט זיי ניט דער ניצאָכן פון די פערצן וווילע שטוקאַטורן און פרײַנט?...

וואַלקאַ רירט זיך דער ערשטער אַף אַראָפּצוגייַן. נאָך אים לאָזן זיך פּאַמעלעך, אין טראָט, אַראָפּ די טרעפּלעך די אַנדערע דרײַצן ווירטואָזן.

אונטן כאַפּט מען זיי אַף די הענט, מען הוידעט זיי.

בעססאַנאַוון כאַפּט אויס דער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג.

— אינטערוויו, — רופט זיך פּעסט אָן וואַלקאַ — די בריגאַדע פון וואַלענטין בעססאַנאַוו האָט הײַנט אויסגעשטוקאַטורעט טויזנט מיט צוועלף מעטער וואַנט. יעדער שטוקאַטורער האָט געמאַכט צוויי און זיבעציק מיט אַ שמיצל קוואַדראַט מעטער, בײַ נאָרמע פון צוואַנציק מעטער אין אַכט שאָ. די גאַנצע זאַך באַשטייט אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט און קענטעניש. מײַן בריגאַדע...

נאָר דאָ דערזעט ער הינטערן קאָרעספּאָנדענטס אַקסל קרוגלאָווס פּאָנעם, און דער אויסדרוק פון דעם פּאָנעם צווינגט וואַלקאַן פאַרגעסן דעם קאָרעספּאָנדענט.

— קאַטיאַ?!

— יאָ, — ענטפערט קרוגלאָוו — מיטאָג־צײַט נאָך האָט מען זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

זיי נעמען זיך פאַר די הענט און לויפן אַרויס פונעם דאָק.

— וואָס? וואָס? — פרעגט מען צווישן אוילעם.

די ידיעה וועגן דעם, אַז קאַטיאַ סטאַווראָוואַ גייט צו קינד אין שפּיטאָל, צעלויפט זיך אין איין אויגנבליק צווישן אוילעם. אַלע דאַרפן רוען, אַלע זײַנען הונגעריק, נאָר אַ סאַך לאָזן זיך גיין, ניט צוזאַמענגערעדטערהייט, צום שפּיטאָל.

און, ווי ערשט אינעם דאָק, שטעלן זיך מענטשן אַוועק אַרום דער טיר פונעם שפּיטאָל. דער פראָסט צופּט די באַקן, די פיס פרירן, דער אָטעם ווערט

פאַרהאַלטן. די אונטערנעמערישע שטוקאַטורן פון וואַלקאַס בריגאַדע צעלייגן אַ פײַער און אַליין צעלייגן זיי זיך אַרום ווי אַף אַן אָפּרו אין וועג.

— וואָס ? — פרעגט מען בײַ יעדן אײנעם וואָס קומט אַרויס פונעם שפּיטאָל.

וואַלקאַ בעססאָנאָוו שפּאַנט אום איבערן קאָרידאָר פונעם שפּיטאָל, ער הערט זיך אײַן צו די אומבאַקאַנטע אײַנגעהאַלטענע קרעכצן, וואָס ער ווייס, אַז דאָס זײַנען קאַטיאַס קרעכצן. זי שרײַט ניט, קאַטיאַ, ניין — זי איז אַ העלדישע, אַ שטאַרקע. נאָר עס איז איר, אַפּאַנעם, זייער שווער. וואַלקאַ פײַניקט זיך פאַר און אינאיינעם מיט איר. די אָפּקלאַנגען פון הײַנטיקן ניצאָכן, די שרעק פאַר קאַטיאַן, די פרייידיקע דערוואַרטונג און די מידקייט — אַלץ מישט זיך איבער בײַ אים אין קאָפּ.

קרוגלאָוו זיצט אין אַ ווינקל פונעם קאָרידאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן. פײַנלעכע, ניט אויסגעלעבטע באַדויערונגען כאַפּן אים אַרום פאַרן פאַקט פונעם נײַעם ניצאָכן פון לעבן.

— וואַלקאַ — רופט אים קלאַוואַ, מיט דעם קאָפּ פון דער טיר אַרויסגעשטעקט.

וואַלקאַ האָט גוט אויסגעשטודירט פון ביכער וויאַזוי אַלץ גייט צו. צוערשט אַ שאַרפער געשריי פון דער געווינערן, דערנאָך דער געשריי פונעם נײַ־געבוירענעם, דערנאָך ערשט רופט מען דעם פאָטער. ער וואַרט אַלץ אַף דעם געשריי. נאָר קלאַוואַ אַליין לויפט צו צו אים און שרײַט אויס:

— אַ זון ! אַ זון ! אַ זון ! — און זי נעמט אים אַרום און גיט אים אַ קוש.

— שוין ? — פרעגט נאַריש וואַלקאַ און פאַרשטייט ניט.

נאָר אין דער צײַט צעשרײַט זיך הילכיק און מאָנענדיק דער נײַ־געבוירענער און באַשטעטיקט זײַן עקזיסטענץ. וואַלקאַ וואַרפט זיך אין זאַל אַרײַן.

דער דאָקטער פרוווט זיך אים אַרויסשטויסן צוריק.

— מען טאָר נאָך ניט, מען טאָר ניט ! — זאָגט ער און פאַרשטעלט אים דעם וועג. נאָר קרוגלאָוו לויפט צו צום דאָקטער מיט אַ צעקרומטן פּאַנעם פון קאַס.

— וואָס הייסט „מען טאָר ניט״ ? — שרײַט ער און שטופּט אָפּ דעם דאָקטער — בעססאָנאָוו האָט הײַנט געמאַכט טויזנט מיט צוועלף קוואַדראַט מעטער, און אים ניט צולאָזן צום ווײַב ?

וואַלקאַן לאָזט מען אַרײַן.

קאַטיאַ נעמט אים אויף מיט דעם גאַנצן פריערדיקן טמימעסדיקן שמייכל. ער האָט מוירע אַן אָטעם צו טאָן און גייט פאָרזיכטיק צו צום קינד. דאָס אײַנגעהילטע אינעם ווינדעלע יינגל שרײַט און קנייטשט דעם קלייניקן רויטן שטערן.

— אין מיר געראָטן ! — זאָגט וואַלקאַ און שמייכלט שולדיק צום דאָקטער. צו קאַטיאַן גייט ער צו אַף די שפּיץ פינגער. ער וויל איר זאָגן זייער אַ סאַך. ער האָט זי ליב. ער איז איר דאַנקבאַר, ער שרעקט זיך נאָך אַלץ פאַר איר געזונט. ער ווייס ניט וויאַזוי דאָס אַרויסצוברענגען פאַר זײַטיקע מענטשן און זאָגט עפּעס אַנדערש.

— קאַטיושאַ, און מיר האָבן געמאַכט אַלע טויזנט מיט צוועלף מעטער — זאָגט ער ניט דרײַסט און דריקט איר האַנט אין זײַנער.

דער דאָקטער שמייכלט און צוקט מיט די אַקסלען.

נאָר קאַטיאַ פאַרשטייט. זי ווייס אַז עס גייט ניט אין די טויזנט מיט צוועלף מעטער, נאָר דערין וואָס זיי האָבן זיך די ווערט איינער דעם צווייטן, זייער לעבן, זייער ליבע, זייער זון.

— מיר איז גאָרניט שווער געווען, — זאָגט זי אים און גיט זײַטיק אַ קוק אויפן זון — ער איז דיר געפעלן?

דער דאָקטער פירט אַרויס וואַלקאַן פונעם זאַל. קאַטיאַ זיפצט גליקלעך אָפּ און מאַכט צו די אויגן. פאַרן אײַנשלאָפן, הערט זי קוילעס אויפן הויף, נאָר דער שלאָף פאַרהילט שוין דעם באַוווסטזײַן און זי קלײַבט זיך ניט פונאַנדער אין די באַגריסונגען וואָס ווערן געשיקט איר, איר מאַן און איר שיינעם זון.

און וואַלקאַ קומט צו לויפן אַהיים און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער לויפט איבערן צימער. שלאָגט זיך אָן אָן די שטולן, רעדט צו זיך אַליין אויפן קול. ער האָט געדאַרפט זײַן זייער מיד, נאָר די רעגונג שטויסט אַרויס די מידקייט.

ער איז רויִשיק דערפרייט ווען עס קומען צו אים די פרײַנט פונעם קאָמיוגישן קאָמיטעט — קרוגלאָוו, סיאָמאַ אַלטשולער, טאָניאַ. זיי באַקוקן דאָס צימער און דעם קינדס אויסשטײַער. דאָ באַלד מערקן זיי זיך אָן וואָס נאָך מען דאַרף. סיאָמאַ זאָגט, אַז מאָרגן שטעלט ער אײַן אַ ראַדיאָ־אויפנעמער. טאָניאַ זאָגט צו אַ קינדער־וועגעלע. קרוגלאָוו — אַ וואַטאָווע קאָלדרע און שטאָף אויף אַ פוירהענגל.

אויף קויִעך פירן זיי אָוועק וואַלקאַן נאָכטמאָל עסן. אינעם עס־זאַל דערוויסט זיך וואַלקאַ, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג דראַטשיאַנאָוו האָט פּרעמירט די גאַנצע בריגאַדע. נאָכן נאָכטמאָל פירן זיי צו וואַלקאַן ביז דער טיר פון זײַן צימער:

— ביסט דאָך מיד, שלאָף.

נאָר וואַלקאַ קען ניט שלאָפן. ער וואַרט אויף ביז די פרײַנט וועלן אַוועקגיין און לויפט אַוועק צו דער באַבערישער צוזאַמענוווינונג, צו זײַנע שטוקאַטורער. די שטוקאַטורער שלאָפן. זייער שנאָרכן פון גיבוירים הערט זיך אַרויס אין קאָרידאָר. וואַלקאַ טופּעט אַ ווײַלע בײַ דער טיר, הערט זיך אײַן ווי ווער עס שנאָרכט און לויפט אין שפּיטאָל — ווער ווייס וואָס עס קען פּאַסירן אין דרײַ שעה! לאַנג קלאַפּט ער. צום סוף קומט אַרויס די בייזע כאַניטאַרקע און וואַלקאַ קריגט בײַ איר קוים אַרויס אַ ידיעה, אַז די געווינערן פילט זיך אויסגעצייכנט, און אַז דאָס קינד שלאָפט, וואָרעם עפּעס אַנדערש האָט ער ניט וואָס צו טאָן.

וואַלקאַ האָט אויך מער ניט וואָס צו טאָן און ער גייט אַהיים. נאָר שלאָפן איז אוממעגלעך, די בעסטע געדאַנקען זײַנען געבליבן ניט אַרויסגעזאָגט. ער מוז טייקעף אויסגיסן זײַן גליק פאַר אַ פאַרשטאַנדיקן פרײַנט, נאָר ער ווייס ניט וועמען. און מיטאַמאָל געפינט ער דעם פרײַנט.

ער באַקומט ריין פּאַפּיר, זעצט זיך אַוועק באַם טיש און פאַרטראַכט זיך. דערנאָך שרײַבט ער אויף אַ ניט זיכערער: „טײַערער...” ניין, ניט דאָס. „געאַכטעטער, געליבטער...” ניין, ער פאַרשטרײַכט ווידער. מען דאַרף פּאַשעטער, פרײַנטלעך. ווי דעמאָלט בעיס דער באַגעגעניש. ער וועט פאַרשטיין. און וואַלקאַ נעמט שרײַבן און רײַסט זיך מער ניט אָפּ:

„טײַערער, טײַערער סערגיי מיראָנאָוויטש! שוין לאַנג אַז איך קלײַב זיך אײַך שרײַבן, נאָר עס איז ניט געווען קיין באַזונדערס. און הײַנט איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מײַן לעבן. איך האָב געמאַכט מיט מײַן בריגאַדע

1012 קוואַדראַט מעטער וואַנט, קיינער האָט זיך ניט אונטערגענומען און איך האָב גענומען און געמאַכט. און באַ מיר איז געבוירן אַ זון, סערגיי וואַלענטינאָוויטש בעססאָנאָוו. מען האָט אים נאָך ניט פאַרשריבן, נאָר באַ מיר מיט קאַטיאַן (דאָס איז מײַן ווײַב) איז שוין לאַנג באַשטימט אָנרופן דעם זון מיט אײַער נאָמען, און אויב אַ טאָכטער — קיראַ. נאָר געבוירן געוואָרן איז אַ זון פון עלף פונט וואָג. דאָס איז דאָ דאָס ערשטע קינד מיט אַזאַ וואָג — מער ווי צען מיט אַ האַלבן איז ניט געווען, און קינדער זײַנען שוין געבוירן געוואָרן איבער אַ מייע.

וווּנדערט אײַך ניט, סערגיי מיראָנאָוויטש, וואָס בלויז אַ מייע. אונדזער שטאָט איז דאָך נאָך גאָר אַ נײַע, אַ יונגע, מיר האָבן זיך אויפגעבויט מיט אונדזערע הענט אַף אַ ריין אָרט. איר ווייסט, איך בין אַ שטוקאַטורער, נאָר איך האָב ניט נאָר געשטוקאַטורעט, איך האָב געקאָרטשעוועט טײַגע, דורכגעלייגט וועגן, געבויט שאַלאַשן, דערנאָך הײַזער, געגראָבן ערד, געטריבן געהילץ — אַלץ איז ניט איבערצודערציילן. כ׳וועל אײַך ניט פאַרלייקענען, פון אָנהייב איז מיר ניט געפעלן געווען, און איך בין אַפילע שיר ניט אַנטלאָפן, נאָר קאַטיאַ האָט מיר דערמאָנט אײַערע ווערטער, סערגיי מיראָנאָוויטש, איך זאָל ניט פאַרשעמען דעם לענינגראַדער אויטאָריטעט. דעמאָלט האָב איך מיך אויסגעבעסערט און בין געוואָרן דער בעסטער שלאָגלער און שוין דעם צווייטן יאָר בין איך בריגאַדיר פון דער אויסגעצייכנטער רויטפאָניקער קאָמיוגישער בריגאַדע שטוקאַטורער, און אונדזער איבערגייענדיקע רויטע פאָן וועט פון אונדז אין ערגעץ ניט איבערגיין, דאָס וועלן מיר ניט דערלאָזן. איר געדענקט ווי איך האָב געאַרבעט? איך האָב אויסגעלערנט אַלע יאַטן אַזוי אַרבעטן. און עס וועט ניט זײַן אַפן זאַוואָד אַזאַ געבײַ, וואָס זאָל ניט זײַן פון אונדז געשטוקאַטורעט. און דער זאַוואָד וועט זײַן אַן ערשטקלאַסיקער, לויט דער פאָרגעשריטנסטער טעכניק. און די שטאָט וועט זײַן אַ וועלט־שטאָט. איר וואָלט געמעגט קומען אַ קוק טאָן! פאַראַן דאָ אַ סאַך שיינע ערטער. טײַגע, סאָפקעס, באַרג־טײַכלעך. און דער אַמור אַליין איז ברייטער פון דער נעוואַ. איך האָב געהערט איר האָט ליב יאַגד, איז דאָ זעלטענער יאַגד, האָזן, קאַטשקעס, וועווערקעס, אַלערליי כאַיעס פאַראַן, און פאַרקלײַבט מען זיך ווײַטער, געפינט איר דעם לאָס און דעם בער. אַזוי אַז קומט אַהער צו פאָרן, טײַערער סערגיי מיראָנאָוויטש! און מיר וועלן אײַך ווײַזן אונדזער זון סערגיי. און איך זאָג אײַך צו מיט אַ קאָמיוגיש וואָרט, אַז אויך ער וועט ניט וואַרפן דעם לענינגראַדער אויטאָריטעט און וועט ווערט זײַן אײַער נאָמען.

זײַט מיר מויכל וואָס איך רײַס אָפּ אײַער אויפמערקזאַמקייט. איר האָט מיך עפשער פאַרגעסן, נאָר איך געדענק אײַך שטענדיק און אַף אײַער ראָט בין איך אַהער געקומען. און ווען דער זון וועט אונטערוואַקסן, וועל איך אים דערציילן וועגן אײַך און וועל אים לערנען אײַך ליב צו האָבן, ווי דעם בײַשפּיל און מוסטער, וואָס איר זײַט פאַר מיר, טײַערער סערגיי מיראָנאָוויטש. און אויך גיב איך אײַך איבער אַ גרוס פון מײַן פרוי קאַטיאַ און פון אַלע קאָמיוגיסטן, בויער פון אונדזער שטאָט.

איך בלײַב מיט אַכטונג אײַער ליבנדיקער וואַלענטין בעססאָנאָוו, מאָביליזירטער לענינגראַדער קאָמיוגיסט״.

פאַרענדיקט דעם בריוו, האָט ער אים פאַרקלעפט און אַוועקגעטראָגן אַף דער פאָסט און ערשט דעמאָלט איז ער, אַ באַרויִקטער, אײַנגעשלאָפן. און געשלאָפן איז ער אַזוי אַז ער האָט אַפילע קיין כאַלוימעס ניט געהאַט.

דער פרימאָרגן האָט אים באַגעגנט מיט אַ זאַווערוכע. נאָר וואַלקאַ טראָגט זיך איבער דער שטאָט און מערקט ניט די קעלט. ער באַוויַזט נאָך צו זיַן אין שפּיטאָל ביז דער אַרבעט און איז ווידער אַהין צוגעלאָפן בעיס דעם איבעררײַס אױף מיטאָג, און נאָך דער אַרבעט, האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ קורצער זעונג מיט קאַטיאַן. קאַטיאַ איז געזונט און בעט זיך באַם דאָקטער איר דערלויבן אויפשטיין. „איך בין דאָך אַ פיזקולטורניצע! — רעדט זי איַן דעם דאָקטער — פאַר מיר זײַנען גאָר אַנדערע טערמינען". דער זון איז אַ גוטמוטיקער און אַ מעיושעוודיקער, און די סאַניטאַרקעס פאַרזיכערן, אַז זיי האָבן קיין בעסער קינד ניט געזען.

אין דער היים טרעפט וואַלקאַ אַ קינדער־וועגעלע, אַ קאָלדרע, פויר־הענגלעך און סיאַמאַ אַלטשולערן, וואָס אייסעקט זיך באַם אויפנעמער. ער קוקט ניט אַפן ווינט און קריכט אַפן דאַך אײַנשטעלן די אַנטענע. וואַלקאַ פאַרשטייט גאָרניט אין ראַדיאָ, נאָר מיט דערעכערעץ און גרייטקייט פּילט ער אויס די קליינע אַרבעטן וואָס סיאַמאַ פאַרגיט אים — ער צעוויקלט דעם דראָט, ער דערלאַנגט די ראָלקעס און די צוועקלעך, ער האַלט צו דעם טאָפּל־לייטער.

שפּעט אין אָוונט איז אַלץ פאַרטיק. שטאַרק צופרידענע זעצן זיי זיך אַוועק פאַרן וווּנדערלעכן קאַסטן. סיאַמאַ קאָנעקטירט דעם קאַבל, דרייט אי־בער דעם שליסל און זיי הערן ביידע ווי עס רווישן שטיל די לעמפּלעך באַם אַנוואָרעמען זיך. פון וויַטנס דערטראָגן זיך צו זיי כוואַליעס מוזיק. די פרײַנט קוקן זיך ניצאָכנדיק איבער. אינעם אויפנעמער רווישט עפּעס און עס קנאַקט, נאָר די מוזיק וואַקסט און ווערט אַלץ נענטער. מאַיעסטעטישע קלאַנגען הערן זיך פונעם קליינעם קעסטל.

„אָט דאָס הייסט לעבן! — טראַכט זיך וואַלקאַ — אָפּגעאַרבעט אָף כידושים, אַהיימגעקומען, האָסטו באַקוועמקייט און דו און דער זון וואַקסט מיט מוזיק..." נאָר אין די צוגעקומענע פון דער וויַט מוזיק־קלאַנגען אינעם קליינעם קעסטל, שטראָמט עפּעס ניט צום באַגרײַפן אומרויקס. די קלאַנגען צעשפּאַרן דעם קאַסטן אַזעלכע שווערע, מעכטיקע, זיך שטויסנדיקע, טרויער־ריקע.

„וואָס איז עס?" — וויל וואַלקאַ פרעגן, נאָר ער דערוועגט זיך ניט. אָף סיאַמאַס פּאָנעם לייענט ער איבער די זעלביקע שרעק און אומרו וואָס האָבן אים אַרומגעכאַפּט.

די מוזיק איז אַנטשוויגן. דער קאַסטן רווישט, עפּעס פּלאַצט און קנאַלט אין די אומבאַקאַנטע שטאָכים. און מיטאַמאָל, נאָך אַ פּויזע, דערהערט זיך פון די אומבאַקאַנטע שטאָכים אַ נידעריקער אַנגעשטרענגטער מענערישער קאָל:

— פונעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי באַלשעוויקעס...

וואַלקאַ נאָרט זיך אַליין און רעדט אַרויס מיט איבערגעטרוקנטע ליפּן:

— אַהאַ, דאָ קענסטו זיך דערוויסן אַלע נײַסן!

אומרו, אומרו און ווייטיק רײַסן זיך אַרײַן אינעם צימער אינאיינעם מיט דעם נידעריקן אַנגעשטרענגטן קאָל.

— דער צענטראַלער קאָמיטעט וו.ק.פּ. (באַלשעוויקעס) גיט צו וויסן מיט העכסטן טרויער דער פאַרטיי, דעם אַרבעטער־קלאַס און אַלע אַרבעטנדיקע...

דאָס קאָל רעדט לאַנגזאַם, דראָענדיק דײַטלעך.

די גוטע ברידער רײַסן ניט אָפּ דאָס אויג פֿונעם שוואַרצן זיפּל באַם קאַסטן.

— ...אַז דעם ערשטן דעצעמבער איז דורך דער פּאַררעטערישער האַנט פֿונעם סויִנע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס...

וואַלקאַ און סיאָמאַ הייבן זיך אײַנצײַטיק אויף. וואַלקאַ גיט זיך אַ ריס פֿאָרויס, גרייט אויסצושליסן דעם אויפֿנעמער, אַבי זיך שיצן פֿון דעם בייזן קאָל.

— ...אומגעקומען דער אויסגעצייכנטער טוער פֿון אונדזער פּאַרטיי, דער פֿלאַמיקער, אומדערשראָקענער רעוואָלוציאָנער...

„ווער ? !" — וויל וואַלקאַ אַ געשריי טאָן, נאָר דער געשריי בלײַבט אים שטעקן אין האַלדז :

— ...דער געליבטער פֿירער פֿון די באָלשעוויקעס און פֿון אַלע אַר־בעטנדיקע פֿון לעניגראַד, סעקרעטאַר פֿונעם לעניגראַדער און פֿונעם צענ־טראַלן קאָמיטעט וו.ק.פּ. (באָלשעוויקעס)...

„ניין, ניין, עס קען ניט זײַן, אַ טאָעס !..." — פּראָטעסטירט וואַלקאַ מיט זײַן גאַנצן וועזן, וואָס וויל ניט גלייבן דעם שרעקלעכן, ניט פֿאַרשטענד־לעכן, ניט אָפּווענדלעכן אומגליק, וואָס קריכט אַרויס פֿון דעם קליינעם קעסטל מיט דעם דײַטלעכן קאָל פֿונעם לייענער.

— ...מיטגליד פֿונעם פּאָליטביוראָ צ.ק. וו.ק.פּ. (ב)...

און צום סאָף, ווען די אָנשטרענגונג איז שוין איבער די קויכעס, פֿאַר־ענדיקט דאָס קאָל :

— ...דער כאַווער סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו.

אין דער פֿאַרלוירנקייט האָט וואַלקאַ זיך אײַנגעקלאַמערט אינעם רײַ־שעסדיקן קעסטל און האָט עס אַ טרייסל געטאָן. נאָר דאָס קאָל האָט אַ צי־טער געטאָן און האָט ווײַטער גערעדט :

— ...דעם קרישטאָל־ריינעם און אומדערשיטערט פֿעסטן פּאַרטייער, באָלשעוויק־לעניניסט, וואָס האָט אָוועקגעגעבן זײַן גאַנצן ליכטיקן, גלאָררײַכן לעבן דער זאַך פֿונעם אַרבעטער־קלאַס...

וואַלקאַ לאָזט אַרויס פֿון די הענט דעם אויפֿנעמער. שוין שפּעט. דאָס אומגליק איז ניט אָפּצוווענדן. עס איז אַרײַן אינעם לעבן... און דאָס קאָל רעדט ווײַטער, עס באַוועגט זיך אין אים האָפֿענונגס־געבנדיקע, מונטערנ־דיקע טענער :

— דער צענטראַלער קאָמיטעט גלייבט, אַז דער אָנדענק וועגן כאַווער קיראָוו, דער ליכטיקער בײַשפּיל פֿון זײַן אומדערשראָקענעם, אומפֿאַרמאַטער־לעכן קאַמף פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע...

סיאָמאַ אַלטשולער גייט צו צו וואַלקאַן און טוליעט זיך צו צו זײַן אַקסל, מיט דער נאָענטקייט שיצט ער זיך פֿון דער אָנגעשטאַנענער פּוסט־קייט. וואַלקאַ לאָזט דעמאָלט אַראָפּ דעם קאָפּ און צעוויינט זיך. קיראָוו ! ליכטיקער קיראָוו !... ער דערמאָנט זיך די אײַנגעקוקטע, באַטראַכטנדיקע פֿריילעך־צוגעשפּיצטע אויגן, ער דערמאָנט זיך די פֿריילעכע פּעדעם וואָס האָבן זיך געצויגן צו וואַלקאַן, ווען וואַלקאַ האָט פֿאַרשטאַנען אַז אויך ער האָט ליב גוטע, געניטע אַרבעט. און דאָס וואַרעמע קאָל וואָס האָט געפֿרעגט : „דו פֿאָרסט גערן ?"

— ווער ? ! — שרײַט אויס וואַלקאַ און הייבט אויף דאָס פּאָנעם מיט די פֿלעקן טרערן אַף די באַקן — ווער האָט דאָס געקענט טאָן ? ! איך וואָלט !...

— ער ציטערט פון צאָרן און האַס צו דעם אומבאַקאַנטן וואָס האָט אַטעגטירט אַף זײַן קיראָוו. ער שטיקט זיך פון דעם באַוווסטזײַן, אַז ער געפינט זיך אַזוי ווײַט און איז אומעכטיק עפּעס צו טאָן.

— דו ווייסט ניט וואָס אַזוינס איז געווען קיראָוו! — שרײַבט ער אויס צו סיאָמאַ אַלטשולער — און איך האָב אים געקענט! געקענט!...

מיט אַ שאַ שפּעטער גייט וואַלקאַ איבער דער שטיל־געוואָרענער שטאָט, פון באַראַק צו באַראַק. ער פאַרגעסט אָפּצוטרייסלען דעם אָנגעקלעפּטן שניי פון די שטיוול, ער קלײַבט צונויף די מענטשן און דערציילט זיי ווער קיראָוו איז געווען און וויאַזוי קיראָוו האָט אים געשיקט אַפן ווײַטן מיזרעך. און אין דער שלאָפלאָזער נאַכט קלײַבן זיך קאָמיוגיסטן אין ענגע קרײַזן אַרום וואַלקאַן און הערן אים דערציילן, דערנאָך גייען זיי מיט אים אין אַ צווייטן באַראַק, הערן אים ווידער דערציילן און פאַרפּאַסן אינאיינעם אַ צאָרנדיקע און טרויערנדיקע רעזאָלוציע, ווו יעדער איינער שטעלט אַרײַן זײַן וואָרט פון ליבע, פון האַס, פון אומגעבויגענער אַנטשלאָסנקייט.

דער קליינער סערגיי שלאָפט אין שפּיטאָל אין זײַן בעטעלע לעבן נאָך דרײַ קליינע באַשעפענישן. ער ליגט רויק, פאַרעמד דער וועלט פון רעגונגען, פון אומרו און קאַמף, ער — אַליין די קאָנצענטרירטקייט פון לעבן אין זײַן פריידיקסטער אַנטפּלעקונג. קאַטיאַ גאַנוועט זיך אין קינדער־זאַל און זיצט איבער אים, מיט די באָרוועסע פיס אונטער זיך. זי שלינגט די טרערן און קוקט זיך אײַן אין אים מיט אַ האָפענונג, וואָס דערלײַכטערט און באַזײַטיקט דעם טרויער.

X

ווען גרישאַ איכאַקאָוו איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג, האָט ער זיך נאָך ניט פאָרגעשטעלט וואָס אַזוינס זי וועט פאַר אים ווערן. ער האָט זיך גאָר געפרייט וואָס — אָט איצט וועל איך קענען שרײַבן לידער.

ער שרײַבט אָבער זייער ווייניק. פאַראַן וואָכן און אַפילע כאַדאָשים ווען ער שרײַבט ניט קיין איין שורע. די לידער בלאָנקען אין אים און קומען ניט אַרויס אַף דרויסן. עס שווינדט פאַרבײַ אַ סטראָפע, אַ גראַם, עטלעכע פּאָעטישע געדאַנקען — און ער לאָזט זיי ניט זיך אויספורעמען. זײַן פּאָעטישע געניטונג העלפט אים שרײַבן פּראָזע — זײַנע אַרטיקלען זײַנען לאַקאַניש, קלאָר. ער ווייס דעם ווערט פון אַ וואָרט, פון אַ שורע. אין דער פּראָזע, ווי אינעם פּערז, דערלאָזט ער ניט קיין פּוסטע ערטער. נאָר די אַרטיקלען וואָס ער טראַכט אַרום דורך די נעכט, העכערן זײַנע פאָדערונגען צו די לידער. דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג ווײַזט אָן דעם דיכטער. דאָס זודיקע, מאָנענדיקע לעבן רעדט צום דיכטער מיט דעם פולן קאָל. אָט דעם אַקשאָנעסדיקן קאָל האַלט אונטער אַ צווייטס, אַ דונערדיק קאָל פון אַ פּאָעטישן אָנפירער — דאָס קאָל פון מאַיאַקאָווסקין. „אין אונדזער צײַט איז דער אַ דיכטער, דער אַ שרײַבער, ווער ס'איז נוצלעך”. פון דער פאַרגאַנגענהייט קלינגט אַ דריטער קאָל: „אַ דיכטער מעגסטו דיר ניט זײַן, נאָר זײַן אַ בירגער מוזטו”.

גרישאַ לעבט שטענדיק מיט דעם לעבן פון זײַן פאָלק, פון זײַן קאָלעקטיוו. נאָר, ווי אַ טרוימער, גליטשט ער זיך אָפּט איבער געשעענישן, איבער מענטשן, און נעמט זיי אויף דורך טרוימערישער, לירישער אײַנטראַכטונג. אָפּט זעט ער דאָס לעבן ניט ווי דאָס איז, נאָר ווי ער וויל דאָס זען. די צײַ־

טונג, די ליטעראַרישע פראַקטיק, די אָנוואַרף־אַרבעט פון דער פאָעזיע, צווינגט אים אַראָפצולאָזן זיך צו דער נידעריקסטער וואָר, אַרײַנטרעטן אין איר, זיך אין איר פונאַנדערקלײַבן, שפירן אירע גוטע און אירע שלעכטע רײַכעס, קוקן אַף דער זון און אין דער פינצטערניש. דעמאָלט פאַרשטייט ער, אַז „דאָס לעבן ווי דאָס איז" איז קאָמפליצירטער און שענער פון זײַנע אויסטראַכטענישן, סטירעדיקער און פילקאַנטיקער די מענטשן, קאָמפליצירטער די געשעענישן, טיפער די פראָצעסן פון ענדערונג און אַנטוויקלונג. וואָס־זשע האָט ער ביז איצט געשריבן? אַלץ איז טשעפוכאַ, זינלאָז, פוסט, געגראַגערט!

ער מישט זיך אַרײַן און שאַפט לעבן, און דאָס לעבן שטעלט אים פאָדערונגען — שרײַבן שאַרף, טיף, אין פינטל אַרײַן, צוקומען צו די מאַסן, ווירקן. ניט נאָר דאָס לעבן — ער אַליין איינער פון זײַנע שאַפער, דיקטירט די פאָדערונגען זיך אַליין.

און ער קען ניט שרײַבן. ער האָט פאַרגעסן ווי מען שרײַבט. עס באַקומט זיך ניט דאָס וואָס ער וויל. שרײַבן אַזעלכע לידער ווי פריער איז שוין אַ ביזאָיען.

דער סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט, גאָטאָווצעוו, וואַרפט אים פיר:

— ביסט פויל געוואָרן, איסאַקאָוו. וואָלסט באַם צעעפענען די צײַטונג אַ לידל אַרײַנגעשטעלט, וואָלסטו די גאַנצע צײַטונג באַשיינט!

— איך קען ניט, — זאָגט גרישאַ אַ דערדריקטער — פאַרשטייסט, לידער דאַרפן בריִען, איבערקערן, קלאַפן, און עס קומט באַ מיר ניט אַרויס.

— ברי ניט, קער ניט איבער, דיך האַלט מען דאָך ניט פאַר קיין פושקין. און וואָס איז אַ צײַטונג אָן אַ ליד?

גאָטאָווצעוו פאַרשטייט ניט. גרישאַ איז ניט באַליידיקט, ער ווייס, אַז ער איז ניט פושקין, נאָר ער דערמאָנט זיך אָן מאַראָזאָוון — מאַראָזאָוו וואָלט פאַרשטאַנען. שרײַבן לידלעך צום באַשיינען קען ער ניט און ער וויל ניט.

— איך בין טאַלאַנטלאָז, — זאָגט ער סאָניאַן — אַלץ וואָס איך האָב געשריבן איז קיינעם ניט נייטיק!

— פרעג באַ מאָטקע זנײַדע, — ענטפערט רויִק סאָניאַ — ווער האָט אים צוריקגעבראַכט פונעם האַפן, אַז ניט דײַנע פערזן?

— יאָ, נאָר דאָס איינציקע פאָעטישע אין מײַן לעבן, וואָס האָט געהאַט אַ זין.

ער טרײַבט איבער. דער באַוווסטזײַן גייט ווײַטער פון זײַן קענען, ער וויל דאָס וואָס ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן. נאָר אין דעם צײַט־אָפשניט פון צײַטונגס־אַרבעט און דיכטערישן שטילשטאַנד, צײַטיקן זיך אין אים נײַע קוויכעס.

דעם כוש פאַרן הײַנטיקן האָט ער שטענדיק געהאַט. די צײַטונג האָט דעם כוש צוגעפירט צום שאַרף פון דער גרענעץ. ער געפינט זיך אינעם צענטער פון אַלץ און מוז זיך ניט נאָר אָפרופן אַף אַלץ, נאָר שפירן די אָנרײַפנדיקע געשעענישן, פאָרויספילן, צום לעבן אַרויסרופן נײַע פראָצעסן. ער טראַכט זיך: צי ניט דאָס איז די אויפגאַבע פונעם דיכטער? צי מוז ניט דער פאָעטישער געדאַנק זײַן געצילט צו דער צוקונפט, אַלצאיינס ווי דער געדאַנק פונעם פאָליטיקער, קעדיי צו באַגרײַפן די צוקונפט און קעמפן פאַר איר?

ער קען דעם אָנשטרענג פון קאַמפס־גרייטקייט. דאָס לאַנד לעבט מיט

פרידלעכער אַרבעט, דאָס שלאָפט רויִק, שטייט אויף פריילעך און פלײַסיק. און אַף דער גרענעץ פלאַצן קוילן, פון די קוילן פאַלן מענטשן, ווערן אויפגעריסן קעמפערישע עראָפלאַנען. דאָס איז ניט מילכאָמע. דאָס רופט מען אַן „גרענעץ־קאָנפליקט". נאָר אַף די פונקטן ווו עס שלאָגט דער פולס פונעם לאַנד, לויפט דורך דער שאָטן פון מילכאָמע אַף די פנעמער, מאַכט זיי שטרענגער און עלטער, גיט צו די ווערטער אַ שטרענגע קלאָרקייט. דאָ שלאָפט מען ניט און מען וואַרט אָפן באַפעל, אַף יעדיעס. דאָ קאָנצענטרירט זיך די שלאַכט־גרייטקייט. די רעדאַקציע פון דער צײַטונג איז איינער פון די גרייטקייט־פונקטן.

און דער דיכטער? צי איז ניט דער דיכטער דער זעלביקער וועכטער פון זײַן לאַנד? צי דאַרף ניט זײַן וואָרט זיך לאָזן הערן אין דער מינוט ווען די ביקסן ווערן אָנגעשטעלט און די שטאַבן שלאָפן ניט?... וועט ער ניט געפינען דאָס נייטיקע וואָרט, איז ער נעבעכדיק און פוסט.

אַנדריי קרוגלאָוו באַווײַזט גרישאַן די כראָניק וואָס ער האָט גענומען שרײַבן אינעם אורלויב, און טיילט זיך מיט זײַן ניט פאַרווירקלעכטן פאַר־לאַנג צו ווײַזן די אויסבילדונג פון אַ נײַער פסיכאָלאָגיע.

— יאָ, יאָ, אָט דאָס איז נייטיק! — רופט אויס גרישאַ — ווײַזן און אונטעריאָגן דעם דאָזיקן פראָצעס. קען מען עס ניט, איז צו וואָס שרײַבן?

— ניט גענוג איז באַטראַכטן און באַשרײַבן די נײַע דערשײַנונגען, — זאָגט ער סאָניאַן — מען דאַרף זיי אַרויסרופן, אונטעריאָגן, אונטעראײַלן. ווער עס קען דאָס ניט, דער איז ניט דער דיכטער פון זײַן צײַט, ווי טאַלאַנט־פול ער זאָל ניט זײַן.

אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער איר:

— איידער זײַן אַ שוואַכער דיכטער וועל איך בעסער זײַן אַ גוטער זשורנאַליסט.

סאָניאַ דערווידערט אים ניט, זי ווייס, אַז ער ליגנערט זיך אַליין, אַז די נײַע פערזן, ווען ער וועט ווידער נעמען שרײַבן, וועלן זײַן בעסער ווי די פריערדיקע.

קיראָווס טויט האָט אים געפלעפט. אַ לאַנגע צײַט גלייבט ער ניט דערין. אַפילע ווען די טרויער באַקליידטע צײַטונגס־שפאַלטן קומען אַרויס פון דער דרוק־מאַשין, גלייבט ער נאָך אַלץ ניט, אַז סערגיי קיראָוו לעבט ניט מער. קיינער וויל ניט גלייבן. דאָס לאַנד האָט זיך אָפגעוווינט פון אומגליק. דאָס לאַנד איז גליקלעך און — אינעם גליק איז עס צוטרויִלעך. ווי אַ גוטער מענטש פאַרשטייט קיינמאָל ניט ביזן סאָף קיין נידערטרעכטיקייט, אַזוי קען אויך דער קאָלעקטיוו פונעם לאַנד ניט באַגרײַפן, אַז אָט דאָ, לעבן אים, אונטער דער מאַסקע פון אַ פרײַנט, גריבלט אויך אַזאַ מין סוינע, אַז פאַראַן זײַנען מענטשן (ניט ערגעץ ווו, נאָר דאָ, נאָענט), וואָס האַסן דאָס וואָס דעם קאָלעקטיוו איז ליב און הייליק.

עס איז נאָך ניט קלאָר דער פאַרנעם פון מאָנסטערדיקן בייז. נאָר דער ערשטער ווייטיקלעכער קלאַפ איז דערלאַנגט. דער קלאַפ האָט געטראָפן איי־נעם פון די ליכטיקסטע מענטשן פונעם לאַנד און מיט דעם ריקשטויס גע־טראָפן יעדן איינעם, וואָס האָט נעכטן זאָרגלאָז געשמייכלט און רויִק גע־אַרבעט.

שפעט אין דער נאַכט זעצט זיך גרישאַ שרײַבן פערזן. ער ווייס נאָך ניט וואָס ער וועט אָנשרײַבן. נאָר דער אויפגעברויזטער אָנשטרענג פון אַלע

כּושים מוז זיך אויסגיסן אין פערזן און צעשרייען זיך איבער דער גאַנצער שטאָט, איבערן גאַנצן לאַנד וועגן דער אומשטאַרביקער וויטאַליטעט פון דעם באָלשעוויק, וועגן דער ניט שטאַרבנדיקער קראַפט פון דער באָלשעוויסטישער זאַך, וואָס וועט צו נישט מאַכן דעם סוינעס אַלע בייזע פּלענער, וועגן דער קראַפט, וואָס לעבט אין בעססאָנאָווס רעקאָרד, אין די בעטאָנענע עלינג־זיילן, אין דער צוקונפטיקער שיף, אין יעדן איינעם פון אונדז.

דער שעפערישער געדאַנק קלאַמערט זיך פאַר דעם בילד וואָס דאָס לעבן יאָגט אים אונטער — דורך דעם פאַרטרויערטן לאַנד טראָגט זיך אַ לעבעדי־קער בריוו צו דעם לעבעדיקן, צו דעם אייביק לעבנדיקן.

קאַיאַר וועקט ער אויף סאָניאַן:

— הער אויס טייערע. אָדער איך פאַרשטיי גאָרניט, אָדער דאָס איז דאָס בעסטע וואָס איך האָב ווען אָנגעשריבן.

נאָך אָט דעם אויפשוונג ווערט ער ווידער אַנטשוויגן. נאָר איצט ווייס ער שוין, אַז ער וועט שרייבן, און ער וואַרט נאָר מיט דער לאַנגזאַמקייט פון אַ מענטשן וואָס זאַמלט קויכעס צו דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט. די שלאַכט שטייט פאַר מיט דעם לעבן אַליין, ער מוז עס באַהערשן און פירן נאָך זיך. אַזוי לערנט מאַיאַקאָווסקי: „פאַרלויפט אַפריער, אָן מוירע פאַר פאַרהער. רופט מיט דער האַנט פון די צוקונפטיקע הייכן, פּראָלעטאַריער אַהער!” ער וואַרפט זיך אין דער געדיכטעניש פון לעבן, ער שטעלט זיך אינעם צענ־טער ווי אַ בויער, ווי אַ זשורנאַליסט, ווי אַ פּאָעט. ער לערנט זיך בײַ דעם לעבן, כּדי דערנאָך דאָס לעבן גופא לערנען און דאָס ענדערן.

דאָס לעבן פון דער נייער שטאָט שטראָמט שנעל. עס אַרבעט דער זאַ־וואָד אַ נאָך ניט דערבויטער — נאָך אין רויען צושטאַנד, נאָר שוין אַ זאַוואָד. די שיפבויער נעמען שוין צוזאַמענשטעלן די ערשטע שיף. די שטאָט באַקומט אַ פּנים — גאַסן, הייזער, ראַיאָנען. נייע קוואַרטאַלן שטויסן אַרויס די באַראַקן, ווישן אַראָפּ די שאַלאַשן. די מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן, לערנען אַ סאַך און אַרבעטן מיט ברען. „דער רעגירונגס־טערמין וועט אויסגעהאַלטן ווערן!” דאָס איז אַ לאָזונג וואָס עסט זיך איין אינעם גאַנצן בוי־קאָלעקטיוו. דאָס איז אַ טייל פון דער גאַנצער שאָפונגס־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגע־כאַפּט דאָס לאַנד. פון דער טיפעניש פון דער באַוועגונג ווערט געבוירן אַ נייע, אַ העכערע פאָרעם. זי טראָגט דעם נאָמען פון דעם דאָנעצער מינען־אַרבעטער סטאַכאַנאָוו, וואָס איז אין משך פון אַ כוידעש געוואָרן דער פּאָפּולערסטער אַרבעטער אין לאַנד. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז סטאַכאַנאָווס ביישפּיל האָט אַרויסגערופן אַ מאַסן־דערשיינונג, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעצייכנט אין די פאָדערשטע רייען פונעם אַרבעטער־קלאַס. אַ פאַרלאַנג, פאַראייניקט מיט וויסן, מיט קענטעניש, איז די באַזע פון דער דערשיינונג.

אין דער נייער שטאָט האָט זיך צעטראָגן דער נאָמען פונעם סטאַכאַ־נאָוויסט וואַלענטין בעססאָנאָוו. דאָס וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט דער בריגאַדע אַ יאָר צוריק, איז שוין איצט ניט קיין איינציקער רעקאָרד, נאָר אַן אַרבעטס־סיסטעם. „אָרגאַניזאַציע, צוגרייטונג, קענטעניש — דאָס איז דער גאַנצער סאָד!” — זאָגט וואַלקאָ.

גרישאַ פאַרשטייט זייער גוט וואַלקאָס שטרעבונגען: פאַר וואַלקאַן איז די שטאָט און דער זאַוואָד אַן אייגענע זאַך, אַ ליבלעכע, אַרבעטס־פרייד און אַרבעטס־גלאָר באַגייסטערט אים. ער איז דער ערשטער סטאַכאַנאָוויסט, אַנדערש קען עס ניט זיין. דאָ באַווייזט זיך טימטשענקאָס נייע סטאַכאַנאָווישע

בריגאַדע, זי דעקט אַריבער וואַלקאַ בעססאָנאָווס פּראָדוקציע. טימטשענקאָ איז דער העלד פונעם טאָג.

גרישאַ קוקט זיך צו מיט אינטערעס וואָס וואַלקאַ לעבט איבער, איצט, ווען מען האָט באַ אים צוגענומען דאָס ערשטע אָרט. דעם צווייטן טאָג האָט זיך טימטשענקאָ ווידער אַרויסגעריסן אַפּריער. וואַלקאַ זאָגט: „אָט שיידים!" און לאָזט אים פון הינטן. גרישאַ באַלייכט אין דער צייטונג דעם גאַנג פונעם געווער און קוקט זיך צו. דאָס לעבן האָט אים אונטערגעטראָגן אַן אומדערהאַרטע זאַך: פּלוצעם באַמערקט ער ווי בעססאָנאָוו מיט טימטשענקאָ זיינען באַענטע פריינט געוואָרן: „מיין לאַפּע!" — זאָגט וואַלקאַ. „אַרבעטן גאַנצן ווייל!" — אָנערקענט וואַלקאַ טימטשענקאָ, מיט אַ פייערל אין די אויגן. זיי רייצן זיך, ווילן בעשום אויפן ניט אָפּטרעטן איינער דעם צווייטן, נאָר מען זעט זיי אַלץ אָפּטער צוזאַמען. גרישאַ טראַכט זיך: אַזעלכע באַציִונגען טראַכט מען ניט אויס, מען דאַרף זיי אויפדעקן און פאַרשטיין. און ווי פּאַשעט עס איז אַלץ. איינעמס גלאָר שטערט ניט דעם צווייטנס — דאָס לעבן איז ברייט, אַרבעט איז דאָ פאַר יעדן, מען דאַרף נאָר באַוועגן, נאָר אונטעריאָגן, נאָר דאָס האַרץ אַריינלייגן, דער רעזולטאַט איז ניטיק אַלעמען און איז טייער אַלעמען.

ניט נאָר די הענט אַרבעטן, עס אַרבעטן אויך די קעפּ. דער פאַרשערישער געדאַנק, די האַמצאַע פונעם אַרבעטער, פאַרפעסטיקט מיט אַנגעזאַמלטן טעכנישן וויסן, באַלייכטן די אַרבעטס־פּראַקטיק און שאַפן אַ נייע, אַ נאָך ניט געוועזענע.

פעטיאַ גאָלובענקאָ, בריגאַדיר פון די טעסלער אַף די דאָקן האָט צוגעטראַכט אַ נייעם אַף כידושים פּאַשעטן אויפן פון באַשלאָגן די זיילן. די סטאַכאַנאָווישע מישפּאָכע טשומאַקאָוו—סאָוויאַלאָווא האָט אומגעביטן דעם פּראָצעס פון בעטאָנירן.

סערגיי גאַליצין וואָס אַרבעט אַלס מוליער אַף שלאָגלערישער בויונג, האָט איינגעפירט אַ נייעם סיסטעם וועגט־לייגן. ער האָט אַף דער אַלשטאַטישער פאַרזאַמלונג פון די מולייערס געלייענט אַ באַריכט און האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „מיין סיסטעם וועגט־לייגן".

גרישאַ קוקט זיך צו מיט זשעדנער נייגעריקייט צו די סטאַכאַנאָוויסטן. וואָס באַוועגט זיי? עפּשער ערגייץ, עפּשער געלט־גייציקייט? ניין. דאָס איז סאָציאַליזם אין דער טאַט, סאָציאַליזם וואָס איז אַריין אינעם שטייגער און אינעם באַוווסטזיין. די ריזיקע קראַפט פון סאָציאַליסטישער צוציִונג, ציט מיט זיך די מענטשן אַף אַרבעטס־העלדישקייטן, און אויב באַ יעדן איינעם זיינען פאַראַן זיינע זייטיקע, פּערזענלעכע שטרעבונגען, עלעמענטן פון ערגייץ, געלט־גייציקייט, קאַריעריזם, ווערן די דאָזיקע געפילן איבערגעאַרבעט, אויסגעגלעט, אַרויסגעשטויסן מיט דעם גרונט־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, וואָס האָט באַ די מענטשן אויפגעהויבן אַ קלוגע, שעפערישע באַציִונג צו אַרבעט, אַ שטאָלץ מיט זייער פּראָפעסיע, אַ געפיל פון אייגענער כשיוועס, אַ פרייד מיט דער פרייער אַנטוויקלונג און דאַנקבאַרקייט זייער היימלאַנד.

„לעבן איז בעסער געוואָרן, כאַווייריִם, לעבן איז פריילעכער געוואָרן", — האָט איבערן לאַנד אָפּגעקלונגען סטאַלינס וואַרעמער קאָל. און גרישאַ זעט לויט זיך, לויט זיינע פריינט, לויטן פאַרמעסט פון דער אַרבעט, לויט דעם אויפבלי פון דער שטאָט, לויט דעם שמייכל פון די קינדער, ווי עמעסדיק און טיף עס זיינען די פּאַשעטע ווערטער.

נאָר אַרײַנגעגאַנגעװעט האָט זיך אינעם לעבן אַן אומרו. דאָס גליק פֿון לעבעדיקע מײַסים, די יונגקײט פֿון דער באַנײַטער װעלט, און אײנצײַטיק מיט דער פֿרײד, דער קימאַט פֿיזישער אײַנדרוק פֿון נאָענטקײט פֿון דעם פֿאַרטײַעטן סוינע. עמעצנס ניט מערקלעכע הענט רופֿן אַרױס אומפֿאַרשטענדלעכע אַװאַריעס, שנײַדן איבער די פֿײַערלעשער־רערן, מאַכן קאַליע די מאַשינעריע, שעדיקן הינטן אַרום.

„װער ? װער ?" — טראַכט גרישאַ.

ער שליסט אײַן די צײַטונגס־שפּאַלטן, פֿולע מיט אַ קאָשמאַרער כראָניק פֿון זינאָװיעװ־טראָצקיסטישע מײַסים.

ער פֿאָרט אַרױס אַף דער עלעקטראָסטאַנציע, װוּ אַן אומדערװאַרטע אַװאַריע האָט געשטעלט אױסער פֿונקציע אַ קעסל, װוּ טשעקיסטן און אַרבעטער זוכן דעם פֿאַרפּלאָנטערטן שפּור פֿונעם פֿאַרברעכן.

ער קומט יעדן טאָג אַף דער ראַמפּע, װוּ דער קאָלעקטיװ פֿון די שיפֿבױער האָט מיט אַלע קױכעס אױסגעמיטן די פֿלינק־צוגעגרײטע קלעפּ פֿונעם ניט מערקלעכן סוינע.

װידער שליסט ער אײַן צײַטונגס־שפּאַלטן און נײַע אומעטיקע בילדער פֿלעכטן זיך אײַן אין דער כראָניק פֿונעם טראָצקיסטישן איפּעשדיקן פֿאַרראַט. די לאַסט פֿון דעם פֿאַרראַט דריקט אים אַפֿן האַרצן, ער װערט דערשטיקט, עס װערט אים שװער צו אָטעמען, צו לעבן, צו גלײבן.

„נאָך קאָמפּליצירטער, נאָך טיפֿער װי מיר שטעלן זיך פֿאָר. דענקט גרישאַ, װען ער דערמאָנט זיך די זאָרגלאָזע פֿרײד מיט װעלכער זײ אַלע, קאָמיוגיסטן, זײַנען אַהער געפֿאָרן. — „שײנע כאַװערשאַפֿט פֿון טרוים און אַקשאָנעס"... יאָ, אַזױ איז עס. נאָר סאָנים האָבן זיך אײַנגעביסן מיט זײערע שטעכערס אין אונדזער כאַװערשאַפֿט. װער ? װער איז דער סוינע ? װוּ ?

גרישאַן פֿעלט שטאַרק אױס מאַראָזאָװ. גאָטאָװצעװ קען אים ניט באַפֿרידיקן. ער איז אַ רױקער, צו רױקער מענטש. ער טראָגט ניט אַרײַן אין דע אַרבעט קײן נעשאָמעדיקע װאַרעמקײט. ער איז צעפֿלאָסן, אומאַנטשלאָסן, באַ יעדער פֿראַגע פֿאָדערט ער דירעקטיװן פֿון אױבן, און װען די דירעקטיװן זײַנען ניטאָ, װערט ער צעטומלט פֿון יעדער געװאַגטער איניציאַטיװ.

— דו װײסט, — זאָגט גרישאַ צו קרוגלאָװן — אַפֿילע װען איך גיב אים אַ ביס אין דער צײַטונג, ערגערט ער זיך ניט, װײַל עס איז פֿאַראַן אַ דירעקטיװ װעגן זעלבסטקריטיק.

מיט קרוגלאָװן איז ער גוטברודער. קרוגלאָװ פֿאַרשטײט זײַנע שעפֿערישע דערװעגונגען, ער רעגט אים אָן אַף נײַע געדאַנקען. ער שרײַבט ביסלעכװײַז זײַן כראָניק און זאָגן גרישאַן:

— אױב מען זאָל קענען אָנװײַזן דעם פּראָצעס פֿון דער נײַער פּסיכאָלאָגיע, װאָלט מען געקענט פֿאָרױסזאָגן די דערשײַנונג פֿון די סטאַכאַנאָװיסטן. זײ װאָלטן זיך באַדאַרפֿט באַקומען אין מײַן כראָניק װי אַ נאַטירלעכער אױספֿיר.

— אױך אין מײַנע לידער — גיט צו גרישאַ.

באַ אים אין קאָפּ צײַטיקט זיך אַ פּלאַן פֿון אַ גאַנצן ציקל לידער:
„דאָס בוך פֿונעם נײַעם מענטשן".

נאָר איצט האָט ער בעעמעס קײן צײַט ניט. עס קומט אונטער דער מעלוכישער טערמין. דאָס צוזאַמענשטעלן די ערשטע שיף טרעט אַרײַן אינעם אַכראַיעסדיקסטן פּעריאָד. נעכטן האָט מען אונטער דער שיף געפֿונען

אַ פּעסל ברעז־שטאָף. הײַנט האָט זיך אַף אַ זײַט אַנגעבויגן דער פּאַרמאָס־קירטער שטראַנד, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער פֿאַרשליימיקטער גרונט אונטער אים איז ניט געווען אויסגעריינִיקט. עמעצער האָט קאַליע געמאַכט די פֿײַערלעשערישע סיגנאַליזאַציע. די אַנשטרענגונג פֿונעם בויער־קאָלעקטיוו דערגייט ביז דער גרענעץ. ווער ? ווער ? די צײַטונג זוכט, קריכט אַרײַן אין אַלע פּראָטים, רופֿט צו וואַכזאַמקייט. גרישאַ איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען אַזוי הייס צו אַרבעטן, אַזויפֿיל צו טראַכטן. ער ציט אַרײַן אין דער צײַטונג נײַע מענטשן, וועלכע ער גלייבט, וואָס זײַנען געוואַגט און אויפֿמערקזאַם. אָנגעהויבן האָט מיטאַרבעטן טאַניאַ וואַסיִעוואַ. טאַניאַ שרײַבט שוואַך, נאָר זי טראָגט אַרײַן אין דער צײַטונג אומדערשראָקנקייט און היץ, זי האָט אַ צודרינגלעך אויג. זי קען צוציִען צו דער צײַטונג נײַע אַרבעט־קאָרעספּאָנדענטן. ווער עס רעדט מיט איר דער פֿאַרשטייט, אַז ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער בויונג, פֿאַר דער שיף, פֿאַר דעם אויפֿגעדעקטן סוינע. „ווער ? ווער ?" פֿרעגט זיך יעדערער.

גרישאַ באַווײַזט ניט צו שרײַבן קיין לידער.

— וואָס מיר לידער ! — זאָגט אים גאַטאָווצעוו — אַזאַ צײַט...

גרישאַ אַליין איז אַף אַ מינוט מסכּים מיט אים. „יאָ, ס'איז ניט קיין צײַט פֿאַר לידער. לידער זײַנען ווײַניק". „אַגעוו זײַנען זיי עפּשער אויך ניט נייטיק" — דערמאָנט זיך אים אַ שורה בײַ מאַיאַקאָווסקין. נאָר אַז ער דערמאָנט זיך אָן מאַיאַקאָווסקין בכלל, ברויזט ער אויף אַפילו אָף אָט דער שורה און קעגן איר געדאַנק. ניט נייטיק ? לידער זײַנען ניט נייטיק ? ער באַמיט זיך אַרומצונעמען זײַן גאַנץ לעבן און געפֿינען דערין דאָס אָרט פֿונעם ליד. וואָס איז עס פֿאַר אַן אָרט ? איז קעדײַ דערין אַרײַנצולייגן דאָס האַרץ און די קויכעס ?

עס וואַקסט בײַ אים אַ טאָכטער. ער קלערט אָפֿט אײַנאײַנעם מיט סאָניאַן וויאַזוי זי צו דערציִען פֿאַר אַ קלוגער וואונדערלעכער פֿרוי, וויאַזוי צו מאַכן פֿון איר אַ ריכטיקן מענטשן מיט גרויסע געפֿילן און געדאַנקען, זי זאָל אַרײַנגיין אינעם „קאָמוניסטישן ווײַט", דעם שאַפֿער פֿון אָט דער אָרדענונג.

ער קוקט נאָך ווי טאַניאַ און סיאָמאַ דערציִען זייער וואָלאָדיאַ. אויך זיי האָבן ברענענדיקע טרוימען וועגן דער צוקונפֿט פֿון דעם יינגל. זיי שטעלן זײַן ליַיב און אימפּן אין אים אײַן אומדערשראָקנקייט, אַקשאָנעס, ווילנס־קראַפֿט. סיאָמאַ באַגײַסטערט אים מיט דערציילונגען וועגן העלדישע מענטשן און מײַסים; ער וואָלט וועלן, קענטיק, דאָס יינגל זאָל זיך אויסקלײַבן די געפֿערלעכסטע פּראָפֿעסיע : אַ סטראַטאָ־פּליִער, אַ פֿאָרשער פֿון אַקטיווע ווולקאַנען.

גרישאַ וויל זײַן טאָכטער זאָל ליב האָבן פּאָעזיע. עפּשער וועט זי זײַן די ערשטע פֿרוי וואָס וועט אַרײַן אין דער ליטעראַטור ווי אַ גלײַכע מיט די גרויסע און איר קאָל, פֿרעמד דער אַכמאַטאָווישער לעכצעניש, זאָל קלינגען ווי דאָס קאָל פֿון אַ גרויסן דיכטער פֿון זײַן צײַט ? פֿרויען האָבן זיך נאָך ניט אַרויפֿגעהויבן ביז די העכסטע הייכן פֿון דער ליטעראַטור. נאָר מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט וועט זי זיך אויפֿהייבן אַף אַלע געביטן, וואָרעם ניט נאָר איר לעבנשטייגער, נאָר איר פּסיכאָלאָגיע וועט זיך אָפּרייניקן פֿון דעם שקלאַפֿן־שימל, פֿון שקלאַפֿישער אָנמעכטיקייט און אומדרײַסטקייט. און דעמאָלט וועלן די טאַלאַנטן ניט דערשטיקט ווערן אין דער פֿאַראורטיילטקייט פֿונעם פֿרויען־גורל.

די טאָכטער מוז זײַן אַזאַ פֿרוי.

נאָר אַף וואָס זאָל מען זי דערציִען? ווו זײַנען די ביכער, וואָס עפֿענען די אויגן אָפֿן לעבן מיט דער גאַנצער קאָמפּליצירטקייט דערפֿון, אָפֿן לעבן וואָס איז הײַנט אַן אַנדערס ווי נעכטן, און מאָרגן וועט עס זײַן נאָך אַנדערש, בעסער! ווו זײַנען זיי אָט די לידער? ווייניק פֿאַראַן אַזעלכע. און זיי זײַנען אַזוי נייטיק!

צי דען האָבן ניט די ראָמאַנען פֿון טשאַרסקאַיאַ געשאַפֿן אַ דאָר פֿון נאַרישע פּרײַלנס? צי דען האָבן זיך ניט צעפּרוכפּערט די ווערטערס און די טשײַלד האַראָלדס איבער דער גאָרער וועלט? אַזעלכע אומעטיקע שורעס ווי: „איר, געפּיעשטשעטע פֿון גורל, בלינדע קינדער פֿונעם גליק" זײַנען געפֿאַלן אַף דער נעשאָמע און האָבן דערצויגן פֿאָרשטעלונגען. אַ שטיפֿעריש־צווייִדײַטיק לידל האָט געשאַפֿן באַם יוגנטלעכן אין געדאַנק אַ גאַנצן פּראָג־ראַם פֿון באַציִונגען צו דער פֿרוי, צום לעבן. גרישאַ דערמאָנט זיך ווי די ווערטער פֿון אַ נאַריש לידל האָבן זײַן פֿאַנטאַזיע אָנגעצונדן. און צי דען איז קאָרטשאַגין־אָסטראָווסקי ניט אַרײַן אין אונדזער סוויווע ווי אַ כאַוועך, וואָס עס איז אַ בושע ווען ער איז דאָ דערבײַ צו זײַן קליינלעך און פֿאַכדאָניש, אַ בושע ניט אָפּצוגעבן אַלע קויכעס, אָן אַ רעשט, דעם קאַמף פֿאַרן קאָמוניזם!

איז אָט וואָס מען דאַרף טאָן! אָט דאָס מיינט — אינזשעניער פֿון מענטשלעכע נעשאָמעס. סאַראַ פֿינקטלעכער עפּיטעט! נאָר וויפֿל עס פֿאָדערט זיך אַף צו זײַן אַזאַ אינזשעניער מענטשן־שאַפֿער!

„און איך בין נאָך גאָרניט קיין שרײַבער, — טראַכט זיך גרישאַ — איך האָב ניט געשאַפֿן קיין שום וויכטיקס. איז וואָס־זשע? פֿאַר מיר איז די צו־קונפֿט. מען דאַרף אַליין צוערשט ווערן וויכטיק, קעדיי צו האָבן וואָס צו זאָגן. און צוליב דעם מוז מען טיפֿער און טיפֿער אַרײַן אין לעבן. ווי אַ בויער, ווי אַ זשורנאַליסט, ווי אַ רעדנער, אַ טשעקיסט — טיפֿער אינעם לעבן. מיך אינטערעסירט אַלץ, איך קריך אומעטום, איך וויל אַלץ זען און טאָן. ניט נאָר באַטראַכטן, נאָר אַקטיוו זײַן. אין דער טעטיקייט ווערט געבוירן דער נײַער מענטש, אין קאַמף, אין דערוועגונג".

ער פֿאַרלירט די אומדרײַסטקייט. ער שרײַבט אַ סאַך — אַרטיקלען, נאָטיצן, לידער. ער האָט ניט מוירע פֿאַר „שוואַרצער" אַרבעט, פֿאַר אַ לאָ־זונג, אַ געגראַמטן שפּאַס, אַן אונטערשריפֿט אונטער אַ קאַריקאַטור. איינמאָל האָט ער אָפּגעדרוקט אַ צייכענונג מיט אַן אונטערשריפֿט:

קוק דיך כאַוועך, אײַן, גאָרניט ווײַט
צי אַרבעט ניט דער סוינע זײַט באַ זײַט?

ער האָט די אונטערשריפֿט פֿאַרפּאַסט אין איין מינוט און האָט זיך גע־שעמט אַ ביסל זי צו דרוקן. דעם אַנדערן אָוונט קומט צו אים אַהיים דער אינזשעניער קאָסטקאָ. קאָסטקאָ איז בלייך, אויפֿגערעגט, צערודערט. ער ווײַזט מיטן פֿינגער אַף גרישאַס אונטערשריפֿט:

— איך האָב מיך שרעקלעך געײַשעוועט, נאָר הײַנט האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז מען טאָר ניט... איך האָב אַ שרעקלעכן, אַ געוואַלדיקן סאָפֿעק... וואָלט איך געהאַט פֿאַקטן... נאָר איך וויל זיך דאָך טיילן מיט אײַך... איך האָב אַ קאָשמאַרן פֿאַרדאַכט... אָט וואָס, אינזשעניער פּוטין...

גרישאַ שלאָפֿט ניט די גאַנצע נאַכט פֿאַר גליק וואָס, ניט נייטיק קיין פּערזן? ס'איז ניט קיין צײַט פֿאַר פּערזן?... ניין, אין אַזאַ אָנגעשטרענגטן מאָמענט לאָזן זיך אַראָפּ די הענט נאָר באַ די וואָס טוליען זיך אָן אַ זײַט

און לאָזן פאַרבײַגיין דאָס ברויזנדיקע לעבן! און ווער עס וואַרפט זיך מוטיק אַרײַן אין דער געדיכטעניש פון לעבן, בײַ דעם איז דער געדאַנק אַלץ שאַרפער, דאָס געפיל אַלץ פולער, אַלץ דרינגענדער די באַדערפעניש צו שרײַבן. און די טעג האָט גרישאַ גענומען שרײַבן זײַן „בוך פון דעם נײַעם מענטשן".

XI

ווידער איז פרילינג. אַ מונטערדיקער ווינט טראָגט זיך איבער דעם בעקן, וווּ עס איז אויסגעוואַקסן די שטאָט — איר שטאָט. קלאַראַ קאַפּלאַן שפּירט דעם פרילינג מיט דעם גאַנצן האַרצן, מיט דעם גאַנצן לײַב, מיט אַלע פּאָרן פון איר הויט. ווי גוט איז צו לעבן! ווי אומפאַרמאַטערלעך עס זײַנען דער גוף און דער מויעך!

זי איז זייער פאַרנומען. די אַרבעט פון אַרכיטעקטאָר איז פאַר איר ענערגיע גאַנץ ווייניק. זי אַרבעט נאָך אינעם שטאָטראָט. טאַראַס איליטש קומט אַרײַן צו איר, אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ פרײַלעכער, און זאָגט איר:

— באַרישניע, טײַערע... איך בין דאָך אַמאָל אַ גוטער גערטנער געוועזן. נעמט מיך נענטער צו די בלומען.

זיי האָבן ביידע געשאַפן די אָראַנזשערייע. קלאַראַ האָט קיין מוירע ניט געהאַט צו שיקן טאַראַס איליטשן מיט אַ גרויסער סומע געלט מיט אַ שליכעס אײַנצוקויפן זריע און פלאַנצלינגען. אין פרײַער צײַט העלפט זי אים אַרומגיין אַרום די בלומען. אין דער פײַכטער וואַרעמקייט פון די גלעזערנע גאַלערייעס, שמועסן ניט געאײַלט און פאַרניפּטיק.

— דאָס איז דאָך אַ מין לעבנס־קרײַז, — זאָגט טאַראַס איליטש — דערפון האָב איך אָנגעהויבן און אָט בין איך צוריקגעקומען צום ערשטן פינטל.

— צי דען איז דאָס זעלביקע? — ענטפערט קלאַראַ — הײַנט זײַט איר בײַ זיך אין לאַנד: די שטאָט איז אײַערע און די בלומען זײַנען אײַערע, אייגענע.

ער שנײַדט פאַר איר אָפּ די בעסטע, די שמעקעדיקסטע בלומען.

דער שטאָטישער פאַרטיי־קאָמיטעט האָט זי צוגעפּעסטיקט צו דעם שעטעך פון דער ראַמפּע, דאָ פאַרברענגט זי אַ גוטע העלפט פונעם מעסלעס. די גאַנצע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַלע אַלטע קאָמיוגיסטן זײַנען אַזוי אָדער אַנדערש באַטייליקט אין דער צוזאַמענשטעלונג פון דער ערשטער שיף. דער נאַטשאַלניק פון דעם שעטעך איז גראַנאַטאָוו. סיאָמאַ אַלטשולער פירט אָן מיט דער ספּעציאַליטעטן־טייל און היט די צייכענונגען. אַנדריי קרוגלאָוו איז נאָך אַ היפּשער דיסקוסיע מיט גאַטאָווצעוון צוריקגעגאַנגען אויף דער פּראָדוציר־אַרבעט און מאָנטירט די עלעקטרישע אויסשטאַטונג. אינעם קאָמיוגישן קאָמיטעט פאַרטרעט אים טאַניאַ, וואָס באַווײַזט צו אַרבעטן אינעם קאָמיוג, מיטאַרבעטן אין דער צײַטונג און אָנפירן מיט דעם שפּיטאָל. טאַניאַ איז אויך שמענדיק אויף דער ראַמפּע. דער מײַסטער פונעם צוזאַמענשטעלן איז איוואַן גאַוורילאָוויטש טימאָפייעוו; זײַן פרוי וואָס טראָגט נאָך אַלץ דעם צונאָמען שרעק פון די יאָמען, פירט אָן מיט דעם רעסטאָראַן פאַר די שלאָגלער. שלאָגלער זײַנען אַלע.

קלאַראַ פירט אויף דער ראַמפּע פאַרטיי־דערציִערישע אַרבעט. דער אײַנדרוק וועגן דער נאָענטקייט פונעם אויסבאַהאַלטענעם סוינע טרעט ניט אָפּ פון איר אַ מינוט; איר ציל איז אײַנפלייסן דעם געפיל אין יעדן אַרבעטער.

זי פירט דורך פלוגבלעטלעך, שמועסן. זי שמועסט מיט יעדן מענטשן באַזונדער, זי קריכט אַרײַן אין אַלע ווינקעלעך פון דער שיף, אין אַלע אונטערצעכן. דערזעט זי אַ פעלער, טרעט זי ניט אָפּ ביז דער פעלער ווערט פאַרריכט. דערין העלפן איר אַרויס גרישאַ איסאַקאָוו און טאַניאַ.

„די ערשטע שיף וועט אַראָפּגעלאָזט ווערן צום טערמין" — זאָגן די בויער.

און דער סוינע איז אין דער נאָענט.

אונטער דער ראַמפּע איז געלעגן אַ פעסל מיט ברען־שטאָף. ווער האָט עס אַהין פאַרקײַקלט? וויאַזוי? קלאַראַ האָט זיך דערויף אָנגעשטויסן בעיס דער רעוויזיע איבער די אַרבעטס־טיילן. קלאַראַ רופט די אַרבעטער, די באַוואַכונג. נאָר איר אַקעגן לויפן שוין גראַנאַטאָוו און סיאָמאַ אַלטשולער. עס ווײַזט זיך אַרויס, דער אומפּאַרטייִשער אַראַבעטער סאַזאָנאָוו האָט באַמערקט דאָס פאַרדעכטיקע פעסל און איז געלאָפן וועגן דעם מעלדן. קלאַראַ איז אויפגערעגט פון דעם סוינעס אָפענעם פּלאַן. נאָר אין דער זעלביקער צײַט פרייט עס איר. סאַזאָנאָוו איז ניט לאַנג ערשט געווען אַן אַפּאָליטישער, ווייניק גראַמאָטנער מענטש. זי האָט לאַנג געשמועסט מיט אים; זײַן אָנגעשפּיצטקייט איז געווען דער רעזולטאַט פון דער קאָלעקטיווער ווירקונג און פון אירער, קלאַראַס.

אין עטלעכע טעג אַרום רײַסט אויף אין איינער פון די שיף־רוימען אַן עמער מיט בענזין. יעפּיפאַנאָוו, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט, וואַרפט אַרויף אַפן עמער אַ בריזענט און פאַלט אַליין צו מיטן קערפּער. די סרייפע האָט מען אָפּגעהאַקט באַם אָנהייב. יעפּיפאַנאָוו איז אָפּגעקומען מיט לײַכטע בראַנדווּנדן. נאָר ווער האָט דאָרט איבערגעלאָזט דעם בענזין? ווי קומט דאָס פײַער צום בענזין?

דער פאַרדאַכט פאַלט אַף דעם קלעפּלער נעפעדאָוו. מען האָט באַ אים געפונען שוועבעלעך און פאַקלע אין קעשענע. נעפעדאָוו לייקנט זײַן שולד מיט שטוינען און פאַרדראָס. אַ סאַך אַרבעטער שטוינען אויך. נעפעדאָוו איז אַ שטילער, אין זיך פאַרשלאָסענער מענטש, ער אַרבעט שלאָגלעריש, האָט ניט אַף זיך קיין באַמערקונגען. נאָר אין צוויי וואָכן אַרום ווײַזט זיך אַרויס, אַז נעפעדאָוו איז גאָרניט אַזאַ ווי עס דוכט זיך. אַן אָפּגעשטעלטער פון דער אַרבעט אַף דעם ניקאָלאַיעווסקער זאַוואָד און אַן אויסגעשלאָסענער פון דער פאַרטיי אַלס טראָצקיסט, האָט ער באַוויזן דורכצושלאָגן זיך אַף דעם פאַראַנטוואָרטלעכסטן טייל פון דער בויונג. די אויספאָרשונג גייט ווײַטער.

קלאַראַ שמועסט אַ סאַך מיט די אַרבעטער וועגן נעפעדאָוון. זי אַליין האָט פון דעם בײַשפּיל אַ סאַך געלערנט. ווי ווייניק מיר ווייסן און שטודירן אויס די מענטשן! ווי צוטרוילעך מיר זײַנען! זי אַליין איז ניט איין מאָל פאַרבײַגעגאַנגען דעם שטילן, אײַנגעשלאָסענעם אין זיך קלעפּלער און זי האָט זיך קיין איין מאָל ניט פאַראינטערעסירט ווער און פון וואַנען ער איז. זי האָט זיך צו אים ניט צוגעקוקט.

נעפעדאָווס אויפדעקונג האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן קאָלעקטיוו און האָט פאַרגרעסערט די וואַכזאַמקייט. יעדער מענטש איז באַם גאַנצן קאָלעקטיוו אַפן אויג. קלאַראַ קומט אַהיים ערשט באַנאַכט. זי טוט אויס די שיך פון די פאַרטערפּניעטע פיס, שפּיליעט אויף דעם קאָלנער פון דער ספּעצאָווקע, אין די זאָקן גייט זי צו צום פענצטער. אינעם צעעפנטן פענצטער רײַסט זיך אַרײַן דער פרילינג־ווינט. דער ווינט וויגט די בלומען און שאַרט די בריוו

אַפן טיש. קלאַראַ אָטעמט אײַן דעם פײַכטן ווינט און דעם זיסן רייעך פון די בלומען, מיט דער מידער האַנט נעמט זי אַרויס פונעם קאָנווערט ווערנערס אַ בריוו צו איר:

„נעכטן האָב איך צוזאַמענגערופן די בעסטע אַרבעטער פונעם זאַוואָד און האָב אויסגעהערט זייערע באַמערקונגען און מיינונגען וועגן דער אַרבעט פונעם זאַוואָד. איך האָב מיך דערמאָנט אָן אײַך, קלאַראַ. ווי נוצלעך און שטרענג עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אײַער לעקציע! איך אַרבעט איצט מיט גאָר אַנדערע מעטאָדן, און איך נעם אָף מיר די געוואַגטקייט מוידע צו זײַן, ניט געקוקט אָף מײַן געניטקייט און סטאַזש, אַז ערשט איצט ווער איך אַן עמעסער באַלשעוויק...″

זי צעשמייכלט זיך: „איך נעם אָף מיר די געוואַגטקייט מוידע צו זײַן...″ אירע באַקן און אירע אויגן ברענען.

„טײַערע, איר זײַט פון יענעם מין מענטשן, וואָס פאָדערן פון יעדן דעם מאַקסימום פון זײַנע מעגלעכקייטן און גיבן אַליין איבער זייערע קויכעס...″

ער שאַצט אַריבער. ניין, זי איז בעמעס פון דעם מין, נאָר עס איז ניטאָ דעריין קיין באַזונדערער פאַרדינסט: זי איז אַ באַלשעוויק, דאָס גאָר. קען אַ באַלשעוויק אַרבעטן אַנדערש?

זי לייגט אַוועק אָן אַ זײַט די בריוו און לייגט זיך אַרײַן אין בעט; דער ווינט שויבערט אירע האָר, פרישט אָפ איר צעהיצטן פאָנעם.

כאַטשנע האָבן? זיי ווייס, אַז ווערנער וויל דאָס זייער שטאַרק. אָף דער ערשטער אָנצוהערעניש האָט זי אים געענטפערט אַנטשלאָסן. זי וועט דאָ זײַן ביז צום סאָף, זי וועט אויפבויען די שטאָט, און ער זאָל שטעלן זײַן זאַוואָד צווישן די פאַרויסגייענדיקע, און דעמאָלט — וועלן מיר זען. ס'וועט קומען דער אורלויב — וועלן מיר אים פאַרברענגען צוזאַמען. דערווײַל... סאַראַ פרייד עס ברענגען איר זײַנע בריוו! ווי גוט עס איז צו פילן דורך צען טויזנט קילאָמעטער זײַן יובלענדיקע איבערגעגעבנקייט.

אַ פאַשעט ליבע־לידל דרינגט אַרײַן דורך דער וואַנט. דאָס לידל פילט אָן דאָס צימער. דער ווינט כאַפּט עס אויף און דרייט זיך דערמיט איבערן אַמור. און עס ווערט אַזוי אומעטיק... פרוי! פרוי! דו שמאַכטסט?... ליבע האָט זיך דיר פאַרוואָלט, געצערטל?... ניין, צו ליבע מוז מען האָבן זייער אַ סאָך. מען מוז קענען דעם מענטשן ווי זיך אַליין. ניין, ווערנער, ניין! מירן זיך מיט דער צײַט אויספּרוּוון, מירן זען, וואָס יעדערער פון אונדז וועט טאָן. און דער איקער, צוערשט — די שטאָט. צוערשט — די ערשטע שיף... זי שלאָפט אײַן.

אין אַ פרײַען טאָג, מיט אַ בוך אינעם בעט, טוט זי זיך פאַמעלעך אָן און זעצט זיך באַם פענצטער אָפוואַרטן וואַסיוטאַן. וואַסיוטאַן לאָזט מען פרײַ אַרויסגיין פונעם לאַגער, ווי אַ שלאַגלער.

גראַנאַטאַוו פרעגט אייפערזיכטיק:

— ווער איז דער בלאָנדער קראַסאַוועץ וואָס ווערט צוגעלאָזט צו אײַער שטרענגקייט?

קראַסאַוועץ איז דאָ גאַרניט שײַך, גראַנאַטאַוו. לערנט אײַך אויס זען אין מיר ניט נאָר אַ פרוי.

גראַנאַטאַוו ענטפערט שאַרף:

— איך בין שוין סײַ ווי איך סאָפעק צי איר זײַט אַ פרוי.

עס פאַרדריסט אים. נאָר וואָס קען מען מאַכן? פון זינט זיי אַרבעטן

ביידע אַף דער ראַמפּע, קומט זיי אויס אָפּט זיך צו באַגעגענען, און גראַנאַטאָוו זוכט ווידער דרינגלען איר ליבע און פריינטשאַפט. נאָר אַז דאָס האַרץ ציט ניט צו אים?

וואַסיוטאַ קומט. די אויגן שטרענג אָפּגעקערט, מיט דערעכערעץ. דעם ערשטן מאָל האָט ער ניט געהאַט די דרייסטקייט זיך אַוועקצוזעצן, די האַנט צו דערלאַנגען. קלאַראַ געוויינט אים שנעל צו. זייער געדאַנק טראָגט זיך אַוועק צו זיין צוקונפט: ער דאַרף פאַרגעסן אַז ער איז נאָך אַן אַרעסטאַנט. זי לערנט אים צייכענען, זי ווייזט אים זשורנאַלן, זי גיט אים ביכער. אין לאַגער גייט ער אַף די בילדונגס־קורסן, און קלאַראַ העלפט אים זיך פונאַנ־דערקלייבן אין די שוועריקייטן פון אַלגעברע און געאָמעטריע. וואַסיוטאַ איז קלוג און טאַלאַנטירט. קלאַראַ האָט האַנאָע פון זיין שנעלן גייסטיקן וואַקסן, פון זיין דורשט צו וויסן אַלץ ביים.

דעם לעצטן פרייען טאָג פון מיי, פאַרנעמט זיך קלאַראַ, ווי שטענדיק, מיט וואַסיוטאַן. די זון וואַרעמט שוין זומערדיק. דאָס פענצטער איז אָפן, דער ברייטער אויסגוס פונעם אַמור בלויט זיך צאַרט און גאָלדיקט זיך אַקעגן דער זון.

— גוט! — זאָגט וואַסיוטאַ און בלייבט שטיין באַם פענצטער.

— וואָס?

— אָט דאָס אַלץ... און אָט איר... נו, אַלץ...

זי גייט אַרויס און פירט אים צו ביזן גאַניק. באַ גראַנאַטאָוון שפּילט דער פּאַטעפאָן. קלאַראַ איז צופרידן וואָס די מוזיק פאַרטויבט די טריט און די קוילעס. גראַנאַטאָוו האָט אַן אומדערטרעגלעכע געוווינהייט אַרויסצוקוקן דורך דער טיר, דאָס צעטומלט וואַסיוטאַן.

וואַסיוטאַ גייט אַוועק און קוקט זיך אום, קעדיי נאָכאַמאָל אַ שמייכל טאָן צו קלאַראַן. דער ווייסער שויבער איז צעפלויגן אָפן ווינט, דאָס פאַר־ברוינטע פּאָנעם איז געזונט און לויטער. „אויב ער וועט ווערן אַ נוצלעכער מענטש, — טראַכט קלאַראַ און באַגלייט אים מיט איר בליק — וועט דערין האָבן אַ כיילעק אויך מיין ווירקונג".

נאָכן זוניקן גלאַנץ, זעט אויס אינעם קאָרידאָר ביז גאָר פינצטער. אין אָט דער פינצטערניש גיט זי עמעצער לעבן איר אַ רוף:

— קלאַראַ!

עמעצענס הענט כאַפּן זי אָן. זי זעט נאָך אַלץ גאָרניט, נאָר זי דער־קענט מיטאַמאָל דאָס קאָל, די באַרירונג.

— ווי דערוועגט איר זיך!

זי גיט אַ שטופּ איר טיר, קעדיי ניט צו בלייבן מיט אים אין דער פינצ־טער. נאָר לעוויצקי כאַפּט זיך אַריין אין צימער און שלעפּט מיט זיך אַריין קלאַראַן, פאַרמאַכט די טיר און שטרעקט צו איר די הענט מיט געבעט:

— קלאַראַ! הער מיך אויס. איך דאַרף ריידן מיט דיר. הער מיך נאָר אויס. צי דען איז עס אַזויפיל?!

דאָס האַרץ דריקט איר, אַ צוק געטאָן, פאַרגליווערט געוואָרן. פון שוואַכ־קייט ציטערן איר די פיס. זי שפּאַרט זיך צו צו דער וואַנט, קעדיי צו קענען איינשטיין אַף די פיס. איר קאָל זאָגט:

— איך האָב מיט אייך ניט וואָס צו ריידן. איך וועל אייך ניט גלייבן, אַפילע ווען אַלע וועלן אייך גלייבן. גייט אַוועק!

— קלאַראַ, דאָס איז דאָך גרויזאַם... איך האָב אַזויפיל איבערגעלעבט... איך בין אינגאַנצן אַן אַנדערער... איך וויל דו זאָלסט וויסן...

— מאַטער מיך ניט! — שרײַט זי אויס און צעפּראַלט די טיר — איך וויל גאָרנישט ניט וויסן, איך וויל מיך ניט דערמאָנען, איך וויל ניט געדענקען אַז איר זײַט פאַראַן. וויאַזוי האָט איר זיך דערוועגט צו קומען? גייט אַוועק אָדער איך רוף אָף הילף!

ער גיט זיך אונטער. גראַנאַטאָוו שטייט בײַ זיך אָף דער טיר. ער קען זען קלאַראַס בלייכן פּאָנעם און לעוויצקיס געבויגענע פיגור וואָס לויפט צום אַרויסגאַנג.

קלאַראַ פאַרמאַכט הינטער לעוויצקין די אַרײַנגאַנג־טיר אָפן ריגל, זי גייט שווײַגנדיק פאַרבײַ גראַנאַטאָוון צו זיך אין צימער און פאַרשליסט זיך. וויאַזוי האָט ער זיך דערוועגט צו קומען? צוליב וואָס איז ער געקומען? ווער האָט אים געזאָגט דעם אַדרעס? סאַראַ כוצפּע!... ניטאָ וואָס צו זײַן אויפגערעגט דערפון. מען דאַרף ניט טראַכטן... יאָ, איז וואָס־זשע האָב איך געוואָלט טאָן? סאַראַ צעפּינקלטער זומערדיקער טאָג! „גוט...” אַזוי דוכט זיך האָט געזאָגט וואַסיוטאַ?

זי נעמט דעם בוך, קעדיי זיך צו צעשטרײַען מיט לייענען, זי וויל צורוקן דעם פאָטעל צום פענצטער, נאָר אָנשטאָט דעם כאַפּט זי אים בלויז אַרום מיט די הענט און פאַלט צו צו זײַן קילן לעדער, אַן אײַנגעבויגענע פון אומדערטרעגלעכן ווייטיק אין האַרצן.

XII

אָף דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג ווערט באַהאַנדלט דער צושטאַנד פון דער אַרבעט אָף דער ראַמפּע. די טעג זײַנען שווערע, אומרויִקע. דער ראַדיאָ ברענגט אַ יעדיִע וועגן אַ פּראָצעס אָף אַ גרופּע שפּיאָנען און פאַררעטער. אויפגערעגטקייט, אויפגעבראַכטקייט, אומצוטרוי, אומרו פּײַניקן דעם בויער־קאָלעקטיוו. אויך דאָ, אין דער נײַער שטאָט, זײַנען טעטיק די סאָנים. דאָ און דאָרט זײַנען קענטיק זייערע שמוציקע שפּורן. און זיי געפינען זיך מעגלעך דאָ דערנעבן, אָף דער פאַרזאַמלונג. ווער?

אַנדריי קרוגלאָוו טרעט אַרויס איינער פון די ערשטע. דאָס וואָס ער זאָגט איצט, איז די פּרוכט פון לאַנגע און שווערע נאָכטראַכטענישן. ער פילט זיך אַ סאַך עלטער און קלוגער ווי מיט ערשט אַ פּאָר וואָכן צוריק. דאָס לעבן לערנט. דאָס לעבן הערט ניט אויף לערנען אים אַלץ שטרענגער און פאַרטיפטער.

— לאָמיר זײַן אָפנהאַרציק. אַ סאַך פון אונדז האָבן זיך פאַרלוירן, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם נײַעם אומגלויבלעכן פאַרראַט. נאָר פאַרלוירנקייט בײַ דעם באָלשעוויק קען ניט אָנהאַלטן מער ווי אַ מינוט. דערויף האָבן מיר אַ רעכט. די אויפדעקונג פון דעם שלאַנגישן קנײַלכל שפּיאָנען איז אַ גרויסער ניצאָכן. און פאַר אונדז, פאַר די באָלשעוויקעס פון דער נײַער שטאָט, איז דער אויספיר איין איינציקער: פאַראַן בײַ אונדז סאָנים, מיר האָבן זיי נאָך ניט אויפגעדעקט. דער מאָרד פון מאַראָזאָוון. ווער וועט איצט גלייבן, אַז מיט פאַראַמאָנאָווס האַנט האָט ניט געפירט אַ צווייטע האַנט? אַוואַריעס אָף דער עלעקטראָסטאַנציע, אָף דער בויונג, דאָס פעסל ברעךשטאָף אונטער דער ראַמפּע, דער עמער בענזין אין דער קאַיוטע — וואָס איז

עס אַזוינס איבער ניט די אַרבעט פֿונעם סוינע? די סאָנים זײַנען צווישן אונדז, אַט דאָ, אין אונדזער מיט. דאַרף מען צוליב דעם אַרײַנפֿאַלן אין פּאַניק? איך מיין, אַז ניט. דאָס איינציקע וואָס מיר קענען און זײַנען מעכויעוו צו טאָן, — אָן ראַכמאָנעס, אָן לײַדנשאַפֿטן, ניט געאַכט אַף פּערזענלעכקייטן, דורכקוקן אונדזער אַרבעט און אויסגעפֿינען פֿאַר יעדן פֿאַקט, פֿאַר יעדן ניט ריכטיקן באַשלוס דעם נאָמען און פֿאַמיליע פֿונעם שולדיקן און דורכטאָפּן די שולדיקע — איז עס אַ טאָעס אָדער אַ פֿײַנטלעכער אַקט. איך האָב די טעג אַ סאַך געטראַכט. אָן איך בין געקומען צום אויספֿיר, אַז די נעפּעדאָווס און אַנדערע קליינע מענטשן וואָלטן ניט געקענט טאָן וואָס זיי האָבן געטאָן, ווען עס העלפֿט זיי ניט אַרויס, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, עמעצער פֿון דער אָנפֿירונג.

אַ פֿויזע שטרײַכט אונטער זײַן געדאַנק. ער זעט דעם רויט־געוואָרענעם דראַטשיאָנאָו, די צעקרומטע מיט דעם נערוויִשן צוק גראַנאַטאָווס באַק, גאָ־טאָווצעס אָנגעשטרענגטן פּאָנעם, דעם שטרענגן און אָנגעשפּיצטן פּאָנעם פֿון קלאַראַ קאַפּלאַן. ער רעדט ווײַטער. ער אַנאַליזירט די לאַגע אַף דעם שטעטל פֿון דער ראַמפּע, ער רעכנט אויס די פֿאַרזעענס, די פֿעלערן, די סקאַנדאַליעזע מײַסים.

— איך קען נאָך ניט אָנרופֿן קיין פֿאַמיליע־נעמען. מיר קענען זיי נאָך ניט. נאָר יעדער פֿון אונדז דאַרף זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ טשעקיסט, זײַן גראָדליניק און אומראַכמאָנעסדיק. נאָר אַזוי קען מען אויפֿדעקן די אַרבעט פֿונעם סוינע.

גראַנאַטאָוו הייבט זיך אויף.

— איך בין דורכויס מאַסקים מיט אַנדריי קרוגלאָוון, — דערקלערט ער פֿאַמעלעכדיק און ווענדט זיך צום פֿאָרזיצער — כאָטש גאָטאָווצעוו, איי־דער איך נעם ריידן, בעט איך דערלויבעניש צו שטעלן אייניקע פֿראַגן דעם פּאַרטיי־מיטגליד קאַפּלאַן.

דאָס איז געווען אומגעוויינלעך. די וואָס האָבן פֿאַרהערט, פֿרעגן זיך פֿאַרווונדערט: „וועמען? וועמען?"

אַ פֿאַראינטערעסירטע און רויִקע, הייבט זיך קלאַראַ אויף און קוקט גלײַך און אויפֿמערקזאַם אַף גראַנאַטאָווס צוקנדיקן פּאָנעם.

— כאָטש קאַפּלאַן, איז עס עמעס, אַז אײַערע עלטערן זײַנען ווײַסע עמיגראַנטן און געפֿינען זיך אין אויסלאַנד?

די פֿאַרזאַמלונג צעוויגט זיך און בלײַבט שטיל. קרוגלאָוו זעט ווי קלאַ־ראַס פּאָנעם ציטערט אויף, צינדט זיך אָן, ווערט בלייך. זי ענטפֿערט זייער הויך.

— ס'איז עמעס. נאָר זינט דעם זיבעצטן יאָר האָב איך מיט זיי קיין שום פֿאַרבינדונג ניט און האָב פֿון זיי קיין שום ידיִעס ניט.

— צווייטע פֿראַגע: איז עס עמעס, אַז דער אַרעסטאַנט לעוויצקי, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער טראָצקיסט, וואָס אַרבעט אַף דער טראַסע, איז אײַער געוועזענער מאַן?

איבער דער פֿאַרזאַמלונג גייט דורך אַ געמורמל. קלאַראַס קאָל שטאַרקט זיך איבערן טומל און הערט זיך דײַטלעך.

— אויך דאָס איז עמעס. נאָך דעם שטאָטישן קאָמיטעט מוז זײַן באַ־קאַנט מײַן ראָל אינעם איניען לעוויצקי.

אַלע בליקן זײַנען געווענדט צו גאָטאָווצעוון. פֿון אומדערוואַרטקייט איז

גאַטאָווצעוו פאַרלוירן, און גיט ניט געדן אַ מורמל: „עפּעס וואָס... זייער ווייניק...“

דריטע פראַגע: איז אויך באַקאַנט דעם שטאַטישן קאָמיטעט, אַז קאַפּלאַן, וואָס האָט אין יענער צייַט קלוימערשט אויפגעדעקט איר מאַן, באַגעגנט זיך נאָך אַלץ מיט איר און אַפילע בײַ איר אין צימער?

די שטילקייט פּלאַצט. אויסרופן. גערויש. קאָמוניסטן שפּרינגען אויף, קעדיי בעסער צו זען און צו הערן. אויך אַנדריי הייבט זיך אויף. ביז דער מינוט האָט ער ניט געוואָלט גלייבן. עס קען ניט זײַן! נאָר שוידזשע?... ער וואַרט אַז קלאַראַ זאָל סאַפּקאָלסאָף זיך פאַרטיידיקן, זאָל אַלץ אויפקלערן מיט עפּעס אַ קלאָר וואָרט. נאָר קלאַראַ ציט אין זיך אַרײַן לופט מיט אירע בלוי־געוואָרענע ליפּן און רעדט אַרויס:

— ניין, דעם שטאַטישן קאָמיטעט איז עס ניט באַקאַנט... און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן אָרט.

פערטע פראַגע: איז עס עמעס, אַז צו אײַך קומט יעדן טאָג דער אַרעסטירטער מיט דעם פאַמיליע־נאָמען וואַסיוטאַ, וועלכער אַרבעט אַף דעם אַרבעטס־טייל פון אײַער מאַן לעוויצקי?

— יאָ.

— דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט אויפקלערן.

גראַנאַטאָוו גייט צו צום טיש און גיסט זיך אָן וואַסער. ער טרינקט פּאַמעלעך, אַ זעלבסטזיכערער, אַ רויקער. די פאַרזאַמלונג קוקט ווי ער טרינקט, און וואַרט. צום סאָף קערט ער זיך אום אַף דער טריבונע.

— די כאַווייריִם איז באַוווּסט מײַן באַציִונג צו קלאַראַ קאַפּלאַן. קלאַראַ אַליין קען באַשטעטיקן, אַז מײַן באַציִונג איז שטענדיק געווען בלויז אַ גוטע.

— איך באַשטעטיק! — הייבט קלאַראַ אויף דעם קאָפּ.

— מיר איז איצט שווער אַרויסצוטרעטן. נאָר שווײַגן טאָר מען ניט. זײַט אַ געוויסער צײַט צווינגט מיך קלאַראַס אויפפירונג זיך צו פאַרטראַכטן. כ׳האָב געזען, אַז אַף דער ראַמפּע־אָפּטיילונג איז ניט גוט. סאָנים אַרבעטן. נעמט כאָטש, לעמאָשל, די געשיכטע מיט דעם פּעסל ברען־שטאָף.

— און ווער האָט דאָס געפונען, דאָס פּעסל? — שרײַט אויס קלאַראַ.

— לאָזט זיך אָפּ דערפון, כ׳בעט אײַך! — רופט זיך אָן גראַנאַטאָוו מיט אומדערוואַרטער גראָבקייט — איר האָט עס געפונען, נאָר שוין דעמאָלט ווען דאָס פּעסל איז שוין געווען געפונען. סאַזאָנאָוו איז געלאָפן נאָך מיר, מיר זײַנען שוין געהאַט צוגעקומען און אָט האָט איר עס אויך קלוימערשט געפונען. מעגלעך, ווען איר האָט געוווּסט, אַז דאָס פּעסל איז שוין אויסגעפונען, האָט איר זיך געכאַפּט אַז ס׳איז גלײַכער אַרויסצווײַזן וואַכזאַמקייט און אין וועג פאַרדינען צוטרוי?

קלאַראַ גיט זיך אַ וואָרף פאַרויס, צום פּרעזידיום־טיש.

— דאָס איז מאָנסטעריעז!... גאַטאָווצעוו! איך פאָדער דאָס וואָרט! ער האָט קיין רעכט ניט...

גאַטאָווצעוו הייבט אויף די האַנט און פאָדערט עס זאָל שטיל זײַן.

— פאַר אײַך איז שוין גלײַכער שווײַגן, — זאָגט ער פײַנלעך — ווען דער כאַווער גראַנאַטאָוו וועט ענדיקן, וועט מען אײַך געבן דאָס וואָרט.

קלאַראַ זעצט זיך אַוועק דאָרטן טאָקע אַפן טרעפּל. איבער איר הערט זיך גראַנאַטאָווס קאָל אַ זיכערער:

— קאַפּלאַן האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן גרויס אַקטיווקייט. נאָר איצט

ווייסן מיר, אַז דאָס קען אויך זײַן אַ פֿאָרעם פֿון מאַסקירן זיך. איר אַקטיווקייט האָט אויך מיך אונטערגעקויפּט, איך האָב זי געהאַלטן פֿאַר אַ גוטער קאָמוניסטקע. ביפֿראַט ווען איך האָב געהערט די געשיכטע מיט איר אויפֿדעקן דעם מאַן. נאָר אָט זע איך, אַז דער זעלביקער לעוויצקי קומט צו איר אין צימער. און, ווי איר זעט, האָט זי די דאָזיקע באַגעגענישן מיט דעם פֿאָלקס־סוינע אויסבאַהאַלטן פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע... ווײַטער. דער אַרעסטאַנט וואַסיוטאַ קומט צו איר לערנען קלוימערשט אַלגעברע און צייכענען. דאָס איז מאָדנע, נאָר דערלאָזבאַר. דאָך, שטעלט צוזאַמען די פֿאַקטן: די באַגעגענישן מיט לעוויצקין איז איינס; וואַסיוטאַ פֿון לעוויצקיס אָפּטייל איז צוויי. צי איז עס ניט קלאָר, אַז אונטער דער שײַן פֿון ווילטעטיקייט איז עס אַ פֿאָרעם פֿון פֿאַרבינדונג מיט לעוויצקין, וואָס מען לאָזט, קענטיק, אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנער, ניט גערן אַרויס פֿונעם לאַגער? און דאָס צייכענען מיט דער אַלגעברע זײַנען אַ שירם־ווענטל אַף אָפּצוווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט. אויב מען זאָל דערצו אין אַכט נעמען, אַז קאַפּלאַן איז די טאָכטער פֿון אַ ווײַסן עמיגראַנט, אַ מענטש פֿון אַ פֿרעמדער סוויווע, האָט עלטערן אין אויסלאַנד...

די פֿאַרזאַמלונג קאָכט. עס דוכט זיך אַז אָט איז פֿאַר יעדנס אויגן אַראָפּגעריסן נאָך איין מאַסקע. נאָר אַנדריי קרוגלאָוו, אַ געפּלעפּטער און צעטומלטער, קען נאָך אַלץ ניט גלייבן.

— איך וואָלט וועלן, אַז מײַנע כּשאָדים זאָלן ניט באַשטעטיקט ווערן — זאָגט גראַנאַטאָוו אײַנגעהאַלטן — נאָר איך האָב געהאַלטן פֿאַר מײַן כּוויוו זיי אַרויסצוזאָגן. מיר וואַרפֿן איצט אונטער אַ סאַך זאַכן צו איבערשאַצונג. מיר איז קלאָר, אַז קיין עמעסע וואַכזאַמקייט איז בײַ אונדז ניט געווען. באַזונדער איז עס ניט געווען באַם שטאָטישן קאָמיטעט, בײַ גאָטאָוצעוון. ווי איז עס מעגלעך געווען, אָן אַ פּרווו צוצופּעסטיקן קלאַראַ קאַפּלאַן צו אַ ספּעציעלן שעטעך? נאָר בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל. איך פֿאָדער דורכקאָנטראָלירן קלאַראַ קאַפּלאַן און זי באַזײַטיקן פֿון דער אַרבעט אַף דער ראַמפּע.

פֿונעם זאַל שרײַט מען:

— דאָ דאַרף מען ניט באַזײַטיקן, דאָ דאַרף מען אויסשליסן!

עס טרעט אַרויס סערגיי וויקענטיעוויטש, ער ווישט זיך צעדודערט מיט דער דלאָניע דעם נאַס געוואָרענעם שטערן.

— קרוגלאָוו איז גערעכט. מען מוז קריטיקירן, קאָנטראָלירן, ניט געאַכט אַף פּערזאָנען. און אָט האָט איר אײַך אַ בײַשפּיל... דאָס וואָס מיר האָבן זיך איצט דערוווּסט וועגן קאַפּלאַן, איז בעעמעס... דערשיטערנדיק. און אָט אין דער שײַן פֿון די נײַע פֿאַקטן דערמאָנט זיך מיר די ניט לאַנגסטיקע פֿאַרגאַנגענהייט. איר געדענקט ווי קלאַראַ פֿלעגט אַרויסטרעטן קעגן ווערנערן? מיר ווייסן נאָך ניט ווערנערס אייגנטלעכע ראָל, נאָר פֿאַקט בלײַבט פֿאַקט: קאַפּלאַן האָט געקעמפּט מיט אים, איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים, האָט געפּאָדערט אים אַראָפּצונעמען פֿון דער אַרבעט. און דאָך שרײַבט זי זיך איבער מיט אים ביז הײַנטיקן טאָג, איז מיט אים פֿרײַנט. עס באַקומט זיך די זעלביקע געשיכטע וואָס מיט לעוויצקין: זי האָט אים אויפֿגעדעקט און די פֿאַרבינדונג איז פֿאַרבליבן. וואָס הייסט עס: טיפּישע טאָפּלטקייט.

קלאַראַ שפּרינגט אויף:

— ווערנער איז אַ קאָמוניסט. וואָס קער זיך דאָ אָן דאָס דורכשרײַבן זיך? איך האָב אַ רעכט זיך דורכצושרײַבן מיט וועמען איך וויל.

— אַפּילע מיט דעם מאַן דעם קאָנטררעוואָלוציאָנער ? — ענטפערט אַפּ גאַטאָוועצוו.

— אַ כאַרפע ! אַ בושע ! אויסשליסן ! — טראָגט זיך פונעם זאַל.

קלאַרא שטייט מיטן פּנים צו דער פאַרזאַמלונג. זי איז נאָך צו זיך ניט געקומען פון דעם אומגעריכטן אָנפאַל. האָט נאָך ניט באַטראַכט, האָט נאָך ווי געהעריק ניט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען. אויסשליסן ? וועגן וועמען רעדט מען זיך דאָ ? וועגן איר ? זי אויסשליסן ?... זי איז דער סוינע ? ניין, דאָס איז אַ כאָלעם, אַן אומזין !...

— כאַווייריִם, איך האָב אַ פאָרשלאָג.

ווידער קרוגלאָוו. ער איז בלייך. ער שטרענגט זיך אָן צו ריידן.

— איך קען מיך פאַראַנטווערטלען, כאַווייריִם, נאָר איך פּערזענלעך גלייב ניט, אַז קאַפּלאַן איז אַ סוינע. די פאַקטן, פונדעסטוועגן, וואָס האָבן זיך דאָ אַרויסגעוויזן, ריידן קעגן איר. מיר האָבן וועגן זיי ניט געוווּסט. אונדזער כוויוו איז גוט דורכצוקאָנטראָלירן. און צום ערשט אויסהערן אירע דערקלע־רונגען. זאָל קאַפּלאַן דערציילן איר ביאָגראַפיע, איר געשיכטע מיט לעוויצקין, מיט וואַסיוטאַן. אָרנטלעך, דעטאַלירט, קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן. און שרייבן וועגן אויסשליסן איז דערווייל נאָך צו פרי.

— זי האָט דאָך אָבער אָליין אָנערקענט די פאַקטן ! — קוועטשט מיט די אַקסלען גראַנאַטאָוו — וואָס קער זיך דאָ אָן די ביאָגראַפיע ?

אַרויסגעשפּרונגען איז דער איבזשעניער פעדאָטאָוו.

— ניין, איך פאָדער די ביאָגראַפיע ! ווי קומט קאַפּלאַן אין דער פאַר־טיי ? אַ טאָכטער פון ווײַסע עמיגראַנטן — עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק ! עפּ־שער האָט זי בעייסן אַריינטרעטן ניט אַלץ געזאָגט ?

פון פעדאָטאָווס אַרויסטריט, אַ יונגן און רויִקן מענטשן, וואָס האָט זיך צו איר זייער פרײַנטלעך באַצויגן, באַגרײַפט קלאַרא פּלוצעם גרינטלעך, ווי אויפגערעגט עס איז קעגן איר די פאַרזאַמלונג, ווי שווער איר וועט איצט זײַן זיך צו פאַרטיידיקן.

איוואַן גאַווריליאָוויטש רופט זיך אָפּ פונעם אָרט וווּ ער זיצט :

— אַנדערש איז געדעכט. אויסשליסן וועלן מיר שטענדיק באַוויזן. מען דאַרף אויסהערן און זיך פונאַנדערקלײַבן, וואָס און פאַרוואָס. קאַפּלאַן האָט געאַרבעט גוט, מיט האַרץ. אַזעלכע מענטשן וואַרפט מען ניט אַרויס מיט איין מאַך פון דער האַנט.

— נו, מיילע, וועלן מיר געבן אַ וואָרט צום אויפקלערן איר ביאָגראַפיע און די פאַקטן דער כאַווערטע קאַפּלאַן.

קלאַרא איילט זיך ניט. איר גאַנץ לעבן האָט אָפּ איר אַ פלייץ געטאָן. איר גאַנץ לעבן, און אָט הענגט זי איצט אָפּ אַ האָרעלע, און דערפון וואָס זי וועט איצט זאָגן, ווי זי וועט באַווייזן צו זאָגן, ווענדט זיך, צי וועט זיך דאָס האָרעלע אָפּרײַסן אָדער ניט.

— נעם, נעם דערציילן, רעג זיך ניט — טרײַבט זי פרײַנטלעך אונטער דראָטשיאָנאָוו.

דאָס פרײַנטלעכע קאָל האָט זי אויפגעמונטערט. אין וואָס גייט עס ? מיט אַן עמעסן, וואָס איז זיך דאָ אויפצורעגן, מען דאַרף דערציילן ווי דאָס איז, זיך צעעפענען אַזוי ווי זי אַליין פאַרשטייט זיך און פילט זיך, און עס וועט אַלץ אַ סאָף נעמען.

— מײַנע עלטערן זײַנען גרויסע סאָכרים. די קינדהייט איז אַדורך אין

אַ פּעטעט־בורזשואַזער סוויווע. איך האָב קיינמאָל קיין שום זאַך ניט אויסבאַהאַלטן. אין מײַן אַנקעטע איז אַלץ אויפגעשריבן מיט אַלע פּראַטים. איך האָב געלערנט אין אַ גימנאַזיע אין מאָסקווע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע און מײַן מישפּאָכע איז אַנטלאָפן פון דער רעוואָלוציע קיין ריגע. מיר זײַנען לאַנג געפאָרן, לאַנג געשטאַנען אַף די וואָקזאַלן און באַן־קנופּן, דער צוג איז געווען איבערגעפּולט. מײַן מוטער איז געווען שטאַרק קראַנק. אַף איינעם פון די וואָקזאַלן בין איך געלאָפן ברענגען זודיק וואַסער פאַר איר. און האָב פאַרבלאָנדזשעט. מיר זײַנען געשטאַנען אַפן זעקסטן וועג. אַלע וועגן זײַנען פאַרנומען געווען מיט צוגן, איך בין געקראָכן אונטער די וואַגאָנען, בין געלאָפן איבער די ליניעס — און מיטאַמאָל האָב איך דערזען מײַן צוג, ריכטיקער — זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס איז ער. איך האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער און צווישן די וואַגאָנען האָב איך דערזען דעם צוג רירן. איך האָב גענומען לויפן נאָך שנעלער, נאָר דער צוג איז שוין געלאָפן. און איך בין געווען קליין, איך וואָלט מיך סײַ ווי ניט אָנגעכאַפּט פאַר די שטאַנגען. איך האָב מיר אָפּגעבריט די פיס מיט דעם זודיקן וואַסער און בין אומגעפאַלן.

אויפגעהויבן האָט מיך אַ גוטער מענטש, אַ באַן־אַרבעטער, נאָר דער איקער האָט ער זיך פאַרנומען מיט שפּעקולאַציע. און איך האָב אים געדאַרפט העלפן. איך האָב מיך ניט געלערנט, בין אינגאַנצן פאַרווילדעוועט געוואָרן, כ'האָב קיין זאַך ניט געוווּסט, אַ כוץ „טיעפּלושקעס", „בופעטס". זעקל־הענדלער און שרעק. און ס'האָט מיר דערעסן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע. די ווײַסע האָבן אַטאַקירט. און איך האָב מיטאַמאָל באַשלאָסן, אַז אויך איך וועל אַוועקפאָרן. איך בין געקומען צו לויפן צום לעצטן צוג, וואָס איז אַוועק צום צענטער. אַפן וואָקזאַל איז געווען ענג פון מענטשן, און דער צוג איז באַהאָנגען געווען מיט מענטשן. איין וואַגאָן נאָר איז געווען אַ ליידיקער, נאָר באַוואַכט האָבן אים רויטאַרמייער. איך האָב געזען ווי עס זײַנען אַהין אַרײַן צוויי מיליטערלײַט, פול באַלאָדן מיט פּאַרטפעלן. געהאַלטן האָבן זיי אין די ציין גרויסע פּאַסיר־שײַנען. דערנאָך זײַנען זיי אַוועק. איך ווייס אַליין ניט וויאַזוי מיר האָט געקלעקט מוט. איך האָב אויסגעזוכט אַף דער ערד אַ שטיקל גרוי פּאַפּיר, האָב עס אַרײַנגענומען אין די ציין און בין אַרײַן אין וואַגאָן, מיט דעם קלומערשט צוגעטוליעט. אין וואַגאָן איז קיינער ניט געווען, געלעגן זײַנען קעסטלעך און פּאַרטפעלן מיט פּראָטאָקאָלן. איך האָב מיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע און בין דאָרט אָפּגעזעסן אַ פאַר שאָ. עס האָט גענומען טונקל ווערן. דער צוג האָט גערירט. עמעצער איז אין דער לעצטער מינוט אַרײַן אינעם וואַגאָן. ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און האָט מיך דערזען. „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּרוכט?" — האָט ער געכאַפּט אַ פרעג געטאָן און האָט מיר צוגעטראָגן דאָס שוועבעלע צום פּנים. איך האָב דערזען רימענס, אַ רעוואָלווער־טאַש, אַ גראַנאַטע און אַ גרויע שרעקלעך מיד פּנים. „איך ... קיין מאָסקווע", האָב איך אַ מורמל געטאָן. „וויאַזוי האָסטו זיך אַהער פאַרקליבן?" — צעשרײַט ער זיך אַף מיר. ער איז געווען אַ גרויסער און אַ שרעקלעכער. „מיט ... דעם פּאַסיר־שײַן ..." — זאָג איך. „ווער האָט דיר געגעבן דעם פּאַסיר־שײַן?" — „ליאָוס" (ליאָוס איז געווען דער שטאָט־קאָמענדאַנט, דער שרעק פון אַלע זעקל־הענדלער) — „ווייסטו ווער איך בין?" — „ניין". — „איך בין ליאָוס". איך ווייס ניט ווי דאָס איז געשען, נאָר פּלוצעם זאָג איך: „אַך, איר זײַט

ליאָוס ? — גוטן אָוונט", — און האָב זיך צעוויינט. ער האָט זיך, דוכט מיר, צעלאַכט. געזאָגט האָט ער מיר, אַז אַף דער צווייטער סטאַנציע וועט מען מיך שיסן פאַר פּעלשונג, און איך זאָל אַלץ אויסדערציילן ריין, כאָטש ער איז ניט זיכער צי ער וועט מיר גלייבן. איך האָב גענומען דערציילן, אַז מיר האָט דערעסן פירן מעל, אַז איך וויל קיין מאָסקווע, איך וויל זיך לערנען.

גאַטאָווצעוו קלאַפּט מיט דעם בלייער אינעם קאָראַף.

— קירצער, דאָ איז ניט קיין אָוונט פאַר דערציילן זיכרוינעס.

קלאַרא קומט צו זיך. די בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט פאַרשווינדן. פאַר איר שטייט ווידער די פאַרזאַמלונג, אַן אויפגערעגטע, אַ פּיינטלעכע, און זי שטייט דאָ ווי אַ באַשולדיקטע.

— איך דערצייל וועגן דעם, ווייל אַז ליאָוסן, אַן דעם געפיל צו אים, איז מיין ביאָגראַפיע ניט פול, — און מיט מי זאָגט זי : — איך וועל זיין קירצער. ליאָוס האָט מיך געבראַכט קיין לענינגראַד און האָט מיך באַזעצט אין דער צונויפשמעלצונג פון די מיליטערישע קורסן. די קורסאַנטן האָבן מיך גערופן קלאַרא ליאָוס. ליאָוס אַליין איז געווען אַפן פראָנט, נאָר צוויי מאָל איז ער געקומען. איך בין געגאַנגען אַף די קורסן פון די אַנאַלפאַבעטיזם-ליק־ווידאַטאָרס : מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַרבעטן און פאַרדינען ליאָוסעס צוטרוי. דאָרט אַף די קורסן בין איך אַריינגעטראָטן אינעם קאָמיוג, און בין געווען אָרגאַניזירערן פון די „שאַבעסניקעס" (אָרויסהעלפנדיקע אַרבעט פון קאָמיוג אין די שאַבאָסים). איך האָב דער זאַך אָוועקגעגעבן אַ סאַך קויכעס און האָב דורכגעלאָזט בלויז איין שאַבעסניק, ווען איך בין געגאַנגען באַגלייטן ליאָוסן אַפן פראָנט. ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, האָט ער מיך גע־גלעט איבערן קאָפּ און האָט געזאָגט : „נו, וואַקס, שוואַרץ־אויגיקע. ווען דו וועסט אויסוואַקסן, וועל איך מיט דיר כאַסענע האָבן". ער האָט מיסטאָמע געשפּאַסט, נאָר מיך האָט אַזוי שטאַרק געפרייט . . .

זי ווישט זיך אָפּ אַ טרער פון דער ווּיע. דער זאַל שווימט איר פאַר די אויגן. זי פלייסט זיך ניט צו זען דעם זאַל, ניט צו זען די פּענעמער — מען דאַרף אויסדערציילן אַלץ ווי דאָס איז, זיך צעעפענען ביזן סאָף.

— צו וואָס איז עס אַלץ ? — באַמערקט שטיל גראַנאַטאָוו — אַ גאַנ־צער ראָמאַן.

די ווירקלעכקייט רייסט זיך אַריין אין דער דערציילונג, פלאָנטערט די דערמאָנונגען, די געדאַנקען.

— מען האָט דאָך ליאָוסן דערהאַרגעט ! דעמאָלט טאַקע דערהאַרגעט, אין אַ כוידעש אַרום. איך האָב לאַנג געוואַרט אַף אים. דערנאָך האָב איך אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן און מען האָט געענטפערט : „ליאָוס איז דערהאַר־געט". איך האָב עטלעכע מעטלעס נאָכאַנאַנד אָפּגעוויינט און בין צוריקגע־גאַנגען אַף די קורסן. און דאָ, אַף די קורסן, האָבן מיך געשטיצט די קאָמיר־גיסטן, האָבן מיך ניט געלאָזט זיין עלנט. איך האָב לאַנג געאַרבעט אַף די קורסן און אַף ליקווידירן אַנאַלפאַבעטיזם אין אַ שוך־פאַבריק, און דערנאָך, ווען איך האָב פאַרענדיקט די קורסן, בין איך אָוועקגעפאָרן אין דאָרף. אָוועק־געפאָרן בין איך שוין אַ ריכטיקע קאָמיוגיסטקע — אין יענע כאָדאָשים, נאָך ליאָוסעס טויט, האָב איך געפונען אינעם קאָמיוג מישפּאָכע, היימלאַנד, אינ־האַלט און זין אינעם לעבן.

אין דאָרף האָב איך געלערנט די אַנאַלפאַבעטן, האָב אָרגאַניזירט אַ קאָמ־יוגיש קעמערל, בין געוואָרן סעקרעטאַר פונעם דאָרפישן סאָוועט. דאָס איז

קאָמיש, איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קיין שטים־רעכט, נאָר מען האָט מיך אויסגעקליבן ווײַל איך בין געווען אַ קאָמיוגיסטקע און די אײנציקע גוט קענעוודיקע אינעם דאָרף. אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ יאָר און בין אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי. דערנאָך האָט באַ אונדז אינעם קרײַז אויסגעבראָכן דער באַנדעגופים־אויפשטאַנד... באַנדעגופים און דורכגעריסענע ווײַסגוואַרדייער. מיך האָבן צוויי טעג זיך איבערגעשאָסן פונעם קלויסטער, דערנאָך האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן אינעם קלויסטער. כאַריטאָנאָוון און נאָך זיבן מענטשן האָבן זיי אויפגעהאַנגען און מיך האָט מען צעשלאָגן מיט די באַגנעטן, און ניט פאַרענדיקט מיט מיר נאָר דערפאַר וואָס איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אָנמאַכט...

קלאַרע כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און שווײַגט אַ ווײַלע. די פאַרזאַמלונג רײַסט זי ניט איבער, אײַלט זי ניט. אַנדרייען פרייט עס — ניין, אַלץ וועט אויפגעקלערט ווערן, זי זאָגט ניט קיין ליגן, אַזוי ליגנערן קען מען ניט. וואָס קערן זיך דאָ אָן די עלטערן־עמיגראַנטן, אַז זי קען זיי ניט פון קינדווײַז אָן? און באַלד וועט זי דערציילן אויך וועגן לעוויצקין און וועגן וואָסיוטאָן. ווי דערשראָקן זי האָט זיך דעמאָלט בעיס דער באַגעגעניש מיט לעוויצקין! ניט שויך־זשע האָט זי אים נאָך ליב? און עפשער האָט זיך די ליבע אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון דעם באַוווסטזײַן? אַנדריי ווייס, אַז דאָס לעבן איז קאָמפּליצירטער ווי דאָס דוכט זיך אָפּן ערשטן בליק. צי קען מען אָבער מויכל זײַן אַ קאָמוניסט, ווען דער באַוווסטזײַן טרעט אָפּ פאַר דער ליבע?... „אָט האָב איך דאָך! — טראַכט ער זיך — איך האָב געטראָטן אָף מײַן ליבע, כ'האָב זי צעטראָטן... און דאָ איז אַ סוינע! אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער!"

גראַנאַטאָווס איראָנישער קאָל האַקט איבער די אויפמערקזאַמע שטילקייט פון דער פאַרזאַמלונג:

— אויב מען האָט אײַך מיט אַן עמעס צעשלאָגן מיט די באַגנעטן, זײַנען מיסטאָמע פאַרבליבן צייכנס?

קלאַרע שפּאַרט זיך אָפּ, ווערט רויט: „יאָ! באַגנעטן איז ניט קיין שפּאַס!" זי פאַרמאַכט די אויגן, גיט אַ ריס דעם קאָלנער פון איר ספּעצאָווקע (אַ לעדערנע בלוזע), וואַרפט זי אַראָפּ אָף הינטן און דרייט זיך אויס מיטן רוקן צום זאַל. אָף דער מאַטעווער ווײַסקייט פון די אַקסלען טיילן זיך אויס פאַרצויגענע שראַמען.

אין זאַל איז שטיל.

קלאַרע כאַפּט זיך מיט די פינגער אָנעם ברעג טריבונע. די גאָמבע האָט איר גענומען צוקן. זי פילט ווי ער שפּרינגט באַ איר, זי הערט ווי עס קלאַפּן איר די ציין. דערנאָך נעמען צוקן די ליפּן, די באַקן, די אויגן. מאָדנע. די אויגן דוכט איר באַוועגן זיך יעדערער באַזונדער. ס'איז אוממעגלעך צו באַהערשן אָט דעם טאַנץ פון די נערוון.

דראַטשיאָנאָוו גייט צו צו קלאַראַן, ציט איר אַרויף די ספּעצאָווקע אָף די אַקסלען און דערלאַנגט איר אַ גלאָז וואַסער. קלאַרע באַמיט זיך טרינקען, נאָר די צעטאַנצטע ליפּן פאָלגן איר ניט, דאָס וואַסער גיסט זיך פאַרבײַ.

— גאָריש... גאָריש... שוין... — רעדט זי אַרויס. איצט קלאַמערן זיך שוין אירע פינגער אין דראַטשיאָנאָווס אַרבל.

— נו, היסטעריקעס זײַנען דאָ איבעריק, — קלאַפּט גאָטאָווצעוו איבערן קאַראַך — אויב איר קענט, דערציילט ווײַטער. די פאַרזאַמלונג קען ניט וואַרטן.

דער בייזער צורוף האָט געווירקט. קלאַראַ מאַכט אַן אָנשטרענג און באַהערשט איר ציטער, זי דרייט זיך אויס צום זאַל און רעדט ווידער. איצט דערציילט זי וועגן לעוויצקין. זי איז ווידער רויק. זי האָט מיטאַמאָל געגומען גלייבן, אַז איצט ענדיקט זיך עס, אַז עס איז ניטאָ פון וואָס צו ליידן. נאָר גראַנאַטאָווס קאָל רײַסט איר איבער:

— נאָר ווי פאַרט זיך דאָס וואָס איר דערציילט דערמיט וואָס איר באַגעגנט זיך ביז די לעצטע טעג מיט לעוויצקין בײַ אײַך אין שטוב?

— איך האָב זיך מיט אים ניט באַגעגנט — ענטפערט קלאַראַ דריטלעך.

ווידער שטייט אַ געריש אין זאַל.

— זאָג איך, הייסט עס, ליגן?

זי פּרוּווט זיך דערציילן ווי דאָס איז געווען. אַ באַגעגעניש אין קאָרידאָר. זי האָט אים אַרויסגעטריבן. זי האָט אים ניט געוואָלט אויסהערן.

— און ווער איז וואַסיוטאַ? — פרעגט מען פונעם זאַל — צוליב וואָס גייט וואַסיוטאַ?

ווידער קען זי זיך ניט באַהערשן. איר דערקלערונג צייגט ניט איבער: אַלגעברע, אַרכיטעקטור, אינטערעס צו דעם מענטשן... זי אַליין, דוכט זיך גלייבט ניט אירע ווערטער, ווען זי הערט זיך אײַן אין איר צעריסענעם, ניט זיכערן אומנאַטירלעך קלינגענדיקן קאָל.

זי פאַרהאַקט זיך, זי פּלאָנטערט. „וואָס טו איך? וואָס איז מיט מיר? — פרעגט זי זיך מיט שרעק — אַזוי וועט מען דאָך ניט גלייבן, מען וועט דאָך ניט גלייבן...”

— און ווערנער? — מאָנט מען פונעם זאַל.

— און מיט וואָס קענט איר באַשטעטיקן אַז טאַקע איר האָט אויפגעדעקט לעוויצקין?

— ווי קומט ער צו אײַך אין קאָרידאָר?

גאַטאָווצעוו שטעלט זיך אויף בײַם פּרעזידיום־טיש און זאָגט:

— וואַסיוטאַ איז אַוועק, איז געקומען לעוויצקי — אַ ווילע געזעלשאַפט פאַר אַ קאָמוניסט! — און ער פרעגט: — פאַרוואָס־זשע האָט איר אויסבאַהאַלטן די באַגעגעניש פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע?

זי ענטפערט מיט אַ שוואַכן קאָל:

— איך האָב ניט אויסבאַהאַלטן. מיר איז פּאַשעט אַפן זינען ניט געקומען צו זאָגן. און דערקלערט באַלאַמאָל, איך האָב מיך אָפּגעזאָגט צו ריידן מיט אים, איך האָב אים אַרויסגעטריבן. גראַנאַטאָוו איז געשטאַנען אַף זײַן טיר. ער האָט באַדאַרפט הערן ווי איך האָב אים אַרויסגעטריבן.

— ניין, איך האָב ניט געהערט.

— אַ פאַרדעכטיקע געשיכטע, — רופט זיך אָן איוואַן גאַוורילאָוויטש.

— מען דאַרף דאָס פעסטשטעלן. עפּעס איז שוין צופיל אַלץ צוזאַמענגעטראָפן.

קלאַראַ קען שוין מער ניט שטיין, ניט ריידן, ניט קעמפן, ניט פאַרטיידיקן זיך.

— באַשטעטיקט, — זאָגט זי קוים וואָס מען הערט זי — איך בין אין קיין זאַך ניט שולדיק... באַשטעטיקט... באַשטעטיקט...

זי גייט אַראָפּ איבער די טרעפּלעך אין זאַל אַרײַן. נאָך גאַטאָווצעוו שטעלט זי אָפּ. ער רעדט צו איר וואָגיק און רויק. נאָך קלאַראַס נערוועזישער רעדע איז אים אָנגענעם געווען צו הערן.

— קאַפּלאַן האָט זייער קינסטלעריש דערציילט. נאָר איר אַליין זעט דאָך. די פֿאַקטן דעקן זי אויף. ס'איז מער ווי פֿאַרדעכטיק. אויב זי האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן לעוויצקין, פֿאַרוואָס האָט זי אים אַרײַנגעלאָזט? גראַנאַטאָוו ווײַנט דערנעבן, האָט זי אים דאָך געקענט רופֿן. און וואַסיוטאַ — ווידעראַמאָל פֿון לעוויצקיס אַרבעטס־טייל. קאַפּלאַן בעט איבערקוקן. דער שטאָט־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי ווייס אַליין, אַז מען דאַרף איבערקוקן. נאָר איך רעכן, אַז ביז קאַפּלאַנס דורכקוקן קען מען זי ניט דערלאָזן צו קיין פּאַרטיי־אַרבעט.

— און אויף פֿאַרזאַמלונגען? — פֿרעגט גראַנאַטאָוו.

— אויך אויף פֿאַרזאַמלונגען. כאַווערטע קאַפּלאַן, זײַט אַזוי גוט, גיט אָפּ אײַער פּאַרטיי־בילעט.

— מיר האָבן זי דאָך נאָך ניט אויסגעשלאָסן? — שפּרינגט אויף קרוגלאָוו — צו וואָס?

— דערפֿאַר וואָס איבערלאָזן דעם פּאַרטיי־בילעט אין קעשענע בײַ אַ העכסט־פֿאַרדעכטיקן מענטשן טאָר מען ניט.

— האָבן מיר דען אַ רעכט אָפּצונעמען דעם בילעט פֿאַרן אויסשליסן? — פֿרעגט דראַטשיאַנאָוו אויפֿן הויכן קאָל בײַ גאָטאָווצעוון.

נאָר גאָטאָווצעוו שנײַדט אָפּ מיט אַ ניט געוויינלעכער פֿאַר אים גראָבקייט:

— און אָנטרויען אַ פּאַרטיי־בילעט אַ פֿאַרדעכטיקן מענטשן, האָבן מיר, לויט דײַן מיינונג אַ רעכט?

— וואָס איז זיך דאָ צו שפּאַרן? ס'איז דאָך קלאָר! — כאַפּט אונטער גראַנאַטאָוו.

— ניין, ס'איז ניט קלאָר! מען דאַרף אָפּשטימען! — פֿאָדערט אַנדריי.

— גוט, — גיט זיך גאָטאָווצעוו פֿאַרדראָסיק אונטער — אויף וויפֿל פֿאַר טייל כאַווײרים איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, אַז בײַ אַ מעגלעכן סוינע, טאָר מען אויף אַ מינוט ניט איבערלאָזן קיין פּאַרטיי־דאָקומענט, וועט מען מוזן אָפּשטימען.

— ווערסט ווי ער שטעלט די פֿראַגע! — וויגט מיטן קאָפּ אומצופֿרידן איוואַן גאַווורילאָוויטש.

קלאַראַ שטייט אויפֿן טרעפּל „ווער איז פֿאַר?” ווי אין שלומער, שווינדלען פֿאַר אירע אויגן ווײַסע פֿלעקן פֿון אויפֿגעהויבענע הענט. סאַראַ שלאָגל מיט ווײַסע פֿלעקן!... „ווער איז קעגן?” ווער־זשע? ווער?... יאָ, קרוגלאָוו, איוואַן גאַווורילאָוויטש, און גרישאַ איסאַקאָוו. און אויך פּעדאָטאָוו... און אינעם פּרעזידיום — דראַטשיאַנאָוו...

קלאַראַ כאַפּט זיך פֿאַרן האַרצן — ניין, ניט פֿאַרן האַרצן, נאָר פֿאַר דער קעשענע פֿון איר ספּעצאָווקע, וווּ עס ליגט איר קליינער רויטער קאַרנעט. „כ'וועל ניט אָפּגעבן!” — שרײַט זי אין געדאַנק. „דיסציפּלין, דיסציפּלין, קלאַראַ!” — שטעלט זי אָפּ די פּאַרנונפֿט. אירע פֿינגער שפּילן אויף די קעשענע און נעמען אַרויס דעם קאַרנעט. זי מאַכט אַ שריט צום טיש. גאָטאָווצעוו נעמט דעם קאַרנעט. דאָס איז עס. איצט דרײַ טרעפּלעך אַראָפּ. נעמען דעם מאַנטל פֿונעם אָנלען אויפֿן שטול, צוואַנציק שפּאַן דורכן זאַל צו דער טיר.

— מירן זיך איצט אומקערן צו דער גרונט־פֿראַגע. לויט דער אָרדענונג פֿונעם פֿאַרשריבענעם צעטל, האָט דאָס וואָרט דראַטשיאַנאָוו.

ניט אַלע שריט זײַנען געמאַכט. זי הערט דראַטשיאַנאָווס ערשטע ווער־

טער. ער רעדט וועגן די מאַסמיטלען קעגן אַ סו׳ייפע. אין דער רו פֿון דער אָפּגעטעמפּטקייט וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט, דערמאָנט זי זיך אַז זי האָט אייגנטלעך וועגן דעם געוואָלט ריידן, אַז באַטאָג האָט זי ספּעציעל צוזאַמענגענומען די פֿאַקטן. זי כאַפּט זיך צו איר בלאָקנאָט, נאָר זי נעמט אים ניט אַרויס. דערנאָך פֿאַרהאַקט זיך הינטער איר די טיר און שנײַדט זי אָפּ פֿון דער פֿאַרזאַמלונג.

XIII

ביז צום אַרונטערלאָזן די שיף זײַנען נאָך פֿאַרבליבן געציילטע טעג. די אָנגעשטרענגטקייט פֿונעם בוי־קאָלעקטיוו איז אַזוי שאַרף, אַז די מענטשן קענען ניט אײַנשלאָפֿן בײַנאַכט, קענען ניט רוען אין די פֿרײַע טעג. איוואַן גאַווריליאָוויטש און קרוגלאָוו אַרבעטן אויס קימאַט טאָג־טעגלעך פֿלוג־בלעטלעך: „וואַכזאַמקייט! וואָס מער וואַכזאַמקייט!" נעפּעדאָוו איז שוין אויף דער ראַמפּע ניטאָ, אויך קלאַראַ קאַפּלאַן איז ניטאָ, נאָר דעם סוינעס האַנט אַרבעט ווי פֿריִער. און וואָס נענטער צום טאָג פֿון אַרונטערלאָזן די שיף, אַלץ כוצפּעדיקער אַרבעטן די סאָנים. אין די שטיק־שרײַבן פֿונעם רודער־וואַלץ האָט מען געפֿונען גלאָז. עמעצער האָט צעשניטן אַ גומע־רער, וואָס שטעלט צו געפּרעסטע לופֿט דעם פּנעוומאַטישן גווינט. ערגעץ זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוויסע אויספּעלנדיקע קלייניקייטן.

קאַסימאָוו, וועלכער אַרבעט שוין אַ יאָר צײַט אין דער „עז קאַ ווע דע", טראָגט און נעכטיקט אויף דעם ראַמפּע־פּלאַץ. מען האָט באַזײַטיקט אַ גאַנצע גרופּע פֿאַרדעכטיקע מענטשן. טייל האָבן זיך מודיע געווען, אַנדערע האָבן היציק געלייקנט יעדע באַשולדיקונג קעגן זיי און יעדן באַווײַז. נאָר קלאָר איז, אַז די האַנט וואָס פֿירט אָן מיט זייערע באַזונדערע מעשׂים, איז נאָך ניט אויסגעפֿונען. גראַנאַטאָוו שלאָפֿט ניט, ער עסט ניט, ער גייט אום מיט רויטע אויגן פֿון ניט שלאָפֿן; דער נערוועזשער טיק צוקט אַלץ אָפֿטער זײַן באַק.

די אַרבעטער זאָרגן פֿאַר יעדער קלייניקייט, אַפֿילו פֿאַר אַזעלכע וואָס האָבן קיין שײַכות ניט צו זייער אַרבעט, ווי ריכטיקע באַלעבאַטים. „די רעגירונג האָט אַוועקגעשטעלט אַ האַרבן טערמין. מיר פֿירן אויס סטאַלינס באַשטעלונג — דעם 25טן סעפּטעמבער וועט די שיף אַראָפּגעלאָזט ווערן אין וואַסער" — מיט די געדאַנקען לעבט דער גאַנצער קאָלעקטיוו.

ביזן 25טן איז נאָך פֿאַרבליבן אַנדערהאַלבן כאָדאָשים.

אינמיטן אויגוסט האָט מען אַרעסטירט דעם אינזשעניער פּוטין.

אַפֿן צווייטן טאָג האָבן די אַרבעטער פֿאַרמיטן די גרעסטע אַוואַריע אויף דער עלעקטראָסטאַנציע, און דעם זעלביקן טאָג האָט מען אַרעסטירט דעם אינזשעניער סליעפּצאָוו. אין אָוונט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אינדערפֿרי האָט דער בריגאַדיר וואַסיוטאַ אויף דער טראַסע פֿון דער אײַזנבאַן אויסגעמיטן אַ קאַטאַסטראָפֿע וואָס איז צוגעגרייט געווען פֿון לעוויצקין. לעוויצקין האָט מען גענומען אונטער אַ וואַך.

די קאָמיסיע פֿונעם שטאָטישן קאָמיטעט שטודירט דעם איניען קאַפּלאַן. דער פֿאַרזיצער פֿון דער קאָמיסיע האָט אָפֿטע שמועסן מיט קלאַראַן. ניט געקוקט אויף די פֿאַקטן גלייבט ער איר. נאָר די אינטויִציע מוז מען באַקרעפֿטיקן מיט פֿאַקטן. און דער איניען ווערט פֿאַרפּלאָנטערט אַלץ מער און מער.

לעוויצקי ווײַזט זיך אַרויס פֿאַר אַ פֿלינקן און כיטרען סובע. עמעס, וואָסיוטאַ האָט קלוימערשט דערוויזן אַז ער האָט קיין שײַכעס ניט צו דער שעדיקונג, נאָר ווער ווייס צי איז דאָ ניט פֿאַראַן אַזאַ אויגנשטעכעניש ווי גראַנאַטאָוו איז כווישעד אין דער געשיכטע מיט דעם פֿעסל ברען־שטאָף.

אינעם פּאַרטיי־איניען פֿון קאַפּלאַן זײַנען ניטאָ קיין דאָקומענטן וואָס זאָלן באַשטעטיקן איר ראָל אין דער אויפֿדעקונג פֿון לעוויצקין און לעבעדיעוון. מען האָט אָנגעפֿרעגט אין לעניגראַד, נאָר קיין ענטפֿער איז ניטאָ. קלאַראַ שרײַבט ווערנערן ער זאָל צופֿאָרן קיין לעניגראַד און אויסזוכן די באַשטעטיקנדיקע מאַטעריאַלן. נאָר אויך פֿון ווערנערן איז קיין ענטפֿער ניטאָ.

זי לויפֿט צו אַנדראָניקאָוון פֿויעלן ער זאָל זי שטעלן אויג אַף אויג מיט לעוויצקין.

— ווען מען וועט אײַך דאַרפֿן, וועלן מיר אײַך אַרויסרופֿן, — ענטפֿערט שטרענג אַנדראָניקאָוו, און באַ דער טיר גיט ער איר אַ זאָג: — געדולד! מער געדולד.

אַף דער צווייטער פֿאַרזאַמלונג שטעלט מען דראַטשיאַנאָוון און גאַטאָווצעוון פֿראַגן: וואָס איז קלאָר געוואָרן אינעם איניען קאַפּלאַן!

זיי גיבן ניט באַשטימטע ענטפֿערס. ס'איז נאָך קיין זאַך ניט אויפֿגעקלערט. דעמאָלט לאָזן זיך הערן די שטימען פֿון די קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, וואָס פֿאָדערן פֿאַרשנעלערן די אויספֿאָרשונג פֿונעם איניען קלאַראַ קאַפּלאַן. איוואַן גאַוורילאָוויטש דערקלערט אָפֿן, אַז די פֿריערדיקע פֿאַרזאַמלונג איז באַגאַנגען אַ פֿעלער, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין שום רעכט אָפּצונעמען דעם פּאַרטיי־בילעט. אַף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די צײַטונגס־אַרבעטער אינעם שטאָטישן קאָמיטעט איז אַרויסגעטראָטן טאָניאַ וואַסיאיעוואַ. זי האָט אָנגעוויזן, אַז די קאַדרן ווערן אָנגענומען באַם טויער, און אַ רעוויזיע, אַז די פֿאַרוואַלטונג פֿאַרזיכערט ניט די פֿולשטענדיקע אַכראַיעס פֿון די טוערס, אַז הינטער דער אומפֿעריזענלעכקייט אין דער אָנפֿירונג באַהאַלטן זיך לײַכט אויס די סאָנים. צום סאָף פֿון איר וואָרט, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי זי וואָלט פֿון זיך אָפּגעטריבן די אומדרײַסטקייט און האָט גענומען ריידן שנעל און היציק:

— צי איך בין גערעכט אָדער ניט, נאָר מײַן כויוו איז צו זאָגן וואָס איך דענק. באַ אונדז האָט מען אַרויסגעשטעלט פֿאַר אַ סוינע קלאַראַ קאַפּלאַן. דערהאַרגעט מיך דאָ אָפֿן אָרט, וועל איך ניט גלייבן! שליסט מיך אויס פֿונעם קאָמיוג, וועל איך ניט גלייבן! איך האָב אויך פֿון אָנהייב ניט געגלויבט, נאָר איצט, וואָס מער איך טראַכט מיר אַרײַן, אַלץ ווייניקער גלייב איך. אַט קוקסטו דורך די אַרבעט אַף דער ראַמפּע — קיין אַנדערע שפּורן אַ כוץ גוטע, האָט קאַפּלאַן נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט... ס'איז אַ געקינצלטע זאַך! און מיט דער אויפֿדעקונג איז געענדזן־פּיסלעך, דעקט מען זיך צו ווי מיט אַ פּאַנצער: מיר, הייסט עס, האָבן אויפֿגעדעקט, מיר האָבן אַרויסגעוויזן וואַכזאַמקייט. אַט וועגן גראַנאַטאָוון וויל איך זאָגן. גראַנאַטאָוו איז פֿאַר מיר געווען אַ מין הייליקייט, דורך די נעכט פֿלעג איך טראַכטן, אַז איך וואָלט וועלן זײַן אַזאַ ווי ער, אויסצוטראָגן אַזויפֿיל צוליב אונדזער זאַך. און אין דער דאָזיקער געשיכטע געפֿעלט מיר ניט גראַנאַטאָוו. שוין צוויי יאָר ווי ער לויפֿט נאָך קלאַראַן; איך האָב אַליין געהערט ווי זי האָט אים געיאָגט פֿון זיך און אים צוגעשעמט. און מיר דוכט זיך אַז ער פֿירט דאָ אונטער פּערזענלעכע כעשבוינעס. דערהאַרגעט מיך — ווי איך פֿיל אַזוי זאָג איך.

טוט מיר וואָס איר ווילט, וועל איך ניט גלייבן אַז קאַפּלאַן איז אַ שעדיקער! זי געפינט זיך אין גאַנצן אין דער שטאָט, אין דער שיף.

אינעם „שלאָגלער" האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל פון איסאַקאָוון וועגן דעם אַז דערמיט וואָס מען האָט אומגעזעצלעך צוגענומען דעם פּאַרטיי־בילעט און באַזײַטיקט פון דער אַרבעט איין מענטשן, האָט מען זייער ווײַניק אויפגעטאָן פאַר דער ווירקלעכער אָפּרײַניקונג פון דער פּאַרטיי און די פּראָדוקציע פון סאָנים. קאַפּלאַנס נאָמען איז ניט דערמאָנט געוואָרן, נאָר אַלע האָבן פאַרשטאַנען וועגן וועמען עס רעדט זיך. גאַטאָווצעוו האָט אָפן פלענום געשטעלט די פראַגע וועגן דעם וואָס דער רעדאַקטאָר איסאַקאָוו נעמט אונטער זײַן שוץ די סאָנים. נאָר איסאַקאָוון האָט געשטיצט אַנדריי קרוגלאָוו: צי איז ניט צײַט אַף רייכטיק דורכקוקן אונדזערע רייען? מען דאַרף זיך ניט פאַררופן אַף קלאַראַ קאַפּלאַן; איר שולדיקייט רופט אַרויס אַ צווייפל, און די ווירקלעכע סאָנים אַרבעטן ווײַטער.

גרישאַ איסאַקאָוו איז אַרויסגעקומען אין אַ נײַעם אַרטיקל מיט אַ שאַרפער קריטיק אַף גאַטאָווצעוון. דאָס מאָל איז שוין גאַטאָווצעוו ניט צופרידן געווען וואָס עס ווערט אויסגעפירט דער דירעקטיוו וועגן זעלבסטקריטיק. ער האָט באַשטימט אַ נײַעם פלענום פונעם שטאָטישן קאָמיטעט, ווו ער האָט זיך געקליבן דורכפירן אַ באַשלוס וועגן אַראָפּנעמען איסאַקאָוון פון דער אַרבעט.

גרישאַ איסאַקאָוו פײַניקט זיך אַ שלאָפלאָזער ביז אינדערפרי, נאָר באַטאָג האַלט ער זיך פריילעך און שרײַבט אַלץ שאַרפערע און בייזע אַרטיקלען.

און קלאַראַ זיצט אין דער היים אַליין. זי לאָזט ניט אַרײַן צו זיך ניט קרוגלאָוון, ניט טאָניאַן, ניט איסאַקאָוון — מען דאַרף ניט, מען דאַרף ניט, זאָל זיך צוערשט אַלץ אויפקלערן. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון געבן לעקציעס וואַסיוטאַן. אין דער שטענדיקער היץ פון די זומערדיקע טעג און אין די פרישע שטילע נעכט איז זי שטענדיק אַליין, אָן דערלײַכטערנדיקן שלאָף, אָן טרערן, אָן עפּעס וואָס צעשטרײַט די געדאַנקען. קעדיי צו פאַרנעמען מיט עפּעס דעם קאָפּ, באַשליסט זי צו לערנען ענגליש און געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע. נאָר לערנען איז איר שווער. עס נעמען זיך ניט אָן קיין אַבסטראַקטע באַגריפן דעמאָלט ווען עס שטייט פאַר איר אַזוי קאָנקרעט דער דריקנדיק איר אייגענער אומגליק. דאָס ברייטע לעבן איז איימעדיק ענג געוואָרן, ניטאָ קיין שײַן. יעדן פרימאָרגן, ווען זי כאַפּט זיך אויף פונעם שווערן שלאָף, וווּנדערט זי זיך אָפּסנײַ וואָס די זון שײַנט, גלײַך קיין זאַך וואָלט זי ניט געביטן. ווען דער ווינט רײַסט זיך אַרײַן אין צימער און צעבלאָזט אירע האָר און די אַלטע בריוו אַפן טיש, גלייבט זי ניט, אַז דאָס איז נאָך דער זעלביקער אָפּפרישנדיקער אָמורער ווינט — ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.

קיין בלומען זײַנען שוין ניטאָ — זי האָט פאַרבאָטן טאַראַס איליטשן איר צו ברענגען בלומען. קיין בריוו זײַנען אויך מער ניטאָ. שוין אַ כוידעש ווי פון וועראַנען איז קיין וואָרט ניטאָ. גלייבט ער איר ניט? אויך ער גלייבט ניט? צי עפּשער האָט ער מוירע? איז וואָס־זשע, נאָך בעסער... אָדער נאָך ערגער... אַ פרײַנט אָן צוטרוי אָדער אָן מוט — איז שוין קיין פרײַנט ניט. און אָט איז אָנגעקומען אַ בריוו. מיט דער לופט־פּאָסט. קלאַראַ נעמט אַליין אָפּ דעם בריוו, פאַרמאַכט זיך באַ זיך אין צימער און האַלט אײַן דעם ווילדן האַרצשלאָג.

עס איז שוין פינצטערלעך. זי צערײַסט דעם קאָנווערט און רוקט אַרויס

דעם קאָפּ דורכן פענצטער. איר פֿאַלט ניט אײַן טײקעף אָנצוצינדן די עלעקטריע. די שײַן בלענדט זי. די הענט טרײסלען זיך איר אַזוי אַז ס'איז איר אוממעגלעך צו לײענען. צום סאָף דערזעט זי די ערשטע שורעס, אַזוי קורץ ווי װערנער האָט נאָך קײנמאָל אַזוי ניט געשריבן:

„קלאַראַ! אַן אויפטרײסלענדיקע נײַס, איך בין נאָך אַלײן צו זיך ניט געקומען. איך האָב מיך ערשט דערוווּסט, אַז...״

— ליאָליק! — שרײַט זי אויס און פֿאַרקוועטשט דעם בריוו אין די פֿינגער. פֿאַר די אויגן דרײען זיך איר רעדער, רעדער, רעדער... — ליאָליק! ווי פֿאַרדריקט עס איז איר דאָס האַרץ... נאָר וואָס איז מיט איר, מען דאַרף דאָך דערלײענען ביזן סאָף...

זי גלעט אויס דאָס פּאַפּיר און לײענט איבער נאָך עטלעכע שורעס. דאָס האַרץ פֿאַלט ערגעץ אַראָפּ, פֿאַלט... עס דוכט זיך איר זי וועט ניט באַווײַזן, אַז נאָך אַ ביסל, וועט זי אינגאַנצן ערגעץ אַרײַנפֿאַלן. זי שטעקט אָן די פֿיס אין די שיכלעך און לויפֿט פֿאַרסאַפּעט איבער דער גאַנצער שטאָט צו דער „ען קאַ ווע דע״.

דער דעזשורנער שטעלט זי אָפּ. אַדראַניקאָוו איז פֿאַרנומען. אַן אויספֿרעג. עס גײט אַרויס צו איר קאַסימאָוו. קאַסימאָוו זעט אויס ווי אַ מענטש וואָס איז געפּלעפֿט פֿון אַ גרויסער פֿרײד. ער דערשרעקט זיך פֿאַר דער געלקײט אויף קלאַראַס פּנים און זעצט זי אַוועק אויפֿן דיוואַן.

— מעלדעט... דרינגלעך... זײער וויכטיק... — זאָגט קלאַראַ, אײַנגעבויגן אויפֿן דיוואַן פֿון ווײטיק און פֿון דעם שרעקלעכן אײַנדרוק, אַז דאָס האַרץ פֿאַלט איר אײַן.

קאַסימאָוו גײט ווידער אַרײַן צו אַנדראָניקאָוון אין קאַבינעט.

פֿונעם קאַבינעט פֿירט מען אַרויס אונטער אַ וואַך דעם אינזשעניער פּוטין.

קאַסימאָוו קומט ווידער אַרויס; זײַנע אויגן ברענען מיט אַ יעגערישן זשעדנעם גלאַנץ.

קלאַראַ גײט אַרײַן אין קאַבינעט און אויך אַנדראָניקאָוו זעט אויס אַזוי צעהיצט, אומנאַטירלעך פֿרײלעך, און זײַנע קורצזיכטיקע אויגן בלישטשען אונטער די ברילן.

ער כאַפּט אָן קלאַראַן פֿאַר די הענט, טרײסלט זײ און זעצט זי אַרײַן אין פֿאָטעל:

— זיך אויסגעמאַטערט?

זי קען גאָרנישט ניט זאָגן. זי דערלאַנגט דעם בריוו. אַנדראָניקאָוו לײענט אים אָן שטויגנען, ער שאָקלט נאָר מיטן קאָפּ און קוקט אויף קלאַראַן אַלץ מיט דעם זעלביקן אומנאַטירלעכן ברענענדיקן בליק.

— דאָס איז אַ נײַער פֿראַט, — זאָגט ער אײַנגעהאַלטן און קערט איר אום דעם בריוו — דאָס איבעריקע ווײס איך שוין.

ער גײט צו צו קלאַראַן און גלעט איר מיט דער דלאָניע איבערן אָנגעבויגענעם קאָפּ.

— איך וויל אײַך בעטן איר זאָלט אַרײַנקומען צו מיר מאָרגן, — זאָגט ער — און איצט... וועל איך אײַך אַהײמשיקן מיט אַן אויטאָ.

קלאַראַ הײבט זיך אויף.

— נײן, נײן. איך וועל זיך דורכגײן. איך דאַרף צו זיך קומען. איך אָטעם איצט צום ערשטן מאָל מיט דער פֿולער ברוסט.

זי גייט אַרויס אַפן גאַניק און בלײַבט שטיין. ווי געביטן עס האָט זיך אַלץ! ווי וואַרעם און ליטער עס איז די לופט! די נאַכט־פינצטערניש אַפילע פינקלט מיט צאַרטער שײַן. סאַראַ מאָדנע שײַן! זי זעט די לעוואָנע ווי מען זעט זי בעייסן אויפגיין: אַ רויטע, אַ צעבאָרשטענע, אַ גרויסע.

זי מאַכט עטלעכע שפּאַן און גיט מיטאַמאָל אַ שרעקלעכן קוויטש. איר קוויטש שנײַדט דורך די שטילקייט, און די שטילקייט רופט זיך טייקעף אָפּ מיט אַ פיל־קוילעסדיקן געהילך. אין מיטן דעם געהילך צעשיט זיך אַ ציטערנדיקער קלונג — ווי אַלע טעלעפאָנען וואָלטן זיך מיטאַמאָל צעקלונגען אינעם „עך קאָ ווע דע”. די פינקלענדיקע שײַן איז געוואָרן נאָך העלער.

— אַנדראָניקאָוו! — שרײַט קלאַראַ און לויפט אַרויף אַפן גאַניק — וואָס איז עט?! וואָס איז עס?! אַנדראָניקאָוו!

זי פאַלט אום אויף די טרעפּ און די הילכנדיקע פינצטערניש שלינגט זי אײַן, אין דער צײַט ווען איר קאָנוולסיוו־צעציטערטער גוף גליטשט זיך נאָך אַראָפּ פון איין טרעפּ אויף דער צווייטער.

XIV

אַנדריי קרוגלאָוו אַרבעט אין דער באַנאַכטיקער טורנע. ער האָט ליב די טורנע פאַר איר באַזונדערער אָנגעשטרענגטקייט. די ראַמפּע שטייט אין דער פינצטער ווי אַן אינדזעלע שײַן. די שײַן באַלײַכט נאָר דאָס וואָס איז נייטיק. די שײַן שמידט צו דעם בליק צו דער אַרבעט. באַנאַכט עקזיסטירט בלויז די אַרבעט — דאָס איבעריקע ליגט אויסער דעם אויפמערקזאַמקייטס־פעלד, אין דער פינצטער.

הײַנט האָט אויף עטלעכע מינוט אָפּגעצויגן אַנדרייס אויפמערקזאַמקייט מאַמי. זי איז אים אַקעגנגעקומען, דאָס מיידל אין בלויען קאָמבינעזאָן מיט דער יינגלשער פריזור פון אירע קורץ־געשוירענע האָר.

— איך אַליין הײַנט אַרבעט! — שרײַט זי פריידיק אויס. זי גלייבט אַז אויך אַנדרייען ווענ' עס פרייען, פונקט ווי איר. און אַנדריי פרייט זיך.

— קום, ווועלן מיר אַ קוק טאָן.

ער קריכט נאָך מאַמין אינעווייניק אין דער שיף. די שווייסערס דרענגען זיך אינעם שיף־רוים, נעמען איבער איינער בײַם צווייטן די אַרבעט. מאַמי מיט אָנגעכמורעטע אויגן נעמט איבער די אַרבעט בײַ אַ בערדיקן אַרבעטער. אירע קליינע האַרט־געוואָרענע הענט נעמען פעסט אָן דעם האַלטער. זי דעקט צו די אויגן מיט דעם שוץ־בלעך און קוקט אויף אַנדרייען דורך די גלעזלעך. זי זעט אויס אַ פאַראַשוטיסטקע, וואָס גייט אַרויס אַפן פליגל פונעם עראָפּלאַן צום ערשטן מאָל שפּרינגען.

— פאַרשעם ניט, מאַמי, — זאָגט דער בערדיקער אַרבעטער.

מאַמי שליסט אײַן דעם אַפּאַראַט און אַרום איר צעשיטן זיך בלויע פונקען, ווי פאַלנדיקע שטערן, און דער אַפּאַראַט רוישט ווי דער מאָטאָר פון אַן עראָפּלאַן, און זי שמייכלט ווי עס מוז שמייכלען די פאַראַשוטיסטקע, וואָס פילט מיט דעם גאַנצן קערפּער דעם שטויס פונעם געלונגען געעפנטן פאַראַשוט.

אַנדריי שאָקלט צופרידן צו מיט דעם קאָפּ און קריכט אַרײַן אינעם עקסטן רוים, וווּ עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער מאָנטאַזש פון דער עלעקטרישער אויסשטאַטונג.

— גיב אַ קוק צו מאַמיך, — זאָגט ער צום כאַוועד ווען ער נעמט באַ אים איבער די טורנע.

— זי זאָל נאָר ניט פאַרשעמען — שמייכלט דער כאַוועד. ער גלייבט אין מאַמיס ניצאָכן, ווי עס גלייבט דער גאַנצער קאָלעקטיוו.

אַנדריי פאַרנעמט זײַן אָרט.

אין דער צײַט וואָס ער אָרדנט אײַן די אינסטרומענטן און קוקט דורך די מאַטעריאַלן, שוועבט נאָך מאַמיס געשטאַלט אין זײַנע געדאַנקען. אַ מיידל פון דער טײַגע מיט אַ שווייסער־אַפּאַראַט! אַט וועגן וואָס מען דאַרף שרײַבן אַ פּאָעמע! איסאַקאָוו שרײַבט וועגן איר? מ׳עט אים דאַרפן זאָגן... דערנאָך פאַרשלינגט אים אינגאַנצן די פּינקטלעכע, מינוציעזע אַרבעט, זי פאָדערט אויפמערקזאַמקייט און קונסט, און אַנדריי האָט זי ליב. געוויינלעך הערט ער ניט דעם גערויש פון די שווייסער־אַפּאַראַטן און דאָס הילכן פון די ניט־האַמערס. די דאָזיקע מוזיק באַגלייט זײַן אַרבעט טאָג־טעגלעך און איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון זײַן אַרבעטס־אָרט, פּונקט ווי די אָנגעבויגענע סטעליע איבערן קאָפּ.

ער אַרבעט פּינקטלעך און שנעל. די הענט זײַנען קונציקע. דער מאַטעריאַל איז אַ גוטער און ליגט צו דער האַנט, דער אינסטרומענט איז דורכגעקוקט און באַקוועם. און מיטאַמאָל הייבט זיך אַנדריי אויף און דער אינסטרומענט פאַלט אים אַרויס פון די הענט. עפּעס איז געשען. עפּעס פעלט אים.

דערנאָך גיט ער זיך כעשבן, אַז אים פעלט דער צוגעוווינטער קלאַפּן און רוישן.

אַף דער שיף איז שטיל געוואָרן.

ווי נאָר אָבער אים ווערט קלאָר, אַז וואָס אים וווּנדערט איז די שטילקייט, ווי די שטילקייט ווערט פול מיט קלאַנגען וואָס דערטראָגן זיך פון דרויסן. עמעצער שרײַט אַפן הויכן קאָל, ערגעץ טופּען טריט. עפּעס קלינגט און קלאַפּט, און איבער דעם אַלעמען אַ שנײַדיקער, אומאויפהערלעכער פײַפן. עס פײַפט די זאַוואָדישע סירענע, עס פײַפן די לאָקאָמאָטיוון, די עקסקאַוואַטאָרס, די קאַטער־שיפלעך, די אויטאָמאָבילן.

אַנדריי גיט זיך אַ ריס צום אַרויסגאַנג און דאָס ערשטע וואָס ער דערזעט, איז מאַמיס ערד־גרויע פּאָנעם, צעדרייט פון שרעק.

— לויף! — שרײַט זי — פײַער!

אירע טריט צעדונערן זיך איבער די אײַזערנע טאָוולען און פאַרלירן זיך אינעם געוויין פון די סירענעס.

אַנדריי שפּרינגט אַרויס אין דרויסן. אין פּאָנעם גיט אים אַ שפּאַר אַ רויך און טרוקענע היץ. גאַנץ נאָענט פאַר זיך, ניט מער ווי אַ מעטער צען, דערזעט ער אַן אויבאַקאַנטן ביניען, אַן אַרומגעכאַפּטן פון רויך און קריכנדיקע שטראָמען פײַער. דער ביניען איז אַ נידעריקער, דער דאַך זײַנער איז אַ פײַער־פּאָדהאַנג, איבער וועלכן עס שפּרינגען פרייליכע שטיפערישע געלע שטרעמעלעך.

„דער מעכאַנישער צעך און די ביוראָ" — טראַכט זיך אַנדריי, ווײַל עפּעס אַנדערש קען עס ניט זײַן. נאָר אין דער זעלביקער צײַט איז ער מיט גאַרניט ענלעך צו דעם לאַנגן אָפּגעווײַסטן ביניען, וואָס אים קומט אויס יעדן טאָג אַרומצוגיין אַפן וועג צו דער ראַמפּע.

באַ דעם ברענענדיקן ביניען טראָגן זיך שוואַרצע מענטשן־סילועטן. זיי זעען אויס ווי געטאָקטע אַף דעם העלן פײַער־הינטערגרונט. זיי לויפן אַרײַן

אינעם פֿײַער און לויפֿן פֿון אים אַרויס מיט די קעפּ אין די אַקסלען אַרײַנגעצויגן, באַלאָדן מיט פֿאַרעמלאָזע זאַכן. זיי וואַרפֿן זיך אונטער די שטראָמען וואַסער פֿון די בראַנדסבויעס, וואַרפֿן אַראָפּ פֿון זיך די מאַסע און לויפֿן צוריק. אין טויער פֿליט אַרײַן מיט אַ געקלאַנג דער **פֿײַערלעשער־אויטאָמאָביל,** מיט דעם פֿײַערלעשער־לייטער וואָס שטאַרצט איבער אים ווי אַן אויפֿגעהויבענער פֿינגער.

— דעם וועג אָפּרייניקן! — שרײַט הינטער דעם טויער אַ גראָב קאָל.

עס דונערן די צופֿאַרנדיקע מאַשינען, עס שפּרינגען אַראָפּ אין מיטן לויף די פֿײַערלעשער און שלעפּן מיט זיך די שלאַנגיש זיך ציענדיקע פֿײַערקישקעס.

פֿיר שאָטנס לויפֿן בײַ דעם הויז, נאָר קיינער דערוועגט זיך שוין ניט אַרײַנצולויפֿן אינעווייניק. גאַנצע קוואַלן וואַסער שלאָגן **דאָס פֿײַער און ווערן** שפּורלאָז אויסגעדעמפּט אָן שום באַשײַנפּערלעכן נוצן. און אָט רײַסט זיך אַרײַן איין קליינער שאָטן אין דער אָפּגעריסענער טיר און ווערט פֿאַרפֿאַלן אינעווייניק, קרוגלאָוו דערקענט אים ניט, נאָר ער דערפֿילט ווער דאָס איז. „דעם פֿינף און צוואַנציקסטן... די צייכענונגען... סטאַלינס באַשטעלונג...“ — לויפֿט אים דורך אין געדאַנק

דער שוואַרצער שאָטן שפּרינגט אַרויס, וואַקלט זיך ווי שיכּור, גיט אַ הייב אויף די הענט און פֿאַלט אַף דער ערד. **מענטשן לויפֿן צו אים צו.** קרוגלאָוו גיט זיך אַ ריס פֿאָרויס און בלײַבט שטיין. „דער פֿינף און צוואַנציקסטער... סטאַלינס באַשטעלונג...“

— יעדער אַף זײַן אָרט! — שרײַט ער אַף זיך אַליין און אַף די אַנדערע און נעמט אַף זיך די לאַסט פֿון אַרבעטער און אָרגאַניזאַטאָרישקייט.

— יעדער אַף זײַן אָרט! קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אָוועקצוגיין!

נאָר מאַמי, פֿון דער רײַמפֿע לויפֿנדיק, פֿאַרכאַפּט פֿון כאַיעשן שרעק, לויפֿט אינסטינקטיוו ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער פֿונעם פֿײַער. איר אָבער־גלויבעריש האַרץ האָט מוירע פֿאַר דער כּאַרעוור־מאַכנדיקער אַלץ פֿאַרשלינגענדיקער סטיכיע, וואָס דער קלייניקער שוואַכער מענטש איז אָקעגן איר אַזוי מאַכטלאָז. פֿון פֿײַער דאַרף מען אַנטלויפֿן! — מאַמי ווייס דאָס נאָך פֿון איר פֿריִער קינדהייט. זי איז אַמאָל געגאַנגען מיט קילטו איבער דער טײַגע און האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט און זײַנען אַרײַן אין אַ פּאַס וואַלד־סרייפּע, וואָס אַ שטאַרקער ווינט האָט צעבלאָזן. דעמאָלט זײַנען זיי געלאָפֿן; איבער־געיאָגט האָבן זיי די וועווערקעס, די בערן, די פֿייגל; **זיי זײַנען געלאָפֿן און** האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין אימפּעט מיט דעם גאַנצן טײַגישן כאַיעסגעזינדל; זיי זײַנען געלאָפֿן אַזוי אַז די פֿיס האָבן זיך זיי **אונטערגעהאַקט.** און ווען מאַמי איז געפֿאַלן, האָט קילטו זי געשלאָגן מיט די פֿויסטן און **האָט איר געשריגן:** „לויף!“

אויך איצט לויפֿט מאַמי, ווי עס זאָגט איר אונטער דאָס געזעץ פֿון לעבן, אין דער פֿינצטערער נאַכטישער קילקייט. נאָר פּלוצעם בלײַבט זי שטיין. זי האָט אין דער האַנט דערפֿילט דאָס קילנדיקע הענטל פֿונעם שווײַסער־שויך. זי דערמאָנט זיך דעם שווייסער־אַפּאַראַט. אַ גאַנצן כוידעש האָט זי געבעטן מען זאָל אים איר געבן. הײַנט האָט מען אים איר אָנגעטרויט. **דער בריגאַדיר האָט געזאָגט צו איוואַן גאַווריליאָוויטשן:** „האָב קיין מוירע ניט פֿאַר מאַמי, זי וועט ניט פֿאַרשעמען!“ מאַמי קען גוט די ווערטער:

„פֿאַרשעם ניט!” טאָג־טעגלעך העו־ט זי זיי פֿונעם בריגאַדיר, פֿון די קאָמ־יוגיסטן, אַפֿילע פֿון קילטו.

מאָאָמי שטייט און בלינצלט מיט די אויגן. דאָס פֿײַער טאַנצט, ווי אַ בייזער טײַוול. און דאָרטן איז דער שווייסער־אַפּאַראַט... „דער פֿינף־און־צוואַנציקסטער... סטאַלינישע באַשטעלונג...” מאָאָמי געפֿינט אויס אונטערבאַוווסטזיניק, אַז עס איז פֿאַראַן נאָך אַן אַנדער לעבנס־געזעץ און זי לויפֿט צוריק.

— אַלע אַף די ערטער! — שרײַט קרוגלאָוו פֿון אויבן.

און מאָאָמי לויפֿט אַרויף, איבער די אָנגעהייצטע בריקלעך, און שלינגט די הייסע רויכיקע לופֿט. זי שטייט שוין אַף איר אָרט.

דעם קלייניקן זיך שטיקנדיקן סיאָמאַ אַלטשולער טראָגט מען אַוועק אָן אַ זײַט און מען לייגט אים אַוועק אַף דער ערד. ער ליגט און קוקט פֿאַר זיך מיט אַ ניט זעעוודיקן בליק. דערנאָך קומט ער באַלד צו זיך, שפּרינגט אויף און לויפֿט גלײַך אין פֿײַער אַרײַן.

אַנדראָניקאָוו כאַפּט אים איבער.

— פֿריטשמעליעט געוואָרן? — פֿרעגט ער אים ווייך — גיי, גיי, זײַ ניט קיין נאַר, דאָס לעבן וועט דיר נאָך צו נוץ קומען.

און די סרייפֿע קאָכט, און צעגדליקער מעכטיקע שטראָמען קלאַפּן, מאַ־טערן, נאַר שטילן ניט דאָס פֿײַער. ווי שטרוי ברענען די הילצערנע איבער־דעקונגען, צעשמאָלצן גלאָז שיפֿעט, שווערע באַלקנס בייגן זיך. אין דער שטילער זומערדיקער לופֿט הייבט זיך דאָס פֿײַער אַרויף ווי אַ זײַל, און אינעם טונקעלן הימל, אינעם וואָלקן געלן רויך, פֿליִען און פֿאַלן פֿונקען, הויכע, העלע, ווי ראַקעטן. די נאַכט טרעט אָפּ.

ווײַט אַרום איז אַלץ באַלויכטן פֿון דעם בייזן ליכט.

— סוואָלאָטשעס! — שעפּטשעט סיאָמאַ אַלטשולער און פֿילט ניט די ברִיען, נאַר ער רײַסט פֿון זיך מעכאַניש די אָפּגעברענטע שמאַטעס.

— סוואָלאָטשעס! — מורמלט קרוגלאָוו און גיט איבער די עמערס וואַסער אין דער קייט פֿון דער אָזערע. די עמערס פֿליִען איבער דער קייט און באַוויזן ניט זיך צעפּליעשקען. מען גיסט זיי אויס אַף די רויכערדיקע ריישטאָוואַניעס. מען שיקט זיי צוריק. די עמערס קלימפּערן.

— סוואָלאָטשעס! — שעפּטשען הונדערטער ליפּן.

גראַנאַטאָוו לויפֿט צו צו אַנדראָניקאָוון. גראַנאַטאָווס פּאָנעם איז טויט־בלייך, די באַק צוקט, די אויגן ברענען מיט ווילדער רעגונג.

— ס׳איז אונטערגעצונדן! — שרײַט ער — ס׳איז גאָר קיין ספֿעק ניט! מען דאַרף פֿאַרשטעלן אַלע אַרויסגענג! קיין איין מענטש זאָל ניט אַרײַן און ניט אַרויס!

אַנדראָניקאָוו נעמט אים אָן פֿאַר די אַקסלען.

— די היסטעריקע לאָזט אָפּ! — זאָגט ער מיט אַ הערשערישן קאָל — איך ווייס אָן אײַך, וואָס איך האָב צו טאָן. קיינער וועט ניט אַוועקגיין. נאָר אויב איר ווילט אַוועקגיין, ביטע. היסטעריקע איז איצט שעדלעך. טרינקט אויס וואַלעריאַן־טראָפּנס און לייגט אײַך שלאָפֿן.

און ער קוקט אַרײַן גראַנאַטאָוון אין פּאָנעם מיט זײַנע שטײַפֿע קורץ־זיכטיקע אויגן.

הינטערן פּלויט, וואָס איז אַרומגענומען פֿון די רויטאַרמייער, שטייען צוזאַמענגעדרענגט די אַרבעטער פֿון די באַטאָגיקע טורנעס. אַ סך זײַנען

געקומען אַהער צו לויפֿן אַף דער ערשטער אַלאַרעם־פּייַפֿערייַ און האָבן שוין איבערגעלייטן דעם ערשטן אָנפֿאַל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און צאָרן. אַנדערע סאַפּען נאָך פֿון לויפֿן און פֿרעגן און שטויס זיך אַף פֿאָרויס:

— וואָס? וואָס?

צווישן אויִלעם רעדט מען שטיל:

— **די ראַמפּע זאָל כאַטש...**

עמעצער קרעכצט אויס:

— און די צייכענונגען... די צייכענונגען!

מען זייעט צווישן די ציינער:

— סוואָלאָטשעס...

אײַנעם גלײַכן זײַל פֿײַער, וואָס צעשטערט פֿיבערדיק שנעל דאָס וואָס איז ערשט מיט אַ שאָ פֿריִער געווען דער שטילער אויפֿהייט פֿון די וויכטיקסטע צייכענונגען און דער צעך מיט די גײַטיקסטע מאַשינען, — אין דעם געלן שרעקלעכן פֿלאַם מערקט זיך די האַנט פֿונעם סוינע. איין שוועבעלע... איין שוועבעלע אײַנעם סוינעס הענט...

און ווײַל דאָס שוועבעלע איז אַזוי נישטיק קליין אַקעגן דעם מעכטיקן פֿײַער וואָס איז פֿון דעם אַרויסגעקומען, גראָד דערפֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי שווער באַצײַטנס צו באַמערקן, ציִען זיך אַלע מיט אומצוטרויִלעכע בליקן איינער צום צווייטן, און ווען עמעצער פֿאַררייכערט אַ צערודערטער, צעשרײַען זיך צענדליקער קוילעס:

— נישט רייכערן!

און אַ סאַך בליקן ווענדן זיך צו דער ערד, וואָס איז באַשאָטן מיט געל־געוואָרענע הובלינקעס, צו די ראַמפּע־קלעצער, צו די שניצלעך ברעט...

אַלעמען ווילט זיך עפּעס טאָן. נאָר קיינער קלאָגט זיך נישט וואָס מען לאָזט נישט גיין אָפּן זאַוואָד. מען קוקט אַף די אָנגעשטרענגטע שווײַגנדיקע זעלנער, וואָס רינגלען אַרום דעם זאַוואָד, און יעדן ווילט זיך זיי זאָגן: „קוקט שאַרפֿער! לאָזט קיינעם נישט צו!“

נאָר די רויטאַרמייער קומען אַרויס — ראָטע נאָך ראָטע — פֿון דער באַנאַכטיקער פֿינצטערניש. עס הערט זיך דער באַפֿעל:

— רויטאַרמייער. לויף, מאַרש!

און פֿאַרבײַ דעם אויִלעם לויפֿן די רויטאַרמייער מיט אַ ברייטן שפּאַן און נישט געבראָכענעם פּראָנט, אין טויער אַרײַן. אַף זייערע יונגע פּענעמער פֿלאַמט מיט אַ רויטער ברוינקייט, דער אָפּגלאַנץ פֿון דער סרייפֿע.

דאָרט, אַרום דעם ברענענדיקן צעך, גייט דער קאַמף.

די קאָמאַנדירן פֿון די צוגעקומענע ראָטעס באַקומען אין מיטן געלויף די באַפֿעלן און מיט נישט אָפּגעשטעלטן געלויף צעשטעלן זיי די מענטשן אַף דער אַרבעט.

ראַטעווען דעם צעך איז נישט מעגלעך. מען דאַרף ראַטעווען אַלדאָס איבעריקע און נישט דערלאָזן דאָס פֿײַער צו דער ראַמפּע. און אַף אַ קליינעם שעטעך פֿון דאָרט, נישט ווײַטער ווי צען מעטער, ליגן שטויסן ברעטער און קלעצער, הויפֿענען זיך שווערע קאַסטנס מיט מאָטאָרן און מאַשין־טיילן... און דער אַלטער סאַראַי קלעפּט נישט ווײַטער ווי דרײַ מעטער פֿון דער סרייפֿע. דער סאַראַי קנאַקט שוין מיט זײַנע צעטרוקנטע ברעטער, ווען צענדליקער הענט וואַרפֿן זיך אַף אים פֿון אַלע זײַטן און רײַסן אָפּ די ברעטער פֿון די אָנגעהיצטע באַלקעס, רײַסן אַראָפּ דעם דאַך, שנײַדן זיך אײַנעם נאָכגיביקן

לײַב פֿון די קלעצער. און דער סאַראַי צעפֿאַלט זיך אין געציילטע מינוטן און דעקט אָפּ די אין קופּע אַנגעוואָרפֿענע אינסטרומענטן און מאַשין־טיילן. ברעטער, קלעצער, אינסטרומענטן, טיילן — אַלץ שווימט אַוועק איבער די שטאַרקע הענט און רוקנס. אין צען מינוט אַרום איז שוין דאָרט ווו פֿריִער איז געווען דער סאַראַי, דורכגעצויגן אַ דיקע פֿײַער־קישקע און דורך דער קישקע גיט אַ שפּאַר אַפֿן פֿײַער אַ נײַער שטראָם וואַסער.

די ראָטע גייט אַף איבערטראָגן די קלעצער און די ברעטער. אויפֿגע־רעגטע פֿון דער סרייפֿע, באַגײַסטערטע מיט דעם פֿאַרלאַנג צו באַזיגן דאָס פֿײַער, האָבן זיך די רויטאַרמייער געהאַט צוגעכאַפּט צו די קלעצער, ווי עס איז, אַף שנעל, זיי אַוועקצושלעפּן וואָס ווײַטער פֿונעם פֿײַער, נאָר אַ רויִקער באַפֿעל שטעלט זיי אָפּ:

— צוריק! קאָמאַנדירן פֿון די אָפּטיילונגען, אויסשטעלן די מענטשן! אַרבעטן רויִק, אָרגאַניזירט, צונויפֿלייגן אין אָרדענונג. אָנהייבן!

און עס איז געוואָרן אָרדענונג.

די שווערע קאַסטנס מיט מאָטאָרן גיבן זיך ניט נאָך. די זעלנער שטעלן זיך אַרום אַרום די קאַסטנס פֿון אַלע זײַטן, נאָר דאָס אײַזערנע פֿעסט זיך, דוכט זיך, פֿירט צו גאָרניט. די קאַסטנס רירן זיך ניט, זיי זײַנען ווי אײַנגעוואַקסן אין דער ערד מיט די פֿולפֿודיקע מאַכינעס. „אײנס־צוויי — גענומען! אײנס־צוויי — גענומען! נאָכאַמאָל — גענומען!” די ריטמישע באַוועגונגען פֿון די מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרטאָפּלט זייערע קויכעס מיט דעם לײַדנשאַפֿטלעכן באַגער, באַווײַזן וואָס זיי קענען: די קאַסטנס צעוויגן זיך, באַוועגן זיך, לאָזן זיך שלעפּן. קימאַט ניט באַמערקט, נאָר זיי רוקן זיך. רויטע פֿונקען פֿליִען אַף די קאַסטנס, אַף די רוקנס פֿון די זעלנער, מען טרעט זיי מיט די פֿיס אין דער ערד. די פֿענעמער זײַנען אינגאַנצן נאָס פֿון שווייס.

אַף דער ראַמפּע גייט אָן איבעררײַס אַ פֿאַראַקשנטער קאַמף. יעדער מע־טער איז פֿאַרנומען פֿון אַ מענטשן. די קאָמיוגיסטן שטייען אַף זייערע ער־טער, נעמען איבער פֿון דער פֿינצטערניש די עמערס וואָס לויפֿן איבער דער קייט און גיסן זיי מעטאָדיש אויס איבער די רייכערדיקע ברעטער, אַף די ברענענדיקע זײַטן שיף און אַף זיך אַליין. נאַסע, רייכערדיקע, מיט פֿאַר־שוואַרצטע פֿענעמער און הענט אַרבעטן זיי ווי די מעכאַניזמען, אָן ווערטער, אָן איבעריקע באַוועגונגען. און בלויז די צעהיצטע אויגן דריקן אויס די אי־בערמענטשלעכע אָנשטרענגונג אינעם קאַמף.

מאַאָמי אַרבעט גלײַך מיט אַלעמען. זי הייבט ווידער אויף איר שוין־בלעך — די היץ און דער רויך עסן איר די אויגן. זי באַגיסט אונטערטעניק מיט וואַסער איר טליִענדיקן קאָמבינעזאָן און שרײַט אויס יעדן מאָל ווען דאָס וואַסער פֿאַרקלײַבט זיך צו איר פֿאַרשוויצטן און צעהיצטן לײַב.

מאַאָמי טאַפּט די ברעטער מיט דער האַנט און עס דוכט זיך ווי זי גלעט זיי און בעט זיי זיי זאָלן ניט ברענען. זי וויל פֿאַרשטעלן מיט איר לײַב די שיף, עס זאָלן זיך ניט דערהיצן און פֿון היץ ניט אויסבייגן זיך אירע זײַטן. זי האָט שוין ניט מוירע פֿאַרן פֿײַער — זי האָט פֿאַרגעסן אַז זי שרעקט זיך. און עס פֿרייט איר וואָס אַרום איר זײַנען כאַווירים, פֿרײַנט, וואָס אַלע צוזאַמען וועלן זיי ראַטעווען די שיף, דעם שוויסער־אַפּאַראַט.

און די סרייפֿע פֿאַלט. די באַמיִונגען פֿון טויזנטער מענטשן האָבן באַ־וויזן וואָס זיי קענען. דאָס פֿײַער האָט ניט ווו זיך אַהינצוטאָן. ס'האָט קיין אויסגאַנג ניט. — אַלץ וואָס קען ברענען איז אַוועקגענומען, אַוועקגעטראָגן

מיט מענטשלעכע הענט, און דאָרט ווו דאָס פֿײַער האָט ערשט געבושעוועט פֿרײַ, קרײַצן זיך איצט, ווי די שווערדן, צעגליקער אײַנבערעכנדיקע שטראָמען וואַסער, און דאָס וואַסער וואַרפֿט זיך און פֿאַלט, וואַרפֿט זיך פֿון איין זײַט אַף דער צווייטער און פֿאַלט ווידער, מיט אַ שיפּען, מיט געוויין...

די רויטאַרמייער גייען שוין אַוועק.

עס רײַבערן זיך שוין ניט די קילער ווערנדיקע ברעטער פֿון דער ראַמפּע.

עס פֿאָרן שוין אַף די לעש־אויטאָמאָבילן מיט ליידיקע ציסטערנעס.

צעפֿאַלן איז זיך דאָס קייטל קאָמיוגיסטן, וואָס האָט דערלאַנגט וואַסער. עס גיבן צום לעצטן מאָל אַ קלונג און בלײַבן שטיין אַף זייערע ערטער די עמערס. מאַמי ווישט זיך אָפּ דאָס פּאָנעם מיט אַ נאַסן טיכל און שמייכלט אַ גליקזעליקע.

— די אַרבעט דאַרף ווײַטער גיין, — זאָגט שטיל קרוגלאָוו — דעם 25טן וועט די שיף גיין...

און די קאָמיוגיסטן לאַכן דערפֿון ווי זיי זעען אויס, נאַס און צעשוי־בערט, און שטעלן זיך ווידער אַף זייערע אַרבעטס־ערטער.

אינעם פֿרײַ געוואָרענעם צימער פֿון דער קאָמענדאַנטור ברענגען די אינזשעניערן און טשעקיסטן אין אָרדענונג די צעקנייטשטע און פֿאַרשמירטע און דאָך געראַטעוועטע צייכענונגען.

סיאָמאַ אַלטשולער וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די שטיקער אָפּגעברענט העמד און גייט אַהיים מיט נאַקעטע פֿינקלדיקע אַקסלען.

באַם טויער, ווו עס גייט אַ שטרענגער קאָנטראָל פֿון די דאָקומענטן און פּאַסיר־שײַנען, קומט גראַנאַטאָוו צו צו אַנדראָניקאָוון. אַנדראָניקאָוו נעמט אים אַרום באַ די אַקסלען:

דערנאָך נעמט ער אַ פּאַפּיראָס און גיט צו:

— יאָ, אַ גרויס אומגליק.

גראַנאַטאָוו קוקט אַף די אויסברענענדיקע רעשטן פֿונעם געוועזענעם צעך. זײַן פּאָנעם איז צערודערט און בלייך. די אויגן בלאַנדזשען; עס שפּיג־לען זיך אין זיי רויטע פֿײַער־אויפֿבליצן.

אַנדראָניקאָוו שטעקט אַרײַן אין מויל דעם פּאַפּיראָס, זוכט די שוועבע־לעך אין קעשענע און געפֿינט זיי ניט. ער באַטאַפּט זיך פֿון אַלע זײַטן און ווענדט זיך צו גראַנאַטאָוון:

— קען מען באַ אײַך בעטן אַ שוועבעלע?

גראַנאַטאָוו דערלאַנגט אים די שוועבעלעך מיט אײַליקער העפֿלעכקייט. אַנדראָניקאָוו רײַבט אָן דאָס שוועבעלע אַ דערפֿרייטער, פֿאַרציט עטלעכע מאָל דעם פּאַפּיראָס און גיט שפּאַסיק אַ זאָג:

— איר זײַט אַ באַוואָרנטער מענטש... איר רייכערט ניט, נאָר שווע־בעלעך האַלט איר באַ זיך.

און ער קוקט זיך שטײַף אײַן אין גראַנאַטאָוון מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן. באַ גראַנאַטאָוון גיט קרעמפּיק אַ צוק די באַק. ער ענטפֿערט מיט אַ שמייכל:

— און איך רייכער, נאָר קיין שוועבעלעך האָט איר ניט. מײַן סיס־טעם איז אַ בעסערער.

אַנדראָניקאָוו צעלאַכט זיך און פֿאַרציט דעם שמעקעדיקן רויך. ער קערט זיך אָפּ און קוקט אַף די קוילן וואָס זײַנען שוין באַצויגן מיט אַ בלויען טויטן צודעק.

— איר זאָגט וועגן סיסטעמען... — הייבט אָן אַנדראָניקאָוו.

גראַנאַטאָוו גיט אַ ציטער און דרייט אויס צו אים זײַן בלייכן פּנים.

— זײַט מוחל, איר האָט עפּעס געזאָגט?

— יאָ, איך האָב ווײַטער געצויגן אײַער געדאַנק וועגן סיסטעמען, — זאָגט אַנדראָניקאָוו און נעמט אים אונטערן אָרעם: — מיר האָבן פֿאַרשיידענע סיסטעמען, זאָגט איר. דאָס איז ריכטיק, בײַ יעדן פֿון אונדז איז די סיסטעם פֿונאַנדערגעאַרבעט מיט אַלע פּראָטים. נאָר וועלכע פֿון זיי איז ריכטיקער, וועט באַווײַזן דאָס לעבן. ניט אַזוי?

— וועגן וואָס רעדט איר? — שרײַט אויס גראַנאַטאָוו און זײַן באַק צעטאַנצט זיך אים. ער וויל אַרויסרײַסן די האַנט, נאָר דער קלייניקער עלעגאַנטער רעוואָלווער באַרירט אים וויייך די ברוסט.

— איר דענערווירט זיך, דאָס טויג ניט, — זאָגט אים קימאַט ליבלעך אַנדראָניקאָוו און גיט אַ צייכן זײַנע מיטאַרבעטער, וואָס וואַרטן באַם טויער — איר זײַט אַרעסטירט, גראַנאַטאָוו.

אַף דער ראַמפּע, וואָס איז פֿונעם וואַסער טונקל געוואָרן, איבעם שוואַרצן שלונד פֿון דער גערעטעוועטער שיף צעדרייען זיך די שווייסער־אַפּאַראַטן. מען זעט ניט, נאָר מען שטעלט זיך פֿאָר בלויע שטערן, וואָס פֿליִען אונטן אַרום די שווײַגנדיקע, מידע, נאָר גליקלעכע מענטשן.

XV

אינעם שפּיטאָל־זאַל איז שטיל און האַלב־פֿינצטער. טאָניאַ זיצט באַם פֿאַרהאָנגענעם פֿענצטער און לייענט באַם שטראַל שײַן, וואָס פֿאַלט דורכן שפּאַלט. פֿון צײַט צו צײַט הייבט זי אויף דעם קאָפּ און הערט זיך אײַן. איר אויער כאַפּט אויף אַ ניט פֿאַרשטענדלעכן געמורמל:

— ...ווען דאָס קומט פֿריִער... מיט איין טאָג... ווען דאָס קומט פֿריִער... זי גייט צו צום בעט.

— קלאַראַ טראַכט ניט וועגן דעם... — בייגט זי זיך איבער קלאַראַס בלוילעך־גרויען פּנים — טײַערע, טראַכט ניט! ס'איז דאָך אַלץ גוט.

—...ווען מיט איין שעה פֿריִער...

שוין דרײַ וואָכן אַז עס גייט אָן אַ קאַמף פֿאַרן לעבן פֿון קלאַראַ קאַפּלאַן. פֿון כאַבאַראָווסק איז צוויי מאָל געקומען צו פֿליִען אַ פּראָפֿעסאָר. טאָניאַ וואַכט גאַנצע נעכט בײַ דער קראַנקער און געמרויט ניט די זיצערקעס. זי ווייס וואָס דאָס הייסט דער אָנדרוק פֿון דער שלאָפֿלאָזיקייט, ווען דאָס איבערגעלעבטע וואַרפֿט זיך אַף דיר אַרויף פֿון דער פֿינצטער און פֿאַרשאַרפֿט אַלע געפֿילן. זי ווייס, אַז אין אַזעלכע שעהן וועט קיין שום מעדיצינישע זאָרג ניט פֿאַרבײַטן אַ פֿרײַנטלעכן צערטל, אַז דאָ איז נייטיק אַ האַנט־דרוק, אַ ניט געאײַלט וואָרט, אַ זייער שטילן געשפּרעך.

טאָניאַ לאָזט קיינעם ניט צו צו דער קראַנקער — די דאָקטוירים האָבן פֿאַרבאָטן אַ ליאַדע אויפֿרעגונג. נאָר איינמאָל איז אין שפּיטאָל געקומען אַ שעמעוודיקער באָכער מיט אַ ווײַסן שויבער, וואָס האָט בעשום אויפֿן ניט געוואָלט אָוועקגיין. מען האָט אַרויסגערופֿן טאָניאַן. דער באָכער האָט איבערגעגעבן פֿאַר כאַווערטע קאַפּלאַן אַ זעלטן גרויסן בוקעט. טאָניאַ האָט אַרומגענומען די בלומען מיט ביידע הענט און האָט זיי קוים אײַנגעהאַלטן. דער באָכער האָט ניט געוואָלט אָנגעבן זײַן נאָמען און האָט בלויז אימפּעטיק אַ זאָג געטאָן:

— גיט איבער און מער ניט. פון וועמען איר איז אָנגענעמער, פון דעם זאָל זי טראַכטן.

נאָר קלאַראַ שטויסט זיך טייקעף אָן:

— וואַסיוטאַ ? !

איבער איר פּנים לויפט איבער אַ שמייכל. שפּעטער באַמערקט טאַניאַ אַז דער שמייכל קומט צוריק צו אירע ליפּן מיט אַ גלאַנץ פון פרייד. און דעמאָלט נעמט טאַניאַ ברעכן דעם פאַרבאָט פון די דאָקטוירים — זי לאָזט צו באַזוכער צו דער קראַנקער. פריינט קומען. אָנגעשראָקענע מיט טאַניאַס וואָרענונגען, זיצן זיי שטיל, דריקן פאַרזיכטיק קלאַראַס מאָגערע האַנט, דערציילן איר נייעס שטילערהייט (נאָר אָנגענעמע נייעס, ניט קיין אויפרעגנדיקע). קלאַראַ רעדט מיט זיי קימאַט ניט, זי ווערט שנעל מיד, זי באַגלייט זיי אַרויס מיט אַ גליקלעכן שמייכל, פון וועלכן טאַניאַן פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— גלייב מיר, טאַניאַ, — זאָגט איר איינמאָל קלאַראַ — דאָס שרעקלעכסטע אינעם לעבן איז איינזאַמקייט. ניטאָ קיין ערגערער מאַטער ווי איינזאַמקייט. איך רייד וועגן גרויסער, געזעלשאַפטלעכער איינזאַמקייט — דו פאַרשטייסט מיך ?

טאַניאַ וואַכט בײַ קלאַראַס בעט און טראַכט וועגן אירע ווערטער. און אירע אייגענע שווערע איבערלעבונגען, וואָס האָבן איר געקאָסט אַזויפיל גײַסטיקע לײַדן, דוכט זיך איצט נישטיק, פּיצינקע. זי האָט דאָך קיינמאָל ניט געוווּסט דערפון וואָס מאַכט דאָס לעבן שרעקלעכער פונעם טויט, — די אָפּגעזונדערטקייט פון דער סוויווע, וואָס איז פאַר דיר די איינציק מעגלעכע און ליבע. וועלכע אומצעשיידבאַרע ליבע, וועלכער אומגליק קען זיך גלײַכן מיט דער פּוסט־מאַכנדיקער ווירקונג פון אַזאַ אָפּזונדערונג ?

„איך וועל ערשט איצט ווערן אַ קעמפער, אַ באָלשעוויק, — טראַכט זיך טאַניאַ — אַזוי לאַנג איך האָב דאָס ניט פאַרשטאַנען, אַזוי לאַנג איך האָב געמיינט, אַז מײַן אומגליק איז געווען דער שווערסטער פון אַלע מעגלעכע אומגליקן, בין איך נאָך ניט געווען קיין ריכטיקער באָלשעוויק. סאַראַ אומענדלעכער פּראָצעס דאָס איז — די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער נעשאָמע ! . . . און איך האָב גערעכנט, אַז וואָלאָדיעס געבורט איז קימאַט אַ העלדישקייט, איך האָב געמיינט, אַז איך בין אויסגעשטאַלט אַף יעדן מין לײַדן. ווי וואָלט איך געקענט איבערטראָגן ווען דער קאָלעקטיוו וואָלט זיך פון מיר אָפּגעקערט, וואָלט מיך אַרויסגעטריבן כאָטש אַף איין וואָך ?"

ווען זי דערמאָנט זיך איר אַרויסטריט צו פּאַרטיידיקן קלאַראַ קאַפּלאַן, פאַרשטייט זי, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך געווען. גאַטאָווצעוו איז דאָך גרייט געווען אַזוי צו באַשטראָפן גרישאַ איסאַקאָוון ! מען האָט אויך זי געוואָלט אויסשליסן. זי האָט אַליין געזאָגט : „שליסט מיך אויס, וועל איך ניט גלייבן !" ווי גוט וואָס איר האָט געקלעקט אומדערשראָקנקייט אַף אַזאַ אַרויסטריט ! נאָר זי האָט זיך קיין כעשבן ניט אָפּגעגעבן וועגן דעם ווי אומדערטרעגלעך עס קען זײַן פאַראורטיילט צו זײַן פונעם קאָלעקטיוו. און ווען זי גיט זיך דעמאָלט אָפּ רעכענונג — וואָס וואָלט געווען ?. . .

„ניין, אויך דעמאָלט וואָלט איך ניט מוירע געהאַט, — טראַכט זי זיך — נאָר איך וואָלט אַרויסגעטראָטן נאָך שאַרפער, נאָך אָפענער. איך וואָלט דערציילט אַלץ : אויך דעם אונטערגעהערטן געשפּרעך אין דער נאַכט נאָך דער

דערמאָרדונג פון מאַראַזאָוון, און זײַנע מאָדנע טײַנעס, און זײַנע געדאַנקען וועגן דעם אַז גרויסע מענטשן קענען אויך אין ליבע ניט זײַן שוואַך און אומבאַהאָלפן".

זי טײַטלט זיך אַליין: „איך בין געווען לײַכטזיניק. איך האָב מיך ניט אַנטשלאָסן דעם געדאַנק צו פאַראַלגעמיינערן און אים דערפירן ביזן סאָף. איך האָב געגלייבט דער אויסערלעכקייט און האָב באַרעכטיקט דאָס וואָס האָט מיך אויפגעבראַכט, און האָט ניט געוואָלט הערן דאָס פאַלשע דערין... ווען איך אָבער גיי גלײַך, אָף דורכברעכן זיך, ניט אומגעקוקט, ווען איך הייב אויף מײַן קאָל — זעט, ווי עס זײַנען זיך סויסער צוויי געשטאַלטער, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אין איין מענטשן! — ווער ווייס, עפשער וואָלט מען זיך פונאַנדערגעקליבן אין גראַנאַטאָוון פריִער?"

עס בריט איר די דערמאָנונג, אַז זי האָט אים די האַנט אַ קוש געטאָן... נאָר ווי זאָל מען עס פאַרשטיין? ווי זאָל מען עס צונויפפאָרן? דער מענטש האָט פאַרשוועכט, מיט קויט פאַרפלעקט זײַנע אייגענע הייליקע ווונדן — אינעם נאָמען פון וואָס? וויאַזוי? פאַרוואָס?

אויך קלאַראַן בריִען די דערמאָנונגען.

— איך האָב דאָך געפילט, אַז דאָס איז אַ ווילנסלאָזער, קליינער מענטשל — זאָגט זי שטיל צו טאַניאַן, — ווען איך בין געקומען אַהער, איז ער מיר טייקעף ניט געפעלן געוואָרן. נאָר דערנאָך — אָט די הענט, די איבערגעטראָגענע לײַדן. איך האָב מיך אַזוי געשעמט ווען ווערנער האָט מיר געזאָגט... און איך האָב מיך געלאָזט גענאַרן מיט אויגנשײַנלעכער היציקייט, אָפּפערווילִיקייט, ניט באַרעכנטן ענטוזיאַזם!

זי דערציילט, און עס איז איר שווער די ווערטער אַרויסצוברענגען, די ווערטער וואָס האָבן זי געמאַטערט טאָג ווי נאַכט:

— איין מאָל בין איך צופעליק אַרײַנגעגאַנגען צו אים. אַפן טיש איז געלעגן אַ בריוו וואָס ער האָט באַקומען: „טײַערער ליאָליק..." ער האָט אים טייקעף צוגענומען... פאַרשטייסט, מיר איז טייקעף אַפן געדאַנק געקומען... ליאָליק! אַזוי האָבן זיי גערופן זייער סעקרעטאַר פונעם פאַרטיי־קאָמיטעט, זייער טראָצקיסטישן אַרויסהעלפער... ליאָליק!... איך האָב געטריבן פון זיך די דערמאָנונגען ווי אַ קלעפּיקן קאָשמאַר... אַך, פאַרוואָס? פאַרוואָס האָב איך זיי געטריבן פון זיך?!

ווי איר ווילט זיך צוריקברענגען די פאַרגאַנגענהייט!

— טראַכט זיך אײַן, טאַניאַ... ווען איך שרײַב דעמאָלט אָן צו ווערנערן — דערוויסט זיך ווער עס איז געווען סעקרעטאַר פונעם פאַרטיי־קאָמיטעט בעיס לעוויצקין... בלויז דאָס... בלויז די פאַמיליע... ווי פּאַשעט! און פאַרוואָס קומען ניט אַמאָל די פּאַשעטסטע זאַכן אַפן זינען?...

טיילמאָל שרײַט זי אויף אינמיטן דער נאַכט און פרוווט אויפשפּרינגען. אין דער פינצטער זעט זי אַ מאָדנע פינקלדיקע שײַן און אַ פיל־קווילעסדיקן גערויש, און אין מיטן שיט זיך אַ טעלעפאָנישער קלינגען.

— די ראַמפּע! — שרײַט זי.

טאַניאַ האַלט זי אײַן אין בעט און באַרויִקט זי, ווי מען באַרויִקט אַ קינד, און לייקנט איר גאָרניט: „עס ענדיקט זיך שוין, מען האָט שוין פאַרלאָשן. די ראַמפּע איז שוין אויסער סאַקאַנע, הערסט דאָך, מען פײַפט שוין ניט..."

— ווען דאָס קומט מיט איין טאָג פריִער... מיט איין טאָג... מיט איין טאָג... — כאַזערט אַלץ קלאַראַ אַן אָפּגעשוואַכטע.

— ער איז אַרעסטירט, יאָ? ער וועט ניט אַנטלויפן? מיר האָבן דאָך ניט קיין טורמע... טאַניאַ... טאַניאַ, מען מוז אים היטן, היטן!

און מיטאַמאָל צעפּעפּענען זיך איר ברייט די אויגן און זי פרעגט פאַרוווּנדערט:

— און די הענט?... ווי איז עס מעגלעך? ווי קען עס זײַן?... די שרעקלעכע שראַמען... ווי איז עס מעגלעך?

אַנדראָניקאָוו און קאָסימאָוו לעבן די טעג איבער אַ שאַרפע אויפרעגונג. זיי שטילן די אויפרעגונג מיט קאַלטער לאָגיק. ביידע פאַרשלאָסן באַ זיך אין קאַבינעט, פרווון זיי אויס, באַטראַכטן, אַנאַליזירן און קאָנטראָלירן איינער דעם אַנדערן; זיי ניצן אויס דערצו זייער גאַנצע לעבנס־פּראַקטיק, די פּסיכאָלאָגיע און טאַקטיק פון קאַמף. זיי ווערן געפירט פון געניטקייט און פאַרוויסן. נאָך לאַנגע שמועסן צווישן זיך, גייען זיי זיך פונאַנדער און אין לעבעדיקן צוזאַמענשטויס מיט מענטשן און פאַקטן, פאַרגלייכן זיי ווידער, אַנאַליזירן, דערגאַנצן, וואַרפן אום אָדער באַשטעטיקן זייערע האַשאַרעס און אָנשטויסונגען.

קאָסימאָוו פילט מיט פאַרגעניגן יענע באַזונדערע אָנגעצויגנקייט, וואָס ער פלעגט אַמאָל פילן בעת די געפערלעכע אויסשפּירונגען, ווען אַ מינדסטע אומפאָרזיכטיקייט קען אומברענגען און דער מינדסטער פאַרזען קען פאַרפירן אַף אַ פאַלשן וועג. אים איז באַקאַנט דאָס געפיל אויך פון דער יאַגד, ווען פון דעם רויטלעך־ברוינעם ווילדגראָז הייבט זיך אויף אַ בער און אַפילע געפילן און געדאַנקען נעמען זיך צוזאַמען, ציִען זיך אײַן און וואַרפן זיך אונטער איין איינציקן ווילן — באַזיגן, און יעדער ריר ווערט פּינקטלעך, קלאָר און אומפאַרפעלט.

איצט איז די אויפגאַבע אַ שווערערע, אַ וויכטיקערע. שוין ניט דאָס אייגענע לעבן, נאָר דאָס לעבן פונעם פאָלק — פונעם היימלאַנד — שטייט אין קאָן.

ער פאָרשט אויס יעדן פאָדעם, יעדן שפּור פונעם פאַרברעכן, און ווען עס געלינגט אים אָן אויפגעכאַפּטן פאָדעם פון דער לויפן דערפירן ביזן סאָף, ווען אַן אומקלאָרער שפּור ווערט קענטיקער און פירט טראַט נאָך טראַט צו דער פאַרבאָרגענער הייל, קען ער, ווי אַ יעגער, דעם אָטעם ניט אָפּכאַפּן פון ליידנשאַפטלעכער פרייד, יובלט ער און לאַכט, ווי אַ פּאַרטיזאַן נאָך אַ געלונגענעם איבערפאַל, אַליין צו זיך פון איבערגעשוימטן געפיל. דערנאָך, נעמט אַלץ ווידער פונסנײַ, ווי אַ טשעקיסט, און וואַרפט אונטער דאָס געפיל צום סייכל, פאַרגלייכט און דערגראָבט זיך ביזן סאָף, קעדיי קיין טאָעס ניט צו מאַכן, קעדיי קיין איין קלייניקייט ניט דורכצולאָזן, קיין איין מעגלעכקייט ניט צו פאַרגעסן. ער קערט זיך אום צו די אַלטע פּאָסירונגען און קערט איבער און ראַיעט איבער די נײַע און ווי אַף אַן אויפגענומענער פאָטאָגראַפיע וואָס מען לייגט אַרײַן אינעם רעוועלאַטאָר, ווערן אַלץ קענטיקער די שטריכן, דערנאָך די מענטשן און די פאַרבינדונגען, דערנאָך יעדנס דעטאַלירטע פונקציעס, אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן, פאַרטראַכט געוואָרן, און דאָס גאַנצע בילד איז קלאָר.

„דאָס איז אַ ביסל קאָמפּליצירטער פון אַ פּאַרטיזאַנישער זאַך, — טראַכט זיך קאָסימאָוו — דאָס איז ביטרער פון אַלע פריִערדיקע שלאַכטן... נאָר דער סוינע איז אַלץ דער זעלביקער. אַף וויפל ער איז געוואָרן פאַלשער און פלינקער! מיר זײַנען אָבער אויך פאַר דער צײַט קליגער געוואָרן".

זיי גייען אַלע דורך פֿאַר זײַנע אויגן. דער שטילער און בייזער נעפּעדאָוו איז זיך אײַן קיין זאַך ניט מוידע, אויב עס לייקענען אים ניט אָפּ אומבאַשטרײַטלעכע באַווײַזן. דער איז אַ ביטערער סוינע. קאַסימאָוו פּילט זיך מיט אים ווי אין אַ שלאַכט — פּאָנעם על פּאָנעם, אַ באַוואָפֿנטער ביז די ציין. אינזשעניער פּוטין, מיט רויטע פֿאַרוויינטע אויגן, האָט כאַראַטע, דרייט זיך, ליגנערט און איז גרייט אַרויסצוגעבן אַלע זײַנע מיטאַרבעטער אַבי נאָר זיך צו ראַטעווען. דער כוצפּעדיקער און פֿאַרליבטער אין זיך סליעפּצאָוו באַמיט זיך צו דערודריקן קאַסימאָוון מיט זײַן קולטור־העכערקייט; ער ניצט ווערטער וואָס קאַסימאָוו פֿאַרשטייט ניט און לאָזט זיך אַרײַן אין פֿילאָזאָפֿישע כקירעס וועגן די טרעגער פֿון דער אַלטער קולטור, צו וועלכער ער רעכנט זיך צו. „לאָזט אײַך אָפּ, — זאָגט אים קאַסימאָוו — קולטור־מענטשן האָבן געשאַפֿן די מאַשינען, און איר רײַסט זיי אויף! ניט איר דאַרפֿט ריידן פֿון קולטור". ער זעט אין סליעפּצאָוון אַן אַלטן אויסגעלערנטן סוינע. צי איז ער ניט דער זעלביקער כאָם אונטער דער גלאַנציקער אויסערלעכקייט פֿון דעם ווײַסגוואַרדייישן אָפֿיציר, וואָס די פּאַרטיזאַנער פֿלעגן נעמען געפֿאַנגען?

דער גורל פֿירט אים ווידער צונויף מיט פּאַראַמאָנאָוון. דער אַלטער באַקאַנטער, דער לאַנדסמאַן, דער לאַנגסטיקער סוינע. ווי צוויי יעגערס אָנגעשפּיצטע, אָנגעצויגענע טאַפּן זיי זיך אויס איינער דעם צווייטן מיט ווערטער און מיט בליקן. פּאַראַמאָנאָוון פֿאַרשטייט קאַסימאָוו בעסער פֿון אַלע אַנדערע. זינט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט אים אין דער טײַגע, ווען ער האָט זיך אַלס יינגל־באַטראַק צעבונטעוועט קעגן דעם כאַיעשן ווילקיר פֿון זײַן באַלעבאָס, קען ער די פּרעך־געוואָרענע מײַגע־באַלעגופֿים, די באַלעגופֿישע זינדלעך וואָס ווערן סאָכרים און אָפֿיצירן; זינט יענער צײַט ווען ער אַליין האָט געפֿירט די ליקווידאַציע פֿון די פּעט־געוואָרענע גווירים־באַלעגורים, ווייס ער ווי שטאַרק עס איז זייער האַס, — ער האָט זיי זײַן גאַנצן לעבן געשלאָגן; קעגן זיי זײַנען געגאַנגען די פּאַרטיזאַנער, אויסגעצערטע פֿון הונגער, איבער כאַיעשע סטעזשקעס און דעם אַמורער אײַז; קעגן זיי האָט געצערטלט זײַן אייניציקן קוילנוואַרפֿער זײַן פֿרײַנט סאַשקאַ; קעגן זיי האָט ער באַשאַפֿן דעם קאָלכאָז; קעגן זיי בויט ער דעם זאַוואָד; קעגן זיי וואַקסט זײַן לאַנד, זײַן יוגנט, זײַנע קינדער, — דער קאַמף גייט ווײַטער, עס בײַט זיך בלויז די פֿאָרעם. און קעגן זיי, אַז מער זאָל ניט צוריקקומען זייער בלוטיקע הערשאַפֿט, איז ער פֿון אַ פּאַרטיזאַן געוואָרן אַ בויער און אַ טשעקיסט. אַלס טשעקיסט באַגעגנט ער זיך ווידער מיט דעם סוינע פּאָנעם על פּאָנעם. נעפּעדאָוו, פּאַראַמאָנאָוו, סליעפּצאָוו, פּוטין, דער ווייַנענדיקער אַלטער מיכײַלאָוו — אַלע זעט ער זיי פֿאַר זיך אין איין איפּעשדיקער קופּע, און ווי פֿאַרשיידן עס זאָלן ניט זײַן זייערע מאָטיוון, זייערע מיטלען, זייערע מײַסים, איז דאָס אַלץ דער סוינע, דער סוינע ווי אַן איינציקער באַגריף, ווי אַ סאַקאָנע, וואָס מען מוז זי אויסראָטן.

אַנדראָניקאָוו האָט איבערגעגעבן קאַסימאָוון אַלע פּראָצעסן, אַ כוץ איינעם, דעם איקערדיקן. אַ רויקער, אַן אויפֿמערקזאַמער, פֿאַרברענגט ער שאָען־לאַנג אויג אָף אויג מיט דעם שווײַגנדיקן מיטשמועסער, וואָס וויל ניט מוידע זײַן, ניט לייקענען, וואָס וויל ניט געבן קיין דערקלערונגען. ער נעמט צונויף זײַן גאַנצע פֿיליאָריקע טשעקיסטישע פּראַקטיק צו מאַכן ריידן זײַן שווײַגנדיקן מיטשמועסער. ער איבערצײַגט אים, לאַכט אים אויס, וויקלט אויס פֿאַר אים די באַווײַזן, די דאָקומענטן. ער פֿירט אים צונויף מיט פּוטינען, מיט

נעפּעדאָון, מיט פּאַראַמאַנאָוון, מיט סליעפּצאָוון. די באַגעגעניש מיט לעוויצקין לאָזט ער איבער אַפֿן סאָף. זײַנע צודירנגלעכע אויגן כאַפּן אויף באַ גראַנאַטאָוון אַפֿן פּאָנעם פולשטענדיקע פאַרלוירנקייט ווען לעוויצקי קומט אַרײַן. לעוויצקי באַשטעטיקט זײַנע אָפּגעגעבענע דערקלערונגען. אַנדראָניקאָוו שיקט אים אַרויס. ער זעט, אַז דער קעגנער ווערט שוואַכער, גיט זיך נאָך, קען זיך מער ניט קעגנשטעלן. און דעמאָלט זאָגט ער אים מיט פאַראַכטלעך־צוגעשפּיצטע אויגן:

— אינדערעמעסן, זײַט איר דאָך אַ פּאַכדן. ניט קיין אידייע און ניט קיין שטאָלץ פאַרמאָגט איר. איר ווייסט ניט אין נאָמען פון וואָס איר האָט געשעדיקט. איר האָט מוירע צו נעמען אַף זיך די אַכראַיעס דערפאַר וואָס איר האָט געטאָן.

גראַנאַטאָוו ווערט בלייך, די באַקן נעמען באַ אים צוקן. ער פּרוּווט זיך נאָך קעגנשטעלן, נאָר דער קאַס און די פאַרצווייפלונג רײַסן זיך אַרויס מיט שנעל אַרויסגערעדטע ווערטער:

— זאָל זײַן אַזוי!... איר דאַרפט עס וויסן? יאָ, איך בין אַ סוינע! יאָ, איך האָב געשעדיקט און וועל שעדיקן!... נאָר איך בין ניט קיין פאַרברעכער. איך בין אַן אידייִשער סוינע. איך בין אַ טראָצקיסט. אַ באַוווסטזיניקער און אַן איבערצײַגטער. איך האָס אײַך, איך האָס אײַערע אידייען, אײַערע פינפיאָר־פּלענער, אײַער ענטוזיאַזם, אײַערע סטאַכאַנאָוויסטן! און זאָל זײַן איך ניט, מיך האָט מען געכאַפּט, זײַנען פאַראַן נאָך אַנדערע...

— גוט, — זאָגט אַנדראָניקאָוו — מיך פרייט וואָס איר זײַט אַן אידעיִשער מענטש. און ניט קיין פאַרקויפטער זשוליק. נאָר אײַך האָט מען געכאַפּט, אויפגעדעקט, מען וועט אײַך מישפּעטן. האָט־זשע די דרײַסטקייט צו דערציילן וועגן אײַערע איבערצײַגונגען, וועגן אײַער אַרבעט אַלס סוינע. אויב איר זײַט איבערצײַגט, וואָס־זשע האָט איר מוירע פאַרן עמעס?

נאָר גראַנאַטאָוו איז שוין אײַנגעקאָרטשעט, פאַרוועלקט. ער איז גאָרניט ענלעך אַף אַן אידעיִשן מענטשן. אַנדראָניקאָוו רוקט אים צו אַ גלאָז וואַסער.

— טרינקט אויס און לאָמיר איבערגיין צום איניען. די טעמע פון הײַנטיקן שמועס וועט זײַן: וויאַזוי, ווען, צוליב וועלכע מאָטיוון האָט איר אָנגעהויבן אײַער פײַנטלעכע אַרבעט קעגן דעם סאָוועטישן לאַנד. מיר זײַנען שוין ביידע פאַרמאַטערט, טאָ לאָמיר לאַנג ניט ציִען.

גראַנאַטאָוו דרייט זיך אומרויִק אַפֿן שטול, די באַקן שפּרינגען אים קריפּלדיק.

— איך וועל ריידן... נאָר...

— יאָ?

— ניין, אַלץ איינס... — ער האָט שוין געזאָלט צוריקכאַפּן זײַן באַשלוס צו ריידן, נאָר עס ברענט באַ אים אַ פראַגע אַף די ליפּן: — זאָגט מיר... דאָס איז פּסיכאָלאָגיש אינטערעסאַנט... ווען איך גיב אײַך ניט דאָס שוועבעלע, וואָלט איר מיך אַרעסטירט?

אַנדראָניקאָוו גיט אַ שמייכל:

— דאָס איז פּסיכאָלאָגיש אינטערעסאַנט, איר זײַט גערעכט. איך קען אײַך ענטפערן. ווען איר זאָלט ניט זײַן קיין שעדיקער און דיווערסאַנט, וואָלט איך אײַך ניט אַרעסטירט. און איצט באַמיט איך אײַך ענטפערן צום עצעם איניען.

מען האָלט שוין איצט באַם אינטערעסאַנטן אויסוויקלען די בילדער ווי

אין קינאָ, נאָר לויט אַ פּאַרקערטן סיידער. דאָס פּאַרגאַנגענע ווערט נאָענט און קלאָר. ווײַטע געשעענישן ווערן אָפּגעפרישט, עס ווערט אַפּגעדעקט זייער ריכטיקער עצעם.

— איר האָט ניט גערעכנט אַזוי שנעל דערמאָרדן מאַראַזאָוון און איר האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן מער צו פּאַרמאַסקירן דעם מאָרד, ריכטיק? אַן אומגליקלעכער צופאַל, די אַוואַריע פונעם אויטאָמאָביל, אַזוי איז עס? דער־נאָך האָט איר מיטאַמאָל אָנגעטריט פּאַראַמאַנאָוון די אַרבעט „נאָך הײַנט אָוונט פּאַרענדיקן מיט מאַראַזאָוון". איז עס ריכטיק?

— אין גאַנצן ריכטיק.

— פּאַרוואָס־זשע האָט איר אַזוי שנעל געביטן אײַער באַשלוס?

— מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז מאַראַזאָוו... איז עפּעס כּוישעד... אַז ער איז געפאַלן אַף אַ שפּור... מען האָט אים געמוזט אַפּראַמען, ער טיילט מיט עמעצן זײַן כשאַד.

— און איר האָט אויך געגעבן פּאַראַמאַנאָוון די דירעקטיווע צו דער־קלערן, אַז ער האָט געזאָלט דערהאַרגענען אויך ווערנערן און אײַך?

— יאָ! — רופט גראַנאַטאָוו אויס מיט אַ בייזן געלעכטער — יאָ, יאָ, איך האָב אים געגעבן די דירעקטיווע, אָט דאָ אין דעם קאַבינעט, אײַך אין די אויגן. איר זײַט אַזוי ליב געווען אײַנצואָרדענען דעם „אויג אַף אויג". ער האָט מיך פּאַרשטאַנען פון האַלבן וואָרט. איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר.

— דאָס וואָלט געווען זייער טשיקאַווע, ווען אײַך געלינגט מיך אָפּצו־נאַרן ביזן סאָף. נאָר די לעצטע צום לאַכן וועלן מ י ר זײַן און ניט איר.

גראַנאַטאָוו ציט אַרײַן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, ער קאַרטשעט זיך אײַן. ער גייט שנעל איבער פון קאַס־אויסבראָך צו אַ צושטאַנד פון דער־שלאָגנקייט און מוירע. ער איז נערוועיש. געווען זײַנען טעג ווען ער פלעגט זיך אײַנשליסן און שווײַגן, נאָר דערנאָך אין אַ מינוט פון אויפרעגונג אַרויס־לאָזן דאָס וואָס ער פלעגט פריער אויסבאַהאַלטן און לייקענען. אין איין זאַך נאָר איז ער געווען אויסגעהאַלטן ביזן סאָף: ער האָט געטײַנעט אַז געווירקט האָט ער אַליין, ער איז מיט קיינעם ניט געווען פּאַרבונדן און האָט פון קיינעם ניט באַקומען קיין דירעקטיוון. אַנדראַניקאָוו האָט זיך אַף דעם פונקט איבער־ריק ניט אָפּגעשטעלט. אים אינטערעסירט איצט דעריקער גראַנאַטאָווס טע־טיקייט אין דער נײַער שטאָט.

— איז די דערמאָרדונג פון מאַראַזאָוון געווען די איינציקע וואָס איר האָט פּאַרטראַכט?

— יאָ, די איינציקע.

— ווערנער האָט אײַך ניט געשטערט?

— קימאַט... ביז מאַראַזאָווס טויט, אַלנפאַלס, האָט ער ניט געשטערט. איר ווייסט, ער איז געווען ערגײַציק און הערשעריש. דורך אים איז מיר גרינג געווען דורכפירן מײַן ליניע...

— די ליניע וואָס מען האָט אײַך פּאַרגעבן דורכצופירן?

— איך האָב שוין געזאָגט, אַז קיינער האָט מיר גאָרניט אָנגעטרויט.

— גוט. זאָל זײַן אַזוי. וואָס־זשע איז עס פּאַר אַ ליניע?

— ניט באַגרינדעטע טעמפּן, פּאַרקירצן דעם רעגירונגס־טערמין קימאַט אַף העלפט, און דער רעזולטאַט — בלײַבן אָן פּראָוויאַנט, אָן רעזערוון, אָן בוי־מאַטעריאַלן, אָן קאַדרן... און נאַטירלעך, אַלס גרונט־רעזולטאַט — דורכפאַל, אַראָפּרײַסן אַפילע דער רעגירונגס טערמין.

— פאַרשטייט זיך. הייסט עס, פאַרזיכערט איר, אַז די דערמאָרדונג פון מאַרזאָן איז געווען די איינציקע וואָס איר האָט פאַרטראַכט?

— יאָ.

— צי דען אָבער איז אײַער פּראָוואָקאַציע־אַרבעט וואָס שײַעך פּראָ־וויאַנטירונג און ווינבונגס־בוי, אײַער אַגיטאַציע „אַפילע אַף די בײַנער, נאָר מיר וועלן אויפבויען", ניט געווען אַ ברייט פאַרטראַכטע סיסטעם פאַר מאַסן־פאַרניכטונג פון די קאַדרן? איר האָט באַקומען די אויפגאַבע אָראָפּצורײַסן די בוינג דורך דער דעמאָראַליזאַציע און אַפילע פיזישער אויסראָטונג פון די קאַדרן. ריכטיק?

— איך האָב פון קיינעם ניט באַקומען קיין שום אויפגאַבן.

— נו, גוט. וועלן מיר פאַרשרײַבן, אַז איר אַליין האָט זיך פאַרגעבן אַזאַ אויפגאַבע, און דערמיט זײַט איר געקומען אַף דער בוינג. ריכטיק?

— ריכטיק, — ער שווײַגט אַ ווײַלע און גיט זיך אַ ריס פאָרויס — ניין, דאָס איז ניט ריכטיק. ס'איז ניט אינגאַנצן ריכטיק. אין מיר, זעט איר, איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף. איך האָב מיך געוואַקלט. איך האָב אָנגעהויבן צווייפלען... איך האָב מיך באַמיט דאָס שלעכטס צו פאַרמינערן. איך האָב אַליין אין געריכט אָנגעקלאָגט שעדיקער פון דעם פּראָוויאַנטירונגס־אָפּטייל.

— ווען עס האָט אײַך געדראָט אויפדעקונג, ניט אַזוי?

— ניין...

— מיר האָבן דאָך אויסגענומען ניט צו ליגנערן. ווען אײַך האָט געדראָט אויפגעדעקט ווערן און ווען די פּראָוויאַנטירונג אַפן ווינטער איז שוין געווען אָראָפּגעריסן. דרייט אײַך ניט. האָב איך עס ריכטיק פאָרמולירט?

— יאָ.

— אויב אַזוי האָט איר געהאַט די אויפגאַבע מיט פאַרברעכערישע מאַס־מיטלען צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, בײַ וועלכע עס זײַנען אומפאַרמײַד־לעך קראַנקייטן, אומקום פון די מענטשן, דעזערציע. מיט אַנדערע הייסע רע־דעס פאַר די קאָמיוניסטן, האָט איר באַוווסטזיניק און פּראָוואָקאַטיוו אויסן געווען זיי אײַנצושרעקן, אַז די ניט שטאַנדהאַפטיקע, שוואַכע מענטשן זאָלן זיך נעמען וואַקלען און דעזערטירן.

— נו, יאָ! און עפּעס האָב איך דערגרייכט!

— נאָר אָראָפּרײַסן די בוינג איז אײַך דאָך ניט געלונגען!

ער שווײַגט.

— איר ווייסט, די שיף וועט אָראָפּגעלאָזט ווערן צום טערמין. אײַער אויפגאַבע איז ניט אויסגעפילט. פאַרוואָס?

ער שווײַגט.

— פאַרוואָס־זשע ענטפערט איר ניט?

— איר ווייסט אַליין פאַרוואָס. די ניט באַוווסטזיניקע זײַנען אַנטלאָפן. נאָר די גאַנצע מאַסע האָט אָפּגעשטעלט די ווירקונג פון דער דעזערציע מיט איר אומגעוויינלעכער אַקשאָנעס.

— אָט מיט דעם ענטוזיאַזם וואָס איז אײַך אַזוי פאַרהאַסט?

— יאָ, גלייבט מיר, טיף אין האַרצן האָב איך זיי באַוווּנדערט און האָב מיך געפרייט. איך בין אַ צעריסענער אַף צווייען. איך בין דאָך נאָך אַלעמען אַ קאָמוניסט און...

— איר האָט דעם מוט מיר דאָס צו זאָגן, איצט, אָט דאָ!

טיפֿער שווײַגן.

אַנדראָניקאָווס קורצזיכטיקע אויגן זעען גוט. זײ כאַפּן אויף יעדע ענדערונג, יעדן צוק בײַ גראַנאַטאָוון אַפּן פּאָנעם. וואָס דרייט ער זיך אַזוי? צו וואָס דאָס זיפֿצן. צו וואָס די רייד וועגן צערייסנקייט, וועגן „טיף אין האַרצן”? וואָס אַזוינס וויל ער אויסבאַהאַלטן פֿאַר יעדן פּרײַז?

— ווי איר זעט, איז אײַער אויפֿגאַבע פֿאַרטראַכט געוואָרן אָנעם כעשבן פֿונעם פֿאָלק, ניט אין אַכט גענומען די מענטשן פֿון אונדזער לאַנד, און עפּשער אויך ניט אונדזער שפּראַך. אַ?

— איך ווייס ניט וועגן וועמען איר רעדט?

— איר ווייסט וועגן וועמען איך רייד.

נאָר גראַנאַטאָוו וויל ניט וויסן. מיט פֿאַרצווייפֿלטער אַקשאָנעס זוכט ער אויסצומײַדן מוידע צו זײַן אַט דאָס איקערדיקע.

די טעג גייען. דאָס פֿאַרגאַנגענע ווערט אויפֿגעפּלאָנטערט. גאָטס קנעכט דער זאָקן מיכײַלאָוו האָט פֿאַרפֿירט ניקאָלײַ פּלאַטן אין אַ זאַווערוכע און האָט אים איבערגעלאָזט אָפּן אַמורער אײַז. מיכײַלאָוו, פֿאַראַמאָנאָוו ניקאָלײַ און פֿאַראַמאָנאָוו סטיעפּאַן האָבן באַדאַרפֿט אַראָפּרײַסן דעם פֿאַרגרייט אין די דערפֿער און ישווים. פֿאָק האָט געשעדיקט די פֿיש, דער פּראָוויאַנטירונגס־אָפּטייל האָט געפּלאָנטערט און פֿאַרדרייט די באַשטעלונגען און די אַדרעסן, גראַנאַטאָוו אַליין האָט אַף זיך גענומען די דעזאָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרגרייט־אונטערנעמונגען און פֿונעם געהילך־פֿאַרגרייט.

— דער פּעריאָד איז פֿאַר מיר קלאָר. דערקלערט מיר אײַער טאַקטיק נאָכן בײַטן דעם שעף פֿון דער בוינג, דאָס הייסט, אונטער דראַטשיאָנאָוון.

— דעמאָלט האָב איך געאַרבעט אָרנטלעך. עס ביז דער סרייפּע...

— דאָס וואָרט „אָרנטלעך” פּאַסט זיך ניט אַהער. וואָס האָט אײַך געצוונגען אָפּצושטעלן אײַער שעדיקערישע פּאָליטיק?

— ס׳איז קלאָר געווען, אַז זי וועט ניט געלינגען.

— עפּשער האָט אויך געשפּילט דערבײַ אַ ראָל דאָס וואָס אַ ריי אַרויסהעלפֿער זײַנען אַרעסטירט געוואָרן?

— נו, יאָ.

— איר האָט אײַך דערשראָקן פֿאַרן דורכפֿאַל?

— יאָ, און איך האָב אָפּגעשטעלט די שעדיקונג.

— אָפּגעשטעלט?

— יאָ.

— איר זאָגט אַ ליגן!

זײ קוקן זיך אָן. גראַנאַטאָוו קוקט זיך זשעדנע אײַן אין אַנדראָניקאָווס אויגן און פּרוווט אַרויסקריגן וואָס ער ווייס. דערנאָך קערט ער זיך אָפּ און קאָרטשעט זיך אײַן. און ווידער הערט זיך אין דער שטילקייט פֿון דעם האַלבטונקעלן קאַבינעט אַנדראָניקאָווס העלער און נײַגעריקער קאָל און גראַנאַטאָווס אָפּגעריסענע ענטפֿערס.

— איר האָט ניט אָפּגעשטעלט די שעדיקונג. זײַט פּינקטלעך. גראָד דעמאָלט האָט איר אַרײַנגעצויגן אין אײַער אָרגאַניזאַציע דעם אינזשעניער פּאָרטין. אַזוי איז עס?

— איך האָב אים געכאַפּט באַם ווידערשטעלן זיך די מאָסמיטלען...

— קלאָרער. ווי־אַזוי איז דאָס געווען? געדענקט אַז איך האָב בײַ זיך פּוטינס דערקלערונגען.

— איך האָב איבּ געכאַפּט באַם קעגנשטעלן זיך קאָסטקאָס מאָסמיטלען. ער איז שטאַרק באַליידיקט געווען פון דראַטשיאַנאָוון...

— און איר האָט דעם פאַרדראָס אונטערגעוואַרעמט ווי מעגלעך?

— יאָ.

— וואָס־זשע איז געווען דערנאָך?

— קאָסטקאָ האָט זיך מיר באַקלאָגט, אַז די אַרבעט גייט שלעכט. איך האָב מיך שנעל פונאַנדערגעקליבן, אַז פּוטיק טוט באַוווסטזיניק... מיט די אויסרעכענונגען, מיטן איבערוואַרפן די בריגאַדעס, מיט דעקן די אַרבעט... איך האָב אַרויסגערופן פּוטינען, כ׳האָב אים געדראָט מיט אויפדעקן, און האָב אים פאַרגעלייגט אַרבעטן צוזאַמען.

— און ער וואָס?

— ער האָט זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט. ער האָט זיך דערשראָקן. נאָר זײַן קוק אַף זאַכן איז אַזעלכער, אַז ער האָט טייקעף מאַסקים געווען.

— אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער קוק?

— יאָ. איך האָב עס אויסגענוצט.

— און ער איז געוואָרן אַ געהאָרכיקער אויספירער פון אײַער ווילן?

— נו,יאָ. כאָטש, מיט דער צײַט האָט ער גענומען אַרויסווײַזן אייגענע איניציאַטיוו.

— ער איז צום טאָם געקומען?

— איך וואָלט געזאָגט — פאַר מוידע. ער האָט געוואָלט פאַרשנעלערן די געשעענישן.

— פאַרשטענדלעך. לאָמיר צוריקגיין צו אײַער טאַקטיק. איר האָט אײַך אַף אַ צײַט אײַנגעשטילט און גענומען ווערבירן קאַדרן אַף שפּעטער. איר האָט באַשלאָסן אַרבעטן ווי מעגלעך בעסער, צוריקשטעלן אײַער אויטאָריטעט און זיך דערשלאָגן צום סאַמע אַכראַיעסדיקן אָפּטייל — אַף דער ראַמפּע. אַזוי איז עס?

— אַזוי.

— עפּשער איז עס געווען פאַרבונדן מיט נײַע דירעקטיוון פון אײַערע אָנפירער?

— איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין אָנפירער!

— נאָר לעבעדיעוו, לאָמיר זאָגן, האָט אײַך געשריבן בריוו? גראַנאַטאָוו פאַרגלאָצט די אויגן, פאַרהאַקט זיך, ווערט רויט.

— איך האָב באַקומען איין בריוו, אַ דורכויס פּריוואַטן בריוו.

— ווו איז דער בריוו?

— איך האָב אים מיסטאָמע אָוועקגעוואָרפן. איך ווייס ניט. געהאַט האָט ער ניט מער ווי פרײַנטלעכע ווערטער.

— און דער אײַזשעניער סליעפּצאָוו, וואָס איז געפאָרן מיט אַ שליכעס קיין כאַבאַראָווסק, האָט אײַך גאָרניט געבראַכט?

אַנדראָניקאָוו זעט איצט, גראַנאַטאָוו באַהערשט זיך קוים. ווי עס צוקן באַ אים די באַקן! ווי עס לויפן באַ אים די אויגן!

— ניין, גאָרניט. מעגלעך, אַז געשעפּטלעכע פּאַפּירן...

— און אַז כ׳וועל אײַך באַווײַזן וואָס ער האָט אײַך געבראַכט מיט זיך?

אַ פּויזע. אַ טויט־שווײַגנדיקע פּויזע. ווי עס ציטערן באַ גראַנאַטאָוון די וויִעס פון די אַראָפּגעלאָזטע אויגן!

נאָר נאָך דער פּויזע הייבט גראַנאַטאָוו מיט די אַקסלען:

— אינטערעסאַנט. איך געדענק ניט ער זאָל מיר עפּעס האָבן געבראַכט, סיידן דיסקן צום פּאַטעפאָן.
— רו. רו. אַנדראַניקאָוו האַלט איצט איין די פּראַגן, וואָס איצט זיינען זיי אומנוצלעך. ער ווייס נאָך ניט... נאָר ער איז זיכער. ער פּילט. עס מאַכט ניט, מירן זיך אויך דערצו דערקלייבן!

דאָס בילד וויקלט זיך אויס ווייטער. אָנגעשטרענגטע אַרבעט פונעם אַנאַליזירנדיקן געדאַנק, אויספרעגונגען, אויג אָף אויג־שטעלונגען, ווידער אויספרעגונגען — אויג אָף אויג, אין דער שטילקייט פונעם קאַבינעט.
— איך האָט שטאַרק געשטערט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע?
— יאָ.
— און באַזונדער, דאָס צופּעסטיקן קאַפּלאַן צו דער אַרבעט אָף דער ראַמפּע?
— יאָ. און איך האָב זי אָפּגעראַמט.
— און איר האָט זי אָפּגעראַמט. האָט איר געהאַט מיט איר אויך פּער־זענלעכע כעשבוינעס?
— ניין.
— נאָר איר האָט זי קאָרטעזשירט, און קענטיק, אָן רעזולטאַטן?
— דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס האָט קיין שייכעס ניט...
— נאָר ווי מיר איז באַקאַנט האָט איר די אויפגאַבע מיט איר זיך צו־נויפצוגיין באַקומען פון לעוויצקין און לעבעדיעוון?

ער שווייגט.
— רעדט!
— יאָ, זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ זייער געפערלעכע. זי האָט זיי ביידן געקענט... זי האָט זיך געקענט דערוויסן וועגן אונדזערע פאַרבינדונ־גען. איין מאָל איז עס שיר ניט געשען...
— ווען?
— זי איז אומדערוואַרט אַריינגעקומען צו מיר, עפּעס איז געווען דרינג־לעכס אָף דער ראַמפּע. זי האָט דערזען בא מיר אָפן טיש לעבעדיעווס בריוו. צום גליק, איז איר, קענטיק, די האַנטשריפט ניט באַקאַנט געווען. נאָר די ווענדונג האָט זי געצווונגען עפּעס זיך צו דערמאָנען...
— און דעמאָלט האָט איר באַשלאָסן זי צו קאָמפּראָמעטירן מיט אַ באַ־געגעניש מיט לעוויצקין?
— דאָס איז ניט געווען באַשלאָסן. איך האָב אַפילע ניט געוואָלט... איך פאַרזיכער איך, איך האָב מיך צו איר פאַרהאַלטן גוט. איך האָב זי אַפילע, אויב איר ווילט, ליב געהאַט.
— דאָס האָט איר דערוויזן. איך וויל הערן פון איך וויאַזוי איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן די באַגעגעניש פון לעוויצקין מיט קאַפּלאַן.
— איך, זעט איר, האָב שוין אָף דער טראַסע ניט געקענט פאָרן... און איך האָב מיך געמוזט מיט אים טרעפן. לעוויצקי האָט געוווסט אַז מען וועט אים לאָזן פאָרן אין שטאָט אַריין, אין דער אַדמיניסטראַציע. איך האָב אים פאַרגעלייגט אַריינגיין צו איר אָף דער וווינונג. ער איז געווען צערו־דערט. נאָר איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן. אויב ער וועט זיך אַנטרעפן, דאַרף ער מאַכן אַזוי ווי ער וואָלט געקומען מיט איר זיך דורכריידן.
— האָט ער מאַסקים געווען?

— ער האָט זיך פֿאַר דעם געדאַנק אָנגעכאַפּט. מען דאַרף זיך אומבאַדינגט מיט איר באַגעגענען, האָט ער געזאָגט, און מאַכן אַזוי אַז איך זאָל זײַן אַן אײדעס. דאָס קען אונדז העלפֿן זי אומצובריענגען ווען דאָס וועט נייטיק זײַן.

— און עס איז גיך נייטיק געוואָרן?

— יאָ.

— מיט איר, איז אײַך שווער געווען אויספֿירן די אָנגעטרויטע זאַך?

— קיינער האָט מיר ניט אָנגעטרויט.

— מיינט איר ניט אַז עס האָט מער קיין זין ניט זיך אײַנצושפּאַרן?

— איך האָב גאָרניט וואָס צו זאָגן.

נאָר אָט איז געקומען אַ טאָג וואָס ביידע האָבן אים אָפּגעוואָרט, איינער וואָס האָט אים געזען צו דערנענטערן ווי מעגלעך, דער צווייטער האָט אים מיט אַלע קויכעס פֿון זעלבסטוועער, געוואָלט זען וואָס ווײַטער. ניט קיין טאָג, נאָר אַ לויטערער פֿרימאָרגן, ווען די שײַן פֿאַלט גלײַך אין פּאָנעם און ווײַזט יעדן קנייטשעלע, יעדן ריר פֿון די מוסקולן.

אַנדראָניקאָווס קאָל איז באַזונדער נײַגעריק און רויִק.

— איר האָט, דוכט מיר, שטאַרק ליב מוזיק?

די שײַן שלאָגט גראַנאַטאָוון אין פּאָנעם. ער קען ניט אויסבאַהאַלטן דעם שרעקלעכן צוקן פֿון זײַנע נערוון. און דאָס קאָל אַפֿילע איז נאַקעט, ער העלפֿט אים מער ניט זיך אײַנשליסן, ער דריקט אויס פֿולשטענדיקע פֿאַרלוירנקייט.

— איך פֿאַרשטיי ניט... וואָס קער זיך אַהער אַן מוזיק?... יאָ, כ'האָב ליב... — ער פּרוווט אַפֿילע אַ שמייכל טאָן.

— און דער פּאַטעפֿאָן האָט געשפּילט אין אײַער לעבן אַ גרויסע ראָל?

— אַ ראָל? ניין... אַזוי זיך, פֿון לאַנגווײַל... אין די אָוונטן...

— אַלנפֿאַלס, אַ צווייענדיקע ראָל, ניט אַזוי?

גראַנאַטאָוו שווײַגט מען הערט אים אָטעמען.

— דאַרף איך אײַך דערמאָנען וועגן דעם וואָס איר היט אײנעם אונטערשלאָג פֿונעם דיסק?

גראַנאַטאָוו ענטפֿערט ניט, און אַנדראָניקאָוו אײַלט אים ניט. ער קוקט צו מיט אינטערעס אויף פֿאַראַכטונג ווי פֿון גראַנאַטאָווס פּאָנעם טרעט ביסלעכווײַז אָפּ אַלדאָס אַרויפֿגעצויגענע, אויסגעאַרבעטע. געמאַכטע און עס צעעפֿנט זיך דער סאַמע וועזן פֿון דעם מענטשן, אַ נעבעכדיקער, אַ נימעסער און פּאַכדאַנישער וועזן.

— גענוג אײַך, ערגערט אײַך ניט אַזוי, — זאָגט אַנדראָניקאָוו — מיר האָבן געהאַט גערעדט מיט אײַך, אַז איר זײַט ניט קיין פֿאַרקויפֿטער זשוליק, נאָר אַן אידעישער מענטש. און אָט קומען מיר צום אונטערצי — איר זײַט ניט קיין אידעישער מענטש, נאָר אַ פֿאַרקויפֿטער זשוליק. זײַט־זשע דאָס וואָס איר זײַט. דאָס אײנציקע וואָס אײַך בלײַבט איצט, איז געבן אָפֿענע דערקלערונגען. איר זײַט געקומען קיין כאַרבין אין אויגוסט. ווען האָט מען אײַך פֿאַרגעשלאָגן ווערן אַ יאַפּאַנישער שפּיאָן?

ער שווײַגט.

— איך ווייס דאָך אַלץ. איר זײַט געפֿאָרן קיין כאַרבין מיט אינסטרוקציעס פֿון לעבעדיעוו און מיט אַן אַדרעס פֿון אַ מענטשן, וואָס איר האָט אײַך געדאַרפֿט מיט אים פֿאַרבינדן. אַזוי איז עס?

— יי־אָ...

— נעמט אײַך אָן מיט מוט. פֿאַרהאַקט זיך ניט אַזוי. איך קען אײַך איבערלייענען די דערקלערונגען פֿון לעבעדיעוון, לעוויצקין, פֿאַראַמאָנאָוון, סליעפּצאָוון. זיי זײַנען אויסשעפּנדיקע. לייקענען איז אומנוצלעך. צו וואָס־זשע פֿאַרענדיקן די קאַריערע ווי אַזאַ פּאַכדן? ווען איר האָט אָנגעהויבן, זײַט איר געווען געוואַגטער. איר האָט ניט מוירע זיך צו לאָזן צעקאַליעטשען — אין נאָמען פֿון וואָס? — ער וואַרט אָפּ און גיט צו מיט אַ שמייכל: — עמעס, איר האָט אײַך באַמיט דערבײַ אויסצומײַדן ווייטיק!

— זײַט מיך כוישעד אין וואָס איר ווילט, — שרײַט ער היסטעריש — נאָר נעמט ניט באַ מיר אַוועק דאָס וואָס איך האָב אויסגעליטן! איר קענט מיך טײַטלען דערין וואָס איך האָב ניט אויסגעהאַלטן די פּײַניקונג ביזן סאָף... אויב איר דענקט אַזוי. איר קענט מיך טײַטלען פֿאַר אַלדאָס ווײַ־טערדיקע... נאָר אָט דאָס?...

ער הייבט אויף זײַנע צעקאַליעטשעטע הענט. אָנשטאָט נעגל טונקלען זיך רויטע פֿאַרבאַקטע בערגעלעך. איבער דער ווײַסער הויט שלענגלען זיך שראַמען.

— אַ ריינע אַרבעט, — איז מאַסקים אַנדראָניקאָוו — אונטער יואָסערן נאַרקאָז האָט מען דאָס אײַך געמאַכט — אונטער אַן אַלגעמיינעם אָדער אַ לאָקאַלן?

גראַנאַטאָוו בײַסט זיך די ליפּן, די אויגן לויפֿן אים אום, ער פּרוווט זיי צודעקן מיט די אויגן־לעדלעך, נאָר די לעדלעך שפּרינגען, די שײַן שלאָגט אים אין פּאָנעם.

— עפּשער ווילט איר איך זאָל אײַך איבערלייענען די אָפּגעגעבענע דערקלערונגען פֿון אײַער אַלטן אָנפֿירער וואַדים לעבעדיעוו? אָדער אַרויס־רופֿן אַהער אײַער פֿרײַנט לעוויצקי, ער זאָל אײַך דערמאָנען אײַער אייגענע דערציילונג וועגן דער גלענצנדיקער כירורגישער אַרבעט פֿון די כאַרבינער טוירמע־מײַסטער? איר קענט, אויב איר ווילט, ניט ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע וועגן דעם נאַרקאָז. איך ווייס שוין, אַז דאָס איז געווען אַ לאָקאַלער.

— גוט, — זאָגט גראַנאַטאָוו און באַנעצט מיט דער צונג די צעביסענע און צעשפּאַלטענע ליפּן — גוט. וועל איך אַלץ דערציילן.

אינעם זעלביקן טאָג האָט זיך אינעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט ערשט געהאַט פֿאַרענדיקט אַ שטורמישע זיצונג פֿונעם פּלענום.

ווען סיאָמאַ אַלטשולער האָט זיך, אַ צערודערטער און אַ רויטער. אַרײַנ־געריסן אינעם קאַבינעט פֿונעם סעקרעטאַר, האָט גאָטאָווצעוו ערשט געהאַט איבערגעגעבן די איניאָנים דעם נײַעם סעקרעטאַר, אַנדריי קרוגלאָוו.

סיאָמאַ בלײַבט שטיין באַ דער שוועל. קרוגלאָוו זעט אים אויס עלטער ווי נעכטן, ווי הײַנט אינדערפֿרי. ער זעט אויס אַ דורכויס רײַפֿער מענטש. אין די אויגן נאָר לויפֿט דורך אַ יוגנטלעך געוואַגט פֿײַערל, ווען ער דערזעט פֿאַר זיך דעם צעשויבערטן און צערודערטן גוטן ברודער.

— וואָס איז, סיאָמאַ?

סיאָמאַ קומט צו צום טיש און, אָן אַ באַגריסונג, גיט ער זיך אַ קאַטע־גאָרישן זעץ אַרײַן אינעם פּאָטעל.

— איך בין, פֿאַרשטייט זיך, נאָך אַ קאַנדידאַט, — נעמט ער שנעל און היציק ריידן — נאָר איך בין, פֿונדעסטוועגן, אַ באָלשעוויק! און זאָגט מיר, איר פֿאַרטיי־פֿירער, צי דען פֿאַרשטייט איר ניט אַליין, אַז ווען אַ מענטש

ליגט קראַנק און עס יוערט אים שיר ניט דאָס האַרץ צעריסן, מאָר מען קיין איין מינוט ניט וואַרטן מיט דעם פּאַרטיי־בילעט ? איך גיי צו איר יעדן טאָג, און איך זע ווי זי שמייכלט צו יעדן גוטן שמייכל, נאָר איך טראַכט מיר — וואָס נאָך פעלט איר ? פאַרוואָס קלאַפּט ניט איר האַרץ גלײַך ? פאַר־וואָס איז נאָך אין אירע אויגן קיין רו ניטאָ ? און איך שפּרינג אויף און איך פרעג טאַניאַן, און טאַניאַ זאָגט מיר — אַט דערין גייט דאָך עס, וואָס ניט ! איך בין אַהער געלאָפן ווי אַ מעשוגענער און האָב אײַך געוואָלט שלאָגן. ענטפערט מיר, איר פּאַרטיי־פירער : געפיל צו אַ כאַווער — איז דען ניט אַרײַנגעשריבן ווי אַ געזעץ אין דער פּאַרטיי־פּראָגראַם ?

קרוגלאָוו דרייט זיך אום צו קאָטאָווצעוון :

— מען האָט איר נאָך ביז איצט ניט אומגעקערט דעם בילעט ?

— זי איז דאָך אין שפּיטאָל. איך האָב געוואָרט זי זאָל אַרויסקומען.

סיאָמאַ הייבט זיך אויף, גיט אַ מאַך מיט די הענט, ווי אַף צו האַלטן אַ לאַנגע רעדע. נאָר קיין לאַנגע רעדע איז ניט אַרויסגעקומען.

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען האָט אײַך אַראָפּגענומען ! — זאָגט ער מיט האַרץ און לויפט אַרויס פונעם צימער.

קלאַראַ קאַפּלאַן ליגט באַם פענצטער, ווען עס קומט צו איר קרוגלאָוו. אַפן העלן הינטערגרונט פונעם פענצטער, הויך אַף קישנס, טיילט זיך אויס אומבאַוועגלעך איר שאַרף געוואָרענער פּראָפיל. זי דרייט זיך אויס אַפן קלאַנג פון די טריט ; איר פּאָנעם ווערט באַלויכטן. אַן אומדרײַסטע דערוואַר־טונג איז איבער דעם דורכגעלאָפן און האָט זיך אויסגעלאָשן.

— נו, וואָס מאַכסטו, קלאַראַ, גוט ?

— יאָ, קימאַט אינגאַנצן גוט.

זי קערט זיך גלײַכגילטיק אַוועק.

— עס וועט דיר ניט שאַטן זיך צו פרייען, קלאַראַ ?

זי רירט זיך קימאַט ניט, נאָר אַנדריי האָט דעם אײַנדרוק, ווי זי וואָלט זיך אַ וואָרף געטאָן.

— פרייען זיך ? ! אַנדריי ! אויב מען האָט דיר אײַנגערעדט, אַז פרייד איז שעדלעך, גלייב ניט. מיט פרייד קען מען היילן, ווי מיט אַ רעפּוע.

— איך האָב דיר געבראַכט דײַן פּאַרטיי־בילעט.

זי הייבט זיך אונטער און שטרעקט אויס די האַנט. די פינגער כאַפּן אָן דאָס קלייניע רויטע ביכעלע. זי צעעפנט עס, קעדיי מיט טאַט צו לעשן דעם אומרו. יאָ, ס'איז איר נומער, איר פאַמיליע, איר פאָטאָגראַפיע... זי פאַר־מאַכט דאָס ביכעלע, נאָר זי קען עס ניט באַהאַלטן און ווידער טאַפּט זי עס און דרייט עס. איר גאַנץ לעבן טאַפּט זי אָן דאָ אין דעם קליינעם שטיקל רויטן קאַרטאָן.

מיטאַמאָל צעוויינט זי זיך. טרערן קײַקלען זיך איר איבער די באַקן, צום האַלדז, צו די אויערן, הענגען ווי טראָפּנס אַף די קורצע מיט דעם קישן צוגעדריקטע האָר.

— קלאַראַ, וואָס איז מיט דיר... נו, אָט זעסטו דאָך... קלאַראַ...

— אָך, גיב אַהער... גיב אַהער... הער אויף... — מורמלט זי — דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט... דאָס איז דאָך פאַר פרייד...

און זי כליפּעט און ווישט זיך די טרערן מיט דער לינקער זײַט דלאָניע, קעדיי ניט צו פאַרנעצן דעם בילעט וואָס זי האַלט פאַרדריקט אין דער האַנט.

ווי טראַגיש און שווער די געשעענישן זאָלן ניט זײַן, ווי דערשיטערט זיי זאָלן ניט האָבן אין דער ערשטער צײַט, ווי גרויס עס זאָל ניט זײַן דער שאָדן וואָס זיי האָבן געבראַכט, קומט דאָס לעבן שטענדיק אַרויס מיט ניצאָכן, און דאָס וואָס איז לעבנס־פעיִק, דאָס וואָס איז היסטאָריש באַרעכטיקט און אומ־פאַרמײַדלעך, אַנטוויקלט זיך אַלץ שטאַנדהאַפּטיקער און ניצאָכנדיקער וואָס טיפער עס איז געווען די דערשיטערונג.

דאָס לאַנד, וואָס האָט געוווּסט ווי פאַרביסן עס איז דער קאַמף, וואָס האָט געפילט דאָס גליק פון דעם ניצאָכן און איז פאַרכאַפּט געווען מיט דער שעפערישער מי, האָט זיך אויך דערוווּסט די גאַנצע נידעריקייט פון דעם פאַרראַט, פון דער טרײַהייט־פעלשונג, פון וועלכע עס האָט דעם אָטעם פאַר־כאַפּט. געווען איז עס זייער אַ שווערער קלאַפּ. נאָר די אויפדעקונג פון דעם פאַרראַט איז געווען איינער פון די גרעסטע ניצחוינעס פונעם סאָציאַליזם. דער סוינע איז אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פון זײַנע פּאָזיציעס, אַנטוואָפנט און דערדריקט, אויפגעדעקט אין זײַן פולער כאַיעשער גרויזאַמקייט, נידעריקייט און נישטיקייט.

די לופט אינעם לאַנד איז ריינער געוואָרן.

דאָס פאָלק האָט זיך דערפילט נאָך דײַפער, נאָך אייניקער און פײַנער. אין יעדן מענטשן האָט זיך דערוועקט אַ צוגאָב־ענערגיע, אַן אומגעצוימטע און ווירקנדיקע געפיל פון געזעלשאַפטלעכקייט. און דאָס לעבן איז געגאַנגען פאָרויס ; עס האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ פאַראַקשנטער און אומגעבראָכענער, וואָרעם שטאַרק אויסגעוואַקסן און קלוגער געוואָרן זײַנען די מענטשן וואָס באַוועגן עס, וואָרעם רײַכער און מעכטיקער איז געוואָרן די קאָלעקטיווע דערפאַרונג פונעם פאָלק.

אַנדריי קרוגלאָוו שטייט אינעם סאַמע צענטער פונעם לעבן וואָס וויקלט זיך אויס אין דער נײַער שטאָט. ס'איז אים שווער, ער איז נאָך יונג, ניט געניט, די קונסט פון אָנפירונג מוז מען באַקומען בעייס דער אָנפירונג. דאָס געפיל פון אַכראַיעס לאָזט ניט שלאָפן דורך די נעכט, ער האָט מוירע עפּעס צו פאַרגעסן, עפּעס צו פאַרזען, ניט צו טאָן עפּעס וויכטיקס. אומרו, דײַגעס, שווועריקייטן זײַנען פאַראַן אַ סאַך, נאָר אויך פרייד איז פאַראַן מער ווי ווען עס איז, און די פרייד שטעלן צו די מענטשן, די זאַכן, די אַנטוויקלונג פונעם לעבן.

די שיפבויער גרייטן זיך צום אַראָפּלאָזן די נײַע שיף.

אַ מעכטיקער הייבער הייבט אַרויף די געגאָסענע זײַלן פון די נײַע עלינגס . . .

קלאַראַ קאַפּלאַן פּראָיעקטירט די ערשטע קוואַרטאַלן שטיינערנע הײַזער.

דער שטאָטישער סאָוויעט טרעט צו אײַנצוואָרדענען דעם שטראַנד, דעם זעלביקן שטראַנד, וועגן וועלכן מען האָט געטרוימט בא די ערשטע קאָמיוגי־שע שײַטערס.

געקומען איז אַ גרופּע אינזשעניערן פּראָיעקטירן אַ דרײַ־קילאָמעטערדיקע בריק איבערן אַמור.

געעפנט האָט זיך אַן אָפּרו־הויז פאַר די בויער.

אַפן סטאַדיאָן איז פאָרגעקומען דער ערשטער פוטבאָל־מאַטש.

צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט הייבט זיך אַ נײַער זאַוואָד —

אַ מעטאַלורגישער. אים אויסצובויען זײַנען זיך צונויפגעפאָרן טויזנטער קאָמ־
יוגיסטן, און זיי האַלטן שוין די שטאָט פאַר אַן אַלטער, און זייער דערפל
פאַר אַ נײַעם, און די ערשטע יונגע בויער פון דער שטאָט רופט מען ניט
אַנדערש ווי די אַלטע קאָמיוגיסטן.

די דעמאָביליזירטע זעלנער פון דער רויטער אַרמיי קומען אין דער פאַר־
וואַלטונג, אינעם שטאָטישן קאָמיטעט און דערקלערן: „איך וויל בלײַבן
בויען די שטאָט! נעמט מיך אָן אַף דער אַרבעט”.

די אײַזנבאַן פירט צו פולע צוגן נײַע אײַנוווינער. די נײַ־צוגעקומענע
דערמאָנען שוין ניט מיט זיך די ערשטע יונגע „קאָלומבער” — זיי פאָרן
סאָליד, מיט באַגאַזש, מיט דעם באַלעבאַטישקייט, מיט דעם קליינוואַרג. די
נײַע שטאָט ווערט אַ שטאָט — זי ווערט סאָליד, שטאַנדהאַפטיק, זי באַקומט
אירע געוווינהייטן, זי האָט שוין איר געשיכטע און רעגט אָן מיט אירע
פערספעקטיוון.

אינעם צענטער פון אַנדריי קרוגלאָווס אויפמערקזאַמקייט זײַנען די
מענטשן. ער ווייס, אַז די שעדיקערישע מײַסים פונעם סוינע קען מען פאַראַ־
ליזירן נאָר מיט מאַסן־אָנשטרענג און מיט שנעל אַרויסגערוקטע נײַע קאַדרען.
„מענטשן זײַנען טײַערער פון גאָלד”, ער דערקענט איצט די גאַנצע טיפקייט
פון די ווערטער. און ער דערציט די מענטשן, רוקט זיי אַרויס, באַגעגנט די
נײַ־אָנגעקומענע, מאַכט פאַר זיי אָרט, טראַכט וועגן זייער צוקונפט. מען
מוז שאַפן נײַע קראַמען, קינדער־היימען, בויען קינאָ־טעאַטערס, שולן און
קלובן, עפענען מיטלשולן. ער האָט אויסגעפויעלט אַן אָוונט־טעכניקום פאַר
שיפבוי און ער פאַרפעלט ניט אַ טאָג בײַ דער ביוונג פון דעם ביניען פאַרן
צוקונפטיקן אינסטיטוט.

ער זאָרגט אויך דערפאַר די גאַנצע מאַסע בויער זאָל קענען די העל־
דישע געשיכטע פון דער שטאָט.

ווען ער גייטיקט זיך אין אַ טוער אַף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אָפטייל,
ווענדט ער זיך פאַר אַלעמען צו די וואָס האָבן אינאיינעם מיט אים איבער־
געלעבט אַלע שוועריקייטן פון די ערשטע יאָרן בויונג. זיי וועלן ניט געניאַרן!
זיי ווייסן ווי מען דאַרף אַרבעטן!

ער האָט אַף גראַנאַטאָווס אָרט אַרויסגערוקט דעם מײַסטער־באָלשעוויק
איוואַן גאַווריליאָוויטש און אַלס פאַרטרעטער אים צוגעשטעלט סיאָמאַ אַלט־
שולער. ער האָט ניט מורע צו רעקאָמענדירן דעם אינזשעניער קאָסטקאָ ווי
שעף פון דער דאָקן־בויונג און ווי אַ געהילף — פעטיאַ גאָלובענקאָ.

— אוך! — שרײַט אויס פעטיאַ ווען ער דערוויסט זיך וועגן זײַן
באַשטימונג — האָסט גאָרניט מורע, אַנדריושאַ, וואָס איך זע אויס צו יונג?

אַנדריי לאַכט.

— אַרבעט, פעטיאַ, וועלן זיך אַלע אַרומזען, אַז אויסערלעכקייט געניאַרט.

פעטיאַ שטעלט זיך צו דער אַרבעט. טרעפט אַז ער פאַלט ייִנגלש דורך.
מען מוז אים פאַרריכטן, לערנען, נאָר אַלע פאַדערונגען פון די סטאַכאַנאָ־
וויסטן ווערן אויסגעפילט שנעל, אָן טײַנעס. פעטיאַ קעמפט קעגן לאַנגזאַמ־
קייט און רוטין.

אַנדריי וויל רעקאָמענדירן יעפיפאַנאָוון פאַר פאָרזיצער פונעם שטאָ־
טישן סאָוויעט, נאָר יעפיפאַנאָוו פראָטעסטירט.

— די זאַך איז אָט וואָס, — קוקט ער אָן אַ זײַט — פאָרזיצער, פאַר־
שטייט זיך, איז זייער אַ כאַשעווער אַמט... נאָר מיר האָבן אַ באַשלוס,

איך מיט לידינקאָן... שטער אונדז ניט, קרוגלאָוו!... איך ווייס, דו וועסט זאָגן — ראָמאַנטיק און אַזוי ווײַטער... נאָר באַ אונדז וועט דאָס גאַנצע לעבן אײַנפּאַלן.

— וואָס איז עס פאַר אַ באַשלוס?

— מיר ווילן נאָך בויען, — זאָגט לידינקאָ — און פון סאַמע אָנהייב.

— אָוועקפאָרן ווילט איר, צי וואָס?

— יאָ!

— ווּהין?

— אָט דאָ הינטער דער דערבײַיִקער סאָפּקע, — זאָגט יעפּיפאַנאָוו — אַ הידראָסטאַנציע וועט זיך בויען? איז אָט ווילן מיר זי אויסבויען.

יעפּיפאַנאָוו מוז מען אָפּלאָזן, — אַגעוו דאַרף מען אויך אַף דער הידראָ סטאַנציע ריכטיקע אַרבעטער.

אַלס גוטער פאַרזיצער ווײַזט זיך אַרויס וואָלקאָ בעססאָנאָוו. ער האָט אַ שאַרפן קוק פון אַ בויער און אַ פאַראַכטונג צו ביוראָקראַטן.

ער האָט באַקומען אַ בעקאָוועדיקן שטעל און אַ נײַעם באַלעבאַטישן טאָן אין דער שטימע — און ער איז שוין ניט מער וואָלקאָ, נאָר וואַלענטין איוואַנאָוויטש, באַלעבאָס פון דער שטאָט. זײַן טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן דערפון וואָס ער האָט פאַרפירט אַ היפּשע דיסקוסיע מיט דראַטשיאַנאָוו און האָט אים געצוווּנגען גרינטלעך צו רעמאָנטירן אַלע וועגן. דאָס מיטל וואָס ער האָט אָנגענומען אַף צו איבערצײַגן דראַטשיאַנאָוון, איז געווען אַ גאַנץ פּאַשעטער. ער האָט געשלאָסן דעם דורכפאָר איבער אַלע קאַליע וועגן.

— דו האָסט דאָך מיך אָן אַ מעסער געקוילעט! — שרײַט דראַטשיאַ־נאָוו, וואָס האָט קיין מעגלעכקייט ניט צוצופירן מאַטעריאַלן אַף די בוי־אָפּ־טיילן — די לאַסט־אויטאָס שטייען דאָך באַ מיר!

— דו באַנוץ זיי אַף צופירן שטיינבראָך און אין צוויי טעג רעמאָנטיר אַלע וועגן, — שרעקט זיך ניט אָפּ וואָלקאָ און גיט נאָך צו: — און נאָך מיט קיראָוון געאַרבעט... ער וואָלט דיר געוויזן ווי די וועגן צו קאַליעטשען!

אַנדריי באַשליסט אַרויסצורוקן קאַטיאַ סטאַוּוראָווּאַ אַלס פאַרוואַלטערן מיט דעם שטאָטישן האַנדל. ער גייט אַרײַן צו איר אין טעכניקום. אָן אויסער־געוויינלעך שטאָלצע, וואָרפט זיך קאַטיאַ קרוגלאָוון אַפן האַלדז.

— גיב נאָר אַ קוק אַף מיר, טײַערער, מיט וואָס בין איך ניט קיין סטו־דענטקע? מיינסטו ניט אַז פון מיר וועט אַרויסקומען אַ גאַנץ רעפּרעזענטאַ־טיווער אינזשעניער?

— אויב מען דאַרף, דאַרף מען, — ענטפערט קאַטיאַ — נאָר כ'האָב מוירע אַהין צו גיין. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך קען מיט ביוראָקראַטן קיין האַלבע שאָ ניט זיצן אין איין צימער. ערן־וואָרט!

— אַף וואָס־זשע ביסטו געשטעלט?

— רעכנסט, איך וועל זיי צעטרײַבן?

— אַ פאַקט, אַז דו וועסט זיי צעטרײַבן.

— איכל זיי מיט אָן עמעסן, צעטרײַבן, — איז מאַסקים קאַטיאַ — נאָר איידער איך צעטרײַב זיי, האָב איך מוירע.

אַנדריי גיט איר אָנצוהערן, אַז לערנען און אין דער זעלביקער צײַט טאָן די נײַע אַרבעט, וועט איר זײַן שווערלעך.

— דאָס ניט, — שרײַט קאַטיאַ — איך האָב צוריק מיט פינף יאָר

באַשלאָסן צו זײַן אַ שיפּבויער — און איך װעל זײַן. און אַז ס'איז שװער — האָבן מיר דען אַמאָל מוירע געהאַט פֿאַר שװעריקײטן ?

און זי האָט ניט מוירע.

אַנדריי קוקט זיך צו װי זיי אַרבעטן אַלע — די אַלטע פּרײַנט, די כאַװײרים פֿון די העלדישע יאָרן. סאַראַ שטאַרקער בונד זיי פּאַראייניקט אייינעם מיט דעם צװייטן און זיי אַלעמען מיט דער נײַער שטאָט ! זיי טראַכטן, באַטירלעך, אַמאָל, אַז פֿאַראַן זײַנען אין לאַנד ערטער, װוּ דער קלימאַט איז מילדער און דאָס לעבן קולטורעלער, און די אַרבעט גרינגער, נאָר קיין איינער ניט פֿון זיי װעט פֿון דאַנען אַװעקפֿאָרן, דערמיט איז מען באַװאָרנט. אַנדריי דערמאָנט זיך דעם ערשטן שמועס מיט מאָראָזאָװן אין כאַבאַראָװסק. אַלטער פּרײַנט, ערשטער לערער, דײַן אָנגעטרויטע אויפֿגאַבע איז אויסגעפֿירט ! די מענטשן האָבן זיך אײַנגעלעבט, ליב באַקומען, געװאָרן פּאַטריאָטן פֿון זייער נײַעם קאַנט.

איינמאָל אין אַ באַנאַכט האָט זיך אַפֿן שפּיטאָל־הויף באַװיזן אַ רוישיקע גרופּע יונגעלײַט אין שינעלן, מיט די װאַליזעס אַף די אַקסלען. זיי פֿאַלן אַרײַן אינעם שטיבל װוּ עס װוינען טאָניאַ און סיאָמאַ.

— נעמט אויף געסט ! — שרײַט דער װאָס איז אַרײַן דער ערשטער — באַרג־באַטאַרייע פֿון נ־ער טייל אין פֿולן צונויפֿשטעל. מיר קומען בויען די שטאָט ביזן ניצאָכנדיקן סאָף !

— געװעטשיק ! — צעשרײַט זיך סיאָמאַ און אַזוי װי ער איז, אין די אונטערהויזן, װאַרפֿט ער זיך צו זײַן פּרײַנט.

די באָכערים פֿילן אָן די װוינונג. טאָניאַ לאַכט און װייס ניט װוּ אַהינצוטאָן אַזאַ באַנדע.

— עס מאַכט ניט. װי עס איז, אַף איין טאָג, — זאָגן די באָכערים — מאָרגן גאַנץ פֿרי גייען מיר זיך אײַנאָרדענען.

— װוּהין־זשע גייט איר זיך אײַנאָרדענען ?

— װוּ מען װעט שיקן. מירן צוגיין אין קאָמיטעט פֿונעם קאָמיוג און מיר װעלן זאָגן : אַזוי און אַזוי, נעמט אונדז אויף !

— אויב אַזוי זײַט איר שוין געקומען, — זאָגט סיאָמאַ — דאָ שטייט פֿאַר אײַך כאַװער װאַסיאַיעװאַ, קאָמיוג־סעקרעטאַר. װי אַ געניטער, רעקאָמענדיר איך אײַך — געהאָרכט איר און אַכט זי.

אינדערפֿרי גייט טאָניאַ אַרײַן צו קרוגלאָװן.

— אַנדריושאַ, העלף אַרויס. אַ גאַנצע באַרג־באַטאַרייע איז געקומען — אַן אויסגעצייכנטער אוילעם. װוּ זײַנען באַ אונדז נייטיק מענטשן ?

— דעם עמעס זאָגן, זײַנען אומעטום נייטיק.

דעם זעלביקן אָװנט האָט קרוגלאָװ מיט דעם קאָמיסאַר פֿון דעם טייל באַגעגנט אַן עשעלאָן מיט די מישפּאָכעס פֿון די רויטאַרמייער, װאָס זײַנען צוגעפֿעסטיקט צו דער בויונג.

— אַפֿן װאָקזאַל איז פֿריילעך. פֿון די װאַגאָנען קריכן אַרויס קינדער, זקיינים און זקיינעס. די זעלנער בייגן זיך אונטער די שװערע קוישן און פּעק.

— און אָט זײַנען זיי, — זאָגט דער קאָמיסאַר און פֿירט מיט זיך קרוגלאָװן צו איינעם פֿון די װאַגאָנעס — קומט װעל איך אײַך באַקענען. דאָ איז מײַן אונטערשעף.

אַ שטאַלטנע עלטערע פֿרוי, װאַרפֿט אַראָפּ אַ שװערן קלומעק און פֿאַלט צו צום זון. באַ איר זײַט דרייען זיך צװיי יונגע מיידלעך, שעמעװדיק בײַט

די פיס אַ באַלאַדענער מיט וואַליזעס פאַררוויטלטער באַכער. פונעם וואַגאָן אונטער אַ ריזיקן קויש געבויגן קריכט אַרויס אַ קליין געוויקסיקער טומל־דיקער זאָקן — ער קריכט אַרויס, בלײַבט שטיין און פאַרגעסט אַראָפּצונעמען דעם קויש פונעם אַקסל.

סערגיי גאַליצין באַפרײַט זיך פון דער מוטערס אָרעמס, ער מאַכט אַ שפּאַן פאָרויס און בלײַבט אויך שטיין. עס פאַלט אים ניט אײַן אַראָפּצונעמען דעם קויש. זיי שטייען און קוקן זיך אָן.

— זון מײַנער... מורמלט דער אַלטער און אַלע טײַטלונגען, וואָס ער האָט ניט אויפגעהערט כאַזערן אין דער איינזאַמקייט פון די שלאָפלאָזע נעכט, שפּיגלען זיך אָפּ אַ רעגע אָף דעם אַלט־געוואָרענעם פּאָנעם. נאָר ער דריקט אין זיך אונטער דאָס וואָס איצט איז עס ניט נייטיק — דו, גיב אַהער דײַן האַנט, זון, לאָמיר זיך באַגריסן! — זאָגט ער און וואַרפט פון זיך יונג אַראָפּ דעם קויש.

קרוגלאָוו און דער קאָמיסאַר קומען צו זיך באַקענען.

— אַ ווילער באַכער אײַערער, — זאָגט אַנדריי — איינער פון די בעסטע סטאַכאַנאָוויסטן. איצט וועט ער ניין אָף דער אײַזנבאַן. מיר האָפן, ער וועט דאָרטן אויך גוט זײַן. מיר האָבן נייטיק מאַשיניסטן.

— אָט דערפאַר בין איך געקומען, וואָס ס׳איז נייטיק, — באַהאַלט טי־מאָפיי איוואַנאָוויטש זײַן פרייד און רופט צו דעם פאַררוויטלטן באַכער וואָס טופּעט זיך אָף איין אָרט אָן אַ זײַט — איך רעקאָמענדיר. מײַנער אָן אויס־געלרנטער, סווירידאָוו וואַניושקאַ.

קרוגלאָוון געפעלן סווירידאָווס לויטערע קלוגע אויגן און זײַן יונג ריין פּאָנעם.

— אינאיינעם מיט גאַליצינען אָפּן לאָקאָמאָטיוו?

— ניין, איך גיי אָף דער בויונג! — פלאַמט אויף סווירידאָוו — איך בין דאָך אויך אַ בויער. איך האָב דעם טראַקטאָרן־זאַוואָד געבויט. און וועגן אײַער בויונג האָב איך פיר יאָר געטראַכט.

אַנדריי נעמט זיך אַרײַן אין געדאַנק: סווירידאָוו. מ׳עט זיך דאַרפן צוקוקן צו דעם באַכער! „פיר יאָר האָט ער געטראַכט...״ אַזעלכע מענטשן זײַנען עס דער גאָלד־פאָנד פון דער בויונג.

קרוגלאָוון רופט עמעצער באַם נאָמען. ער קוקט זיך אום און דערזעט זיך צווישן יונגע מענטשן אין שינעלן. ער קוקט זיך אײַן אין זייערע פּנים־מער און דערקענט ניט קיין איינעם פון זיי.

— איך בין, נאַטירלעך, פולער אַ ביסל, און דער מונדיר מאַכט מיך שענער, — רופט זיך אָן איינער פון די יונגעלײַט — נאָר דו, אַנדריוכאַ, וואָלסט מיך געמעגט דערקענען!

— טימקאַ! גרעבעשאָק!

— דאָס איז ער. און די אַלע באַכערים זײַנען מײַנע פרײַנט, פון איין אָפּטייל. צוזאַמען געדינט, צוזאַמען דעמאָביליזירט און, צוזאַמען געקומען אַהער. מיר האָבן ניט פאַרשפּעטיקט צום אַראָפּלאָזן די שיף?

אין איינציקע טעג אַרום איז געווען דער 25סטער סעפּטעמבער.

דער לענגלעכער און שווערער סקעלעט פון דער שיף גליטשט זיך לײַכט

און ווי אומבאַמערקט איבער די רעלסן און צעשאַרט דאָס שטילע וואַסער פון דער אָזערע. אָף דער מינוט וואַרט מען שוין פינף יאָר, ווען דער מינוט האָט מען געטרוימט באַ די ערשטע פײַערן. אַלע בויערס זײַנען דאָ פאַרזאַמלט, ווי אָף דעם "אָטעװ פונעם פאַרווירקלעכטן טרוים. און די שנעלקייט, די פלינקייט, די ניט באַמערקטקייט פונעם אַראָפּלאָזן דערשיטערט און אַנטוישט אָפילע פון אָנהייב. וואָס, דאָס איז אין גאַנצן? נאָר ווען די שיף וויגט זיך שוין אָפן וואַסער, נאָך אַ בעריישע, אַ ניט־אַרומגעאַרבעטע, נאָר דאָך די זעלביקע ווען וועלכער מען האָט געטרוימט, — טראָגט זיך דורך אַ פרייד־געשריי איבער דער טריבונע, איבער דעם צוגעדעקטן שטראַנד, איבערן ברעג אָזערע וואָס איז פאַרצאַמט מיט מענטשן. שווער צו זאָגן וואָס דאָס איז געווען, אַן „אורא" אָדער פּאַשעט אַ ניצאָכן־געשריי. מענטשן נעמען זיך אַרום, ווישן זיך די טרערן, נעמען פּלוצעם ריידן ניט פאַרשטענדלעכע פריילעכע ווערטער. אַלטע פרײַנט זאָגן זיך, אַז זיי האָבן זיך ליב ביזן קיווער און אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט שיידן, ניט צווישן זיך און ניט מיט דער שטאָט, און אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס פולע גליק פון דער מינוט, אָף וועלכער זיי האָבן געוואַרט פינף יאָר. אומבאַקאַנטע ווערן באַקאַנט און נאָענט.

קלאַראַ שטייט אָפן ברעג, באַם סאַמע וואַסער. די שיף וויגט זיך אין מיטן דער אָזערע; זיי כוואַליעס צעלויפן זיך פון איר מיט ברייטע האַלבקרײַזן. אָט האָט שוין די ערשטע כוואַליע צוגעשלאָגן צום ברעג מיט דעם גערויש פון אַ יאַם־כוואַליע, נאָך איר לויפט אָן אַ צווייטע און אינעם צוזאַמענשטויס פון די צוויי שטראָמען צעפלוידערן זיך פריילעך די שטיינדלעך.

— פינף יאָר געטרוימט, — זאָגט קלאַוואַ קיינעם ניט און אַלעמען — און אָט איז זי! אָט!

לעבן זיך דערזעט זי אַ הויכן יונגן מענטשן אין אַ לילאָוון טריקאָטאַזשנעם העמדל, אַ געשווירעצנעם מיט אַ שויבער, מיט אַ לויטערן געדויטל איבער דער גאַנצער באַק. און די אויגן זײַנע זעען איר אויס פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר — שטאַרק ליכטיקע, מיט אַ געלבלעך גרינעם געפינקל.

— איר מוזט איצט זײַן רוקיש גליקלעך? — זאָגט ער — איר זײַט דאָך פון די אַלטע קאָמיוגיסטן?

קלאַוואַ ענטפערט גערן:

— אָ, איך בין פון די סאַמע סאַמע עלטסטע! פון דער ערשטער שיף. און איר זײַט אַ נײַער?

— איר פאַרשטייט, איך האָב געבויט דעם טראַקטאָרן־זאַוואָד, מען האָט אים באַדאַרפט צוערשט פאַרענדיקן.

— נאָר דער טראַקטאָרן־זאַוואָד איז דאָך אויך וויכטיק!

— איך האָב שוין לאַנג געטרוימט אַהער אָנצוקומען! אָפן שיפבויערישן האָב איך פאַרשפּעטיקט, נאָר צום מעטאַלורגישן וועל איך באַווײַזן. מיך האָט אַזוי פאַרדראָסן!...

קלאַוואַ באַרויקט אים:

— עס מאַכט ניט אויס. דער מעטאַלורגישער זאַוואָד איז אויך אַ וויכטיקער. און איר וועט נאָך זען דעם ערשטן גאָס! ווער זײַט איר?

ער פאַרשטייט באַלד די פראַגע און ער ענטפערט ריכטיק:

— כ׳בין געווען אַ הייצער, אַ געהילף־מאַשיניסט, דערנאָך אַן ערד־גראַבער, אַ מולער, אַ מאָנטאַזשיסט, און איצט קאַרטשעווע איך טײַגע.

און ער פרעגט:

— און איר וועד זײַט איר?

— כ׳בין געווען אַ וועבערקע, דערנאָך געקאַרטשעוועט טײַגע, געאַרבעט אין רעסטאָראַן, האָב געבויט דעם געהילץ־זאַוואָד, בין געווען אַ קאָנטראָל־פירערן, איצט פיר איך אַן מיט אַ קינדער־קאָמבינאַט.

דער יונגערמאַן קוקט אַף קלאַוואַן מיט אַ פראַגע אינעם בליק. זי פאַר־דרויטלט זיך און זאָגט שטיל:

— וואָס האָט איר געמיינט? ניין, ניט מײַנע, דאָרט זײַנען אונדזערע... די ערשטע ...

און ווען זי באַטראַכט זיך אַז ער האָט ניט געפרעגט, ווערט זי נאָך רויטער. נאָר ער איז אַזוי דערפרייט, אַז זי האָט ניט פאַרוואָס רויט צו ווערן.

זיי גייען ביידע צוזאַמען אַוועק פונעם ברעג און באַם טויער טרעפן זיי זיך אַן מיט אַנדריי קרוגלאָוון. אַנדריי איז אַן דער קעפקע, דער ווינט קרויזט אים די האָר, זײַנע פאַרטראַכטע אויגן זײַנען הײַנט ניט פאַרטראַכט, נאָר זייער גליקלעך. קלאַוואַ דערזעט אים און אַף אַ רעגע פאַרקלעמט איר דער געוויינלעכער ווייטיק באַם האַרצן, נאָר דאָס איז דער קויעך פון דער אינער־ציע, און ניט דער קויעך פון געפיל. זי שרײַט אים צו מיט אַ שמייכל:

אַנדריושאַ, סאַראַ טאָג הײַנט!

ער קוקט אַנגעשפּיצט אַף איר באַגלייטער. אויך קלאַוואַ גיט אַ קוק אַף איר באַגלייטער — אַף זײַן געשווירענעם קאָפּ מיט דעם שויבער, אַף די פרי־שע ליפּן און ליכטיקע אויגן. ניין, עס ווילט זיך איר ניט אָפּרײַסן דעם בליק פון די ליכטיקע אויגן.

— דאָס איז אונדזער סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. אַנדריי קרוגלאָוו, — זאָגט זי צו די ליכטיקע אויגן, און קלאַנגלאַז דערציילט זי אים אַלץ, און זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ, און זאָגט צו פון הײַנטיקן טאָג אָן אַלץ אַנדערש.

— מיר זײַנען באַקאַנט, — זאָגט קרוגלאָוו — סווירידאָוו איוואַן, ריכ־טיק?

קרוגלאָוו צערעדט זיך מיט דעם יונגן באַכער.

„ווי גוט — איוואַן... — טראַכט זיך קלאַוואַ — וויאַזוי האָב איך באַלד זיך ניט אָנגעשטויסן? אַוואַדע, איז ער איוואַן, איוואַנושקאַ צאַרע־וויטש פונעם מײַסעלע, דער יינגסטער זון, דער שענסטער, דער פלינקסטער, אַלץ קען ער״.

— אין אָוונט וועט זײַן אַ באַל אַפן ספּאָרט־פעלד — זאָגט זי (איוואַ־נושקאַ פון דעם מײַסעלע איז געווען אַ טענצער און אַ פאַרווײַלער).

באַ דעם איוואַנעז וואָס שטייט פאַר איר איז דאָס פאָנעם נאַיוו, מיט אַ ביסל אַ שעלמישן קוק.

— נאָר איך ווייס דאָך ניט ווו דאָס פעלד איז, — זאָגט ער — איך וועל אַרײַנגיין אײַך נעמען און איר וועט מיך צופירן. און מיר וועלן אויס־טאַנצן אַף כידושים.

— נאָר איר ווייסט דאָך אויך ניט ווו איך ווין — ענטפער זי שעלמיש.

די צוטרוילעכקייט פון די ערשטע מינוטן איז אָפּגעטראָטן. די שפּיל איז געוואָרן פרייליך און אָנציִענדיק, און פאַראַן איז אין איר אויך אַ גליקלעכער קלאַל — דער פאַרשפּילטער איז אויך איינציַיטיק דער געווינער.

— אַײַער שטוב וועל איך שוין ווי עס איז געפינען.

— דאָס פעלד אָבער איז גרינגער צו געפינען ווי די שטוב! דאָס פעלד איז איינס, און שטיבער — אָהאָ! — אַ פולע שטאָט!

אין איר שטים קלינגט אַ שטאָלץ — וועגן דער שטאָט קען מען נאָך ניט ריידן אָן שטאָלץ, גלאַט אַזוי, ווי וועגן אַ זאַך וואָס איז פון זיך פאַרשטענדלעך. ער גיט זיך אונטער:

— און אַז איך וויל גראָד גיין מיט אַײַך? קען מען ניט?

און לויט דעם גליקלעכן קלאַל פון דער שפּיל, געווינט ער.

— אַוואַדע, קען מען — זאָגט קלאַווא.

קרוגלאָוו איז שוין לעבן זיי ניטאָ. ער איז אַוועק. ווען? נאָך באַם אָנהייב שמועס. זי האָט ניט באַמערקט. נאָר וועגן דעם איז ניט קעדײַ צו טראַכטן.

אַנדריי קרוגלאָוו בלאָנקעט אום צווישן אויפגעלעבטן אוילעם, ער שטעלט זיך אָפּ דאָ מיט דעם, דאָ מיט אַ צווייטן, ער ענטפערט אָף באַגריסונגען, טרעט אַרײַן אין געשפּרעכן. וויפל פרײַנט, וויפל אויסגעצייכנטע כאַווײרים ער זעט אַרום זיך! מיט אייניקע האָט ער טײַגע געקאָרטשעוועט, מיט אַנדערע האָט ער וואַלד געהאַקט, געאַרבעט אָפן אײַז־קאַנאַל, דיסקוטירט וועגן קאָמיוגישע איניִאָנים, געשיצט די ראַמפּע פונעם פײַער, צעפּלאָנטערט דעם סויגעס שפּיגוועבס, געטרוימט וועגן דער צוקונפט, געבויט די שיף, — כאַווײרים! פרײַנט! וואָס קען זײַן שרעקלעך און אוממעגלעך אויסצופירן ווען עס איז אַזוי אומצעברעכיק די קראַפט פון דער כאַווערשאַפט?

פאַרבײַ איז פאַר אים מאַאָמי — אין אַ זײַדן קלייד, מיט אַ מין נײַער שײַן אין די קאַסע אויגן. מיט איר גייט קילטו. ער גיט אַ רוף צו קרוגלאָוון:

— געמאַכט, יאָ?!

דאָס רעדט ער וועגן דער שיף.

דער אוילעם איז זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען און קרוגלאָוו שפּאַנט נאָך אַלץ באַם ברעג. אַ מינוט דערמאָנט ער זיך מיט טרויער אָן קלאַוואַן. נאָר דער געדאַנק לויפט אַוועק ווײַטער. ער קוקט אָף דער שיף, אַזאַ פּאַשעטע און אַזאַ שרעקלעכע. ער פילט ווי זײַן גאַנץ לעבן איז פאַרבונדן מיט דער שיף, מיט די ווײַטערדיקע שיפן. און ער פילט אין זיך אַ קויעך, אַ גרויסן רײַפן קויעך פון אַ בויער און אָרגאַניזאַטאָר. ער שטייט בעראָש פון אַ גרויסער כאַווערשאַפט. און ער וועט זי ניט לאָזן אָפּגעשוואַכט ווערן. ער וועט זי פאַרפעסטיקן אַלס באַזיס פון דער באַוועגונג — די אָפּטרעטנדיקע באַוועגונג, וואָס שאַפט דאָס לעבן.

— אַנדריי!

ס'איז קלאַראַ. אַ בלייכע און אַ גליקלעכע, זיצט זי אָף אַ סטויס ברעטער און קוקט אָף דער שיף.

— גוט?

— גוט.

ער זעצט זיך צו לעבן איר.

— אָט, זע.

זי דערלאַנגט אים אַ טעלעגראַמע. ווערנער רופט זי, ער בעט זי קומען. „טעלעגראַפירט ענטפער".

— נו...

— די טעג וועל איך פאָרן, — זאָגט זי פאַמעלעך — אין אורלויב. קען איך דען אין גאַנצן אַוועקפאָרן, ביז איך פאַרענדיק ניט בויען די שטאָט?

XVII

קיין האָריזאָנט איז ניטאָ. בערג און וואַלד פאַרקלעמען דעם וועג. סערגיי זעט נאָר די שנייִקע ענגשאַפט וואָס רינגלט אַרום דעם לאָקאָמאָטיוו, און צוויי שטאָלענע פאַסן, וואָס די רעדער הייבן אונטער. ווינטער, שניי, פראָסט, און אים שטיקט, גלײַך די ענגשאַפט און די ווײַסקייט פונעם אַרום וואָלטן אים דעם אָטעם פאַרדריקט. אַפילו ניט די שנעלע באַוועגונג העלפט אים.

דער בריוו, וועלכן ער האַלט באַהאַלטן אין קעשענע, איז אים אָנגעקומען הײַנט אינדערפרי. אַ קורץ בריוול, ניט גאָר קענעוודיק געשריבן, מיט אַ געאײַלטער האַנט אַף אַ בלעטל פון אַ שול־העפט:

— „וואָס מאַכסטו, סעריאָזשאַ? ! מיך פרייט אַזוי פאַר דיר. און מיין ניט, אַז איך האָב פון דיר ניט געטראַכט, נאָר אַף דײַן בריוו האָט מען ניט געדאַרפט ענטפערן. איך האָב געפרעגט בײַ מײַן קאָמיוגישן געוויסן און איך האָב באַשלאָסן, אַז אויב דו ביסט אַן ערלעכער קאָמיוגיסט, דאַרפסטו זיך אַליין אומקערן, און ניט צוליב מיר. און ניט אַפן סאַכאַלין, נאָר גראָד אין דער נײַער שטאָט. און איך בין אַף דיר ניט ברויגעז, נאָר איך האָב די גאַנצע צײַט געטראַכט פון דיר און האָב אַפילו געוויינט, און אַף דעם שטיין, וווּ מיר זײַנען דעמאָלט געשטאַנען, האָב איך אַ סאַך מאָל מיט דיר געשמועסט. און ווען איך האָב באַקומען דײַן צווייטן בריוו, האָב איך געטראַכט, אַז דו האָסט מיך דערהערט, דאָס הייסט, דערפילט מײַנע געדאַנקען. נאָר דאָס, נאַטירלעך, זײַנען נאַרישקייטן, און מיך פרייט שטאַרק פאַר דיר.

און איך אַרבעט ווי פריִער, נאָר איצט ווי שעף פון די קאַדרן און סעקרעטאַר פונעם קאָמיוג. אַרבעט איז פאַראַן אַ סאַך און פאַראַן דערגרייכונגען. דו וואָלסט איצט ניט דערקענט אונדזער דערפל. אַלץ האָט זיך געביטן. עס ברענט עלעקטריע, אַף דער סאָפקע, וווּ עס איז דער פאַרק פון קולטור, האָט מען אײַנגעאָרדנט אַ גוטן סטאַדיאָן און אַ קינדער־שטעטל. דער קאָמיוג איז צוויי מאָל גרעסער אויסגעוואַקסן, אַ סאַך נײַע יאַטן, אַלטע אַלץ ווייניקער, נאָר די באַזעדיקע גרופע גיט ניט איבער ביזן זיגערישן סאָף. און איך האָב אַ זון, אַ קלייניקער צאַי, ער איז פינף כאַדאָשים אַלט, און מיר לאַכן, איך און צאַי, אַז ער איז דער צוקונפטיקער פאָרזיצער פונעם סאַכאַלינער געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט. איך האָב געהאַט אַ סאַך ביטערע מינוטן, נאָר אַלץ איז געוואָרן גוט און אַלץ וועט שוין אַזוי זײַן. און דיר ווינטש איך גליק און אַ גוט ווײַב און אַ זון. סעריאָזשאַ פרײַנט, זײַ געזונט, זײַ געזונט".

וואָס קען מען דערצו זאָגן? ער האָט געטרוימט און ס'איז גאָרניט אַרויסגעקומען. זי האָט מיט אים גערעדט אַף יענעם שטיין... יאָ. און דער־

נאָך אַ קלײנינקער צאָי. „אַלץ איז געוואָרן גוט און אַלץ וועט שוין אַזוי זײַן". ווען וועסטו דאָ באַשולדיקן? דאָס לעבן האָט ניט געוואָלט וואַרטן — די צײַט וואָס ער איז געפאַלן און צום סאָף פעסט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די אייגענע פיס. ער געפינט זיך אַליין אויס, נאָר דאָס קומט אים אָן שווער. וואָס איז ער געווען? „האַלטשאַנאַק, איך בין געווען אַ שײנער, לײַכט־זיניקער באָכער, אַ פאַרגלײבטער אין זיך און אַ צעבאַלעוועטער, — אָט וואָס איך בין געווען! דאָס וואָס איך האָב געהאַט איז אַליין צו מיר געקו־מען. איך האָב ניט געוווּסט ווי טײַער עס קאָסט דאָס לעבן, דאָס וויסן, די ליבע. אײדער איך האָב עפּעס פאַרדינט, האָב איך שוין געהאַלטן פאַר נאַ־טירלעך אַלץ צו באַקומען. איך האָב געקענט נעמען און האָב ניט געוואָלט געבן. און איך האָב אַלץ פאַרלוירן... און דערנאָך האָב איך צוריקגעשטעלט, געפונען אַלץ: דעם קאָמיוג, די אַכטונג, דעם גלאָז פון אַרבעט, כאַווײרים... נאָר ניט דיך, האַלטשאַנאַק! ניט דיך..."

ער פּרוּווט זיך דערמאָנען ווי זי זעט אויס, און ער קען ניט. פאַרוואָס קען ער זיך קײנמאָל ניט דערמאָנען איר אויסזען? באַזונדער זעט ער אירע צעפלויגענע ברעמען, דעם אויסדרוק פון איר גרויסן צערטלעכן מויל, ער הערט דעם טאָן פון איר ווייכן קאָל. נאָר דאָס גאַנצע באַקומט זיך ניט. אָט זיצט ער אינעם עס־זאַל, זי איז אים מעכאַבעד מיט וואַרעניקעס. פאַרבליבן איז אים אין זיקאָרן דער גמעל אויף דער צעראַטע, די שטשערבעס אין דער שיסל, אַפילע איר כאַווערטע. און זי ניט! ס'איז אָוונט. ס'איז אַ ווינט. געזאַלצן זײַנען אירע ליפּן און אירע באַקן, פײַכט פון די וואַסער־שפּריצן. ער געדענקט אירע ליפּן, אירע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן. און דאָס פּאָנעם ניט! אין באַראַק. אַלע שטייען אויף, צעווייקטע און שטרענגע. פאַרבליבן זײַנען אים אין געדאַנק אַלע פּנעמער, ער וואָלט געקענט באַשרײַבן יעדן פּאָנעם מיט אַלע פּראָטים. און איר פּאָנעם צעשווימט זיך אין אַ ליכטיצקן פּינטל, עס בלײַבט בלויז דער אײַנדרוק פון עפּעס וואָס איז ניט צום אָנכאַפּן נאָענט, רײַנדיק, אומענדלעך ליבס.

אַ טרוים. אַ שײַן, וואָס איז פאַרבײַגעלאָפן אין דער שוואַרצקייט פון אומגליק, קעדיי די שוואַרצקייט זאָל ווערן נאָך טרויעריקער. און פאַרריכטן קען מען שוין ניט. ער האָט זיך אַרויסבאַקומען פון דער שוואַרצקייט, ער איז אַרויס צו דער שײַן. נאָר האַלטשאַנאַקן וועט ער שוין ניט צוריקקערן! און אויב עס וועט נאָכאַמאָל זײַן אַ ליבע, וועט עס שוין זײַן אַן אַנדערע. „האַלטשאַנאַק, מען מוז לעבן אָן דיר, אָן דיר..."

— דו האָסט עפּעס געזאָגט, פּאַפּאַ?

שוין לאַנג אַז דער פאָטער זאָגט עפּעס, נאָר ער האָט קיין קויעך ניט אײַנצוהערן זיך.

— איך זאָג, מאָרגן וועלן זײַן פּירעזשקעס, די מאַמע וועט אָפּבאַקן. אַ פײַערלעכער פאַל. ניט שוין־זשע וועלן מיר עס דורכלאָזן אומבאַמערקט?

טימאָפּײ איוואַנאָוויטש איז ברויגעז. דעם לעצטן מאָל זײַנען זיי איצט אָפּן לאַקאָמאָטיוו, און דער זון איז עפּעס פאַרטראַכט, הערט ניט, דרינגט ניט אַרײַן מיטן האַרצן.

— אָן ערשטער זעלבשטענדיקער רײַס — דערויף פלעגט מען צען יאָר וואַרטן. צען יאָר האָט מען געמוזט פאָר אַ געהילף פאָרן, דערנאָך ערשט אין דער האַנט אַרײַן אַ כּיבּאָר געבן, אַנדערש באַקומסטו ניט קיין לאָקאָמאָטיוו.

און איצט — זעסטו שוין, מען דאַרף עס אָפּשאַצן. די גאַנצע אויפמערקזאַמ־קייט, דעם גאַנצן פלײַס דאַרף מען צולייגן אַזאַ קאָוועד צו באַרעכטיקן.

סערגײי צעשמייכלט זיך, נעמט אַן דעם פאָטער פאַר די אַקסלען און קוקט אים אַרײַן אין די אויגן:

— דו גלייבסט מיר נאָך אַלץ ניט, פאָטער?

דער פאָטער ווערט רויט ווי מען וואָלט אים געכאַפּט בײַ עפּעס אַן אוולע. ער קערט זיך אָפּ, פאַרנעמט זיך מיט עפּעס.

— גלייבסט מיר ניט, אַלטער דו מײַנער, אַ?

— וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט? נו, גלייב איך ניט! ס'איז צו רייד געקומען, האָב איך געזאָגט. און „אַלטער" קער זיך דאָ גאַרניט אָן. וואָס פאַר אַן אַלטער בין איך? אויב אַן אַלטער, טאָ גיב מיר אייניקלעך... אויך מיר אַ בראַווער יונג!

זיי שווײַגן בײדע.

עס ווערט נאַכט. אַלץ וואָס איז ווײַס ווערט גרוי, און הינטער די ביי־מער איז שוין גאָר שוואַרץ. די פּראָזשעקטאָר־שײַנען בליצן אויף, עס צע־גלאַנצן זיך די פּאַסן רעלסן, אינעם שטראַל פליען די שנייעלעך — בײַ דער באַטאַגיקער שײַן האָט מען זיי ניט אָנגעזען, זיי פאַלן זעלטן און שטיל, ווי זיי וואָלטן זײַן שלעפעריק און אײַלן זיך ניט אין ערגעץ.

— איך פלעג אַלץ טראַכטן — כ'וועל אַריבערפאָרן אַף נײַע ערטער, וועט אַלץ זײַן אַנדערש, — צערעדט זיך טימאָפיי איוואַנאָוויטש — די מענטשן, די וועגן, די אַרדענונג, די נאַטור, פאַרשטייט זיך, אַן אַנדערע. און דער געדאַנק אַלץ דער זעלבער. אָפּגעוועזן בין איך פיר כאַדאָשים, און גלײַך איך וואָלט דאָ אַ לעבן אָפּגעלעבט — אַלץ איז נאָענט. און ווידער בין איך מיט דיר, זון מײַנער, אַף איין לאָקאָמאָטיוו, גלײַך די פינף יאָר וואָלטן גאָר־ניט געווען. — אַ ניט ווילנדיקער טרויער הערט זיך אין זײַנע רייד — און ווידער געזעגענען מיר זיך. מירן איצט פאָרן איינער דעם צווייטן אַקעגן — דו פון דער שטאָט, איך אין שטאָט אַרײַן...

סערגײי פילט ניט קיין טרויער. דער פאָטער האָט אים אַרויסגעפירט פונעם טרוים צו דער וואָר, און אין דער וואָר קומט אַלץ אַרויס אויסגעצייכנט. מאָרגן וועט ער אַליין פירן דעם לאָקאָמאָטיוו. דער ערשטער זעלבשטענדיקער רײַס. דאָס רעגט און דריקט אַ ביסל.

— דער ערשטער רײַס, זון מײַנער, איז אַ גרויס געשעעניש. עס פאַר־כאַפּט מיסטאָמע באַם האַרצן, אַ?

— נו, פאַרכאַפּט עס — ענטפערט אים סערגײי ניט גערן.

— דערצו קענסטו שוין גאָרניט העלפן. אַ פליער דעם ערשטן מאָל פליען, מוז זײַן נאָך שרעקלעכער.

— מיר איז גאָרניט שרעקלעך.

— הערסט, ס'איז אים ניט שרעקלעך! די מאַמע אַפילו האָט מוירע, פון שרעק וועט בײַ איר די ראַשטשינע קאַליע ווערן. וועסט פאַררופן געסט, צי ווי?

— כ'וועל רופן.

— וועמען וועסטו רופן?

— נו, ציבולקאַן, סווירידאַוון מיט קלאַוואַן, אַנדריי קרוגלאַוון.

— ער וועט קומען ?
— כ'מיין, אַז יאָ.
ביידע שווײַגן זיי און ביידע קומען זיי אין געדאַנק, אַף פֿאַרשיידענע וועגן, צו איין באַשלוס — ער וועט קומען.
— וואָלסט פֿאַררופֿן מיידלעך אַהער. האָסט באַקאַנטע מיידלעך ?
— באַקאַנטע האָב איך, נאָר רופֿן איז ניטאָ וועמען.
— פֿאַרוואָס־זשע ? ניט געזאָרגט דערפֿאַר ?
— קיין צײַט ניטאָ — דרייט זיך סערגיי אַרויס מיט אַ טערעץ.
טימאָפֿיי איוואַנאָוויטש קײַט פֿאַרשטאַנדיק מיט די ליפּן, שפּיצט צו די אויגן און קלערט פֿאַרוואָס עפּעס האָט דער זון קיין צײַט ניט און וואָס איז דאָ צו וואַרטן.
— נו, מיילע, זון מײַנער, מיר זײַנען דאָך ביידע מאַשיניסטן, — זאָגט ער — נעם מ'יט מענטשן אַף היין און צוריק. עפּשער וועלן מיר צופֿעליק ברענגען אַזאַ מיידל, וואָס ס'זאָל פֿאַר איר אויך צײַט געפֿינען.
סערגיי קוקט אַפֿן פֿאָטער און שמייכלט. מיט אַ מין טרויעריקן קלעם באַם האַרצן, טאַפּט ער אָן דעם בריוו אין קעשענע. עס ווערט אים ענג דערפֿון, נאָר ער גיט ניט נאָך זײַן געפֿיל. מען דאַרף לעבן און קוקן פֿאָרויס.
— עפּשער וועלן מיר ברענגען — ענטפֿערט ער פֿריילעך.
— זע ! — זאָגט דער פֿאָטער און שטופּט אים אונטער צום פֿענצטער — ווי שיין דאָס איז !
די בערג צערוקן זיך. אינעם ווײַסלעכן נעפּל, פֿרײַ צעלייגט איבערן ברייטן בעקן— פֿינקלט די נײַע שטאָט מיט טויזנטער פֿײַערן ! דאָ קענסטו שוין ניט זאָגן — דערפֿל, בוינג... ניין, — אַ ריכטיקע גרויסע שטאָט ! און ווי עס איז צו זען: איז שוין דער שטאָט ענג איצט אינעם בעקן. זי האָט זיך שוין אַריבערגעוואָרפֿן אַפֿן צווייטן ברעג — זעסט דאָרטן דאָס קייטעלע לאָמטערנס לענגאויס דער שטיינהאַקערײַ און, אַ ביסל ווײַטער, די שיטערע פֿײַערלעך פֿון די אָפּרי־הײַזער. זי שטרעקט אירע קלאָמערס אין דער טײַגע אַרײַן, צו די סאָפּקעס — דאָ און דאָרט פֿינקלען צעוואָרפֿענע פֿײַערלעך אַרום די געהילך־אונטערנעמונגען, די פֿישפֿאַנג־באַזע, גרופּעס וווינונגען, און אַ קליין ביסל אָן אַ זײַט — אַ גאַנצער בינט פֿײַערן ; דאָס וואַקסט דער צווייטער זון פֿון דער נײַער שטאָט — דער מעטאַלורגישער גיגאַנט. און ערגעץ ווו נאָך ווײַטער, הינטער דער טײַגע, הינטער דער סאָפּקע, גייט אויף אַ געלער פֿלאַם. צי עפּשער דוכט זיך עס נאָר סערגייען ? ניט וויכטיק, ערגעץ ווו איז ער פֿאַראַן דער אויפֿגאַנג פֿון נײַע פֿײַערן, ערגעץ דאָרט, באַם ברעג פֿון דעם שטראָמיקן באַרג־טײַכל, צווישן מאָכיקע שטיינער און אוראַלטע סאָסנעס, רײַסט מען שוין פֿעלדזן אויף און מען רייניקט אָפּ דאָס פֿלאַץ פֿאַר אַ מעכטיקער הידראָסטאַנציע. אַהין זײַנען שוין אָוועקגעפֿאָרן דער ניט געשטילטער יעפּיפֿאַנאָוו מיט זײַן לידינקאַן. און די הידראָסטאַנציע איז אויך פֿון דײַנעטוועגן, נײַע שטאָט !
— מירן ברענגען ! — שרײַט אויס סערגיי צום פֿאָטער און גיט אַ שלונג דעם פֿראָסטיקן ווינט וואָס גייט אים אַנטקעגן, קעדיי צו פֿאַרטרײַבן די שטיקעניש אין זיך, קעדיי צו אָטעמען מיט פֿולע לונגען, ווי עס געהער צו זײַן.
— וועמען ?
דער פֿאָטער האָט שוין פֿאַרגעסן וועגן דעם מיידל. און צי דען האָט

סערגיי דערבײַ אין זינען גראָד אַ מיידל ? לעבן, דאָס גאַנצע לעבן, דאָס ניט אומברענגלעכע, דאָס פרישע, דאָס פילצוזאָגנדיקע לעבן...

— אַלץ וועלן מיר ברענגען ! — שרײַט ער אויס נאָך פריילעכער — אַלץ וועלן מיר פירן, וואָס נאָר מען וועט דאַרפן ! ריכטיק, פאָטער ?

דער פאָטער ענטפערט פאַרניפּטיק, נאָר אַ קלוג שמייכעלע באַווײַזט זיך אין זײַנע שאַרפע אויגן :

— דערויף זײַנען מיר דאָך מאַשיניסטן.

לענינגראַד — ווײַטמיזרעכדיקער קאַנט

1934—1938

Dr GALITZIA
BUENOS AIRES

פאַרלאַג „הייטלאַנד"

דערשינענע ביכער און בראָשורן

די גרויסע פאַרשווערונג — פון מייקל סעיערס און אַלבערט ע. קאַהן אויספאַרקויפט

דער צווייטער פראָנט — ד. קראַמינאָוו — — — אויספאַרקויפט

די פאַרשווערונג קעגן שאָלעם — ראַלף פאַרקער — אויספאַרקויפט

100 מיליאָן פאַר טעראָר און סאַבאָטאַזש — א. ווישינסקי — אויספאַרקויפט

די אַמעריקאַנער אין יאַפּאַן — א. קורגאַנאָוו — — — — — 10

דער געפונענער העפט פון סונטשאָן — ראָמאַן קים — — — 10

די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין פסםר — י. סטאַלין — — — 2

י. וו. סטאַלין — קורצע ביאָגראַפיע — — — — — — — — 10

גאָלד — באָרים פּאָלעוואָי — ערשטער באַנד אויספאַרקויפט

גאָלד — באָרים פּאָלעוואָי — צווייטער באַנד אויספאַרקויפט

שאָלעם און שעפע — נ. מאַלענקאָוו — — — — — — — — 10

ווײַט פון מאָסקווע — וואַסילי אַזשאַעוו (ערשטער טייל) — — 15

געבונדן 25

ווײַט פון מאָסקווע — וואַסילי אַזשאַעוו (צווייטער טייל) — — 15

געבונדן 25

ווײַט פון מאָסקווע — וואַסילי אַזשאַעוו (דריטער טייל) — — 15

געבונדן 25

אַליטעט גייט אַוועק אין די בערג — ט. סיאָמושקין — — — — 25

געבונדן 35

דער דיפּלאָמאַט — דזשיימס אָלדריטש (באַנד I) — — — — — 30

געבונדן 40

דער דיפּלאָמאַט — דזשיימס אָלדריטש (באַנד II) — — — — — 30

געבונדן 40

אין צוגרייטונג:

„האַנט־בוך פאַר פּאָליטישער עקאָנאָמיע"

Este libro se terminó de imprimir
en la Imprenta ALFA-BETA, calle
México 2230, Buenos Aires, el día
4 de Mayo de 1956.